די אינטערנאַציאָנאַלע זומער־פּראָגראַם פֿאַר ייִדיש א״נ נעמי פּראַוווער קאַדאַר

יולי 2021 פּראָפֿ׳ דוד-הירש ראָסקעס

אַוואַנסירטער סעמינאַר: **דער וועג צו זיך**

פּרקי-אָבֿות 5 :24

**אײַזיק-מאיר דיק** – איין עטוואָס פֿון מײַנע קינדהייט (1871), פּורים-שפּיגעל (1870)

**שלום-עליכם** – דאס מעסערל: אַ נאַרישע, נאָר אַ טרויעריקע געשיכטע פֿון מײַן קינדהייט (1887)

**י.ל. פּרץ** – וואָס הייסט ״נשמה״? (א יוגנט-געשיכטע) / מה היא נשמה? (1890)

**שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש** – שלמה רב חיימס: אמר מענדעלי (1891), קאַפּ׳ 5-9 (1899)

https://benyehuda.org/read/1875

**מיכה-יוסף בערדיטשעווסקי** – אַ וועלט מיט וועלטעלעך (1904)

**יחזקאל קאָטיק** – מײַנע זכרונות (1913), קאַפּ׳ 16, 24.

**שלום-עליכם** – פֿאַר וואָס עפּעס ״פֿונעם יריד?״

אַ מענה-לשון פֿון אַ שטיפֿמאַמע (1916), *פֿונעם יריד*, קאַפּ׳ 45.

**י.ל פּרץ** –*מײַנע זכרונות* (1914), קאַפּ׳ 1-3, 6-8.

**ש. אַנ-סקי** – חטאת נעורים (1910 / 1919)

**מאַני לייב** – א מעשׂה וועגן זיך... (1930), אויף ניו-יאָרקער שטיינער (1933)

**אבֿרהם סוצקעווער** –*סיבּיר* (1936)

**ראָזיע שפּײַזער** – אסתּרס אויטאָביאָגראַפֿיע (1939)

עידו בסוק, עורך, *עלילות נעורים: אוטוביוגרפיות של בני נוער יהודים מפולין בין שתי מלחמות העולם*. רמת אביב: המכון לחקר תולדות יהדות פולין - אוניברסיטת תל אביב תשע״ב / 2011.

Barbara Kirshenblatt-Gimblett, Marcus Moseley, and Michael Stanislawski, eds. Introduction to *Awakening Lives: Autobiographies of Jewish Youth in Poland before the Holocaust*, edited by Jeffrey Shandler. New Haven: Yale University Press, 2002.

**יצחק באַשעוויס** –*מײַן טאַטנס בית-דין-שטוב* (1956): אַ פּאָר ווערטער פֿאָרויס, אַ קרבן, פֿאַר וואָס די גענדז האָבן געשריגן, וואָלף קוילן-הענדלער, אַ ייִנגל אַ פֿילאָזאָף

**יעקבֿ גלאַטשטיין** – אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון אַן אינטעלעקט (1966)

## ביבליאָגראַפֿיע


דוד-הירש ראָסקעס, ״אַ שליסל צו פּרצעס זכרונות,״ *די גאָלדענע קייט* 99 (1979): 132-159. איבערגעדרוקט: *ווידערוווּקס: א נייער דור יידישע שרייבערס*, רעד׳ יודזשין אָרענשטיין (נ״י 1989), 258-299.

Marcus Moseley, *Being for myself alone: origins of Jewish autobiography*. Stanford, Calif.: Stanford University Press, 2006.

David G. Roskies, “Unfinished Business: Sholem Aleichem’s *From the Fair*,” *Prooftexts* 6 (1986): 65-78.

Allison Schachter, “The Shtetl and the City: The Origins of Nostalgia in *Ba-yamim ha-hem* and *Shloyme reb khayims*,” *Jewish Social Studies* - NS 12 (2006), pp. 73-94.

24. הוּא הָיָה אוֹמֵר. בֶּן־חָמֵשׁ שָׁנִים לַמִּקְרָא בֶּן־עֶשֶׂר שָׁנִים לַמִּשְׁנָה בֶּן־שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה לַמִּצְוֹת בֶּן־חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה לַתַּלְמוּד בֶּן־שְׁמֹנֶה עֶשְׂרֵה לַחֻפָּה בֶּן־עֶשְׂרִים לִרְדּוֹף בֶּן־שְׁלֹשִׁים לַכֹּחַ בֶּן־אַרְבָּעִים לַבִּינָה בֶּן־חֲמִשִּׁים לָעֵצָה בֶּן־שִׁשִּׁים לְזִקְנָה בֶּן־שִׁבְעִים לְשֵׂיבָה בֶּן־שְׁמוֹנִים לִגְבוּרָה בֶּן־תִּשְׁעִים לָשׁוּחַ בֶּן־מֵאָה כְּאִלּוּ מֵת וְעָבַר וּבָטֵל מִ הָעוֹלָם:




24. ער פלעגט זא־נען: צו פינף יאהר פאר חומש; צו צעהן פאר משנה; צו דריי־צעהן פאר טאן די מצוות; צו פופצעהן פאר גמרא; צו אכ־צעהן פאר געהן צו דער חופה; צו צוואנ־ציג פאר יאגענים; צו דרייסיג פאר שטאר־קייט; צו פערציג פאר פארשטאנדינקייט;

צו פופציג פאר געבען עצות; צו זעכציג פאר זקנה; צו זיבעציג פאר גראקייט: אכציג יאהר איז גבורה; צו ניינציג יאהר פאר געהן געבויגען; צו הונדערט יאהר אזוי ווי געשטארבען און אוועק און פארגאנגען פון דער וועלט.

דער

# עֶרְסְטֶער נַאבָּאר

וואָס וואַר אִין דעם יאָר תקפ״ח (1828)

## מאת אמ״ד.

## ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ב לפ״ק

# ДЕРЪ ЭРСТЕРЪ НАБОРЪ

Первый наборъ съ евреевъ 1828 года.

Разсказъ А. М. Дика.

ВИЛЬНА.

Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ*.

На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328

1871.

1.

## איין עטוואס פון מיינע קינדהייט.

טייערע לעזערין ! פאר געווים האסטו שוין מעהערע געשיכטען מיינע דורך גילעזין ניט וויסענדיק אזו גאר ווער דער שרייבער פון זייא איז ווייל זייא וואַרין גישריבין אנאנים (אן אנאמען) · די אורזאכע דער פון זואר נור ווייל איך האב עס ניט פאר נייטיג גיפונגען · דען דיא ערצייהלונגען מיינע וואַרין גינוג פאר שטענדליך אהנע צו וויסין דעם פארפאסער (מחבר) דער פון וויא דאש ברויט זעטיגט דעם מענטשין אהנע צו וויסין וויא הייסט דער לאנדמאן (אקערסמאן) דען דיא קארין פראדוצירט (הערפארגעבראכט) האט ·

דיזער פאל אבער איז שוין ניט מיט דיזער ערצייהלונג וואס האנדילט פון איינעם היסטארישען פאקט (איינע געוויסגעשעהענע בעגעבענהייט וואש בעריהרט איינע גאנצע נאציאן) · דען דא קומט עס אן זייער פיל אויף דעם שרייבער · דאש הייסט דער שרייבער מוז אין איינער פאר ריידע פון זיינער פערפאסונג (חבור) זיך אן מעלדין דעם לעזער ווער ער איז · און קאווירען אים פאר דיא געוויסהייט פון זיינע ערצייהלונג אים פאל ווען זיינע פערפאסונג איין ארגענאל איז (ניט ארויש גינומען פון אנדערע ספרים) און ווען ניט · דאש הייסט ווען זיין חבור איז נור אזאמלונג איבער זיינעם באשריבענעם געגינשטאנד (ענין) פון אנדערע היסטאריצנא ביכער · איז זיינע שולדיקייט אויף צו ווייזין דיא קוועלין (מקורים) פון וואנען ער האט עס ארויש גינומען · דאש הייסט פון וועלכע ביכער · דאהער מיינע טייערע לעזערין אום צו פערשאפין מיר גלויבין בייא דיר אין דיזער ערצייהלונג שטעלע איך מיר דיר פאר

אום

אום דיר בעקאנט צו מאכין ווער דער פארפאסער פון דיזער ערצייהלונג איזט ·

איך הייס אמ״ד איין געבארענער ווילנער · אונ לעבע ביז יעצט אין ווילנא · אונ וואר אלט בייא דעם ערסטין נאבאר דרייצעהן יאר · עס איז שוין צוואר דרייא אונ פערציג יאר איבער געלאפין פון יענע צייט אן ביז דיזעם טאג · אונ דאך געדיינקע איך אים אזו גוט אלם וויא עס העטע ערסט געשטערין גישעהען · דען דער ליבער גאט האט מיך בעגאבט (בעשאנקען) מיט איינעם פרייען געדעכטניס (זכרון) אונ געדיינקע קלאר אונ ריכטיג אלע מערק ווירדיגע בעגעבענהייטען וואש זיינען גישעהען אין מיינעם קרייז · אונ אזו געדיינקע איך אלע אונוויכטיגע קינדערשע בעגעבענהייטין וואש זיינען אבער העכסט מערקווירדיג דעם קינדע אין זיינען קינדערשין עלטער · אזו געדיינקע איך דעם ערסטין טאג אין וועלכעם דער גרויסער באהעלפער האט מיר גיוויזין דעם גרויסין ״אלף״ אונ דעם איבער מארגין נאך אים אין וועלכין דער מלאך האט מיר אראפ גיווארפין אנראסין פון הימעל · איך געדיינקע אלם מיין פאטער זכרונו לברכה האט מיך אוועק גיטראגין אין חדר איינגעוויקעלטערהייט אין אטלית מיט אפלאם בראנפין אונ מיט אלעקאך · אונ מיין רבי זעליג ז״ל האט אן גיהייבין צו לערנען מיט מיר דיא ערסטע פרשה פון ויקרא · איך געדיינקע אלם ער האט מיר אן גיהויבין צו קנייפין אין בעקעלע אונ האט מיר צו גיזאגט צו געבין א שיינע כלה · אונ האט ווארט גיהאלטין · דען ער האט עש מיר שפעטער מאקע גיגעבין · דען ער וואר דער נאך מיין שדכן · אונ נאך קלינגט אין מיינע אויערין דער ערשטער ״מה טובו״ וואש מיין באהעלפער האט גיזאגט מיט מיר זייער הויך אויף דיא טרעפ פון אונזער ווילנער שול · עש וואר דאן מיט מיר נאך הונדערטע קינדער פון אנדערע חדרים פאר זאמילט דארטין · וויא נאטעם הערדען (שמאדעס) ארום דעם סיני · נאך צוקט מיך דורך דר היילינער שויער וואש האט דורך צוקט אלע מיינע קליינע גלידער

אלס

אלס מיר האבין אונז אלע פאר איינס אונ פאר נייגט ביא דיא ווערטער ואני אשתחוה ואכרעה דען גאט וואר מיר דאן פיל נעהענטער אלס יעצט וואס איך זוך אים מיט מיינעם קאלטין פאר שטאנד · איך גידיינק דיא ערסטע טרערין וואס איך האב גיוויינט אויף דעם טויט · נאך מער גידיינק איך דיא ערסטע טרערין וואס איך האב גיוויינט אויס אנדאכט (פרעמיקייט) אין דעם ראש השנה פון דעם ערסטין נאבאר צוא מוסף ביא דיא ווערטער "מי לא נפקד כיום הזה" אונ גידיינק אזו אלץ וואס דאן איז גישעהען · גלייך וויא איך וואלט עס ערסט מיט מיינע אויגין גיזעהען :

עס וואר דאן גיווען איבער גיווען אונ איך האב גוויינט מיט · אונ בעשרייבע עס אזו וויא איין אויגען צייגער וואס איז צוא גלייך אויך איין אנטייל נעמער אן דיזער באגעבענהייט · אונ אזוא לעבין נאך גאט זייא דאנק זייער פיל וואס גידיינקען עס וויא איך דא אין מיינער פאטער שטאדט · אזו וואלט איך ניט ארויס גיטראטין אפענטליך מיט אונווארהייטען · פאר דיא יעניגען וואס קענן מיך נאך צום ליגנער מאכין · איין באווייז וואס דער כוזרי בעדינט זיך מיט אים אין זיין ספר אויף אמתת התורה · דאס משה וואלט זיך ניט גיוואגט ארויס צוא טרעטין מיט אזעלכע ספורים וואס אנדערע שרייבער וואלטין אים מכחיש זיין אונ ווען אויך איך בעשרייב דיזע בעגעבענהייט פון ווילנער נעזיכטספונקט (מרכז) נאר ביא אלעם דער ברייטעט אויס דיזע באשרייבונג איינע העליקייט (ליכטיקייט) איבער אלע אידעשע בעזיצונגען אין רוסלאנד · דען עס וואר איבער אל (אום אונ אום) דאס זעלבע מיט קליינע אונטער שיידונגען :

.2

"וויא גרויס עס וואר דאן דיא ווירקונג פון דעם ערסטין אוקאז אויף ווילנער אידעשע גימיינדע" :

בעודני נער) אלס איך וואר נאך אקינד פון איאר פינף זעקס האט זיך שוין גיהערט · דאש מען וועט אן הייבין צוא נעמען

אידעשע

## דער

# פורים שפיגעל

דָאס אִיז אֵיינֶע וואונְדֶר שֵׁיינֶע שִׁילְדֶערוּנְג (בֶּעשְׁרַייבּוּנְג)
פוּן אֵיינֶעם קִינְדֶעשֶׁען פּוּרִים אִין וֶועלְכֶער עֶס שְׁפִּיגֶעלְט
זִיךְ אָפּ דָאס וִוירְקְלִיכֶע לֶעבִּין פוּן דֶעם מֶענְשֶׁען · עֶס
אִיז דָא אִין אִיר גֶענוּג צוּא לַאכֶען אוּנְד צוּא וֵויינֶען ·
צוּא בֶּעלוּסְטִיגֶען זִיךְ אוּנְד צוּא גְרֵיינֶען .

בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי ירושלים

**ווילנא**

בדפוס ר׳ יוסף ראובן בר׳ מנחם מן ראם

שנת **תר״ל** לפ״ק

---

## ПУРИМЪ ШПИГЕЛЪ.

или

Разсказъ изъ Еврейскаго быта.

ВИЛЬНА,

Въ типографіи Р. М. Ромма. 1870

На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ

подъ №№ 327 и 328.

R H93 H93 דיקנפיר

פורים שפיגל

ווילנע : ר״ל 1870

# דער חודש אדר

א ווייהע ווייהע דאש דיא יוגענד יארין זיינען שוין איבער
לאפין אונ פאר שוואונדען · אונ מיט זייא צוא גלייך אויך אלע
יינע פריידין טעג · א וויא ליבליך ווארין מיר דאן דיא שבתים
נ דיא ימים טובים · יעדער אווענד אונ יעדער מארגין האבין
יך מיט איינעם נייעם טוטה באלעבט · אין יעדין מאנאט זיינען
יר נייע פריידין אונ נייע בעלוסטיגונגען צוא גיפלויגין · אין
דער יאהרעס צייט (תקופה) איז מיר צייטיג גיווארין איין אנדער
פיל · איך האב מיך גיפרייט מיט דעם פריהלינג (וויאסנא) וויא
פרייעט זיך איין באסטאנט וואש האט שוין ניט גיהאפט
זייא צוא ווערין אמאל · מיט דער פלעצליכע פרייהייט · אונ
וואר איך מלא שמחה אנטקעגין דעם זומער וואש ער איז
ער פאטער פון אלע פערגניגין אונ ערקוויקונגען · אונ ניט
יניגער פלעגט מיר גיפעלין אויך זעלבסט דער ווינטער · וואש
עהר קעלטער וואר איך אלץ מעהר פרישער · אונ וואש גרעסער
ער פראסט וואר האב איך גימאכט אלץ מעהר באלין פון שנייא
התימות פון קאפייקעס אויף דיא גיפרארענע שויבין · אונ וויא
טארק פלעג איך מיך פון אייןאנדער לאכין אלס איך פלעג מיך
יש גליטשין אונטער דעם גרויסין לארעם פון מיינע קליינע
ברים וואש איך האב מיך מיט זייא גיוועט דאש איך זאל זייא
בער יאגין דארט אויף דעם גליץ וואס מיר האבין אים אויש
גלעט אויף דיא גיפרארענע טייכין · פלעגין מאכין לארעם איבער
ין פאלין וויא איבער איינעם אן גיהאפטין דיב · באלד אבער

האב

האב איך פון זייא אפ גילאכט צוא ריק אויף זייער פאלין · אונ
וואר דער בייא העכסט גליקליך :

אונ וויא מייער אונ ליבליך וואר מיר דאן דיא טעג פון
דעם חודש אדר וואס וואר וויא פאראויס רייטער פאר דעם
גרויסין ארמייא פון פריידין וואס גייען אים נאך · דען דאן
האט זיך אלעם צוא גוטין גיענדערט פאר מיך · זעלבסט דער
סדר הלמוד אין חדר האט גינומען דאן איינע בעסערע ווענדונג
(נאפראוולענע) · דען אן שטאט דעם שווערין למוד פון גמרא
האט מען אן גיהייבין צוא לערנען מגלת אסתר · תרגום שני ·
דער רבי האט אויש גימאלט פאר אונז מיט זיינער אלטין אינדיצענע
פעדער · דעם חושן ואפוד · דיא מנורה · דעם שולחן לערנענדיג
תרומה תצוה · אויך האבין מיר שוין אויף גיהערט צוא לערנען
בייא נאכט · אונ האב גימאכט קליינע מאלצייטין אין דער היים
מיט מיינע חברים וואס איך האב זייא אלע טאג אום גיבעטין
אויף אנדערע · דאש הייסט אויף אזעלכע וואש האבין אפ
גימאכט צוא ריק איין בעסערין מאלצייט בייא זיך אין דער היים
איך האב גימאכט מילכלאך אויף דיא רינסטיקעם וואש ווארין
דאן שוין זייער גרויס פון דעם גישמאלצענעם שנייא · זייער
רוישין וואר מיר דאן גישמאק וויא איינע זיסע מוזיק אונ האבין
מיר גישיינט דאש זייא קוועלין ארויס נור פון אונטער דעם גן
עדן שוועל · אויך פלעג איך אויף דיזע קליינע גוועסער ארויס
צוא לאזין קליינע שיפעלאך וואש איך האב זייא גימאכט פון
קליינע ברעטלאך מיט קליינע שטיינגלאך אין וועלכע איך האב
ארין גישטעקט איין פאסיק פאפיר פאר איין זעגיל אונ מאקסט ·
אונ האב מיך גיפרייט צוא זעהען וויא זייא שווימען ביז דעם
טויער פון דעם צווייטין הויף · וויא דיא איינגלענדער דיא
גרעסטע קויף לייטע פון דער גאנצער וועלט · פרייען זיך איבער
זייערע שווער באלאדענע האנדעלם שיפין וואש קומען אן גליקליך
פון אסטאינדיען אין דעם זיכערין האפען פון לאנדאן :

ביז



„ביז דעם טויער פון צווייטין הויף„ יוא ביז אהין נור ·
דען איין גרעסערין מרחק דר פר האב איך דאן נאך ניט גיוואוסט ·
דער דריטער טויער וואר מיר דאן שוין וויא איין אויסלאנד ·
דאש ענדע פון מיין גאס אין וועלכר איך האב גיוואונט וואר מיר
דאן וויא איין עק וועלט · מיין בעטעלע אין וועלכע איך פלעג
דאן .צוא שלאפין וואר מיר דאן גינוג גרויש וויא איין לאנד וואש
האט קיינע גרענעצין · וואש אן שטאט דעם איצונד דאש איך
בין שוין איין דער וואקסענער מאן איז מיר צוא איינג דיא גאנצע
וועלט · גאנץ צוא שראקין אונ פאר וואונדערט בין איך גיבליבין
שטיין אלס איך בין צום ערשטין מאל גיוואר גיווארין · דאש
אונזערע ערד איז נור אזו גרויש דאש מען קען איר ארום געמען
מיט איין שנור וואש איז נור לאנג 5400 מייל · „א ווייהע מיר„
האב איך דאן אויש גישריען · אויף אזו איין קליינע שטיקיל
בלאטקע זאל אזו אמענטש וויא איך זיין לעבין פאר ברייגען ·
פויא עס איז מיר דא אונטין העכסט צוא איינג · עס שטייט מיר
ניט אן צוא וואונען אויף אזו אשוועבענדין זאנד קארין וויא
אונזערע ערד איז · אונ וואר העכסט פאר דריסליך אויף דיא
אסטראנאמיקער (תוכנים) וואש זייא האבין איר אזו איין צוא
קליינע מאס צוא גיגעבין · „א מעכטע איך פליגלען האבין„ האב
איך דאן אין זיך גיטראכט · וואלט איך מיט איינעם שופ אריין
גיפלויגין אין דיא לענדער פון דעם שטערין שבתאי (זאטורען)
וואש דיא אסטראנאמיקר האבין אים פאר גרעסערט פינף הונדערט
מאל מעהר אלס דעם שטערין (דאש הייסט דיא ערד) אויף
וועלכין איך וואונע איצונד°) :

אונ

°) דיא אסטראנאמיקער זאגין דאש אונזער ערד איז אזו
אשטערין וויא אלע שטערינם אונ זעהעט אויש בייא דיא איין
וואונער פון יענע שטערינם וואש זיינען אויך באוואונטע וועלטין
וויא זייא זעהען אויש בייא אונז :

און עס וואר אלס איך האב מיך שוין זאט אן גישפילט מיט דיזע שפיעלאך · האב איך זייא דער נאך אום גימאכט אויף המן קלעפלאך און אויף שרייער · איך האב זייא אום גימאכט מיט גרויש מיהע און מיט גרויש פליים · און האב מיך גיפרייט אויף זייער ערסטין גיקלאפער פיל מעהר אלס איינע פרויא וואש וואר איינע לאנגע צייט איינע עקרה פרייעט זיך אויף דיא ערסטע שטימע פון איר ערסט גיבארענעם קינד · איך האב עס גידרייט און גיקלאפט און האבין מיך פארגעניגט וויא מיט איינע הימלישע מוזיק · דען אלע מענשליכע קאפעליעס האבין דאן בייא מיר אויס גיזעהען וויא דאש טרעסקין פון דערנער און פון יאדלע אין פייער אנטקעגין דען געטליכן געפיל וואש עש האט אין מיר אויף גיוועקט דער רויש פון דיזע הייליגע אינסטרומענטין וואש איך האב זייא גימאכט מיט מיינע אייגענע הענט :

פון ראש חודש אדר אן און ווייטר האבין מיינע פיס אמינוט ניט איין גירוט אין שטוב · דאש בין איך גילאפין אין שטאדט אום צוא זעהען דיא טישלאך וואש זיינען באדעקט מיט שלת מנות · און דאש בין איך גילאפין צו בעזוכין מיינע נייע און אלטע חברים אום אויש צוא פראבירען זייערע המן קלעפלאך און שרייערס · און אום אפ צוא ריידין ווען און וויא צוא שיקין זיך שלח מנות · און דיא אינגלאך וואש זיינען גישטאנען דער בייא אום עס צוא פאר קויפין האב איך גיהאלטין פאר דיא איינקלאך פון מרדכי און אסתר · אדער פאר דיא קינדער פון פורים זעלבסט · אדער אם וויינגסטינס פאר דיא בנים פון דעם חרבונה זכור לטוב · און ווארען אזו בייא מיר דיא גליקליכסטע אויף גאטעס וועלט · דען וואש בלייבט זייא נאך איבעריג צוא ווינצען זיך · ווען זייא האבין דיא שענסטע זאכין וואש קען נור אויף דער ערד געבין :

איך פאר שטייא איצונד זייער גוט דאש איך האב דאן זיך מתקנא גיוועזן נור אן הוילע נארעסקייטין · אן קינדער שפילונגען נורי צום אומגליק אבער בין איך איצונד נאך ניט קליגער אלס דאן :

דען





דען איך יאג מיר נאך איצטער נאך איינעם איבער לויפענדען שאטען און אומארעמע איינע פאלשע פאנטאזיע (דמיון) נור ניין איך בין נאך פיל דומער אלס דאמאלס · דען דאן האב איך מיך מתקנא גיוועזן נור אן אומשולדיגע אינגלאך וואש האבין פאר דינט זייער שטיקעל ברויט טוטערליכקייט און האבין ניט פר לאנגט קיין מותרות · און יעצט בין איך מיך מתקנא אן אויס גילאסענע און פארדארבענע מענטשין וואש באקומען אלע מותרות דורך איינע געהיימע פאלשהייט און דורך איין פארבארגענעם בעטרוג · אזו וואר מיינע ערסטע קנאה איינע בלויזע דומהייט · דיא צווייטע אבר איז איינע גרוישע זינדע · און איינע שרעקליכע אום רעכט :

טאג טעגליך ווען איך פלעג צוא קומען פון חדר אהיים פלעג איך אלין צוא דרייען מיט דעם שרייער · און פלעג אזו בעאונרוהיגען אלעמען וואש ווארין מיט מיר אין שטוב · מעהר פאר אלעמען דעם ענדיק וואש פלעגט דאן שפאצירין מיט בריטע טריט און מיט גרויש גאוה איבער אלע צימערין · דיזער ענדיק וואר דאן דיא גרעסטע אורזאכע (סבה) פון יעדין קריג און צאנק צווישין מיר און דער דינסט · צווישין דער דינסט און מיינער מוטער · דען וויא נור איך האב אדרייא גיטאן מיט דעם שרייער האט ער אן גיהייבין שוין צוא פליהען משוגענער ווייס איבער דיא הייזער · האט אן גיהייבין צוא האלדערין · האט אויש גישלאגין אשויב · צוא בראכין אשיסיל · אשפיגעל · און דאש ענדע וואר איינע שמייסעריא · אדער איינע טראנספאטירונג אין חדר · און דארט האט מען זיך שוין מיט מיר גוט אויש גירעכינט און באצאלט זיבין מאל מעהר אלס איך האב פאר דינט · אט אזו האט מען מיך שוין איין גיוואונט פון מיינער קינדהייט אן צוא באצאלין דאפעלט און דאפעלט פאר יעדען פאלשין און איבער לויפענדען פארגניגען מיט שטראמען בלוט און טייכין טרערין :

בייא אלע דיזע גרויסע גישעפטין מיינע האב איך מיר נאך צייט גינומען צוא קומען בין מנחה למעריב אין דיא קלויזין

צוא

צוא הערין דיא זאגערס וואש זאגין אחשורוש מיט וואוגרער שיינע דרשות׳ אונ צוא הערין וויא דיא ארעמע בחורים לערנען זיך צוא לייענען דיא מגלה דארט אין יענע הייזער. וואו זייא עסין טעג ׳ אין דיא שבתים טעג פלעג איך מיך אריין גנבענען אין דיא הייזער וואו עס לערנען זיך דיא פורים שפילער ׳ אונ אלס מען האט מיך גיוואלט אפט ארויש ווארפין פון דארט פלעג איך זאגין אליגין דאש המן אליין איז מיינער אפעטער ׳ אונ בייא אלעם דעם האב איך מיך גימוזט היטין פאר דעם באהעלפער וואש האט מיך דאן גיצאטעוועט טריט אויף טריט :

„תענית אסתר„

אונ וויא וויכטיג אונ טייער וואר בייא מיר דיזער פאסט טאג ׳ עס וואר איין טאג וואש איך וואר אין אים פרייא פון חדר ׳ אטאג וואש עס האט זיך אין אים גיהערט שוין דיא נאהענטע טריט פון פורים ׳ אטאג וואש איך האב גיוואלט פאסטין מיט פארגניגען ׳ אונ האב מיך דער צוא נאך גיוועט מיט מיינע חברים דאש איך וועל זייא איבער פאסטין ׳ אטאג וואש איך האב אין אים גיטראגין דיא שטופע מאן צוא שטויסין מיט גרויש פאראד אונ מיט גרויש לארעם ׳ דען קיינער האט ניט גיהאט איינע אייגענע ׳ מען פלעגט עס מוזין לייען איין שכן בייא דעם אנדערין ׳ עס זיינען דאן מיט גיגאנגען אבאנדע איינגלאך ׳ פארינט אונ הינטין אום צוא ווייזין דאש זייא קאנען געבין הונדערט קלעפ מיט איין האנט ׳ אונ וואר אזו אין דיזען טאג זייער באשעפטיגט ׳ דאש ארום דער שטופע ; אונ דאש ארום דיא המן קלעפלאך ׳ אונ דאש ארום לאקסען ברעט אום צוא זעהען וויא דיא מוטער מיט דיא דינסט מאכין דיא המן טאשין ׳ טארטין ׳ צוקער גיבעק ׳ דיזע זעצט מען אריין אין אויבין ׳ אונ דיזע נעמט מען ארויס ׳ ביז עס פלעגט מיר זייער פאר שמעקין אונ האב אזו ארויש גשניפט אצווייא דרייא שטיקלאך ׳ איך בין גיווארין אונ טרייא דעם

תענית



תענית ׳ אונ האב זייא אויף גיגעסין אין אווינקעלע שטילערהייט ׳ עס פלעגט ווערין צוואר אליכט אין דיא אויגין ׳ דאך אבער האט מיך באלד מיין געוויסין גיפלאגט (דאש הייסט איך האב חרטה גיהאט) דאש איך האב מיך פאר זינדיגט געגין דעם תענית אונ געגין מיין מוטער אונ וואר דורך דעם גאנץ פאר קימערט ׳ א ווייהע ׳ דיזער פאל איז ניכט דא בייא מיר אין מיינע דער וואקסענע יארין ׳ איך טוא פיל שלימערעס אונ האב גאר קיין חרטה ׳ דיא קינדהייט איז אוועק אונ מיט מיר אויך דיא אום שולד ׳ זיא איז אוועק אונ וועט זיך שוין נימאלס צוריק קערין ׳ אונ צוא דיזער קליינע זינדע איז דאן באלד אונטער גיקומען איינע צווייטע אונ אויך איינע דריטע ׳ אונ יעדע אלץ גרעסער פאר דיא אנדערע ׳ וויא דער אלטער שפריכווארט זאגט ׳ „דיא זינד גייט קיין מאל אליין ׳ צוא שכרות צעפעט זיך צוא דיא עבירה פון זנות ; צוא גנבה דאש פאלש שווערין„ ׳ אזו וואר דיזער פאל אויך דא ׳ וויא איך האב נור מחלל גיוועזן דעם תענית האב איך שוין אן גיהייבין צוא עסין צוא זאט אונ אלץ מיט אן גישניפטע צוקער גיבעקס ׳ מיט המן טאשין ׳ אונ דער נאך אלס דיא מוטער האט איבער גיציילט דיא גיבעק אונ עס האט מאנכער צעהנדליג גיפעלט ׳ האב איך איר גיזאגט דאש איך האב גיזעהען וויא דעם שטראז הונט האט אפאר גיחאפט ׳ דא האט שוין דיא דינסט גיהאט המנס מפלה פאר וואש זיא האט ניט אכטונג גיגעבין ׳ אונ דאש גלייכין דער שטראז ׳ נון וואר לארעם איבער לארעם ׳ דען מיינע מוטער וואר איינע שטריינגע ווירטין ׳ אונ עס פלעגט אזו וויט צוא קומען דאש דיא דינסט האט זיך פון איינאנדער גיוויינט ׳ אונ איהרע טרערין האבין מיך אזו שטארק גערירט דאש איך האב בארייעט (חרטה גיהאט) אויף דעם גאנצין גישעפט ׳ אונ דאך האב איך אויש גיזעהען בייא דער מוטער פאר איין גאנץ אום שולדיגעס קינד אונ האט גיהאט גרויש מיט לייד מיט מיר וואש איך פאסט ׳ אונ האט אין מיך אלץ גידרונגען דאש

איך

איך זאל דאך איין עטוואס געניסין · אונ איך וואש איך וואר
שוין זאט וויא איין סנדקי נאך אברית האב איך גימאכט איין
פרום פענעמיל · האב גישווארין דאש איך וועל ניט עסין ביז
נאכט ווייל עס איז איין מאל איין תענית ביא אונז אידין · נון
האט זיך דיא מוטער העכסט גיפרייט צוא הערין דאש איר קליינער
זון רעט אזו פרום · האט עס באלד אפ דער ציילט דעם פאטער
אונ ער וואר אויך העכסט צוא פרידין מיט מיר :

צוא מנחה פלעג איך צוא קומען אין שול אונ האב מיך
אלץ גידרייט ארום שולחן אום איין צוא קוקין זיך אין דיא גיוויכטער
פון דיא וואש גיבין מחצית השקל · אונ וויא מען האט זיך גישטעלט
שמונה עשרה האב איך גיוויזין כיין צונג מיינע חברים אום צוא
ציגין דאש זיא איז וויים אלס איין קלארער בעוויז דאש איך
האב גיפאסט דעם גאנצין טאג · א ווייהע איבער דיא פאלשע
עהרע דאש זיא גיפינט זיך שוין זעלבסט ביא דעם קלענסטין
קינד · אונ אזו פאר גיווים פעלט שוין ניט ביא אים קיין זינדע
וויא דער פסוק זאגט (כי יצר לב האדם רע מנעוריו) דאש
הייסט דאש הערץ פון מענטשין איז פאר דארבין שוין פון זיינער
קינדהייט אן :

### „דיא ערשטע נאכט פון פורים„

באלד נאך מנחה בין איך אוועק אהיים אום צוא נעמען
דעם שרייער · דיא המן קלעפיל · אונ בין גיקומען אין שול מיט
נאך אבאנדערע אינגלאך וואש וארין באוואפינט מיט דיזע הייליגע
כלי זין · אונ האב מיר דארט אויש גיקליבין דעם בעסטין ארט
דאש הייסט אנטקעגין דעם אלמעמער · אום צוא שטורעמען פון
דארט אויף דעם יודען פיינד המן הרשע ימח שמו · איך האב
מיר אבער אויף דיזען ארט אזו ווייניג איין גיהאלטין וויא ביא
איינעם קוסט יאגדעם דארט אין וועלדיל אום תשעה באב · דען
איך האב אים אין איין רגע צעהען מאל אום גיביטין אויף אנדערע
ערטער



רטער · ווילענדיק אונ ניט ווילענדיק נאך בעפאר דער חזן האט
אך גיענדעט חזרת הש"ץ פון מנחה · דען מען האט מיך אלץ
ום גישטויסין אהין אונ אהער · דאש אפרומער דאוונער · דאש
ער אונטער שמשי ווייל איך האב מיך ניט גיקאנט איין האלטין
ט אקליינעם דרייא צוא טאן מיט דעם שרייער אדער מיט דער
אלאקאטקע זעלבסט אין מיטין שמונה עשרה · אונ ביא אלעם
עם האב איך מיך ערהאלטין צום סוף פארט אנטקעגין דעם
על קריאה אונ דעם שמש · מעהר אויש להכעים אלס אויש לוסט
ארט צוא שטיין · אום צוא ווייזין זייא דאש דיזע נאכט פון
ורים איז ניט ווינציגער הייליג אלס דיא נאכט פון פסח וואש
יז איין ליל שמורים פון מזיקים · אנאנץ יאר פלעג איך האבין
ון זייא גאר דיא קלעפ · אין דיא נאכט פון פורים אבער האב
יך זייא אויש גישטעלט איין פייג אין נאז · איך האב מיך אפ
ישטעלט דוקא זייא אנטקעגין מיט גאר דיא פעק שרייערם אונ
מן קלעפלאך גרוישע אונ קליינע אונ גלאט מיט שטעקינט ·
רייט (גאטאוו) באם זייא וועלין מיר נור צעפן · צו שלאגין זיי
ויט מיט דעם המן גלייך · אונ האב מיר אזו איין גיהערט מיט
ער גרעסטער אום געדולד ביז דער בעל קריאה האט אן גיהייבין
צוא לייענען (אחר הדברים האלה גדל) וואש דארט איז
דער ערשטער פעצאטאק פון המנם שלאגעריא · אונ וויא נור
מיר האבין דער הערט דאש זיין וויכטיגער אונ הייליגער נאמען
ווערד שוין אויש גישפראכין פון דעם בעל קריאהם מויל · איז
אום גיוואנדעלט גיווארין דיא שטילע אונ רוהיגע שול אויף
איין שלאכט פעלד אונ איז גיווארין צוא איין גאטעם שרעקין ·
דען עס איז גיווארין דארט איין גרויש לארעם אין אלע איהרע
פירעקין · איין טומיל · איין כאמאטאכע · דאש עס האט אויף
גיהערט נאר דיא ביז העריגע ארדענונג דארט · דאש דער שמש
זעלבסט האט צוא אונז צוא גישריען מיט דיזע ווערטער „גיט דוך„
עס וואך גישלאגין · גיקלאפט · גיבריקעט · אונ מיר וארין דאן
שטאלץ

שטאלץ אויף אונזערע קלאפער גיצייג וויא נאפאלעאן אויף זיינע טויזינט קאנאנען וואש האבין גישפיגין טויט אונ מארד אין זיינעם גליקליכען שטרייט דארט בייא אויסטערליץ׃ דיזער שטורעם וואר אבער פון איינעם לייניגערין דויער אלס יענער שטרייט׃ דען מיר האבין ניט גיוואלט אן גנעמען קיין (זיגנאל) צייכין פון פרידין׃ מען האט זיך אום זיסט צוא פאצט דיא הענט אויף דיא חומשים אונ אויף דעם שולחן אום אונז איין צוא שטילין׃ דער שמש וואש האט אונז דא איצונד גיהייסין קלאפין׃ האט איצונד אויש גיזעהען בייא אונז וויא איין מכשף וואש קען ניט אפ מאכין צוריק זיין כישוף וואש ער האט גימאכט׃ ער האט זיך צוא ריסין שרייענדיק דאש מיר זאלין שוין אויף הערין צוא קלאפין אונ מיר האבין אים גיהערט אין טראק׃ מיר האבין אזו לאנג גיקלאפט ביז עס איז אונז שוין אליין מיאוס גיווארין קלאפענדיק׃ דאך אבער ניט מיט אמאל׃ נור ביסלאך וויים וויא דאש מער (ים) בערוהיגט זיך גראדען וויים נאך איינעם גרויסין שטורעם׃ אונ דאן האט דר בעל קריאה אן גיהייבין צוא לייענען וואש צום גישווינסטין וייל דער עולם וואש האט דאן גיפאסט האבין אים גיטריבין האלדו אין נאקין׃ אונ מיר קונדסים האבין דאך אים זייער גוט איין גיהערט אונ האבין ניט אויסין גילאזין ניט איין מאל צוא קלאפין אלס ער האט נור אויש גישפראכין דעם נאמען המן׃ אונ ווארין אזו פאר היצט אין דיזע אלטע שלאגערייא וואש וועט קיין מאל גיט אויף הערין אזו וויא פאר גראצעטע בעלי מלחמות וואש אויש גרויש צארין אונ צוא קאכונג ווייסין זייא שוין ניט אונטער צוא שיידין צווישין פיינט אונ פריינד אונ שלאגין ביידין׃ דאש הייסט דעם וואש נור פאפאזעט זיך אונטער זייערע הענד אזו האבין מיר פון גרויש התלהבות גיקלאפט אויף דעם נאמען מרדכי וויא אויף דעם נאמען המן גאר אן אונטער שייד׃ אונ אזו אויך בשעת דער עולם האט גיזאגט די פרייליכע פסוקים (איש יהודי היה בשושן הבירה)

אונ





אונ דאש גלייכין׃ מיט אזו אמאכט דאש עס האבין גיקלונגע דיא עסען פון דיא לייכטער׃ אונ עס האבין געציטערט דיא שויבין אין דיא פענסטער׃ אום זאנסט האבין אויף אונז גישריען דער גאנצער עולם׃ אום זאנסט האט זיך גיצאפילט דער שמש אויף דעם אלמעמער׃ אונ איז גיווארין הייזעריג שרייענדיק אויף אונז׃ דען מיר האבין זייא קיינעם גיהערט מיר האבין גיקלאפט אונ גישלאגין ביז איבער (ודובר שלום לכל זרעו) אונ דאן האבין מיר זיך ארויש גימאכט פון שול איינציג וויים אונ האבין אונז צוא זאמען גיקליבין אויף דעם שול הויף אום זיך אפ צוא ווערין פון דעם שמש׃ אונ אלס דער עולם איז ארוים פון שול איז אטייל פון אונז׃ דאש הייסט דיא מהדרים אוועק אין אנדערע שולין וואש מען האט נאך דארט ניט אפ גילייענט אום צוא שלאגין המען אויך דארט אונ מיר זיינען דער ונאך אוועק אהיים זייער פרייליך וויא דיא בעלי מלחמות נאך אגיוואונענע שלאכט׃ בייא דעם טיש בין איך באהאנדעלט גיווארין פון מיינער מוטער וויא איין פאסטענדער׃ מען האט מיך גישטאפט אונ גיקראפט פון אלע זייטין׃ אונ אלס איך האב מיך גילייגט אין בעט האב איך דעם שרייער׃ אונ דיא המן קלעפיר גילייגט צוא קאפין אונ בין איין גישלאפין זייער זיס אונ רוהיג׃

„דער טאג פון פורים"

אונ וויא אויך גישמאק איך האב גישלאפין האב איך מיך דאך אויף גיחאפט פאר טאג׃ דאש הייסט אום פינף דעם זייגער׃ דען דאן איז אויף גישטאנען דער פאטער אום צוא גיין אין פיש מארק׃* אונ דער ארום בחור איז גיקומען לייענען דיא מגלה פאר די מוטער אונ פאר דיא דינסט׃ קוים האב איך דיזען סוחר דער זעהען האט זיך אויף גילעבט אין מיר ווידער דער חשק פון המן שלאגין׃ גישווינט וויא דער בליץ בין איך אראפ פון בעט׃ האב אן גיטאן דיא קאפאטקע׃ אונ האב גינומען דעם שרייער׃

דיא

* הערה פעלט. פאר דינסט אין ווילנע פלעגן [illegible]

די המן קלעפיל · האב מיך גישטעלט איין בארפעשער לעבין דעם ארעם בחור ניט גיוואשענער הייט גאנץ אום באזארגט · דען דר פאטר וואר דאך ניט צו הויז אונ קיין שמש וואר אויך דארט · אויך דער ענדיק וואר שוין אויך ניט מער וואש איך זאל זיך דארפין פאר אים היטין דאש ער זאל זיך ניט פאסטראסען אונ זאל אויש שלאגין אשויב אדער אשפיגיל · דען מען האט אים נאך נעכטין גיקוילעט · אונ האב נאך פאר מיין שלאף גיגורגעלט אויף זיין נארגעל · דען דער אויבערשטער איז מיין צייגע דאש איך האב ניט עובר גיוועזן אויף אלע גיזעצע פון אקונדם · איך האב מיר איין גיהערט דיא מגלה · אונ האב אווייליע גישלאגין המנען מיט דעם שרייער אונ אווייליע מיט דעם המן קלעפיל · אונ אמאל גאר גיבריקעט מיט דיא פיס וויא איין גישיקטער חירורג וואש פאר שטייט צוא בייטין זיינע אינסטרומענטין נאך דיא אפעראציאן וואש ער דארף מאכין · אונ אלס מיט גרויש חוצפה אונ עזות · איך האב אזו גישטורעמט וויא ווייט איך האב נור גיקענט · אויב וואול איך האב גיוואוסט דאש מען וועט זיך מיט מיר זייער גוט אפ רעכענען דען מיין פאטער וואר איין שטריינגער מאן · דאך דיא שפעטיגע שטראפע פאר גאלט ניט דיא זיסקייט פון דער איצטיגע פריידע :

דער ווייליע האט אויש גיטאגט אונ דער פאטער איז גיקומען פון פיש מארק מלא שמחה דאש גאט האט אים צוא גישיקט גוטע פיש לכבוד פורים במקח השוה · האט מיך מיט גינומען אין שול אונ האט מיך פאר זאגט דאש איך זאל אין שול ניט מאכין דיא נעכטיגע פאקסען · ער וואלט מיך שוין נעכטין געשמיסין ווען איך וואלט ניט גיוועזין גיפאסט · נור דיזע רייד איז מיר גאר ניט אריין אין אויער · דען וויא נור דער בעל קריאה האט אן גיהייבין צוא לייענען אונ דער פאטער האט אן גיהייבין זיך איין צוא הערין זייער פלייסיג האב איך מיך פון אים אוועק גימאכט אונ האב מיך אוועק גישטעלט אויף

מיין



מיין נעכטיגין ארט · אונ האב גימאכט איין גיקלאפער וויא נעכטין ביז מען האט מיך ארויש גיטריבין פון שול אונ האב אזא גישלאגין המנען אין פאלעס · אונ בין אזו נאך דעם גיגאנגען אהיים גאנץ בעזארגט דען איך האב גרויש פחד גיהאט פאר דעם פאטער · אונ פאר וואש איך האב מיך גישראקין איז מיר ווירקליך גישעהען · דען קוים בין איך אריין אין שטיב האב איך פון אים באקומען אפאר פרעסק דאש עס האבין מיר פאר קלונגען דיא אויערין · אונ דאש וואר נור איין זאראטיק אויף דיא פינף מאליגע באשטראפונגען וואש איך בין באשטראפט גיווארין פון מיינע עלטערין אין דיזעם פורים טאג · אטאג וואש איך האב אויש גיקוקט מיינע אויגין אויף אים אגאנץ יאר · וואש איך האב מיך צוא ליב אים גיפייניגט אגאנץ ווינטער · דען צוא ליב אים האב איך פאר קויפט מיינע איבער בייסינס פאר אהעלפט געלט אום צוא זאמען צוא קלייבין קאפיקעס אויף שלח מנות · אונ אלס איך האב אים שוין דער לעבט האב איך אים צוא גיבראכט נור אין הארץ קלעמענעס אין ווייגען אונ אין גרויש קומער אונ אזו פאסירט זיך מיט אונזער גאנצין לעבין דא אויף דער ערד · מיר פעראכטען דעם איצטיגין פארגניגן צו ליב דעם שפעטיגן פאלשין פרייד וואש עס פערשפרעכט אונז דיא קינפטיגע צייט (עתיד) · אונ אזו ביז אונזערע האלבע יארין האפין מיר אלץ גליקליכער צוא זיין · אונ פאר לאבין דאש גוטעס וואש מיר האבין שוין · אונ דער נאך אלס מיר גיפינען אונז באטראגין אין אונזערע האפענונגען דער ציילין מיר שוין וויא גליקליך מיר ווארין אמאל גיוועזין :

איך האב גיוויינט איבער דיא פרעסק · גיוויינט אונ בין דאך באלד אנטשוויגין גיווארין · דען דיא קינדהייט לאזט זיך זייער גיך טרייסטין · איך האב גיווישט דיא טרערין אונ האב גיגעסין דעם המנטאש מיט גרויש אפיטיט אונ האב גיקוקט אויף דעם שרייער אונ אויף דעם המן קלעפיל מיט איין זייער

טרויעריגעם

טרויעריגעס נימיט וויא איין פרומער מאן קוקט אן דעם אתרוג און דעם לולב אום הושענא רבה נאך דעם דאווענען „א ווייהע, האב איך גיזאגט · עס זיינען מיר נאך גיט פאר היילט גיווארין דיא מזלות · דיא איין שניטען אויף מיינע הענט און פינגער וואש איך האב באקומען מאכענדיק דיזע טייערע אינסטרומענטין נון זיינען שוין איצונד וויא גאנץ אום נוציגע זאכין · נור אבער ווען דיא דאגות זיינען אויף דער עלטער פון גרוים דויער וויא דיא רעגינים וואש זיינען אין הערבסט (אסען) · זיינען זייא דער פאר אין דער קינדהייט גאנץ איבער גייענד וויא איין מארגין טויא אין פריהלינג (וויאסנע) און אזו בין איך גיווארין באלד ווידער זייער פריילין · דען איך האב מיך באלד בארעכינט וואש פאר פיל פריידין און לוסטיקייטין עס ערווארטין מיר נאך ביז איבער דיא סעודה :

און עס וואר אלם איך וואר פאר טיפט אין דיזעם גליקליכין חשבון זיינען אן גיקומען אבאנדע אינגלאך וואש איך האב מיט זייא אפ גירעט נאך נעכטין דאש זייא זאלין צוא מיר קומען · און בין מיט זייא אוועק אזו באלד אין אידעשע גאס אום צוא קויפין שלח מנות · מיר זיינען צוא גיפלויגין צוא דיא טישלאך וואש זיינען באדעקט מיט צוקער גיבעק · און מיר האבין עס באטראכטעט מיט גרויש לוסט גאנצע צוויא שטונדען און דאך האבין מיר אונז נאך אלץ נימ גיקענט בשליסין וואש דער פון צוא קויפין · דען זייא ווארין אונז אלע גיפעלין · אטייל פון זייא ווארין באזילבערט · אטייל פאר גילדעט · אטייל פאר פארבט מיט אלערלייא קאלארין · רויט · גרין · געלב · פייקעלאך · שיכעלאך · מאוועלאך · וויין טרויבין · פישעלאך · שוועמלאך · און דאש גלייכין :

א גאנצע צוויא שטונדין האבין מיר פאר בראכט אום אוים צוא ווייליין וועלכע צוקער גיבעק לוינען פאר אונז אויף שלח מנות · און נאך האבין מיר ניט גיקויפט · און איצונד

זייענדיק



זייענדיק שוין דער וואקסענע מענטשין עקין מיר אפ פיל גיכער אונזערע קינדערשע שידוכים מיט וועלכע מיר מאכין זייא אום גליקליך צייט זייער לעבין · מיר ווערין עלטער אבער דאך ניט קליגער און גיזעצטער · און אזו אויך טוען מיר מיט אונזערע אלע עסקים · און דאש איז נור ווייל אקינד קען זיך פיל ווייניגער אירין אלם איין גרויסער · וויא אאינגיל וואש האט גילערינט נור איין ספר פון תנ"ך קען גיכער טרעפין דעם פסוק וואש עס שטייט אין אים אלם דער וואש האט שוין אויש גיהאט גאנץ תנ"ך · ווייל דיזער קען זיך שוין לייכט טועה זיין דאש דער פסוק שטייט אין איין אנדער ארט · אזו אויך איין דער וואקסענער וואש האט שוין אין דער וועלט פיל מעהר ערפארען אלם איין קינד · קען זיך זייער לייכט פאר פירין און טאן דוקא פאר קערט :

דער ווייליע אבער וויא מיר זיינען זיך אזו גישטאנען זייער פאר טיפט אין איין ישוב הדעת צוא קויפין דאש אדער דאש איז אן גיקומען אונזער יונג צוא מיר אום נור מיר צוא זוכין · און האט מיר גיבראכט דיא טרויעריגע נאכריכט · דאש דיא עלטערין זיצין שוין לאנג ביי דעם טיש · עס פעלט דארט מער ניט וויא איך און האבין אים אזו גישיקט מיך אויף צוא זוכין · און דאש זייא זיינען דער צוא זייער פאר ביזט אויף מיר פאר וואש איך בין אוועק אין גאס אן זייער ידיעה · איך האב עס גיהערט און עס איז מיר איין גיפאלין דיא דמים נון האט מיר גיבראכט דער משרת אהיים וויא איין ראסטאנט וואש ער האט אין וועג אויש גיקאספערט ביי מיר אהעלפט פון מיינע שווער אויף גיזאמעלטע קאפייקעס זאגענד דאש ער וועט זיין איין מליץ טוב פאר מיר ביי מיינע עלטערין :

און אזו האט ער מיך גיבראכט אהיים גאנץ צוא שראקין און פאר קימערט וויא אמאל דיא ברידער פון יוסף צוא אים אין שטוב מכה דעם בעכער · מיינע שיך ווארין איין גערינכט אין בלאטע · דער פוטעריל פאר שלומפערט · דיא היטעלע פיץ

נאם פון רעגין · איך האב מיך אפ גישטעלט לעבין טיר מיט
אראפ גילאזענע אייגעלאך · נון האבין מיר מיינע עלטערין
זייער גוט אויש געזידעלט אונ דער נאך אנידער גילייגט אויף
אבייגקיל אונ האבין מיר אריין גיהאקט גאר אן רחמנות אונ
האבין מיר דער צוא נאך גישטראסעט אפ צוא שיקין מיר אין
חדר וואש דאש וואר מיר פיל שלימער אלס גאר דיא ריטער פון
דער גאנצער וועלט · דען דיא ווארהייט צוא זאגין איך האב
דעם חדר גיהאסט מעהר אלס איין דיב דעם אסטראג · אונ דאך
באלד נאך דעם שמייסין האב איך מיך גיזעצט בייא דעם
טיש · איך האב גיגעסין אונ גיטרונקען אונ מיינע טרערין האבין
זיך גימישט מיט דער זופע וואש אין מיין לעפיל · דען מיינע
אויגין האבין גיגאסין טרערין גאר אן אויף הערונג :

„טרערין" א גליקליכע טראפינס וואש איך וואלט זייא
איצונד ניט אום גיביטין אויף דיא טייערסטע בורלאנטין וואש
גלאנצין אין דיא אויערינגען אונ אין דיא ציטער שפילקעס אויף
דיא קעפ פון דיא שענסטע מיידכען אונ געלאנטע דאמען · דען
דארט האט זיך אפ גישפיגעלט דיא אום שולדיגע קינדהייט וויא
דיא יונגע זון פון דעם פריהלינג (וויאסנע) שפיגעלט זיך אפ אין
דיא טראפינס טויא וואש שלומערין אין דיא פאלבין פון איינער
צירליכין אונ רויטין רויז · אונ דא פון דיזע בורלאנטין אבער
זעהעט זיך ארויש נור פיינדשאפט · קנאה · שנאה · אונ פאר
באטענע ליבשאפט · אונ דאהער באלד נאך איינינע מינוטין
בין איך גיווארין ווידער פרייליך · אונ בין מיט דעם פורים
ווידער גוט פריינד גיווארין :

קוים האבין זיך דיא עלטערין גילייגט נאך דעם עסין
שלאפין · אונ איך האב זיך ווידער ארוים גימאכט פון שטוב ·
אונ בין שוין אליין אוועק אין שטאט · דאש הייסט אין אידעשע
גאס אונ האב איין גיקויפט שלח מנות זייער שחאדנע אונ בין
גיקומען גליקליך אהיים מיט דיזע ראיעלע סחורה · איך האב זיי אויש

איי נאנדער



איינאנדער גילייגט מיט אגרויס ארדענונג אונ האב זיך זייא גאר
ניט גיקענט אפ קוקין :

## „שלוח מנות"

מיינע עלטערין האב איך דער וויסט נאך שלאפענדיק ·
אונ אין שטוב וואר שטיל אונ רואיג · ציכטיג אונ ליכטיג ; עס
וואר דאן דארט איינע גישמאקע ווארעמקייט געווירצט מיט
אלערלייא ריחות פון דיא טארטין · אונ געפרעגליכץ וואש מען
האט גיבאקט אונ אן גיפרעגילט אונ גיגרייט צוא דער סעודה ·
דיא טישין ווארין גידעקט מיט ריינע אונ געבלומטע סערוועטין ·
אויף אים פון איין עק איז גילעגין איינע גרוישע קיטקע אדער
שטריצעל וואש וואר גיבאקט מיט זאפרען אונ מיט ראזינקעס ·
אונ אויף דעם אנדערין עק טיש זיינען גישטאנען זילבערנע
לייכטער באשטעקט מיט שטאלאווע ליכט · אונ אין פאדער
שטוב האבין זיך דאן צוא זאמען גיקליבין אבאנדע חברים
מיינע אום צוא באראטין זיך וועגין דעם שלח מנות · מיר האבין
זיך גיזעצט ארום אקליינעם טישיל זייער סוריאזנע (ערענסט)
וויא אסיפה לייט וואש בעראטהען זיך וועגין מדינה זאכין ·
אונ יעדערער פון אונז האט אן גיהייבין צוא זאגין זיינע מיינונגען ·
„דעם פייקעלע אונ דעם פישעלע" האט זיך אפ גירופין חיימציק ·
זאל מען שיקין שמואלקען · אונ דעם הענדעלע מיט דעם שוועמלע
זאל מען שיקין יודקען · אונ יאסקע האט זיך אפ גירופין „ניין
בייא מיר קומט אוים גאנץ פאר קערט · דאש דעם פייקעלע מיט
דעם פישעלע זאל מען שיקין נור יודקען · דען איך וויים דאש
ער האט וואש רעכטס אפ צוא שיקין · אונ דעם הענדעלע מיט
נאך צווייא צוקערנע ארבעס זאל מען שיקין דעם שמואלקען ·
אונ אזו האט ווידער איין גיווענדעט איין גיוויסער פינקע דאש
מען דארף גאר אנדערס שיקין · נון וואר אגרוישע אנפערייא
צווישין אונז · ביז עס איז גיווארין דער פון אקריג · אזידלערייא

אונ

אונ דער נאך אגישלעג · אונ דאן איז אום גיוואנדעלט גיווארין דיזע וויכטיגע אסיפה אויף איינע באנדרע ווירקליכע באר יונגען · דען מען האט זיך גירישין אונ גיפליגט פאר דיא האר אונ מען האט אום גיווארפין דעם טיש · דיא שטולין · אונ עס איז גיווארין אזו אלארעם דאש עס האבין זיך אויף גיהאפט מיינע עלטערין מיט גרויש צארין · נון פר שטייט זיך פון זיך זעלבסט דאש דיא פרעמדע אינגלאך זיינען צוא לאפין · אונ איך וואש איך בין גיבליבין אין שטוב איז גיווארין דער זינדען באק וואר דיא כפרה פאר אלעמען · פריער פאר אלץ האבין מיך מיינע עלטערין אויש געזידעלט וויא איין אסטאטנען · אונ נאכהער האט מיך דער פאטער אן גינומען פאר דיא האר האט מיך אנידער גילייגט אויף אבייגקיל אונ האט מיר אריין גיהאקט צום צווייטין מאל לכבוד דעם היילגין פורים וואש איך האב אים קוים ערווארט · אונ האבין זיך גילייגט אזו ווידער שלאפין · דער שלאף אבער איז איין ווילדער פויגיל · וויא נור מען פאסטראסעט אים פליעט ער אוועק אין אל דיא טייוולען אונ קומט שוין ניט צוריק · זייא האבין זיך גיווענדעט פון איין זייט צוא דעם אנדערין זייט · עס האט זייא שוין מעהר קיין שלאף אן גינומען · אונ דאן איז דער פאטער אויף גישטאנען אונ איז אום גיגאנגען אלץ איבערין שטוב · אונ בייא יעדין בליק אויף מיר וואר מיר דיא דמים איין גיפאלין · דען ער האט גימאכט אויף מיר איין פאנאק נאך דעם אנדערין · אונ האב מיך אזו גריילך גישראקין דאש ער זאל מיך ווירקליך ניט אפ שיקין אין חדר · דיזער שרעק איז אבר באלד פאר איבר גיגאנגען דען ער האט באלד אן גיטאן דעם מאנטיל אונ איז אוועק אין שטאט ניט קוקענדיק דאש עס רעגינט אונ שנייט :

דער ווילע האבין גיהייבין ארעמע לייט זיך צוא דרייען אונ האבין גימאראצעט דיא טיר גאר אן אויף הערונג · אונ דיא מוטער האט יעדערין וואש גיגעבין · אונטער זייא ווארין

אויך



אויך פיל פאר שטעלטע וואש האבין גירישין אויף הילצערנע פערדלאך וואש גייען מיט דיא פיס פון דיא פאר שטעלטע · אונ איך האב מיך פאר זייא זייער שטארק גישראקין · דאש איך שרעק מיך ניט היינט זעלבסט פאר דעם טויט · אזו האט עס איצונד דאש לעבין גאר קיין ווערט · דאש מיט רעכט קען מען אויף זיך זאגין דעם שפריכווארט „נא דיר דאש לעבין גיב מיר דאש געלד„ אונ האב שוין דאהער קיין רעכט צוא לאבין פון יענעם איינגיל וואש האט אוועק גיגעבין זיין בייגיל פאר אקענדיל וואסער אום צוא וואשין זיך צוא אים :

ארום דרייא דעם זייגער האט זיך מיין פאטער אום גיקערט צוריק אהיים זייער פריילך מיט גרוישע זמוטין שלח מנות האט זיך גישטעלט דאוונען מנחה אונ האט אן גיטאן באלד נאך דעם דיא שטריימעלע · האט זיך גיזעצט צום טיש אונ האט אויש גילייגט דיא צוקער גיבעק אונ האט זיך אזו מסדר גיווען זיין שלח מנות · אונ אלע הויז לייטע האבין זיך אויך אן גיטאן שבתדיק · אונ האבין שוין ניט אפ גיטראטין פון שטוב · דען זייא ווארין באשעפטיגט מיט ביידע הענד · דער האט גישווייגקט דיא פלעכלאך · דיא גלעזלאך · אונ דער האט גישניטין דיא טארטין · אונ איין דריטער איז גישטאנען בייא דער פאן פיש אום עס צוא בעפערין גאר אן אויף הערונג · אונ דאש גאנצע הויז האט שוין ניט גירוט פון שלח מנות טרעגער פון פאטער צוא זיינע באקאנטע · פון זיינע באקאנטע צוא אים · זייא ווארין זייער שטארק פאר שמייעט · אונ זייער באשעפטיגט · דען עס וואר גינוג צוא טאן אונ האבין אזו פאר דינט אמאסע געלד אין דיזעם טאג · אונ איך האב מיך גימוזט איין קוקין אלץ אין יעדין טעלער וואש עס ווערט אוועק גישיקט אונ וואש וואר גיבראכט · אונ וואר באשאנקען פון מיינעם פאטער בייא יעדעם מאל מיט קלייניקייטין וואש ווארין פיל שענער אונ טייערער אלס דיא בעסטע וואש איך האב אליין גיקויפט אונ וואש איך

בין

בין נאך צוא ליב זייא גיווארין גישמיסין · א גאטעס זעגען (ברכה) בערייכערט דעם מענטשין גאר און שום קלאפאט · זאגט שלמה המלך (ברכת ה' תעשיר ובל תוסיף עצב עמה) אונ איך וועל נאך אים זאגין · מאנכע באשעפטיגין זיך יארין לאנג אונ דער לעבין גאר ניט אונ איין אנדערער ווערט גליקליך אין איינער מינוט וויא איך דאן פון דעם פאטעריש שלח מנות :

אונ אלס איך בין שוין גיווארין איין גיהאלפענער איד · האב איך שוין אום גימאכט דעם פאריגין סדר גאר אין גאנצין · איך האב דיא שלח מנות פון איינאנדער גירייגט אויף טעלער · אונ האב זייא צוא גידעקט מיט פאציילעקעס אונ זיינען זיך אזוי גישטאנען ברייט · עס האט מיר מער ניט גיפעלט וויא דער ארעמער אינגעל וואש איך האב נעכטין באשטעלט צוא קומען טראגין דיא שלח מנות · איך האב ניט גיקענט איבער טראכטין וואש עס איז דיא מעשה מיט אים · צוא ער וועלגערט זיך ערגעץ אין אשיינק לכבוד פורים · אדער ער שלעפט זיך נאך אבאנדע פורים שפילער · אדער ער האט אפשר באקומען איין בעסערין ארט צוא טראגין שלח מנות :

אונ עס וואר אלס איך בין שוין ארויש פון גידולד ווארטענדיק אויף אים האט מיר יענער וואש שיקט צוא דעם שפינער זיין פלאקס אונ דעם טרינקער זיין וויין צוא גישיקט אויך איין אנדערין ארעמען אינגיל וואש איז זיך אריין גיקומען אין שטוב אום צוא בעטין נור אנדבה · קוים האב איך אים דער זעהען האב איך אים שוין דער האלטין · האב איך אים גיגעבין אשנפס · אלעקאך · אשטיק המנטאש אונ האב אים אן גיבעטין דאש ער זאל זיין מיין שלח מנות טרעגער פאר גוט געלט · אונ ער האט זיך ניט גילאזט פיל בעטין האט צו גינומן פון מיר צוויא צינענע טעלער פול אונ פאק מיט שלח מנות וואש ווארין דאש בעסטע פון מיינע צוקר גיבעקס צו גידעקט מיט צוויי זיידענע פאציילעס וואש איך האב זייא גינומען אן דעם וויסין פון דער מוטער אונ איז זיך דער

מיט



מיט אוועק אין דעם וועג וואש איך האב אים גיוויזין אונ איך בין גיבליבין שטיין אין פענסטער אום צוא זעהען וויא ער גייט זיך זייער גיך אונ האב מיך דאריבער זייער גיפרייט · מיינע פריידע אבער וואר ניט פון לאנגין דויער · זיא וואר אזוי קורץ כמעט וויא דאש לעבין פון מענטשין · דען וויא ער איז אוועק אזוי איז ער שוין ניט גיקומען צוריק · אונ איך אלס איין גוטער דורען בין אלץ גישטאנען אין פענסטער אונ האב גיווארט זיין צוריק קומען · ער וואר אבער קליגער אלס פרימער · דען וואש טויג אים דיא דרייא קאפייקען פאר דעם גאנג ווען ער האט צוויא צינענע גיפארפעלטע טעלער מיט אפאר זיידענע פאציילעס אונ צוקער גיבעק אויך דער צוא · אונ האב אים אזוי שוין ניט מעהר גיזעהען וויא איך זעה ניט מיין אויער :

אונ דער ווייל איז זיך איבער גילאפין איינע שטונדע נאך דיא אנדערע וואש יעדע מינוט פון זייא וואר מיר ליב אונ טייערער אלס איינע גרוישע פעריל · אונ האב נאך דער ווייל ניט גינאסין איין טוזענד חלק פון יענע פריידין אונ פארגעניגונגען וואש איך האב מיר אגאנץ יאר פאר גישטעלט צוא גיניסין עס אין דיזעם טאג · א אזוי לייפט איבער דער גרעסטער טייל פון אונזערע יארין אין פאלשע האפענונגען · אין איבער לייפענדע פריידען וואש דויערין נור וויא איין בליץ וואש טוט אשיין נור אויף איינע זעקונדע אין איינער דונקעלען נאכט אום איהרע פינסטערנעס דער נאך צוא פאר גרעסערין · מיר יאגין אונז נאך נור נאך איין איבער גייענדין שאטין · אונ וואנדערין דא אין דיזעם טרויער טאל (עמק הבכא) נור פאר דעם שיין פון איין פאר פירענדעם ליכט · אונ פארגעניגען זיך מיט דעם שפיל פון פאר שיידענע פארבין וואש גלאנצין פון ווייטין אונ פאר שווינדען באלד וויא דער שיין פון רעגין בויגין וואש ווערט פאר וועהעט דורך דעם הויך פון דעם קלענסטין ווינד :

*פאלשע האפענונגען, א אזעלכע האפענונגען וואש זיינען

פיל

פיל פאלשער אונ טריגערישער אלס אונזערע קינדערשע האפנונג · דען דאן דאש הייסט אין אונזער קינדהייט זעהען מיר אונז ארום באלד · אין דעם זעלביגין טאג דאש זייא זיינען פאלש · דאש זייא האבין אונז באטראגין · אונ אלס מיר זיינען שוין דער וואקסין לייפין מיר זייא נאך ביז דעם לעצטין טאג אונ נעמען זייא נאך מיט אין קבר · א מיר זיינען אויף דער עלטער נור איינגלאך וואש האבין זיך אויש גירישין פון חדר · אונ וואש בייטין אויש זייערע קינדערשע שפיל זאכין אויף אנדערע שפילצייג וואש שיידין זיך ניט אונטער פון דיא ערשטע מער ניט וויא אין דעם דאש זייא זייען פיל שווערער צוא באקומען אונ ווייטער ניסט :

נון ווייטער (המשך)

אונ דאך ערסט מיט נאכט צוא גלייך האב איך שוין גיוואוסט אויף קלאר דאש מיין שלח מנות טרעגער וועט שוין פאר גיווים ניט קומען · אונ ערסט האב איך מיר ארום גיזעהען דאש איך האב גיטאן איינע גרויסע דומהייט אן צוא טרויען אזעלכע טייערע זאכין איינעם אום באקאנטין איינגיל אונ האב מיך גיוואלט זעלבסט אויף עסין אזו אבער גלויבין אונ טרויען זיך איין אונזערע גרוישע לייט אויך זייער אפט אין איינעם שווינדלער · מאכין אים פאר איין סרסור · פאר איין נאמן · נעמען אים פאר אמלמד · אונ אויך זייער אפט פאר איין איידעם אדער גאר פאר אמובית · אונ מאכין אום גליקליך זיך אונ זייערע קינדער לדור דורים · אונ האב מיר אזו פאר שאלטין מיין לעבין וואש איך בין אריין אין דיזעם שמוציקין גישעפט · דען איך האב גיוואוסט אויף קלאר דאש איך וועל ארויש גיצויגין ווערין דער פאר אלס מיינע עלטערין וועלין גיוואר ווערין פון דיזעם שאדין · אונ האב אזו אויש גרויס פארדרוס גישלייערט דיא שלח מנות אן דער ערד מיט גרויס צארין · א אזו וועטרענע (פלאטערהאפט) וויא איך דאן אין דעם ענין פון שלח מנות

איז



איז דער מענטש אין אלע זיינע וויכטיגע ענינים וואש ער פאר לאנגט איצונד וויל ער עס שוין ניט שפעטער · דען וויא מיר זיינען אונבעשטענדיג אין אונזער קינדהייט אזו זיינען מיר אויך אין אונזערע דער וואקסענע יארין · אונ פון אונזער וויג ביז צו אונזער גראב (קבר) ציהען זיך נור בערג ליידין אונ פארדרוס וואש זיינען באוואקסין מיט דומהייטין · מיט חרטות · אונ מיט גרויש גריזאטע :

אונ וויא מיר האבין פריער גיזאגט דאש דיא קינדהייט לאזט זיך זייער לייכט טרייסטין · וואר דיזער פאל איצונד אויך ביי מיר · דען איך האב מיך באלד פאר געסין אן דיא טעלער אונ אן דיא פאצייילקעס אונ האב מיך ווידער אקער גיטאן צום טיש · גאר איבער נייעם צוא דיא שלח מנות' קוים אבער האט זיך דער ערשטער שטראהל פון פריידין אויש גיברייטעט איבער מיין פארקימערטע אונ פינסטערע געזיכט · האב איך שוין דער הערט דאש אין קיך שטוב טוט זיך שוין מעשים · מיין מוטער צאנקט זיך · שוין מיט דער דינסט איבער דיא צוויא ציגענע פארפיל טעלער וואש פעלין · עס איז דארט לארעם איבער לארעם · דיא מוטער שרייט · דיא דינסט וויינט · איך האב עס דער הערט אונ בין גיווארין וויים וויא קאלך אונ אין די זעלביגע מינוט וואר איך שוין גירופין אין קיך צוא אשלעצטווא ווענין דעם · איך האב מיך באלד מודה גיוועזען דאש איך האב אין זייא אוועק גישיקט שלח מנות מיט אאינגיל וועלכין איך קען אים ניט אונ מען האט מיך דארט אויף דער שטעלע אראפ גיצויגין דיא הויט פון קאפ ביז דיא פיס לכבוד דעם הייליגין פורים אין וועלכין איך וואר שוין דעם פערטין מאל באשטראפט · דיא שלח מנות טרעגער האבין מיר צוא גיהאלטין פאר דיא פיס · אונ דיא מוטער האט גישניטין גאר אן רחמנות · אונ עס וואר נאך גוט וואש זיא האט עס ניט דער ציילט דעם פאטער · אונ דאהער דאש ער זאל זיך ניט מערקין דאש איך האב גיוויינט האב איך אפ גיוואשין דאש גיזיכט אונ בין אריין אין

שטוב

שטוב מיט איינער פריילכען מינע אזו וויא ניט מיר מיינט מען
עס· אונ האב זיך גיזעצט לעבין דעם פאטער אונ דיא לוסט
צוא שלח מנות האט זיך ווידער אויף גיוועקט אין מיינעם הערצין ·
אונ האב אזו צוא גיצופט פון דעם פאטערס צוקער גיבעק· איך
האב אן גישטאפט דיא קעסענעס · אונ איך בין גיווארין באלד
באמת פריילך :

## דיא סעודה

דאך דיזע פריידע אבער וואר פאר מישט אויך מיט גרויס
טרויער ביא מיינעם באטראכטין דאש דער טאג איז שוין באלד
אוועק· דיא אווענד שאטינס ציהען זיך אויש וויא דיא לאנגע
ריזין · אונ דיא זון נעמט שוין אפ שייד פון מיר וויא איין
טייערער אונ איין ליבליכער פריינד וואש איך האב אים קוים
דער לעבט צוא זעהען אונ איילעט זיך שוין אפ צוא רייזין אונ
אוועק צוא פארין אין אגאנץ ווייטע וועג פון וועלכע ער וועט
זיך שוין פיליכט ניט צוריק קערין · א אזו איז אונז צוא מוט
אלם מיר זיינען שוין אלט זעכציג יאר אונ מיר ציהען אריין
אין אזעלכע טעג וואש מען קען פון זייא שוין גאנץ ווייניג נחת
דער לעבין · נאך בעפאר מיר האבין איין גישטילט אונזער לעבינס
לוסט · אונ בעפאר נאך קיין טויזענט טייל פון אונזערע פלעגע
האבין זיך אויש געפירט :

אונ מיינע עלטערין וואש ווארין גאנץ ווייט פון דיזע
דאמאלדיגע הערצענס ליידן מיינע· אונ וואש האבין גאר קיין
השגה גיהאט וויא שלעכט עס איז צוא מוט איהרעם בן יחיד
וואש ער איז אן גיבונדין מיט ליבעסקייטין אן דיזעם טייערין יום
טוב האבין נאך אויש גילאסין דיא זון אשטיק פאר נאכט ·
דאש הייסט גאנץ בעצייטין מיט דעם וואש זייא האבין גיהייסין
דעם משרת צוא מאכין דיא לאדין פון דיא פענסטער וואש
ווארין גיקערט אין גאס דאמיט קיין פאר ביא גייענדער זאל
זיך



זיך ניט איין יקוקין אין שטוב בשעת מען וועט זיצין ביא דער
סעודה · אונ האבין אזו פאר קירצט דיזין טייערין טאג אין זיינע
בעסטע צייטין · דען אגאנצין טאג האט גירעגינט · גישנייט
גאר אן אויף הערונג · אונ גראד פאר נאכט האט עש זיך זייער
שיין אויש גילייטערט · א אזו גייט עס צוא דארט אין טעאטער
דאש דער אקט פאלט דארט ארונטער גראדע אין דער לעצטע
שצענע וואש איז צוא גלייך דיא שענסטע · אונ דער פובליקום
בלייבט זיצין וויא באטראגין · אונ וויא ניט גיענדעט · אונ אזו
אויך פאסירט מיט אונז דר וואקסנע מענטשין · דאש על פי רוב
אין דיא בעסטע צייטין פון אונזערע ביסעלע יארין לאזט זיך אוים
גאר אום גיריכטערהייט דער לעבין · אונ מען ווערט טראנספאטירט
מיט עקסטרע פאצט אין איין אנדער וועלט :

נון פאר שטייט זיך דאש מען האט באלד אן גיצונדין
דיא ליכט · אונ דאש געזינד האט זיך גיזעצט ארום טיש ·
פריילך · לעבעדיג · אונ דער פאטער אויבין אן · האבין זיך
אונטער האלטין איינער מיט דעם אנדערין זייער לוסטיג · מיט
גלייך ווערטלאך · מיט וויצין · אונ דער קעלעסאק האט פאר
דרייט זיין קאפ דרייענדיק זיך ארץ ארום טיש · אונ מעהר אלם
צוואנציג מיילער האבין אן גיהייבין צוא זינגען דעם זמר שושנת
יעקב · אורה למרדכי · אונ איך מיט נאך אינגלאך פון דיא
שכנים האבין דער ביא גיטאנצט גישפרונגען · אונ האבין ארץ
צוא גישריען ,המן· מרדכי, אונ דיא טיר האט אלץ ניט גירוט
פון דיא שלח מנות טרעגער אונ פון דיא נדבות קלייבער · עס
זיינען גיקומען זקנים גיקליידעט זייער רייך מיט זילבערנע בעכערס
אום אוים צוא נעמען רובילס· עס זיינען גיקומען פארנעהמע
פרויען אין דיא הענד זיידענע פאציילעס אום אוים צוא נעמען
גילדענס צוויא גילדענס · עס זיינען גיקומען גלאט פרומע ווייבער
אויש צוא נעמען שטיקלאך חלהי המן טאשין · עס זיינען גיקומען
דיא שטאט משרתים צוא באקומען פורים געלד ; עס זיינען
גיקומען

גיקומען גלאט ארעמע לייט אונ האבין אן גישטעלט אהאנד:
עם זיינען גיקומען זאגערלאך אונ האבין גיזאגט שטיקלאך תורה *
וואש האט ניט גיקלעפט איין ווארט צוא דעם אנדערין · אונ
מיינע עלטערין האבין יעדערין פון זייא זייער שיין באפרידיגט
יעדערין לפי כבודו :

דער ווייל האט זיך דיא מסבה בייא דעם טיש פאר
גרעסערט פון מינוט צוא מינוט פון ארעמע באקאנטע קרובים
בראווע פרומע לייט · מיינע עלטערין האבין זייא זייער פריינדליך
אויף גינומען · א נויים דער ליבער גאט צוא וועלין זיך שוין
אזעלכע פרומע צייטין אום קערין · צייטין וואש וואַרין פיל
בעסער אלס אונזערע צייטין · דען דאמאלס האט מען נור
אריין גיקוקט אין הערץ פון מענטשין · אונ דאהער וואר דאן
אויך איין ארעמער איין גוטער ברודער · היינט קוקט מען נור
אויף איין שיינעם קלייד · ווער געלאנט איז דער גיפינט איין
פלאץ בייא דעם טיש איינעם פארנעהמען · ווער אבער ארעם
אן גיצויגין איז ער מעג זיין פון שענסטין חאראקטער · דער ווערט
גאר אין שטוב ניט אריין גילאזין · דער דינער דאלאזעט אים
שוין ניט דען ער פרעגט שוין גאר ניט ווער ער איז :

אונ אזו האט מען דער לאנגט דאש ערשטע גריכט :
פיש · זיסע · זויערע · אונ שנאפס דא צווישין · אונ מיר אינגלאך
האבין אלץ צווישין אונז גירעט פון דיא גרויסע פריידין וואש
אונז שטייט נאך פאר צוא געניסין אין דיזעם אווענד · ערשטינס
פון דיא פאר שידענע שפייזין וואש מען וועט דא דער לאנגען ·
אונ צווייטענס פון אונזער גיין נאך דעם עסין צוא אונזערע
באקאנטע · וואש מען וועט נאך דארט מאכין פורים שפיל · נון
וועלין מיר שוין גולאיען ביז טאג :

נון אבער בעפאר מען האט נאך אפ גיגעסין דיא פיש זיינען
שוין איניגע פון אונז איין גישלאפין פון גרויש מיהע אונ
באשעפטיגונג וואש מיר האבין אונז באשעפטיגט דעם גאנצין
טאג



טאג אונ פון צוא פיל עסין אונ טרינקען אונ מען האט זייא
אזו אוועק גילייגט אויף דיא בעטין אונ האבין אזו אוועק גישלאפין
ביז גרויסין טאג · אונ אזו זיינען זייא זיך איין גישלאפין איינער
נאך דעם אנדערין ביסלאך וויים · דער האט נאך פאספייעט
צוא עסין בראטען · איין אנדערער האט נאך זיך דער האלטין
ביז איבער דעם פלוימען צימעס · איין דריטער איז נאך גיזעסין
איין האלב פאר שלאפענער ביז איבער דעם גאנצין טיש אונ
דער נאך איז ער גיפאלין אויף דעם נאז · אונ נור איך איינער
האב זיך געבערייעט צוא זיין אויף ביז איבער דעם בענצין ·
אונ האב זיך גישטארקט מיט אלע כוחות נאך דעם אום צוא
גיין מיט דעם פאטער ערגעץ אנדערש וואו · איך האב מיר אבער
שוין ניט גיקענט האלטין אויף דיא פיס · אונ האב מיר אזו
איינע היפשע צייט גיראנגעלט מיט דעם שלאף ביז איך בין
אנידער גיפאלין וויא איין שנאפיק · אונ בין אויך איין גישלאפן בעפאר
איך האב נאך זוכה גיוועןצוא זעהען איין עטוואס פון אלע
פריידין וואש איך האב מיר פאר גישטעלט צוא זעהען אונ
צוא געניסען :

אט אזו נארין מיר זיך אויך דער וואקסענע מענטשין צוא
לעבין זיבעציג יאר אונ אזו גאר אכטציג אונ האבין אין זייא
גאר דעם נחת אונ גאר דיא גדולה · אונ דער סוף איז דאש
מען שטארבט גאר אפולע פריער · דער אלס קינד אונ דער אלס
יונגער מאן · מאנכער אלס אבן ארבעים · אונ קוים איינער פון
טויזענד לעבט אויש זיינע זיבעציג יאר אונ דאש אויך האט
ער ניט זוכה גיוועןצוא זעהען איין טויזנט חלק פון דיא גוטץ
וואש ער האט גיהאפט צוא זעהען :

„שושן פורים"

דיא נאכט איז איבער גילאפין זייער שנעל (גיך) אונ דער
טאג האט אן גיהייבין אריין צוא רינען אין שטוב דורך דיא
שפאלטין

שפאלטין פון דיא לאדין · דיא דינסט מאד איז אויך גישטאנען
פריהער פאר אלעמען · אונ האט דער ווירסט אין שטוב אגרויסין
בעז פאראדאק · דען אטייל פון דיא געסט וואש האבין איין
גישלאפין דא אין שטוב האבין נאך שטארק גיהראפעט · זיינען
גילעגין אויף דער ערד וויא דיא וואש אין איין שלאכט אוים
גיפאלין · דען זייא זיינען איין גישלאפין וואו זיי זיינען גישטאנען ·
גיגאנגען · אונ דער דאמפ פון בראנפין האט גישלאגין פון זייערע
מיילער · זיא האט דער ווירסט פיל צוא בראכענע טעלער · גלעזער ·
דיא טישטיכער פאר גאסין מיט משקה אונ מאנכע שטולין אום
גיווארפין · אונ בעפאר זיא האט נאך אומפייעט צוא מאכין
אשטיקיל פאראדיק זיינען שוין אויף גישטאנען דיא עלטערין אונ
נוארין העכסט אום צוא פרידין מיט דיזער אום ארדענונג · איך
האב אויף גיוועקט דיא געסט · אונ האב זייא אויש גירעט וואש
זייא האבין צוא פיל גיטרונקען · נון האט יעדערער פון זייא
אן גיהייבין צוא זוכין זייגע שיך · זיין גארטיל · זיין היטיל · אונ
האבין אויש גיזעהען עפעס וויא פאר חאלעמטע אונ וואורין אין
כעס אויף זיך אליין אונ האבין זיך גיאיילט וואש צום גיכסטין
צוא לייפין אהיים אום אוים צוא הערין דארט ליבע דרשות פון
דיא ווייבער פאר וואש זייא זיינען זיך נעכטין פאר לאפין פון
זייערע הייזער אין דער פרעמד אונ האבין זייא אין דער היים
פאר שטערט דעם יום טוב · ניט איינער וואר באטיטעלט מיט דעם
ליבין נאמען פיאנעצע · זולל וסובא · פרעמדער טעלער לעקער
אונ דאש גלייכין אונ דער צוא נאך אביסיל צוא גיווינט אונ
צוא גישאלטין :

אונ וואש זאל איך שוין ריידין פון מיר אליין איך בין
אויף גישטאנען גאר איין צוא טומעלטער · עס האט גינוג גידויערט
ביז איך האב מיך באזינט וואש איז היינט · אונ בין שיר פון
זינען אראפ אלם איך האב מיך באקלערט דאש היינט איז נור
שושן פורים · איך האב מיר אן גיטאן גאר אן לוסט אונ בין אום
גיגאנגען



גיגאנגען וויא איין צוא מישטער אונ וויא איין בעקאסוועטער
אונ האב גידאוועט גאנץ שטיל אונ פאר קימערט וויא אום
תשעה באב · דער ווילע איז גיווארין אין שטוב ביסלאך ווייס
איין עטוואס ארדענונג · אונ דאן האב איך גינוג צייט גיהאט
צוא באטראכטין מיט קאלטין בלוט · דאש פון דיא גאנצע נעכטיגע
נהמות איז מער ניט גיבליבין וויא איין טישטוך אויף דעם טיש ·
איין עטוואס שלח מנות דער צו · אבער אויך דיא זינדע פון דיא
זיידענע שנופטיכער וואש מיין שלח מנות טרעגער האט זייא
פאר שלעפט אונ פאר וועלכע איך וועל נאך דארפין גינוג ליידין
אונ באצאלין דער פאר מיט בלוט אונ מיט טרערין :

נון בין איך מיר פאר בליבין דעם גאנצין טאג אין שטוב
גאנץ פאר קימערט אונ האב נאך גאט גידאנקט דאש איך בין
נאך דיזען טאג פרייא פון חדר · אונ וויא איך האב שוין עטליכע
מאל פריער גיזאגט דאש דיא קינדהייט לאזט זיך לייכט טרייסטין
אזו וואר דיזער מיט מיר אויך איצונד · דען וויא איך האב נור
גיזעהען דורך דעם פענסטער דאש מאנכע פאר שפעטיגטע געסטע
וואש האבין גינעכטיגט אנדערם וואו גייען אהיים נאך אין
שטריימעלאך · אונ דער צוא נאך באנדעם פורים שפילער וואש
גייען אום צוא שפילין אין די הייזער וואו זייא האבין ניט פאספייעט
נעכטין צוא שפילין · האב איך אן גיהייבין איבער נייעם פריילין
צוא זיין · אונ בין גיווארין ווייטער פורימדיק אונ האב אן גיהייבין
צוא שפרינגען צוא זינגען · דיזע פריידע וואר אבער אויך ניט פון
לאנגין דויער דען עס איז גיקומען צום טייוועל דער באהעלפער
אוועק צוא פירין מיר אין חדר · נון פאר שטייט זיך דאש איך
האב ניט גיוואלט גייען אין חדר אונ עס איז גיווארין גרויס לארעם
אונ געצאנק צווישין מיר אונ אים אונ דער ווייסט וואש עס
וואלט זיך אויש גילאזט דער פון ווען דיא דינסט מאד וואלט
זיך ניט אריין געמישט אין דעם · זיא האט אים גיגעבין אשנאפס
אלעקאך פאר בייסין אונ האט אים אזו איין גישטילט דער מיט ·
דען

דען באמת האט ער מער ניט גימיינט וויא דאש · אונ איז זיך אזו אוועק גיגאנגען לשלום אהיים · אונ איך בין מיר גיבליבין זיצין אין שטוב אגאנצין טאג עפעס וויא איינער וואש האט זיך ארויש גיראטעוועט פון אגרויש גיפאהר · מיינע טרייערם אונ מיינע המן קלעפלאך לעבין מיר אונ האב דער בייא אויש גיזעהן וויא דער מקונן (קלאגער) ירמיהו הנביא בייא דיא חורבות פון ירושלים · אונ אזו זיינען מיר פאר קימערט אלם מיר זיינען שוין אבן שבעים אונ טראנספאטירען אלע אונזערע האפענונגען אין איינער אנדערע וועלט :

א אזו איז זיך איבער גיגאנגען אויך דער שושן פורים · דער לעצטער פריידין טאג איבער מיר וואש זיין ענדע וואר מיר ביטער וויא דיא לעצטע קראנקייט וואש מען דארף שוין פון איר שטארבין · אדער בעסער צוא זאגין וויא דיא גסיסה זעלבסט · דען בעפאר איך האב מיר גילייגט שלאפין האט זיך דיא מוטער ארום גיזעהען ארום דיא צווייא זיידענע פאציילקעס וואש זיינען דורך מיר פאר לארין גיווארין · נון פאר שטייט זיך דאש זיא האט שוין דער בייא ניט גידארפט פיל קלערין דאש דער עמער איז גיגאנגען נאך דער שטריק · דאש הייסט דאש די פאציילקעס זיינען מיט גיגאנגען מיט דיא טעלער אונ מען האט מיר אריין גיהאקט דאש איך האב גיזעהען אלע זיבין הימלען · אונ בין אזו איין גישלאפין נאך דיזער באד זייער שווער אונ גאנץ בעטריבט מיט דעם וואונש דאש איך זאל שוין מארגין ניט אויף שטיין · אבער וואש האט עם מיר גיהאלפין · קוים וויא עם איז גיווארין טאג האט מיר אן גיהייבין איינע זייער הארטע האנד צוא וועקין · אונ דאש וואר דער באהעלפער · ער וואר מיר דאם זעלבינע וואש דער מלאך דומה איז בייא דעם אקארסט באגראבענעם רשע וואש ער וועקט אים אויף אום צוא שטעלין אים פאר דעם גרויסין ריכטער · ער האט מיר באלד אפ גיפירט אין חדר · אונ דארט האט דער רבי גימאכט מיט מיר גאר אנייעם רעכענונג

איבער



איבער דיא טעלער · איבער דיא פאציילקעס · איבער מיין לייפין אין גאס · איבער מיין אונארטיג זיין אין שול · אונ האט מיר באצאלט אגוולנע פאר אלע דיזע זאכין זיבין מאל מעהר אלם נעכטין : דאם דיא נעכטיגע שמיץ האבין אים גיזעהען אנטקעגין דיזע שמיץ וויא האנד געלד אנטקעגין דיא גאנצע סומא · דאם איך האב דאן מיט רעכט פאר שטאנען דעם מאמר החכם (שפריכווארט) דאם דער טויט איז שווערער פאר אלע צרות וואס מען איז אויש גישטאנען אין לעבין ביז אים · אונ איז צוא גלייך פיל לייכטער פאר אלע צרות וואש מען האט אויש צוא שטיין נאך דעם דארט אין יענעם עולם :

## „דאש ענדע"

אט אזוא זיינען איבער גילאפין איבער מיר דיזע צווייא טייערע אונ ליבליכע טעג וואש איך האב אויש געקוקט מיינע אויגין אויף זייא אגאנץ יאר · מיט לארעם אונ מיט גישרייא · מיט קלעפ אונ מיט שמייסעריא · מיט אזעלכע אום גליקין וואש איך האב ניט גיהאט פון זייא קיין שום השגה אין דעם פאריגין פורים · ווייל דער פאר שטאנד פון מענטשין איז ניט אין שטאנדע צוא פאר שטיין זיך פון איין אומגליק אויף דעם אנדערין אום זיך איין צוא היטין פון אים איבער איאר · אט אזו למשל האט מען אים היינט אריין גינארט אין אזאק · היטעט ער זיך שוין צוואר פון אזאק אבער ניט פון אזיך ווייל דאש האט שוין איין אנדער נאמען · אונ דאהער ווען דער מענטש זאל לעבין טויזענט יאר וועט ער אלץ ניט וויסין איין צוא היטין זיך פון נייע מכשולים : נאפאליאן דער ערסטער האט זיך זייער פאר אירט מיט דעם וואש ער איז גיגאנגען מלחמה האלטין אין דאש ווייטע רוסלאנד · אונ איז גיווארין דורך דעם העכבט אום גליקליך · אונ דאך איז נאפאליאן דער דריטער דורך דעם ניט קליגער גיווארין אונ האט גישיקט זיין ארמייא צוא פירין קריג

גימל קיין

קיין מעקסיקא וואש איז נאך פיל ווייטער אונ האט גיהאט אויך אגרוישע מפלה׳ אונ דאש איז נור ווייל דיזעם לאנד האט איין אנדער נאמען וויא היישט אמעריקא. דאהער קומט ביי מיר אוים דאש מיר דער וואקסענע מענטשין זיינען ניט קליגער פאר די קלענסטע קינדער׳ מיר שטייגין זייא איבער מער ניט וויא מיט אונזער ביסיל נעניטקייט אין די עניני העולם דער פאר שטאנד בלייבט אבער דער זעלביגער׳ דיזע מיינונג מיינע שטימט זייער איין מיט דעם ענין פון השארת הנפש (אום שטערבליכקייט) דאש הייסט דאש דער נפש שטארבט ניט מיט דעם גוף צוא זאמען׳ ווייל דער איז איין מורכב׳ דאש הייסט ער איז צוא זאמען גיזעצט פון פילע טיילין׳ ניט אזו אבער איז דער נפש ער איז איין דבר פשוט׳ נון ווען דער שכל וואלט וואקסין וואלט ער דאך שוין אויך גיוועזן איין מורכב׳ דען אונטער דעם ווארט וואקסין הייסט דאש עס קומען צוא נאך טיילין׳ אונ צווייטענס האב איך פראקטיש גילערינט פון מיינע אייגענע צווייא קינדער׳ איין זון אונ איינע טאכטער׳ איך האב זייא באטראכט אלס זייא ווארין נאך גאנץ קליין׳ אלס זייא האבין זיך נאך גישפילט אין זאמד אונ אין שטיינדלעך׳ האב איך אין זייא דער ווייסט דעם גאנצין פאר שטאנד פון איינעם דער וואקסענעם מענטשין וואש זייא האבין אים באנוצט צוא זייערע קליינע שפילערייען׃

אונ אלס ער וואר נאך אלט איאר פיר האט ער גירישין אויף איין שטעקין אן גיטריבין מיט אבייץ אונ האט דער ביי גישריען אונ געהוקעט וויא איין עכטער בעל עגלה׳ האט גיבויט שטיבלאך׳ האט גימאכט אקראם אונ האט פאר קויפט סחורה וויא איין סוחר מיט שבועות אונ מיט קללות׳ ער האט זיך גימאכט פאר אקאלראט אונ האט זיך גימסטירט׳ אונ האט זיך באלד דער דינגט פאר איין אפיצער׳ אונ צייטין ווייז איז ער גיווארין גאר אבעל תפלה׳ ער האט זיך אן גיטאן אטלית׳ האט זיך



זיך גישטעלט פאר דעם עמוד׳ האט גיזונגן׳ גיוויינט׳ אונ האט גימאכט הקפות׳ אונ דער נאך האט ער זיך גימאכט חתונה׳ אונ ער האט זיך דער לעבט קינדער׳ אונ ער האט זייא מדריך גיוועזן׳ האט באדויערט די שלעכטע צייטין׳ דער נאך האט ער זיך גימאכט פאר איין אלטין מאן אונ איז גיגאנגען גיקנייצט אונ גיבייגט אונ אונטער גיהוסט׃

אונ זיא האט זיך גימאכט איינע פופע (לאלקע) אונ האט איר גינאנצעט וויא איינע הייסע מוטער׳ באלד פלעגט זיא איר ווערין קראנק אונ פלעגט ווערין העכסט באזארגט וועגין איר׳ פלעגט איר איין געבין רעצעפטין׳ צדקה טיילין׳ ארום האלבין טאג האט זיא איר חתונה גימאכט מיט גרוים גיזענגע אונ טענץ׳ נאך אביסיל איז שוין די פופע גיגאנגען גאנץ שווער צו קינד׳ אונ אזו האבין זייא ביידע נאך גימאכט אלע שצענען פון לעבין וויא עס פאסירט זיך אין דער ווירקליכקייט ביז זייא פלעגין איין שלאפין וואו זייא זיינען זיך גישטאנען׳ אויך האבין זייא פאר שטאנען אויש קאכפערין פון מיר אקאפייקע וויא איך איצונד דעם רובל מיט גרויש חריצות׳ זייא האבין גיוואוסט צוא בעטין עס צוא דער רעכטער צייט אונ דאש מיט גרויש חניפה׳ נון הייסט עס דאש מיר זיינען נור דער וואקסענע קינדער׳ אונ מיר קענען גאר ניט שטאלצירין אויף אונזער חכמה וויא מיר זאגין אין אונזער גיבעט (מה אנחנו מה חיינו כו׳ ונבונים כבלי השכל)׳ אונ קענען אויש לאזין נאך דער צוא (ומותר האדם מן הילד אין) דאש הייסט דער דער וואקסענער מענטש איז ניט קליגער פאר איין קינד׃

LIT 5217

# דאָס מעסערל

(אַ מעשה פֿאַר יידישע קינדער)

לא תגנוב —
זאָלסט ניט גנבֿענען!
(פֿון די עשׂרת הדברות)

[א]

הערט יידישע קינדער, איך וועל אײַך דערציילן אַ מעשה מיט אַ מעסערל; נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר אַן אמתע, וואָס האָט זיך געטראָפֿן מיט מיר טאַקע אַליין. צו קיין זאַך אויף דער וועלט האָב איך אַזוי קיין חשק געהאַט, ווי צו אַ מעסערל; קיין זאַך אויף דער וועלט האָב איך אַזוי ניט געגאַרט צו האָבן, ווי צו האָבן אַ מעסערל, אַן אייגן מעסערל. דאָס מעסערל זאָל זיך ליגן אין קעשענע, און ווען איך וויל, זאָל איך דאָס מיר אַרויסנעמען, און וואָס איך וויל, זאָל דאָס מיר שנײַדן — און לאָזן מײַנע חבֿרים וויסן! איך האָב נאָר וואָס אָנגעהויבן גיין אין חדר, צו אָסל דרדקי, האָב איך שוין געהאַט אַ מעסערל, דאָס הייסט, כּמעט, כּמו ווי אַ מעסערל. איך האָב דאָס מיר טאַקע אַליין געמאַכט. איך האָב אויסגעריסן אַ געגנדזענע פֿעדער פֿון אַ פֿלעדערוויש, פֿון איין זײַט אָפּגעהאַקט, פֿון דער אַנדערער זײַט אויסגעגלעט און האָב מיר פֿאָרגעשטעלט, עלעהיי ס׳איז אַ מעסערל און סע שנײַדט...

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿעדער, וועלכע שוואַרצע יאָר? וואָס איז דאָס פֿאַר אַרומטראָגן זיך מיט פֿעדערן? — פֿרעגט מיך דער טאַטע, אַ קראַנקער ייד מיט אַ געל אויסגעטריקנט פּנים, און פֿאַרהוסט זיך — נאַ דיר גאָר פֿעדערן, שפּילעכלעך — קכע־הע־הע־הע!

— וואָס אַרט דיך, אַז דאָס קינד שפּילט זיך? — ענטפֿערט אים די מאַמע אַ נידעריטשקע יידענע מיט אַ זײַדן טיכל אויפֿן קאָפּ. — אַבי אויסעסן זיך דאָס האַרץ, מײַנע שׂונאים!

שפּעטער, אַז איך האָב שוין געהאַלטן בײַ "חומש מיט חיבור", האָב איך שוין געהאַט כּמעט אַן אמתדיק מעסערל, אויך מײַן אייגענע מלאכה: איך האָב דערטאַפּט אַ שטיקל שטאָל פֿון דער מאַמעס "קרינעלינע" און האָב דאָס אײַנגעזעצט זייער קונציק אין אַ שטיקל האָלץ. דאָס שטיקל שטאָל האָב איך רעכט אָנגעשאַרפֿט אין אַ טאָפּ און האָב זיך דערבײַ, געווײנטלעך, צעשניטן אַלע פֿינגער.

— זע נאָר, זע, ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסל צעבלוטיקט, דער קדיש דײַנער! — שרײַט דער טאַטע און נעמט מיך אָן בײַ די פֿינגער אַזוי, אַז די ביינדלעך קנאַקן. — אַ שיינער בחור — קכע־הע־הע־הע!

— אוי, אַ דונער איז מיר! — זאָגט די מאַמע און נעמט צו בײַ מיר דאָס מעסערל און וואַרפֿט דאָס אַרײַן אין אויוון אַרײַן, קוקט נישט אויף מײַן געוויין. — אַצינד וועט דאָס האָבן אַן עק, וויי איז מיר ניט!

איך האָב אָבער גיך באַקומען אַן אַנדער מעסערל, טאַקע אויף דער רעכטער אמת אַ מעסערל; אַ הילצערן קלעצל, אַ קײַלעכיקס, אַ בײַכיקס, פּאַכאָזשע אויף אַ פֿעסל, מיט אַ האָרבאַטע קלינגל, וועלכעס האָט זיך אי געעפֿנט, אי פֿאַרמאַכט. איר ווילט וויסן, ווי אַרום האָב איך דאָס באַקומען? איך האָב מיר צונויפֿגעשלאָגן אַ קאַפּיטאַל פֿון די אָנבײַסנס, און האָב אָפּגעקויפֿט בײַ שלמהלען פֿאַר זיבן גראָשן מזומן, און דרײַ בין איך אים געבליבן שולדיק.

אוי, האָב איך דאָס ליב געהאַט! אוי, האָב איך דאָס ליב געהאַט! געקומען אַהיים פֿונעם חדר אַ דערהרגעטער, אַ הונגעריקער, אַ שלעפֿעריקער, אַן אויסגעפּאַטשטער (איך האָב, פֿאַרשטייט איר, נאָר וואָס אָנגעהויבן צו לערנען גמרא בײַ "מאָטי מלאך־המוות" דעם גמרא־מלמד: "שור שנגח את הפרה" — אַן אָקס וואָס האָט געשטויסן אַ בהמה, און ווי באַלד אַן אָקס שטויסט אַ בהמה, קומט מיר פּעטש...), איז דאָס ערשטע געווען אַרויסנעמען דאָס מעסערל פֿון אונטער דער שוואַרצער שאַפֿע (דאָרט איז דאָס געלעגן אַ גאַנצן טאָג, מחמת אין חדר האָב איך דאָס ניט געטאָרט האַלטן, און אין דער היים האָט אוודאי קיינער נישט געטאָרט וויסן, אַז איך האָב אַ מעסערל), נאָך דעם האָב איך דאָס גענומען אויסגלעטן, איבערשנײַדן אַ שטיקל פּאַפּיר, איבערהאַקן אַ שטרוי אויף דער האַלב, און ערשט נאָך דעם צעשנײַדן מײַן חלק ברויט אויף קלייניטשקע, קלייניטשקע שטיקעלעך, אָנשטעכן אויפֿן שפּיץ פֿונעם קלינגל און ערשט נאָך דעם לייגן אין מויל אַרײַן.

שפּעטער, פֿאַרן שלאָף, האָב איך דאָס אויסגערייניקט, אויסגעשײַערט, אויסגעפּוצט, גענומען דאָס שאַרפֿשטיינדל וואָס איך האָב געפֿונען בײַ אונדז אויפֿן בוידעם, אָנגעשפּיגן און גענומען זיך שטילערהייט צו דער אַרבעט — שאַרפֿן דאָס מעסערל, שאַרפֿן, שאַרפֿן...

דער טאַטע, מיט אַ יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ, זיצט איבער אַ ספֿר, לערנט און הוסט, הוסט און לערנט.

די מאַמע איז אין קיך, פּאָרעט זיך בײַ דער חלה. איך הער נישט אויף דאָס מעסערל צו שאַרפֿן, שאַרפֿן...

פּלוצעם כאַפּט זיך אויף דער טאַטע, ווי פֿונעם שלאָף:

— ווער פּישטשעט דאָרטן? ווער אַרבעט דאָס? וואָס טוסטו, דו שׂהיי־היי־געץ איינער? ער גייט צו צו מיר און בייגט זיך אָן איבער מײַן שאַרפֿשטיינדל און כאַפּט מיך פֿאַרן אויער און פֿאַרהוסט זיך.

— אַ־אַ־אַ? מעסערלעך!? הע־הע־הע! — זאָגט דער טאַטע און נעמט צו בײַ מיר דאָס מעסערל מיטן שאַרפֿשטיינדל -- אַזאַ יונגאַטש, קראַנק נעמען אַ ספֿר אין האַנט, קכע־הע־הע!

איך הייב אָן צו וויינען אויף אַ קול; דער טאַטע פֿאַרבעסערט מיר מיט עטלעכע פּעטש, און די מאַמע לויפֿט אַרײַן פֿון קיך מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל, מיט אַ גוואַלד:

# THE PENKNIFE

## 1

Listen, Jewish children, I'm going to tell you a story about a penknife. It's not a concocted tale, but a real one that actually happened to me. I never wanted anything as much as a penknife. There was no treasure in the world I wanted as badly as a knife to call my very own. I'd keep the knife in my pocket, take it out whenever I wished, and cut anything I wanted. And I'd tell my friends all about it. I had just begun to go to Yosl's *kheder* (he taught the youngest children), and I already had a knife. Well, it was almost a knife. I had actually made it myself. Plucked a goose feather from a feather duster, cut off one end, flattened the other, and pretended it was a knife that could cut.

"What sort of feather is this, the devil take it? What sort of business is this running around with feathers?" asked my father, a sickly man with a yellow, wizened face. "There's a fine how-do-you-do! Feathers! What nonsense!" And he fell into a fit of coughing.

"What do you care what the boy plays with?" said Mama, a short woman who wore a silk kerchief. "The man gets excited for nothing, a plague upon my enemies."

Later, when I moved up to the study of the Pentateuch with commentaries, I almost had a real knife, which I also made myself. I found a piece of steel in my mother's crinoline and ingeniously set it into a piece of wood. I diligently sharpened the steel on a pot—and, naturally, cut all my fingers.

"Just look at him. See how he's bloodied his fingers, your pride and joy," Father shouted, grabbing me so forcefully that my bones rattled. "What a child!"

"A thunder strike me!" said Mama. She took the knife away and threw it into the oven, paying no heed to my tears. Now there'll be an end to it, woe unto me."

Nevertheless, I soon got myself another knife, this time a real honest-to-goodness knife. The wooden handle was round and potbellied; it looked like a barrel and had a bent blade that opened and closed. Want to know how I got it? I scraped up the capital by saving my breakfast money and bought the knife from Shlomo for ten kopecks—seven kopecks cash, three on credit.

How I loved that knife! How I adored it! I came home from school dead tired, hungry, sleepy, and beaten up. (You see, I had just begun studying with the Talmud teacher, Motti the Angel of Death. . . . We were on the chapter "An Ox That Gored a Cow." And since one animal bumped into another, naturally I had to get whacked.) First, I removed the little knife from under the black cupboard where I had hidden it. (I couldn't take it to school, and I didn't dare let anyone know that I had a knife at home.) After that, I smoothed and slit a piece of paper in two and sliced a straw in half. Then I cut my piece of bread into tiny pieces, speared them with the tip of my blade, and finally transferred the bread to my mouth.

Later, before going to sleep, I cleaned the knife, scoured and polished it, took the whetstone I had found in the attic, spit on it, and quietly set to work sharpening the blade.

Father, a skullcap on his head, was bent over a sacred text, studying and coughing, coughing and studying. Mother was in the kitchen, busy with the *khalle*. But I did not stop sharpening my little knife for an instant.

Suddenly Father jumped up, as though from sleep.

"Who's squeaking over there? What's going on? What are you doing, you apostate?"

He approached, bent over my whetstone, grabbed me by the ear, and fell into a fit of coughing.

"What is this? Knives?" Father coughed, taking the knife and the whetstone away from me. "What a young lout! Too lazy to pick up a book and study, hah?"

I began to wail. Father helped things along with a few smacks, and Mama, her sleeves rolled up, dashed in from the kitchen crying:

(1)

— שאַ, שאַ, וואָס איז דאָרט אַזעלכס? פֿאַר וואָס שלאָגסטו אים? גאָט איז מיט דיר! וואָס האָסטו צום קינד? וויי איז מיר ניט!...

— מעסערלעך?... — שרײַט דער טאַטע און פֿאַרהוסט זיך. — אַ ברעקעלע קינד!... אַזאַ יונגאַטש!... קכע־הע־הע!... קראַנק נעמען אַ ספֿר אין האַנט? אַ בחורל פֿון אַכט יאָר!... איך וועל דיר געבן מעסערלעך, דו פּוסטער בחור איינער!... אין מיטן דרינען גאָר מעסערלעך, קכע־הע־הע!...

גוואַלד, וואָס האָט ער געהאַט צו מײַן מעסערל? וואָס האָט דאָס בײַ אים אַזוי פֿאַרזינדיקט?... פֿאַר וואָס איז ער אַזוי אין כעס?...

איך געדענק מײַן טאַטן כמעט שטענדיק קראַנק, שטענדיק בלאַס, געל, און תמיד אין כעס, תמיד ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט. פֿאַר אַ מינדסט נאַרישקייט ווערט ער אָנגעצונדן און וויל מיך נאָר דורס זײַן. אַ גליק, וואָס די מאַמע פֿאַרהיט מיך, זי לייזט מיך אויס פֿון זײַנע הענט.

און דאָס מעסערל מײַנס האָט מען פֿאַרוואָרפֿן, פֿאַרוואָרפֿן אַזוי ווײַט, אַז איך האָב דאָס אַכט טאָג כסדר געזוכט און געזוכט און האָב דאָס נישט געקאָנט געפֿינען אין ערגעץ! איך האָב ערנסט באַוויינט דאָס האָרבאַטע מעסערל, דאָס גוטע מעסערל, און ווי ביטער און פֿינצטער מיר איז געווען אין חדר, אַז איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך וועל קומען אַהיים מיט געשוואָלענע באַקן, מיט רויטע אונטערגעריסענע אויערן פֿון "מאָטי מלאך־המוותעס" הענט, דערפֿאַר וואָס אַן אָקס האָט געשטויסן אַ בהמה,

— צו וועמען וועל איך זיך קערן און ווענדן? עלנט בין איך געבליבן אָן דעם האָרבאַטן מעסערל, עלנט ווי אַ יתום, און קיינער, קיינער האָט ניט געזען מײַנע טרערן, וועלכע איך האָב שטילערהייט פֿאַרגאָסן בײַ זיך, אויף מײַן בעטל, בײַ נאַכט, קומענדיק פֿונעם חדר. שטיל האָב איך מיך אויסגעוויינט, אויסגעווישט די אויגן, אַנטשלאָפֿן געוואָרן און אויף מאָרגן פֿרי ווידער אין חדר אַרײַן, ווידער "שור שנגח את הפרה" — אַן אָקס וואָס האָט געשטויסן אַ בהמה, ווידער "מאָטי מלאך־המוותעס" קלעפּ, ווידער דעם טאַטנס כעס, דעם טאַטנס הוסט, דעם טאַטנס קללות,

— ניטאָ קיין פֿרײַע מינוט, קיין פֿריילעכע מינע, קיין שמייכעלע, קיין איינציק שמייכעלע פֿון קיינעם, פֿון קיינעם — איינער אַליין, עלנט, עלנט אויף דער גאַנצער וועלט!...

"Stop it! What's going on? Why are you hitting him? For goodness' sake, what have you got against the child? Oh, woe is me!"

"Knives," Father shouted and coughed. "A snip of a child. . . . What a lout. . . . Can't you pick up a book? . . . You're eight years old already. . . . I'll give you knives, you empty-headed scamp. . . . Knives all of a sudden!"

God Almighty, what did he have against my little knife? How had the little thing sinned against him? Why was he so angry?

My father, I remember, was almost constantly ill, always pale and yellow, and in a perpetual rage at the world. He blazed with anger at the most trivial thing and was ready to trample me. Luckily Mama kept a wary eye and saved me in the nick of time.

They threw my little penknife so far I couldn't even find it after an intensive eight-day search. I sincerely mourned my misshapen knife, my good little knife. How dark and bitter was my lot in *kheder!* I came home day after day with swollen cheeks, with red ears mercilessly tweaked by the hands of Motti the Angel of Death—all because an ox bumped into a cow. To whom could I turn? I was as lonely as an orphan without my misshapen knife. Absolutely no one was aware that I wept silently in bed after I came home from *kheder.* I had a quiet cry, dried my eyes, fell asleep, and returned to *kheder* the following morning to resume studying about the ox that gored the cow. Once again I'd catch the blows doled out by Motti the Angel of Death, and face Father's anger, his cough, and his curses. I had no moment of leisure, saw neither pleasant mien nor smiles. No one ever smiled at me. I was lonely and forlorn. All alone in the entire world.

[ב]

פֿון יענער צײַט אָן איז איבערגעגאַנגען אַ יאָר, און אפֿשר אָנדערהאַלבן. איך האָב שוין כמעט אָנגעהויבן צו פֿאַרגעסן דאָס האָרבאַטע מעסערל. עס ווײַזט אויס, אַז מיר איז אָבער אָנגעצייכנט געוואָרן מן־השמים, אַז מײַנע אַלע קינדערשע יאָרן זאָל איך אָפּקומען פֿאַר מעסערלעך. איז געבוירן געוואָרן אַ נײַ מעסערל אויף מײַן אומגליק, גאָר אַ שפּאָגל נײַ מעסערל, אַן אַנטיקל, אַ חריפֿות, כלעבן, אַ וואַזשנע מעסערל, מיט צוויי קלינגלעך, טײַערע שטאָלענע קלינגלעך, שאַרפֿע ווי חלפֿים, מיט אַ ווײַס ביינערן קלעצל, מיט אַ מעשענעם "קאַסטן", מיט רויטע מעשענע שטיפֿטיקלעך — איך זאָג אײַך, אַן אַנטיקל, אַן אמתדיקס, אַ "זאַוויאַלאָווס"!...*

ווי קומט צו מיר דאָס דאָזיקע טײַערע מעסערל, וואָס איז גאָר ניט אויף מײַן מיסט געוואַקסן געוואָרן? דאָס איז אַ גאַנצע מעשׂה, אַ טרויעריקע, נאָר אַ שיינע מעשׂה. הערט, איך בעט אײַך, מיט קאָפּ.

וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט בײַ מיר געהאַט דער "גלוח", דער יידישער דײַטש, וואָס איז געשטאַנען בײַ אונדז סטאַנציע, דער פּאָדריאַטשיק הער הערץ הערצנהערץ, אַז גערעדט האָט ער אויף יידיש, געגאַנגען איז ער אָן אַ היטל, אָן אַ באָרד, אָן פּאות און, איך בעט איבער אײַער כּבֿוד, ביז העכער האַלב אונטערגעשניטן די קאַפּאָטע? איך פֿרעג אײַך, ווי אַזוי האָב איך זיך געקאָנט אײַנהאַלטן און ניט פּלאַצן פֿאַר געלעכטער, ווען דער דאָזיקער יידישער גוי, אָדער דער גויישער ייד האָט צו מיר גערעדט דווקא אויף יידיש, נאָר עפּעס אַ מאָדנע יידיש, מיט אַ סך פּתחן.

— נו, ליבסטער קנאַבע, וואָס פֿיר סדרה גייט דיזע וואָכע?

— כי־כי־כי! — האָב איך מיך צעלאַכט און באַהאַלטן דאָס פּנים אין האַנט.

— זאַגע־זאַגע, מײַן ליבעס קינדכען, וואָס פֿיר סדרה גייט דיזע וואָכע?

— כי־כי־כי! ב־ל־ק!!... — האָב איך אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און בין אַנטלאָפֿן געוואָרן.

נאָר דאָס איז אַלץ געווען צום אָנהייב, בשעת איך האָב אים נאָך גאָר ניט געקענט; אָבער נאָך דעם, אַז איך האָב מיך שוין גוט באַקענט מיט דעם דאָזיקן דײַטש הער הערץ הערצנהערץ (ער איז אָפּגעזעסן בײַ אונדז אין שטוב אַ יאָר כסדר), האָב איך אים אַזוי ליב געקריגן, אַז עס האָט מיך שוין מער נישט געאַרט, וואָס ער דאַוונט נישט און עסט אומגעוואַשן. תחילת האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי לעבט ער? ווי אַזוי האַלט אים גאָט אויף דער וועלט? ווי אַזוי ווערט ער נישט דערוואָרגן בײַם עסן? ווי אַזוי קריכן אים ניט אויס די האָר פֿונעם נאַקעטן קאָפּ? פֿונעם רבין "מאָטי מלאך־המוות" האָב איך געהערט, פֿון זײַן מויל אַליין, אַז דער דאָזיקער יידישער דײַטש איז גאָר אַ גילגול, דאָס הייסט: אַ ייד איז מגולגל געוואָרן אין אַ דײַטש, וואָס שפּעטער קאָן ער נאָך מגולגל ווערן אין אַ וואָלף, אין אַ בהמה, אין אַ פֿערד, אָדער גאָר אין אַ קאַטשקע... אין אַ קאַטשקע?

כאַ־כאַ־כאַ! אַ שיינע מעשׂה! אַזוי האָב איך מיר געטראַכט און האָב באמת רחמנות געהאַט אויפֿן דײַטש. איין זאַך האָב איך ניט געקאָנט פֿאַרשטיין: פֿאַר וואָס דער טאַטע, וואָס איז געווען אַן ערלעכער ייד, אַ ירא־שמים, האָט אים תמיד אָפּגעטראָטן דעם אויבנאָן, און אויך אַלע אַנדערע יידן, וואָס פֿלעגן אַרײַנקומען צו אונדז אין שטוב אַרײַן, פֿלעגן אים שטאַרק אָפּגעבן כּבֿוד:

— שלום־עליכם, רב הערץ הערצנהערץ! ברוך הבא, רב הערץ הערצנהערץ! זיצט, רב הערץ הערצנהערץ!

* "זאַוויאַלאָווס" — די גרויסע מעסער־פֿאַבריק.

2

A year, perhaps a year and a half, passed. I almost forgot that misshapen little penknife. But as it turned out, I was destined to be plagued by knives throughout my childhood. As ill luck would have it, another little penknife came into my life. It was brand-new. So help me, a beauty! There was nothing like it. It had a white bone handle, two expensive, razor-sharp steel blades, and it came in a brass case studded with red brass tacks. I tell you, it was out of this world. The best on the market.

How did I get hold of such an expensive penknife, an item which I couldn't possibly afford? Well, it's a long, sad, but interesting story. So listen carefully, please.

We had a lodger, a German Jew. A contractor named Hertz Hertzenhertz. Can you imagine my opinion of him if he mumbled Yiddish, but was bareheaded, beardless and without earlocks, and, sad to relate, even went about in a highly untraditional, short gaberdine? How could I keep a straight face when this Jewish *goy* (or *goyish* Jew) spoke to me in his fractured Yiddish—a queer dialect that was more German than Yiddish?

"Vell, my dear boy, what Tauro portion are vee reedink zis veek in shul?"

I giggled and hid my face in my hands.

"Tell me, tell me, my dear boy, vat ve're reedink von ze Tauro."

I exploded with laughter and ran away.

A year later, however, I was already familiar with our Jewish German and liked him very much. It no longer bothered me that Hertz Hertzenhertz didn't say his prayers and ate without ritually washing his hands. At first I couldn't understand why he was not struck down. How come God permitted him to live? Why didn't he choke while eating? Why didn't his hair fall out? My rebbi, Motti the Angel of Death, told me himself that this Jewish German was a transmigrated soul, a Jew who had become a German and who might later reappear as a wolf, a cow, a horse, or even a duck. A duck? That would really be something, I thought, pitying the poor German. Still, one thing puzzled me. Why did Father, who was an honest, God-fearing man, always seat him at the head of the table, and why did all others who visited us also treat him with utmost respect?

"How do you do, Reb Hertz Hertzenhertz?" they would say. "A hearty welcome, Reb Hertz Hertzenhertz."

(2)

מע וועט מיך שמײַסן מיט אײַזערנע ריטער... מע וועט מיך בראָטן און ברענען אויף הייסע סקאָווראָדעס... אייביק, אייביק וועל איך גליִען... מע באַדאַרף אָפּגעבן דאָס מעסערל, מע באַדאַרף אַנידערלייגן צוריק דאָס מעסערל, מע באַדאַרף נישט קיין גנבֿיש מעסערל! מאָרגן לייג איך אַנידער צוריק דאָס מעסערל.

אַזוי טראַכט איך מיר און נעם דאָס מעסערל צו זיך אין בוזעם אַרײַן — פֿיל איך, אַז סע בריט מיך, סע בראָט מיך. ניין, מע באַדאַרף עס צוריק באַהאַלטן, באַגראָבן אין דער ערד אַרײַן ביז מאָרגן. און די לבֿנה פֿון אויבן קוקט אויף מיר. וואָס קוקט זי? די לבֿנה זעט, זי איז אַן עדות... און איך קריך צו פּאַוואָלינקע צוריק אין הויז אַרײַן אויף מײַן געלעגער און לייג זיך שלאָפֿן, און קאָן ניט אַנטשלאָפֿן ווערן. איך קאַטשע זיך פֿון איין זײַט אויף דער אַנדערער און קאָן ניט שלאָפֿן... מיטן טאָג גלײַך שוין בין איך אַנטשלאָפֿן געוואָרן, און עס האָט זיך מיר געחלומט די לבֿנה, און עס האָבן זיך מיר געחלומט אײַזערנע ריטער, און עס האָבן זיך מיר געחלומט מעסערלעך... גאַנץ פֿרי האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט, אָפּגעדאַוונט געשמאַק מיט כּוונה און אָפּגעכאַפּט דעם אָנבײַסן אויף איין פֿוס — און מאַרש אין חדר אַרײַן.

— וואָס כאַפּט דאָס דיך אַזוי אין חדר אַרײַן? — שרײַט אויף מיר דער טאַטע. — וואָס יאָגט דאָס דיך אַזוי? וועסט ניט אָנווערן די תורה דײַנע שפּעטער אויך! בענטש בעסער, ווי עס קער צו זײַן, און היפּער ניט קיין ווערטער! וועסט נאָך צײַט האָבן זײַן אויסגעלאָזט, דו הולטײַ אײנער, דו אַפּיקורס, טרי־טריפֿניאַק אײנער, קכע־הע־הע־הע!

[ה]

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? טו נאָר אַ קוק אַהער! — האַלט מיך דער רבי פֿיר און ווײַזט מיר אָן מיטן פֿינגער אויף מײַן חבֿר "בערל דעם רויטנס", וואָס שטייט אין אַ ווינקעלע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. — זעסטו, ווײַסער חבֿרהניק? זאָלסטו וויסן זײַן, אַז פֿון הײַנטיקן טאָג אָן און ווײַטער איז שוין זײַן נאָמען ניט "בערל דעם רויטנס", ווי ער האָט געהייסן ביז אַהער. ניין! ער הייסט אַצינד אַ שענערן נאָמען; אַצינד הייסט ער: בערעלע דער גנבֿ! — שרײַט זשע, קינדער: בערעלע דער ג־אַ־אַ־נבֿ! בערעלע דער ג־אַ־אַ־נבֿ!

די דאָזיקע ווערטער ציט אויס דער רבי מיט אַ ניגון, און אַלע תּלמידים כאַפּן אים אונטער, ווי די משוררים:

— בערעלע דער ג־אַ־אַ־נבֿ! בערעלע דער ג־אַ־אַ־נבֿ!

איך בלײַב אַ פֿאַרשטיינערטער און אַ פֿראָסט גייט מיר איבער אויפֿן לײַב. איך פֿאַרשטיי ניט וואָס דאָס באַדײַט...

— וואָס שווײַגסטו, דו שייגעץ אײנער?... — רופֿט זיך אָן דער רבי צו מיר מיט אַן אומגעריכטן פּאַטש. — וואָס שווײַגסטו, דו גויעץ? דו הערסט דאָך, אַז אַלע זינגען. העלף זינגען מיט אַלע גלײַך: "בערעלע דער ג־אַ־אַ־נבֿ, בערעלע דער ג־אַ־אַ־נבֿ!"

עס ציטערן מיר הענט און פֿיס. עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אויף אַ צאָן. נאָר איך העלף זינגען: "בערעלע דער ג־אַ־אַ־נבֿ!"

העכער, שייגעץ אײנער! — טרײַבט מיך אונטער דער רבי — שטאַרקער! שטאַרקער!

און איך מיטן גאַנצן כאָר זינגען אויף אַלערליי קולות: "בערעלע דער ג־אַ־אַ־נבֿ! בערעלע דער ג־אַ־אַ־נבֿ!...

— ש־ש־ש־ש־אַ־אַ־אַ! — שרײַט אויס פּלוצעם דער רבי און טוט אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבערן טיש. — שאַ! אַצינד וועלן מיר זיך נעמען צום "מישפּט". (מיט אַ ניגון): אַנו, בערעלע גנבֿ, קום נאָר אַהער, מײַן קינד, גיכער זשע, גיכער אַ ביסעלע! זאָג נאָר, ייִנגעלע, ווי אַזוי רופֿט מען דיך? (מיט אַ ניגון).

— בערל.

— ווי אַזוי נאָך? (מיט אַ ניגון).

— בערל... בערל... דער... גנבֿ!

— אָט אַזוי, מײַן ליב קינד, אָט אַזוי ביסטו אַ וווּיל ייִנגעלע. (מיט אַ ניגון): אַצינד, בערעלע, געזונט זאָלסטו מיר זײַן און שטאַרק אויף אַלע אבֿרים (מיט אַ, ניגון), נעם, זײַ מוחל, בערעלע, און צי אַראָפּ פֿון זיך די מלבושימלעך. אָט אַזוי! נו שוין, און גיכער שוין! איך בעט בײַ דיר, נו שוין, און גיכער שוין, אָט אַזוי, בערעשיו, מײַן טײַערער!

בערל בלײַבט שטיין נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט. קיין טראָפּן בלוט איז אין אים ניטאָ. ער רירט ניט מיט קיין אבֿר. די אויגן אַראָפּ. אַ געשטאָרבענער, אַ טויטער!...

דער רבי רופֿט אַרויס אײנעם פֿון די גרעסערע תּלמידים, אַלץ מיט אַ ניגון:

— אַנו, הערשעלע דער גרויסער, גיי נאָר אַרויס פֿונעם טיש, אַהער, צו מיר, געשווינדער, אָט אַזוי; און דערצייל אונדז אַקאָרשט די מעשׂה פֿון אָנהייב ביזן סוף, ווי אַזוי אונדזער בערעלע איז געוואָרן אַ גנבֿ. הערט, חבֿרה, מיט קאָפּ!

און "הערשל דער גרויסער" הייבט אָן צו דערציילן אַ מעשׂה, ווי אַזוי בערל האָט זיך דערשלאָגן צו רב מאיר־בעל־נס־פּושקע,* וואָס זײַן מאַמע וואַרפֿט אַהין אַלע פֿרײַטאָג פֿאַר ליכט בענטשן אַ קאָפּיקע, און אַ מאָל צוויי; ווי אַזוי בערל האָט זיך דאָביוועט צו דער דאָזיקער צדקה־פּושקע, אויף וועלכער עס הענגט אַ שלעסעלע; ווי אַזוי בערל האָט מיט אַ שטרויעלע מיט סמאָלע אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרטן אַלע קאָפּיקעס אײנציקווײַז ביז לעצט; ווי אַזוי די מאַמע זײַנע, זלאַטע די הייזעריקע, האָט זיך געכאַפּט, געעפֿנט די דאָזיקע צדקה־פּושקע, דאָרט איז געלעגן אַ שטרוי, אײַנגעטונקען אין סמאָלע; ווי אַזוי זלאַטע די הייזעריקע האָט אים "צוגעשטעלט אַ בענקעלע"; ווי אַזוי בערל האָט זיך באַלד נאָך דעם רבינס שמיץ מודה געווען, אַז אַ גאַנץ יאָר, אַ קײַלעכיק יאָר, האָט ער געשלעפּט פֿון דער צדקה־פּושקע די קאָפּיקעס,

* טראַדיציאָנעלע צדקה־פּושקע צו זאַמלען געלט פֿאַר ייִדן פֿונעם אַלטן ייִשובֿ אין ארץ־ישׂראל.

the hand I'd stolen with. They'd beat me with iron rods. I'd be sizzled on a hot frying pan. I'd burn forever. . . . Yes, I had to return the knife. I had to return it to its place. I must not keep a stolen knife. Tomorrow I would return it.

With these thoughts in mind, I placed the knife next to my breast. And I felt that it singed; it burned me. Yes, I would rebury it in its hiding place until tomorrow. The moon still gazed down at me. What was it staring at? It saw; it was a witness. . . .

I crawled slowly back to the house and into my bed and tried to sleep. But I could not. I tossed and turned from one side to another. At dawn I finally dozed off and dreamed of knives, iron rods, and the moon. I awoke early, prayed with great devotion, gulped a quick breakfast, and went straight to *kheder*.

"What's the big rush to *kheder?*" Father yelled after me. "What's chasing you? You won't lose much Torah by coming a bit later. Better say the grace properly, and don't skip anything. You still have plenty of time to be irresponsible, you ruffian, you renegade, you heathen." And he fell into a fit of coughing.

## 5

"How come so late? Well, look here," the rebbi scolded me. He pointed at my friend Berl the Redhead, who stood in a corner with bowed head. "You see, you scoundrel. Know that from this day on he will no longer be known as Berl the Redhead, the name he's had to this day. No, sir. Now he'll have a far finer name. From now on he'll be called Berl the Thief. So shout it out, my lads: Berl is a thi-ief! Berl is a thi-ief!"

The rebbi intoned these words in singsong pattern, and all the children chorused:

"Berl is a thi-ief. Berl is a thi-ief."

I stood there petrified; a cold wave surged over me. I didn't know what it all meant.

"Why the tight lips, you heathen?" the rebbi turned to me with an unexpected whack. "How come you're so quiet, you pagan? Don't you hear them all singing? Sing along with all the rest: Berl is a thi-ief. Berl is a thi-ief!"

My hands and feet shook. My teeth chattered. But I sang along:

"Berl is a thi-ief. Berl is a thi-ief!"

"Louder, heathen!" the rebbi spurred me on. "Louder, louder!"

Along with the entire chorus, I caterwauled: "Berl is a thi-ief. Berl is a thi-ief!"

"Shhh!" the rebbi cried suddenly, banging the table. "Pipe down! Now the trial's going to begin." And he chanted in Talmudic singsong, "Oho, Berl the Thief, come over here, my lad, and make it snap-py. Tell me, my boy, wha-at's your na-ame?"

"Berl."

"Berl wha-at?" the rebbi sang

**"Berl . . . Berl . . . the . . . Thief!"**

"That's the spirit, my dear lad, now you're a love-ly lit-tle bo-oy. And now Berele," the rebbi continued chanting, "live and be we-ell, and have vigor of body. Now if you please, take off all your garments. That's the way. Snap it up. Quicker. I beg you, just a little bit quicker. That's it, Berishke, my darling."

Berl stood there as naked as the day he was born. All the blood had drained out of his face. He did not move. His eyes were lowered. He looked like a dead man. A corpse.

The rebbi, still chanting, called one of the older students:

"Come now, Big Hershele, move to this side of the table, and make it snappy. That's it. Let's hear the story from beginning to end. Tell us how our Berl became a thief. Now listen carefully, my lads."

Big Hershele began to tell the story. Berl had got hold of the charity box named after Rebbi Meir the Miracle Worker, into which his mother dropped a kopeck or two every Friday evening before lighting the candles. Berl got hold of the locked charity box and with a tar-tipped straw drew out every last kopeck in the box. Then his mother, Zlate the Hoarse, caught on, opened the charity box, found the tar-tipped straw, and straight off snitched to the rebbi. Right after the rebbi's whipping, Berl admitted that for the past year he had been swiping kopecks out of the charity box and buying himself two honey-cakes and figs every Sunday . . . and so on and so forth.

ווי אַזוי ער האָט זיך יעדן זונטאָג געקויפֿט צוויי לעקעכלעך מיט אַ באָקסער! ווי אַזוי... און אזוי ווײַטער און ווײַטער.

— אַצינד, קינדער, מישפּט אים! איר ווייסט שוין, ווי אַזוי. דאָס איז שוין בײַ אײַך ניט דאָס ערשטע מאָל. לאָז יעדער זאָגן זײַן מישפּט, וואָס קומט אַ גנבֿ, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פֿון אַ צדקה־פּושקע. הערשל דער קליינער, זאָג דו צום ערשטן, וואָס קומט אַזאַ גנבֿ, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס מיט אַ שטרוי פֿון אַ צדקה־פּושקע?

דער רבי בייגט אײַן דעם קאָפּ אויף אַ זײַט, ער מאַכט צו די אויגן און שטעלט אונטער דעם רעכטן אויער צו הערשל דעם קליינעם. הערשל דער קליינער ענטפֿערט הויך, אויף אַ קול:

— אַ גנבֿ, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פֿון אַ פּושקע, קומט... מע זאָל אים קאַטעווען ביז בלוט זאָל גיין.

— משהל, וואָס קומט אַ גנבֿ, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פֿון אַ צדקה־פּושקע?

— אַ גנבֿ — זאָגט משהל מיט אַ וויינענדיק קול, — אַ גנבֿ, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פֿון אַ צדקה־פּושקע, קומט, מע זאָל אים אַנידערלייגן, צוויי אויפֿן קאָפּ, צוויי אויף די פֿיס, און צוויי זאָלן אים שמײַסן מיט אײַנגעזאַלצענע ריטער...

— טאָפּעלע טוטאַריטו! וואָס קומט אַ גנבֿ, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פֿון אַ צדקה־פּושקע?

קאָפּל קוקאַריקו, אַ יינגל, וואָס קען ניט אויסרעדן קיין קוף און קיין גימל, ווישט אויס דאָס נעזל און זינגט זײַן מישפּט מיט אַ קוויטש:

— אַ דנבֿ, וואָס שלעפּט טאָפּיטעס פֿון אַ פּושטע, טומט אים, אַז אַלע יינדלעך זאָלן צודיין צו אים נאָענט און זאָדן אים דלײַך אין פּנים דרײַ מאָל אויף אַ טול: דנבֿ! דנבֿ! דנבֿ!

אין חדר ווערט אַ געלעכטער. דער רבי נעמט זיך מיטן גראָבן פֿינגער אונטערן גאָרגל, ווי אַ חזן, און רופֿט מיך אויף מיטן ניגון, וואָס מע רופֿט אויף אַ חתן:

— יעמוד ה־ח־ת־ן ש־לום ברב נחום מפֿ־טיר! זאָג נאָר, דו, שלומניו, מײַן טײַערינקער, דײַן פּסק, וואָס קומט אַ גנבֿ, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פֿון אַ צדקה־פּושקע?

איך וויל ענטפֿערן — פֿאָלגט מיך ניט די צונג. איך ציטער ווי אין אַ קדחת, עס וואַרגט מיך אין האַלדז. אַ קאַלטער שווייס באַשלאָגט מיך פֿון אויבן ביז אַראָפּ. עס פֿײַפֿט מיר אין די אויערן. איך זע שוין פֿאַר זיך ניט דעם רבין, ניט דעם נאַקעטן "בערל דעם גנבֿ", ניט קיין חבֿרים; איך זע פֿאַר זיך נאָר מעסערלעך, אָן אַ שיעור מעסערלעך, ווײַסע, אָפֿענע מעסערלעך, מיט אַ סך קלינגלעך, און דאָרט, בײַ דער טיר, הענגט די לבֿנה, זי שמייכלט און קוקט אויף מיר, ווי אַ מענטש... עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ, דער גאַנצער חדר מיטן טיש, מיט די ספֿרים, מיט אַלע חבֿרים, מיט דער לבֿנה, וואָס הענגט אויף דער טיר, און מיט אַלע מעסערלעך... איך פֿיל, ווי די פֿיס ווערן מיר אונטערגעהאַקט. נאָך אַ מינוט, פֿאַל איך אום. נאָר איך שטאַרק זיך מיט אַלע כּחות און האַלט זיך אײַן, איך זאָל ניט פֿאַלן...

פֿאַר נאַכט קום איך אַהיים און פֿיל, אַז דאָס פּנים ברענט מיר, די בעקלעך פֿלאַמען און אין די אויערן זשומעט מיר. איך הער, מע רעדט צו מיר, נאָר וואָס — ווייס איך ניט. עפּעס זאָגט דער טאַטע, עפּעס בייזערט ער זיך, וויל מיר געבן פּעטש; די מאַמע שטעלט זיך אײַן פֿאַר מיר, צעלאָזט דעם פֿאַרטעך, ווי אַ קוואָקע די פֿליגל, בשעת זי באַשיצט אירע הינדלעך, מע זאָל זיי ניט אָנרירן צו שלעכטן... איך הער גאָר ניט, איך וויל גאָרניט הערן. איך וויל נאָר, ס'זאָל שוין ווערן גיכער נאַכט, איך זאָל קאָנען מאַכן אַן עק מיטן מעסערל... וואָס טוט מען מיט דעם? מודה זײַן זיך און אָפּגעבן דאָס? וועל איך האָבן בערעלעס פּסק. אונטערוואַרפֿן דאָס? טאָמער כאַפּט מען מיך... פֿאַרוואַרפֿן און אַן עק, אַבי פּטור ווערן! וווהין פֿאַרוואַרפֿט מען דאָס, אַז מע זאָל דאָס ניט געפֿינען? אויפֿן דאַך? וועט מען הערן אַ קלאַפּ. אין גאָרטן? וועט מען דאָס געפֿינען. אַהאַ! איך ווייס שוין, איך האָב אַן עצה: אַרײַנוואַרפֿן אין וואַסער אַרײַן! אַ טײַערע עצה, כלעבן — אין וואַסער אַרײַן, אין ברונעם, טאַקע אָט דאָ בײַ אונדז אויפֿן הויף!... דער דאָזיקער געדאַנק געפֿעלט מיר אַזוי שטאַרק, אַז איך וויל גאָר לאַנג נישט קלערן. איך כאַפּ דאָס מעסערל און לויף גלײַך צום ברונעם, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האַלט אין די הענט ניט קיין מעסערל, נאָר עפּעס אַ מיאוסקייט, אַ מין שרץ, פֿון וועלכן עס ווילט זיך מיר וואָס גיכער צו באַפֿרײַען זיך, פּטור ווערן. נאָר סע טוט מיר באַנג — אַזאַ טײַער מעסערל. אַ מינוט שטיי איך פֿאַרטראַכט און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האַלט אין האַנט אַ לעבעדיקע זאַך... דאָס האַרץ טוט מיר וויי אויף דעם: סטײַטש, סטײַטש, עס קאָסט מיך אַזוי פֿיל מי, עס איז אַ צער־בעלי־חיים!... איך נעם זיך אָן מיט האַרץ און לאָז דאָס מיט אַ מאָל אַרויס פֿון די פֿינגער — "פּליוך!"... עס טוט אַ פּלעשטשע דאָס וואַסער און מער הערט מען נישט... ניטאָ קיין מעסערל! איך שטיי נאָך אַ מינוט בײַם ברונעם און הער זיך צו — מע הערט גאָרנישט. דאַנקען גאָט, פּטור געוואָרן! כאָטש דאָס האַרץ קלעמט מיר, טוט מיר וויי: "סטײַטש, אַזאַ מעסערל, אַזאַ מעסערל!"...

איך גיי צוריק צו מײַן געלעגער און זע, ווי די לבֿנה קוקט מיר נאָך, און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי האָט געזען אַלץ וואָס איך האָב דאָ אָפּגעטאָן, און איך הער ווי אַ קול פֿון ווײַטנס: "אָבער דו ביסט פֿאָרט אַ גנבֿ... כאַפּט אים, קלאַפּט אים, ער איז אַ גנבֿ! אַ ג־אַ־אַ־נבֿ!" איך גנבֿע זיך אַרײַן צוריק אין הויז אַרײַן און לייג זיך שלאָפֿן, און עס חלומט זיך מיר, אַז איך לויף, איך שוועב, איך פֿלי אין דער לופֿטן מיטן מעסערל, און די לבֿנה קוקט אויף מיר און זאָגט: "כאַפּט אים! קלאַפּט אים! ער איז אַ גנבֿ! אַ ג־אַ־אַ־נבֿ!!!"...

[ו]

אַ לאַנגער, אַ לאַנגער שלאָף! אַ שווערער, זייער אַ שווערער חלום! עס ברענט אין מיר אַ פֿײַער. עס זשומעט מיר אין קאָפּ. אַלץ, וואָס איך זע, איז רויט ווי בלוט. ברענענדיקע ריטער פֿון פֿײַער קאַטעווען מײַן לײַב, און איך קאַטשע זיך אין בלוט.

"And now, children, pronounce judgment. You know what to do. It's not the first time we're doing this. Let each one declare what punishment should be meted out to a thief who steals kopecks from a charity box with a tar-tipped straw. Little Hershele, you begin."

The rebbi cocked his head, closed one eye, and cupped his right ear. Little Hershele answered loudly:

"A thief who steals kopecks from a charity box should be whipped till the blood begins to flow."

"Moshe, what do you say?"

"This is what should be done," said Moshe plaintively, "to a thief who steals money from a charity box. He should be stretched out on the ground. Two boys should sit on his hands, two on his feet, and two should beat him with well-salted rods."

"What do you say, Kopele?"

Kopele wiped his nose and squeaked out his judgment:

"A thief who swipes kopecks from a charity box should have all the kids come up to him and sing right into his face loud and clear: You're a crook, you're a crook, you're a big fat crook."

Everyone burst out laughing. The rebbi put his thumb under his throat like a cantor and summoned me with the traditional melody used to call a groom to the Torah.

"Step forth now, bridegroom Reb Sholom ben Reb Nakhum, to chant the Maftir. Tell me, Sholomke, my pet, what punishment do you suggest for a thief who takes kopecks out of a charity box?"

I wanted to reply, but my tongue did not obey me. I shivered as though in a fever. I felt as though I were being strangled. A cold sweat covered me from head to toe. My ears rang. I no longer saw the rebbi, my friends, or the stark-naked Berl the Thief. I only saw knives—an endless array of white, open, multibladed knives. The moon hung suspended by the door. It smiled and gazed at me as though it were human. My head spun. Everything was revolving—the *kheder*, my friends, the table, the books, the moon suspended on the door, all the knives. My legs were being cut away beneath me. Soon I'd keel over. But with effort I braced myself to keep from falling.

At night I came home. My face burned, my cheeks flamed, and my ears buzzed. I couldn't make out what people were saying to me. Father said something. He was angry and wanted to slap me. Mama stood up for me. Spread her apron like a hen taking her chicks under her wings. I didn't hear a thing. I didn't want to hear. I just wanted night to fall quickly so I could make an end of the penknife. What should I do with it? Confess and return it? Then I'd end up like Berele. Return it secretly? What if they caught me? The solution was to throw it away and be rid of it. Where could I throw it so they'd never find it? The roof? They'd hear a bang. The garden? They'd find it. Aha. I had an idea. I knew where to throw it. Into the water. I swear, that was a great idea! Into the water. Into the well. Right here in our courtyard.

The idea pleased me so much I decided I wasn't going to deliberate too long. I grabbed the penknife and dashed to the well. I wasn't holding a knife, I imagined, but something hideous and despicable that I wanted to get rid of—and the quicker, the better. Still, I regretted losing the knife—it was so expensive. I stood for a minute lost in thought. I fancied I was holding a living thing, and my heart grieved. After all, it had cost me so much effort; it was like destroying a living creature. But I plucked up my courage and let it slip out of my fingers. Plop! The water splashed and then fell silent. Good-bye knife! I stood for a while at the well, listening. Not a sound. Thank God. Finally had got rid of it. Nonetheless, my heart felt heavy. It hurt me. After all, there was nothing like that knife.

I went back to bed and saw the moon gazing at me. I fancied it had seen my every move. I heard a distant voice saying, "But you're still a thief. . . . Catch him . . . beat him . . . he's a thief . . . a thi-ief!"

I slipped back into the house and lay down to sleep. I dreamt I was running, floating, flying in the air with the knife. The moon noticed me and said, "Catch him. Beat him. He's a thief. A thi-ief!"

## 6

A long, deep sleep. Oppressive dreams. A fire burned within me. My head hummed. Everything was red as blood. Fiery rods struck me. I wallowed in blood. Snakes and scorpions writhed about me, mouths open, ready to swallow me. I heard a sharp

מיך אײַנשלינגען... גלײַך אין אויער אַרײַן הער איך אַ בלאָז: תּקיעה — טהו! שבֿרים־טהו־טו! תּרועה — טהו־טו־טו־טו! און אײנער שטײט איבער מיר און שרײַט אויף אַ קול מיט אַ ניגון, צום טאַקט: „שמײַסט אים! שמײַסט אים! שמײַסט אים! ער איז אַ ג־אַ־אַ־נבֿ!!!“ און אַלײן שרײַ איך: „גוואַלד, נעמט צו פֿון מיר די לבֿנה! גיט איר אָפּ דאָס מעסערל! וואָס האָט איר צו בערלען נעבעך? ער איז ניט שולדיק — דאָס בין איך אַ ג־אַ־אַ־נבֿ! אַ ג־אַ־אַ־נבֿ!“...

און װײַטער געדענק איך ניט.

.......................................................................

איך עפֿן אויף אײן אויג, און דאָס אַנדערע אויג... װוּ בין איך? דאַכט זיך, אויף אַ בעט? וואָס טו איך דאָ? ווער זיצט דאָס אָט דאָרט אויף אַ בענקל, בײַם בעט? אַ! דאָס ביסטו, מאַמע? מאַמע!... זי הערט מיך ניט!... מאַמע! מאַמע! מאַאַאַמע!!!... וואָס הײסט דאָס? מיר דאַכט, אַז איך שרײַ אויף אַ קול!... שאַ! איך הער זיך צו — זי װײנט? זי װײנט שטילערהײט. אויך זע איך דעם טאַטן מיט זײַן געל קרענקלעך פּנים. ער זיצט איבער אַ ספֿר און זאָגט עפּעס שטילערהײט און הוסט און זיפֿצט און קרעכצט... עס װײַזט אויס, אַז איך בין געשטאָרבן... געשטאָרבן?... מיט אַ מאָל פֿיל איך, װי עס װערט מיר ליכטיק אין די אויגן, גרינג אין קאָפּ, גרינג אין אַלע אבֿרים. עס קלינגט מיר אין אײן אויער, אינעם אַנדערן אויער: דזיננננן!!! איך גיב אַ ניס: אַפּטשי!...

— צו געזונט! צו אַריכות־ימים! צו לאַנגע יאָרן! אַ סימן־טובֿ! מזל־טובֿ! געלויבט ביסטו, גאָט!

— באמת גענאָסן! געלויבט דער אײבערשטער!

— מיר האָבן אַ גרויסן גאָט! ער װעט, אם־ירצה־השם, זײַן געזונט, גאָט ברוך־הוא־וברוך־שמו!

— לאָז מען רופֿן גיכער אַהער מינצי די שוחטקע: זי שפּרעכט גוט אָפּ אַן עין־הרע.

— דעם דאָקטער װאָלט מען באַדאַרפֿט רופֿן, דעם דאָקטער!

— דעם דאָקטער? צו וואָס? נאַרישקײט! „ער“ איז אַ דאָקטער! דער אײבערשטער איז דער בעסטער דאָקטער! גאָט ברוך־הוא־וברוך־שמו!

— צעגײט זיך, עולם, צעגײט זיך אַ ביסל! עס איז שרעקלעך הײס! אום גאָטעס װילן, צעגײט זיך!

— אַיאָ? איך האָב אײַך געזאָגט, אַז מע דאַרף אים אויסגיסן מיט װאַקס, האַ? װער איז גערעכט?

— געלויבט איז גאָט! געלויבט איז השם־יתבּרך!... אוי, גאָט, גאָט, גאָט ברוך־הוא־וברוך־שמו!...

מע דרײט זיך אַרום מיר, מע קוקט אויף מיר. יעדער גײט צו און טוט מיך אַ טאַפּ בײַם קאָפּ. מע שפּרעכט מיך, מע שעפּטשעט מיך, מע לעקט מיר דעם שטערן און מע שפּײַט אויס און מע פּילנעװעט מיך: מע גיסט מיר אין מויל אַרײַן זודיקע יויך און מע שטופּט מיר מיט לעפֿעלער אײַנגעמאַכטס, — אַלע דרײען זיך אַרום מיר, מע היט מיך אָפּ, װי דאָס שװאַרצאַפּל פֿונעם אויג, מע האָדעװעט מיך מיט ײַכלעך און מיט קאַטשקעלעך, װי אַ פּיצעלע קינד, און מע לאָזט מיך נישט אַלײן; עס זיצט תּמיד נעבן מיר די מאַמע און דערצײלט מיר איבער אַלע מאָל איבער אַ נײַס די גאַנצע געשיכטע, װי אַזוי מע האָט מיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד כּמעט אַ טויטן; װי אַזוי איך בין געלעגן צװײ װאָכן כּסדר אין אַ העליש פֿײַער און האָב נאָר געקװאַקעט, װי אַ זשאַבע, און עפּעס כּסדר גערעדט פֿון שמיץ און פֿון מעסערלעך... מע האָט שוין גערעכנט, אַז איך בין שוין חלילה געשטאָרבן... און נאָך דעם, פּלוצעם, האָב איך אַ ניס געגעבן זיבן מאָל, ממש פֿון טויט לעבעדיק געװאָרן...

— הײַנט זעען מיר, וואָס פֿאַר אַ גאָט מיר האָבן, ברוך־הוא־וברוך־שמו! — לאָזט אויס די מאַמע מיט טרערן אויף די אויגן. — הײַנט זעען מיר, אַז מע רופֿט צו אים, הערט ער אויס אונדזערע זינדיקע בקשות און אונדזערע שולדיקע טרערן... אַ סך, אַ סך טרערן האָבן מיר פֿאַרגאָסן, איך און דער טאַטע, ביז גאָט האָט רחמנות געהאַט... שיער, שיער נישט אָנגעװאָרן, פֿאַרזינדיקט אַ קינד חלילה, מיר זאָל זײַן פֿאַר דײַנע בײנער, איבער װעמען? איבער וואָס? איבער אַ ייִנגל, אַ גנבֿ, עפּעס אַ בערעלע, וואָס דער רבי האָט פֿאַרשמיסן אין חדר ביזן בלוט אַרײַן. אַז דו ביסט געקומען צו גײן פֿון חדר, ביסטו שוין געװען אַ טויטער, דער מאַמע זאָל זײַן פֿאַר דיר! דאָס איז אַ רוצח, דאָס איז אַ גזלן, גאָט זאָל אים באַצאָלן, רבונו־של־עולם!... נײן, מײַן קינד, אַז גאָט װעט אונדז שענקען דאָס לעבן און דו װעסט, אם־ירצה־השם, אויפֿשטײן געזונטערהײט, װעלן מיר דיך שוין אָפּגעבן צו אַן אַנדערן מלמד, ניט אַזאַ קאַט, אַזאַ רוצח, װי אָט דער „מלאך־המות“, ימח־שמו־וזכרו זאָל ער װערן!

די דאָזיקע בשׂורה איז בײַ מיר שרעקלעך אָנגעלײגט! איך כאַפּ אַרום די מאַמע קושן:

— טײַערע, טײַערע מאַמע!...

און דער טאַטע גײט צו צו מיר פּאַװאָליע, לײגט אַרויף זײַן בלײכע קאַלטע האַנט מיר אויפֿן שטערן און זאָגט צו מיר שוין װײך, אָן אַ שום כּעס:

— אײַ, האָסטו אונדז איבערגעשראָקן, דו שקאָץ אײנער, קכע־הע־הע־הע!

אויך דער ייִדישער דײַטש, אָדער דער דײַטשער ייִד, הער הערץ הערצנהערץ, מיט אַ „צײגײַער“ אין די צײן, בײגט זיך אָן מיט זײַן געגאָלטער מאָרדע איבער מײַן בעטל און טוט מיך אַ גלעט איבערן בעקל און זאָגט אויף דײַטש:

— גוט, גוט! געזונד, געזונד!...

*

אין אַ פּאָר װאָכן אַרום נאָך מײַן אויפֿשטײן פֿון בעט רופֿט זיך אָן צו מיר דער טאַטע:

— נו, מײַן זון, אַצינד גײ אין חדר אַרײַן, און האָב שוין מער ניט אין זינען קײן מעסערלעך מיט קײן נאַרישקײטן... שוין צײַט זאָלסט שוין אָנהײבן װערן אַ שטיקל מענטש; אם־ירצה־השם, איבער דרײַ יאָר װערסטו שוין בר־מצוה, צו הונדערט און צװאַנציק יאָר, קכע־הע־הע!

blast near my ear—the shrill retorts of a ram's horn. Someone stood over me, chanting rhythmically: "Beat him. Beat him. Beat him. He is a thi-ief!" I cried, "Help! Take the moon away from me. Give the moon the knife. . . . What have you got against Berele? He's not to blame. It's me who's the thi-ief, the thi-ief!"

The rest I don't remember.

* * *

I opened one eye, then the other. . . . Where was I? Apparently, on a bed. What was I doing here? Who was sitting on a bench next to the bed? Oh, it's you, Mama?

Mama!

She didn't hear me.

Mama! . . . Mama! . . . Ma-maa. . . .

What did this mean? I was sure I was shouting. . . . Wait. I listened. She was crying. Crying softly. I also saw Father's yellow, sickly face. He was bent over a book. He said something softly and coughed. He sighed and groaned. Apparently, I was already dead. . . . Dead? But then I felt my eyes brightening. My head felt better. So did the rest of my body. One ear buzzed, then the other. . . . *Zzzzing*. I sneezed—*haptshoo!*

"God bless you. Long life to you. Many years of good health. *Mazel tov*. Congratulations. Oh, dear God, thank you!"

"He actually sneezed. Thanks to the Almighty Lord!"

"We have a great God. The boy will be well, God willing. Blessed be He, and blessed be His name."

"Quick, let's call Mintzie the *shokhet's* wife. She's an expert at charms to ward off the evil eye."

"Better call the doctor. The doctor."

"The doctor? What for? Nonsense. There is a better doctor. The Almighty is the best doctor in the world. God, blessed be He, and blessed be His name!"

"Move on, folks. Please disperse a bit. It's awfully hot. For God's sake, move on."

"Well? I told you we should pour out a wax image* of him! So who was right, hah?"

"Thank God. Praised be the Lord. O God, God, blessed be He, and blessed be His name."

People swarmed around me; they stared at me. Everyone approached and tapped my forehead. They said charms over me; they whispered to me; they licked my forehead and spat; they tended me. They poured hot soup into me and stuffed me with spoonfuls of fruit preserves. Everyone hovered over me, caring for me like the apple of their eye. They fed me broths and ducklings like a baby; they did not leave me alone. Mama always sat next to me and repeated the entire story. I had fallen to the ground virtually lifeless, and they had to lift me up. I lay delirious for two weeks, croaking like a frog, babbling continually about whippings and knives. . . . They thought that I was quitting this world, God forbid. Then suddenly I sneezed seven times and returned from the dead to life.

"Now we know what sort of God we have, blessed be He, and blessed be His name," said Mama with tears in her eyes. "Now we know that if we call to Him, He hears our sinful requests and our guilt-ridden tears. . . . We shed plenty of tears, your father and I, until finally God showed some pity. Almost lost a child, God forbid. Almost lost a child on account of our great sins. May we suffer what God intended for you. Who prompted all this trouble? What was it all about? A boy, a thief, some Berele whom the rebbi beat up in *kheder* till he was bleeding. When you came home from *kheder*, you looked half-dead already, may I suffer all your ills! What a murderer that rebbi is; what a brute! May God get even with him, dear Lord! . . . No, no, my child. If we live and be well, and you rise from your sickbed, God willing, we'll get you another teacher, not such a hangman, such a murderer like this Angel of Death, may his name and memory be blotted out!"

This bit of news delighted me no end. I hugged Mama and kissed her.

"Dear, dear Mama."

Father approached slowly, touched my forehead with his cold pale hands, and said softly, without a trace of anger:

"Oh, you've given us quite a fright, you little rascal." And he fell into a fit of coughing.

Even our beardless Jewish German, Herr Hertz Hertzenhertz, bent over my bed with a cigar between his teeth, patted my cheek, and said in German:

"Gut, gut! You're helsy, you're shtrong and helsy now."

Two weeks after I had recuperated, my father said:

"Well, my boy, now go to *kheder*, and pay no more mind to knives or other such nonsense. . . . It's high time you grew

* A folk belief that pouring out a wax image of someone was beneficial—Tr.

מיט אַזעלכע זיסע ווערטער שיקט מיך דער טאַטע אַרויס אין חדר אַרײַן צום נײַעם מלמד, צו רב חיים קאָטער. דאָס ערשטע מאָל הער איך פֿון מײַן בייזן טאַטן אַזעלכע גוטע, ווייכע ווערטער, און איך פֿאַרגעס אין איין מינוט אַלע זײַנע רדיפֿות, מיט אַלע זײַנע קללות, מיט אַלע זײַנע פּעטש, גלײַך ווי ס׳איז גאָרנישט געווען אויף דער וועלט. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך אים אַרומגעכאַפּט קושן. נאָר, כּי־כּי־כּי — ווי אַזוי קושט מען אַ טאַטן?...

די מאַמע גיט מיר מיט אין חדר אַרײַן אַ גאַנצן עפּל מיט צוויי גראָשן, און אויך דער דײַטש שענקט מיר אַ פּאָר קאָפּיקעס מיט אַ קניפּ אין בעקל, רעדט אויף זײַן שפּראַך:

— היבשער קנאַבע! גוט, גוט!...

איך נעם די גמרא "ביצה" אונטער דער האַנט, איך טו קושן די מזוזה און גיי אין חדר אַרײַן, ווי אַ נײַ־געבאָרענער, מיט אַ ריין האַרץ, אַ גרינג האַרץ, מיט אַ לויטערן, קלאָרן קאָפּ, מיט נײַע מחשבֿות, מיט פֿרישע, ערלעכע, פֿרומע געדאַנקען. די זון קוקט אַראָפּ און גריסט צו מיר מיט אירע וואַרעמע שטראַלן. דאָס ווינטעלע פֿאַרגנבֿעט זיך צו מיר אונטער אַ פּאה, די פֿייגעלעך פּישטשען: "טיף־טיף־טיף־טיף!"... עס הייבט מיך, עס טראָגט מיך אין דער לופֿטן, עס ווילט זיך מיר לויפֿן, שפּרינגען, טאַנצן — אַך, ווי גוט, ווי זיס דאָס איז, אַז מע לעבט און מען איז אַן ערלעכער, מען איז ניט קיין גנבֿ, ניט קיין ליגנער!

איך קוועטש צו די גמרא צום האַרצן שטאַרק־שטאַרק, און לויף אין חדר אַרײַן געשמאַק־געשמאַק, און איך שווער בײַ דער גמרא, אַז איך וועל קיין מאָל, קיין מאָל ניט זאַטשעפּען קיין פֿרעמדס, קיין מאָל, קיין מאָל נישט גנבֿענען, קיין מאָל, קיין מאָל נישט לייקענען, תּמיד זײַן אַן ערלעכער, אַן ערלעכער, אַן ערלעכער...

up. In three years, God willing, you'll be Bar Mizvah, may you live to be a hundred and twenty." And he fell into a fit of coughing.

With these sweet words Father sent me to a new *kheder*, run by Reb Khayim Koter. This was the first time that I had heard such kind and gentle words from my usually irascible father. In an instant I forgot all his persecutions, all his curses, all his smacks—it was as though they had never happened. If not for embarrassment, I would have hugged and kissed him. Still, how can one possibly kiss one's father?

Mama gave me a whole apple and two kopecks to take to *kheder*, and the German, too, pinched my cheek and presented me with two kopecks.

"Gut boy!" he said. "Eggzellent boy."

I took a Talmud folio, kissed the *mezuza*, and went to *kheder* like a newborn man, calm, clearheaded and pure of heart, spiritually refreshed, with honest and pious thoughts. The sun greeted me with its warm rays. A light breeze blowing at my earlocks sounded like a bird chirping. I felt as if I were uplifted, flying. I felt like running, dancing, leaping. Oh, how good it was to be alive when one was honest, when one was neither thief nor liar!

I pressed the Talmud folio close to my heart and ran eagerly to *kheder*. I swore that I would never ever take anything that wasn't mine, that I would never ever steal, that I would never ever deny anything, but would always be honest—absolutely honest.

**מוסטער־טעקסט פֿון שלום־עליכמס אַלע ווערק**
**אונטער דער רעדאַקציע פֿון חיים פּייפּער און חנא שמערוק**

Curt Leviant, trans. Sholom Aleichem, Some Laughter, Some Tears
Paragon, 1979, pp. 113–28.

ביבליאָגראַפֿיש־טעקסטאָלאָגישער סך־הכּל און טעקסטן־נוסחאות

"דאָס מעסערל"

דעם ערשטן נוסח פֿון "דאָס מעסערל" האָט שלום־עליכם אָנגעשריבן במשך פֿון איין נאַכט בשעת זײַנעם אַ געשעפֿטלעכן באַזוך און קיעוו, ווײַזט אויס, אַרום זומער 1886 (זען זײַנע אויטאָביאָגראַפֿישע פֿאַרצייכענונגען בײַגעלייגט צו דעם בריוו צו י״ח ראַווניצקין פֿון חוה״מ סוכּות תּרס״ד אינעם זאַמלבוך **צום אָנדענק פֿון שלום עליכם**, רעדאַקטירט פֿון י׳ צינבערג און ש׳ ניגער, פּעטראָגראַד 1917, ז׳ 95).

דער ערשטער נוסח פֿון דער דערציילונג איז דערשינען אין אַ באַזונדער ביכל פֿון 26 ז״ז אין פּעטערבורג אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 1887 (זען פֿאַקסימיליע פֿונעם שער אויף ז׳ 18; דאָס יאָר "תּרמ״ו" אויפֿן שער איז זיכער אַ גרײַז און ס׳דאַרף זײַן "תּרמ״ז", ווײַל די צענזור־דערלויבעניש, אויף דער צווייטער זײַט פֿונעם שער, איז פֿונעם 13טן מאַרץ 1887). דאָס ביכל איז געווען געדרוקט אויף שלום־עליכמס חשבון אין ישׂראל לויס דרוקערײַ אין 3000 עקזעמפּלאַרן. במשך פֿון דרײַ וואָכן איז די גאַנצע אויפֿלאַגע אויספֿאַרקויפֿט געוואָרן (שלום־עליכמס בריוו צו יוסף מאַזאָר פֿונעם 21סטן מאַי 1887, בית שלום־עליכם, נומ׳ ממ/4/4). די דאָזיקע אויסגאַבע פֿון 1887 איז דער איינציקער באַקאַנטער טעקסט פֿונעם ערשטן נוסח פֿון "דאָס מעסערל".

אין בית שלום־עליכם האָט זיך אויפֿגעהיט אַ פֿאָטאָקאָפּיע פֿון שלום־עליכמס אַ כּתבֿ־יד, ווײַזט אויס די שוואַרצשריפֿט, פֿונעם צווייטן נוסח פֿון "דאָס מעסערל" מיט אַן אונטערקעפּל "אויסגעבעסערט און איבער אַ נײַס אַרויסגעגעבן" (זען פֿאַקסימיליע אויף ז׳ 3). דער כּתבֿ־יד איז בפֿירוש דאַטירט 1901. דאָס מוז אָבער זײַן די דאַטע ווען שלום־עליכם האָט אָנגעהויבן אַרבעטן איבערן נײַעם נוסח. ווײַל דעם אָנהייב פֿון דער אַרבעט האָט ער געהאַט אָנגעזאָגט אין אַ בריוו צו ראַווניצקין פֿונעם 4טן דעצעמבער 1901 (בריוו נומ׳ 109 אין דער צײַטונג **דער טאָג** פֿונעם 23סטן דעצעמבער 1923). ס׳ האָט זיך געהאַנדלט אין אַ נײַעם ייִדישן נוסח, וועלכן מ׳האָט געדאַרפֿט איבערזעצן אין העברעיִש פֿאַר אַ סעריע פֿון קינדער־ביכלעך. אָבער אַ האַלב יאָר שפּעטער האָט שלום־עליכם נאָך געשריבן קיין אָדעס צו ביאַליקן און ראַווניצקין וועגן זעלבן ענין "איך קאָן אײַך, ברידער, קיין באַשטימטע צײַט נישט געבן. איר זאָלט אַזוי האָבן צײַט עסן און באָדן זיך אין ים, ווי איך האָב צײַט שרײַבן ׳מעסערלעך׳..." (בריוו נומ׳ 146 צו י״ח ראַווניצקין, פֿונעם 26סטן מאַי 1902, **דער טאָג** פֿונעם 9טן מאַרץ 1924).

צום ערשטן מאָל איז דער דאָזיקער צווייטער נוסח פֿון "דאָס מעסערל" דערשינען אינעם ערשטן באַנד פֿון **שלום עליכמ׳ס אַלע ווערק**, וואַרשע 1903, ז״ז 75–98. אין פֿאַרגלײַך מיטן אויבן דערמאָנטן כּתבֿ־יד זענען אין דעם געדרוקטן טעקסט פֿונעם צווייטן נוסח פֿאַראַן נאָר ווייניקע ניט קיין ממשותדיקע שינויים. פֿאַר שלום־עליכמס לעבן איז די דערציילונג מער קיין

# דאָס מעסער׳ל

(אַ נאַרעשע, נאָר אַ טראָהריגע געשיכטע פֿון מיין קינדהייט)

ערצעהלונג פֿון

## שלום עליכם.

ס״ט פּטרבורג
בדפוס ר׳ ישראל לעווי ושותפו.
שנת תרמ״ו לפ״ק.

# НОЖИКЪ

(Ничтожное но печальное событiе изъ моего дѣтства).

Разсказъ ШАЛОМЪ АЛЕЙХЕМА.

С.-ПЕТЕРБУРГЪ.
Типографiя И. С. Леви и Ко. Б. Подъяческая, № 35.
1887.

8

מאָל ניט דערשינען. מיט גאָר קליינע שינויים אין פֿאַרגלײַך מיטן אָפּדרוק פֿון 1903 איז "דאָס מעסערל" אַרײַן אינעם אַכטן באַנד פֿון **אַלע ווערק**, **מעשׂיות פֿאַר אידישע קינדער**, ניו־יאָרק 1918, ז"ז 7–32. פֿון דאַנען איז דער טעקסט איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַלע שפּעטערדיקע אויסגאַבעס פֿון "דאָס מעסערל".

אין אונדזער עדיציע ברענגען מיר דעם צווייטן נוסח לויטן כּתבֿ־יד און לויט זײַן ערשטן אָפּדרוק פֿון 1903.

*

אינעם ערשטן נוסח פֿון 1887 האָט "דאָס מעסערל" אַן אונטערקעפּל אויפֿן שער: "אַ נאַרישע, נאָר טרויעריקע געשיכטע פֿון מײַן קינדהייט". כאָטש דאָס אונטערקעפּל פֿעלט אינעם צווייטן נוסח, האָט שלום־עליכם זיך געמיט אונטערצושטרײַכן דעם אויטאָביאָגראַפֿישן יסוד פֿון דער דערציילונג אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים. אינעם צווייטן נוסח ווערט דער דערציילער אין דער ערשטער פּערזאָן אָנגערופֿן מיטן מחברס און מיט זײַן פֿאָטערס פֿאַקטישע נעמען "שלום בן נחום" (זען ז' 13). אינעם ערשטן נוסח ווערט דער נאָמען פֿונעם דערציילער ניט דערמאָנט, זײַן פֿאָטער הייסט דאָרט "לייזער". אין די אויבן דערמאָנטע פֿאַרצייכענונגען פֿון תּרס"ד האָט שלום־עליכם בפֿירוש דערציילט וועגן דעם ערשטן נוסח: "... האָב ניט געקאָנט אַנטשלאָפֿן ווערן. בין איך אויפֿגעשטאַנען, זיך געזעצט צום שרײַבטיש און אָנגעשריבן, ניט אָנגעשריבן, נאָר אויסגעגאָסן, אַ זאַך, אַ דעראינערונג, פֿון מײַנע חדר־יאָרן און האָב דאָס אַ נאָמען געגעבן 'דאָס מעסערל'" (דאָרט, ז' 95).

אָבער כאָטש דער אויטאָביאָגראַפֿישער כאַראַקטער פֿונעם סיפּור־המעשׂה האָט זיך אין תּוך ניט געביטן, זענען ביידע נוסחאות פֿון "דאָס מעסערל" ביז גאָר פֿאַרשיידן. אויב דער ערשטער נוסח פֿון "דאָס מעסערל" דאַרף זיכער באַטראַכט ווערן ווי אַ דערציילונג פֿאַר דערוואַקסענע, וואָס איר עיקרדיקע כּוונה איז אַ גאָר שאַרפֿע קריטיק פֿונעם טראַדיציאָנעלן דערציונג־ און בילדונג־סיסטעם אין דער היים און אין חדר, איז די דאָזיקע כּוונה כּמעט פֿאַרשוווּנדן אינעם צווייטן נוסח. און אינעם כּתבֿ־יד פֿונעם צווייטן נוסח איז פֿאַראַן אַ בפֿירוש אונטערקעפּל וואָס באַצייכנט "דאָס מעסערל" ווי "אַ מעשׂה פֿאַר יידישע קינדער". די ענדערונגען אין צווייטן נוסח, סײַ דאָס צוגעגעבענע פֿון דאָס נײַ און סײַ דאָס אויסגעמעקטע און געענדערטע אין פֿאַרגלײַך מיטן ערשטן נוסח פֿון 1887, איז בפֿירוש אויסן צוצופּאַסן "דאָס מעסערל" פֿאַר דעם נײַעם אַדרעסאַט. די דאָזיקע טענדענץ ווערט פֿולשטענדיק קלאָר פֿונעם ווײַטערדיקן איסוואַל פֿון טעקסט־ציטאַטעס פֿונעם ערשטן נוסח, וואָס זענען אינעם צווייטן נוסח ניט פֿאַראַן. דער נײַער מאָטאָ פֿון דער דערציילונג, פֿון די עשׂרת־הדיברות, וואָס פֿעלט אינעם ערשטן נוסח, שטימט מיטן מאָראַליסטישן סיום פֿון דער דערציילונג אין איר נײַעם לבֿוש, לויט די דעמאָלט אַלגעמיין גילטיקע קאָנווענצן אין דער קינדער־ליטעראַטור.

אינעם נײַעם נוסח פֿון 1903 זענען מילדער און איידעלער אַלע געשטאַלטן אין "דאָס מעסערל" — דער עיקר דאָס געשטאַלט פֿונעם פֿאָטער, אָבער אויך פֿון דעם הער הערץ הערצנהערץ. אַפֿילו דער מלמד איז מילדער ווי דאָס פּאַראַלעלע געשטאַלט אינעם נוסח פֿון 1887. אין צווייטן נוסח פֿעלט דאָס געשטאַלט פֿון דער גאָר שטאַרק קריטיקירטער מומע סימע. ס'איז קענטיק אינעם צווייטן נוסח אַ שפּראַכלעך־סטיליסטישע רעדאַקציע, וואָס קומט טיילווײַז צום אויסדרוק אינעם פֿאַרבײַט אויף מער קאָלאָקוויאַלע אויסדרוקן: באמת טאַקע

**(געווען אין 1887: ווירקלעך); וווּנדערלעכער (צאַבערלעכער!); בלישטשעט (בליאַסקעט); עצה (אידעע); חלום (קאָשמאַר); רוצח (ראַזבאָיניק); בשורה (לעצטע נײַס) אאַז"וו.**

**דער ערשטער נוסח איז ניט געווען פֿאַרטיילט אין קאַפּיטלעך.**

*

ז' 4, שורה 11 פֿון אויבן איז נאָך "נאָר וואָס אָנגעהויבן צו לערנען גמרא" געווען אין 1887: 'גיטין' האָבן מיר געלערנט; איך האָב אַ סימן, אַז דעמאָלט האָט מיך דער רבי שטאַרק געממיתט; דער רבי איז געווען דעמאָלט (ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן, עה"ש!) 'דער כאַדראַקער', אָדער ווי מיר ייִנגלעך האָבן אים גערופֿן: 'מאָטי גזלן'... אוי, האָט ער געשלאָגן! אוי, האָט ער געשמיסן! ביז דעם בלוט אַרײַן! ביז דעם טויט אַרײַן! דערצו איז ער נאָך געווען אַ שיכּור אויך, אַ גוואַלדאָוונער שיכּור! ער האָט זיך פֿאַרגונען איין מאָל, ל"ג בעומר, אויסטרינקען, פֿאַוואָלינקע, בלא גוזמא... נאָר וווּהין בין איך פֿאַרקראָכן? (ז' 4).

ז' 5, שורה 13 פֿון אונטן איז געווען נאָך: "קומענדיק פֿונעם חדר":

מיט אַ פֿאַרדולטן קאָפּ פֿון זייער אַ פֿאַרפּלאָנטערטער פֿראַגע פֿון דער גמרא: 'האשה שנפלה מן הגג ונתקע בעץ' (אַ יידענע, וועלכע איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אַ דאַך און האָט זיך אַרויפֿגעשטעקט אויף אַ שטיק האָלץ...),[1] איבער וועלכע מאָטי גזלן האָט מיך שיער געטויט... וואָס האָב איך געזינדיקט, אַז אַ יידענע קלעטערט אויף אַ דאַך און פֿאַלט אַראָפּ? וואָס בין איך שולדיק, אַז זי היט זיך ניט און פֿאַלט גלײַך אויף אַ שטיק האָלץ? פֿאַר וואָס קומט דאָס מיר, אַז מ'זאָל מיך אויפֿהייבן פֿאַר די אויערן ביז דער סטעליע און מע זאָל מיך שלאָגן גלײַך אין די ציין אַרײַן איבער אַ נאַרישער יידענע, וועלכע אאַז"וו?... די דאָזיקע אַלע געדאַנקען זענען געווען טיף באַגראָבן אין מיר, און קיינער האָט פֿון דעם נישט געוווּסט (ז' 7).

ז' 6, שורה 12 פון אונטן איז געווען נאָך "פֿונעם נאַקעטן קאָפּ":

אאַז"וו?... איך האָב, געוויינטלעך, איבערגעגעבן דעם רבין (מאָטי גזלן) אַלע חפֿציות פֿונעם דאָזיקן דײַטשישן ייד, האָט מאָטי גזלן אַליין מיט זײַן מויל געזאָגט, אַז ער, דער דאָזיקער דײַטש איז איינער פֿון די רשעים, וואָס דער גיהנום איז פֿאַר זיי קאַרג, און איידער זיי וועלן זיך שטעלן צום בית־דין של מעלה מוזן זיי פֿריער עטלעכע דורות מגולגל ווערן אויף דער וועלט אין אַ בער, אַ וואָלף, אַ הונט, אַ 'דבֿר־אחר' אאַז"וו. און נאָך דעם טויזנט מאָל טויזנט מאָל דורכפֿליען כּף־הקלע פֿון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן עק וועלט און ערשט נאָך דעם אַרײַנטרעטן, אי דאָס מיט זכות־אבֿות, אין דעם ערשטן פֿאָדערשטיבל פֿונעם גיהנום... (ז"ז 8–9)

1 ס' האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ "מוכת עץ", אַ מיידל וואָס האָט פֿאַרלוירן אירע בתולים צוליב אַן אומגליקספֿאַל, אַ קלאַפּ פֿון אַ שטיק האָלץ (זען כּתובֿות, פּרק א, משנה ג און ז). אין דער גמרא ווערט דער ענין באַהאַנדלט אין כּתובֿות יא, א און אין יבמות נד, א. די ציטאַטע און דער מראה־מקום בײַ שלום־עליכמען זענען ניט קיין פּינקטלעכע. אינעם צווייטן נוסח איז באַזײַטיקט געוואָרן דער דאָזיקער "עראָטישער" חדר־לימוד און אויף זײַן אָרט איז געקומען "שור שנגח את הפרה" (בבא קמא, מו, א).

ז׳ 10, שורה 16 פֿון אויבן איז געוועזן נאָך "זינגט אַ דײַטשיש לידל":
און טוט אַלע מאָל אַ קניפּ דאָס דינסטמיידל (פֿרומקע — אַ גאַנץ שיין מיידל מיט רויטע באַקן); דאָס דינסטמיידל רײַסט זיך אויס און אַנטלויפֿט און דער הער הערצנהערץ קוקט אויף מיר און לאַכט... מיט איינעם וואָרט אַלע האָבן דאָס רעכט צו געניסן פֿונעם דאָזיקן זעלטענעם זומער־אָוונט, נאָר איך ניט! איך דאַרף ליגן אין שטוב, אין דער שרעקלעכער היץ, ווו מע קאָן דעם אָטעם ניט כאַפּן, און דאַרף אַרײַנקוקן אין אַ ספֿר!... נאָר וואָרט!... אַלע לייגן זיך שלאָפֿן; די ליכט ווערן געלאָשן; יעדער שלאָפֿט זיך אויף זײַן געלעגער; אפֿילו דער הער הערץ הערצנהערץ, װעלכער האָט זיך נאָך אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט אַ קניפּ טאָן דאָס דינסטמיידל (וואָס האָט ער צו איר? און פֿאַר וואָס אַנטלויפֿט פֿון אים פֿרומקע?...) איז שוין אויך אַנטשלאָפֿן געוואָרן און איך הער זײַן כראָפּען צו זיך אין הויז אַרײַן (ז׳ 15).

ז׳ 12, שורה 10 פֿון אויבן איז געוועזן נאָך "(מיט אַ ניגון)":
— יאָסל...
— ווי אַזוי נאָך? (מיט אַ ניגון) זאָג; ווען ניט כאַפּסט אַ פּליאַסק אַז דו וועסט זיך בײַ מיר באַוואַשן מיט דרײַ קוואָרט בלוט (ז׳ 19).

ז׳ 12, שורה 18 פֿון אויבן איז געוועזן נאָך "ווי די מאַמע האָט אים געהאַט":
און פּונקט מיט אַזאַ פּנים, ווי בײַ אַ פּרעסטופּניק[2], וועלכן מע פֿירט אויפֿן עשאַפֿאָט... (ז׳ 19).

ז׳ 15, שורה 10 פֿון אונטן איז נאָך "מאַאַאַממע!!!..." געוועזן:
ניין, זי הערט ניט! וואָס הייסט דאָס? דאַכט זיך מיר, אַז איך שרײַ אויף אַ קול?... שאַ! איך הער זיך צו, און איך הער אַ יאָמערלעך געוויין מיט אַ ניגון, אַ שרעקלעך טרויעריקן ניגון פֿון עטלעכע ווײַבער, דעם געוויסן ניגון וואָס מע באַוויינט אַ בר מנן... איך הייב אויף דעם קאָפּ, און וואָס זעען מײַנע אויגן? — אַ סך יידן, ווײַבער, ליכט, אַ מיטה, די ׳כלים׳, די שמשים!... איך הייב שוין אָן צו פֿאַרשטיין, וואָס מיט מיר טוט זיך — איך בין געשטאָרבן!... געשטאָרבן?... עס קאָן ניט זײַן! למאי הער איך, ווי מע וויינט, ווי מע רעדט? למאי זע איך אַלץ און דערקען יעדן באַזונדער? אָט זע איך ווי די מאַמע וויינט און ברעכט די הענט; אָט זע איך די מומע סימע מיט דער רויטער נאָז; זי קוקט דער מאַמע אין די אויגן אַרײַן מיט אַ שרעקלעך פֿאַרקרימט פּנים און רעוועט אויף אַ קול: ניטאָ דײַן זון, אָנגעוואָרן דײַן צירונג, דײַן זילבערנע קרוין! אַרויסגעפֿלויגן די ריינע נשמה גלײַך אין הימל אַרײַן צום בית־דין־של־מעלה זײַן אַ מליץ־יושר פֿאַר דיר און פֿאַר מיר און פֿאַר כל ישׂראל! אַאַז״וו... (ז׳ 23).

ז׳ 15, שורה 1 פֿון אונטן איז געוועזן נאָך "לעפּעלעך אײַנגעמאַכטס":
מיט לעקעכלעך און מיט פּוטער־בולקעס פֿון אַלע זײַטן: אפֿילו די מומע סימע מיט דער רויטער נאָז, וועלכע האָט נאָך אויף איר לעבן קיין אָרעמאַן קיין שטיקל ברויט ניט געגעבן, ברענגט מיר אויך אַלע טאָג אין פֿאַרטעך אַ שטיקל ׳קוילעטש׳ (ז׳ 24).

ז׳ 16, שורה 13 פֿון אונטן איז געוועזן נאָך "טײַערע מאַמע!...":
דאַנקען גאָט, איך קען שוין זיצן, שטיין אויף די פֿיס, אַרומגיין, עסן אַלץ וואָס אַלע עסן, — איך בין ווידער אַ מענטש; איך בין פֿריש און שטאַרק; איך פֿיל זיך אַזוי שטאַרק אין כוח, אַז עס

גלוסט זיך מיר אויף דער לופֿט, אויף דער גאַס, אַ ביסל אַ שפּרונג טאָן, אַ לויף טאָן, נאָר... מע לאָזט מיך ניט: מע דאַרף גיין אין חדר אַרײַן!... פֿונעם איינציקן וואָרט "חדר" ווערן מיר פֿאַרקילט מײַנע געבליטן און עס ווערט מיר קאַלט אין אַלע מײַנע אבֿרים!... מײַנע לעזער, מײַנע ברידער, וועלכע האָבן כמעט אַלע געהאַט פּונקט דאָס זעלבע דערציִונג וואָס איך האָב געהאַט, האָבן אַלע פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון חדר, און דרום וועלן מיר דאָ לאַנג וועגן דעם ניט שמועסן, און מחמת וועגן דעם איז דאָ אַ סך וואָס צו רעדן, און מיט רעדן אַליין וועלן מיר צו דער דאָזיקער מכה נישט העלפֿן, און ניט דאָ איז דאָס אָרט און ניט יעצט איז גראַדע די צײַט צו רעדן וועגן דעם, און[3] О том что болит, не стоит говорить... על־כל־פּנים, לעזער, מע האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ אַרײַן: ׳אין חדר אַרײַן!׳ דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער אַזוי: ׳אין חדר אַרײַן, שקאָץ איינער, אין חדר אַרײַן! זיץ 12 שעה אין טאָג אויף איין אָרט אײַנגעבויגן אין אַ פֿאַרדאָרבענעם קעלער, ביז דעם האַלדז אין קויט און אין מיסט אָן פֿרישע לופֿט, אָן דוויזשעניע,[4] אָן אַ שום ראַזוואַליעטשעניע!׳ אין חדר אַרײַן שייגאָץ איינער, אין חדר אַרײַן! דאָרט פֿאַרברענג די בעסטע קינדערשע יאָרן און שאַרף דיר אויס נאָר דעם מוח, נאָר דעם שׂכל, דעם קאָפּ; דעם גוף? — דער גוף איז בלאָטע! אין דרויסן שײַנט די זון — דאָס איז ניט פֿון דײַנעט וועגן! די לופֿט איז פֿריש און געזונט און צערטלעך — דאָס איז ניט צוליב דיר! עס בעט זיך אויף דער גאַס, אויפֿן פֿעלד, אויפֿן גרינעם גראָז, אַהין, נאָענט צו דער נאַטור — ניין, ייִנגעלע, דאָס איז ניט אויף דײַן טאַטנס מיסט געוואַקסן געוואָרן! דו גיי דיר צו ׳מאָטי גזלן׳ אין חדר אַרײַן, און בייג דיר דעם רוקן אין דרײַען, און ווער געוואָר צו 12 יאָר אַזעלכע וויכטיקע זאַכן און ענינים, וועלכע דו וואָלסט ניט פֿאַרשפּעטיקט צו 20 יאָר אויך... גיי ייִנגעלע אין חדר אַרײַן, גיי!... (ז״ז 25–26).

2 פֿאַרברעכער (רוס׳).

3 וועגן דעם וואָס טוט וויי איז ניט כדאַי צו רעדן... (רוס׳).

4 באַוועגונג (רוס׳).

5 פֿאַרוויַילונג (רוס׳).

ז׳ 6, שורה 12 פֿון אונטן איז געווען נאָך ״פֿונעם נאַקעטן קאָפּ״:
**אאַז״וו?... איך האָב, געוויינטלעך, איבערגעגעבן דעם רבין (מאָטי גולן) אַלע חפֿציות פֿונעם דאָזיקן דײַטשישן ייִד. האָט מאָטי גולן אַליין מיט זײַן מויל געזאָגט, אַז ער, דער דאָזיקער דײַטש איז איינער פֿון די רשעים, וואָס דער גיהנום איז פֿאַר זיי קאַרג, און איידער זיי וועלן זיך שטעלן צום בית־דין של מעלה מוזן זיי פֿריער עטלעכע דורות מגולגל ווערן אויף דער וועלט אין אַ בער, אַ וואָלף, אַ הונט, אַ ׳דבֿר־אחר׳ אאַז״וו. און נאָך דעם טויזנט מאָל טויזנט מאָל דורכפֿליען כּף־הקלע פֿון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן עק וועלט און ערשט נאָך דעם אַרײַנטרעטן, אי דאָס מיט זכות־אָבֿות, אין דעם ערשטן פֿאָדערשטיבל פֿונעם גיהנום... (ז״ז 8–9)**

ז׳ 10, שורה 16 פֿון אויבן איז געווען נאָך ״זינגט אַ דײַטשיש לידל״:
**און טוט אַלע מאָל אַ קנים דאָס דינסטמיידל (פֿרומקע — אַ גאַנץ שיין מיידל מיט רויטע באַקן); דאָס דינסטמיידל רײַסט זיך אויס און אַנטלויפֿט און דער הער הערצנהערץ קוקט אויף מיר און לאַכט... מיט איינעם וואָרט אַלע האָבן דאָס רעכט צו געניסן פֿונעם דאָזיקן זעלטענעם זומער־אָוונט, נאָר איך ניט! איך דאַרף ליגן אין שטוב, אין דער שרעקלעכער היץ, וווּ מע קאָן דעם אָטעם ניט כאַפּן, און דאַרף אַרײַנקוקן אין אַ ספֿר!... נאָר וואַרט!... אַלע לייגן זיך שלאָפֿן; די ליכט ווערן געלאָשן; יעדער שלאָפֿט זיך אויף זײַן געלעגער; אַפֿילו דער הער הערץ הערצנהערץ, וועלכער האָט זיך נאָך אַ פּאָר מאָל געפּרוווט אַ קנים טאָן דאָס דינסטמיידל (וואָס האָט ער צו איר? און פֿאַר וואָס אַנטלויפֿט פֿון אים פֿרומקע?...) איז שוין אויך אַנטשלאָפֿן געוואָרן און איך הער זײַן כראַפּען צו זיך אין הויז אַרײַן (ז׳ 15).**

ז׳ 12, שורה 10 פֿון אויבן איז געווען נאָך ״(מיט אַ ניגון)״:
**— יאָסל...**
**— ווי אַזוי נאָך? (מיט אַ ניגון) זאָג; ווען ניט כאַפּסט אַ פּליאַסק אַז דו װעסט זיך בײַ מיר באַוואַשן מיט דרײַ קוואָרט בלוט (ז׳ 19).**

ז׳ 12, שורה 18 פֿון אויבן איז געווען נאָך ״ווי די מאַמע האָט אים געהאַט״:
**און פונקט מיט אַזאַ פּנים, ווי בײַ אַ פּרעסטופּניק[1], וועלכן מע פֿירט אויפֿן עשאַפֿאָט... (ז׳ 19).**

ז׳ 15, שורה 10 פֿון ~~אונטן~~ איז נאָך ״מאַאַאַממע!!!...״ געווען:
**ניין, זי הערט ניט! וואָס הייסט דאָס? דאַכט זיך מיר, אַז איך שרײַ אויף אַ קול?... שאַ! איך הער זיך צו. און איך הער אַ יאָמערלעך געוויין מיט אַ ניגון, אַ שרעקלעך טרויעריקן ניגון פֿון עטלעכע ווײַבער. דעם געוויסן ניגון וואָס מע באַוויינט אַ בר מנן... איך הייב אויף דעם קאָפּ, און וואָס זעען מײַנע אויגן? — אַ סך ייִדן, ווײַבער, ליכט, אַ מיטה, די ׳כּלים׳, די שמשים!... איך הייב שוין אָן צו פֿאַרשטיין. וואָס מיט מיר טוט זיך — איך בין געשטאָרבן!... געשטאָרבן?... עס קאָן ניט זײַן! למאַי הער איך, ווי מע וויינט, ווי מע רעדט? למאַי זע איך אַלץ און דערקען יעדן באַזונדער? אָט זע איך ווי די מאַמע וויינט און ברעכט די הענט; אָט זע איך די מומע סימע מיט דער רויטער נאָז; זי קוקט דער מאַמע אין די אויגן אַרײַן מיט אַ שרעקלעך פֿאַרקרימט פּנים און רעוועט אויף אַ קול: ניטאָ דײַן זון, אָנגעוואָרן דײַן צירונג, דײַן זילבערנע קרוין! אַרויסגעפֿלויגן די ריינע נשמה גלײַך אין הימל אַרײַן צום בית־דין־של־מעלה זײַן אַ מליץ־יושר פֿאַר דיר און פֿאַר מיר און פֿאַר כּל ישׂראל! אאַז״וו... (ז׳ 23).**

ז׳ 15, שורה 1 פֿון אונטן איז געווען נאָך ״לעפֿעלעך אײַנגעמאַכטס״:
**מיט לעקעכלעך און מיט פּוטער־בולקעס פֿון אַלע זײַטן: אַפֿילו די מומע סימע מיט דער רויטער נאָז, וועלכע האָט נאָך אויף איר לעבן קיין אָרעמאַן קיין שטיקל ברויט ניט געגעבן, ברענגט מיר אויך אַלע טאָג אין פֿאַרטעך אַ שטיקל ׳קרילעטש׳ (ז׳ 24).**

ז׳ 16, שורה 13 פֿון אונטן איז געווען נאָך ״טײַערע מאַמע!...״:
**דאַנקען גאָט, איך קען שוין זיצן, שטיין אויף די פֿיס, אַרומגיין, עסן אַלץ וואָס אַלע עסן. — איך בין ווידער אַ מענטש; איך בין פֿריש און שטאַרק; איך פֿיל זיך אַזוי שטאַרק אין כּוח, אַז עס**

גלוסט זיך מיר אויף דער לופֿט, אויף דער גאַס, אַ ביסל אַ שפּרונג טאָן, אַ לויף טאָן, נאָר... מע לאָזט מיך ניט: מע דאַרף גיין אין חדר אַרײַן!... **פֿונעם איינציקן וואָרט ״חדר״ ווערן מיר פֿאַרקילט מײַנע געבליטן און עס ווערט מיר קאַלט אין אַלע מײַנע אבֿרים!... מײַנע לעזער, מײַנע ברידער, וועלכע האָבן כּמעט אַלע געהאַט פונקט דאָס זעלבע דערציונג וואָס איך האָב געהאַט, האָבן אַלע פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון חדר, און דרום וועלן מיר דאָ לאַנג וועגן דעם ניט** שמועסן, און מחמת וועגן דעם איז דאָ אַ סך וואָס צו רעדן, און מיט רעדן אַליין וועלן מיר צו דער דאָזיקער מכּה נישט העלפֿן, און ניט דאָ איז דאָס אָרט און ניט יעצט איז גראַדע די צײַט צו רעדן וועגן דעם, און ׳...О том что болит, не стоит говорить על־כּל־פּנים, לעזער, מע האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ אַרײַן: ׳אין חדר אַרײַן!׳ **דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער אַזוי: ׳אין חדר אַרײַן, שקאָץ איינער, אין חדר אַרײַן! זיץ 12 שעה אין טאָג אויף איין** אָרט אײַנגעבויגן אין אַ פֿאַרדאַרבענעם קעלער, ביז דעם האַלדז אין קויט און אין מיסט אָן פֿרישע לופֿט, אָן דוויזשעניע,[2] אָן אַ שום ראַזווליעטשעניע!׳ אין חדר אַרײַן שייגאָץ איינער, אין חדר אַרײַן! דאָרט פֿאַרברענג די בעסטע קינדערשע יאָרן און שאַרף דיר אויס נאָר דעם מוח, נאָר דעם שׂכל, דעם קאָפּ; דעם גוף? — דער גוף איז בלאָטע! אין דרויסן שײַנט די זון — דאָס איז ניט פֿון דײַנעט וועגן! די לופֿט איז פֿריש און געזונט און צערטלעך — דאָס איז ניט צוליב דיר! עס בעט זיך אויף דער גאַס, אויפֿן פֿעלד, אויפֿן גרינעם גראָז, אַהין, נאָענט צו דער נאַטור — ניין, ייִנגעלע, דאָס איז ניט אויף דײַן טאַטנס מיסט געוואַקסן געוואָרן! דו גיי דיר צו ׳מאָטי גולן׳ אין חדר אַרײַן, און בייג דיר דעם רוקן אין דרײַען, און ווער געוואָר צו 12 יאָר אַזעלכע וויכטיקע זאַכן און ענינים, וועלכע דו וואָלסט ניט פֿאַרשפּעטיקט צו 20 יאָר אויך... גיי ייִנגעלע אין חדר אַרײַן, גיי!... (ז״ז 25–26).

1 ס׳ האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ ״מוכּת עץ״, אַ מיידל וואָס האָט פֿאַרלוירן אירע בתולים צוליב אַן אומגליקספֿאַל, אַ קלאַפּ פֿון אַ שטיק האָלץ (זען כּתובֿות, פּרק א, משנה ג און ז). אין דער גמרא ווערט דער ענין באַהאַנדלט אין כּתובֿות יא, א און אין יבמות נד, א. די ציטאַטע און דער מראה־מקום בײַ שלום־עליכמען זענען ניט קיין פּינקטלעכע. אינעם צווייטן נוסח איז באַזײַטיקט געוואָרן דער דאָזיקער ״ראַטישער״ חדר־לימוד און אויף זײַן אָרט איז געקומען ״שור שנגח את הפּרה״ (בבא קמא, מו, א).

לראות את אביכם הזקן! הנה הזאבים מביטים עלי! רדו, זאבים!

ובכל זאת נאנח; צר לו, כי שפרינצה איננה, כי היא לא תקח חלק בשמחה!

— מתה אמכם, בני, מתה ואיננה!

וחָנא הבכור קורא: "שני אַוָזים, מירל, הגישי שני אֲוָזים צלויים!"

— האם לא תכיר אותי חָנא? ואתם — רדו שקצים מעל־גב התנור, אני הכרתי אתכם מיד... תיכף ומיד... גם ידעתי, כי תבואו! וזה לכם האות: גבינה הבאתי לכם, נתח גבינה טובה. הלא אוהבים אתם גבינה! וראו נא, גם לחם צבאי הבאתי, אוהבים אתם את הלחם, הלא כן? ומה חבל, כי שפרינצה אמכם איננה...

— אך לאט לכם בני, מחמדי, גבורי! אל תלחצוני בחוזקה הרפו נא רגע, אינני עוד צעיר לימים... בן שבעים אנוכי היום! הרפו נא... העצמות יבשות, וגם כסף זרים בכיסי... ולי הסוחרים מאמינים, מפקידים בידי רב כסף, רב כסף... די לכם בני, די...

ולשמריה היה די.

למחרת היום נמצא בתוך השלג מת מקור, וידו הימנית על כיס החזה.

## מה היא נשמה?

### א

זוכר אני את אבי.

הוא היה קצר־קומה, דל ורזה, בעל זקן ארוך וחד. רואה אני אותו מתהלך אנה ואנה וניגש אלי פעם בפעם להרימני מעל הרצפה ולנשקני.

אחרי כן נפל למשכב. אנחותיו מילאו את הבית, ואמי עמדה על יד מיטתו, גועה בבכי ומכה באגרופיה על ראשה.

פעם אחת הקיצותי בלילה והנה החדר מלא אנשים, ומן החוץ חודר הביתה יֶלל נורא. נבהלתי ואזעק בקול גדול. אז ניגש אלי אחד האנשים וַילבישני, וַיוציאני מן הבית, וַיביאני אל בית אחד השכנים, וָאישן שם הלילה. כשובי למחרת היום לא הכרתי את החדר. על הרצפה קש, הראי נהפך אל הקיר, מנורת הנחושת, התלויה מעל התקרה, מכוסה במפה שחורה, ואמי יושבת על שרפרף ורגליה יחפות, כראותה אותי זעקה בקול נורא: היתום, היתום!

על איצטבת החלון דולקת מנורת־שמן קטנה. סמוך אל המנורה עומדת כוס מים, ועליה תלויה חתיכת בד ככף איש.

ואמרו לי אז, כי אבי מת וכי נשמתו טובלת בכוס המים, ומתנגבת בהבד, ואם אומר קדיש בכַּוָנה, תתנשא הנשמה ותעוף למרום.

וָאומַר בלבי, כי הנשמה היא עוף מתעופף בשמים.

### ב

הנני שב מן החדר הביתה והריש־דוכנא אוחז בידי.

לפנינו מתנשאות מעל פני האדמה צפרים קטנות, ועפות ומדדות.

"נשמות פורחות, נשמות פורחות!" — קראתי באהבה רבה.

והריש־דוכנא צחק ואמר: אין אלה נשמות, כי אם צפורים, צפורים פשוטות.

וָאשאל אחרי כן מאת אמי סימן, להכיר בין הנשמה והצפור.

### ג

כבר מלאו לי ארבע־עשרה שנה והנני לומד גמרא, תוספות ומהרש"א אצל זרח הצובט. עד היום הזה אינני יודע, אם "צובט" היה שמו או כינויו, אשר נתנו לו תלמידיו, שהתענו תחת ידיו וצפורניו. וצובט היה זרח בלי חמלה, בלי רחמים. הוא אינו ממתין עד שתחטא; הוא משלם מראש, נותן להבא. "תזכירני — היה אומר — ואנַכּה לך בשעת־הכושר". וכיוָן שהיה מלמד וגם מוהל, עשתה צפרנו שַמות בעור בשרנו.

— ולמה תצעק? — הוא שואל את הילד המוכה — הלא אך את גויתך אני צובט, ומה יזיק לך אם ימעט המאכל לתולעים?

ואומר זרח, שהגוף הוא אך עפר ואפר; וזה האות: שחוק יד ביד — ומה אתה רואה?

ואנחנו מנסים ורואים בחוש, שהגוף מתקלף ונהפך לעפר ואפר.

— והנשמה מה היא? — שאלתי.

— הנשמה היא רוחניות — מבאר לי זרח; ונוספה לי מלה חדשה.

## וואָס הייסט „נשמה"?

### —1—

איך געדענק ווי אין אַ חלום, אַז עס האָט זיך בײַ אונדז אין שטוב אַרומגעדרייט אַ קליין, דאַר ייִדל מיט אַ שפּיציק בערדל, וואָס פֿלעגט מיך אַלע מאָל אַרומנעמען און קושן.

דערנאָך, געדענק איך, איז דאָס אייגענע ייִדל קראַנק געלעגן אין בעט, ער האָט זייער געקרעכצט און די מאַמע איז געשטאַנען און געהאַקט זיך אין קאָפּ אַרײַן.

אַ מאָל כאַפּ איך מיך אויף בײַ נאַכט און דערזע אַ פֿולע שטוב מיט ייִדן; פֿון דרויסן הער איך אַ יאָמערלעך געוויין... איך האָב מיך שטאַרק דערשראָקן און אָנגעהויבן שרײַען.

עס איז צוגעקומען צו מיר איינער פֿון די ייִדן, ער האָט מיך אָנגעטאָן און אַוועקגעפֿירט צו אַ שכן שלאָפֿן.

דעם אַנדערן טאָג האָב איך די שטוב נישט דערקענט: אויף דער ערד איז געלעגן אָנגעשאָטן שטרוי, דער שפּיגל אויף דער וואַנט — איבערגעדרייט, דער העגנלײַכטער פֿאַרהאַנגען מיט אַ טישטעך און די מאַמע איז געזעסן אין די זאָקן אויף אַ קליין בענקעלע אויף דער ערד...

אַז זי האָט מיך דערזען, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעך געוויין און האָט אָנגעהויבן שרײַען: „דער יתום, דער יתום!"...

אויפֿן פֿענצטער האָט זיך געברענט אַ קאַגעניק; דערנעבן איז געשטאַנען אַ גלאָז וואַסער און געהאַנגען אַ שמאַטע...

מען האָט מיר געזאָגט, אַז מײַן טאַטע איז געשטאָרבן; אַז זײַן נשמה וואַשט זיך אינעם גלאָז וואַסער און ווישט זיך אָפּ מיט דער לײַוונט... אַז אויב איך וועל זאָגן ערנסט קדיש, וועט זי פֿליִען גלײַך אין הימל אַרײַן.

און מיר האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז די נשמה איז אַ פֿייגעלע...

### —2—

איין מאָל האָט מיך דער באַהעלפֿער אָפּגעפֿירט אַהיים. נעבן אונדז זײַנען דורכגעפֿלויגן גאַנץ נידעריק עטלעכע פֿייגל.

— „נשמהלעך פֿליִען, נשמהלעך פֿליִען!" — האָב איך מיר צו־געזונגען.

דער באַהעלפֿער האָט זיך אומגעקוקט.

— גיי דו, נאַר! — מאַכט ער צו מיר — דאָס זײַנען פֿייגל, פּראָסטע פֿייגל!

דערנאָך האָב איך געפֿרעגט בײַ דער מאַמען: ווי אַזוי ווייסט מען דעם חילוק פֿון אַ נשמה ביז אַ פּראָסט פֿייגעלע?

### —3—

אַז איך בין אַלט געוואָרן פֿערצן יאָר, האָב איך שוין געלערנט גמרא מיט תּוספֿות, מיט מהרש"א, און טאַקע בײַ „זרח קנײַפּ".

עד־היום ווייס איך נישט, צי האָט ער טאַקע אַזוי געהייסן, צי האָבן עס אים די תּלמידים דעם צונאָמען געגעבן, ווײַל ער פֿלעגט קנײַפּן אָן רחמנות.

און ער פֿלעגט נישט וואַרטן ביז מען וועט פֿאַרדינען אַ קניפּ; ער פֿלעגט צאָלן פֿאָרויס. „דערמאָן מיר, זאָגט ער, וועל איך דיך אָפּשלאָגן!"

דערצו איז ער געווען מוהל, געהאַט אַ שפּיציקן פּריעה[1]־נאָגל און יעדער קניפּ האָט צוגעשלאָגן צום האַרץ.

און ער פֿלעגט זאָגן: „וויין נישט, וויין נישט אומזיסט! איך קנײַפּ דאָך נאָר דײַן גוף! וואָס שאַדט דיר, אַז די ווערעם אין קבֿר וועלן האָבן ווייניקער צו עסן?"

און דער גוף, זאָגט זרח קנײַפּ, איז טאַקע נאָר עפּר ואפֿר[2]. אַ ראָיה: רײַב איין האַנט אין דער אַנדערער, וועסט דו זען!

[1] אויף אָראָפּציִען די הויט בײַם דורכפֿירן דעם ברית. — [2] שטויב און אַש (בראשית, י״ח).

וחבל! אמי, ר׳ יוזיל ושאר המלמדים והלמדנים שבעיר עודם מובטחים בי, שאהיה גדול בישראל!

יג

נגאלתי מצפורן־הפריעה של זרח הצזבט ונפלתי ביד ר׳ יוזיל.

אז מלאו לי שש־עשרה שנה. על דלתות אמי כבר דפקו שדכנים; בעלי־בתים עשירים מתבוננים עלי בעין חמדה, ואני אך ילד הייתי, ובמוצאי יום הכפורים חטפתי כשאר הילדים את הדונג הנוסף מן הנרות. כי אהבתי ללוש שעָוה ולעשות ממנה תבנית כל עולה על רוחי... ואהבתי ללוש גם בשעת הלמוד; וידי היו עסוקות תמיד תחת השולחן. והשמש שנאני על שלחי יד בשעָנתו, ור׳ יוזיל התנקם בי באכזריות חימה.

— ואיפה אתה עומד? — שואל ר׳ יוזיל, בהכירו, כי תפוש אני במחשבות חול, ואני בחופזי הנחתי את כל כפי על הגמרא, כל חמש האצבעות עם נתח הדונג.

פני ר׳ יוזיל לָבנו כסיד, ולא דבר דבר, וַיוצא מתיבת השולחן חוט ארוך, ויקשור בו את שתי בהונות ידי בחזקה; והכאב גדול מאד. אך לא זה היה העונש. ר׳ יוזיל מַדדה וקרב אל המסאטא אשר בפנת החדר, ועוקר ממנו שבט דק, דק מאד, ושב אלי, ומכה בשבט כחצי שעה תכופה על בהונות ידי האסורות...

זוכר אני היטב, כי לא הרימותי קול ולא צעקתי... לפי שאמרתי בלבי, שעל ידי ר׳ יוזיל מביא עלי הקדוש ברוך הוא יסורים על דבר המורה; את הדונג לא חשבתי לחטא.

כאשר צבו ידי, הניחני ר׳ יוזיל, באמרו לי בלאט ובנחת: לא תוסיף עוד ללוש שעָוה בשעת הלימוד! ואני, כשובי אל מקומי ואל לימודי, הוצאתי באצבעותי הצבות מצלחת בגדי נתח שעָוה אחר ולשתי תחת השולחן. חזקה עלי תאנָתי מאד — תאוַת השׂררה והמֶמשל על הדונג; הדונג הוא ברשותי, ואני עושה ממנו כל מה שלבי־חפץ, בו מתבטאה כל הגות לבי.

ולש אני ראש אדם, ראש זכר — ראש נקבה אני מתירא ללוש — מראש האדם עושה אני חתול או עכבר, או נשר בעל כנפים ושני ראשים; כי את הנשר ידעתי אך מחותמות המלוכה.

הדונג היה בידי, ואני הייתי הדונג בידי אחרים. אותי לשו ר׳ זרח, ר׳ יוזיל, אמי, המורה וכל מי שהיה לבו חפץ להשתרר עלי ולמשול בי, אך עיני נערה אחת חמסו אותי...

chapter 14 missing from the Hebrew

16

און עס איז מיר דאך געווען אַ גרויסע שאָד: די מאַמע און אַלע מײַנע מלמדים האָבן געגלייבט באמונה שלימה, אַז פֿון מיר וועט אַ מאָל אַרויסוואַקסן עפּעס גאָר אַ גרויסע זאַך...

— 13 —

איך בין פּטור געוואָרן זרח קנײַפּ מיט זײַן פּריעה־נאָגל; עס איז מיר דאך נישט בעסער געוואָרן.

איך בין שוין אַלט געווען זעכצן יאָר. שדכנים האָבן שוין גע־ריסן בײַ דער מאַמען די פֿאַלעס און איך האָב נאָך געהאַט אַ קינ־דישע טבֿע אַראָפּצוכאַפּן וואַקס מוצאי־יום־כּיפּור פֿונעם שולחן און צו קנעטן אין חדר אונטערן טיש.

דער שמש פֿלעגט מיר זײַן דערפֿאַר אַ שונא אויפֿן לעבן און איך האָב געהאַט דערפֿאַר צרות אין חדר.

— וווּ האַלטסטו דו? — פֿרעגט ר׳ יוזל.

איך בין פֿאַרטראַכט און לייג אויף דער גמרא די גאַנצע האַנט: אַלע פֿינף פֿינגער מיטן שטיק וואַקס.

ר׳ יוזל איז בלאַס געוואָרן פֿאַר כּעס. ער עפֿנט דאָס שופֿלעדל, נעמט־אַרויס אַ דין שטריקל און בינדט מיר צונויף בײדע גראָבע פֿינגער, און אַזוי שטײַף, אַז עס האָט מיך אָנגעכאַפּט בײַם האַרץ.

נישט דאָס נאָך האָט ער געמיינט.

ער איז צוגעגאַנגען צום בעזעם און האָט גאַנץ לאַנגזאַם אויס־געקליבן און אַרויסגעריסן אַ ווייך ריטל. מיט דעם ריטל האָט ער מיך געשמיסן איבער די צונויפֿגעבונדענע הענט... ווי לאַנג מיר האָט זיך געדאַכט, עס דויערט אייביק. און אַ וווּנדערלעכע זאַך: איך האָב די יסורים מקבל געווען באַהבֿה; איך האָב אין זיי געהאַט, אַז דאָס שיקט דער רבונו של עולם אויף מיר יסורים, איך זאָל תּשובֿה טאָן און נישט מער גיין צום לערער.

אַז די הענט זײַנען מיר שוין גוט געשוואָלן געוואָרן און די הויט איז אָנגעלאָפֿן מיט אַלערליי קאָלירן, האָט ר׳ יוזל אָפּגעלייגט דאָס ריטל און געזאָגט:

— גענוג! מער וועסטו שוין קיין וואַקס נישט קנעטן!

איך האָב פֿון דעסט וועגן ווײַטער געקנאָטן.

איך האָב געהאַט דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן דערפֿון, אַז איך האָב געמאַכט פֿונעם וואַקס וואָס איך וויל. איך האָב געפֿילט, אַז איך האָב איבער עפּעס צו שאַפֿן.

איך פֿלעג אויסקנעטן אַ קאָפּ פֿון אַ מענטש, דערפֿון געמאַכט אַ קאַץ אָדער אַ מײַזל, דערנאָך האָב איך אַרויסגעצויגן פֿון די זײַטן פֿליגל, געשפּאָלטן דעם קאָפּ אויף צווייען און עס איז אַרויס אַ קרויך־אָדלער. נאָר דערנאָך האָב איך פֿון בײדע קעפּ און בײדע פֿליגלען געמאַכט אַ קוילעטש אין פֿירן.

איך אַליין בין אָבער אויך געווען אַזאַ שטיק וואַקס... מיך האָט געקנאָטן ר׳ יוזל, דער לערער, די מאַמע און ווער עס האָט נאָר געוואָלט. גיטעלע האָט מיך צעקנאָטן...

— 14 —

מען האָט מיך געקנאָטן ווי אַ וואַקס, נאָר מיר האָט עס ווייי געטאָן!

איך געדענק גאַנץ גוט, אַז עס האָט מיר וויי געטאָן; נאָר פֿאַר וואָס? וואָס איז גראָד מיר אָנגעגאַנגען די נשמה?

מײַנע חברים האָבן פֿון מיר געלאַכט. זיי האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן „נשמה־יונג“ און, ווי נאַריש דער נאָמען איז געווען, אַזוי פֿיל צרות האָב איך פֿון אים געהאַט.

איך בין פֿאַרטראַכט. איך קלער, וואָס מײַן סוף וועט זײַן, ווען איך וועל שוין כּוח האָבן מיך אַרויסצורײַסן פֿון שטנס האַנט; איך רעכן מיך אָפּ מיט מײַן אייגענער נשמה. איך זאָג איר מוסר, איך זידל זי... ראַפּטעם גיט מיר איינער אַ שנעל אין דער נאָז: „נשמה־יונג!“ — איך וויל פֿאַרגעסן אין מײַנע צרות. פֿאַרטיף מיך אין אַ וועלט־קשיא. שפּאַן־צונויפֿמען אַ שווערן תּוספֿות מיט אַ האַרבן רמב״ם, בראָק־אײַן אַ „פּני יהושע“ און מיש־אויס מיטן „תּומים“; איך בין שוין גאָר אויף אַן אַנדער וועלט: אויס לערער, אויס גיטעלע, אויס נשמה... עס הייבט זיך שוין אָן צונויפֿמענצושרויפֿן אינעם מוח; אָט פֿאַל איך שוין אויף דער המצאה; דאָס רעכטע וואָרט ליגט מיר שוין אויף דער שפּיץ צונג — ראַפּטעם גיט מיר עמעץ אַ פֿײַף אין אויער אַרײַן: „נשמה־יונג!“; עס הילכט, אין מוח פּלאַצט עפּעס; אויס רמב״ם, אויס תּוספֿות, אויס פּני יהושע, אויס תּומים... צוריק אויף דער ערד!

איך שטיי שמונה־עשרה, איך האָב אַ פֿול האַרץ און פֿולע אויגן מיט געוויין. „רפֿאנו ה׳ ונרפֿא“, בעט איך מיט גרויס כּוונה און מײַן נישט, חלילה, דעם גוף, די נשמה מיין איך: הייל, רבונו של עולם, הייל מײַן אָרעמע יונגע נשמה! „דאָס איז דער נשמה־יונג“ — ווײַזט איינער אין מיטן אויף מיר. אויס כּוונה!

אַזוי האָב איך געליטן טאָג, אַזוי נאַכט.

## יד

על גיטלה היו אומרים, שהיא חכמה מאד. אביה היה קורא לה: "החכמה שלי", ונשי העיר, ובתוכן גם אמי, היו נאנחות: לו היתה בקיאה יותר במליחת הבשר, כי אז היתה כלה נאה וחסודה.

ופעם אחת לא מצאתי את המורה בביתו, כי אם את גיטלה לבדה, ויעל על לבי לשאול את פיה על דבר הנשמה.

ברכי כושלות, לבי מכה בחוזקה וכל דמי מכל איברי שוטף אל פני, ואני תוקע את עיני בארץ כסכין טריפה וגונח:

— גיטלה, כל העולם מהלל את חכמתך... במטותא מנך, אמרי לי את: מה היא נשמה?

וגיטלה צחקה: מאין לי לדעת?

אך כרגע התעצבה ובעיניה נראו דמעות, ותאמר:

— אך זאת אני זוכרת, כי אבי היה אומר על אמי, שהיא נשמתו...

ואיני יודע איך נהיה הדבר, אך לפתע כתאום אחזתי בידה ואשאלנה: ואת, גיטלה, האם חפצה את להיות לי לנשמה?

והיא ענתה בקול דממה דקה: כן.

## טו

ומקרים שונים היו בעוזרינו:

אני וגיטלה היינו יתומים, ואני — בן־יחיד, והיא — בת־יחידה, ניקל לנו להשיג מאויינו.

והמורה קבץ על יד איזה מאות שקל לנדוניא לבתו, והכסף ההוא היה נחוץ מאד לאמי לחנותה...

ופתאום יצא עלי הקול, שנטיתי מן הדרך, שהנני בעצה אחת עם המורה ומדבר אתו "על השם ועל משיחו", ולא רבו הקופצים עלי.

גם באה חכמה בלבבי להסות לחפצי את אחד השדכנים, בהבטיחי לו שכר טרחה מן הנדוניא אשר אקבל...

ובכל זאת אמי אבלה ובוכה הרבה בכי: "לו קם אביך מקברו וראה עם מי אני משתדכת, הלא שוב היה שב אל קברו מחרפה וכלימה".

אז חכם לבבי שנית, ופעם אחת צעקתי בלילה, ואמי התעוררה בבהלה, ותשאל לשלומי.

— חלום חלמתי — אמרתי לה — ובחלומי הייתי בגן־עדן, וראיתי שם את אבי, זכרונו לברכה, יושב על כיסא רם ונשא בתוך שאר צדיקי עמנו, ולומד תורה מפי הקדוש ברוך הוא. והוא צוה עלי לשאול בשלומך, אמי, ולאמור לך, שהוא מסכים על השידוך, שאני וגיטלה זיווג מן השמים אנחנו, שארבעים יום קודם יצירת הולד וכו׳...

ואז — באה בקרבי נשמה חדשה. ועל אודות הישנה לא שאלתי עוד.

## — 15 —

גיטעלען האָט מען געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסע חכמה; דער פֿאָטער פֿלעגט זי אַנדערש נישט רופֿן נאָר „חכמה מײַנע"; שכנות פֿלעגן זאָגן, אַז זי איז קלוג ווי דער טאָג; ווען זי זאָל אַזוי פֿרום זײַן ווי קלוג זי איז, וואָלט געווען אַ פֿרייד פֿאַר איר מאַמען אין גן־עדן. מײַן מאַמע פֿלעגט זי אויך שטענדיק לויבן, אַז זי איז אַ גרויסע מחוכמת, וואָלט זי נאָר בעסער כשר געמאַכט פֿלייש, וואָלט זי זיך אַליין אַזאַ שנור געווונטשן.

און איין מאָל, אַז איך האָב נישט געטראָפֿן דעם לערער אין דער היים און גיטעלע איז אַליין געווען, איז מיר אײַנגעפֿאַלן, איך זאָל זיך מיט איר אַן עצה האַלטן איבער דער נשמה.

די פֿיס האָבן אונטער מיר געציטערט, די הענט — געוואָרפֿן, דאָס האַרץ — געצאַפּלט, די אויגן האָב איך אַרײַנגעשטעקט אין דער ערד ווי אַ טריפֿה מעסער און האָב פֿאַרט געפֿרעגט:

— מען זאָגט, גיטעלע, אַז דו ביסט אַ קלוגע. זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס איז אַזוינס נשמה?

זי האָט געשמייכלט און געענטפֿערט:

— אָסור, אויב איך ווייס!

נאָר פּלוצלינג איז זי טרויעריק געוואָרן, טרערן זײַנען איר געקומען אין די אויגן אַרײַן.

— איך האָב מיך דערמאָנט — זאָגט זי מיר — אַז ווען די מאַמע, עליה השלום, האָט געלעבט, האָט דער טאַטע שטענדיק געזאָגט, אַז זי איז זײַן נשמה... זיי האָבן זיך אַזוי ליב געהאַט!...

איך ווייס נישט פֿון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען, נאָר איך האָב זי אין דער אייגענער רגע אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און געציטערט, און געפֿרעגט:

— גיטעלע, דו וואָלסט געוואָלט זײַן מײַן נשמה?

און זי האָט מיר גאַנץ שטיל געענטפֿערט:

— יאָ!

## — 16 —

און וויפֿל גליקן האָב איך אַלץ געהאַט!

אַ גליק, וואָס גיטעלע איז געווען אַ בת־יחידה, איך — אַ בן־יחיד און בײדע — יתומים, איז עס אונדז לײַכטער געווען צו פּועלן; אַ גליק, וואָס דער לערער האָט צונויפֿגעלייגט אַ פּאָר הונדערט רובל נדן און מײַן מאַמע האָט זיי נייטיק געדאַרפֿט אין געוועלבל אַרײַן; אַ גליק, וואָס איך האָב פּלוצלינג באַקומען — און טאַקע גאָר אומזיסט — אַ שלעכטן שם, אַז איך וואַקס אַן אַפּיקורס און קיינער האָט מיך נישט געוואָלט אויפֿכאַפּן. און דאָס גרעסטע גליק איז געווען, וואָס איך בין געפֿאַלן אויף אַ שכל און האָב אונטערגעשיקט ציפּע די וואַטעמאַכערין, אַ שדכנטע, אַ מויל אויף שרויפֿן, און האָב איר צוגעזאָגט גאָר באַזונדער צו געבן אַ סך געלט! פֿון דעסט וועגן האָט נאָך אַלץ די מאַמע געוויינט איבער מיר: אוי, ווען דײַן טאַטע זאָל אויפֿשטיין פֿון קבֿר און זאָל זען, מיט וועמען איך טו, וואָלט ער דאָך נאָך אַ מאָל פֿון חרפּה געלייגט זיך אין קבֿר אַרײַן.

דעמאָלט בין איך געפֿאַלן נאָך אויף אַ שכל: איך האָב ווײַטער אין מיטן דער נאַכט אָנגעהויבן שרײַען; איך בין נאָך אַ מאָל געווען אויף יענער וועלט; נאָר דאָס מאָל שוין אָפּגעגעבן דער מאַמען אַ גרוס, אַז דער טאַטע באַשטייט אויפֿן שידוך.

און איך האָב געקראָגן אַ נײַע נשמה...

18 באנד — 1 בויגן

# אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראַמאָוויץ)

## אכטצעהנטער באַנד

נייע פערבעסערטע אויסגאַבע

פערלאַג: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא, נאָוואָליפּקי 7

1928

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראַמאָוויץ)

# שלמה ר׳ חיימ׳ס

(ערשטעס בוך)

פערלאַג „מענדעלע", וואַרשא

1928

# אמר מענדעלי

זאָגט מענדעלי מוכר ספרים: וואו איז דען דאָ אַ איד, וואָס קומענדיג פונ'ם וועג זאָל ער זיין גאַנץ מיט אַלע אברים, נישט פיהלען שטעכעניש אין די זייטען, אין רוקען פונ'ם זיצען צונויפגעפּרעסט אין וואָגען איין פאַרשווין אויפ'ן אַנדערען. אַ איד, באַלד ביים אַרויפגעהן אין וואָגען, איז ער מפקיר די ביינער זיינע און אויף די פיס איהם מע־גען טרעטען ווער עס וויל. מילא דאָס איז דאָך אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך, אָבער נישט פאַר אייך געדאַכט, רבותי, אַזאַ שרעקליכען וועהטאָג, וועלכען איך האָב געפיהלט אין אַלע מיינע גלידער קומענדיג ביים № ... נאָך אַ לאַנגען שווערען ביטערען וועג דענסטמאָל האָב איך בעשיינפּער־ליך טאַקי אין מיר געפיהלט, ווי אמת זענען די ווערטער פון אונזערע הייליגע חכמים אויפ'ן פסוק „נשיתי טובה" — נשיתי — איך האָב פאַר־געסען, זאָגען זיי, טובה די טובה, דאָס מיינט מען די באָד — פשוט איז פשוט, אַ באָד ווי עס דאַרף זיין מיט אַלע זיבען זאַכען, מיט די אויבערשטע בענק די ברייטע און מיט די לאַנגע דרענגלען אויף אויפצו־העננען דערויף פליודערען, מחילה, זאָקען וכדומה. איך מיט דעם דופא, וואָס זיצט, דאַכט זיך, אין ווינקעלע ביי אַ ברענענדיג ליכטעל, נאָלט און לאָזט בלוט אידישע קינדער. אָט די טובה האָב איך טאַקי נויטיג ווי אין לעבען אַריין בעדאַרפט האָבען אין דער דאָזיגער צייט, נאָר אָך און וועה, אַז די אַלע דאָזיגע גוטע זאַכען, מיט וועלכע די קליינע שטעדטלעך אין אונזער ווינקעל זענען געבענשט, איז אין דער כּרך № ... ווייס מען דערפון גאָר נישט וואָס צו זאָגען און צוליעב דעם טאַקי אַליין איז דאָס לעבען אין די גרויסע שטעדט גאָר קיין לעבען

נישט, וואָס פאַר אונזערע קאַבצאַנסקער אידען איז עס שווער איבערצו-טראָגן.

ווי באַלד איך האָב אַרויסגעזעהן, אַז דאָ קען איך נישט בעקומען די רפואה נאָך מיין פערלאַנגען, האָב איך אָנגענומען מיר דאָס בעקאַנטע מיטעל, וואָס געוועהנטליך אַ איד געברויכט אין אַ נויט-פאַל, דאָס הייסט, איך האָב מיך נישט ווייסענדיג געמאַכט, אַרויסשלאָגענדיג מיר פון קאָפּ די וועהטאָגען, עט, גאָרנישט! און נאָך מעריב בין איך מיר אַרויסגע-גאַנגען פון אכסניא צוליעב די געשעפטען מיינע צו זעהן זיך מיט סוחרים, און גלאַט אַזוי מיט אַלטע בעקאַנטע.

אַ שלעכט געוויטער, נישט ווי געוועהנטליך, האָט זיך אָנגערוקט פלוצלינג פון צפון-זייט. אַ חשכות, אַ פינסטערניס, שוואַרצע וואָלקען אַרום און אַרום. אויף מענשען פאַלט אָן אַ מהומה, אַ לויפעניש ווי די-דולע. אין אונזערע צייטען האָט בכלל עפּיס דער קלימאַט זיך געענדערט, עפּיס אַ פערדרעהטער, אַ משוגענער וועטער, אַזוי ווי די פּאַפּירען אויף דער בערזע, וואָס הויבען זיך און פאַלען צעהן מאָל אַ טאָג, און אַזוי ווי דער היינטיגער דור אינגאַנצען, משטיינס-געזאָגט. נאָך ביים סוף זומער איז פלעצליך געוואָרען אַ פערענדערונג אין דער לופט — וואָלקענס, קעלט און ווינד, ניטאָ קיין זון, די וועלט איז וויסט, אַ חשכות איז אויף איהר אָנגעפאַלען. ציגען, צאַפּעס שפּרינגען אין די גערטנער, צעטרעטען און פיהרען-איבער אַלץ וואָס דאָרט געפינט זיך נאָך. עפּיס טאַקי נאָר ווי אַ אָנשיקעניש פון גאָט. חזירים רויען זיך און רייסען אויס מיט'ן וואָרצעל וואו עפּיס אַ שטיקעל גרינוואַרג, אַ תל ווערט פון דעם מענשענס אַרבייט. בוימער פערלירען זייער צירונג — אַ מתנה פונ'ם פריהלינג. אַ צושטאַנד, משטיינס-געזאָגט, ווי מלמדים, אָהן „בלעטלעך". זיי שאָקלען זיך, פלאַטערען, ציטערען און קלאַפּען זיך מיט די צווייגען אין דעם אויס-געקראָכענעם קאָפּ, נישט צו דערקענען, אַז זיי האָבען געבליהט אַמאָל און געבראַכט גוטע פירות פאַר לייטען אין דער וועלט. דאָס חיה'לע זוכט זיך אַאָרע ענטרונען צו ווערען אין דר'ערד, די פליעג — אין אַ שפּאַלט ערגיץ אין וואַנד, אַ טייל ברואים פערלאָזען זייערע ערטער און לאָזען זיך וואַנדערען אין עק וועלט איבער די ווייטע ים'ען. עס טרוי-ערט די ערד אין אַ מרה-שחורה רוהט אויף איטליכען, אַלע פיהלען: אָט, אָט, קומט דער ווינטער, דער בייזער פריץ, און וועט פערוויסטען די ערד. ערשט די ימים נוראים געהען אַוועק, די ימים טובים, געלויבט איז גאָט, אויך פאַרביי, און דער ווינטער קומט, נאָר אָבער אָהן סכנות.

נישט מיט קיין שטורעמס, נישט מיט קיין רעש. ער איז גאָר נישט אַזאַ אכזר, אַזאַ בייזער, ווי מ׳האָט זיך געדאַכט, פאַרקערט, ער איז גאָר אַ גוטער, לאָזט זיך דערקענען צו דער ערד מיט זיין ליכטיג פנים. אויפ׳ן האַרצען ווערט רוהיגער. עפּיס ווי זיס מיט זויער צוזאַמען. דאָס פליגעלע טהוט זיך ווייטער אַ וויז, בעוועגט זיך ווי שיכור, אָבּטאַנצענדיג אַ קאַזאַצקע ערגעץ אויף אַ פענסטער, אויך די מוקען קריכען מהנות=ווייז אַרויס פון זייערע לעכער, פליהען, דרעהענדיג זיך, זוזענדיג מיט טענצלעך אין די גאַסען. אַ אַקאַציע ערגיץ אין אַ גאָרטען איז זיך מישב, נעהמט און הויבּט אָן פלוצלינג למזל בליהען, און דער מענש וויל זיך איינרעדען, ווי דער שטייגער זיינער איז, אַז נסים זענען געשעהן אויף דער וועלט, עס וועט, אם ירצה השם, זיין גוט. אביונים פרעהען זיך, קבצנים ווערען ביי זיך שטאַרק, אַ האָפנונג אויף גוטע ליכטיגע צייטען, עס וועט, אם ירצה השם, וואַרים זיין. און פלוצלינג גיט דער ווינטער דער וועלט צו זעהן זיינע גבורות, וואָס אַזוינס ער בעדייט. עס שטורעמט, עס רעגענט שניי מיט וואַסער אויסגעמישט אינאיינעם, עס קעהרט זיך די וועלט.

דער ווינד לאָזט נישט אָב. שטיקלעך פאַלענדיגער שניי שטעכען ווי נאָדלען מיין לייב. איך בויג אָן דעם קאָפּ, האַלטענדיג זיך ביי דער קאַפּאָטע, די פּאָלעס זאָלען מיר נישט אַריבערוואַרפען זיך איבער׳ן קאָפּ. און נעה מיר אַזוי איינגעהויקערט אין צעהנטען צו שלמה רב חיים׳ס — מיינער גאָר אַ אַלטער בעקאַנטער.

אָט דער שלמה מיינער האָט געוואוינט אַמאָל אין גלופּסק, און די גלופּסקער האָבען איהם אויסגעהאַלטען בכבוד גדול. נישט זיי האָבען זיך אויסגעבראַכט אויף איהם מיט געלד, חס=ושלום! נישט איין גראָשען אפילו. וויל ביידע אויגען וואָלט זיך אַ גלופּסקער געלאָזט אַרויסנעהמען פאַר אַ גראָשען, סיידען מען רייסט איהם נישט פאַר דער פאה. ראשית חכמה איז ביי איהם די מטבע, זי מאַכט איהם פאַר אַ גאַנצען יש, פאַר אַנ׳ערצי=מחוצף=פנים, פאַר׳ן גאַנצען פיהרער און דעה=זאָגער אין קהל. נאָר וואָס דען?! רב שלמה איז אַ שרייבער, אַ מחבר הייסט דאָס, האָבען די גלופּסקער איהם געדינט פאַר אַ קרעניצע צו זיינע מעשיות, דאָס הייסט, ער פלעגט זיך גוט צוקוקען צו די גלופּסקער, בעטראַכטענדיג זייערע אַלע מעשים, ווי דער שטייגער איז פון די נאַטורפאָרשער, וואָס זיי בעטראַכטען די טבע פון די בעשעפעניש און רעדען איבער „שקצים“, רמשים און איבער אַלע מיני חיות און בהמות. און בעקענע=

דיג זיך מיט דער טבע פון די גלופסקער בּרואים, מיט זייער שטיינער לעבּען, מיט די אַלע גענג און אויפפיהרונג זייערע, פלעגט ער זיי דערנאָך בּעשרייבּען, אַ נידערשטעלענדיג אַ בּילד אַ וואונדער־שענם מחיה נפשות, וואָס פלעגט האָבּען אַ שאַרפען אָבּגאַנג צווישען אידען, און דערפון האָט ער געהאַט נישקשה׳דיג זיין אויסקימעניש.

אין פלוג דאַכט זיך, האָט זיך די גלופסקער גאָרנישט געקענט עפּעס אַ טויל פאַראיבּעל צו האָבּען אויף איהם דערפאַר, וואָרום וואָס אַרט דאָס אייך, אַז דער האָט אַ נוצען און איהר דערלעגט גאָרנישט דערבּיי. דאָך — הערט אַ מעשה! זענען זיי דערפון נישט צופרידען געווען, טאַקי נאָר מעשה סדום, — פאַר וואָס? ווייסען מיר נאָך ניט בּיז היינט. עס איז דאָ אפילו אַ בּפירוש׳ער דין אַנעגען אַזאַ מעשה רע. בּית דין איז טאַקי אייגענטליך מחויב געווען נויטען זיי דערצו, פערשטאָפּען זיי די מיילער מיט געוואַלד, בּינדען זיי אויף אַלע פיער ווי די בּהמות, און אַנידערלעגען זיי פאַר איהם, נאַ, שרייבּ! מאָל זיי אָבּ פון דיין הנאה וועגען און פון דעם עולם׳ס הנאה וועגען. נאָר ער אַליין האָט זיך שוין אָבּגעשאָקעלט פון זיי, פאַר וואָס? ערשטענס איז טאַקי אַ צער בּעלי חיים, מען טאָר נישט מצער זיין אַ לעבּעדיג בּעשעפעניש, אפילו אַ פּלוי נישט, און צווייטענס איז איהם טאַקי פּשוט נמאס געוואָרען האָבּען צו טאָן שטענדיג מיט די גלופסקער. קרעפּלעך עסט זיך אויך צו. און דריטענס אַלע זאַכען מוזען דאָך עפּיס האָבּען אַ עק·

רבּ שלמה האָט זעהר גוט אַרויסגעזעהן, אַז די דאָזיגע קרעניצע, פונוואַנען ער שעפּט, האָט אָנגעהויבּען, מחילה, אונטערצועיפּוש׳ען און ווימלען מיט מיני קליינע בּעשעפענישלעך, וואָס איז נישט כּדאי מיט זיי זיך אָבּצוגעבּען, און געהערט האָט ער אויך, אַז ס׳האָבּען זיך געוויזען גאָר נייע מאָדנע מיני בּרואים׳לעך, אויפ׳ן קוק, דאַכט זיך, ווי די אַלטע, און פאָרט אַנדערש, עפּיס מיני חאַמעלעאָנען אַזוינע, נאָך נישט גוט אויסגעפּאָרשט לעת עתה, ווער און וואָס זיי זענען, ס׳איז צו האָפען, אַז מיט דער צייט וועט קומען דער געלערענטער מאַן, וואָס איהם וועט בּעשעהרט זיין זיי גוט אויספאָרשען און בּעקאַנט מאַכען מיט זיי די וועלט, דעריבּער האָט רבּ שלמה מפקיר געווען זיינע גלופסקער און איז פון זיי אַוועק.

צו האָט רבּ שלמה זיך אָבּגעגעבּען מיט די נייע מאָדנע בּרואים און איהם איז געראָטען גוט זיי אויסצולערנען, דאָס ווייס איך נישט. מעגליך אַז זיי זענען איהם אויך נמאס געוואָרען און ס׳וואָלט איהם גליי־

בער געווען אָבצושינדען אַ נבלה איידער מיט זיי האָבען צו טאָן. נאָר דאָס ווייס איך בעשטימט, אַז ער האָט דאָרטען היינט אין № ... אַ איי-גענע שול פאַר יודישע קינדער.

נאָך אַזאַ שווערען גאַנג אין רעגען, אין שניי און טאַפּענדיג אי דער פינסטער אַ טיר, בין איך אַריינגעגאַנגען מיט דעם אויבערשטענס הילף מיט גרויס אָבשיי אין אַ הויז. ס׳פערשטעהט זיך, אַז איך בין אַריין הינ-טען-אַרום דורך דער קיך, ווי דער שטייגער איז ביי אַ אידען, וואָס ווייס דרך ארץ.

דער אַריינגאַנג פון אַ אידען אין אַ טיר איז, ווי דער שטייגער זיינער איז, שטיל, געבויגען מיט הכנעה, מען זאָל דאָס הערען עפּיס אַ שאָרך. און פּלוצלינג וואַקסט ער אויס פאַר׳ן בעל-הבית ווי פון דר׳ערד, עפּיס נאָר טאַקי אַ בער, „וואָס טהוט טאָן לוגען צו זיין פערצוקונג", צו דערטאַפּען איהם פּלוצלינג, איידער ער וועט האָבען צייט פון איהם אנט-רונען צו ווערען.

דער דאָזיגער אידישער שטייגער — דאָס איז אַ זכר צו דער בי-טערער אָרימקייט אין גלות פון אייביגע צייטען. זינד קבצנים האָבען זיך אַ ווייז געטאָן ביי אונז אַזוי, אַז די נעהמער זענען מעהר פאַר די געבער, האָבען זיי אָנגעהויבען געברויכען ביים זוכען זייער ברויט, געהענדיג איבער די הייזער, די אַלע קונציגע איינפאַלען פון די יעגער אויף דער יאַגד, אַלץ הינטען אַרום, שטיל, עס זאָל נישט איבערבלייבען קיין צייט אויף ראַטעווען זיך דעם בעל הבית, נעבעך, וואָס ציטערט אַזוי איבער זיין געלד. און דער דאָזיגער שטייגער אַריינגאַנג, וואָס איז אַ ירושה פון יורות, איז געבליבען ביי אונז ביז היינט.

שטעה איך מיר אַזוי אַ ווײלע אין פאָדער-חדר זעהר שטיל, טאַ-פּענדיג זיך ביי דער קאַפּאָטע, ביי די פאות, אונטערהויבענדיג אָביסעל דאָס היטעל אויפ׳ן קאָפּ, גוט אויסצוגלייכען די יאַרמולקע אויף איהם, ווי דער סדר העולם איז, און אגב טאַקי כאַפּ איך אַ קוק אין דעם צימער מיר אַנטקעגען. מענשען זיצען דאָרט ביי אַ לאַנגען טיש, וואָס איז בע-דעקט מיט אַ ווייסען טישטוך — אַ גרייז גראָהער מאַן זיצט אויף אַ שטוהל אויבענאָן, דריי מאַנסבילען פון איין זייט טיש, אַ שענע אידענע מיט מיידלעך פון דער אַנדערער זייט. אויף אַ קליין טישעלע שטעהט אַ זידענ-דיגער סאַמאָוואַר, אַרויסלאָזענדיג פון זיך גאַנצע זיילען גראָהער פּאַרע, וועלכע רויטלען זיך ביים שיין פון דעם היינגלאַמפּ. אַ ליבער מחותּ׳דיגע

װאַרימקײט און ליכטיגקײט איז אין דעם הויז. מען טרינקט טײ, שמועסענ-דיג אײנער מיט דעם אַנדערען מיט גרויס הנאה.

אַז איך האָב מיך גוט צורעכט-געמאַכט אין פאָדער-חדר, בין איך אַרײן אַהין אין זײן צימער און געבליבען שטעהן בײ דער טיר שטיל שװײגענדיג.

— װער איז? װער איז דאָ? רופט זיך אָן דער אַלטער נישט ריהרענדיג זיך פונ'ם אָרט.

— גאָרנישט... אַ איד איז-דאָ... גוטען אָװענד! — ענטפער איך מיט אַ האַלבען מויל, שטעהענדיג אַלץ טאַקי נעבען טיר.

— װאָס זאָגט ער דאָרטען? — פרעגט דער אַלטער פערװאונדערט אויפשטעהענדיג שוין פון אָרט, און לאָזט זיך געהן צו מיר.

— װאָס ער זאָגט?... גאָרנישט... „גוטען אָװענד" זאָג איך.

— „גוטען אָװענד" איז זעהר שען, זעהר גוט, אָבער, איך בעט אײך, רב איד, װאָס װילט איהר?

— װאָס װיל איך? גאָרנישט װיל איך... אַזוי זיך... אַרײן, אַז יאָ אַזוי, איך האַלט שוין אין געהן, טראַכט איך מיר, כדאי אַרײנצו-געהן זעהן זיך מיט אַ אַלטען בעקאַנטען. װאָס מאַכט איהר, רב שלמה, אוי שוין אַ צײט מיט יאָהרען, אַז מיר האָבען זיך נישט געזעהן, מיר זענען בײדע אַלט געװאָרען אין דער צײט. די האָר אײערע זענען שוין גאָר װײס געװאָרען. פונדעסטװעגען האָט איהר זיך קײן סך נישט פאַר-ענדערט, איך האָב אײך באַלד דערקענט, אין דעם הויכען שטערען און אײער קורצע ראיה, די זעלבינע אויגען די פײערדיגע, די זעלבינע ליפען, אויף װעלכע צאָרן מיט שמײכעל שװעבען אינאײנעם, דער זעל-בינער ברען און דאָס זעלבינע מאַכען מיט די הענד בײם רעדען אַזוי װי אין דער יוגענד. איהר זײט אײן אַלט-אינגעל, איך בעט איבער אײער כבוד! נו, און מיך, מיך דערקענט איהר ניט? — זאָג איך מיט אַ זיס-פרײנדליך שמײכעלע, אויסציהענדיג זיך פאַר איהם װי גרויס איך בין, אָננעהמענדיג זיך פאַר'ן בערדיל.

— האַ, װאַרט נאָר, װאַרט אַ װײלע — זאָגט רב שלמה שאַרף אָנקוקענדיג מיך — אָ, דערקענט: רב מענדעלי... אָך, ליעבער פרײנד רב מענדעלי מוכר ספרים! ברוך הבא! װאָס זשע זײט איהר אַזוי שטיל אַרײנגעקומען אין דער פינסטער דורך דער קיך, און שטעהט דאָ בײ דער טיר?

— װאָס הײסט, מען האָט דען בעדאַרפט קלינגען אויף אַלע גלע-

קער? נעהמט נישט פאַר אומגוט, רב שלמה, וואָס איך האָב מיט די־שיך אַריינגעטראָגען בלאָטע אין שטוב.

— עס מאַכט נישט אויס, בלאָטע, דאָס איז ביי אונז אידען אַ זכר לטיט פון מצרים אָן — ענטפערט רב שלמה אָננעהמענדיג מיך פריינדליך ביים אָרעם און שנ׳עלט מיך פאַר אויטליכען אין הויז, אָנ־רופענדיג ביי די נעמען די דריי מאַנספאַרשוינען, און זאָגט: דאָס זענען אידישע שרייבערס, מיינע גוטע געטרייע פריינד.

— אידישע שרייבערס און געטרייע פריינד! — וואונדער איך מיך שטאַרק ביי מיר. אַ בייסעניש, אַ רייסעניש פון קעץ אין איין זאַק איז מיר צוגלייך געקומען אויפ׳ן געדאַנק און איך האָב משונה פערדרעהט די נאָז.

איך זעץ מיך ביים טיש און מען שטעלט פאַר מיר אַ גלאָז טיי. דאָס געשפרעך צווישען דעם עולם קלעפט זיך עפּיס נישט, נישט אַזוי לעבעדיג־הויך ווי פריהער, און באַלד ווערען אַלע ענטשוויגען, ווי עס נעהמט זיי אָב דאָס לשון, אַזאַ שווייגען מאַכט זיך געוועהנטליך אָפּט אין אַ געזעלשאַפט, ווען עס קומט אַ נייער פּאַרשוין. אין דעם שווייגען הערט זיך אַ שטילעם בילען פונ׳ם בייזען הונט, וואָס ליעגט אינוועניג אין אונז מענשענס. דאָס בעדייט: חשד, נישט־צופרידענהייט, פיינדשאַפט, אַ אָנצוי־הערעניש יענעם אויפ׳ן וואונק: טראָגט זיך, פעטער, צו אַל־די רוחות און לאָז מען פון אייך פטור ווערען.

גוטהערצעדיג בעגעגענען איינע די אַנדערע נאָר בהמות. אַ בהמה, אַ שטיינער, שטעהט זיך ביים צעבער, קומט אָן אַ צווייטע און שטעקט אַריין דעם קאָפּ אַהין אין צעבער, — מילא גאָרנישט, שטעהען זיך ביידע און עסען רוהיג, גאָר פריינדליך. וואָס איז זיך דאָ צו וואונדערן וואָרום דערויף איז זי דאָך אַ בהמה, אַ גראָבע, אַ נידעריגע בעשעפעניש אָהן פערשטאַנד...

נישט אָבער אַזוי זענען מענשען, זיי האָבען דאָך שכל, זענען דאָך קלוגעטשקע, בעגעגענען זיי איינער דעם אַנדערען מענשליך, אויף זייער שטייגער. אָט דער מין שווייגען איז זעהר נישט איינגענעהם דעם ניי־אַריינגעקומענעם. ער בלייבט צומישט, פערלירט די שליטה איבער זיך, איבער אַלע זיינע גלידער. די הענד, די פיס, די אויגען בעהענגען זיך עפּיס משונה אָהן זיין וויסען. די נאָז שטעהט פול ווי אַ רינשטאָק מחילה, און ווייסט נישט, וואָס מיט דיר צו טאָן. ס׳איז נישט גוט, שווער ווי אַ שטיין אויפ׳ן האַרצען.

— —

לאנג לעבען זאל רב שלמה, וואס ער האט זיך דערבארימט און ריידענדיג געמאכט די געסט, אבי א אנהויב, איז שוין דאס ווייטערדיגע געגאנגען ווי א מזמור, גערעדט הויך אויף א קול. דאס איז דאך ידוע, אז מחברים זענען גרויסע פלוידערזעק, ריידען מעהר ווי ווייבער. ווי באלד עס עפענט זיך זיי דאס מויל, שיטען זיך רייד, ווי פון א לעבער־דינען זאק. איך האב אויך געעפענט מיין מויל און האב געוויזען, וואס איך קען, גערעדט אהן אויפהער. דאס איז זיי געפעלען געווארען, און מיר זענען געווארען באלד, ווי עס פיהרט זיך ביי יודען, אמת׳ע ידידים... גוטע ברידער, הייסט עס.

— נחזור לענינינו — האט רב שלמה זיך אנגערופען — לאמיר זיך אומקעהרען צו אונזער פריהערדיגען שמועס. פאר רב מענדעלען איז זיך נישטא וואס צו שעהמען, ער איז דערין זעהר געניט, ער איז א בקי אין דעם דאזיגען ענין... אדרבה זאל ער הערען און זאגען זיין מיינונג.

— וועגען וואס איז דא דער שמועס? וועגען וואס האמפערט מען זיך דא אזוי? פרעג איך שוין מיט א רוהיג געמיט

— וועגען וואס האמפערען זיך מחברים?— ענטפערט רב שלמה— וועגען שרייבערס און ביכער! זאגט איהר, רב מענדעלי, וואס פאר א מין זאך איז עס דאס שרייבען, וואס שטעקט דערינען אזוינס? אט דאס איז דער תוך פונ׳ם ענין, וועגען וואס מיר האבען זיך דא פריהער געשפארט.

— והחכמים אומרים, און וואס האבען זיי געזאגט? גיב איך אב כבוד די געסט, זיי זאלען זאגען פריהער זייער מיינונג וועגען דעם

— דאס איז א געטליכער גייסט אין דעם מענשען! — זאגט איינער פון די מחברים און א צווייטער האט איהם צוגעבאמקעט.

— און איך זאג — רופט זיך אן א דריטער, אז דאס שרייבען איז א זאך, וואס מוז האבען פארברייטונג און קענטעניש. ווער עס האט א מח און בילדונג, יענער שרייבט.

— דאס שרייבען — לאז איך מיך הערען מיט אווארט, אזוי אז דעם עולם זאל עס אויפפאלענד זיין — דאס שרייבען איז נישט מעהר ווי א שגעון, א מין שלאפקייט, אזוי ווי, למשל, די תאוה ביי א סך יודען צו שטעלען זיך דאווגען פאר׳ן עמוד, כדי ארויסצווייזען פאר׳ן עולם דאס קול־נגינה זייערע.

— x —

— רב מענדעלי וויל אַלץ מבטל זיין! מאַכט ר׳ שלמה צולעגענדיג אַ פינגער צו דער נאָז, ווי ער בייזערט זיך בלומרשט, און דאָס פּנים זיינס שמייכעלט דערביי — לאָזט זיך דינען, רבותי.

— איך וויל ניט אַריין אין די הויכע דרכים איבער דעם ערשטען חלק פון דער שאלה, איבער וועלכער מיינע חברים האַמפּערען זיך — וואָס דאָס שרייבען איז אַזוינס? איך וועל נאָר זאָגען מיין מיינונג אויף דעם אַנדערען חלק פון דעם ענין: צו וואָס דאָס שרייבען איז? האָרכט זשע. דעם מענשענס פערשטאַנד איז דאָך דער מקור פון אַלע געדאַנקען, די געדאַנקען אָבער ווערען נישט רעכט פאַרטיג, קלאָר, ווי עס געהער צו זיין, סיידען נאָר דורך דער שפּראַכע. מיט איהר הילף נעהמען זיי אויף זיך לייב, בעקומען זייער געהעריגע צורה. אין דערינען בעשטעהט טאַקי דעם מענשענס מעלה, וואָס ער קען רעדען. און היות דאָס רעדען מיט׳ן מויל אַרבייט אויס, ווי אַ קינסטלער אַ מאָלער, די געדאַנקען פונ׳ם גייסט אין זייער קערפּערליכער געשטאַלט, דעריבער דאַרף עס אויך האָבען מיטעל דערצו, וואָס זאָלען איהם שטעהן צו הילף, די אַרבייט זאָל זיין ריכטיג, מייסטעריש גוט. און אַזא מיטעל איז דאָס שרייבען, אָדער די שריפטליכע שפּראַכע. דער שרייבער איז מעהר מקפּיד אויף זיין שפּראַך, ווי דער וואָס רעדט. ער זוכט, קלייבט צו די פּאַסענדיגע ווערטער, זעצט זיי ווי פּערעל איינס צום אַנדערען מיט ישוב הדעת, מיט דער כונה, אַז דער גייסט און די צורה זאָלען, ווי די נשמה מיט׳ן גוף, פּאַסען איינער צום אַנדערען, נישט מעהר — נישט ווענינער וויפיעל מען בעדאַרף. בכן קומט אויס, אַז דורך דער שריפטליכער שפּראַכע פאַרבעסערט זיך מיט דער צייט דאָס רעדען מיט׳ן מויל. קלערער ווערט דער געדאַנק, און גרעסער דער פערשטאַנד.

— דאָס אַלסדינג איז נישט פאַר אונז געזאָגט געוואָרען, — איז אַרויס מיט אַ קריטיק איינער פון דער חברה, — געהט טאַפּט איבער אינגאַנצען די היינטיגע ליטעראַטור אונזערע, משטיינס געזאָגט, וועט איהר מעהר נישט געפינען נאָר לשון, אַ מוסר־זאָגען, עצות, פּלפּול, בויך־סברות, גוזמאות; ווילדע שבחים און משונה׳דיגע זידלערייען — אַלסדינג טאַקי נאָר ווי ביי בטלנים אין בית המדרש אונטער׳ן אויווען, און דאָס וויזט אויף דעם דלות אין געדאַנקען און די אָרימקייט אין געפיהלען. לא די וואָס דער קאָפּ איז נישט פרוכטבאַר, ברייננט נישט אַרויס קיין שום נייס, קיין שום לעבעדיג געדאַנק, ער פיהלט אַפילו נישט, וואָס עס געהט איהם אָב. דעריבער איז דער מינדסטער אַפילו

פון די שרייבער בײַ זיך אַ גדול, קלינגער פון דער גאַנצער וועלט, בײַ איהם איז אַלץ איך און איך... אָט אַזוי זאָג איך, אַזוי מיין איך, און אַזוי ראָט איך... אַלע זענען בײַ זיך פעררימען. ווילדע מוסר־זאָגער, משונה'דיגע ערפינדער, גרויסע בעלי־עצות, מיניסטער־קעפּ, איטליכען בע־זונדער גלוסט זיך אַ באַרג סיני, שטעהן אויף איהם און אַראָבשרייען פון דאָרט זיינע געבאָט, וואָס הויבען זיך אָן מיט „איך“ און לאָזען זיך אויס מיט „איך“.

— אי, אי, אי! — שלאָג איך אָב דעם קריטיקער אַזוי שטאַרק, בײַ מיר אפילו האָב איך געוואוסט, אַז ער איז גערעכט, דאָך האָב איך מיך געעקשנ'ט, געלייגנט, זאָל נישט אויסגערעדט זיין, פאַר'ן כבוד פון אונזערע אָבגעפיינטע חכמים, זאָלען געזונד זיין.

— די שרייבער איז בײַ אונז — טרעט אַרויס מיט אַ קריטיק נאָך איינער פון דער חברה — זיי שרייבען נישט קיין וויסענשאַפטליכע זאַך גופא, נאָר וואָס? איבער דער דאָזיגער זאַך. דאָס הייסט, זיי שטראָפען אַנדערע, ווערטלען זיך, און בעווייזען, אַז ס'איז נויטיג, אַז מען זאָל עס שרייבען. אין דעם ענין אויך, מיט וועלכען זיי בעשעפטיגען זיך, הויבען זיי נישט אָן צו וויסען און ווילען נישט וויסען, וואָס מען האָט איבער דעם שוין פריהער געזאָגט. איטליכער איז זיך אַ אדם הראשון, אָנהויבענדיג פון בראשית, דער אלף־בית חזר'ט זיך תמיד איבער אויף דאָס ניי. די פריהערדיגע חכמים אונזערע ווערען נישט גערעכט, עס בלייבט בײַ אונז פון זיי קיין זכר נישט. אויך די געשעהענישען אין אונזערע צייטען פערשווינדען ווי אַ חלום, פיעל געשעהענישען ווערען נישט פערשריבען אין אונזער צייט דעריבער נאָר, וואָס מען רעדט זיך איין אַ נאַרישקייט, אַז דאָס איז אַ אַרבייט פאַר דעם געשיכטע־שרייבער אין דעם שפּעטערדיגען דור, ער וועט ערשט קענען צענעהמען די זאַכען ווי דער ריינער אמת, אָהן קיין שום פניות. נאָר דערווייל, ביז וואַנען דאָס וועט זיין, איז פיעל געשעהענישען פון אונזער צייט געהען פערלאָרען אָן, העט, העט, אין אַ צייט אַרום, אַז עס וועט אויפשטעהן בײַ אונז אַ אַלטערטומס־פאָרשער און וועט וועלען אויפבויען אַ בנין פון די איבערגעבליבענע צו־וואָרפענע שטיקלעך מאַטריאַל, משטיינס־געזאָגט, — וועט איהם מעהר פעהלען ווי ער וועט האָבען, און אינגאַנצען וועט עס זיין אַ בנין אויף הינערשע פיסלעך, סיידען אַז מען זאָל גלויבען, אַז אידישע געשיכטע־שרייבער זענען נביאים, זעהען בנבואה דאָס וואָס אַ מאָל איז געשעהן, און מאַכען פון גאָרנישט אַ זאַך. ווענינגסטענס איז גענוג, אַז מען זאָל זיי

געבען דאָס לעביל פון אַ נאָדעל, און דעם העלפאַנד אויף דורצופיהרען איהם דורך דעם לעביל וועלען זיי שוין אַליין בעשאַפען, אָבער גאָט ווייס, אויב אַזעלכע וועלען גאָר זיין אין די שפּעטערדיגע דורות. נאָר אָבער אַ היסטאָריקער מיט אַ מענשליכען פערשטאַנד שפּעטער, ער וועט בעשולדיגען די אידישע שרייבער אין אונזער צייט, און זיי שימפּפען, פאַר וואָס זיי האָבען נישט געברויכט דאָס לעבען פונ׳ם פאָלק פאַר אַ מאַטריאַל אין זייערע ספרים, ניט אָנגרייטענדיג גענוג שטאָף אויף צו בויען פאַר יענע, וואָס וועלען קומען נאָך זיי, און האָבען זיך נאַריש געמאַכט מיט „מאמרים", מיט פּלפּולים, מיט וכוחים, מיט ביי־זאַכען, און מיט פאַנטאַזיעס, וואָס נישט געשטויגען און נישט געפלויגען. און אַממיינסטען וועט דאָס נישט געשענקט ווערען יענע, — האָט ער צוגעגעבען צו זיינע רעד מיט אַ וואונק טייטענדיג אויף רב שלמה׳ן מיט׳ן פינגער — יענע שרייבערס פון אונזער איצטיגער צייט, וואָס קענען גוט דאָס פאָלק, אויסגעבונדען פון קליין ביז גרויס און ווייסען אַלע גענג זייערע, און האָבען זיך געפוילט דאָס אָנצושרייבען.

— רבותי, רב מענדעלי ציטערט, ער האָט מורא, איהר זאָלט איהם נישט פאַרברענען מיט׳ן מויל! — זאָגט רב שלמה מיט אַ שמייבעלע, זעהענדיג ווי איך בין צומישט פון יענעמס ווערטער, און מינע מיך שטאַרק פאַר גרויס פערוואונדערונג — נישקשה, רב מענדעלי! אָהן סכנות. מחברים ווען זיי זיצען און לאָזען זיך אַריין אין אַ שמועס, ברענט אַרום זיי אַ העליש פייער, עס ברענט, אָבער פאַרברענט ווערט קיינער, חלילה, נישט. דאָס זידט אין זיי דאָס בלוט, תלמידי חכמים צופלאַקערען זיך אפילו גאָר אין אַ געוועהנליכען שמועס, עס פליהען ווערטער פייערדיגע ווי גליהענדיגע קויהלען. איך קען אייך, מיינע חברים, איך ווייס, אַז איהר זייט אין האַרצען גאָר נישט אַזוי שטרענג ווי איהר רעדט מיט׳ן מויל. אויך נישט אַלע שרייבערס, חס ושלום, האָט איהר דאָ געמיינט, נאָר אַ טייל פון זיי, און אויב היינט זייט איהר שטרענגער ווי תמיד, ווייס איך, פונוואַנען דאָס קומט: עס איז היינט אַ צייט פון געוויטער, עס קעהרט די וועלט. אַ שרעק! דערפאַר זייט איהר היינט מעהר אויפגערעגט. אַ ראיה האָב איך פון זיך אַליין, איך בין היינט צודודערט און אויפגערעגט, עס איז נישט קיין עת־רצון, ברידער! אויך דאָס ווייס איך, אַז צווישען יענע, וועלכע עס וועט נישט געשענקט ווערען שפּעטער — ווי אונזער חבר האָט געזאָגט, — דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך געפוילט בעשרייבען אונזער לעבען, אין זייער צייט, מיינט מען מיך אויך, טור

מיר קען דינען פאר א פארענטפערונג דאס, וואס ס'האט מיט מיר זיך געטראפען פונקט אזוי ווי מיט מחמד'ס ארון, וואס הענגט, ווי מען זאגט, אין דער לופט, ווייל צוויי מאגנעטען ציהען איהם פון אונטען און פון אויבען — איינער אהער און איינער אהין, און דערפאר...

רב שלמה האט אבגעהאקט אין מיטען שמועס, דערפיהלענדיג א קאלטען שטראם ווינד, וואס האט פלוצלים זיך אריינגעחאפט אין צימער אריין, שיער נישט אויסלעשענדיג די לאמפ, און עפיס א געשפרעך, א געטימעל צווישען דעם הויזגעזינד אין פאדער-חדר. רב שלמה'ס ווייב און טעכטער האבען באלד נאכ'ן טיי-טרינקען זיך געפיהלט איבעריג, אין דער געזעלשאפט פון מאנספילען, וואס רעדען דברי תורה. זענען זיי אויפגעשטאנען און ארויס פונ'ם חדר.

די ווייבער פון תלמידי חכמים האבען א ודאי א גרויסען חלק לעולם הבא, ווייל דא, אויף דער וועלט, ביי זייערע מאנען, האבען זיי גארנישט און פיעל זאכען איז ביי א תלמיד חכם פארקעהרט ווי ביי א געוועהנליכען מענשען. א געוועהנליכער מענש רעדט זעהר פיעל מיט זיין אייגענער ווייב, און א פשיטא שוין — מיט א פרעמדענס. און א תלמיד חכם איז אפילו מיט זיין אייגענער ווייב רעדט ער אויך נישט. א געוועהנליכער מענש אויפ'ן שפאציר אויף דער גאס — געהט ער פאמעליך איהר ביי דער זייט, און ביים אריינגאנג און ביים ארויסגאנג נאך איהר. און א תלמיד חכם שפאנט, לויפט פאר'ן ווייב און ביים אריינגאנג און ארויסגאנג פערחאפט ער זיך געהן פאראויס. א געוועהנליכער מענש טהוט אן דאס ווייב דעם מאנטעל און בעדינט זי, און א תלמיד חכם איז דאס ווייב מהוט איהם אן און בעדינט איהם. א געוועהנטליכער מענש, אז ער פארבעט צו זיך געסט אויף א קערטעל, איז ער מצרף זיין ווייב צום מנין און זי שפיעלט אינאיינעם מיט זיי א גאנצע נאכט, און א תלמיד חכם אז די חברים זיינע קומען צו איהם, איז דאס ווייב זיינס טראגט זיי אונטער גלעזער טיי און בעדינט זיי, און ווי באלד זי האט זיך אבגעפארטיגט, איז שוין פאר איהר מעהר קיין ארט נישטא צווישען זיי, און זי נעהמט געשווינד אוועק.

און דאס איינענע טאקי איז געוועזען מיט רב שלמה'ס ווייב און טעכטער זיינע. מיר תלמידי חכמים זענען זיך געוועזען פערטאן אין אונזער זאך אזוי, איז מיר האבען זיך אן זיי גאר פארגעסען, נישט בעמערקענדיג, אויב זיי זענען דא אדער נישטא. ביז עס האט זיך דערהערט זייער קול אין פאדער-צימער און דערפיהלט א קאלטער שטראם, וואס

האָט זיך אַריינגעריסען אַהין אין שטוב אַריין, מיט אַ קלאַפּעריי אין די טירען, האָבען מיר זיך אויפגעכאַפּט — ווי פון שלאָף. נאָך אין אַ ווײלע איז אַריין איינע פון די טעכטער און געזאָגט דעם פאָטער אויפ'ן אויער:

— טאַטע, עפּיס אַ בחור איז געקומען. ער בעט זיך איבערנעכטיגען די נאַכט אין דער שולע.

— וואָס? אַ בחור פון דער גאַס און בעט זיך נעכטיגען! — מאַכט רב שלמה בייז און פערוואונדערט — ס'איז נישט אומזיסט, דאָ מוז עפּיס זיין, וויפיעל גנבות און נאָך אַזעלכע זאַכען קומט פאָר אין שטאָדט דורך אַזעלכע אָנשטעלען, — זאָל ער אַריין!

אַ אָרים בחור, פון אַ יאָהר זיבענצעהן, אַ דערשלאָגענער, האָט זיך שעמעוודיג געוויזען אין דער טיר. דאָס קאַפּאָטקעלע זיינע, אַ צוריסענע, אַ געלאַטעטע, דורכגענעצט פונ'ם רעגען, טרייסעלט זיך און שטעהט אַראָבלאָזענדיג די אויגען.

— פונוואַנען קומסטו, בחור? און וואָס ווילסטו אין האַלבע נאַכט — פרעגט רב שלמה מיט כעס.

— איבערנעכטיגען — שטאַמעלט דער בחור שטיל — איך בין דאָ אַ פרעמדער.

— וואָס הייסט, אַ הכנסת אורחים איז ביי מיר אין מיין שולע — האָט זיך געוווערטעלט ר' שלמה — איך פערשטעה אַזעלכע אָנשטעלען, געה דיר געזונטערהייט!...

אַזוי ווי דער בחור איז אַריין שטיל, אַזוי איז ער אַרויס שטיל, אָנבויגענדיג דעם קאָפּ נישט צו רעדען אַ וואָרט, נאָר אַ בליק געטאָן אויף אונז מיט די אויגען. — און אוי, רבונו של עולם! וויפיעל יסורים, צרות און פורעניות, וויפיעל הארץ, געפיהל און געבעט האָבען זיך אויסגעדריקט אין דעם דאָזיגען בליק!...

רב שלמה איז געבליבען זיצען פערבליפט נאָך דעם בחור'ס אַוועקגאַנג, פערטראַכט און פערזאָרגט. דאָס פנים זיינס האָט זיך פאַרענדערט, אַזוי אַז איך האָב נישט דערקענט דעם ר'ב שלמה'ן, וואָס איך האָב ערשט נישט לאַנג געזעהן. פאַר מיר זיצט אַ אַלטער, אַ שוואַכער, גאָר אַ צובראָכענער שאַרבען, און דאָס געזיכט שטאַרק צוקנייטשט.

אויף אונז איז אויך אָנגעפאַלען אַ מרה־שחורה, דער גענעצט, דער ניסט, און קיינער רעדט אַ וואָרט נים.

אין דרויסען שטורעמט, דער ווינד קלאַפּט אין די פענסטער,

ישראלי מוכר ספרים

בלאָזט אין די שפּאַלטען, בלאָזט און הײלט אין די קױמענס און רײסט, אַרײנצוחאַפּען זיך אין שטוב אַרײן

זענען מיר אױפגעשטאַנען, אַרױס פון שטוב מיט אַ שװער געמיט, און צוגאַנגען זיך איטליכער צו זיך אַ הײם.

אױפ׳ן צװײטען טאָג האָבען מיר זיך פערזאַמעלט נאָך אַ מאָל בײ רבּ שלמה׳ן אין אָװענד. רבּ שלמה האָט געפיהלט קאָפּװעהטאָג און ער איז דעם גאַנצען טאָג נישט אַרױס פון זײן צימער. דאָך איז דאָס װײב זײנס אַרײנגעגאַנגען צו איהם זאָגען, אַז מיר זענען געקומען, און באַלד טאַקי האָט ער אונז פאַרבּעטען צו זיך. דאָס צימער איז נישט אַזױ גרױס און ס׳איז דאָרטען עפּיס אַ נחת, רײן ציכטיג אין אַלע װינקעלעך, די װענד און מעבּעל, און די שאַפעס ביכער, זאָגען: אַז דאָ װױנט אַ תּלמיד חכם. רבּ שלמה זיצט אָנגעלעהנט בײם שרײבּטיש פערטיעפט אין די געדאַנקען מיט האַלב צוגעמאַכטע אױגען, פאַר איהם ליעגט אַ בױגען פּאַפּיר פערשריבּען און געמעקט אין פיעל ערטער, אױך אַ פּען נאָך נישט רעכט אָבּגעטריקענט פונ׳ם טינט. בײם אַרײנגאַנג, האָט ער תּחילת אונז נישט בּעמערקט. דערנאָך האָט ער זיך אַ חאַפּ געטאָן און האָט אונז צוגענומען פרײנדליך.

מיר האָבען מקים געװען אין איהם די מצוה פון בקור־חולים, װי דער שטײגער פון אַ אידען איז. דער שטײגער איז בײ אידען, אַז זײ קומען מבקר־חולה זײן, לאַכען זײ אױס פאַר ליעבּשאַפט דעם קראַנקען מיט דער קראַנקהײט, אַז ס׳איז נאָר אַ אײנרעדעניש, בּכדי מען זאָל איהם פערגרינגערן דעם װעהטאָג. מען זאָגט איהם אױך מוסר איטלי־כער אױף זײן גאַנג. אײנער זאָגט: װי נעהמט דאָס אַ איד, דאַכט זיך, אַ קלוגער, האָט אַ װײבּ מיט קינדער, זאָל זיך נאַריש מאַכען, זיך אַנידער־לעגען קראַנק. װי געשיקט זיך עס! דער צװײטער זאָגט: כ׳לעבּען, חאַרף אַװעק דײנע װעהטאָגען, טהו אַ שפּײ אױף דער קראַנקהײט, בּעסער האָבּ אין זינען, אַז בײ דיר איז דאָ אָהן עין הרע דערװאַקסענע טעכ־טער, און זעה, אַז מיר זאָלען באַלד אײן־גיכען, אם ירצה השם, טאַנ־צען אױף זײערע חתונות. און בּרײנגט איהם ראיות פון זיך אַלײן, פון דעם מאָגען זײנעם, פונ׳ם פּאַלען אױף די קריזעס און פון די מערידען, װאָס האָבען איהם צרות אָנגעטאָן, פונדעסטװעגען... גאָרנישט, בּין גע־זונד, און בּרוך השם.

אין דער צײט װאָס יענע האָבען דאָ פערפיהרט אַזאַ שמועס, גע־בּענדיג דערבּײ, טאַקי װי מענשען, װאָס זענען געפּרובּט געװאָרען מיט

קריינק. עפּיס מיני מאָדנע רפואות, ערב־זייענדיג, אז ס׳וועט ווירקען,— האָב איך מיינס אָבגעמאַכט בקיצור, זאָגענדיג: אי, כ׳לעבען, רב שלמה! — נאָר כדי מקים צו זיין אַ אידישען מנהג, און פּטור. אין אַזוינע מיני זאַכען, ווי אויך אין ווינשעווען נחמות, ברכות, בין איך אַזאַ עם הארץ, וואָס דאָס גלייכען צו מיר נישטאָ.

רב שלמה הויבט זיך אויף פון׳ם אָרט, נעהט און נעהמט אַרויס פון אַ קעסטעלע אַ קליין פּעקיַלע, בינדט איהם אויף, לעגט עס אַנידער פאַר אונז און זאָגט:

— קוקט, רבותי, זעהט, וואָס ליעגט פאַר אייך!

— קנעפּלעך זעהען מיר — זאָגען מיר אַלע גלייך אַרויס — ווייסע ביינענע קנעפּלעך. אלא, וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דאָס זענען די קנעפּ פון מיין איינציג קאַפּאָטקעלע, וואָס איך האָב געהאַט אויף מיר צום לייב, ווען איך בין אין דער יוגענד פערוואָגעלט געוואָרען פון מיין היים אין דער ליטא, צוריק אַ פערציג יאָהר — זאָגט רב שלמה שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ.

— אָבער וואָס פאַר אַ שייכות זענען די קנעפּ מיט אייער נישט־געזונד־זיין, און וואָס האָט איהר זיך עפּיס גראָד איצט אין זיי דערמאָנט? איז אונז אַ גרויסע קשיה.

— אוי, ס׳איז שייך און שייך, זיי געהערען זיך זעהר גוט אָן! הלואי וואָלט איך אין זיי נעכטען נישט געווען פאַרגעסען — זאָגט רב שלמה מיט אַ ביטערען זיפץ, זעצענדיג זיך צוריק אויף זיין ביינקעל, פערמאַכט די אויגען און שווייגט אַ ווילע פערזונקען אין די געדאַנקען.

דערנאָך הויבט ער אויף דעם קאָפּ און ווענדעט זיך צו אונז מיט אַזוינע דבורים:

— איך בין זיך מתודה פאַר אייך: רבותי, אַז איבער מיין הייסען כאַראַקטער בין איך נעכטען נכשל געוואָרען אין אַ האַרבע עברה, איך האָב אַרויסגעטריבען אַ אָרעם יונגעל, אַ פערוואָגעלטען, אַ פערלאָזטען, נעבעך, אַ נאַקעטען און אַ — הונגעריגען, וואָס האָט געבעטען רחמים איבערצונעכטיגען ביי מיר אין שולע אין אַזאַ פינסטערער רעגען־שניידע־דיגער נאַכט. ניין, רבותי, ער האָט נישט געהאַט דערביי קיין שום שלעכטע כונה, ער איז באמת אַ גר און אַ פערוואָגעלטער, און נאָך מעהר, ער איז זיכער פון די ישיבה־בחורים אין דער ליטא. דאָס איז מיר קלאָר געוואָרען באַלד טאַקי, ווי ער איז נאָר אַרויסגעגאַנגען, פון׳ם שטעהן זיינעם בהכנעה, פון זיין קליידונג, און טאַקי פון דער בקשה

זיינער גופא. מיט אַזאַ מין בקשה וועט נישט קומען איינער אַ היגער. ס'וועט איהם אַזוינס גאָרנישט איינפאַלען אפילו, נאָר דוקא אַ וואַנדרער פון ערגיץ אַ ווינקעל אין דער ליטאָ, וואָס די בתי מדרשים און ישיבות דינען דאָרטען פאַר אכסניות פאַר די אָרעמע בחורים. איך אַליין בין דאָך דערמיט געפּרובט געוואָרען נישט איינמאָל נאָר, אין מיינע יונגע יאָהרען. די נעכטיגע נאַכט האָב איך פערבראַכט אין גרויס עגמת נפש, נישט געקענט קיין אויג צומאַכען, אַזוי שרעקליך האָט מיר דאָס האַרץ געפּלאָגט, אַזוי האָט מיר באַנג געטאָן. די געשטאַלט פון דעם דערשלאָגענעם בחור'ל און צוגלייך אויך מיין געשטאַלט, ווען איך בין נאָך געווען אַ יונגעל, געקליידט ווי ער, האָבען פאַר מיר געשוועבט די גאַנצע נאַכט און מיך שרעקליך געפּייניגט. ציטערענדיג=טרעסלענדיג זיך שטעהט פאַר מיר דאָס אומגליקליכע בחור'ל. ער שווייגט. נאָר די אויגען זיינע דערצעהלען זיינע צרות, אויפ'ן פנים זיינעם ליעגט אויסגעדריקט אַ געבעט: האָב רחמנות אויף אַ געפּייניגטען, אויף אַ הונגעריגען, נעהם אַריין דעם פרעמדען, דעם נאַקעטען, און זאָל ער ביי דיר נעכטיגען אין אַ ווינקעלע! ער שטעהט מיט אַ צובראָכען האַרץ און וואַרט אויף הילף, אָבער אַנשטאָט הילף טהוט מען אויף איהם אַ היק, און מען טרייבט איהם אַרויס. שטיל און פאַרשעמט געהט ער אַרויס אָנבויגענדיג דעם קאָפּ, ווי אַ שוואַכער ביינט אָן דעם אָקסעל, אַז דער שטאַרקער וויל איהם שלאָגען — די געשטאַלט אַוועק, און מיינע קומט! קומט, שטעלט זיך מיר פאַר, דערמאָנט מיר פריהערדיגע יאָהרען און זאָגט: דערמאָן זיך נאָר, רב שלמה, אָט אַזוי האָסטו דיך אויך אומגעוואָגעלט, אין דיין יוגענד, אַרויסגעהענדיג פון דער ישיבה, און אַזוי ביסטו אויך ווי אַ פערוואָגעלט פויגעלע געקומען אין איינע פון די שטעדטלעך, וואָס דאָ אין דעם געגענד, נאַקעט און בלויז אין אַ צוריסען קאַפּאָטקעלע מיט ווייסע ביינענע קנעפּ און האָסט זיך געבעטען אין אַ בית המדרש, מען זאָל דיך לאָזען דאָרט דעם קאָפּ אַנידערלעגען. ווי=זשע ביסט דו עס אַזוי שלעכט, רשע איינער, היינט אין גוטע אומשטענדען? ווי האָט דיך פערטראָגען דאָס האַרץ היינט, אַז דו ביסט געוואָרען אַ גאַנצער פּריץ, און ס'איז דיר מיט דעם אויבערשטענס הילף גוט, צו דערוויטערן אַ עלענדען, אַ דערשלאגענעם, נעבעך, וואָס דו אַליין ביסט אַ מאָל געווען אין זיין שטאַנד? אָנגענומען, אַז דו האָסט אפשר נישט געקענט געבען איהם ביי דיר אַ נאַכטלעגער, האָסטו דו געמעגט איהם געבען עפּיס געלט, ער זאָל קענען איבערנעכטיגען אין אַ אכסניא. צו=וועניגסטען, אויב נישט אַ נדבה פון דער

קעשענע, האסט דו דאך איהם געקענט געבען א גוט ווארט מיט׳ן מויל, און רו, נישט גענוג וואס דו האסט נישט געגעבען נישט דאס און נישט יענ׳ן, האסט דו איהם אזוי מאוס ארויסגעטריבען. — אוי נישט פאר אייך געראכט, ברידער, אזא פלאגען זיך ווי געכטען און אצינד נאך אויך!

— פונדעסטוועגען נעהמט אייך נישט אזוי צום הארצען — טרייסט איך רב שלמה׳ן — עס טרעפט זעהר אפט אזעלכע מעשים, בייזאכען, און קיינער מאכט זיך נישט דעראויס. לאמיר נעהמען, א שטייגער, אט די גרויסע סוחרים, די בעריהמטע באנקירען און טאקי אלע גבירים אונ־זערע, וואס בעהאנדלען אזוי שלעכט זייערע מענשען, נישט־ברחמנות׳דיג, ווער, (זאל זיי צו קיין גנאי נישט זיין) זענען זיי אליין? כמעט אלע זענען זיי אויפגעקומענע משרתים, וואס שפילען היינט די ראלע. אין דער יו־גענד זענען זיי געווען משרתים אין קלייטען און אכסניות און האבען גע־לייזט פון זייערע בעלי־בתים אין טאטענס טאטען אריין הונדערט מאל א טאג. אזוי איז שוין געשטעלט אין דער וועלט פון זינט זי איז בעשאפען געווארען, אלע פארגעסען זיך, ווער עס האט די בייטש אין האנד. שמייסט, נישט צו געדענקען, אז ערשט נעכטען האט ער מיט זיין כבוד אליין פון דער אייגענער בייטש טאקי געהאפט שמיץ. א קיילעכדיג ביי־כעל, עזות און געלד נעהמען צו דעם זכרון. אויף אלע פעהלער און פלוי אין דער נאז פערדעקט די מטבע. בעקומט איינער געלט, האט ער די וועלט און יענע וועלט.

— אייערע טרייסט־ווערטער זענען נישט קיין ענטפער — ענטפערט רב שלמה — דאס שלעכטס הערט נישט אויף שלעכט צו זיין דעריבער נאך, ווייל עס איז א געוועהנטליכע זאך. כשר מאכען א חטא דערמיט, ווייל מען געפינט איהם אפט ביי א סך מענשען אין דער וועלט, הייסט אזוי פיעל, ווי מען זאל זאגען, א שטייגער, אז א שטומפיגע ראיה, טויבקייט און שטאמלען איז נישט קיין פעהלער, ווייל אין דער וועלט זענען דא גוזמא־גוזמאות טויבע, שטומע און בלינדע. ווארום אויב אזוי, מוז דאך אויסקומען, אז סיי דער יצר טוב מיט זיין גוטסקייט און סיי דער יצר הרע מיט זיין שלעכטסקייט זענען נישט ווערט קיין דרייער. ניין, רב מענדעלי, אומזיסט די רעד אייערע. איך וויים ביי מיר מיין שולד און פיהל, אז איך האב געהאנדעלט שלעכט.

— אט דאס האסט דו דיר טאקי פון גאט אליין א מוסר דערפאר, וואס דו פוילסט זיך אויפשרייבען דיין לעבענס־געשיכטע — זאגט איינער

פון דער חברה — וויפיעל מאָל האָבען מיר דיר געזאָגט און געזאָגט דו זאָלסט דאָס טאָן און האָסט נישט געפאָלגט.

— אָט דאָס דאָזיגע בחור׳ל איז טאַקי ווי אַ שליח פון גאָט געקומען אויפצוטרייבען דיך, אַז דו זאָלסט לסוף זיך דערמאָנען אָן דיינע פריהערדיגע יאָהרען — העלפט אונטער דעם ערשטען נאָך איינער — אָט האָסטו אַצינד נישט ווילענדיג טאַקי זיך דערמאָנט אין די קנעפּלעך פון די יונגע יאָהרען און הלואי זאָלסט דו זיך אויך דערמאָנען נעמען אָנשרייבען, ווי ס׳האָט זיך געלעבט אידען אַ מאָל, אין יענער צייט, כדי עס זאָלען נישט פערפאַלען ווערען ווי אין וואַסער אריין.

יער האָט אַייך געזאָגט דעם סוד, וואָס איצט ביי מיר אין הארצען! — טהוט רב שלמה אַ זאָג און דאָס פנים פלאַמט איהם, — אויף מיין געלעגער נעכטיגע נאַרישׂ ליגענדיג פערטראַגען, אין שטוב איז שטיל און אין דרויסען שטורעמט אַ שרעק, איז מיר ווי אַ בליץ אריין — דער געדאַנק, אָט דער טרעפער, דער אויסלעגער, וואָס זיצט אין דעם מענשענס האַרץ, — און האָט אויסגעלעגט, אַז די מעשה מיט דעם בחור׳ל איז אַ וואונק מיר פון אויבען, און פון יענער צייט אָן הערט ער נישט אויף צו־צוטרייבען מיך און זאָגט: שרייב! אין דעם מענשענס לעבען קומט פאָר אַמאָל אַזוינס, וואָס צווינגט אפילו דעם אַפּיקורס, וואָס לייקענט אין דער השגחה, גלויבען, אַז ס׳איז פאַרהאַן אַ פערבאָרגענער אַזעלכער, וואָס אַלסדינג בעשטעהט דורך איהם, איטליכע זאַך אין איהר צייט, אויף אַזעלכע בעדינגונגען, מיט וועלכע עס איז געשטעלט געוואָרען פון לכתחילה. עס זעהט אויס, אַז אַזוי איז דאָס מזל מיינס און אַזוי איז שוין מיר בעשעהרט, אַז מיר זאָל עס געהן אין דער וועלט אַלץ מיט שטורעם. מיין לעבען איז אַ שטורעמדיגער ים, מיינע יאָהרען — רוישענדיגע כוואַליעס, און די נשמה מיינע — דאָס שליידערנדיגע שיפעל. און דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב מיך אָנגעהויבען צו דערקענען, איז אויך געווען מיט שטורעם. — ס׳איז פריהלינגס־צייט. פלוצלינג ווערט אַ חמאַרע און צווישען גערטנער אויף פריש־גרינעם [גראָז לויפט זיך אַ אינגעלע באָרפיס אין איין העמדעל מיט אַ היטעלע אויפ׳ן קאָפּ. לויפט געשווינד, אָבשטעלענדיג זיך צו־ווילען, די אויגעלעך וואַרפען זיך אין אַלע זייטען, און די אויערלעך הערען־צו אויפגעשפּעלט ווי ביי אַ העזעלע. יענס קינד דאָס בין איך מיט מיין כבוד אַליין. דאָסמאָל עפענט זיך מיר צום ערשטען מאָל אויף די אויגען מיינע און איך ענטפּלעק מיך צו מיר אַליין אינגאַנצען ווי איך בין — איך ענטפּלעק מיך און בלייב פערגאַפט

אויף דעם בילד, וואָס שטעהט פאַר מיר. איינער אַליין געפין איך מיך דאָ, קיין לעבעדיגע בעשעפעניש אַרום נישטאָ. נאָר הימעל און ערד. אַ פלויט פון איין זייט, אַ פלויט פון דער אַנדערער זייט. אָט גיט אַ זעץ אַ קלאַפּ אויבען אין דער הויך. דאָס קול קייקעלט זיך, און ענדע וועלט צעפּאַלענדיג זיך אויף אַ סך שטאַרקע קולות דאָרט. און פייערדיגע שלאַנגען פליהען מיט אַ צוק אין הימעל. — אָט דאָס קלאַפּען רעדער פון גאָט'ס רייטוואָגען, טראַכט איך ביי מיר, גאָט פאָהרט עס דאָרט אין הימעל, טראַסקעט מיט דעם בייטש און פונקען פליהען. אַ זייל פון שטויב הייבט זיך אויף פון דר'ערד, עס יאָגט זיך, עס דרעהט זיך ווי אַ דריידעל. נאָר באַלד גיט אַ גאָס אַ רעגען, אַ ליעבער וואַרימער רעגען נאָר אַ דערקוויקעניש, גרויסע טראָפּענס פּיקען אַז אויף גרינוואַרג אין די גערטנער: רעטעכלעך, ציבעלע, קנאָבעל יונגעטשקע בויגען איין די קעפּעלעך, ווי קינדער ביים מאַמען אין שויס, און צעזאָגען זיך מיט פערגעניגען. אין דרויסען לאָיען פון הונדערטער ערטער קליינע רינקעלעך, נעהמען זיך אויפ'ן וועג צונויף, פליסענדיג וואַסער, זשומענדיג אין די אויערען. און אָט טהוט זיך אַ וויז די ראָד פון זיין רייטוואָגען, אַ ראָד אַ גרויסע דאָרט אין הימעל. נאָר אָבער אַ האַלבע זעהט זיך אַרויס וואונדער־שען געפאַרבט, אַ פערגעניגען צו קוקען, און עפּיס אַ ליכטיג שיין אַנטגעגען. די זון נעהט אַרויס דאָרט פון אונטער דער ראָד, ווי אַ חתן פון אונטער דער חופה, גיט אַ קוק צו דער ערד, שיינט זי, אַ ווינק צו די וואָלקענס — ווערען זיי רויט...

דאָס איז דער אָנהויב פונ'ם דערקענען מיך אַליין, גאָט און די וועלט זיינע. מיט דונערען און בליצען איז מיר דאָס אַלסדינג ענטפּלעקט געוואָרען צום ערשטען מאָל און דאָס מענשליכע פערשטאַנד האָט אין מיר אַ שיין געגעבען דורך דעם שטורעם. אָט דאָס וואונדערליכע בילד האָט זיך מיר איינגעשניטען אין האַרצען. אייביג וועל איך, ווייל איך עס נישט פערגעסען די גאַנצע פּאַנאָראַמע פאַר מיר, און דעם לשון פון דער נאַטור אַרום מיר האָב איך דאַמאָלסט פערשטאַנען און האָב עס געפיהלט מיט'ן האַרץ פון אַ אומשולדיג קינד. איך האָב פערשטאַנען דעם לשון פון די קרייטעכצער און געוועקסען פון גאָרטען, דאָס ליעד וואָס די רינעלעך וואַסער פלאַפּלען, און וואָס פראָש קוואַקעט ליגענדיג אין בלאָטע ביז'ן האַלז, אויסשטעלענדיג אַ פּאָר גרויסע אויגען — האָב איך גוט פערשטאַנען, איך האָב דאָך איהר אָבגעענטפערט קוואַקענדיג אויך אויף אַ קול ווי זי. און אַז איך בין געקומען אין בית פון אונזער הויז. איז

אַרויס דאָס קעלבעל פונ׳ם שטאַל אויסגלייכענדיג די ביינער, אַראָב לאָזענדיג דעם קאָפּ און אויפהייבענדיג דעם עק און געמעקעט, און ס׳איז אויך אַרויס די הוהן מיט איהרע קינדערלעך און געפּיקט אין מיסט פּישצענדיג, און דער האָהן געהט־מיט פּאַראויס קוממיות זעהר האָפערדיג און מאַכט קוקעריקו. אויך די קאַץ זעה איך, ווי זי געהט אַראָב פונ׳ם דאַך, קאַראַבקעט זיך אויפ׳ן וואַנד און מיאַאוקעט. האָב איך געוואוסט וואָס זיי ווילען, און האָב איטליכען אָבגעענטפערט אויף זיין לשון: געמעקעט, געמיאוקעט, געפּישצעט הויך אויפ׳ן קול. פערשטאַנען האָב איך נאָר נישט דעם פּאַטש, וואָס דער טאַטע האָט מיר געגעבען, און וואָס בעדייט דער מאַמעס געשריי אויף מיר, אַז זי האָט מיך דערזעהן פּיטש נאַס פונ׳ם רעגען; וואָס זיי זענען אויסען געווען דענסטמאָל און וואָס מיין רבי און אַנדערע מענשען זענען אויסען געווען פון מיר דערנאָך — דאָס האָב איך נישט געקענט פאַרשטעהן.

רב שלמה שפּאַרט זיך צו מיט׳ן קאָפּ צום פאַרענטשיל פון שטול שווייגענדיג אַ ווײלע. פונ׳ם אויסדרוק פון זיין פּנים און די אויגען איז געווען צו דערקענען, אַז ער איז שטאַרק צוקאָכט און מיר האָבען פערשטאַנען, פאַר וואָס ער איז אַזוי צוקאָכט. זיין לעבען האָט זיך איהם געצויגען ווי אַ וועג פול דערנער מיט שטיינער. אָט געהט ער באַרג אַרויף איבער הויכע שפּיציגע סקאַלעס און אָט לאָזט ער זיך אַראָב אין טיעפע אָבגרונדען. אַצינד ביים עפענען די אַלטע פּעקלעך צרות און ביים אָנריהרען מיט אַ פינגער די וואונדען, מכות, נאָך אינגאַנצען נישט אויסגעהיילטע, מוז מען דערביי פיהלען שמערץ, אַ שמערץ זעהר אַ גרויסען. בערוהיגענדיג זיך אַ ביסעל, הויבט ער אָן ווייטער צו ריידען.

— איך וויל אַצינד ענדיגען אייך מיין שמועס, וועלכער איז נעכטען אין אָנהויב איבערגעהאַקט געוואָרען. שוין אַ לאַנגע צייט אַז די פען מיינע געפינט זיך צווישען צוויי פערשיעדענע דעות פונקט קאַפּויר איינע פון דער אַנדערער, ווי דער אָרון פון מחמד׳ן הייגנט, לויט ווי מען זאָגט, צווישען צוויי מאַגנעטען. אין דער צייט וואָס איינע פון די דעות ציהט זי אַהין צו בעשרייבען אַלטע זאַכען וואָס פריהער, איז די וואָס אַגעגען האַלט זי אָב ציהענדיג זי אַהער צו בעשרייבען וואָס אין אונזער צייט געהט פאָר. און די דאָזיגע צוויי שפּאַרען זיך איינע מיט די אַנדערע און מיר ווי צוויי קרעמער קריגען זיך איבער איין קונה, צונישט מאַכענדיג דערביי איינער דעם אַנדערענס סחורה. איינער זאָגט: גאָט זאָל אָבהיטען פון דער מאָדנער נייער סחורה און פון די שענע תכשיטים הייגטיגע צייט ביי

אידען! אלץ וואָס דו זעהסט איז נישט מעהר נאָר פורע שווינדעל, און אַ אויגען-פערבלענדעניש, פאַרזילבערטע שערבלעך, אַ אויסגעבלאָזטע איי, צוגעפוצט, פערפאַרבט פון דרויסען אין שמוציג, פע, פון אינעווייניג. ס׳איז נישטאָ קיין עכטער טיפּ מיט זיינס אַ ווילען, מיט זיין אייגענעם כאַראַקטער. עפּיס נאָר אָנגעשטעלטע גולם׳ס, משטיינס-געזאָגט, ווי קוקלעס אַזוינע, דאַכט זיך, עפּענען ליפּעלעך, פּויקען, בלאָזען, קלינגען און גיבען פון זיך אַרויס אַ קול נישט פון אַ לעבעדיגער נשמה, נאָר דורך עפּיס אַ פּריזינקעלע. כ׳לעבען, לאָזט זיי אָב, און נאַט אייך בעסער אַנטיקען אַלץ פאָטערשע, וואָס עס לעבט און עס האָט אַ אייגענעם ווערטה... אַנעגען זשע די שרייט: קומט צו מיר, קוקט אָן מיין סחורה און קוקט נישט אויף יענץ, וואָס שמעקט שוין מיט קברות-בלעטלעך, וואָס טויג אייך, רב איד, פערשימעלטע זאַכען — אויף דערויף שרייט מען דאָך טאַקי אין דער וועלט, אַז אידען מייסטענס רייסען זיך אָב פונ׳ם איצטיגען אין דער וועלט אין דער קאָפּ ליעגט זיי העט-העט אין דער פערגאַנגענהייט, זיי געהען אומגעקעהרט מיט דעם פּנים אַ הינטער נישט צו זעהן פאַר זיך דעם וועג, שטרויכלען זיך און פאַלען. אין אַלע זייערע הנהגות — ביי זיך אין שטוב, אין שוהל און אין דער ליטעראַטור זייערע זענען זיי ווי די טויטע, טויטע זענען זיי ביים לעבען און לעבען מיינען זיי נאָכ׳ן טויט. אַ איד אַז ער לעבט איז גערעכענט ווי גאָרנישט, ערשט נאָכ׳ן טויט ווערט ער געהויבען מיט אַ שענער מצבה — אַלע מתים בעקומען דעם טיטול תם וישר, אַ נדיב, אַ חכם. רעטיך, ציבעלע ווערען צעדערבוימער, אַ פלאָטע — אַ לויתן אויפ׳ן בית עולם. הכלל דער היינט איז ביי זיי גאָרנישט, און אמת׳ן אָבער איז דאָך דער עיקר לעבען פאָרט טאַקי נאָך אין דער הייסער מינוט, אין וועלכער מען געפינט זיך. דער מענש, וואָס נויטיגט זיך ווי אַ לעבעדיג בעשעפעניש אין אַזוי פיעל בעדערפעניש, איז מחויב ווי ווייט מעגליך אויסצוזוכען אַזוינע מיטעל און זיי צו פערבעסערן אַזוי, אַז דורך דעם זאָל איהם דאָס לעבען אויף דער וועלט ניחה זיין. הייסט דאָך עס, אַז ער מוז דערינען אַרבייטען אינאיינעם מיט אַלע מענשען אין זיין צייט.

— לאָזט זיך, זייט-זשע מוחל — דינען, זאָגט רב שלמה, זעהענדיג, אַז מיר ווילען איהם איבערשלאָגען די רייד — איך ווייס וואָס איהר ווילט מיר ענטפערן. איהר ווילט זאָגען: אַליין פאַר זיך גענומען איז נישט איינע פון די ביידע דעות ריכטיג, ווייל איטליבע פאַר זיך איז דאָך נישט מעהר נאָר ווי איין זייט פון דער זאַך, איבער וועלכער עס רעדט

זיך. אלסדינג אין דער וועלט האט צוויי זייטען און דער אמת בעדארף
ארויסקומען פונ'ם אננעהמען די ביידע איינאייגעם. נאר אבער אזוינס קען
נאר אדער א גרויסער חכם, א געזעצטער מענש, אדער פערקעהרט
א ווארנאט, וואס ווארפט זיך אין אלע זייטען און פאר איהם איז רעכט,
ווי א טאג ארבייטער, איטליכעס מין ארבייט, וואס קומט איהם צו דער האנד,
נישט איבערקלייבען. אנטראגען שטיינער, ליים, ציגעל צום בויען, אדער
פאנאנדערוווארפען א וואנד, גראבען אין מיסט און רייניגען א שטאל, —
וואס מאכט דאס איהם אויס, אבי געארבייט און בעקומען געצאהלט. —
איך אבער בין פון די מיטעלע מענשען, וואס האפען זיך נישט צו איטלי-
כער ארבייט. און נעהמען זיי זיך שוין אריין אין קאפ עפים א זאך, האלט
מען זיך דערמיט שטענדיג, נישט אראב דערפון אויף א האר אין דער
זייט. און דערצו נאך — בין איך זיך מודה פאר אייך. בין איך בטבע
פויל — איך טראכט מעהר ווי איך טהו. אבי עס טרעפט זיך נאר עפים
א שטיקעל עבוב מיר, בעפריי איך מיך פון איהר זעהר גערן. דעריבער
אז די דעות זענען מחולק אין מיר, האלטען זיך מיר ביי דער פען, צי-
הענדיג זי איטליכער צו זיך, פסק'ע איך ווי יענער מאן דאמר: נישט
צו דעם, נישט צו יענעם, לאז זיך ליגען ביז וואנען משיח וועט קומען.
און אט קומט ער... דער בחור, ער קומט אן פלוצלינג מיט דעם
שטורעם און גיט מיך א דרעה צוריק צו דער פערגאנגענהייט. אצינד
דער קאפ ליעגט מיר איינגאנצען אין יענער צייט, דארט וואו איך האב
געלעבט אין דער יוגענד. אלט, זאט מיט צרות, מיט א הארץ אנגע-
פלאגט און פערוואונדעט פון פליהענדיגע פיילען אין לעבענס-קאמף.
געפרובט מיט ביטערע שווערע יסורים, האב איך מיך אומגעקעהרט צו
מיין וועלטעל וואס א מאל, און דער כח המדמה ברייגנט מיר ארויף
פון אונטער ערד זיין צויבער, ווי יענע כישוף-מאכערין פאר שאול'ן אין
עין-דור, פארשיעדענע בילדער און צורות, מיט נאך פיעל מיני משונה
אלטע זאכען פון אמאליגע יאהרען. זיי קריכען ארויס און קוקען אויף
מיר ביין, ווייל זיי פערשטעהען זעהר גוט, וואס דאס אומקעהרען זיך
מיינס צו זיי בעדייט און צו וואס זיי ווערען דא ארויסגעפאדערט — זיי
וויסען, אז דאס בין איך געקומען נעהמען זיי, און וויזען זיי פאר דער
וועלט אויף וואונדער. אוי וועה, יענץ וועלטעל מיינס איז זעהר א קליינס,
דארטען בליהען נישט קיין פאמעראנצען, עס וואקסען נישט קיין רויזען.
מען זעהט דארטען נישט קיין גרויס נחת, טייכען פון מילך און האניג
גיסען זיך דארטען נישט און דער עולם דארט איז א געמיינער, געבעך.

אידען מיט בערד און פאות און מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, דאַרע, קוואַרע, געבויגענע, קראַנקע, צובראָכענע, דערשלאָגענע, פערשווארצטע, פערפינסטערטע, ציטערען פאַר דער שיין. עס טהוט מיר זעהר באַנג, רבותי, בעאומרוהיגען די אַלטע ביינער זייערע און מטריח זיין די דאָזיגע מתים זיי זאָלען אַרויף אויף דער סצענע מיט זייער כבוד אַליין. און ווער ווייס, צו וועלען זיי זוכה זיין צו אַ שענעם אויפנאַהם. פיעל פון אונזערע אידעלעך זענען דאָך, נעבעך, היינט זיך שטאַרק מצער איבער זייער נאָז, וואָס שטעהט און שרייט אַרויס איטליכען, אז דאָס זענען פון די בני יעקב! ווען זיי זאָלען נאָר האָבען די מעגליכקייט, וואָלטען זיי פערביטען זי אויף אַ אַנדערע — און פלוצלינג טראָגט דער רוח אָן פון ערגיץ אידען אַלטע, פערשימעלטע, עפּיס משונה־ווילדע מיט זייער שטעהן, מיט זייער געהן, מיט זייער ריידען און מיט דעם גאַנצען בענעהמען זייערען, משטיינס־געזאָגט, אַנצוטאָן זיי אַ בושה עפענטליך פאַר אַ וועלט מענשען, ניין, ברידער, דאָס איז נישט קיין שפּאַס, איך זאָג טאַקי אַרויס אייך גאַנץ ערענסט אַזוינס, וואָס האָט מיר געמאַכט ענגמת־נפש, און וואָס צוליעב דעם האָט איהר מיך געטראָפען זיצענדיג אַזוי פערזאָרגט און פערטיעפט אין די געדאַנקען. און באמת טאַקי, וואָס האָט מען צו דערצעהלען פון אונזער לעבען אין מיינע ציישען? איבעררעאַשט די וועלט מיט גרויסע וואונדערליכע זאַכען האָבען מיר נישט, קיין גראַפען, פריצים און יענעראַלען און גרויסע שיסערס זענען מיר ניט געווען, קיין ראָמאַנען מיט יפיפה׳ס האָבען מיר נישט געשפּיעלט. שלאָגען זיך אויף דועלען ווי די בעק, אָדער זיין ווי עדות צוקוקען, ווי צוויי פערגיסען זיך דאָס בלוט, האָבען מיר נישט געפּרובט, און טאַנצען קאַדרילען מיט נקבות אויף בעלער האָבען מיר נישט געקענט. און אויף געיעג אין פעלדער, [אין וועלדער צו חאַפּען בערען, זענען מיר נישט געגאַנגען. געררייזט אויף אייגענע שיפען איבער ים׳ען אויפצודעקען נייע אינזלען האָבען מיר נישט. מיט טענצערינס און אַקטריסעס האָבען מיר קיין געשעפטען נישט געהאַט, און איבער פרימאַדאָנעס און אָנטאָן זיך די גרויסע פאַרגעניגענס האָבען מיר זיך נישט אויסגעבראַכט. בקיצור אָט די אַלע צימעסלעך צום ספור המעשה, ער זאָל זיין געשמאַק און נעהמען דעם עולם — אָט דאָס אַלסדינג איז נישטאָ ביי אונז און אָנשטאָט דעם האָבען מיר אַ מלמד, מיט אַ חדר, מיט אַ בעהעלפער, שדכנים, חתנים. כלות, מיט ווייבער׳ קליינוואַרג, חלוצות און עגונות, אַלמנות און יתומים, נשרפים, געפאַלענע און אָבגעקומענע, אַלע סאָרטען אָרימע לייט, אַרומגעהענדיגע איבער-

די הייזער ערב שבת, ערב יום טוב, ראש חודש און גלאַט אַזוי זיך מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, בטלנים, גבאים מקבלים, און צדקה־פושקעס אַלע מיני פורעניות, דלות, קבצנות און אַלערליי מיני משונה׳דיגע פרנסות, אָט דאָס איז אונזער לעבען, אַז אָך און וועה איז צו אונז! אַ לעבען, פשטיינס־געזאָגט, אָהן נחת, אָהן אַ רוהיג געמיט... אַ פינסטערס אָהן אַ שיין, אָהן אַ שטראַהל ליכט; אַ לעבען וואָס האָט אַ טעם ווי אַ געקעכטס אָהן פעפער און אָהן זאַלץ.

— אַ טעות, כ׳לעבען, רב שלמה — זאָגען מיר: — נו, לאָז שוין זיין אפילו ווי איהר זאָגט, אַז אין דעם אידענס לעבען פעהלט געווירץ, אָבער דערפאַר האָט ער אין זיך אַ מין אידישען טעם, וואָס ס׳איז נישטאָ זיין גלייכען. ס׳איז דאָ אַ מין קעז, וואָס ער איז מיט ווערים, און די מבינים וואָס פערשטעהען זיך אויף דער אכילה, צאָהלען דערפאַר אין טאָג אַריין און עסען דאָס מיט אַ מאָדנעם אַפּעטיט. אָט די ביטערקייט וואָס איז אין אונזער לעבען, אָט דאָס איז טאַקי די גאַנצע חשיבות זיינע, און עס איז געשמאַקער דעם מבין פיעל מעהר פון יענער פריקרע זיס־קייט, פון וועלכער עס נודזעט אַמאָל גאָר צום ברעכען. לעקעכלעך, דאָס איז אַ מאכל נאָר פאַר קליינע קינדער. דאָס לעבען פון די כנסת ישראל, האָטש עס זעהט אויס שטאַרק מאוס פון דרויסען, אָבער שען איז עס אינווייניג. אַ שטאַרקער גייסט ליעגט אין דעם אידישען לעבען, אַ גייסט אַ געטליכער, וואָס ווי אַ ווינד וועהט ער שטענדיג, אויפהייבענדיג אין איהם הוואַליעס, כדי צו רייניגען זיי פון שמוץ און פוילקייט. די דונערען און בליצען, פאַגראָמען און שטורעמס, וואָס קומען אויף זיי אַמאָל, זיי לייטערען זיי, און גיבען זיי צו אַנייע קראַפט. דאָס אידישע פאָלק איז ווי דער פאַרצייטיגער גריכישער פילאָזאָף דיאָגענעס, דער קאָפּ זיינער פליהט איהם אין הימעל, דערקענט גאָטס גרויסקייט אָהן אַ סוף, און אַליי, וואוינט ער דאָ צווישען די אומות העולם (ווי יענער אַמאָל אין זיין פעּ־סעל) צונויפגעשטיקט אין אַ בעשטימט ענג אָרט. אונטער די בערגלעך מיסט אין חדר, ישיבות און בתי מדרשים גליהט דאָס פייעריל פון תורה, פאַרברייט ליכט און וואַרעמקייט צווישען גאַנצען פאָלק. אַלע אונזערע קינדער, אָרים און רייך. קליין און גרויס, לערנען און קענען אין די קליינע אותיות. אָט אַזאַ לעבען, זאָגען מיר, איז רעכט און עס פאַסט טאַקי, אַז ס׳זאָל פערשריבען ווערען לדורות.

— צוגעגעבען אפילו ווי איהר זאָגט — ענטפערט רב שלמה — איז דאָך דאָס געערדט געוואָרען נאָר אָקענען דעם לעבען פונ׳ם

גאַנצען פאָלק בכלל, אָבער מיין לעבען אַליין, פאַר יך געגומען, מיט וואָס האָט עס פערדיענט און וואָס פאַר אַ נייעס איז אין איהם דאָ, ס'זאָל ווערטה זיין, מען זאָל עס בעשרייבען? עס האָט זיך פאַסירט מיט מיר דאָס אייגענע, וואָס מיט טויזענדער אַנדערע ביי אונז. גאַנץ געוועהנטליכע זאַכען. איז דען דאָ נאָך אַ אומה אויף דער וועלט, וואָס דער גאַנצער שטייגער לעבען פון איטליכען בעזונדער זאָל זיך ציהען פונ'ם געבוירען ווערען ביז דעם שטאַרבען אויף איין נוסח, ווי ביי אונז יודישע קינדער? די ערציהונג, דאָס לערנען, דאָס דאַווגען און דער ניגון צו יעדער תפלה, צו יעדען פזמון, צו יעדער שטיקעל פיוט, צו יעדער סליחה, האָט זיין געשטעלטען, געוויסען נוסח, אפילו עסען און טרינקען האָבען אויך איין נוסח. איז עס דען וואו געהערט געוואָרען, אַז אין אַ געוויסער שעה, פרייטאָג צונאַכטס, אַ שטייגער, זאָל אַ פאָלק יודען עסען פיש, לאָקשען און צימעס? שבת אין דער פריה — רעטיך און פעטשאַ, לעבער און ציבעלעס מיט אייער, אַ אויסגעפריעטע קאַשע מיט אַ גרויסען מאַרך-ביין דרינגען; אין דעם און דעם טאָג זאָל מען עסען קרעפלעך, אין יענעם טאָג המן-טאַשען און אין דעם טאָג אַ געלען קוילעטש מיט זאַפרען. הויבט איינער אָן זאָגען „כל מקדש“ אָדער שרייען „חי וקים“ אין בערדיטשעוו, הערט זיך דער אייגענער ניגון און דאָס אייגענע קול אויך אין אַרגענטינע, וואָס אין עק וועלט. מיר זענען אַ עדה פון מילבען, וואָס ווי איינע, אַזוי די אַנדערע, אַלע גלייך. אין דער נאַטור געשיכטע, זאָאלאָגיע, ווערט גערעדט וועגען דעם מין מילבען בכלל, אָבער נישט וועגען איטליכער מילב בעזונדער.

— אין פלוג, דאַכט זיך, רעדט איהר גאַנץ גלייך — ענטפערט חברה איהם — דאָס יודישע לעבען זעהט טאַקי אוים ווי מיט איין נוסח ווי ביי די מילבען. אָבער אין אמת'ן איז צווישען זיי דאָ אַ גרויסער חילוק: די מילב מוז פון דער נאַטור טאָן אַזוינס, וואָס ס'איז געשטעלט געוואָרען פאַר דעם גאַנצען מין מילבען, נישט צוקרימען אויף אַ האָר. ביי מענשען איז אָבער נישט אַזוי. איין זאַך וואָס ליגט אין דער טבע ביי אַ כלל מענשען, בעקומט ביי יעדערן פון זיי אַ גאַנץ אַנדער פנים, יעדערער טהוט זי אויף זיין שטייגער, אַנדערש ווי דער צווייטער. ביי איטליכען מענשען לאָזט זיך בעמערקען אַ בעזונדער כאַראַקטער אין דעם רעדען, אין דעם שמייכעל, אין דעם ווינקען מיט

די אויגען, אין דעם גאַנג, אין דעם שטייגער עסען און טרינקען, האָטש די אַלע זאַכען זענען אַ מתנה פון גאָט בײַ אַלע מענשען. און נאָך מעהר דערקענט מען דעם מענשען אין זיין סטיל, זיין שטייגער שרייבען. איין זאַך קומט בײַ איין שרייבער אַרויס אַנדערש ווי בײַם צווייטען. — אין שני נביאים מתנבאים, צוויי נביאים, זאָגען אונזערע חכמים, רעדען נישט איין זאַך בסגנון אחד, מיט איין סטיל... אומזיסט אײַער טענה'ן, רב שלמה! שרייבען אײַער לעבענס=געשיכטע מוזט איהר.

— מהיכא=תיתי, פאַר זיך אַליין אפשר טאַקי יאָ, אָבער נישט פאַר אַנדערע — זאָגט רב שלמה, ווילענדיג ווי=ס'איז זיך אַרויסדרעהען — איך בין מוסכם אָנצושרייבען וואָס אין מיין לעבען איז פאָרגעקומען נאָר פאַר מיר, אָבער דאָס זאָל ווי די דאָזיגע קנעפּלעך ליגען בײַ מיר צודינען פאַר אַ זכרון אין די אַמאָלדיגע יאָהרען טאַגע און מיך אָבהיטען פון אַ זינד.

— ניין, רב שלמה — האָבען מיר אַלע געשריען — שרייבען און טאַקי דרוקען!

— אויב יאָ אַזוי — מאַכט רב שלמה מיט אַ שמייכעל — אַז איהר זאָגט דרוקען, געהט זשע ווייטער און רעכענט אויס נאָך און נאָך מלאָכות, וואָס אַ יודישער מחבר האָט צו טאָן, כסדר: שרייבען און צונויפבעהטען פרענומעראַנטען און הסכמות; דרוקען און מגיה זיין, קנעלען, האָבען צוטאָן מיט דעם בחור הזעצער; מאַכען אַ גרויסען לוח=הטעות, אַזויפיעל וויפיעל אין ביכעל זענען דאָ ווערטער; אַרומגעהן איבער די הייזער, טיילען און אָנוואַרפען אויף יודען די ספרים, דערנידעריגען זיך פאַר איטליכען גאָרנישט, פאַר אַליאַד מענשעל, אַרײַנלאָזען זיך אין וויכוחים מיט קמצנים און נאָך אַזוינע מיני נפשות, וואָס ווילען זיך אויסדרעהען; בוקען זיך און קבצנ'ען לכבוד גאָט, לכבוד התורה ולכבוד דעם הייליגען לשון פון קודשא=בריך=הוא מיט די כנסת ישראל; געבען אַ סך ספרים בעקאַנטע במתנה און מוכרי ספרים אויף באָרג ביז משיח וועט קומען; און נאָך אַלע זאַכען פערקויפען דאָס רעשט ווי שמאַטעס אויף פאַפּיער — אַ קאָפּיקע פאַר אַ פוד! — ניין! ברידער, איך טויג נישט צו אַזעלכע אַרבייט.

— האָט איהר דען פערגעסען, רב שלמה, אַז ס'איז עפּיס דאָ אַ מענדעלי מוכר ספרים אויף דער וועלט, און לבטלה האָט גאָט איהם נישט בעשאַפען! — לאָז איך מיך הערען הויך מיט גדלות, ווי אַ געניטער אין אַזוינע זאַכען. באַ! איהר האָט, זייט מוחל, נאָך נישט גע=

ענדיגט דאָס צעטעל פון אַלע מלאָכות. דעם חילוף האָט איהר פערגעסען, דאָס מיינט מען דעם גלגול, וואָס יודישע ספרים ליידען בעונותינו הרבים. עמיצענס אַ ספר ווערט דורך די מוכרי ספרים מגולגל אין אַ תחינה פון שרה=בת=טובים, די תחינה ווערט מגולגל אין אַ קינה, די קינה אין מעשענע לייכטער, מעשענע לייכטער אין אַ שופר, אַ שופר אין אַ סליחה, אין אַ מחזור, סליחות, מחזורים אין וואָלפציינדלעך, אין אַ כל=בו און טלית=קטן׳ס. אָט אַזוי געהען זיי איבער פון איין גלגול צום אַנדערען גלגול, ביז זיי ווערען צופליקט, צוריסען און ווערען שמאַטעס. ס׳איז דאָ נאָך אַ מיני חיבורים, וואָס פאַר די זינד פון זייערע מחברים, ליעגען זיי ווי די שטיינער, רחמנא=לצלן, וואָס טויגען צו גאָרנישט, סיידען צומאַכען פון זיי שפיי=קעסטלעך, מען טהאָר אָבער נישט שפייען אויף שמות... נישקשה, רב שלמה, נעהמט שרייבט, און וואָס נאָכ׳ן שרייבען דאַרף זיין, דאָס נעהם איך שוין אויף מיר. דער גאַנצער ענין דאָ מיט אונז איז באמת טאַקי מן השמים. זעהט, איך בין אויך ווי איהר זאָגט, געגאַנגען צו אַייך אין אַ שטורעם.

רב שלמה האָט געשוויגען און מיר פריינדליך געדריקט די האַנד, ווי איינער זאָגט: מאַקי זאָל זיין ווי איהר ווילט!

געזונד זאָל זיין רב שלמה, וואָס האָט געהאַלטען וואָרט און אין אַ יאָהר אַרום מיר אַריינגעשיקט פיעל פון זיינע געשריבענע זאַכען, וועלכע איך וועל מיט דעם אויבערשטענס הילף לאָזען אָבדרוקען אין אַ קורצע צייט כסדר איינע נאָך די אַנדערע.

## 5.

פֿונ׳ם חודש תשרי הייבט זיך אָן אַ צעטעל ימים־טובים: די בײדע ערשטע טעג פֿונ׳ם חודש איז ראש־השנה, דער צעהנטער טאָג — יום־כּפּור, זיי הייסען ימים־נוראים, שרעקליכע טעג, און אינאיינעם מיט די טעג, וואָס צווישען זיי, הייסען זיי אויך עשרת־ימי־תשובה — צעהן טעג צייט, חרטה צו האָבען אויף די זינד: וויינען, בעטען און אויסבעטען אַ גוט יאָהר. דענסטמאָל איז אויפ׳ן הימעל אַ יריד, עס קומט זיך דאָרט אַ שרעק.

„ונתנה תוקף קדושת היום, און דערצעהלען וועלען מיר — אַזוי טוט זיך דער מהוור דאָרט אַ זאָג — די שטאַרקע הייליגקייט פֿונ׳ם טאָג. דען שרעקליך פֿאָרכטיג איז ער צוגלייך, און איהם שטייגט הויך דיין קעניגרייך. אויף גנאָד איז, נאָט, דיין שטול געשטעלט, דו זיצט מיט אמת אויף איהם צו ריכטען די וועלט. יאַ, אמת! דו ביזט דער ריכטער און פֿערקלאָגער, דו ווייסט און ביזט דער עדות־זאָגער. דו שרייבסט און חתמ׳סט, צעהלסט און רעכענסט אַלץ מיט צאָהל, געדענקסט פֿערגעסענע זאַכען, וואָס העט אַמאָל. דו עפֿענסט אויף דאָס קאָנטעבוך, עס לייענט דרוים אַליין זיך איטליכס וואָרט, פֿון יעדען מענשען אייגענהענדיג שטעהט די חתימה זיינע דאָרט. מיט׳ן גרויסען שופר טוט מען דאָרט אַ בלאָז, אָווּאַ! אַ דינע שטימע לאָזט זיך הערען — שטיל, שאַ. מלאָכים יאָגען, אין אייגע שרעק אַהער־הין און זאָגען: עס־איז אָט־אָ דער יום־הדין, אויף אָבצורעכענען זיך מיט׳ן גאַנצ׳ן געצימעל, אָ־דאָ אין הימעל! דען וויל אין דיינע אויגען ריין און פֿיין, איז ביי׳ם געריכט נישט מעגליך זיי צו זיין, און אַלע אויף דער וועלט ווי ברייט זי איז און לאַנג, געהען דיר פֿאַר־ביי, ווי שעפּעלעך אַ גאַנג. ווי זיינע לעמער קוקט דער פּעסטיך איבער גוט, ער לאָזט שאָף זיינע דורכגעהן אונטער׳ן רוט, אַזוי אָט נעהמסט דו אַלע ב׳שעפּעניש אַפֿיר, דו רעכענסט, צעהלסט און לאָזט פּאַסירען זיי

פאַר דיר. בעשטימסט פאַר יעדען זיינס פאַראַוים, און גיבסט זיין פסק יעדען אַרוים, ראש־השנה ווערט אויף זיי דאָרט אָנגעשריבען, יום־כפור אָבגע'חתמ'ט אונטערשריבען. וויפיעל זאָלען אומקומען, וויפיעל זאָלען צוקומען, ווער זאָל לעבען און ווער שטאַרבען, ווער אויסלעבען זיין צייט זאָל ביז צום עק, און ווער פון דאַנען פאַר דער צייט אַוועק. ווער אין פייער אַ טויט אַ שווערען, ווער דורך אַ שווערד, ווער דורך אַ חיה זאָל דער'הרג'ט ווערען, ווער פאַר הונגער, ווער פאַר דאָרשט און נויט, ווער דורך שטורם און ווער דורך מגפה אַ טויט. ווער דערשטיקעניש, אין האַלז אַ ביין, און ווער — אין קאָפּ אַ שטיין, ווער זאָל צו הויז זיך רוהיג בלייבען, און ווער אין דער פרעמד זיך אַרומצוטרייבען, ווער זאָל זיך לעבען שטיל, און ווער אין דולעניש פיעל, ווער אין פריידען, ווער אין ליידען, ווער אָנווערען, ווער רייך ווערען. ווער האַלטען זאָל אַראָפּ און ווער אַרויף דעם קאָפּ".

און ווי דער יריד. דער רעש אויפ'ן הימעל, אַזוי רעש'ט זיך אויך דאָ אויף דער ערד. נאָך מיט אַ חודש פריהער טוט אין די שולען אַ בלאָז דער שופר און וואָהרענט: יודען, עס גערט דער יום־הדין! און יודען הויבען בעצייטענס אָן זיך אַרומקוקען, מאַכען אַ קלאָרען חשבון פון זייערע מעשים אַ גאַנץ יאָהר, און טוען אַלע מיטעל, ווי אַרויס ריין פונ'ם משפט, וואָס שטעהט זיי פאַר — זיי זאָגען סליחות, זוכען זיך גוטע אַדוואָקאַטען אין צדקה, אין אַלטע זכות אָבות, צו זיין מליצי יושר, פירשפּרעכער פאַר זיין הייליגען כסא־הכבוד.

טאָן תשובה, בעטען, מיט צדקה שמירען —<br>
דאָס העלפט אַ שלעכטען פסק צו קאַסירען.

די אַרענדאַרעס פון דערפער אַרום און אַרום קומען מיט קינד און קייט, האַק און פאַק אין די שטעדט אַריין, אינאיינעם מיט כל־ישראל צושטעהן דאָרט פאַר גאָטס געריכט און אויסבעטען פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער וועלט מענשען, גאָר אָהן אַ שום חילוק, אַ גוט יאָהר, אַ דערלייזונג פון אַל־דאָס בייז.

דאָס ..עדטעל ק... איז גאָר נישט דאָס שטעדטעל, וואָס אַ גאַנץ יאָהר, וואו מען זעהט קיין פרישען מענשען נישט און וואו דאָס לעבען פליסט געוועהנטליך ווי אַ שטיל וואַסערל רוהיג, עפּיס ווי פערשלאָפען. אַ פּאָר טעג פאַר ימים־נוראים חאַפּט עס זיך אויף. עס ווימעלט פון נייע

פארשווינען, וואָס קומען פונ׳ם ישוב, פוהרלעך אָנגעזעצט מיט ווייבער
און קינדער אויף גאַנצע בערג בעבעכעס, איבערבעטען, זעקלעך שפּיי־
און שטייגען מיט עופות ציהען זיך איבער די גאַסען. בעלי־בתים, יונג־
לעך, ווייסע חברה, געהען און לויפען אַ קעגען, איטליכער אַקעגען זיין
אָרענדאַר, וואָס שטעהט ביי איהם יום־טוב אויף סטאַנציע. פון ביידע
זייטען שיטען זיך רייד הויך אויף אַלערליי קולות — פון דאַנען שאלות:
פאַר וואָס אַזוי שפּעט? פאַר וואָס אַזוי און פאַר וואָס אַזוי? און פון דער
אַנדערער זייט מעשיות, וואונדער און נסים גרויסע: עס האָט געלאָפענט
אין וועג אַנ׳אָקס, געפאַלען אַ פערד, אָבגעריסען אַ בריק, אַ מעוברת
ווייבעל האָט זיך פערוואַלט אין מיטענדרינען געהן צו־קינד, זיך איבער־
געקעהרט אַ וואָגען, מע בעדאַרף גומל בענשען, קוים מיט דעם לעבען
אַרוים... דאָרפס־הינט בייא׳ם אָנקומען מיט זייערע בעלי־בתים רייצען אויף
די אַלע שטעדטעלדיגע הינט, עס ווערט צווישען זיי אַ געבילעריי, אַ
געשלעגעריי, גלייך ווי זיי זיינען נישט ברידער פון דער הינטישער זרע,
מיט איין הינטיש מויל, איינע הינטישע צייהן. און באמת טאַקי איז דאָ
צווישען זיי אַ גרויסער אונטערשייד. דער דאָרפס־הונט איז דאָס, ווי גאָט
האָט איהם בעשאַפען, ווייסט נים קיין פּאָליטיקע, חוץ דעם בעל־הבית
און די שטוב קען ער נישט קיינעם, בילט אויף איטליכען אָרים און רייך
אַלע גלייך. חאַפּט טאַקי אַ ביין, אַז יענער גיט, חאַפּט און בילט פאָרט
ווייטער טאַקי, בילט מיט זיין אייגען קול, נישט פערשטעלט, ער איז
פּראָסט אָהן אָנשטעלען. דער שטאָדט־הונט אַ קעגען איז שוין עפּעס גע־
מלאָכה׳ט, אויסגעפיינט, אַביסעל פאַלש און האָט מורא פאַר אַ שטעקען
— בילט אויף אַנ׳אָרימאַן, אויף אַזעלכען, וואָס קען זיך נישט וועהרען,
פאַר אַ שטאַרקען האָט ער אָבשיי, פאַר אַ רייכען שען געקליידט —
אַ שרעק! מיט אַ שטיקעל ברויט שוחד פערשטאָפּט מען איהם דאָס מויל,
שאַ! גיט יענער פון דער אַנדערער זייט, אַ ווילד פרעמדער גאָר, אַ גרע־
סער־שטיקעל, טוט ער שוין איהם צוליב, פאָלגט וואָס מען הייסט. ער
שפּאַצירט זיך אָפּט אַרום, שמעקט וואו עפּים אַ קערמעשיל, וואָס מען
קען חאַפּען אַ לעק, מאַכט בעקאַנטשאַפטען, דרעהט מיט דעם ווידעל,
שטעהט אויף די לאַפּקעס און בילט אַמאָל עפּעס גאָר נים מיט זיין קול,
גלאַט אַזוי זיך, מען זאָל נישט פערגעסען, אַז ס׳איז דאָ אַ הונט... אַז ער
האָט צייהן און קען, אין אַ נויט־פאַל, הינטען אַרום אַ בים טאָן אויך...
אָט די דאָזיגע ביידע מיני הינט אָנקוקען קענען זיי זיך נישט איינער דעם
אַנדערען. די גאַנצע צייט, וואָס זיי ביידע געפינען זיך אין דעם שטעדטעל

הערשט דארט א בילען, א האווקען, א שרייען אויף די צייהן, עפּעס א „הינטישער וואפּראס„, שטענדיגע קריעג און שטענדיגע געשלעג. דער קאפּ אזש ווערט דול! ווארטשון א שטייגער, א דארפס־הונט אהן חכמות, ווייסט נישט מעהר ווי צו היטען די שטוב, ליגט זיך אויסגעצויגען אין דרויסען פאר דער טיר, קוקט בייז ווי א רוח מיט פערלאפּענע פון בלוט, האלב צוגעמאכטע אויגען, רייבט, קראצט דעם בויך אין דער ערד, שטיל אונטערפּישטשענדיג פאר גרויס הנאה, פּלוצים רוקט זיך אונטער קאשטאן, א הויכער, א דארער, איינער פון די שענע בעלי־בתישע שטאדט־הינט. ס'איז איהם פון דערווייטענס אין דער נאז אריין א ריח פון יודישע פיש, אויף וועלכע ער איז א גרויסער בעלן, אויך א ריח פון געבראטענס, וואס קאכט זיך לכבוד יום־טוב דארט אין שטוב, און ער לאזט זיך, ווי געוועהנטליך, צוקומען נאהענט, שמעקען, נישטערן, תאמר וועט דאס מזל איהם דיענען א חאפּ טאן עפּיס. ווארטשונען אבער איז די זאך נישט געפעלען — וואס געהסט־דו, עזות־פּנים, אין מיין גבול אריין? און וואס איז עס גלאט פאר א מאדע, הונט איינער, ארומגעהן איבער די הייזער. אריינשטעקען א מארדע, וואו מען בעדארף נישט?! ער גיט זיך אויף איהם פון הינטען פּלוצים א ווארף. טוט א ביס און רייסט איהם אויס א זשמענע האר. קאשטאן ווערד אזש פערצאפּעלט, פערלעגט, מחילה, דעם ווידעל, חאפּט די פיס אויף די פּלייצעס — און אוועק־אוועק מיט א קוויטש... דאס אייגענע איז אויך מיט פּילקען, א שווארץ הינטעל מיט איין אויסגעקרימטען רוקען און הינקענדיג פיסעל, וואס לעבט פון קצבה — פון יודישע פּאמוניצעס. ער לאזט זיך, ווי דער שטייגער זייגער איז, צו א יודענס שטוב, וואס זאל ער דא איבערטראכטען? פּלוצים טוט איהם א חאפּ טרעזאר, א געזונטער, א קודלאטער דארפס־הונט, און ברעכט איהם א ביין, אזוי אז ער פערגעהט זיך נעבעך פאר וועהטאג, לויפט שפּרינגענדיג, דאס הינקענדיג פיסעל אין דער לופטען. דאס געזעסעל אין דער זייט אויסגעקרימט און היילט, רויעט אויף א גרילצענדיג קול. אזא פּסק חאפּען אויך נאך אנדערע שטאדט־הינט. ס'איז זיי פערשטערט דאס לעבען — נישטא קיין צוטריט צו א יודישע שטוב! דערפאר אבער דערטאפּען זיי א דארפס־הונט ביי זיך, ערגיץ אויף דער גאס, מעג ער שוין זיך געזעגענען מיט דעם לעבען. זיי ווארפען זיך אויף איהם פון אלע זייטען, שארפען די צייהן, צופּען אין רייסען. עס ווערד א געקוויטשעריי, נישט אויסצוהאלטען. קונדסים מישען זיך אויך אריין, הידען אונטער, ווארפען שטיינער, כמעט שטעהן אין

די מהירען, רופען, שרייען און שעלטען. יודען אויף דער גאס האפען א ציטער, ראטעווען זיך און לויפען גאר און אין אטעם, האלטענדיג זיך ביי די פאלעס.

הכלל עס רעש׳ט זיך, עס קאכט זיך, דאס שטעדטעל איז אויף, ס׳איז, ווי מען זאגט, ליהודים! דאס לעבען אין דעם שטעדטעל געהט שוין שטארקער, עס זעהט אויס, ווי א שטעהענדיג טייכעל. וואס וועסנער־צייט צוגיסט זיך עס, פלייצט ניך, האסטיג מיט א גערויש.

און בשעת דעם גערויש ווייזט זיך פון דערווייטענס א לאנגער וואגען פול אנגעזעצט מיט חנא מליניצערס הויזגעזינד. די אלטע שקאפע, וואס האט א ביסעל זיך צוגעשטעלט אויפ׳ן וועג, טוט זיך אצונד אן א כח, אריינפאהרען אויף דעם מארק קוממיות, האפערליך, מיט דער פאמפע. און לכבוד דעם שטעדטעל ולכבוד די פארשוינען, המסובין בכאן אויפ׳ן וואגען, פערדרייסט זי דעם וויידעל, שטעלט אויף די אויערען, הייבט פיסלעך און העצקעט זיך לעבעדיג־פרעהליך מיט א טאראראם, א געקלאפעריי פון די רעדער. צוציק לאזט זיך פאראויס מיט דער בשורה — אז מען פאהרט! היטענדיג זיך, פון דעסטוועגען, די ביינער ביי א בעגעגעניש מיט זיין גלייכען, אין הינטישע מיילער נישט אריינצופאלען. יענע איהם א שמעק — שלום עליכם, און ער יענע א שמעק — עליכם שלום! מאכט ער אב בקיצור, א שמעק נאר פון יוצא וועגען, דרעהט זיך באלד טאקי אויס און לויפט ווייטער, די „זקנה" נאך איהם, האץ־האץ ביי ר׳ חיים׳ס שטוב, וואס פון א ד[illegible]שע צייט יאהרען שטעהט דארט איין חנא פון דער מיהל מיט ווייב און קינדער — א גרויס פעקעל, אהן עין־הרע!

פאר שלמה׳לען שטעלט זיך דענסטמאל א וועלט מיט נייע עסקים, ס׳איז דא ברוך־השם וואס צו טון, אויף וואס צו קוקען, וואס צו בעטראכטען. לאז זיך שוין גאט אנשרייבען דארט. וואס ער וויל, דערוויל אבער אז מען לעבט, בעדארף מען לעבען.

קודם־כל חאפט שלמה׳לע זיך ארויף. באלד טאקי נאך חנא׳ס אנקומען אויף דעם וואגען, עטליכע קונדסים ארויין מיט איהם, א פאר שטעהען, אנהאלטענדיג זיך פון הינטען, צווישען די רעדער — און היידא! מען ציהט ביי די לייצען, מען שמייסט, מען מאכט מיט די ליפען, שרייעט אין איין קול: „וויא־וויא: אין כע טוט א פאהר א ביסעל פארביי

דער שטוב. דערנאָך נעהמט מען צום סמיק צוציק׳ן, מען טוט מיט איהם אַ רעד עפּעס אויף איין אַנדער מין לשון, אַריינלאָזענדיג זיך מיט איהם אין די הויכע דרכים, פערהערענדיג איהם. וואָס ער קען, פריהער פון דערווייטענס, מיט אָבשיי, אונטערוואַרפענדיג איהם שטיקלעך ברויט, שפּעטער אַלץ נעהנטער ביז מען פערלירט דעם דרך־ארץ, און עס ענדיגט זיך, ווי דער שטייגער איז, מיט אַ שטיין און מיט אַ קוויטש...

שלמה׳לע אינטערעסירט זיך אויך שטאַרק מיט די נייע מיני דאָרפס־פאַרשוינען, אַלצדינג אין זיי קומט איהם אויס עפּעס משונה. מיידלעך אין נייע גראָבע שיך און זאָקען, אין נייע סיטצענע קליידעלעך פון אַ מיתה־משונה־קאָליר, מיט גרויסע רויטע קוויטען, גלאָצען אויס גרויסע קעל־בערנע אויגען, אַ פינגערל אין דעם מויל — און קוקען. יונגלעך אין חאַ־לאַטלעך, אין נייע קנאַקענדיגע לייבסערדאַקלעך אין לייווענדענע פלידער־לעך, בלאָזען זיך, שעמען זיך, קאַלופּען די נאָז — און שיסען פלוצים אויס, אין קולאַק, אַ געלעכטער, ווישענדיג בשעת מעשה טאַקי מיט דעם אַרבעל, מיט דער פּאָלע די נאָז, מחילה. היינט דאָס רעדען זייערס, דאָס עסען, איז אויך עפּעס אומנעלומפּערט — דאַכט זיך גערעדט, און ס׳איז עפּעס גאָר געבעבעט, דאַכט זיך, געגעסען, און ס׳איז עפּים גאָר געפרעסען. אַ קייען אַ ביסעל, מישטעהנס־געזאָגט, אַ מאַכען מיט די באַקען, אַ זופּען מיט אַ הילך! דאָס אייגענע פנים, דאַכט זיך, דאָס אייגענע פלייש, און פאָרט עפּעס נישט אַזוי ווי ביי שטאָדט־לייט — עס שמעקט עפּעס מיט דאָרף. די ווילדע גאַנז, אַ שטייגער, איז דאָס אייגענע טאַקי וואָס די היימישע, איין פלייש, און דאָך עפּעס אַנ־דערש — אַנ׳אַנדער טעם, אַנ׳אַנדער קאָליר. חנאַ אַליין איז אייגענטליך געווען נישט קיין גראָבער מענש, נאָר צווישען איהם און ר׳ חיים׳ן איז גאָר קיין פערגלייך. דער חילוק צווישען זיי ביידע האָט שלמה׳לען גע־וואָרפען זיך אין די אויגען — חנאַ אַקעגען דעם טאַטען האָט גאָר עפּעס קיין פנים נישט! ס׳איז אויך אַ גרויסער חילוק צווישען טויבע־סאָסיען, חנאַ׳ס ווייב, און דער מאַמע זיינער. טויבע־סאָסיע איז אַ ברייטביינערדיגע, אַ יאָדערדיגע; איהרע הענד, איהר פנים זיינען עפּים מנושם: פער־ברענט, פערבראָטען פון דער זון. געהט זי — איז געגאַנגען, מען פיהלט, אַז זי שטעלט אַ פוס, רעדט זי — איז גערעדט מיט לעפצען, אויף דער געמבע. זי איז גוט, נאָר אָבער פראָסט. זי איז פרום, וויינט ביי ליכט־בענשען, חליפעט ווי באַלד זי דערהערט פון דער פירזאָגערין אַ קול, האָטש זי פערשטעהט ניט קיין וואָרט. אַקעגען־זשע שרה די מאַמע זיינע,

איז אַנ'אידעלע, אַ שוואַכע. האָט קליינע, ווייסע הענד מיט דינע בלויע עדערלעך, אַ פערפרומט בלייך פנים מיט דינע ליפּען — אינגאַנצען עפּעס אַ רוחניות, און אַז זי געהט, דאַכט זיך, זי שוועבט. זי איז אַ וואוילקענדיגע, קען אַלע תחינות פון ארץ־ישראל, ווייסט אויך דעם „מעין־טהור", אַלע דינים פון „חנ"ה", וואָס געהערען זיך אָן מיט אַיין אשה, לייענט דעם „צאינה־וראינה", דעם „מנורת־המאור" און נאָך אַזעלכע ספרים. ווייזט ווייבער אין שול צו דאַווענען, וואָס צו זאָגען, ווען צו שפּרינגען קדוש, לייענט זיי אויך פאָר, און האָט מיט זיך דאָרט, אין דער ווייבערשער שול, אַ לימענע אָדער טראָפּענס אַזוינע, אויפצומינטערן אי זיך אי אַנדערע בשעת דעם חלש'ן.

און באמת טאַקי, אַז שרה פלעגט לייענען, האָט מען געקענט טאַקי חלש'ן. איהר לייענען איז געווען פול מיט געפיהל, איהר גנון'דיל דערבּיי האָט געריהרט, געצופּט ביי דער נשמה, אַ שטיין אפילו וואָלט פון איהרע טרערען אויך צוגאָסען געוואָרען. ס'איז כּדאי אויף אַ ציקאַוועשט צו שטעלען דאָ האָטש אַביסעל פון דער תחינה ערב יום־כּפּור, ביי די וועקסענע ליכט מאַכען.

שרה לעגט קניטלעך. ווייבער, שכנות מיט געבראָכענע הערצער שטעהען אַרום איהר. זי לייענט און לייענט זיי דערביי פיר מיט אַ ריהרענדער שטימע טיעף פונ'ם האַרצען:

„רבונו של עולם, דערבאַרמדיגער גאָט! די ליכט וואָס מיר וועל'ען מאַכען אין שול אַריין פאַר דיין הייליגען נאָמען וועגען און פאַר די הייליגע ריינע נשמות, זאָלען דערוועקען די הייליגע אָבות ואמהות, זיי זאָלען אוים זייערע קברים פאַר אונז בעטען, אַז קיין בייז, קיין צרות, קיין לייד זאָלען אויף אונז נישט קומען, און אונזער ליכט און אונזער מאַנענס ליכט און קינדערס ליכט זאָלען נישט אויסגעלאָשען ווערען פאַר דער צייט, חס ושלום... ווי איך וועל לעגען דעם פאָדעם פון די קניטלעך פאַר אונזער פאָטער אַיירהם, וואָס דו האָסט איהם מציל געווען פון דעם פייער אין קאַלכאוויוען, אַזוי זאָלסט־דו אונז רייניגען פון זינד, אונזער נשמה זאָל קומען ריין פון שולד צו דיר, ווי זי איז געקומען ריין אין אונזער גוף אַריין. — אין דעם זכות, וואָס איך לעג דעם פאָדעם פאַר אונזער מוטער שרה, זאָל גאָט ברוך־הוא אונז געדענקען דעם זכות פון איהר צער, אַז מען האָט איהר ליבש זוהן יצחק געפיהרט

צו דער עקדה. לאָז זי אַ גוטע מליצה זיין, אַז מען זאָל ניט חאַפּען בּיי אונז אונזערע קינדערלעך, זיי זאָלען פון אונז נישט אַוועקגענומען ווערען און נישט פערוואָרפען ווערען וויים פון אונז ווי די בּלודנע שעפּעלעך. — אין דעם זכות, וואָס מיר לעגען דעם פאָדעם פאַר אונזער פאָטער יצחק, זאָלסט דו זיך איבּער אונז דערבּאַרמען, אַז מיר זאָלען קענען מגדל זיין אונזערע קינדער, זיי קענען האַלטען בּיי אַ רבּי׳ן, עס זאָלען, ווו דאָס ליכט, אונזערע קינדערס אויגען לייכטען אין לערנען, אין דער ליעבּער תּורה... פאַר דעם פאָדעם, וואָס מיר לעגען פאָר אונזער פאָטער יעקב, וועלכען דו האָסט געהאָלפען פון די שונאים, בּייגעשטאַנען איהם אין זיינע נויטען, אַזוי זאָלסט־דו אונז העלפען פון כּל המשחיתים והמקטרגים, זיי זאָלען נישט קענען אָנרעדען אויף אונז שלעכטס, אויסטראַכטען בּלבּולים, צו פערשוואַרצען אונזער נאָמען... מיר זאָלען אין דעם יום־הדין האָבּען אַ גוטען משפּט מיט אונזערע מאַנען און קינדער, מיר זאָלען חלילה נישט זיין קיין אַלמנות און אונזערע קינדער קיין יתומים... בּזכות שלמה וואָס האָט געבּויעט דאָס בּית־המקדש און תּפילה געטאָן, ווען אפילו נישט קיין יוד, אַ פרעמדער גאָר פון איין אַנדער אומה, אַז ער וועט קומען אין בּית־המקדש אריין און דיך בּעטען, זאָל זיין געבּעט אויך אָנגענומען ווערען — אין דעם זכות, רבּונו של עולם, זאָל נישט פערשלאָסען ווערען דער טויער פונ׳ם הימעל פאַר מיין געבּעט און לאָמיר געדאַכט ווערען מיט מיין מאַן און מיט מיינע קינדער און מיט אַלע לייט צום גוטען אין דעם נייעם יאָהר. אָמן!״

לאָז נאָכדעם לאַכען, ווער עס קען, לאָז ער זאָגען, אויבּ עס לעגט זיך איהם דאָס מויל, אַז דאָס איז נאַרישע זאַכען — אַהער ליכט, אַהער אַ סך אַזעלכע ריינע נשמות־ליכט! אַ סך אַהער אַזעלכע בּרענענדיגע געפיהלען, ריינע הערצליכע ווערטער, הייסע טרערען, געבּעט און ליעבּשאַפט צו תּורה און חכמה, ליעבּשאַפט צו מענשען, צו אַ גאַנצער וועלט מענשען! און דאָס אַלצדינג בּיי וועמען איז עס? בּיי יודענעס, בּיי פּראָסטע יודענעס, וואָס אָנקוקענדיג זיי פון דרויסען, דאַכט זיך, זיי זיינען גאָר נישט; וואָס אָנקוקענדיג זיי פון מאַרק, דאַכט זיך, זיי זיינען משונה פערגרעבּט... הלואי אַ סך אַזעלכע ווייבּער מיט אַזעלכע געפיהלען און אַזעלכע ווערטער!

דאָס מעגען הערען יענע, יענע... און וויסען וואָס אַזוינס אַ יודיש הארץ בּעטייט, מעגען הערען און — שטוינען!

# 6.

אַ פּאָר יאָהר איז דרינען זינט שלמה'לע האָט אָנגעהויבען לערנען תנ"ך, איינגאַנצען איז ער נאָך אַ קינד, און וואָס פאַרט, רבונו של עולם, האָט ער שוין נישט איבערגעלעבט, וואו איז ער אין דער דאָזיגער צייט שוין נישט אויסגעווען? טאַקי גאָר עפּעס ווי איין אַלטער, וואָס וואָלט אָפּגעלעבט מתושלח'ס יאָהרען! — ער איז געווען אין ארם־נהרים, אין כנען, אין מצרים, אין פרס ומדי און שושן הבירה דאָרט, און נאָך אין מדינות, פון הודו ביז כוש, אויך אין דער וויסטעניש, אין מדבריות און אַנגעזעהן זיך, אָנגעהערט זיך דאָרט זעהר פיעל וואונדערליכע זאַכען. לאָז מען פון דעסטוועגען קיין טעות נית האָבען, נישט מיינען, אַז עס האָט זיך געמאַכט עפּעס איין אומגליק, און ר' חיים האָט געמוזט עוקר זיין, זיך אַרומוואָגלען מיט זיין הויזגעזינד נעבעך, אָדער אַ שרפה, אַ מגפה, אַ בייזע מהומה, נישט דאָ געדאַכט, איז אָנגעשיקט געוואָרען אויף דעם שטעדטעל, און די איינוואוינער זיינען זיך צעלאָפען, האָבען, ווי דער שטייגער פון יודען איז אין גלות, זיך צעשלעפּט אהער, אַהין, איבער דער גאַנצער וועלט. חלילה, קיין צער קיין בייז! דאָס שטעדטעל איז ווי פריהער אַ שטעדטעל, די איינוואוינער ווי פריהער איינוואוינער, ר' חיים איז ר' חיים, אַלצדינג ווי פריהער, איטליכער, ברוך־השם, אויף זיין אָרט און שלמה'לע האָט פונ'ם שטעדטעל קיין פוס אפילו נית אַרויסגעשטעלט. — וואָס־זשע דען? דאָס איז אַזוינס, וואָס פאַר אַלע אַנדערע פעלקער איז עס אַ סוד, גאָר נית צום פערשטעהן, נאָר ביי יודען פערלויפט זיך עס זעהר אָפט. ביי יודישע קינדער נאָר געשעהט אַזוינס, אַז מען זאָל זיצען טאָג ווי נאַכט פערשפּאַרט אויף איין אָרט, נישט צו וויסען, וואָס דאָ אַרום געהט פיר, וואָס מען ברויכט צו לערנען, צו טאָן, בכדי צו לעבען מיט לייטען גלייך; מען זאָל אויסגעטאָן זיין פון אַלצדינג

דאָ, מבטל זיין אַלע זאַכען, װאָס זיינען װײַט פשוט ...ין לעבען אַריין און איבערטראָגען זיך אײַנגאַנצען מיט די ב... און אַלע געדאַנקען העט װײט אין איין אַנדער עולם, אין אַנדערע צייטען; מען זאָל נישט זעהן פאַר זיך די װעלט, דאָס װאָס פאַר דער נאָז, און אָבגעבען זיך אינגאַנצען נאָר מיט אַזעלכעס, װאָס העט אַ מאָל, צו װעלכעס מען בעדאַרף נישט האָבען אַזױ די אױגען און די אַנדערע מענשליכע גראָבע חושים װי אַ שאַרפען כח הדמיון — אַ דװילע נאַקעטע נשמה אָהן לײַב, אָהן לעבען!

שלמה׳לע נאָך אַ יונג קינד, אַ הינדעלע װאָס ליגט נאָך אין דער אײ, נישט צו װיסען דאָס אָרט, דאָס לאַנד, װאו ער איז, נישט דאָס פאָלק, די מענשען, צװישען װעלכע ער געפינט זיך; װאָס פרעגט איהם בחרם פון אַ לעבען דאָ צו זאָגען — ער, שלמה׳לע, בעקלאָגט זיך אין די געדאַנקען אַרום ערגעץ אין די װײַטע מקומות דאָרט! ער איז פערװאָגעלט אין מצרים, אין די לענדער פון סיחון, עוג מלך הבשן און נבוכדנצר מלך בבל, דער קאָפּ ליגט איהם אין דעם ים־סוף, אין דעם ים־המלך, אין דעם טײַך פרת און דעם ירדן. פאַר איהם געפינען זיך מיני מענשען, מיט װעלכע מען בעדאַרף רעדען לשון־קודש, עפּעס גאָר תרגום, מען זיצט זיך בײַ זײ אין געצעלטען, מען רײַט אויף מויל־אײזלען און קעמלען, מען טרינקט פון אַ „לאָגעל", מען געהט באָרפיס און טראָגט נאָזבאַנדען, אַלצדינג װי דער שטײגער איז. אונזער נאַטור דאָ, מיט איהרע מיני געװעקס, חיות און עופות געהער זיך מיט שלמה׳לען נישט אָן. װאָס מאַכט עס איהם אויס פעלדער מיט תבואה — קאָרען, רעטשקע, קאַרטאָפלעס, פון װאַנען ער עסט אַ „קרופּניק" מיט ברויט אַלע טאָג? װאָס װײסט ער אַ סאָסנע, בערעזע און דעמבענע בוימער! ער װײסט נאָר בײַ זיך אין האַרצען: װײַנגערטנער, טײַטלען, פײַגען, מילגרוימען און אײלבערטען, פּימסענהאָלץ און בוקסענבוימער. פון לעבעדיגע מיני בעשעפעניש װײסט ער: אַ װיזעלטיר, אַ לינדענװאָרם און אַ פּיפערנאַטער, אַ לעמפּערט, אַ אינד, װאָס טוט טאָן גלוסטען אויף קװאַלען װאַסער, אַ שור־הבר און אַ טירקעלטויב. הכלל, שלמה׳לע איז נאָר אַ געבירטיגער דאָ און אַליין איז ער עפּעס װי נישט קיין היגער, לעבט ערגיץ דאָרט, דאָרט... זיין צײַט איז פאַרצײַטען און זיין װעלט איז אַ יענע, װאָס אַ מאָל, דאָ איז ער אַ גר און דאָרט — אַיין אַלטגעזעסענער; ער קומט אַ היים, נאָר אויף אַ װײלע, װי אַ גאַסט אויף דער סטאַנציע, עסט־אָב, געבענטשט איבער — אוי מאַרש אַהין, װײַטער טאַקי אַהין!...

זיין לעבּען איז, ווי דאָס לעבּען פון טויזענדער אַנדערע שלמה׳לעך, נאָר פון אַ זכר וועגען — אַזוי און אַזוי איז געווען דענסטמאָל, בּימים ההם, אין יענע צייטען.

נאָר לעבּען מיט דעם זכר אַליין דערפון, וואָס איז געווען; בּלייבּען בּיי אַ געשיכטע און דרעהען זיך, דרעהען זיך אויף איין אָרט, ווייטער נישט אויף קיין האָר — אַזעלכעס הייסט נישט געלעבּט, נאָר געטרוימט. אונזערע עלטערן, וואָס זיינען געזעסען בּיי די טייכען פון בּבל און דער קאָפּ איז זיי געלעגען נאָר ערגיץ אַנדערש, האָבּען שפּעטער ערשט, בּיים צוריק־קעהרען זיך פון גלות, דערפיהלט אַליין און אין שמחות דערצעהלט, לויט עס שטעהט אין דעם שיר־המעלות, אַז נישט געלעבּט האָבּען מיר, נאָר היינו כּחולמים, מיר האָבּען גע׳חלומ׳ט

און ווי בּאַלד אַזאַ לעבּען, וואָס איז אַ חלום, וואָס־זשע איז פאַר אַ וואונדער, אויבּ אין איהם גרויסט זיך אַזוינס, וואָס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, אויבּ עס דרעהען זיך אַרום אין איהם רוחות, שלעק, און ס׳איז גאַנץ רעכט אויך בּהמית מיט מענשליכע צורות, וכדומה נאָך אַזעלכע ווילדע בּעשעפעניש!...

ווען נישט די ציצית, די מזוזה און קריאת־שמע, די דאָזיגע דריי גוטע שמירות, וואָס האָבּען שלמה׳לען אַביסעל בּערוהיגט, וואָלט ער חלילה יונג פון דער וועלט געגאַנגען פאַר גרויס מורא, וואָס ווילדע בּעשעפעניש האָבּען אויף איהם אָנגעמאַכט.

ס׳איז כּדאי צו וויסען האָטשע נור אַ טייל חלומות פון שלמה׳לעס יוגענד, ווי אַזוי און דורך וועמען ס׳איז איהם ענטפּלעקט געוואָרען דער סוד פון רוחות, גלגולים און פיעל אַנדערע שרעקליכע זאַכען נאָך נאָר אין די קינדישע יאָהרען

אין דעם שטעדטעל ק... פלעגט צייטענווייז זיך אַ וויז טאָן, ווי פלוצים פונ׳ם הימעל אַראָפּגעפאַלען, אַ יוד מיט אַ ווילדער גרויער בּאָרד, איין אויג אַ בּלינדעס, דאָס אויסזעהען זיינס שטאַרק־שטאַרק משונה און געקוקט האָט ער בּייז פון אונטער די לאַנגע בּרעמען, האַלטענדיג אַבּיסעל איינגעבּויגען דעם קאָפּ. זיין אָנקומען האָט זיך געלאָזט הערען אין דעם גאַנצען שטעדטעל, אַלע אין איין קול: דער בּעל־שם, רבּי אליה בּעל־

שם! יודען פלעגען נים קענען זיך זאַט אָנדערצעהלען פון רבי אליה׳ס גרויסע וואונדער פון זיינע סגולות און קמיעות — דאָרט און דאָרט האָט ער אַרויסגעטריבען אַ גלגול, דענסטמאָל און דענסטמאָל האָט ער געהאַט צו טאָהן מיט „זיי״, מיט די נישט־גוטע, וואָס האָבען פאַר איהם דאָס נייען־יעהריגע ציטערן פאַר זיין פּיפּס. דערביי איז דערקלערט געוואָרען דער טעם פון זיין בלינד אויג, אַזוי: אַז ער רופט צונויף די שדים וועגען עפּעס אַ זאַך, שיט ער אויף אַ זעקעלע מאָהן און הייסט זיי מיט אַ שפּרונג, ביז איין מאָנדעל צונויפקלייבען, ווארום אָהן עפּעס איין אַרבייט, לאָזען זיי איין רגע שטעהן לעדיג, קענען זיי מויק זיין. איינמאָל האָט ער זיך פערגעסען מאָהן אויסצושיטען, האָבען זיי איהם איין אויג אויסגעדראַפּעט

אָט דעם רבי אליה׳ן, איבער וועלכען עס האָט זיך אַרומגעטראָגען אַזעלכע שרעקליכע מעשיות, אַז שלמה׳לע האָט דערזעהן, איז איהם פאַר שרעק דער מאַמעס מילך ענטפאַלען. אמת טאַקי, ווי רבי אליה פאָרעט זיך מיט רוחות, דערביי איז ער נישט געווען, נאָר דאָס בלינדע אויגעל האָט איהם בעוויזען גאַנץ קלאָר, אַז די מעשה, אַ־פּנים איז טאַקע אַזוי—אלא נישט, פאַר וואָס־זשע איז ער בלינד?... שעטער אַביסעל מיט דער צייט, איז איהם בעשערט געווען צו זעהן אַזוינס אַליין טאַקי, מיט זיינע אויגען,

ווינטער ביי נאַכט, אַרום ניין אַ זייגער, פלעגט געוועהנטליך שלמה׳לע און זיינע חברים געהן פונ׳ם חדר מיט פּאַפּירענע לאַמטערנעלעך אין די הענד, מיט געפּילדער און געזאַנג, פייפענדיג אין די קולאַקעס און צופּויקענדיג מיט די באַקען. קוים איז מען אויפ׳ן וועג צוגעקומען צו דער גרויסער קאַלטער שול, וואו עס דאַווענען אַלע נאַכט מתים, לויט יודען מיט בערד זאָגען, האָט פּלוצים עפּעס ווי אָבגענומען דאָס לשון. מען איז אין איין שרעק איבערגעלאָפען דאָס שטיקעל וועג פאַרביי איהר, האַלטענדיג זיך ביי די ציצית און שרייענדיג, ביי זיך אין האַרצען, שמע־ישראל! דערנאָך, אַז נאָט האָט געהאָלפען, מען איז פון דער סכנה אַרויס, האָבען יודישע קינדער, ווי דער שטיינער איז, זיך געשטאַרקט, געעפענט אַ מויל און געזונגען שירה האָפערדיג בעהאַרצט.

איינמאָל, אין אַ שטאַרק קאַלטער ווינטער־נאַכט, אַז שלמה׳לע איז בעהאַרצט, ווי געוועהנטליך, אַריינגעלאָפען אין שטוב, האָט מען איהם באַלד אָבגעשטעלט מיט אַ בייז־אומעטיגער מינע, און דער „גוט׳ן אָוועגטו״

איז איהם געבליבען שטעהן ווי א ביין אין האלז. ער וויל ארויס מיט
עפּעס א וואָרט, נאָר מען ווייזט איהם ווינקענדיג מיט א פינגער אויפ'ן
מייל — שאַ! ער זעהט, ס'איז עפּעס נישט גלאַט. אין שטוב איז טונקעל,
די מאַמע איז נישטאָ, פון די מאַנסבילען אויך קיינער נישטאָ, די קינ־
דער זיצען צושטערט, איטליכער פאַר זיך אין א ווינקעלע. וואָס זאָל ער
נעבעך טאָן? ער נעהט, פון קיינעם נישט בעמערקט, אויף די שפּיץ־
פינגער און קלעטערט אַרויף שטיל ווי אַ קעצעלע אויפ'ן אויווען, האָטש
צו דערוואַרעמען אַביסעל די נשמה פאַר קעלט. פונ'ם אלקירעל אויף יע־
נער זייט אויווען — אַ חדר'ל פאַר אַ פאָר־פאָלק, פאַר דעם עלטערן ברו־
דער מיט דעם ווייב — טוט איהם עפּעס שטאַרק אַ שיין, ער ציהעט לי־
גענדיג זיך אויס מיט דעם קאָפּ אַהין, גיט בגנבה אַ בליק און בלייבט
פערגאַפט, נישט קענען אַ ריהר זיך צו טאָן מיט אַיין אבר. דאָס ווייבער־
שע בעט דאָרט איז פערהאַנגען, זעהט ער, מיט אַ פאָרהאַנג, אָנגעזעצט
פון אויבען ביז אַראָב מיט בריוולעך שפּילקעס, וואָס פונקלען אַקעגען
דער שיין פון אַוואָניש ליכט, (אַ גראָב־חלב'דיג ליכט מיט אַ באַוולענעם
קנייטעל), די באַנק, וואָס נעבען דער רובע דאָרט, איז אָבגערוקט און
אויף איהר אָרט איז אויסגעגראָבען אין דער ערד אַ גריבעל. איינער
עפּעס פון אַ ווילד אויסזעהן האַלט אַ שוואַרצען האָהן, רויבערט קרייטיכער
אַזוינע און מאַכט משוגע'נע העוויות. טוט אַ זעץ דעם האָהן אין קעפּעל און
לאָזט אַרויס אויף משונה קולות עפּעס נישט קיין מענשליכע ווערטער:
„איה־ביה סטיטיה, אַגרפּטי, מרום, שמריאל", ער דרעהט מיט די אוי־
גען, בלאָזט, שעפּטשעט: „מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ,
מצפּץ, מצפּץ, מצפּץ", אַ טופּ געבענדיג מיט די פּיס, אַ מאַך מיט די
הענד, ווי ער ראַנגעלט זיך מיט עמיצען, און ביי איטליכעם „מצפּץ"
דערלאַנגט ער אַ דרעה, אַ זעץ דעם האָהן אין קעפּעל אַזוי, אַז ער פער־
געהט זיך נעבעך האָרחלענדיג. פון אונטער דעם פאָרהאַנג הערט זיך
אויך אַ שרייען, אַ קרעכצען, וואָס רייסט אויס אַ שטיק האַרץ. דער וויל־
דער פאַרשוין צושאָקעלט זיך שטאַרק ביז, ציהעט אַיין דעם אָטעם אין
זיך, קוועטשט זיך און לאָזט אַרויס ווי פונ'ם בויך עפּעס משונה'דיגע
ווערטער: „תלמכא חישא ובסוסביק פסלמניא", חאַפּט דעם האָהן ביים
נאָרגעל, דרעהט מיט איהם ווי צו כפּרות, טוט איהם אַ וואָרף אין גרי־
בעל... פערשיט און — דאָס ביינקעל שטעהט באַלד טאַקי ווידער אויף
זיין אָרט... פון אונטער'ן פאָרהאַנג נעהט אַרויס אַ ביטער געשריי, צו־
גלייך טאַקע אַ קוויטשעלע אַ געוויין — מזל טוב! זאָגט עפּעס אַ יודענע און

די מאמע, צונעמענדיג אביסעל דעם פארהאנג און ארויסשטעקענדיג די קעפ, — א יונגעל, הלואי, אויף לאנגע יאהר!

— מזל טוב! — מאכט יענער פארשוין, סאפענדיג ווי א גאנז — איך האב געהאט היינט מיט „זיי" א גוט שטיקעל ארבייט. פון היינט אן וועלען שוין ביי דער קינפעטארין די קינדער זוך האלטען און קיין „בענעמעניש" וועט זיך, גאנץ זיכער, מעהר נישט טרעפען

דעם פירוש פונ׳ם דאזיגען ענין און פון „בענעמעניש", איז שלמה׳לע אין עטליכע טעג ארום געוואהר געווארען דורך „גרויסע", וואס האבען וועגען דעם צווישען זיך געפיהרט א ברייטען שמועס און דערביי גאנץ ערנסט מיט אויסגעצויגענע פנים׳ער דערצעהלט א געשריבענע מעשה, וואס די האר שטעלען זיך קאפויר זי הערענדיג

„אין דעם קליין שטעדטעל גאלינג, נישט וויט פון העלעם, איז געוועזען איינער מיט דעם נאמען ר׳ גבריאל. אז דאס ווייב זיינס איז געלעגען געווארען למזל מיט א יונגעל, האט ער געשיקט בעטען דעם חעלמער רב, רבי אליה בעל שם, ער זאל קומען מיט זיין כבוד מל זיין דאס קינד. די מעשה איז געשעהן אין חודש סיון, דאנערשטאג. רבי אליה איז אין דעם טאג טאקי אווענד־צייט געקומען נאהענט צום שטעדטעל, האט ער דערזעהן מכשפים און מכשפות מעהר פון הונדערט טויזענד. איטליכען פונ׳ם מויל געהט ארויס א פלאם פייער, ארום זיי ברענט אויך א פייער, און זיי אלע שפילען זיך אט מיט דעם דאזיגען קינד טאקע וואס איז געבוירען געווארען. אז דער רב האט א קוק געטאן, ע־הע, אזוי איז די מעשה! טוט ער א זאג דעם משרת זיינעם: גיכער גיב מיר אהער וואסער פון מיין פלעשעל! פאר׳ן וואשען די הענד האט ער געזאגט א שפרוך מיט דעם שם און גענומען זיבען מעסערס, זיבען ברעטלעך, צוויי חלות מיט זיבען שיך, אין איטליכען שוך אריינגעשטעקט א מעסער, דערנאך טוט ער אוים די שיך פון זיינע פיס, וואשט צוויי מאל די הענד, שטעלט אויף דעם גראבען פינגער פון דער רעכטער האנד און זאגט אזוי: מיט דעם כח פונ׳ם הייליגען שם, אזעלכען און אזעלכען, בין איך מבטל דעם כישוף פון די מענער און ווייבער, די מכשפים און מכשפות, עס זאל נישט שאדען דעם קינד, און מיט דעם דאזיגען שם האט רבי אליה דער׳הרג׳עט אלע מכשפים. באלד טאקי נעמט ער דאס קינד, אביהרען עס צו זיין פאטער און מוטער, און תיכף ווי ער קומט אריין צו

זי, רעדט ער אַרויס דעם הייליגען שם „שמשיהו“, האָבען אַלע מענ־שען אין שטוב דערזעהן, אַז יענס קינד, וואָס ליגט נעבען דער קינפּעטאָרין, איז גאָר שטרוי און קליאַטשע — אַ פערבלענדזשעניש, בעהיטזאָל מען ווערען! עס האָט זיך גאָר גערעכט, אַז אַ מענש, מישטיינס גע־זאָגט, ער נעהמט דאָס אמת'ע קינד, וואָס ער האָט מציל געווען פון די קליפּות, און גיט עס אָב צוריק דער מוטער“*).

פון קענסטמאָל אָן איז שלמה'לע שטאַרק צודרעהט. עס דאַכט זיך איהם, ס'איז איינגאַנצען דאָ — אַ פערבלענדזעניש! אָט חאַפּט דעם, יע־נעם דער רוח, אָדער דער רוח האָט זי שוין לאַנג געחאַפּט. עס דאַכט זיך גאָר בריות, און באמת איז זייער נשמה פון קליאַטשע. ער אַליין איז אויך קליאַטשע...

# 7.

אַ מייסטערין שרעקליכע מעשיות אַזעלכע צו דערצעהלען איז געווען יאַחנע־סאָסיע, אָדער לייבציכע. ווי זי האָט געהייסען. זי האָט, זאָל זיך איהר גרינג שלוקערצען דאָרט, מיט איהרע מעשיות זעהר פיעל אויף שלמה׳לען געווירקט.

לייבציכען, קען מען זיכער זאָגען, האָט גאָט בעשאַפען אויף דער וועלט מיט דער איינציגער כונה אַליין, כדי אויסצודריקען מיט איהר געשטאַלט גאַנץ שאַרף, אין העכסטען גראַד, אַ טייל פון יענע הפצות, וואָס געפינען זיך ביי ווייבער איבערהויפט צו ביסלעכווייז נאָר. ווען אַ גרויסע מאָדניצע אין פאַריז, אָדער אין בערדיטשוב אַ שטייגער, שטעלט מיט זיך פיר ווי זי שטעהט און געהט, אַ לעבעדיג בילד פון דער ווייבערשער תאוה — פוצען זיך, דאָס הייסט, אינגאַנצען איז זי אַ גאָרנישט, נאָר אַ פוץ, אַזוי האָט לייבציכע אויך פאָרגעשטעלט מיט איהר מיילכען די ווייבערשע תאוה — צו רעדען און בערעדען, נישט אויסצולאָזען קיינעם און קיין זאַך אין דער וועלט. אַוועקגענומען ביי איהר די דאָזיגע איינציגע מעלה, וואָלט זי געמעגט גאָר ניט געבוירען ווערען, קיינעם חלילה וואָלט עס נישט געאַרט. — לייבציכע פלעגט, ווי אַ נאָהענטע שכנה, קומען צו שרה׳ן, ר׳ חיים׳ס ווייב, לייען אַמאָל דאָס, אַמאָל יענס, און כמעט אַלע פריהמאָרגען נעהמען פונ׳ם פריפעטשאָק אַ קויל פייער ביי איהר. שווע־בעלעך, ווי היינט, האָט מען דענסטמאָל ווייניג געוואוסט, מען פלעגט געברויכען אַנדערע מיני מיטעל און פייערגעצייג. לייבציכע פלעגט דאָס קויל פייער אַריינשאַרען אין אַ טעפעל, בלאָזען עס צווישען די קאָלטע קוילען דאָרט, און דערביי אויסשיטען גאַנצע זעק רעד. איין מאָל אין וואָך האָט געמוזט צווישען די דאָזיגע צוויי שכנות זיך מאַכען אַ רוגז. געוועהנטליך פלעגט דער רוגז אַרויסשפרינגען אין אַ מאַרק־טאָג, איבער עפעס אַ מציאה, נאָר מעהר פון אַ טאָג האָט ער קיינמאָל נישט געדויערט.

מאָרגען גאַנץ פריה איז שוין לייבציכע מיט דעם פייערטעפּעל געקומען. איז געווען זיס ווי צוקער, געבלאָזען אין טעפּעל און גערעדט אַ שרעק

אין די לאַנגע ווינטער־נעכט פלעגט זי אָפט קומען זיצען בײַ שרה׳ן מיט עפּעס אַנ׳אַרבײַט, מיינסטענס מיט אַ זאָק אין דער האַנד און האַלטען זיך עצות, צי ס׳איז שוין צײַט אָנצוהייבען די פּיאַטע, אָדער אויף וויפיעל איינגלעך אָבצולאָזען די זאָק. דערבײַ האָט זיך איהר נישט צוגעמאַכט דאָס מויל, גערעדט, בערעדט, דערצעהלט משונה־וואונדערליכע מעשיות, וואָס זיינען זיך פּערלאָפען אין דער וועלט, אויך מיט איהר אַליין און מיט איהר זיידען עליו־השלום, שווערענדיג זיך מיט כל השבועות, אַז אַלצדינג, וואָס זי דערצעהלט, איז אמת. פון איין מעשה איז זי איבערגעגאַנגען אין דער אַנדערער, און אַמאָל האָט זי אויסגעמישט צוויי מעשיות אינאיינעם. פון וואָס מען זאָל נישט געווען רעדען, איז זיך עס נישט אויסגעגאַנגען אָהן לייבציכעס אַ מעשה. האָט מען גערעדט פון עפּעס אַ שלאָפקייט, קדחת אַ שטייגער, איז לייבציכע אַרויס מיט דער שפּראַכע:

— שאַ, אָט האָט איהר אַייך, יודישע קינדער, גאָר אַ פרישע מעשה! פּסח קלאָץ, אָט דער ישובניק קלאָץ, אַ רויטער אָ געזונטער, גאָר טאַקי אַ פויער, זיצט ער זיך, פּסח, איבער אַ גרויסער שיסעל זוויערמילך, אַריינגעטאָן אינגאַנצען מיט חשק אין דער אכילה. וואָס דען־זשע זאָל אַ גראָבער יונג טאָן? ווי פּסח זיצט זיך דאָ אַזוי, די נשמה זיינע אין שיסעל, קומט אַריין אין קרעטשמע צו איהם עפּעס אַ פרישער פּאַרשוין. ווער דער פּאַרשוין איז? דאָס וועט זיך שוין אַרויסווייזען וויי͏טער, שפּעטער אַביסעל. שטעהט ער זיך דער פרישער פּאַרשוין אַקעגען קלאָץ׳ן, קיקט־קוקט, נישט אַראָבצונעהמען פון איהם די אויגען. און ווי פּסח שעפּט אָן אַ גרויס לעפעל זוויערמילך און טראָגט עס צום מויל, אַזש מיין פּאַרשוין טוט איהם אַ פּאַטש איבער דער האַנד און דאָס לעפעל מיט דעם זוויערמילך פאַלט אַריין באַץ אין שיסעל. דו זעהסט, מאַכט דער פּאַרשוין צו איהם, אָט דאָס קליינטשקע שוואַרצינקע פינטעלע, וואָס שווימט דאָ אַרום אין שיסעל? ניין, דאָס איז נישט קיין פּראָסטע פינטעלע. ס׳איז דיין מזל, וואָס איך האָב מיר דאָ בעצייטענס אונטערגעכאַפּט איידער דו האָסט עס אַראָבגעשלונגען. דאָס גוטעטשקע פינטעלע איז עס. ווילסט וויסען, ווער, וואָס? — נאַ! דאָס קדחת האָט זיך עס פערוואָרפען אין אַ שוואַרץ פינטעלע און געוואָלט מיט דעם זוויערמילך אינאיינעם דיר אין בויך אַריין. ער נעהמט באַלד טאַקי אַ פּאַחירל, גיסט אַהין אינוועניג אַריין

דאָס זויערמילך מיט דעם פינטעלע און הענגט עס אויף איבער דעם אויבען. פסח קלאָץ שטויסט זיך שוין אָן, ווער דער פאַרשוין איז, איינער פון דער גוטער כּנופיא איז ער. ער האָט איהם זעהר שען בעדאַנקט. דערנאָך איז פסח קלאָץ געפאָהרען אין שטאָדט אַריין און געבענשט גומל... וועט איהר דאָך מיר פרעגען, וואָס איז, יאַהנע־סאָסיע, דער סוף מיט דעם פּאַחירל? אוי? אוי, אַזאַ סוף מיט אַלע אונזערע שונאים געזאָגט געוואָרען! עס איז אויסגעטריקענט געוואָרען ווי אַ שפענדעל, פון אַ מינד־סטען בלאָז האָט עס מיט איהם געוואָרפען ווי אַ קדחת. דער רוח האָט שיער נישט צוגענומען דאָס קדחת, אַזוי האָט עס געליטען, ליגענדיג דאָרט פערשפּאַרט. בעדאַרף זיך מאַכען, אַז מען זאָל מיט אַ שפּילקע אַ שטאָך טאָן אין דעם פּאַחירל, איז דאָס קדחת ווי אַ רוח אַרויס־געפלויגען. אַזוי פליהען זאָל איה, רבונו של עולם, אין פיעל גוטס, אָמן!

זינט דער דאָזיגער מעשה, זאָגט זיך שלמה׳לע אָב פאַר שרעק פון זויערמילך. עס בעקומט איהם נישט איבערהויפּט דאָס עסען, די בעסטע שפּייז אפילו. ער קוקט זיך צו אין טעלער צו אַ מינדסט שוואַרץ פינטעלע און ציטערט — אָט טוט איהם אַ נעהם דאָס קדחת!

איינמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט זיצט זיך שרה מיט לייבציכען נעבען אויבען און פליקען ביידע פעדערען. אַקעגען זיי אויף דער באַנק זיצט די קאַץ, פערלעגענדיג אונטער זיך די הינטערסטע פיס, מאַכט מיט דעם וויידעלע און קוקט מיט אַ פּאָר גרינע אויגען. אויפ׳ן „לוטשניק״ ברענט אַ פּייערל, די קינדער, אַ מאָל דער, אַ מאָל יענער, וואַרפען־אונטער דאַרע שפּענדלעך. אין שטוב איז וואַרם, מחיה, עס רעדט זיך עפּעס געשמאַק, אַזוי געשמאַק.

— וואָס, פון דער קוה, שרה, רעדסט־דו? — פאַלט לייבציכע אַריין שרה׳ן אין די רעד — די קוה גיט עפּעס ווייניג מילך, זאָגסט־דו די קוה? דאָס נעהמען די מכשפות צו דאָס מילך. איין מיטעל דערצו איז, קאָכען דאָס „צעדעלקע״ (אַ שטיקעל לייוואַנד אויף איבערזייען דאָס מילך). אַז איך בין נאָך אַ מיידעל געווען, האָט זיך געטראָפען ביים זיידען, מיר אויף צולאַנגע יאָהר, אַ מעשה, אין דעם יאָהר טאַקי, וואָס מיט דעם גאָנער, אַ ליכטיגען גן־עדן זאָל ער האָבען — דער זיידע. ס׳איז נאָך אַזאַ מעשה נישט דערהערט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט.

מען האָט איהם נישט געקענט ריהרען פונ'ם אָרט, אַזוי שווער איז דער
גאַנער געווען, אַ הונדערט פונט, און אפשר נאָך מעהר. ער האָט בע־
דאַרפט געבען אַודאי עטליכע טעפּ שמאַלץ, און גריווען גאָר אָהן אַ
צאָהל. צוריקטראָגענדיג איהם פונ'ם שוחט, אַ געקוילעטער שוין, גיט
ער זיך פלוצים אַ שטעל אויף די פיס, טוט זיך אַ לאָז, מיט אַ פייף
איבער דער גאַנצער גאַס, און ווערט פערשוואונדען. ווער גאַנער, וואָס
גאַנער — אַ גלגול איז דאָס גאָר געווען!... טפו, איך מיש איין מעשה
מיט דער אַנדערע, פליישיגס מיט מילכיגס, פון מילך וויל איך דאָ גאָר
דערצעהלען. אַ מיידעל אַז איך בין נאָך געווען, האָט די רויטע קוה דער
יידענס, עליו־השלום, אויפגעהערט כמעט צוגעבען מילך, איז געוואָרען
מאָגער, דאַר־קוואַר מיט לעדיגע אַייטער. די באָבע טעמע, זאָל אַ גוטע
מליצה זיין, האָט זיך שטאַרק געערגערט. גער, זאָגט זי, גיב פרעסען
אַ קוה, אַז זי וויל נישט געבען קיין מילך. מכות איהר... פעטריכע
זאָל זיך מיהען־נישט מיהען דאָרט, האָט צוקריגענדיג זיך מיט איהרע
אַ חברתה, אַ מכשפה, אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז דאָס איז איהר מלאָכה.
און פאַר אַ טרונק בראַנפען געהייסען אָט וואָס: „טעמאַ, מאַכט זי, נעהם
צעלעג אָוועגט־צייט אויפ'ן פריפעטשאָק אַ פייער, שטעל אַרויף דאָרט אויף
אַ טרינישקע אַ טעפּעל, אין טעפּעל טו אַריין די „צעדעלקע" און די האָר
פון אַ פלעדערמויז מיט די קרייטעכצער, וואָס איך גיב דיר דאָ. טיר און
לאָדען זאָלען זיין גוט צוגעמאַכט, חוץ דיר, זאָל קיינער אין שטוב נישט
זיין. אויב דו האָסט שטאַרק מוראָ, מעג יאַחנאַ־סאָסיאַ מיט דיר בלייבען.
אַז דאָס טעפּעל וועט אָנהויבען קאָכען, וועסט־דו הערען אַ קלאַפּ אין דער
טיר, שפּעטער אַביסעל קולות מיט אַ געבעט: טעמאַ, עפען די טיר! און
דו שאַ. דאָס וועט די מכשפה קייקלענדיג זיך אויפ'ן בויך, קומען בעטען
זיך, און אָננעהמען דאָס קול פון דיין מאַן, און נאָך אַנדערע אַלערליי
קולות, דו אָבער ציט... עפען ניט למען־השם ולמען־השם". כך־הוה
איך געדענק עס, ווי היינט. ס'איז אָוועגטדצייט, אין שטוב איז פינסטער,
איך מיט דער באָבען, מיר אויף צו לאַנגע יאָהר, שטעהען מיר ביים
פריפעטשאָק. דאָס טעפּעל אויף דער טרינישקע, אונטען ברענט אַ פייער,
קוים הויבט אָן דאָס טעפּעל טיאָך, טיאָך, הערט זיך אין דער טיר
קלאַפּ, קלאַפּ. די באָבע ציטערט, שטשירעט אויס אויף מיר איין אויג.
פערבייסענדיג מיט די ליפּען. מיר אין האַרצען קלאַפּט אויך — טיאָך
טיאָך, נאָר גאָרנישט, שאַ! פלוצים הערט זיך אַ קול ווי פונ'ם זיידען,
אָבער אַקוראַט אַזוי, מען האָט געמעגט שווערען, מיט אַ געבעט: טעמ

לאָז מיך אַריין, טעמע! די באָבע פערבייסט נאָך שטאַרקער מיט די ליפּען, ווינקט מיר מיט אַ פינגער אויפ׳ן מויל, דאָס הייסט — שאַ יאַחנע־סאָסיע! איך לעג אַלץ אונטער שפּענדלעך. דאָס טעפּעל קאָכט, פון דרויסען הערען זיך קולות: ווידער ווי דעם זיידענס קול מיט גוטען און מיט בייזען. דאָס איז געווען זי, די מכשפה׳טע, עס האָט איהר אַ פּנים גוט געדרעהט אין בויך פונ׳ם קאָכעניש אין טעפּעל. שפּעטער אַביסעל אַ חריוקען פון אַ חזיר, אַ היילען פון אַ הונד, אַ מעקען פון אַ ציג, אַ מיויקען פון אַ קאַץ. דערנאָך, דערנאָך, הערסט־דו, שרה, וואָס איך וועל דיר בעסער זאָגען — טוט פּלוצים אַ זאָג לייבציכע, פערקוקענדיג זיך אויף דער קאַץ, וואָס ליגט זיך אויסגעשטרעקט אַקעגען אויף דער באַנק, דרעהענדיג דעם ווידעל און מאַכענדיג מיט די פאָדערסטע לאַפּקעס — דו הערסט, עס געפעלט מיר עפּעס נישט דיין קאַץ. איך האָב מורא, אַזי אַ וועהטיג איז מיר נישט, דאָס איז אַ גלגול!... אַרקאַטאַ!

— אַ־קאָטאַ, אַ־קאָטאַ, אַ־קאָטאַ!...

די קאַץ דערשרעקט זיך, לויפט און פאַלט אַריין אין דעם טאָפּ פּעדערען, שפּרינגט געשווינד אַרויס, איינגעטינקט אין פעדערען, ווי אַ שוואַרץ־יאָהר. עס ווערט אַ געשריי, אַ יאָגעניש, זי פּוץ אויף טיש און אויף בייגק, און אַלע נאָך איהר. ס׳איז אַ צאָרען, אַ מהומה אויף דער בידנער קאָץ נעבעך גאָר פּלוצים, אומגעריכט!...

פון דענסטמאָל־אָן דאכט זיך שלמה׳לען גלגולים. דער גאָנער איז נישט קיין גאָנער, די קאָץ איז נישט קיין קאַץ, אויך דער מענש, להבדיל, איז נישט קיין מענש, די דאָזיגע וועלט דאָ איז אינגאַנצען טאָקי גאָר — אַין עולם הדמיון!

# 8.

אָ אויף דעם עולם איז שלמה׳לע אַ למדן, ווייסט נישט פון אַ לעבעדיקן צוזאָגען, דערפאַר דאָרט — אויף יענעם עולם, וואוהין ער פערפליהט דורך דעם לערנען, איז ער אַ ווילדער חכם, קען אַלצדינג ווי אַ גרויסער למדן, אַזעלכעס אפילו, וואָס איז פאַר אַנדערע היינט גאָר אַ סוד; ער לערענט נמרא, פערנעהמט זיך מיט דינים ומשפּטים און נאָך אַנדערע זאַכען דאָרט. ער איז אַ דאָרטיגער מיט אַלע געגג, מיט דעם שטייגער רעדען, מיט דעם שאָקלען זיך, אינגאַנצען מיט די ביינער, מיט לייב און לעבען. פאַר איהם איז דאָרט אַ וועלט מיט עסקים — ס׳איז דאָרט אַ מחלוקת איבער אַנ׳איי, וואָס די הוהן האָט יום־טוב געלעגט. לויים נעהמען מעשר, כהנים נעמען תרומה, זיינען מקריב קרבנות, און יודען — שמייסט מען מלקות... שלמה׳לע איז שטאַרק פערנומען. וואו פאַר איהם צייט, ווען צייט? נישטאָ קיין צייט! — דער קאָפּ איז איהם דול.

איינמאָל, נאָך אַ גרויס דולעניש, אַז שלמה׳לע איז ווי אַ גאַסט פון יענער וועלט אַ היים אַראָבגעפאַלען, עפּעס איבערצוהאַפּען, האָט ער באַלד ביים אַריינגאַנג אין שטוב דערהערט אַ יאָמער אַ קלאָג, ווי מען בעוויינט אַ טויטען, די מאַמע ברעכט די הענד, טענה׳ט עפּעס און וויינט אויף אַ ניגון. דוד׳ל און איידעלע, צוויי ברעקלעך קינדער, שטעהען פון דערווייטענס אין אַ ווינקעלע און רעווען, קוקענדוג אויף דער מאַמע, מיט אָפענע מיילעכלעך. לאָה, די עלטערע שוועסטער, זיצט אויף דער מיל־ביגער באַנק אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און איז שטאַרק פעראומערט. שלמה׳לען גיט אַ טיאָבקע דאָס האַרץ, אין די אויגען שטעלען זיך איהם טרערען, און ער הויבט אָן באַלד טאַקי אויך צו וויינען.

— אוי, אַ גזר־דין, אַ גרויס אומגליק, אוי־ווער, האָט אונז גע־טראָפען! — טענה׳ט די מאַמע, פערגעהענדיג זיך פון טרערען.

— מאַ—אַמע, מאַ—מע—ע! רעווען די קליינע קינדער און קראַצען די קעפּלעך מיט ביידע הענטלעך.

— אי—איק—היק! שלויכצט שלמה׳לע, דער דאָרמייטער חכם, און שנייצט די נאָז.

— וויין, שלמה׳לע, וויין! — זאָגט די מאַמע מיט תחנה־לשון, אַז זי האָט איהם בעמערקט, און לעגט ביידע הענד איהם אויפ׳ן קאָפּ אַרויף — טו, אַלמאַכטיגער פאָטער, די טרערען פון ריינע אומשולדיגע קינדער טאָן אין דיין לאָגעל. אוי, אומגליקליך קינד, ווייסט איז אונז, פינצטער איז אונז — פינצטערע שקאָלעס... יודישע קינדער נעהמען אין די שקאָלעס!

— געוואַלד! — שרייעט שלמה׳לע, פערגעהענדיג זיך אונטער דער מאַמעס הענט.

שלמה׳לע דער „דאָרטינגער" האָט געהערט, אַז אויף דער וועלט „דאָ" געפינט זיך ביי „זיי" עפּעס שקאָלעס. וואָס מען טוט דאָרט אַזוינס? דאָס האָט ער נישט געוואוסט. געהערט גאָר, אַז מען שמייסט אַ שרעק. אַצינד, דערוויסענדיג זיך, וואָס דער מאַמעס געוויין בעטייט, — אַז ס׳איז דאָ אַ בעפעהל, מען זאָל יודישע קינדער נעהמען אין די שקאָלעס, איז איהם ענטפאַלען דאָס געזונט. עס האָט איהם זיך גערוכט, אַז שטעהען זעלנער. מען נעהמט איהם, מען פיהרט איהם, מען שמייסט... און דעריבער האָט ער נעבעך געשריען — געוואַלד!

די מאַמע־זשע ווידער האָט געוויינט נישט אַזוי דערפאַר, וואָס מען שמייסט, שמייסען שמייסט מען דאָך אין חדרים להבדיל אויך, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל שקאָלעס איז אַ מיאוסע זאַך. דער נאָמען שקאָלעס אַליין איז שוין פע, אַ שרעק, ס׳איז דאָך אַנ׳עק פון דער וועלט, אוים יודישקייט. וואָס קען חלילה פון יודישע קינדער ווערען?

יודען אין שטעדטעל זיינען אַרומגעגאַנגען אָהן קעפּ, מען האָט גע־רעדט, געקרעכצט און גערעדט פון די שקאָלעס. דערביי געמומעלט אויף עפּעס אַ דייטשעל, אַ לילענטהאַל, וואָס פון איהם און נאָך אַזעלכע ווי ער, „בערלינער", קומט דאָס גאַנצע שפּיל אַרויס. מען האָט געמאַכט אסיפות און געטראַכט, וואָס טוט מען עפּעס דערצו. ס׳איז געבליבען מען זאָל גוזר־תענית זיין, זאגעז תהלים, רייסען קברים און איינלעגען די

וועלט. מלמדים נעבעך זיינען געווען געפּלעפּט, שטאַרק דערשלאָגען, האָבען געציטערט פאַר זייערע קנעלונגען. די שקאָלעס וועלען זיי דאָך דערגעהן דאָס לעבען, מאַכען דעם טויט. אַז גאָט אַליין וועט זיך דאָ נישט אַריינמישען, נישט טאָן עפּעס אַ נס, וועלען זיי דאָך בלייבען אויסגעשטעלט. עס פערשטעהט זיך, דעריבער, ווי שטאַרק נעבעך זיי האָבען געפּילדערט, אונטערגעהידעט דעם עולם. אַלע טאָג פּריה און פּאַרנאַכט זיינען די שולען פול געווען פון יודען. מלמדים האָבען געפיהרט אַהין קינדער פון די חדרים. מען האָט געזאָגט געוויסע קאַפּיטלעך תהלים, געוויינט, געפאַסט. דער ערשטער תענית שלמה׳לעס איז געווען יענער, וואָס וועגען די שקאָלעס. ווייבער זיינען געגאַנגען אויף קבר־אָבות, געמאָסטען פעלד און פערגאָסען טייכען טרערען. — ס׳איז געווען אַ פערווינטער זומער! אפילו דאָס ביסעל גוים אין דעם שטעדטעל זיינען אויך געווען עפּעס ווי צודרעהט. די גוים און יודען פונ׳ם שטעדטעל האָבּען געלעבט צווישען זיך זעהר גוט — איינער פונ׳ם אַנדערען געצויגען דאָס שטיקעל פרנסה, איינער ביי׳ם אַנדערען האָט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך, און איינער דעם אַנדערען זיך געלאָזט דערקענען סיי אין לייד, סיי אין פרייד. איז אַ חתונה געווען, אַ שטייגער, ביי אַ יודען, האָבען בעקאַנטע גוים געשיקט איהם דרשה־געשאַנק: דער אַ הוהן, יענער עטליכע צעהנדליג אייער, איינער אַ ברויט, דער אַנדערער אַ קוילעטש, איטליכער נאָך זיין שטאַנד, און דאָס אייגענע טאַקי אויך פערקעהרט. דעריבער האָט דאָס געוויין, דאָס געפילדער, דענסטמאָל ביי יודען, אָנגעמאַכט אַ מרה־שחורה אויף די גוים און זיי האָבען זיך געוואונדערט. וואָס זאָל עס אַזוינס בעטייטען!

— אָי, ריצקאָ, קאַזשי, שטשאָ נאַשי זשידקי טאַמיטשקי פּלאַטשוט, קריטשאַט גוואַלד, יאַק בודטאָ איך ריעזשוט?

— עווסאָ חאַפּונאַ וויני פּוגאַיעטסאַ, שטשאָבי חאַפּון איך ני תוואַטאַיע.

— א־ני! דאָ חאַפּונאַ שצאָ דאַליעקאַ. מאָזשע מיסיאַצי דוואַ אַלבאָ טרי בודע דאָ איך סודנאָווא דניאַ. טרעבאַ פּיטאַטי, שטשאָ צע טאַקי? באַציש אָט חיקאַ!

— סטאָפּ חיקאַ! קאַזשי־נאָ, שטשאָ עוטאָ טי טאַקי ביגאַיע אי נירקאָ פּלאַטשעש, אַ?

— אוי־וועה מעקיטאַ, נעסצענסטיצע! נימאַ טשאַסי. אָט בערקאָ! פּימאַי או בערקאָ, ניחאַי קאָזשי בערקאָ, וועה איז מיר! — ענטפערט חיה־גרונא, לויפענדיג באַרג אַראָב צום בית־עולם אין איין אָטעם.

— אָי, בערקאָ! מטויעש, אָ־אַ שטשאָ טאַק זשידקי חניקאָיוט, האַ?

— עטאָ אוי, צעלאָוויטשי דאָבריע, אוי ליהאָ... בודוט חאַפּאַט חלאָפּצעוו נאַשיך אוב שקאָלי! — שטעלט זיך בערקאָ דערצעהלען די גוים, ווי ער קען, דעם גאַנצען ענין פון די שקאָלעס. ס׳איז עפּעס אויסגעקומען טאַקי, אַז אָך און וועה צו די שקאָלעס. וואָס פאַר אַפּנים זיי האָבען געבעך געהאַט, אַריינפאַלענדיג צו בערקאָ׳ן אין מויל. די גוים אָבער האָבען איהם פערשטאַנען, זיך איבערגע׳צלמ׳ט און דריי מאָל אויסגע־שפּיגען, ווי דאָס איז טאַקי אַנ׳אומגליק.

ביז וואַנען אָבער זכות־אָבות וועט בייטשטעהן, זיך מיהען פאַר דעם כסא־הכבוד און דער אייבערשטער וועט אַ נס טאָן, דערוויל האָבען יודען זיך געטאָן די אַלטע סגולה — חתונה מאַכען יונגע קינדער. ס׳איז גע־וואָרען אַ בהלה. שדכנים, גוטע פיינע מענשען, האָבען נישט געשפּאָרט קיין מיה, געאַרבייט, אויס ליבע צום פאָלק ישראל, אויף אַלע כלים, מען האָט געחאַפּט און אָבגעשטעלט חופּות קליינע יונגלעך מיט יונגע מיידלעך, עס זאָל הייסען, אין דעם פאַל ווען חלילה שקאָלעס, הע־הע, אָבגעטאָן אויף טערקיש — נישטאָ קיין קינדער, נאָר לויטער בעלי־בית׳לעך, קליינע יודלעך!... און בכדי טאַטעס פון קליינע מיידלעך זאָלען זיך נישט איינשפּאַרען, זיך נישט שטאַרק איבערנעהמען מיט זייער סחורה, איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מיידלעך וועט מען אויך נעהמען עפּעס אין די קאָלאָניע ערגעץ. אַז שלמה׳לע איז אַרויס טרוקען, נישט חתונה געהאַט דענסטמאָל אין דער בהלה. איז דאָס מסתמא נאָר אַ גאָט־זאַך — פאַר איהם איז אין דעם שטעדטעל נישט געווען זיין בעשעהרטע, און אַקעגען גאָט קען מען נישט געהן, עס העלפט נישט אַקעגען איהם קיין חכמות. מיט וואָס דען אַנדערש לאָזט זיך עס דערקלערען?... די מאַמע האָט דאָך חשק געהאַט, דער טאַטע, אמת טאַקי, האָט זיך געקרימט, ווי איינער רעדט: פע! נאָר נאַרישקייטען. אין אַזוינע זאַכען איז דער ווילען פון די ווייבער שרעקליך שטאַרק, ברעכט אַייזען. און ביי שלמה׳לעס זייט וואָלט נישט נאָר קיין מניעה נישט געווען, אדרבה עס וואָלט איהם נאָך גאָר משונה הנאה געטאָן. איין מאָל, פאַר וואָס

זאָל ער ערגער זיין פון אַנדערע יונגלעך, פאַר וואָס אַנדערע יונגלעך קומט עס יאָ כלות און איהם נישט? — אָי, האָט ער עס מקנא געווען אַ חתן־בחור׳ל, עפּעס איז אַזעלכער אַ גאַנצער מיוחס. קיין בערדעל, אמת, האָט ער נישט, שמייסען אין חדר שמייסט מען איהם ווייטער טאַקי אויך, פון דעסטוועגען איז ער פאָרט עפּעס ווי אַ שטיקעל גרויסער: ער מענשעלט זיך, קוקט אויף זיינע חברים אַראָב מיט גאוה, אָט־אָט, נאָך אַביסעל, איז ער שוין אַליין אַ טאַטע... און צווייטענס, האָט זיך איהם, גאָר אָהן די אַלע זאַכען, גלאַט אַזוי זיך געוואָלט האָבען אַ כלה. ס׳איז עפּעס אַ גאַנצער עסק — איך, בחור׳ל, האָב מיר אַ כלה, זיץ מיר און טראַכט מיר ביי זיך — כלה! מען בעדאַרף נישט פערגעסען, אַז שלמה׳לע איז דאָך געווען אַ ד אָ ר ט י ג ע ר, אַ גאַנצער ירושלמי, קליינע חתן־כלה איז דאָרט אין לאַנד גאַנץ געוועהנליך, הייגט האָט ער דאָך אין דער גמרא מכת פאַר־פאָלק־זאַכען עפּעס געלערענט אויך, דערצו נאָך געהאַט אַ פייערדיגען כח־הדמיון, דאָס פאָעטישע פינקעלע, וואָס גיט אַמאָל פלוצים, ווי פון דער העלער הויט, אַ בריה...

נייר ווי די מעשה איז, שלמה׳לע האָט אין דער בהלה נישט חתונה געהאַט, געבליבען ווי פריהער אַ יונגעל. גם זו לטובה! וואָרום ווי דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזען, איז אומזיסט געווען די בהלה. יונגלעך אין די שקאָלעס אַריין האָט מען מיט געוואַלד נישט גענומען, מיידלעך אין די קאָלאָניעס — אויך נישט. חדרים זיינען געבליבען חדרים און מלמדים ווייטער טאַקי מלמדים, אַלצדינג וואָס פריהער. אין אַנדערע גרויסע שטעדט האָט מען אפילו געמאַכט יודישע שקאָלעס, נאָר אָהן סכנות! קינדער זיינען דאָרט ווייניג געווען, און מישטיינס־געזאָגט, וועלכע? אָרמענקע עפּעס, פון דעם געמיינעם עולם — אויך מיר מענשען!

אויך ליליענטהאַל איז עפּעס ווי פערשוואונדען געוואָרען. פון דער קאָמפּאַניע זיינער איז אין דעם שטעדטעל ק... ווי פון די שקאָלעס, קיין זכר נישט געבליבען. מען האָט אינגאַנצען אין זיי פערגעסען, שלמה׳לע וואָלט נישט געוואוסט פון זייער געבען, אויב אַזעלכע זיינען גאָר אויף דער וועלט ערגעץ דאָ, ווען עס זאָל זיך נישט געווען שפּעטער מאַכען אָט די דאָזיגע מעשה:

ויהי היום איז אין אַ שענעם זומער־טאָג געקומען אין דעם שטעדטעל אַ גרייז־גרויער יוד, נידעריג געוואַקסען מיט אַ בייכעל און מיט

זעהר אַ ליעבליך פּנים. עס האָט געהייסען בּיי איטליכען אין שטעדטעל: מיר האָבען אַ גאַסט — רבּי נחום רוויזעווער, רבּי נחום איז געקומען זיך געזעגנען!...

און אַלע האָבען זעהר גוט פערשטאַנען, וואָס „געקומען זיך געזעגנען" הייסט אַזוינס.

אַז רבּי נחום פונ׳ם שטעדטעל רוויזעוו האָט אויסגעגעבען די יונגסטע טאָכטער זיינע און איז געבּליבּען אויף דער עלטער אַנ׳אַלמן, האָט ער זיך פערנומען פאָהרען בּלי־נדר שטאַרבּען אין ארץ־ישראל. נאָר אַזוי ווי בּיז דעם שטאַרבּען בּעדאַרף דאָך אַ מענש האָבען צום לעבּען און אַ יוד — דערצו נאָך חתונה האָבען אויך, הייסט דאָך עס, מען בּעדאַרף האָבען געלד, וואָס־זשע טוט מען? בּכן האָט רבּי נחום געטאָן דאָס, וואָס אַנדערע יודען אין אַזאַ פאַל טוען — ער איז עטליכע יאָהר אַרומגעפאָהרען צווישען יודישע קינדער, פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער, זיך צו געזעגנען, דאָס הייסט נעהמען שענע נדבות און מאַכען בּעשטעלונגען, אויב עס לאָזט זיך נאָר, אויף ווייטער אויך, אם־ירצה־השם. צוֹאַ פרנסה, ווי „געזעגנען זיך" רעכענט זיך בּיי יודען שוין גאָר ניש־קשה׳דיג, אַזעלכער, וואָס פאָהרט אַהין שטאַרבּען, איז בּכּבוד׳יגער פון אַלע אַנדערע מיני מקבּלים, בּטלנים און אויך פון נשרפים אַ שטייגער, ער שמעקט שוין מיט קברות־בּלעטלעך — מיט ארץ־ישראל, ער איז שוין אַ קאַנדידאַט אויף אַ ירושלמי!... רבּי נחום איז אַרומגעפאָהרען אַזוי עטליכע יאָהר און האָט צו יודען חלילה נישט דערלעגט. מען האָט איהם פערבּעטען דער אויף אַ וועטשערע, יענער אויף וואַרמעס, און בּיים געזעגנען זיך, איהם געגעבּען אין האַנד אַריין אויך. רבּי נחום פון זיין זייט האָט זיי צוגעזאָגט דערפאַר זעהר פיעל הבטחות. — דעם אַזוי, יענעם אַזוי, איינעם — בּעטען פאַר איהם אויפ׳ן קבר פון מאיר בּעל־הנס, און דעם אַנדערען — ארץ־ישראל־ערד... רבּי נחום האָט נישט פערשעמט דאָס שטעדטעל ק... וואו ער האָט געהאַט בּעקאַנטע און עטליכע ווייטע קרובים, און אין אַ שענעם זומער־טאָג איז ער געקומען זיך געזעגנען אַהין.

געוועהנטליך עסט מען זומער אין שטעדטעל וועטשערע בּיי דער שיין פון דער לבנה, אויב זי איז דאָ, און אויב ניט — בּיי אַ חלב׳דיג גראָשען ליכטעל. מען מאַכט עס עפּ בּקיצור, און אַ גוטע נאַכט —

שלאָפען! באַלד טאַקי, אָדער נאָכדעם ווי מען לופטערט זיך אין דרויסען אַביסעל אוים. אין איין זומער נאַכט אָבער, זעהר אַליכטיגע, האָטש פּערעל צוקלייבען, איז ביי ר׳ חיים׳ן אין הויז געווען אַ פערענדערונג: דער טיש איז געגרייט גאַנץ פיין, ליכט ברענען אין מעשענע לייכטער, עפּעס יום־טוב׳דיג. — דאָס האָט ר׳ חיים פערבעטען צו זיך רבי נחום רויזעווער אייף וועטשערע. עס האָט זיך געצויגען ביים טיש אַ לאַנגער, אַ ברייטער שמועס איבער דעם כותל־מערבי און דער מערת־המכפלה, איבער דעם הר־הזיתים און דער מוטער רחל׳ס קבר, איבער חורבות און קברים, און מען האָט פערביסען מיט אַ שמועס איבער פייגען, טייטלען, מילגרוימען און באָקסהאָרען. אַלע האָבען זיך בעלעקט, די אויגען האָבען געפלאַמט, געפונקעלט פאַר גרויס הנאָה. רבי נחום איז זעהר בערעדעוודיג, רעדט און רעדט, גלייך ווי ער איז שוין דאָרט געווען, אַלצדינג געזעהן מיט זיינע אויגען, און אַלע קוקען איהם אין מויל אַריין, קוקען מיט ליבשאַפט, מיט גרויס דרך־ארץ און זיינען איהם אין הארץ שטאַרק מקנא, וואָס איהם איז בעשעהרט דאָרט צו זיין. עפּעס אַזוי גרינג זאָגט זיך עס: ארץ־ישראל, י ר ו ש ל י ם! דאַכט זיך אין פלוג, אַ לאַנד — אַ לאַנד, אַ שטאָדט — אַ שטאָדט: הייזער, ערד, שטויב, מיסט, בלאָטע, נאָר ניין! עפּעס איז עס אַנדערש. וואָס אַנדערש, ווי אַנדערש? דאָס לאָזט זיך גאָר ניט זאָגען. עפּעס איז עס נישט מגושם גראָב, נאָר אַ רוחניות. מען בעדאַרף עס פיהלען. הייגט נעמען — אויף לשון־קודש, שטעדט, ערטער, וואָס שטעהען אין דער תורה!

דער שמועס איז דערנאָך איבערגעגאַנגען אויף אַנדערע, פּראָסטע זאַכען. רבי נחום איז דאָך אויסגעוועו עפּעס אַ וועלט, זיך געזעגענט מיט אַזוי פיעל יודען, אָהן עין־הרע, און אָנגעזעהן, אָנגעהערט זיך זאַכען גאָר אַ ים! ווילנא האָט אין דעם שמועס געשפּיעלט די הויפּט־ראָלע, מעהר ווי פון אַנדערע שטעדט האָט מען זיך אינטערעסירט מיט איהר. רבי נחום האָט דערצעהלט חידושים פון איהרע משונה־בעריהמטע רבנים, פון איהרע ווילדע קצינים און שרעקליך גרויסע גבירים, פון קלויזען, ישיבות און אָרמע בחורים — אַי־אַי! אויסלאָזענדיג מיט האַלבע־מלכות עפּעס, אין אַ געסעל ערגעץ דאָרט, וואו ס׳איז סכנות, און מען שייעט זיך געהן דאָרט ביי נאַכט — שוין אויף אַ נידעריג אומעטיג קול: אָי־אָי! און גאָר צום סוף איז ער אַרוים שטאַרק אָנגעלאָדען אויף ב ע ר ל י נ ע ר עפּעס. — אָט די יודען פון די שקאָלעס דאָרט פון ליליענטהאַלס כנופיא, האָט ער געזאָגט, פערדרעהענדיג מיט דער נאָז, געגומען דערצעהלען מעשיות,

חוזק מאַכען פון זיי, אַז דאָס זיינען עֶפּעס ווילדע בּרואים, זיצען בּיי זיך, ווען קיינער זעהט נישט, אָהן היטלען און עסען אָהן געוואַשען! די תורה זייערע בּעשטעהט אין לשון, אין קורצע שורה׳לעך מיט מליצה, אַלץ: אַהה, אַהה, וועהגעשריגען!... איינער, דער עלטסטער זייערער, עסט, זאָגט מען, שנויצען מיט בּרויט. מען זאָגט, ער שטעקט אַריין אַ חלב׳דיג ליכט אין דער קאַשע און עסט... שענע בּרואים, מישטיינס געזאָגט — לאָזט אויס רבּי נחום מיט אַ קרעכץ — אָה־האָ־האָ!

מילא האַלבּע־מלכות יאָ! דאָס האָט זיך נאָך געלעגט שלמה׳לען אין מח. האַלבּע מלכות זיינען מסתמא קליפּות, די גוטע נקבות, ווי לילית און רוסאַלקעס, אַ שטייגער, איבּער וועלכע ער האָט זיך גענוג שרעקליכע מעשיות אָנגעהערט, ווי אַזוי זיי פערפיהרען מענשען מיט זייערע תנועות און זיינען הונדערט מאָל ערגער פון דעם טייפעל, פונ׳ם אַשמדאַי אַליין. דעריבּער איז רעכט, וואָס די ווילנער שייען זיך געהן בּיי נאַכט אין יענע ווינטע געסלעך. אָבּער בּערלינער, נישט קיין לצים, נאָר יודען מיט אַ קאָפּ, מיט הענד און מיט פיס. יודען, וואָס אָהן היטלען און וואָס עסען אָהן געוואַשען — אַזעלכעס איז גאָר נישט צום פערשטעהן!... ס׳טייטש, ווי געשיקט זיך עס, אַ יוד — און אָהן אַ היטעל! ס׳טייטש, ס׳טייטש, אַ יוד — און נישט וואַשען זיך צום עסען!! משוגע זיינען זיי, צי חסר־דעה? ווייסען זיי דען נישט, וואָס פאַר אַ פּסק עס קומט דערפאַר דאָרט־ פּעך, שוועבעל און אַייזערנע ריטער!... און גאָר אָהן די אַלע זאַכען, וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס גלאַט אַ יוד אָהן אַ היטעל? — נאָר אַזעלכס אָבּער האָט דאָך געזאָגט רבּי נחום, אַ יוד, וואָס געזעגענט זיך, וואָס פאָהרט קיין ארץ־ישראל. אַזאַ יודען מוז מען גלויבּען. אין־בּרירה, בּיי שלמה׳לען האָט שיין געמוזט זיך לעגען אין מוח אי אַזעלכעס אויך, און דער נאָמען בּערלינער האָט זינט דענסטמאָל געהאַט בּיי איהם דעם טייטש: אַ יוד אָהן אַ היטעל, וואָס וואַשט זיך נישט און עסט בּרויט מיט שנויצען

## 9

שלמה'לען געהט למזל דאָס עלפטע יאָהר. די תורה פאַר איהם ביי ליפּא ראובן'ס לאָזט זיך אוים און ער געהט איבער אויף דעם טאַטענס העגד, לערנען אונטער זיין השגחה. — ללמוד, לערנען אַליין וללמד לערנען אויך מיט אַנדערע, בפרט נאָך מיט אייגענע קינדער, דאָס איז איינס פון גאָטס געבאָט' וואָסיודען זאָגען עס, בעטען דערויף אין דאַווענען אַלע טאָג, און אַז וואויל איז דעם, וואָס איז און שטאַנד עס מקיים צו זיין. ר' חיים פלעגט אַזוי טאַקע מיט זיינע קינדער זיך נוהג זיין. מיט איטלעכען בעזונדער פון די צוויי עלטערע זיהן האָט ער געלערנט, נאָכדעם אַז זיי זיינען אַרוים, איטליכער און זיין צייט. פונ'ם הדר חוונה, ווי בעשעפטיגט ער איז געווען, פלעגט ער אָבּרייסען אַ שעה אָדער אַ פּאָר שעה צייט אין טאָג, צו לערנען אַ בלעטעל גמרא מיט זיי און מיט זייערע חברים, אין פאַל אַז זיי האָבען אַזעלכע געהאַט אַזוי האָט ער אויך געלערנט מיט זיין איידעם, לאה'ס מאַן, די ערשטע צייט נאָך דער חתונה, און מיט נאָך יונגע בעל-הבית'לעך צו איהם נאָר אומזיסט. און אַזוי איז אויך געקומען שלמה'לעס צייט לערנען תורה ביים טאַטען, דער שטייגער לערנען זיינער איז געווען אַזוי: אַלע פריהמאָרגען, באַלד נאָכ'ן דאַווענען פלעגט, דער טאַטע זיצענדיג אויף זיין שטאָט אויבענאָן אין קלויז, לערנען מיט איהם אַ פּרק אָדער צוויי פּרקים משניות כסדר, נאָך דעם אָנבייסען פלעגט ער בלייבען אין דער היים, צוגרייטען אין אַלקירעל דאָרט דאָס לייענען, וואָס דער טאַטע האָט איהם אין דער גמרא פערגעבען מיט תוספות און מהרש"א. ער האָט עס בעדאַרפט דערנאָך איבערזאָגען, אין דער היים טאַקי, אַ מאָל ביי טאָג, אַ מאָל ביי נאַכט, ווי דעם טאַטען איז אויסגעקומען, און גאָר אַ מאָל פלעגט דער טאַטע אויפוועקען שלמה'לען פאַרטאָג אויך, און אַוועקגעהן מיט איהם לערנען אין קלויז.

אמת טאַקי, דאָס אויפשטעהן פאַרטאָג, בשעת דער שלאָף איז אַזוי געשמאַק, איז שלמה׳לען אָנגעקומען נישט אַזוי גרינג. נאָר איז ער אָבער שוין אויפגעשטאַנען, אַראָב פונ׳ם געלעגער, האָט עס איהם זעהר הנאה געטאָן. דאָס אויף-זיין, דאָס געהן אין קלויז און דאָס לערנען האָט איהם גרויס פערגעניגען געמאַכט. ווער ס׳איז אַ יוד, אַ יוד מיט דעם פּינטעלע, דער קען פיהלען דעם טעם פון אַזאַ פערגעניגען. אין דעם יודענס קאָפּ מאָלט זיך די נאַכט מיט וואונדער-שענע בילדער. עס שטעלט זיך איהם פאָר אין דער נאַכט געטליכע זאַכען, יענע וואונדערליכע ערצעהלונגען פון די הייליגע ספרים, וואָס ריהרען ביי דער לעבער — און ער ווערט אַזש צושמאָלצען פאַר הייסע ברענענדיגע געפיהלען.

„נאָך דעם ערשטען משמר, אַרום האַלבע נאַכט — אַזוי שטעהט געשריבען — וועהעט אַ צפון-ווינטעלע, און די וואַכען פון די מלאכים בייטען זיך דאָרט אין הימעל. עס גיט, אָט דאָס ווינטעלע, דער מלאך גבריאל אַ ריהר — און ער שרייעט אויבען זעקס קולות אויס לייענט דערנאָך פון אַ בוך אַרויס די מענשענס אַלע מעשים, וואָס ווערען אָבגעטאָן ביי טאָג. פון איהם דאָרט גיט אַ טאָרע אונטער די פליגעל דעם האָהן דאָ. ער חאַפּט זיך אויף און קרעהט הויך אויף אַ קול. אי אויבען אי אונטען ווערט אַ געטימעל; דער האָהן קרעהט אויף דער ערד, און גבריאל אויפ׳ן הימעל. דענסטמאָל לאָזט זיך גאָט פון דריי הונדערט און ניינציג הימלען אַראָב אין גן-עדן אַריין כיתות מלאכים לויפען פאָראויס אין זאָגען שירה:

עפענט טויערן ברייט זיך אויף,
עפענט הויך זיך ביז אַרויף —
אָ, איהר אייביג פעסטע טירען,
קומען לאָז דאָ גאָט שפּאַצירען!

עס זינגען אויך די ביימער אין גן-עדן, גיבען פון זיך אַרויס זיסע שמעקענדיגע ריחות פון בשמים. אָט איז ער שוין אַריין גאָט דער מלך, מיט זיין כבוד אַליין — שאַ! מלאכים אויף זייערע ערטער שטעהען מיט גרויס דרך-ארץ און שווייגען, פול מיט רחמנות קוקט ער אויף די הייליגע נשמות פון צדיקים און קדושים דאָרט, קוקט און שאָקעלט מיט דעם קאָפּ. פּלוצלים לאָזט ער אַרויס אַ געשריי, אַ ברומען ווי אַ לייב, דאָס וויינט ער, קלאָגט אויפ׳ן חורבן בית-המקדש, אויף ירושלים, די וויסטע

שטאָט, אויף ציון, די ביטערע אַלמנה, אויף די קינדער ישראל וויינע, וואָס אין גלות — און צוויי הייסע טראָפּענס טרערען פאַלען איהם אויס די אויגען גלייך אין דעם גרויסען ים אַריין...

אַזוי וויינט גאָט דריי מאָל אַלע נאַכט דאָרט אין זיינע הימלען. גוט-פרומע יודישע קינדער לאָזט עס ... איינליגען, זיי שטעהען אויף ביי נאכט פון די געלעגערס, „ריכטען אָפּ חצות“, וויינען זיך אויס פאַר דעם זיסען, באַרמהערצדיגען פאָטער אין הימעל, און דאָס יודיש האַרץ פיהלט עפּעס דענסטמאָל אַ מין בעזונדער טעם — זיס ביטער און זויער אינאיינעם.

שלמה'לע געהט פאַרטאָג איבער דער גאַס, דאָס שטעטעל שלאָפט, לבנה און שטערען שטעהען אין הימעל אויף דער וואַך. עס דוכט זיך אים, דאָרט, אויבען, טוט זיך עס אַצינד עפּעס גאָר אַ שרעק! טוט פון ערגעץ אַ בלאָז, דאַכט זיך אים, יענס צפון-ווינטעלע, דאָס גוטע ווינטעלע, וואָס וועהעט אונטער די פליגעל פון מלאכים, וואָס האָט אַ מאָל אויך געבלאָזען אויף דוד-המלך'ס פידעלע, אים צוקאָפּענס ביי-נאַכט אויפ'ן געלעגער, און עס האָט זיך געשפּילט זיסע געטליכע לידער. זושען ערגיץ בוימער אין אַ גאָרטען — דאָס זשוזען דאָרט די בוימער אין גן-עדן; קרעהט ערגעץ אַ האָהן — דאָס זאָגט ער שירה, און זיינען איהם די האָר, דאָס פּנים, פייכט פון טוי-טראָפּען — דאָס זענען גאָטס טרערען, דאָס וויינט ער, יאָמערט אויף זיינע פערוואָגעלטע קינדער. עס שלאָפט נישט, עס דרעמעלט נישט דער היטער פון ישראל!... עס צושפּילט זיך שלמה'לען די געבליטען, זיין כח-הדמיון איז פלאַם פייער דאָס האַרץ צוגעהט איהם שעור פאַר גרויסע געצילען — און ער נעהמט זיך לערנען מיט חשק, געשמאַק אויף אַ ניגון.

מיט דעם אַרויסגעהן שלמה'לעס פונ'ם חדר געהט ביסלעכווייז ביי איהם פאָר אַ פערענדערונג אין דעם לעבען. אַצינד פיהלט ער זיך שוין פרייער צו פערבלייבען אַביסעל סעהר דאָ אויף דעם עולם. עפּעס טוט אַ וועהע אין איהם איין אַנדער גייסט, העלער אביסעל ווערט איהם אין מוח, ער הויבט זיך אָן אַרומצוקוקען — און דערזעהט פאַר זיך עפּעס אַזוינס, וואָס פריער האָט ער עס, דאַכט זיך, אויך געזעהן, נאָר עס האָט איהם זיך אויסגעוויזען גאָר אנדערש, אָדער ער האָט גלאט אזוי זיך אים געוואָרפן אין די אויגען, נישט צומאכען אינוועניג אין דעם קאָפּ

קיין פיצעל רושם. עפּעס טאַקי נור אַ מענש־אַ בהמה, אַ ליימענער גולם, מישטיינס־געזאָגט: שטעהט און ווייסט נישט, אויף וואָס ער שטעהט, זעהט און ווייסט נישט, וואָס ער זעהט. גענוג איז דיזך זיין וועלטעל דאָ אזוי אויך קליין, האָט ער עס נאָך מעהר פערקלענערט — פון די אַלע גאַסען אין שטעדטעל איז פאַר איהם געווען נור דער שול־הויף: פון אַלע הייזער — דער חדר, דער קלויז, דער בית־מדרש, וואו ס׳איז דער טויער צום הימעל; פון אַלע מענשען — אַיינוואוינער — נור דאָס ביסעל יודען, און דאָס אויך דוקא די וואָס פון זיין בית־מדרש, יענע אַקעגען וואָס פון דעם אָדער פון אַיין אַנדער קלייזעל זיינען שוין עפּעס בע.. און באמת טאַקי, כפי עס שטעהט געשריבען, איז דאָך די וועלט אַקעגען יענער וועלט נישט מעהר ווי אַ פאָר־הייזעל אַקעגען אַ פּאַלאַץ, און וואָס מאַכט עס אַ יודען אוים, שוין גאָר אַ גרויסען מיט אַ באָרד אַפילו, אַז דאָס פאָר־הייזעל איז עפּעס נישט אַזוי, אַביסעל ענגליך? מילא הויקערט מען זיך אַביסעל איין, מאַכט מען זיך אַ קאַפּעלע ניט וויסענדיג און שטערבעט אָב דאָס לעבען ווי עס איז, פון יוצא ווענען, אַבי איבערקומען. לעבט דען נישט דער וואָרעם, להבדיל אין חריין, און ס׳איז איהם גע־ וויס גוט און זיס, אויף כפרות די וועלט מיט דער גאַנצער „עולם הזה״?!...

שלכה הויבט זיך אָן אַרומצוקוקען ווי איינער וואָס שטעהט אויף פון שלאָף, אין די אויגען גערהט איהם אויף אַ ליכט און אַלצדינג קומט איהם פיר עפּעס גאָר ניי, גלייך ווי ערשט פונ׳ם איי אַרויסגעקראָבען. עס שטעהט זיך אַ שטעדטעל אויף אַ הויכען באַרג, חוץ דעם שול־הויף זיינען דאָ נאָך גאַסען, וואו ס׳איז אויך אַ לעבען, עס געפינען זיך נאָך אי־ געסלעך אַזוינע, דוקא נישט קיין יודישע, וואָס זיינען, גאָט זאָל ניט שטראָפען פאַר די רעד, אפשר טאַקי ריינער און שענער, מיט גערטנער, בוימער און שאר־ירקות. — די טאָלען „באַרג־אַראָב״ זיינען ערטערווייז אויך בעזעצט, בעוואַקסען מיט גרינוואַרג. זיי ציהען זיך ווייט אַרום דער שטאָדט, צוואַרפענדיג זיך אין פערשיידענע פּאַנאָראַמעס: גערטנער, פעל־ דער און וועלדלעך פון ניס, אויך געמייזאַבצען, גרינבעוואַקסענע זומפען מיט פליושניק (זשאַווער) און הושענות, צווישען וועלכע עס רינען קוואַלען וואַ־ סער, עס שוויבלען און גריבלען מיני עופות. אויף יענער זייט טאָלען ווייטער בערג, וויטער פעלדער, וועלדלעך און וועלדער. שלמה׳לע שטעלט אוים אַ פּאָר אויגען, קוקענדיג דערויף איינגאַנצען פערגאַפט, מיט אַזאַ מינע, גלייך ווי ער זעהט עס דאָס ערשטע מאָל.

18 באַנד — 7 בויגן

שלמה'לע דערגעהט זיך שפעטער, אז דאס שטעדטעל געהער
צום גראף ווינטגעשטיין, יודישע קינדער זיינען נור שכנים דא, זיצען אויף
צינש; אז די גוים דא, הערט א מעשה, זיינען בעלי־הבתים אזוי גוט ווי
זיי, און אפשר נאך מעהר, האבען אויך א שטיקעל ווערטה; היינט פון
דאנען, איז איהם א גרויס וואונדער, זאל זיך עס צום שטעדטעל נעהמען
די קדושה, דער ק"ק, ווי עס הייסט? דער מארק מיט די קלייטען, מיט
די סוחרים און מעקלערס, מיט די שיינקען, אכסניות מיט די משרתים
און פאקטוירים — די אלע זיינען, אמת טאקי, אין דער גוטער יודישקייט,
אבער די ערד, די פעלדער ארום־און־ארום זיינען דאך גוי'עשע, זייערע
להבדיל!... א בעוויז דערויף האט ער אין די יאגעדעס, און די ניס, —
יודישע קינדער געהן מיט טעפלעך, קריגלעך קלייבען יאגעדעס, אין וואלד,
רייסען ניס און עס ציטערט אויף זיי די הויט: אט קומט עשו, נעהמט עס
אוועק און איז נאך מכבד מיט א קלאפ אויך. ס'איז זיי פערשטערט גע-
בעך דאס לעבען, דער וואלד מיט זיינע בוימער, מיט זיינע שמעקענדיגע
קרייטעכצער איז פאר זיי נור א ריינע אבקומעניש, א שרעק. זאל ערגעץ
פאלען א בלעטעל, ענטפאלט זיי דאס געזונד, זאל ערגעץ א פיפס טאן א
פויגעל, טוט זיי א טיאכקע דאס הארץ. איטליכער שרייעט אין די גע-
דאנקען „שמע־ישראל", זיפצט נעבעך און טוט תפלה שטיל אינווענינ אין
זיך, גלייך ווי זיי וואלטען געוואנדערט אין דער מדבר ערגעץ... ער אליין
איז דאך געפרייוט געווארען, געוועו אין אזא צרה, יישט היינט געדאכט,
אז ער איז נעגאנגען איינמאל מיט א פאר חברים רייסען גרינס אויף
שבועות, קוים האט ער אבגעריסען א צווייגעל עפעס פון א בליהענד
בארענבוימעל ערגעץ דארט נעבען א פלייט פון א גארטען, אזש צוויי
שקצים'לעך טוען זיך א לאז איהם אקעגען און וואלטען זיכער איהם גע-
מאכט דעם טויט. א נס, וואס גאט האט איהם געגעבען פיס, האט ער
זיך צונויפגענומען מיט אלע זיינע קרעפטען און באלד טאקי
נעשווינד מיט אימפעט אוועק, אוועק, איבערלאזענדיג זיינע חברים אויף
גאטס בעוואהר.

שלמה'לע קוקט זיך צו און זעהט — אווא, א חידוש, כ'לעבען,
עס זיינען דא יודען, וואס גיבען זיך נישט אזוי אב מיט דער נמרא, הא-
בען אין זינען אנדערע זאכען און לעבען אויך! ער האט געמיינט, א וועלט
יודען ווייסט נישט מעהר ווי לערנען, ווו אויפצוטאן א פשט'ל, ווי צו פא-
לען אויף מהרשא'ס א קשיא. מען אינטערעסירט זיך נור איינער ביים

אַנדערן צו וויסען, וואו האַלט דער אין „ביצה״, יענער אין „מכות״; נאָך „בין־הזמנים״ אַרבייט מען אויף אַלע כּלים און מען טוט זיך אַ נעהם לערנען — און לסוף זעהט ער, אַז ס׳איז עפּעס נישט אַזוי די מעשה! תחילת איז איהם די זאַך אפילו אַביסעל פריקרע, וואָס הייסט?... נאָר דערנאָך טראַכט ער ביי זיך: טאַ מסתמא בעדאַרף דאָך גאָטעניאָ אויף זיין וועלטעל האָבען אַזעלכע יודען אויך.

און וועמעס אַרבייט האָט עס געקאָנט זיין, אַריינלעגען שלמה׳לען אַ פינגער אין מויל, אַרויפצופיהרען איהם אויף אַזוינע זאַכען? ס׳טייטש, וועמעס אַנדערש ווען נישט דעם יצר־הרע׳ס! אַז אין דעם מענשען שטעקט אַ יצר־טוב און אַ יצר־הרע, דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַלע ווייסען עס. אַ קינד אפילו. די פראַגע איז נאָר, ווער פון די ביידע קריכט דעם מענשען פריהער אין דער נשמה אַריין — דאָס הייסט, בשעת קומענדיג אַהער אויף דער וועלט אין דעם מענשענס נשמה, אַ גאַלד, אָדער אונטערגעשלאָגען מיט הינד? ווער פון די ביידע איז בערעדעוודיגער, קליגער, פּאָליטישער, פערשטעהט בעסער, ווי זיך בעליבט צו־מאַכען, ווי אָבצואַרבייטען אַנ׳עסק? און ווי די מעשה איז, אַזוי צו אַזוי, איז דען דאָס אייגענע טאַקי ביי אַלע מענשען גלייך, אָדער ניין? — נאָר ענטפערן אויף די דאָזיגע אַלע זאַכען איבערהויפּט, דאָס זאָלען מוחל זיין יענע חקרנים, וואָס זיינען מחויב צו וויסען אַלצדינג, אפילו אַזעלכעס, וואָס נישט געשטויגען נישט געפלויגען. דאָ אָבער געהט די רעדע איבער שלמה׳לע ר׳ חיים׳ס. די בעקאַנטשאַפט מיט זיין יצר־טוב און יצר־הרע הויבט זיך אָן דאָ אין דער דאָזיגער מעשה מיט איהם ערשט דענסטמאָל, ווען ער ווערט פרייער אַביסעל, אַרויסצוחאַפּען זיך פון דאָרט, פון יענעם עולם, הייסט עס — אַהער אויף אונזער עולם — וואָס דאָרט, אויף יענער וועלט עס געהט מיט אַ יודיש קינד פאָר, דאָס געוועגדעט זיך נישט אין איהם נישט אין דעם יצר־טוב און נישט אין דעם יצר־הרע זיינעם, דאָרט געפינען זיך רבי׳ס, משגיחים, בעהעלפערס, מיני נפשות אַזוינע, און אַזוינע, וואָס פיהרען איהם, לערנען איהם, קענען אַליין אָהן יענע זייער שטעדטעל בעשטעהן און שלאָגען איהם חכמות, זאַבאַבאָנעס זייערע אין קאָפּ אַריין. דאָרט געפינען זיך אויך מזיקים, מחבלים מיט אייזערנע ריטער... שלמה׳לעס ערשטער שטעל דאָ אויף דער וועלט, נאָך גאָר ביים אָנהויב, בעווייזט שוין, וואָס פאַר אַ מין יצר־הרע זיינער איז, וואָהין ער קוקט, וואָס ער טראַכט, וואָס ער זאָגט, און עס לאָזט זיך שוין בייצייטענס פאָראויסזעהן, וואָס פון איהם וועט אויסוואַקסען שפּעטער. אַ קעפּעל האָ־הָ־אָ!...

שלמה׳לע איז בטבע געווען אַ היסבלוטיגער, און איהם איז געלעגען פערבאָרגען אַ פּאָעטישער פונק, און דעריבער האָט דער יצר־הרע זיך נעקליגט אויפצובלאָזען דעם דאָזיגען פונק, איינגעבען איהם שכל, געפיהל, ליבשאַפט צו דער שענער נאַטור — אַ גוט מיטעל אוועקצורייסען פון יענעם עולם, אַרויסצושלאָגען דאָס דולעניש פינ׳ם קאָפּ... אָט גאָר דורך וואַנען אַרום! פריהער מיט דער פּאָליטיקע, די שמד־שטיק אין דער יראה אַריינגעלעגט, אַלץ גאָט און זיין היליג געבאָט — זעה, בחור׳ל, זיי מקיים אַ מצוה, שטערכעט ער איהם, זעה „גאָטס־וואונדער" אין דעם אויסגעשטערנטען הימעל, אין דעם רעגענבויגען און אין די פונקעלדיגע טוי־טראָפּענס אויף דעם גרינוואַרג אין גאָרטען. הער „גאָטס קול" אין דונער, אין בליץ, אין שטורמווינד און אין דעם וועהען פון אַ שטיל לופטעלע, אין דעם זשוזשען פון בינען, זשוקלעך, און אין דעם שוועבען פון מיקען... שלמה׳לע לאָזט זיך איינרעדען, פערקוקט זיך אויף אַלצדינג, שפּילט זיך און איז דערווייל מפסיק פונ׳ם לערנען. וואָס ווייטער, ווייטער ציהט עס איהם אַהין אין די פרייע גרינע פעלדער, אין די געדיכט פערצווייגטע וועלדער. — לכה דודי, רעדט איין דער יצר־הרע, קום שפּאַצירען! שלמה׳לע גנב׳ט זיך אַרויס פון שטוב און געהט אויפ׳ן קבלת פנים צו דער שען חנ׳עוודיגער נאַטור, ווי אַ חתן אַקעגען דער כלה!... די כלה ווּיטעט זיך, לאָזט זיך איהם הערען שטיל אויף אַ שושקענדיג קול׳כעל פון צווישען שאָקלענדיגע זאַנגען ווייץ און קאָרן, ווינקט איהם דורך זשוואַווע־ריהרענדיגע צווייגען פון הויך געוואַקסענע בוימער; שמייכעלט, מאַכט חן דורך אַ שיינענדיגען זיל שטראַהלען, דורכברענענדיג זיך צווישען דעם גרינעם ים בלעטער. זי ווייזט איהם איהר שענע רייכע גאַרדעראָבע, מאַכט איהם אַ חשק אויסציהען זיך אויף גרינע מיט קווייטען־בלומען געשטיקטע קאַוויאָרען, און מיט אַ ווייך־געשפּרינקעלטע קישעלע פון מאָך צוקאָפּענס; שיקט איהם אַ קוש, גרייזעלט איהם די האָר דורך אַ מילד־וואַרם ווינטעלע און לאָזט פאַר איהם אַרום און אַרום שפּילען אַ וואַונדער־שענע קאַפּעלע — עס קנאַקט דער סאָלאָוויי, צוגיסט זיך אין טרעלען, דער ציזיג, דער שטיגליץ מיט דער גאַנצער חברה משוררים זייערע האַלטען איהם אונטער אויף פיסטלעך, געלינקלעך און ביי׳קול׳כלעך. ערגעץ פון דערווייטענס רופען זיך אָב געמבעס: אַ מעקען פון ציגען, אַ הירזשען פון פערד, פיטערענדיג זיך דאָרט אויף דער פּאַשע און עפּעס ווי אַ שופר־בלאָזען פון קיה. פיינעלעך זינגען, שפּרינגען אויבען אויף די בוימער, באַכיטשקעלעך, געפּוצט־געצירט באַלאָווע דרעהען זיך, טראָגען

זיך אין דער לופט, גרילען, היישערעקען שמוצערען, טאַנצען, הייבען פיסלעך אויף דער ערד אונטען. עס איז אַ לעבען, אַ וועלט ניש׳קשה דאָ אויך!... שלמה׳לען טוט עס אינוועניג אַ בריה, ער ווערט אַזש צושמאָלצען פאַר הייסע זיסע געפיהלען. זאָל מען געוועזן מגדל זיין איהם ווי געהעריג איז, ווי עס פאַסט אַזעלכען מיט גוטע מתנות פון זיין ליבען נאָמען, וואָלטען די געפיהלען זיינע אַרויסגעגאָסען זיך אין שרייבען, אין מאָלען, אין שפּילען, אַ שטייגער. שלמה׳לע אָבער האָט די אַלע זאַכען, חוץ תנ״ך און גמרא, נישט געוואוסט, נישט געהערט אַפילו, אַז אַזעלכע זיינען אויף דער וועלט גאָר דאָ. מליצה-ביכלעך האָט ער אין די אויגען אפילו נישט געזעהן, דעריבער פלעגט ער אין דער הייסער שעה צוגיסען זיך אין אַ טרעלעלייקען — אין אַ נגון׳דעל פון זמירות, אין אַ וויינענדיגם צו אַ „בעדעקענס״, אָדער געזאָגט „ברכי-נפשי״ הויך אויף אַ קול, צוקייענדיג איטליכס וואָרט, און געפיהלט דערביי עפּעס גאָר אַ בעזונדער טעם.

דאַכט זיך אין אָנהויב גאַנץ גוט, וואָס קען מען, האַ, צו אַזא יצר-הרע האָבען?...

מיכה־יוסף בן־גריון
[בערדיטשעווסקי]

# יידישע כּתבֿים פֿון אַ ווײַטן קרובֿ

אַרײַנפֿיר און אָפּקלײַב / מבוא ומבחר:
שמואל ורסס

| | |
|---|---|
| העברעיִשער אוניווערסיטעט אין ירושלים | האוניברסיטה העברית בירושלים |
| ייִדיש-אָפּטיילונג | החוג ליידיש |
| קאָמיטעט פֿאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל | הוועד לתרבות יהודית בישראל |

הוצאת ספרים ע״ש י״ל מאגנס, האוניברסיטה העברית

ירושלים תשמ״א

# אַ וועלט מיט וועלטעלעך

אַ מעשׂה פֿון פֿאַרצײַטן. דאָ הייבט זיך אָן צו דערציילן פֿון אַ גרויסן גבֿיר און זײַן טאָכטער, ווי סע ווײַזט זיך אויס, איז דאָס אין לעבן פֿונעם מחבר אַ ביסל נוגע. אין מיטן גיט ער אַ שטילן וויין.

ס'איז געווען אַ מאָל אַ שיין מיידל, זי האָט געהייסן רחלע. זי איז געווען אַזוי שיין און אַזוי ליכטיק, אַז מע האָט נישט געקאָנט קוקן אין איר פּנים אַרײַן, ווי אין דער זון. זי איז טאַקע געווען אַ בת־יחידה בײַם גרויסן גבֿיר אין שטאָט, וואָס ער האָט געהאַט אפֿשר ק״ן אַלפֿים רענדלעך און נאָך אַ סך אוצרות. מע זאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ קעסטעלע, וואָס אַז מע האָט געגעבן אין דער פֿרי אין דעם אַ קוועטש אויף אַ קנעפּל, איז אַרויסגעשפּרונגען אַ גאָלדן רענדל, און אַזוי אַלע טאָג. דאָס איז געווען אַ ברכה פֿונעם שפּאָלער זיידן זכרונו לבֿרכה, דערפֿאַר וואָס ער האָט אים פֿאַר אַ מאָל געגעבן טויזנט רענדלעך אויף פּדיון־שבֿויים. שלמה־וואָלף האָט ער געהייסן, אָט דער גבֿיר. געבוירן איז ער געווען אַזש פֿון יענער זײַט קישינעוו, צי אין רומעניע. אַז ער איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן אין דער וועלט מיט אַ קליין רענצל און מיט בטחון, און דאָס האָט טאַקע געבראַכט צו עשירות.

שלמה־וואָלף איז געווען אַ ייִד פֿון אַ יאָר פֿופֿציק און האָט געהאַט נאָר אָט דאָס מיידל. מיט יענעם ווײַב, דאָס הייסט מיט דעם ערשטן, האָט ער נישט געהאַט, לא־עליכם, קיין קינדער, און איז מיט איר אַרומגעפֿאָרן צו אַלע גוטע־ייִדן און צו די גרויסע רופֿאים, ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק. עפּעס, זאָגט מען, האָט זי געהאַט אַ טויט קינד. אַז מע שפּאַרט זיך אײַן קעגן דעם רבונו־של־עולם! דערפֿאַר איז זי געשטאָרבן אין דעם יאָר, און שלמה־וואָלף האָט געשענקט פֿאַר איר נאָמען אַן אָרון־קודש מיט אַן עמוד און אַ נײַעם באַלעמער אין שול אַרײַן, און אַ נר־תּמיד, אַ קליין לעמפּל פֿון גאָלע זילבער, ברענט אין אַ ווינקל בײַ טאָג און בײַ נאַכט... עס זענען שוין אַוועק אַ סך יאָרן, זינט איך האָב געזען ברענען דאָס לעמפּל, און עד־היום, אַז איך דערמאָן מיך אָן דעם, גיט מיר אַ צופּ אין האַרצן... עפּעס איז דאָך דער מענטש אַ שטיק בעל־מחשבֿות, און וואָס מע לעבט מער, האָט מען מער אין

אַלעמען אַ קוק... פֿאַר וואָס האָט דער בורא די וועלט אַזוי באַשאַפֿן און דעם מענטשן אַזוי געמאַכט, אַז דעם גוף לאָזט ער דאָ באַגראָבן און די נשמה נעמט ער אַהין? עפּעס זענען פֿאַראַן זאַכן, וואָס דער שׂכל קאָן דאָס גאָר נישט משׂיג זײַן. איך זע, אַז איך בין ווײַט פֿאַרקראָכן.

שלמה־וואָלף האָט אַזוי לאַנג געטרויערט אויף זײַן אשת־נעורים, ביז ער האָט ווידער חתונה געהאַט און האָט גענומען אַ יונג ווײַבל פֿון גרויסן יִחוס און אַ בת־בנים. איר זיידע האָט זיך אָנגעקערט מיטן רבין ר׳ שמעלקע און אַליין איז זי געווען פֿון סידילקעוו, צי פֿון קאָרשעוו. דער עיקר איז, אַז ער האָט געהאַט מיט איר אַ מיידל נאָך אין דעם אייגענעם יאָר. דערנאָך האָט ער שוין מער קיין קינדער נישט געהאַט, אָבער די איינע איז געווען אַזוי געראָטן און אַזוי מיט אַלע מעלות פֿון שיינקייט און גוטסקייט, וואָס מע זעט דאָס גאָרנישט אין אַ האַלבער וועלט. עפּעס אַ קלייניקייט רחלע, רָחלע די בת־מלכּה. יאָ, טאַקע די שׂרי־מלוכה אַליין וואָלטן זיך געקאָנט ווינטשן צו האָבן אַזוינע קינדער. שלמה־וואָלף איז געווען איבערגליקלעך פֿאַר דער מתּנה, וואָס גאָט האָט אים געגעבן. רײַכער איז ער געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג, אַרום און אַרום האָט ער געדונגען אַלע מילן און גאָראַלניעס, אַ וואַלד האָט ער געהאַט אויף צוואַנציק יאָר, וואָס ער פֿלעגט פֿון אים פֿאַרדינען ממון־קורח. ייִדן האָבן אַרום אים געלעבט און זענען געווען גליקלעך. און אויך ווער סע האָט בײַ אים געדינט איז געווען פֿאַר זיך אַ שטיק פּריץ, וואָרעם ער האָט איטלעכן געצאָלט ביד־רחבֿה. פֿון צדקה און מצוות איז גאָרנישט צו רעדן. דאַכט זיך, ער איז רחוק פֿון גאווה, אָבער גרויס דרך־ארץ האָט מען פֿאַר אים און אַפֿילו גויים האָבן אים אָפּגעגעבן כּבֿוד! אַז גאָט העלפֿט אַ ייִדן, העלפֿט ער אים אין אַלעמען און גיט אים הצלחה און אַלץ, וואָס דאָס האַרץ באַגערט. וואָס איז שייך? אַז סע וואָלט נישט געווען שלמה־וואָלף דער גבֿיר מיט דעם גאַנצן קנאַק, וואָלט געווען פּוסט אין דער גאַנצער שטאָט... אַפֿילו דער, וואָס סע גייט אים נישט אַזוי גוט, האָט דאָך אַ שטיקל התחזקות אין דעם, וואָס אַ ייִד איז אַזוי געהויבן, אַז אַפֿילו דער ספּראַווניק פֿאַרט צו אים אויף טיי. ייִדן האָבן פֿאָרט אַ כּוח, און אַפֿילו אַז זיי זענען אין גלות, זענען זיי פֿאָרט נושׂא־חן... אויף אונדז אַלע געזאָגט געוואָרן, וואָס ער פֿלעגט צעטיילן נאָר אין איין יאָר. אַרויסגעפֿאָרן איז ער אויף פֿיר שוואַרצע פֿערד, אַז סע האָט געברענט; דער קוטשער איז געווען אָנגעטאָן אין רויטן און האָט געהאַט אַ בײַטש מיט אַ זילבערנעם קנעפּל. מע זאָגט, אַז ווען דער גובערנאַטאָר אַליין איז געפֿאָרן פֿון ראַשעוו קיין אומאַן, האָט מען בײַ שלמה־וואָלפֿן געבאָרגט די קאַרעטע. מע זאָגט, ס׳איז אַ מאָל אַראָפּגעקומען אַ מאַרשאַל, האָט אים שלמה־וואָלף פֿאַרבעטן צו זיך און האָט מיט אים גערעדט מכּוח אַ

גרויסן ענין. אָט דאָ האָט זיך שלמה־וואָלפֿן פֿאַרגלוסט צו האָבן אַ שלאָס. דער פּריץ פֿון שטאָט, וואָס איז קיין מאָל נישט געווען אין דער היים, האָט זיך פֿאַרהוליעט און האָט געמוזט פֿאַרקויפֿן די אימעניע. עפּעס יענער, וואָס האָט דאָס געקויפֿט, איז געווען אַ גרעק, אַ האַלבער משוגענער און האָט זיך אָנגעהויבן צו קריגן מיט דער שטאָט. וואָס־זשע טוט שלמה־וואָלף? ער פֿאָרט אַריבער קיין אַדעס און דינגט בײַ אים אָפּ די אימעניע מיטן שלאָס מיט כּל־וולד אויף נײַן־און־נײַנציק יאָר... דאָס הויז זײַנס האָט ער אַוועקגעשענקט דער שטאָט צו מאַכן דערפֿון אַ שפּיטאָל, און ער אַליין האָט זיך אַריבערגעקליבן אין שלאָס אַרײַן. אַ ייִדישער שׂררה! דער רבֿ פֿון שטאָט, אַז ער פֿלעגט גיין אַהין צו, פֿלעגט ער זיך אָנטאָן אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע אַפֿילו אין דער וואָכן. דאָס שלאָס אַליין אָפּצומאָלן מיטן לאַנגן גאָרטן און מיט אַלעמען קאָן מען גאָרנישט מיט ווערטער. דער פּריץ, וואָס האָט דעם שלאָס פֿאַרקויפֿט, האָט אים אויך נישט אַליין געבויט, דאָס האָט ער געירשנט פֿון אַ פֿעטער, וואָס פֿלעגט אַזוי אַרומפֿאָרן אין אַ זילבערנער קאַרעטע; און אַז ער האָט זיך אַ מאָל געוועט מיט נאָך אַ פּריץ צו פֿאָרן אין אַ שליטן אין מיטן זומער, האָט מען אויף דרײַ ווייאָרסט כּסדר געשאָטן מעלצוקער אויף אַ האַלבן אַרשין די הויך. ווײַס ווי שניי איז געווען דער שלאָס מיט אַ סך הויכע פֿענצטער, פֿון פֿאָרנט פֿון די פֿענצטער אָן איז אַלץ געווען געפֿלאַסטערט מיט גלאַטע שטיינער, און מע גייט אַרויף אויף ווײַסע טרעפּ פֿון מאַרמאָר. דער גאָרטן איז אַן אמתער גן־עדן. וואָס זאָג איך אַ גאָרטן, — אַן אָגאָראָד! קליינע טײַכן זענען דאָרט פֿאַראַן און פֿיש, וואָס שווימען אויבן אַרום און פּאַטשן זיך. וואָס מע גייט ווײַטער, איז אַלץ ווי אין אַ חלום... אַז איך האָב מיך דאָרט פֿאַרגנבֿעט דאָס ערשטע מאָל, בין איך געווען ווי פֿאַרכּישופֿט, אַזוי שטיל איז דאָרט געווען אין מיטן העלן טאָג. דאָ הער איך גאָר שפּילן; מיר דוכט זיך, אַז דאָס שפּיל קומט פֿון יענער זײַט וואַסער — מע קאָן דאָס גאָרנישט אויסמאָלן. דער מענטש האָט נאָר איין נשמה, אָבער סטרונעס זענען פֿאַראַן אין איר אַ סך... איך האָב אַ מאָל געלייענט וועגן אַ בן־מלך, וואָס איז פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין אַ טיפֿן וואַלד, און אַז ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ קלאָץ פֿון אַן אַלטן בוים, איז צוגעפֿלויגן אַ גאָלדענע גאַנדז און האָט אָנגעהויבן מיט אים צו רעדן... מײַן מאַמע, עליה־השלום, האָט געקאָנט דערציילן אַ סך אַזעלכע מעשׂיות! — אַז איך בין געווען אַ קליין ייִנגל, האָט מיך דער טאַטע מײַנער גענומען בײַ בײדע אויערן און האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין דער תּורה־הקדושה און האָט מיר געגעבן אַ ספֿרל, וואָס סע שטייט אין אים געשריבן פֿון גן־עדן־התּחתּון מיט די גאָלדענע ברונעמס, מיט די טײַכן בוימל. עפּעס זינגען

מלאכים אַ מין שירה, וואָס ס׳איז גאָרנישט פֿאַר אַ ילוד־אשה. אַלץ, וואָס איך האָב היינט אין מיר, — איך, אַ ייִד אָן באָרד און פּאות, און ווײַט אין דער פֿרעמד, אצל עם־לא־ידעתי־לשונו, — קומט אַלץ פֿון דאָרט, פֿון דער מאַמען און פֿון דעם טאַטן, און וואָס זיי האָבן מיר אַלץ דערציילט... אַ הולטײַ בין איך, אַז איך האָב דאָס אַוועקגעוואָרפֿן און בין געוואָרן אַ גוי... מילא, דאָס בין איך נישט אויסן. איך האָב דאָ נאָר אָנגעהויבן צו דערציילן די מעשׂה פֿון דער שיינער רחלע, אָבער אַזוי פֿאַרפּלאָפּלט מען זיך, אַז מען קומט אין רעדן...

רחלע איז געווען איינע פֿון יענע נשמות, וואָס בלאָנדזשען אַרום בײַ אונדז פֿון גאַנץ לאַנגע דורות, אפֿשר נאָך פֿון שלמה־המלכס צײַטן. אַז די מקובלים זאָגן: ״איתפשטותא דמשה בכל דור״, מיינען זיי, אַז אַ פֿונק פֿון משה־רבינוס גרויסער נשמה איז דאָ אין איטלעכן דור. נישט נאָר די תּורה גייט איבער פֿון האַנט צו האַנט, פֿון איין דור צום אַנדערן און ריכט מיט אונדז צוזאַמען אַפּ גלות... נאָר אויך אַ טייל פֿון יענע נשמות פֿון דער גאָלדענער צײַט, וואָס יעדער דור איז נאָך געזעסן אונטער זײַן פֿײַגנבוים און אונטער זײַן ווײַנשטאָק, ווערן מגולגל און לײַכטן אין דעם עולם, ווי איינצלנע שטערן אין אַ שטילער נאַכט. אַ ייִדיש מיידל מיט דער נשמה פֿון אַ מלכות, טאַקע פֿון די אמתע בנות־ירושלים. ס׳איז אַ סך צו דערציילן!

אַוודאי האָט מען מיט איר געטאָן דעם גרויסן שידוך מיט דעם ריזשענערס אַן אייגן אייניקל. אויך גוטע־ייִדן האָבן אין זיך אַ כּוח און זייערע נשמות ווייסן אויך פֿון פֿאַרשיידענע דורות. דער ריזשענער אַליין פֿלעגט דערציילן, אַז ער איז שוין דאָ אויף דער וועלט צום דריטן מאָל. צו ערשט האָט ער געלעבט אין אחיה־השילוניס צײַטן; ער האָט שוין אָבער כּמעט אַלץ פֿאַרגעסן און געדענקט נאָר עפּעס ווי פֿונעם שלאָף; צום צווייטן מאָל איז ער געווען פֿון די פּרחי־כּהונה, און ער געדענקט נאָך ווי היינט איטלעכס סטעזשקעלע אין דער הייליקער שטאָט ירושלים... אַז אַ ייִד, אַפֿילו דער גרעסטער גבֿיר, וואָס ער געהערט נישט צו אַט דער פּאָן, דערלאַנגט צו אַזאַ ייִחוס, איז מען אַוודאי בײַ זיך געהויבן און מע עפֿנט די האַנט זייער ברייט. וואָס שלמה־וואָלף האָט צעטיילט יענעם טאָג אויף צדקה, וואָלט מען דערמיט געקאָנט אויסבויען אַ שול. צום קנס־מאָל האָט מען געקוילעט אָקסן און שאָף און רינדער. פּדהצורן האָט מען אַראָפּגעבראַכט פֿון בערדיטשעוו, ווי אויף דער גרעסטער חתונה פֿון דער וועלט! טײַכן ווײַן האָבן זיך געגאָסן, און אַכט טאָג און אַכט נעכט האָבן ייִדן געהוליעט אין די גאַסן. אַפֿילו די גויים האָבן געשיכּורט. איטלעכער, וואָס איז נאָר געקומען, האָט זיך אָנגעשטאָפּט פֿול די קעשענעס און האָט מיטגענומען אַהיים פֿון אַל דאָס גוטס לדור־דורות.

עפּעס אַ קלייניקייט אַזאַ גדולה, וואָס מע דערלעבט דאָס אפֿשר איין מאָל אין הונדערט יאָר: אויפֿן אַכטן טאָג האָט שלמה־וואָלף געשענקט אַלע ייִדן דעם טשינזש, צוגעזאָגט איטלעכן צו געבן פּלאַץ, וואָס וויל נאָר בויען. אויסגערופֿן האָט מען: כּל־צמא־ייתי־וישתּה! פֿון אַלע שטעטלעך אַרום זענען געקומען אָרעמע־לײַט און האָבן גאָרנישט צוגעלייגט. ראַשעוו האָט געזען טעג, וואָס מע וועט זיי שוין קיין מאָל נישט זען.

נאָר מיר אַליין, וואָס איך דערצייל אײַך דאָ די דאָזיקע מעשׂה, האָט שטאַרק געצויגן דאָס האַרץ... בין איך דאָך אויך אַ רבֿס אַ זון. געטראַכט האָב איך בײַ זיך, וואָס וואָלט געווען, אַז איך אַליין בין דער בן־מלך און קום אויף אַ באַרג און דערזע די בת־מלכּה... אַז ס'איז געקומען די לעצטע וואָך פֿון געזעגענען זיך און פּדהצור האָט געשפּילט און איך בין אַרויפֿ־געקראָכן אויפֿן מויער, וואָרעם פֿאַר אַ ייִנגל אין מײַנע יאָרן האָט נישט געפּאַסט צו גיין אויף חתונות, זענען מיר די טרערן אַרײַן אין די אויגן. פֿאַר וואָס לעב איך נישט אין אַלכּסנדר מוקדונס צײַטן, צי אַפֿילו אין די צײַטן פֿון די מלכי־פּרס? — ס'איז מיר פֿאַרגעקומען, אַז אין שושן איז נישט ווי אין ראַשעוו, און איך האָב מיר אויסגעמאָלט, ווי וואָלט עס געווען, אַז איך וואָלט געגאַנגען אָנגעטאָן אין רויטן און רחלע וואָלט גאָר מיך גענומען... פֿון דעמאָלט אָן איז מיר אַרײַן אַ מרה־שחורה אויף אייביקע צײַטן.

רחלע האָט חתונה געהאַט, זיך געבאָדן אין מילך און אין האָניק, געהאַט אַ קינד און נאָך אין דעם יאָר צוגענומען געוואָרן פֿון דער וועלט, וואָרעם די וועלט האָט צו איר נישט זוכה געווען... פֿאַרשטייט זיך, אַז דער זײַדע־נער יונגערמאַנטשיק האָט נאָך דעם חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער. ער לעבט נאָך און איז אַ גבֿיר און אַ רבֿ אין איינעם. איך וויל אויף אים נישט רעדן, אָבער מע זאָגט, אַז די אַנדערע רביצין האָט בײַ אים אויך נישט קיין גוט לעבן.

און רחלע האָט זיך מיר געחלומט און געחלומט נאָך אַ סך יאָרן און הײַנט נאָך... אַזוינס טראָגט מען שטענדיק אין זיך אַרום, אַפֿילו ווען מע גייט אין עק וועלט. וואָס איז פֿון מיר געוואָרן, האָט זיך דער לעזער שוין דערוווּסט, ס'איז אַ וועלט מיט וועלטעלעך!

# יחזקאל קאָטיק

# מיינע זכרונות

## ערשטער טייל

כלל־פֿאַרלאַג
בערלין, 1922־תרפ"ב

K L A L - V E R L A G
BERLIN SW 68 / MARKGRAFEN-STRASSE 73

Copyright by Klal-Verlag, Berlin, 1922.
Gedruckt in der Klal-Druckerei, Berlin.



# אינהאַלט:

שלום־עליכמס בריף צו יחזקאל קאָטיק . . . . . . . . . . 9

קאַפּיטל I: מיין שטעטל. — דער סלופּ. — די אַמאָליגע „סקאַזקע“. — וויסאָקע. — אַמאָליגע מסחרים. — אידן און פּריצים. — דער רוסישער און פּוילישער קלויסטער. — דער רוסישער און פּוילישער גלח. — אָסערעוווסקי. — אָסערעוווסקיס יורש. — דער אַסעסער. — אין וואָס פלעגט באַ אידן אוועק דער טאָג. — די קאַרגע גבירים. — די בכבודע פּאַמיליעס פון שטעטל. — שעבסל דער קלעזמער. — מרדכי ליב. — ר׳ שמחה לייזער. — שבת אין שטעטל. — שטעטלשע אינטריגאַנטן. — אַמאָליגע מחלוקתן. — איטשע שייטעס דער מסור. — זאַסטאַוויע. — מלמדים. — אַמאָליג לערנען. — די גוים. — דער דאָקטאָר. — רופאים. — די תּלמוד־תּורה. — די באָד. — די מקוה. — דער טייך. — קאַמעניצער שווימער. — דער הקדש. — דער רב. — מגידים. — דער בית־עולם. — חברה קדישא . . . . . . . . 13

קאַפּיטל II: דער עלטער־זיידע ר׳ וועלוול. — מיין זיידע אהרן־לייזער. — ר׳ יודל. — אהרן־לייזערס יוגנט. — די חתונה. — די באָבע ביילע־ראַשע. — אהרן־לייזערס פאַרענדערונג. — דעם עלטער־זיידנס טויט. — דער איספּראַווניק. — זיינע באַציהונגען צום זיידן. — דער זיידע אַלס פּרנס־חודש. — דער באָבעס עצות. — דער זיידע אַ איסבאָרשטשיק. — דער שרייבער. — די מחלוקת צוליב דעם שרייבער. — דעם זיידנס השפּעה. — דער זיידע מיט די פּריצים. — דער רעוויזאָר. — אַ נייער איסבאָרשטשיק. — מחלוקת אין שטאָט. — דער נייער איספּראַווניק. — מיין זיידע ווידער איסבאָרשטשיק . . . . . . . . . . 68

קאַפּיטל III: די „בהלה“. — אייזיקל דער קצב . . . . . . . . . . 88

קאַפּיטל IV: מיין פאָטער משה. — זיין נייגונג צו חסידות. — דער שידוך. — ר׳ לייזער דער גראָדנער רב. — מיין מוטער. — מיין פאָטער אַלס הייסער חסיד. — זיין אַנטלויפן צום רבין. — זיין קאַמף מיטן זיידן. — די אַרענדע. — דער רעוויזאָר. — קאַמעניצער חסידים. . . . . . . . . . . . . . . 97

קאַפּיטל V: ר׳ ישראל. — זיין געזאַנג. — זיינע קאָמפּאָזיציעס. — זיין ראָל צווישן חסידים. — ר׳ ישראל אַלס מאַטעמאַטיקער. — דאָס געוועט. — זיין פּוילישער פּאַטריאָטיזם. — זיינע מאַרשן לכבוד דעם פּוילישן נצחון. — דער אָפּמאַך מיט אַ חסיד. — דער געווינס. — ר׳ ישראלס טויט. . . . . . . . . . . 116

קאַפּיטל VI: אונזער משפּחה. — די באָבע. — איר ליבע צום מאַן. — איר שטיל און פרום באַגיין זיך מיט מענשן. — ר׳ יודל. — שטאָטישע ענינים. — ר׳ ליפּע. — דער תּקיעת־כּף . . . . . . . . . . . . . . . . . 127

קאַפּיטל VII: דער אַקציז. — דער באַראָן גינצבורג. — דער בן־יחיד. — דער סקאַנדאַל מיטן אַסעסער. — דער איספּראַווניק האַלט דעם ייִדנס צד. — ר׳ ליפּע צעריסן דעם תּקיעת־כּף . . . . . . . . . . . . . . . . 134

קאַפּיטל VIII: מיין ערשטער מלמד. — מיינע קשיות. — דער צווייטער מלמד. — מיין פעטער ישראל. — דער עלוי ישראל. — ווי דער עלוי ישראל האָט אונז געשמיסן אין פעלד. — בא מאָטע דעם מלמד. — דער גיהנם. — די ווינטער־אָוונטן. — מעשׂיות מיט כּשוף. — מיין פרומקייט. — דער דבּוק. — ר׳ ליפּע צוקערמאַן 138

קאַפּיטל IX: די „כאַפּערס". — אהרן־לייבעלע, חצקל און מאָשקע. — יאָסעלע. — אמאָליגע דינסט . . . . . . . . . . . . . . . . 150

קאַפּיטל X: זאַסטאַוויע. — די גרויסע מחלוקת. — די שבועה. — אויסגענאַרט. — דעם ייִדנס קאַמף. — דער שלום. — די פּריצים מיט די פּויערים. — דאָס שמייסן פּויערים . . . . . . . . . . . . . . . . 160

קאַפּיטל XI: מיין מוטער. — ר׳ לייזער. — מיין מוטערס ליידן. — דער קאַמעניצער רב. — דער באָבעס עצה . . . . . . . . . . . . . . . . 170

קאַפּיטל XII: די פּריצים. — בערל בענדעט. — טשעכטשאָווע. — סיכאָווסקי. — בערל בענדעטס טרייקייט. — דער בלבול. — דער קריג צווישן דעם פּריץ מיט דער פּריצטע. — באַגאָסלאַווסקי. — דער סוף פון בלבול . . . . . . . . 178

קאַפּיטל XIII: בערל־בענדעטס לעבן. — זיין טאָכטערס חתונה. — דער פּוילישער אויפשטאַנד. — געוואָלט שמייסן די פּריצטע. — בערל־בענדעט האָט זי אַרויס־געראַטעוועט. — שמואל . . . . . . . . . . . . . . . . 194

קאַפּיטל XIV: ראש־השנה און יום־כּפּור. — די אימה. — מלקות. — דאָס בענשן די קינדער. — דער פּחד אין די שולן. — בא די חסידים. — סוכּות. — שׂמחת־תּורה. — ימים־טובים בכלל. — ווי אַזוי בא אונז פלעגט צוגיין אַ יום־טוב . . 201

קאַפּיטל XV: מיין פאָטער מיט זיין חסידות. — מיינע מלמדים. — דער רבי גע־שטאָרבן! — די מסירה. — טווערסקי. — ר׳ ליב. — דאָס קנסענען . . . . 214

קאַפּיטל XVI: מיין לערנען. — אַמאָליגע מוכרי־ספרים. — מיין ערשטע חברה. — ישראל ווישניאַק. — דאָס עקזאַמענירן ישראלן. — ישראלס קאַריערע. — בא וואָס ער איז געבליבן שטיין . . . . . . . . . . . . . . . . 230

קאַפּיטל XVII: די ווייטערדיגע מלמדים. — ר׳ אפרים דער מלמד. — זיינע „נייע" מעשׂיות. — אַמאָליגע מלבושים. — די אַרויסגעטריבענע רבנים. — אונזער ליבע צום רבין . . . . . . . . . . . . . . . . 237

קאַפּיטל XVIII: מיין „רבי" ר׳ יצחק־אשר. — אונזער „לערנען". — מיין ערשטע רעוואָלוציע. — עס וואַקסט מיין נאָמען אין שטאָט. — דער פינאַל . . . . . 242

קאַפּיטל XIX: דער נישביצער חסיד. — „מי השלח". — מיין קשיא. — דער ענטפער פון די חסידים. — די באַקאַנטשאַפט מיטן מגידס זון. — דער „המגיד". — דער קלאָץ־זענער. — אונזערע פאַרזאַמלונגען. — דער אָנהויב פון מיינע געזעלשאַפט־ליכע אַרבעטן . . . . . . . . . . . . . . . . 251

קאַפּיטל XX: מען רעדט מיר שוין שדוכים. — דאָס פאַרהערן מיך. — ר׳ יחזקאל דעם רבס זון. — דער יחוס. — מיין אומבאַקאַנטע כּלה. — דער בריף. — די פּעטש. — מיין פעטער. — דאָס לעבן מיט אים. — דאָס גרייטן זיך צום וכּוח . 257

קאַפּיטל XXI: דער מאַניפעסט פון דער פּויערים־באַפרייאונג. — דאָס שמייסן די פּויערים. — דער רושם פון מאַניפעסט אויף די פּריצים. — די שווערע צייט פאַר אידן. — מיין זיידע מיט די פּריצים. — דער פּוילישער אויפשטאַנד. — „ווזענטא ראָסיא". — די פּוילישע בונטאָווטשיקעס. — די באַציהונגען פון די פּויל'שע רעוואָלוציאָנערן צו אידן. — אָגינסקי. — די אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאַנד. — די נקמה פון די פּויערים . . . . . . . . . . . . . 267

קאַפּיטל XXII: מיין פעטער אלס בעל־מופת. — בערל־בענדעט און סיכאָווסקי. — דער קלאַנג ווענן מופת. — זיין שם אין דער סביבה. — דעם זיידנס פּלאַן. — די לאַגע פון אידן נאָכן אויפשטאַנד . . . . . . . . . . . . . . . 277

קאַפּיטל XXIII: ערב מיין חתונה. — געזעהן די כּלה. — דאָס שטעלן פריהער דעם פּוס. — „גלייך, גלייך!" — אַ עסק מיט חסידים און מתנגדים בּאַ מיין חתונה. — די דרשה . . . . . . . . . . . . . . . . . 285

קאַפּיטל XXIV: ראש־השנה צום רבין. — דער כּעס פון טאַטן, וואָס איך בין נישט געפאָרן צום רבין. — מיינע צרות צוליב חסידות. — דער קאַמף מיט חסידות. — דער וכּוח. — דער רושם פון וכּוח אויף די הוזינע . . . . . . 289

קאַפּיטל XXV: דער וכּוח מיט די חסידים. — איך וויל פאָרן קיין וואָלאָזשין. — דער פאָטער איז קעגן. — דאָס אונטערהעצן דאָס ווייב קעגן מיר. — מיין ווייב ווערט קראַנק. — מיר זיינען ברוגז. — אונזער שלום. — מיין איבערגעבן זיך צו לערנען. — „קלייבט, קינדערלאַך, רענדלאַך!" — דער „פּאַלאַץ". — „חצקלס דור" 297

קאַפּיטל XXVI: די קראָם. — מיין פאָרן קיין קאָבּרין. — ר' יאָשעס הויז. — די איידעמס: דער משכּיל לייזער און דער עלוי זלמן־סענדער. — צוויי הייזער. — דאָס ערשטע מאָל באַקען איך מיך טיפער מיטן תנ"ך. — דער רושם פון תנ"ך. — די פאַרענדערונג אין מיר. — דאָס פאָרן אהיים. — מיינע הויכע מחשבות. — די קראָם גייט קאַפּויר. — השכּלה־ספרים. — ווידער מיין טאַטע . . . . . . . 306

קאַפּיטל XXVII: די כאָלערע. — אמאָליגע סגולות צו כאָלערע. — דעם רבס טוט. — דער קלאַנג, אַז ער איז לעבעדיג געוואָרן. — איך זוך אַ בעלן אויף דער קראָם. — וואכנאָוויטש. — איך וויל ווערן ראַבּינער. — פּעטש . . . . . . . 314

קאַפּיטל XXVIII: מיין באָבעס פּלוצליכער טויט. — דער רושם פונם טויט אויף דער משפּחה און אויף דעם שטעטל. — איר לויה. — דעם זיידנס יאָמער. — דאָס זיצן שבעה. — דער באָבעס גרויסער נאָמען. — אירע שיינע מעשים. — אונזער משפּחה צעפאַלט זיך נאָך איר טויט . . . . . . . . . . . . 319

קאַפּיטל XXIX: חסידות און מתנגדות. — וואָס פאַר אַ רייץ ליגט עס אין חסידות, וואָס האָט אויפגערירט די גאַנצע אידישע וועלט? — מתנגדות אלס שיטה. — דער שולחן־ערוך. — די חסרונות פון מתנגדות. — חסידות. — דער בעל־שם. — די צוגענגליכקייט פון חסידות פאַר אַלע שיכטן פון פאָלק. — ר' משה־חיים לוצאַטו. — מסילת ישרים. — די דעמאָקראַטישע אויפפירונג פון חסידים. — דער רבי און די חסידישע שמחות. — די חסרונות פון חסידות. — דער סך־הכּל 331

# קאַפּיטל XVI

**מיין לערנען. — אַמאָליגע מוכרי־ספרים. — מיין ערשטע חברה. — ישראל ווישניאַק. — דאָס עקזאַמענירן ישראלן. — ישראלס קאַריערע. — ביי וואָס ער איז געבליבן שטיין.**

צו צוועלף יאָר האָב איך ליב געהאַט זומער פאַרנאַכט צו מנחה, ווען מען ווערט פריי פון חדר, גיין אין בית־המדרש, און צווישן מנחה און מעריב, זיך זעהן מיט אַלע בחורים, וואָס לערנען אין בית־המדרש, זיך באַקענען מיט נייע פּרושים און אויך מיט די בעלי־ביתלאַך, וואָס האָבן אָקאָרשט חתונה געהאַט, און ריידן מיט זיי פון פאַרשיידענע אידישע זאַכן און אַזוי ענינים פון לעבן. איך פלעג עפענען אַ גמרא — אין אַן אָוונט ביי דעם טיש ריידן דעם גאַנצן בין־מנחה און מעריב, און אַ צווייטן אָוונט ביי אַן אַנדער טיש. דאָס איז געווען אַנגענעם.

דאָ האָב איך אָפטער געהאַט וכּוחים וועגן חסידות. איך האָב שטענדיג געהאַט אַ נאַטור צו קלעפּן זיך צו גרעסערע, האָב זיך געסטאַרעט זיין מיט זיי חבר. און מיך האָט נישט געאַרט, וואָס איך בין ביי זיי דער קלענסטער, ווייל איך האָב הנאה געהאַט צו הערן דעם שכל פון די עלטערע, און אָט די איינגעשאַפּט מיינע האָט מיר געגעבן מוט צו דיספּוטירן מיט זיי וועגן חסידות, און ווייל איך האָב געהאַט אַ כּח אין וכּוח, האָב איך אָפט מאָל מנצח געווען.

אין בית־המדרש זיינען געווען זעהר פיל ש״סן, אָבער צעריסענע, און דאָס איז געווען, געדיינק איך, אַ ברענענדיגע פראַגע דעמאָלט: די יונגע־לייט מיט די פּרושים האָבן זיך באַקלאָגט, אַז זיי קאָנען נישט לערנען אין קיין גמרא: אַלע גמרות צעריסענע.

אַמאָל פלעגן די מוכרי־ספרים אומפאָרן אויפן לאַנד מיט אַ שקאַפע: מענדעלע מוכר־ספרימס קליאַטשע. אין וואָגן פלעגן ליגן פאַרשיידענע ספרים און מעשה־ביכלאַך, און פאַרפאָרן פלעגן זיי אין בית־המדרש אויפן הויף. באַנאַכט פלעגן זיי אַריינפאָרן ערגעץ אין אַ ביליגער קרעטשמע; אין דער־

פריה צום ראַוונען איז שוין אַזאַ מוכר־ספרימניק ווידער געשטאַנען מיט זיין „פערד און וואָגן“ אויפן שול־הויף. צייטנווייז פלעגט אַזאַ מוכר־ספרים אָפּרינגען אין גרויסן בית־המדרש אַ טיש באַם טיר פאַר אַ פּאָר רובל און זיך דאָרטן אויסגעלעגט מיט די ספרים, און זיין שותּף (אַמאָל האָט ער געהאַט אַ שותּף) פלעגט דערווייל אַרומפאָרן מיט אַ טייל ספרים אַרום די דערפער.

די דאָזיגע מוכרי־ספרים פלעגן אָפּט מאָל מיט זיך פירן אַנאָנסן וועגן פאַרשיידענע ש״סן מיט פאַרשיידענע מפרשים אויף גרויסאַרטיגן פּאַפּיר. איינמאָל האָט אַ מוכר־ספרים געבראַכט אַ מודעה פון די סלאַוואוטער דרוקער, אַז זיי געבן אַרויס ש״סן בהדרת יופי, מיט אַלע מפרשים אויף זעהר אַ גוט פּאַפּיר און שיינעם דרוק. דער פּרייז פון ש״ס — צוויי און זיבעציג רובל, אויסצאָלן אין אַ יאָר צייט צו זעקס רובל אַ חודש.

און מיר איז דעמאָלט איינגעפאַלן צו מאַכן אַ חברה אינגלאַך, וואָס יעדערער זאָל געבן אַ פירער אַ וואָך, און מיר וועלן קויפן דעם סלאַוואוטער ש״ס פאַרן גרויסן בית־המדרש. דער מוכר־ספרים האָט אונז טאַקע געוויזן אַ מסכתא — איז דאָס געווען אַ יופי!

די חברה איז געגרינדעט געוואָרן, און יאָסעלע, דעם גבירס זון, איז געווען קאַסיר, איך — גבאי, און איבער יעדע צען אינגלאַך האָבן מיר געמאַכט איינעם פאַר אַ „רעסיאַטניק“, ער זאָל אויפקלויבן באַ זיי אַלע וואָך די פירערס און אָפּגעבן יאָסעלען דאָס געלט. איינער האָט געפירט דעם בוך, און אַלע אינגלאַך האָבן פּינקטליך געצאָלט. דאָס געלט האָבן מיר דערנאָך אַוועקגעגעבן דעם מגידס זון, משה־אהרן, האָט ער עס שוין אַוועקגעשיקט קיין סלאַוואוטע און מיר האָבן באַלד באַקומען די מסכתות, וועלכע מיר האָבן איינגעבונדן אין אַ שיינעם בונד. אַזוי האָבן מיר שוין געהאַט באַקומען זעקס כּרכים.

דאָס איז געווען די ערשטע חברה, וואָס איך האָב געגרינדעט אין מיין לעבן און, ווי איך זאָל נישט וועלן זיין באַשיידן און פאַרבאָרגן, מוז איך דאָך מודה זיין, אַז אָהן מיר האָט זי לאַנג נישט געקאָנט עקסיסטירן. איך האָב נאָר באַדאַרפט קראַנק ווערן — און מיין חברה איז צעפאַלן געוואָרן. יאָסל מיט אברהמלען דעם שרייבער האָבן נישט געקאָנט פירן, און אין בית־המדרש זיינען געבליבן די זעקס כּרכים אַלס זכר, מער האָבן מיר נישט אויסגעשריבן.

ישראל ווישניאַק, דער עלוי, וואָס האָט אונז אַלע אינגלאַך געשמיסן פאַר נ י ש ט קאָנען לערנען, ווי ע ר, איז אין לובלין אין אַ פיר יאָר צייט געוואָרן אַ גרויסער מפורסם. ער האָט געלערנט באַם לובלינער רב,

ר׳ הערשעלע, וועלכער האָט אין זיין שאלות־תשובות געשריבן: „תלמידי הגאון ר׳ ישראל״, מיין תלמיד דער גאון ר׳ ישראל. „אַלט״ איז דער ר׳ ישראל געווען דעמאָלט צוועלף יאָר, און ער האָט זיך געוואָלט מאַכן אַ רייזע צו זיין זיידן קיין קאַמעניץ, ר׳ זעליג אַנדראַרקעס.

פאָרנדיג מיט די בעלי־עגלות, איז ער אָפּגעשטיגן אין אַלע גרויסע שטעט אויפן וועג צו די רבנים ריידן מיט זיי פון תורה, אַוועקשטעלן זיי קשיות, אַז זיי זאָלן נ י ש ט וויסן, וו אָ ס צו ענטפערן.

ער איז אויך געווען אין בריסק באַם רב, ר׳ הערשעלע דער לעמבערגער, אויך אַ גרויסער גאון. און ישראל האָט אים דריי שעה אָפּגעהאַלטן אין תורה; דער רב איז נתפעל געוואָרן פון זיינע חריפות. דערנאָך איז ישראל געקומען קיין קאַמעניץ, עס האָט געקאָכט אין שטאָט פון דעם קליין גאונדל.

דעמאָלט האָט אים שוין נישט געפּאַסט צו ריידן מיט די קאַמעניצער פּראָסטע אינגלאַך, ער האָט זיך אויסגעקליבן עטליכע פון די בעסערע, צווישן וועלכע איך בין אויך געווען. אָבער מיר האָבן פאַר אים גרויס דרך־ארץ געהאַט, עס איז געווען אַ גרויסע זכיה, אַז ער האָט מיט אונז גע־שטיפט. אין מיטן שטיפן זיינען אָפט מאָל געקומען צו אים לומדים ריידן פון תורה, און ער האָט זיי פאַרוואָרפן מיט קשיות אין גמרא, און זיי האָבן נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן.

ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער אויך באַזוכט דעם קאַמעניצער רב און אים געפרעגט אַ קשיא. דער רב האָט אים אַזוי גיך נישט געענטפערט, איז ער אַרויפגעקראָכן צום רב אויף די קני, אַ קליינער איז ער געווען, האָט אָנגענומען דעם רבס גרויסע ווייסע באָרד אין זיינע ביידע הענטלאַך און, פירנדיג אַזוי די באָרד פון אויבן אַראָפּ, האָט ער זיך געזאָגט:

— אַ שיינער רב זענט איר, אַז אַ אינגעלע פון צוועלף יאָר פרעגט אייך אַ קשיא, און איר ק אָ נ ט נ י ש ט ענטפערן קיין תירוץ...

דאָס איז באַלד באַוואוסט געוואָרן אין שטאָט, און ישראלס העזה קעגן דעם אַלטן רב, וואָס איז געווען אַ באַוואוסטער בקי אין ש״ס, האָט אויפגערעגט אַלע קאַמעניצער גרויסע לומדים. זיי האָבן זיך אויפגעקליבן בראש מיט ר׳ משה כץ און ר׳ יאָסעלע, דעם קאַרלינער רבס ברודער, אַ גרויסער מופלג, און ר׳ לייב מאירס מיט אַן אָפּמאַך — שטעלן אים, ישראלן, עפּעס נאָר אַ גרויסע גמרא־קשיא, און אויב ער וועט זי באַלד נישט פאַרענטפערן, וועט מען אים אָפּשמייסן.

דאָס אָרט פאַרן עקזאַמען האָט מען געמאַכט דעם גרויסן בית־המדרש. מען האָט אים באַשטעלט, אַז ער זאָל קומען אויף מאָרגן, צוויי אַזייגער באַטאָג. דאָס געפיל פאַר באַרימען זיך איז בײַ אים געווען זעהר שטאַרק אַנטוויקלט, און אויף אַזאַ קשיא איז ער געווען אַ גרויסער בעלן.

232

ישראל איז געווען באַ זיך שטאָלץ, אַז פֿאַר אים זיינען גלאַט קיין קשיות נישטאָ. ער קאָן שוין פֿאַרענטפֿערן די האַרבסטע קשיות. אָבער ראָך טיף אין האַרצן האָט ער עטוואָס מורא געהאַט — טאָמער וועט ער זיך פֿאַרפּלאָנטערן און וועט קריגן גוט געשמיסן?..

אין אַזאַ מינוט איז ער געקומען צולויפֿן צו מיר און געבעטן, אַז איך זאָל קומען אים העלפֿן — נישט צו דערלאָזן אים שמייסן. געוויינליך, האָב איך זיך פֿון דעם נישט אָפּגעזאָגט און געבראַכט מיט זיך אין אַלטן בית־המדרש, איינס אַזויגער, אַכט געזונטע אינגלאַך...

גערעדינק איך, ווי היינט, אַז אין בית־המדרש האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַלע קאַמעניצער לומדים, פּרושים און אַלע קעסט־בעלי־ביתלאַך, וואָס לערנען אין בית־המדרש. עס איז געווען אַ גרויסער עולם. און ישראל, דאָס קליינע אינגל, איז געשטאַנען מיט אונז באַזונדער. דערנאָך אָבער, אַז עס איז געקומען ר׳ משה כּץ און ר׳ יאָסעלע, האָט מען אים גענומען אויפֿן פֿאַרהער. זיי האָבן אויפֿגעמישט אַ גמרא אין פּסחים דף ס״ו, געדיינק איך, עמוד ב׳, האָבן אים געהייסן איבערקוקן דעם עמוד גמרא און די תּוספֿותן און פֿרעגן דערנאָך אַ קשיא. ישראל איז אַרויפֿגעקראָכן אינגאַנצן אויפֿן טיש און גענומען פֿירן מיט די קליינע פֿינגער איבער דער גמרא פֿון אויבן אַראָפּ גאַנץ גיך, און דערנאָך די תּוספֿותן. עס האָט נישט געדויערט קיין פֿינף מינוט, און ער האָט געזאָגט די קשיא, די לומדים זיינען נבהל און נשתּומם געוואָרן פֿון דעם אינגל, און אָנשטאָט שמיץ האָט מען אים אָנגעהויבן קושן.

— אָבער ווי האָסטו אַזוי גיך איבערגעקוקט דעם גאַנצן עמוד גמרא מיט די תּוספֿותן, — האָט מען זיך געוואונדערט איבער אים.

— ווייזט מיר די שווערסטע שאלות־תּשובות, — האָט ער געענטפֿערט, — וועל איך אייך אויך אַזוי פֿירן מיט די פֿינגער איבערן עמוד און וועל אייך זאָגן באַלד אויף אויסווייניג. און אַז מען האָט אים געגעבן אַ פּני יהושע, האָט ער אויך אַזוי גיך מיט די פֿינגער געפֿירט איבער דעם עמוד און געזאָגט גלייך אויף אויסווייניג.

נאָכדעם האָט שוין די גאַנצע שטאָט פֿאַר אים מורא געהאַט, און זיין גאווה איז געווען אין לשער, ער האָט געהאַלטן אַלעמען פֿאַר פּראָסטע עמי־הארצים, וואָס האָבן אין זיך נישט די פֿיִהיגקייט צו קענען עפּעס טיף און גוט.

אין קאַמעניץ איז ער אָפּגעווען עטליכע וואָכן, די גאַנצע צייט האָט מיט אים געקאָכט די שטאָט, אַלע האָבן נאָר גערעדט פֿון דעם אינגעלע ישראל, וואָס איז אַזאַ גאון!

דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן צום פֿאָטער קיין לובלין און שוין אָנגעהויבן לערנען קבלה. אַזוי ווי ש״ס און פּוסקים איז בײַ אים שוין געווען אַ קלייניגקייט, האָט ער זיך גענומען צו קבלה און דאָס איז געווען זיין אומגליק. ווען ער וואָלט ווייטער לערנען ש״ס און פּוסקים און שאלות־תּשובות, ווי אַלע גאונים לערנען, וואָלט ער אפשר געווען דער צווייטער ווילנער גאון, אחר בּרורו.

ליידער, האָט ער זיך צו פריה גענומען צו קבלה. אין אַ יאָר אַרום האָב איך באַקומען פון אים אַ קבלה־ספר, וואָס ער האָט פאַרפאַסט און געדרוקט צו זיין דרײַצענטן יאָר. איך האָב גענומען לעזן דעם ספר און האָב נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט. פאַר מיר איז קבלה אינגאַנצן פרעמד געווען, און דאָס איז געווען אַ טיפּיש קבלה־ספרל.

אין סעמיאַטיטש, גראָדנער גובערניע, איז געווען דעמאָלט אַ גביר ר׳ דוד דער ברייטער. דעם נאָמען „ברייטער״ האָט ער באַקומען צוליב זיין ברייטער פירונג. ער האָט געלעבט ווי אַ פירשט. אים האָט זיך פאַרוואָלט נעמען פאַר זיין טאָכטער אַ חתן, אַן עלוי. פון דעם עלוי ישראלן האָט ער געהערט, און ער האָט געשיקט אַ שדכן צו ישראלס פאָטער, ר׳ יוזל ווישניאַק, אַ איד אַ למדן און זעהר אַן אָנגענומענער מענש, אַז ער וויל נעמען זיין זון ישראלן פאַר אַן איידעם. ער גיט פינף טויזנט רובל נדן און צען יאָר קעסט.

ר׳ יוזל האָט זיך נאָכגעפרעגט און דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן. ר׳ דוד דער ברייטער האָט באַשטימט אַ טאָג אויף צו מאַכן די תּנאים, און האָט פאַרבעטן פון גאַנץ ליטע די גרעסטע רבנים און גאונים צו קומען אויף די תּנאים אויף זיינע הוצאות. איצט האָט ער טאַקע אַרויסגעוויזן זיין גאַנצע ברייטקייט: ער האָט געוואָלט, אַז אַלע רבנים זאָלן וויסן, וואָס פאַר אַן איידעם ער נעמט.

אויף די תּנאים זיינען געקומען בײַ אַ פּאָר מנינים גרויסע רבנים, און ישראל, דער חתן, האָט גערעדט מיט די רבנים פון אַזוינע גרויסע פּלפּולים, אַז זיי זיינען ערשטוינט געוואָרן פון זיין גאונישן קאָפּ. זיי זיינען געווען איבער גליקליך, וואָס זיי איז באַשערט צו הערן פון אַ פערצען־יאָריג אינגל אַזאַ חריפות. די תּנאים זיינען אַראָפּ פירשטליך און צו ר׳ דוד דעם ברייטנס שמחה איז קיין גלייכן נישט געווען.

די כּלה איז נאָך אויך געווען זעהר יונג, אויך אַ יאָר פערצען, האָט ר׳ דוד געבעטן אָפּלייגן די חתונה אויף צוויי יאָר. אים האָט זיך נאָך געוואָלט „אַריינכאַפּן״ דעם גרויסן עלוי, אָבער איצט קאָן ער שוין וואַרטן. פאַר זעכצען יאָר האָט ער נישט געוואָלט חתונה מאַכן די טאָכטער.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט דער פּוילישער אויפשטאַנד. אין סעמיאַטיטש זיינען אַריינגעטראָטן פּאָלאַקן צו פֿאַרנעמען די שטאָט. בּאַלד איז אָנגעקומען דאָס רוסישע מיליטער, עס איז געוואָרן אַ שיסעריי, אין וועלכער עס איז דערהרגעט געוואָרן דוד דער בּרייטער. זיין גאַנץ פֿאַרמעגן מיט די אַלע געשעפֿטן, וועלכע ער האָט געהאַט מיט די פּריצים, זיינען כּמעט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין דעם אויפשטאַנד. אינגאַנצן איז געבּליבּן בּאַ אַ דרייסיג טויזנט רובּל געלט. זיינען אָבּער געווען אַ סך קינדער, זין און טעכטער, וואָס דאָס געלט האָט צווישן זיי בּאַראַפּט פֿאַרטיילט ווערן. די יורשים האָבּן חתונה געמאַכט די שוועסטער, געגעבּן פינף טויזנט רובּל נדן, שוין אָהן קעסט.

ישראל האָט חתונה געהאַט און איז אַרויסגעפֿאָרן וואוינען אין בּילסק, אַן אויעזדנע שטאָט, גראָדנער גובּערניע, נעבּן זיין פעטער ר' לייזשע ווישניאַק, וואָס איז געווען אַ גביר און אַ גרויסער למדן.

ער, ישראל, האָט גאָר נישט געקלערט פון קיין געשעפֿט מאַכן, און אַפילו נישט אַוועקגעגעבּן זיין געלט אויף צינזן. ער האָט נאָר געדונגען אַ גרויסע דירה, האָט געבּיטן דעם רובּל און געגעסן. ער האָט גאָרנישט געקלערט, אַז דאָס געלט וועט דאָך סוף כּל סוף אויסגיין.

דערווייל האָט ער אָנגעהויבּן צו פֿירן אַ שטאָט פון אַ רבּי, צו אים זיינען געקומען לומדישע יונגע־לייט הערן זיין תּורה, זיינע שאַרפֿע פּשטלאַך, און ער איז געוואָרן פֿאַרהיילנט אין שטאָט. אַפילו זיין פעטער ר' לייזשע האָט אים אויך גערופן רבּי.

וואָס אַ טאָג — איז ער אַלץ מער מפורסם געוואָרן פֿאַר אַ גאון, פֿאַר אַ צדיק און אַ בּעל־קבּלה. ער האָט אַנטדעקט אַ נייעם דרך אין קבּלה און האָט געוואָלט גרינדן אַ ישיבה אויף צו לערנען קבּלה. טאָג און נאַכט איז בּאַ אים געווען פול די שטובּ מיט לומדים, יונגעלייט זיינען „געשטאַנען אויף די קעפּ" צו הערן זיין תּורה מיט זיין קבּלה.

און געלעבּט האָט ער אַלץ פון גרייטן רובּל. דאָס ווייבּ האָט אַפילו אָנגעהויבּן צו דאגהן, אַז געלט ווערט אַלץ ווייניגער און וואָס וועט זיין דערנאָך, אָבּער ער איז געוואָרן אַ קדוש און מיט אים איז געווען שווער צו ריידן אַ וואָרט. ער האָט גאָר פון קיין וואָכעדיגע זאַכן נישט געוואָלט ריידן, און אַמאָל פלעגט זי וויינען בּאַ זיך אין צימער.

ער איז שוין געוואָרן אַזוי אַריינגעטאָן אין זיין קבּלה, אַז ער האָט אָנגעהויבּן טראָגן אויפן קאָפּ צוועלף פּאָר תּפילין, כּדי יוצא זיין לכל הדעות. ער האָט געמאַכט קליינע תּפילימלאַך און האָט אַרויפגערוקט אַלע צוועלף פּאָר תּפילין אויפן קאָפּ און אַזוי איז ער געגאַנגען

איבערן גאַס. און יונגע־לייט זיינען אים נאָכגעגאַנגען און געהיט, אַז מען זאָל פון אים נישט לאַכן.

אין שטאָט, ווי געזאָגט, איז ער געוואָרן זעהר פאַרהייליגט. מען האָט אָנגעהויבן גיין צו אים, אַזוי ווי צו אַ רבי, בעטן זיין ברכה, אָבער אַזעלכן האָט ער אַרויסגעטריבן און האָט גאָרנישט געוואָלט ענטפערן.

און פון טאָג צו טאָג איז פוסטער געוואָרן אין קעשענע. צוליב דעם איז באַ אים אַוועק אַ שלעכט לעבן מיט דעם ווייב. באַלד איז שוין נישט געווען מיט וואָס צו לעבן, און זי האָט זיך נישט געקאָנט צוזאַמענ־ריידן מיט אים. ער האָט גאָרנישט געוואָלט הערן פון אַזעלכע זאַכן און, אַז זי האָט אָנגעהויבן שטריינגער, האָט ער זי אָנגערופן:

— חצופה!

און ער האָט געשיקט רופן דעם רב צו שרייבן אַ גט. דאָס ווייבל האָט געוויינט, און באַם נעמען דעם גט האָט זי געחלשט. נאָכדעם איז זי אַוועקגעפאָרן קיין סעמיאַטיטש צו אירע ברידער, און וואָס איז מיט איר געוואָרן, ווייס איך נישט.

ישראל איז דערנאָך צעבראָכן געוואָרן. ער האָט זיך נישט געקאָנט אויסקירעווען: קיין רבנות נישט, קיין רבי נישט, קיין סוחר נישט, קיין געשעפטן נישט, טאָ וואָס דען?

און ער האָט אָנגעהויבן אַריינפאַלן אין אַ מורה־שחורה. פון אַ סך קלערן איז באַ אים פאַרבליבן, אַז ער וועט זיך גאָר אָנהויבן צו צוגרייטן אין אוניווערסיטעט, ווערן אַ פּראָפעסאָר, וואָרום באַ אים איז דאָס אַ קלייניגקייט. אין איין יאָר מאַכט ער דורך אַלע קלאַסן פון אַ מיטל־שול.

ער האָט געקויפט אַ רוסישן ווערטער־בוך, און בוכשטעבליך אין איין חורש האָט ער שוין געקאָנט אַלע רוסישע ווערטער אויף אויסווייניג.

דער פעטער זיינער, ר׳ לייזשע, האָט געזעהן, אַז ישראל האָט זיך גענומען גאָר אויף אַ געפערליכן דרך, האָט ער טעלעגראַפירט צום פאָטער. דער פאָטער איז געקומען און האָט אים צוגענומען, אַ פאַרמאַטערטן און צעטומעלטן, צו זיך אין לובלין, אַוועקגעפירט אים צום רבין, ר׳ לייבעלע אייגער, און האָט אים געמאַכט פאַר אַ חסיד. דער רבי, ר׳ לייבעלע, האָט זיך מיט אים געפרייט, און ישראל איז געוואָרן אַ חסיד.

איצט האָט ער זיך איבערגעגעבן אינגאַנצן צו חסידות, האָט פון דאָסניי חתונה געהאַט. דאָס ווייב האָט געמאַכט אַ קראָם, מען האָט אָנגעהויבן לעבן פשוט, ווי אַלע אידן, און אָט אַזוי איז געוואָרן פון אַ גאוניש אינגל אַן איינפאַכער איד.

———

# קאַפּיטל XXIV

**ראש־השנה צום רבין. — דער כּעס פון טאַטן, וואָס איך בין נישט געפאָרן צום רבין. — מיינע צרות צוליב חסידות. — דער קאַמף מיט חסידות. — דער וכּוח. — דער רושם פון וכּוח אויף די הויזינע.**

אויף ראש־השנה איז דער טאַטע געפאָרן קיין סלאָנים צום רבין. בּאַלד נאָך דער חתונה האָט ער זיך מיט מיר אָנגעהויבּן פירן זעהר ערנסט. ער האָט מיר קיין איין מאָל נישט געזאָגט, וואָס איך האָבּ צו טון. ער האָט געהאַלטן, אַז איך פאַרשטיי שוין אַליין, און ער האָט צו מיר שטענדיג גערעדט מיט די אויגן, דאָס הייסט, איך האָבּ אים געקוקט אין די אויגן אַריין און האָבּ פאַרשטאַנען, וואָס איך דאַרף טון, אָדער וואָס ריידן. ער האָט געהאַלטן פאַר איבּעריג מיר צו זאָגן, אַז איך זאָל פאָרן צום רבין, וואָרום נאָך דער חתונה פאָרן אַלע חסידישע קינדער צום רבין, און דאָ, אַז ער פאָרט, האָט ער געמיינט, וועל איך מיך בּאַלד אָנכאַפּן:

— טאַטע, איך וויל אויך פאָרן.

אָבּער איך האָבּ דאָס אים נישט געזאָגט. דאָס האָט אים געמאַכט אַ וואונד אין האַרץ, און ער איז אַליין אַוועקגעפאָרן צום רבין.

ער האָט זיך דאָרט זעהר שטאַרק געשעמט פאַרן רבין, וואָרום ער האָט דאָך נישט געקאָנט פאַרשווייגן פאַר אים, אַז צען טאָג אין אלול האָט ער חתונה געמאַכט זיין זון, וואָס דער רבי האָט מיך גוט געקענט און האָט אויף מיר געזאָגט נביאות, אַז איך וועל זיין אַ שיינער חסיד, און איצט קומט ער אָהן דעם זון. דאָס איז אים געווען זעהר שווער.

און נאָך ראש־השנה, אַז ער איז געקומען פון סלאָנים, איז ער געווען שטאַרק בּרוגז אויף מיר. ער האָט מיך פּראָסט געבּרענט מיט זיינע קורצע ווערטער און אַלץ צוגעוואָרפן פון דער זייט, פאַרבּייגייענדיג:

— עולם־הבּא וועל איך האָבּן פון דיר.

רעמאָלט איז באַ מיר פאַרבליבן איין מאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַן עק, האַלטן מיט אים אַ וכּוח, און מיר וועלן זיך ביידע נישט פייניגן. אַ וכּוח איז שוין עפּעס אַנדערש. איך בין געווען בטוח אין נצחון. זאָל ער וויסן, אַז איך בין אַ מתנגד, אַז איך וועל שוין קיינמאָל קיין חסיד נישט זיין — און ער וועט צוגעוווינט ווערן.

דאָס איז אָבער גאָר נישט געווען, ווי איך האָב באַלד אַרויסגעזעהן, פון די גרינגע זאַכן. בפרט נאָך מיט אַזאַ טאַטן, ווי מיינער איז געווען, אַ מענטש אַ מלאך, וואָס האָט מיך שטענדיג ערצויגן מיטן בליק, מיט די אויגן. ווי קאָן מען דאָס אַ טאַטן, און אַזאַ טאַטן, זיין כּנגד, שטעלן זיך קעגן אים און אויפווייזן, אַז זיין דרך איז אַ פאַלשער אינגאַנצן? איז מיר געווען שווער ביזן טויט!

און איך האָב שטענדיג געזוכט עפּעס אַזאַ געלעגנהייט, וואָס זאָל מיר געבן מוט און פרייהייט אין אַזאַ שווערן ענין.

מיין יונג שיין ווייבל איז, צום אומגליק, אויך געווען אַ חסידאַצקע. זי האָט זיך געהאָדעוועט באַ איר שוואָגער, אַ הייסער קאַרלינער חסיד, און האָט אָפטער דערציילט, אַז ר׳ אהרן, קאַרלינער רבי, איז געווען באַ איר שוואָגער צו גאַסט, האָט זי געקאָכט פאַר אים פיש (די פינסקער צייכענען זיך אויס מיט פיש קאָכן), האָט דער רבי געגעסן די פיש (ער איז געווען, קיין עין־הרע, נישט קיין קליינער עסער). האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט אַזעלכע גוטע פיש שוין לאַנג נישט געגעסן.

— ווער האָט דאָס געקאָכט? — האָט ער געפרעגט.

האָט מען אים געזאָגט — ווער.

אַ יתומה, אַ מיידל פון פופצען יאָר האָט דאָס געקאָכט, און ניט גראַדע פיש, נאָר אַלץ, וואָס זי קאָכט, האָט דאָס כּל הטעמים. האָט ער איר געגעבן אַ ברכה, אַז זי זאָל האָבן אַ מאַן אַ גרויסן חסיד. מען קאָן פאַרשטיין מיין ווייבלס עגמת־נפש, ווען זי האָט דערזעהן, אַז איך בין נישט קיין חסיד און בין נישט געפאָרן צום רבין.

מיין ווייבל האָט געשפּילט אין דער פאַמיליע אַ גרויסע ראָליע. אַלע האָבן זי געליבט פאַר איר שיינקייט, פאַר איר בריהשאַפט, פאַר איר שכל, און דער טאַטע האָט געלעגט אויף איר גרויס האָפענונג, אַז זי וועט מיך געוויס מיט איר שיינקייט און שכל דערפירן צו חסידות.

אויף שבת און יום־טוב האָט מיך מיט דעם ווייבל דער זיידע פאַרבעטן צום טיש. געוויינליך, ווען איך וואָלט געווען אַ חסיד, וואָלט איך דעם זיידן אַזאַ נחת נישט אָנגעטאָן, נאָר איצט בין איך געווען צופרידן מיט דער געלעגנהייט, און פלעג קומען צום זיידן עסן פריה, ווי באַ מתנגדים. נאָכן עסן פלעג איך זעהן דורכן פענסטער, ווי דער טאַטע גייט פון

שטיבל. ער פלעגט פאַרבײַניין פאַרן זיידנס שטוב. פלעג איך מיט ליבען, מײַן יונג װײַבל, גײן אַהײם, און דער טאַטע האָט מיט איר גערעדט פון חסידות, און מיר האָט ער אַלע מאָל געגעבן שטעך־װערטער, אַז עס פלעגט מיר נישט גוט װערן.

און מײַן גוטער טאַטע, װעלנדיג, אַז דאָס װײַב זאָל מיך מאַכן פאַר אַ חסיד, פלעגט גײן אַזױ װײַט, אַז ער פלעגט מיך פאַר דעם װײַב שטאַרק אַראָפּװאַרפן, כּדי איך זאָל זײַן קעגן איר געפאַלן. זי, װידער, האָט ער אױפגעהױבן קעגן מיר, און דאָס פלעגט מיר פאַרשאַפן באַזונדערע שמערצן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז מיט אַזעלכע דרכים קאָן ער נאָר מאַכן אַ שלעכט לעבן צװישן מיר מיט דעם װײַב. עס איז געװען ענליך דערױף, װי באַ אים װאָלט אױסקומען, אַז אױב נישט קײן חסיד, טאָ זאָל איך טאַקע האָבן אַ שלעכט לעבן.

שמחת־תּורה האָב איך מיט ליבען געגעסן באַם זײדן, און אַז איך מיטן װײַב זײַנען געגאַנגען פון זײדן אַהײם, האָט שױן דער טאַטע אײנס אַזײגער געפירט אַלע חסידים צו זיך. הײַנט װעט שױן יאַנקל עסיג־מאַכער און שעבסל דער סופר אַרױסנעמען פון אַלע אױװנס און שטאָט דאָס גאַנצע עסן און װעט אָנבײַנגען צום טאַטן פאַר די חסידים. אַך, ס׳אַראַ ליבער טאָג!

איך האָב דערזען דעם טאַטן מיט די חסידים און דערהערט יאַנקלס קול. מען איז שױן געװען שכּורליך. זײ זײַנען געגאַנגען אַ גאַנצע כאַפּטע צו אונז, און איך מיט ליבען זײַנען געגאַנגען אױף דער אַנדערער זײַט. יאַנקעלע, װאָס האָט מיר געװאָלט אַרײַנלאָזן שפּילקעס, האָט איבער דער גאַנצער גאַס געשריען, װי הױך ער האָט געקאָנט, די ראָזיגע װערטער:

— על כּן יעזוב איש את אביו ואת אמו.

און נאָך העכער:

— הונד־טאַטע, הונד־מאַמע, דבק באשתּו, מיט דער פרוי.

און נאָך אַמאָל דאָס איבערגעחזרט:

— הונד־טאַטע, הונד־מאַמע, ודבק באשתּו, מיט דער פרוי.

און אַזױ װײַטער, ביז מיר זײַנען אַרײַן צום טאַטן אין שטוב.

אין שטוב האָב איך געפרעגט דעם טאַטן, װי אַזױ ערלױבט ער דאָס יאַנקלען מיך צו באַלײדיגן? נאָר יאַנקל האָט זיך אַרײַנגעמישט אין מיטן:

— װאָס? װען? איך האָב אים פאַרטײַטשט אַ שטיקל חומש, װי דער רעסער אַפּיקורס טײַטשט.

דאָס האָט ער געמײנט דעם תּרגום אשכּנזי פון ר׳ משה מענדעלזאָן, װעלכן מען האָט גערופן ר׳ משה דעסער.

— אונגר טאַטע, אונגר מאַמע, — האָט ער געלייגט.

— איר האָט דאָך אָבער געשריען „הונגר" — האָב איך אים באַמערקט.

— ניין. אונגר, אונגר... — האָט ער זיך געוויצלט.

„נו, מען מוז היינט מאַכן אַ סוף", האָב איך אַ טראַכט געטאָן — „מען באַדאַרף זיך גוט אָנשכּורן און פֿאַרפֿירן אַ וכּוח. אַז מען איז שכּור, איז מען שטאַרק בײַ זיך".

שמחת־תּורה בײַנאַכט מאַכט שטענדיג דער מגיד אַ סעודה פֿאַר אַלע שטאָט־בעלי־בתּים, פֿאַר שטאָטיש געלט. מען קומט זיך צונויף צום מגיד שמחת־תּורה פֿאַר מנחה, און מ'פּראַוועט דאָרט גאָר אַ גרויסע סעודה מיט געבראָטענע גענז, מיט פּרוכטן, מיט שנאַפּסן און ווײַנען. בעלי־בתּים שיקן אַריין ווײַנען נאָך ערב שמחת־תּורה און ס'איז בײַם מגיד לעבעדיג. דעם גאַנצן שמחת־תּורה ביז צוועלף בײַנאַכט עסט מען און מען טרינקט, און מען זינגט, און מען טאַנצט. דאָס איז שוין געווען אַזאַ טראַדיציע משנים קדמוניות, מדי שנה בשנה.

דעם מגידס זון מיטן איידעם מאַכן אויך אַ סעודה שמחת־תּורה באַזונדער פֿאַר די לומדישע יונגע־לײַט, און דאָרטן הוליעט מען ווידער אָפּ אַ טאָג, אויך מיט גוטע שנאַפּסן, ווײַנען און געבראָטענע גענז.

מיט אים, מיט משה־אהרנען, האָב איך אָפּגערעדט, אַז איך זאָל היינטיגן שמחת־תּורה אַוועקוואַרפֿן דעם טאַטן מיט די חסידים, און הוליען עפֿענטליך בײַ אים מיט אַלע אונזערע יונגע־לײַט, די לערנערס.

דערווײַל האָט בײַם טאַטן אָנגעהויבן צו זיין פֿריילעך. מען האָט זיך גענומען אַרומזעצן בײַם טיש. איך האָב זיך אויך אַנידערגעזעצט, אָבער איך בין שוין געזעסן, ווי אויף שפּילקעס, און נישט לאַנג וואַרטנדיג, בין איך אַרויסגעגאַנגען פֿון טיש און אַוועקגעגאַנגען צו משה־אהרנען, וואו אַלע אונזערע יונגע־לײַט האָבן זעהר גוט פֿאַרבראַכט. איך מוז זאָגן, אַז דאָס איז בײַ מיר איינער פֿון מײַנע בעסטע טעג אין מײַן גאַנץ לעבן. ווייניג טעג האָב איך געהאַט אַזוינע. מיר אַלע, אַ צוועלף יונגע־לײַט, די בעסטע לערנערס, האָבן געטאַנצט, זיך געקושט און געזונגען. עס האָט עפּעס גייסטיג געצויגן איינעם צו דעם אַנדערן, עס האָט זיך געוואָלט גאָכאַנאַנד קושן... אַזוי האָבן מיר אָפּגעהוליעט ביז עלף אַזייגער בײַנאַכט, און דערנאָך זײַנען מיר אַרייַנגעגאַנגען בגלופֿינדיג צו די בעלי־בתּים און געמאַכט מיט זיי אַ טענצל.

איך געדיינק, אַז איך האָב געכאַפּט אַ איד, אַ בעל־הבית, ר' שמערל, מײַן חברס אַ פֿאָטער, וועלכן איך האָב ליב געהאַט, אַרומגענומען אים צוגעשטיקט צו זיך פֿון גרויס ליבע. איך בין געווען זעהר אַ געזונט

אינגל און איך האָב אים שיער נישט דערשטיקט. ער האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון מיינע הענט, און עטליכע מענטשן האָבן אים קוים אָפּגענומען בײַ מיר. נאָכדעם בין איך בּאַלד געפאַלן אויף דער ערד, ווי דאָס איז נישט מיאוס, טויט־שכּור, מען האָט מיך אַריינגעטראָגן אין אַ צימער, וואו מען האָט מיך געלעגט שלאָפן, אַזוינער איינס בּאַנאַכט האָט מיך משה־אהרן אויפגעוועקט גיין אַהיים.

אַז איך בּין געקומען אַהיים, האָבן די חסידים ערשט געהאַלטן בּײַ די פיש, און עס איז געווען פריילעך. יאַנקעלע, דער קאָצקער חסיד, וואָס איז, געוויינליך, געווען שכּור ווי לוט, האָט מיך בּאַלד דערזעהן און געזאָגט:

— חצקל, דו גייסט פון משה־אהרנען, אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין.

דערויף האָב איך פלוצלינג און מיט אַמאָל אַרויסגעשאָסן:

— אַ רוח אין דיין רבינס טאַטן אַריין!

אַ אידיש גראָב ווערטל...

ווען די חסידים וואָלטן נישט מורא געהאַט פאַרן זיידן, וואָלטן זיי מיך אַלע אויפן אָרט געשלאָגן מכּות רוצח, און דער טאַטע וואָלט געווען צופרידן. נאָר מען האָט מורא געהאַט פאַרן זיידן, האָט מען פאַרקוועטשט די ציין און געשוויגן. זיי האָבן בּכלל מער אַ וואָרט נישט גערעדט.

עס איז געוואָרן אַ שטיל־שווייגעניש.

איך בּין בּאַלד אַריין צו מיר אין שלאָפצימער. דאָרט איז געלעגן מיין יונג ווייבּל און געוויינט מיט בּיטערע טרערן. איך האָב די חסידים, לויט איר מיינונג, פאַרשטערט די גאַנצע סעודה. זיי וואָלטן נאָך אָפּ־געהוליעט די גאַנצע נאַכט. אַ שרעק נעמט דורך די בּיינער, ווי איז צו די אויערן, וואָס הערן אַזוינס, אַז משה אהרן־לייזערס זון זאָל שילטן אַ רבין אין טאַטן אַריין.

מיין ווייבּ איז זיך מיט מיר אַדורכגעגאַנגען אַ הינטער־גאָס צום פּוילישן קלויסטער צו און האָט אויפן וועג אַזוי געוויינט, אַז איך האָב געקאָנט שטאַרבּן נעבּן איר. איך האָב נישט געקאָנט איבּערטראָגן איר בּיטער געוויין.

— איך האָבּ דיך ליבּ, חצקל — האָט זי געזאָגט מיט טרערן — נאָר איצט וואָלט איך געוואָלט אַריין בּעסער אין דער ערד אַריין, איך קאָן שוין מיט דיר נישט לעבּן. מיין נישט, אַז איך וויל זיך גטן, גאָט בּאַהיט, נאָר אַז דו האָסט געקאָנט שילטן יאַנקעלעס רבּי, דעם קאָצקער, אין טאַטן אַריין, האָב איך מורא צו לעבּן מיט דיר...

293

און זי הויבט אָן אַלץ מער און מער צו וויינען. איך האָב איר נישט געענטפערט, און זי האָט אַ לאַנגע צייט געוויינט מיט אַזעלכע שרעקליכע כליפּערייען, וואָס האָבן מיך ממש געגרוילט.

אַז מיר זיינען צוריקגעגאַנגען צו אונז אין שטוב, האָב איך געהערט די קולות פון די חסידים. זיי זיינען שוין געגאַנגען אַהיים. זיי האָבן אַלץ גערעדט פון זייער „אומגליק" און האָבן נישט געזונגען אויפן וועג, אַזוי ווי שטענדיג. מיין וואָרט האָט אויף זיי געמאַכט אַ געוואַלדיגן רושם. איך האָב זיי באמת פאַרשטערט די שמחה.

אַז איך בין אַריין צוריק אין שלאָפצימער, האָט מיך דער טאַטע אַ רוף געטאָן:

— חצקל, זיך — האָט ער געזאָגט.

און מיין ווייב האָט ער געהייסן גיין שלאָפן.

— וואָס איז מיט דיר, חצקל, וואָס איז דאָס מיט דיר געוואָרן? — האָט ער שטיל און ציטריג געפרעגט.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף זיין פּנים און האָב זיך דערשראָקן. דאָס פּנים בלאַס, די אויגן רויט. איך האָב אים קיינמאָל אַזעלכן נישט געזעהן. קיין כּעס האָב איך נישט באַמערקט אויף זיין געזיכט. דער מין כּעס האָט בּאַ אים אַבסאָלוט נישט עקסיסטירט, נאָר פאַרטרויערט איז ער געווען. איך האָב אים געזעהן, ווען ס'איז בּאַ אים געשטאָרבן אַ קינד, אַ שוועסטער. אָבער איך האָב נישט געזעהן אין זיין געזיכט אַזאַ שרעקליכן אויסדרוק.

איך האָב אים געוואָלט קושן און וויינען, בעטן רחמים, ער זאָל מיר מוחל זיין. איך בין געווען גרייט פאַר אים אַוועקצוגעבן מיין לעבן, איך וואָלט בעסער געוואָלט, אַז עמיצער זאָל מיר אַריינשטעכן אַ שפּיז אין האַרצן, איידער צו זעהן מיין טאַטן מיט אַזאַ פּנים. איך ווייס דאָך יאָ, ווי ווייט מיין ליבן טאַטן, וועלכן איך האָב ממש פאַרהייליגט און פאַרהייליג ביז היינטיגן טאָג, וויפיל געזונט אים האָט עס געקאָסט, און וואָס איז ער, נעבעך, געווען שולדיג.

און איך בין מיך מודה, אַז ווען מיר פאַרווילט זיך אַמאָל טון עפּעס אַן עולה, מאַלע וואָס אַ מענשן פאַלט איין, שטעל איך מיר באַלד פאַר די געשטאַלט פון מיין טאַטן, און איך האַלט מיך שנעל אָפּ דערפון. אָבער, לייידער, נישט אַלע מאָל קומט מיר פאָר דער טאַטע אין זכרון.

איך וואָלט אים געשיינקט מיין לעבן, מיין גוף, מיין בלוט, אָבער וואָס טוט מען מיט מיין נשמה, ווי קאָן איך גלויבן אין דעם, אין וואָס איך גלויב נישט? און ווי קאָן איך איצט הרגענען אַזוינע צוויי ליבע מענשן, ווי מיין טאַטע און מיין שיין יונג ווייבל?

— וואָס שווייגסטו, — האָט ער מיך ענדליך געפֿרעגט — רייד, אַדרבה, רייד, בײַ מיר איז געבליבן איין מאָל זיך דורכרײדן מיט דיר, און זאָלסט מיר אַלץ רײדן, וואָס דו האָסט אין האַרצן. איך בין אַליין שולדיק, וואָס איך האָב מיט דיר ווייניק גערעדט פֿון חסידות. איך האָב פֿון דיר צופֿיל געהאַלטן, איך האָב דיך שטענדיק געהאַלטן פֿאַר אַ אינגל מיט פֿאַרשטאַנד, אַז דו פֿאַרשטייסט אַליין און מען דאַרף מיט דיר קיין סך נישט רײדן. איצט זעה איך אַרויס מײַן פֿעלער. איך האָב מיט דיר קיינמאָל נישט פֿאַרבראַכט אין חסידות. וואָלט איך אָבער מיט דיר גערעדט, וואָלט איך פֿון אָנפֿאַנג נישט דערלאָזט דערצו.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, די לאָמפּ זײַנען געווען צוגעמאַכט, און אַ ליכט האָט געברענט. איך האָב אָנגעהויבן רײדן... איך האָב לאַנג גערעדט, און אַז ער האָט נאָר געעפֿנט דאָס מויל מיר צו ענטפֿערן, האָב איך שוין פֿאַרכאַפּט און געזאָגט, וואָס ער וויל זאָגן. איך האָב מיך שרעקליך צעהיצט, און דער טאַטע איז געזעסן, ווי אַ פֿאַרשטיינערטער, האָט זיך גוט אײַנגעהערט און מיך נישט איבערגעשלאָגן. דאָס איז געווען זײַנע אַ באַזונדערע מעלה, און אַז איך האָב געענדיקט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער: זיבן אַזייגער!

איצט בין איך גאָר אַ נײַער געווען פֿאַר אים. פֿון וואַנען נעמט זיך עס? ער האָט מיך אָפּגעגעבן צו יצחק־אשרן און געמיינט, אַז ער איז יוצא, און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס אין מיר האָט זיך אָנגעקליבן פֿאַר דער גאַנצער צײַט. ער האָט מיך טאַקע געהאַלטן פֿאַר אַ קאָך־לעפֿל, נאָר ער האָט געהאַט אַ קליינעם טעות: ער האָט געמיינט, אַז איך וועל זײַן אַ חסיד אַ קאָך־לעפֿל, און איך בין גאָר אַ מתנגד אַ קאָך־לעפֿל, און ער איז געפֿאַלן אויפֿן בעט, ווי אַ פֿאַרחלשטער, און אַ גרויסן זיפֿץ געטאָן.

מיך האָט פֿאַרנומען באַם האַרצן, איך בין אַרויסגעגאַנגען פֿון זײַן שלאָפֿצימער און האָב זיך גוט פֿונאַנדערגעוויינט. עטוואָס באַרוהיקנדיק זיך, האָב איך אויסגעווישט די אויגן, אַז מײַן ווײַב זאָל נישט דערקענען, אַז איך האָב געוויינט. און אַז איך בין אַרײַן אין שלאָפֿצימער, איז מיר ערשט פֿינסטער געוואָרן אין די אויגן: מײַן שיין יונג ווײַבל ליגט אין בעט און וויינט די גאַנצע נאַכט, אַז די קישנס זײַנען שוין נאַס פֿון טרערן. און אַז זי האָט מיך דערזעהן, האָט זי זיך ערשט פֿונאַנדערגעוויינט אויפֿן קול, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען זײַנען אַרײַנגעלאָפֿן דערשראָקענע. אַז דער טאַטע האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך, און איז באַלד אַרויסגעגאַנגען צו זיך.

איך האָב נישט געהאַט מיט וואָס זי צו באַרוהיגן. גאָט מיינער! מיין טאַנץ האָב איך שוין אָפּגעטאַנצט, דער וכּוח מיטן טאַטן, וואָס דאָס האָט מיר אָפּגעקאָסט אָנדערטהאַלבן יאָר צייט, און איך האָב גאָרנישט געטאָן: נישט געלערנט, נישט געחקירהט, איז שוין אויך אַדורכגעגאַנגען. וואָס איז איצטער? איך האָב געמיינט, אַז דער טאַטע וועט זיך דערנאָך באַרוהיגן, וועט עס אַראָפּשלינגען, און מיר וועלן זיך איינלעבן. איך וועל זיך נעמען צום לערנען, ווי איך האָב דעם טאַטן געזאָגט. בּאַ מיר איז פאַרבּליבּן, אַז איך זאָל זיך ערשט נעמען צום לערנען בּהתמדה. קעסט האָב איך, פאַר מיין ווייב דאגה איך נישט. דער טאַטע האָט זי ליב, ווי דאָס לעבּן, וועט איר זיין גוט, און איך וועל קאָנען זיצן און לערנען, אַזוי לאַנג לערנען, בּיז איך וועל האָבּן סמיכות אויף רבּנות. און פאַר מיר אַ שטאָט אויף רבּנות איז געווען זעהר לייכט צו בּאַקומען. אין מיינע צייטן האָבּן ר׳ חיים וואָלאָזשינערס אייניקלאַך געשפּילט אַ גרויסע ראָליע בּאַ אידן, און די וואָלאָזשינער ראש־ישיבות וועלן מיר שוין געבּן אַ שטאָט, און מיין שיין יונג ווייבּל וועט זיין אַ רבּיצין.

איך האָב עס פעסט בּאַשלאָסן, כאָטש איך האָב געהאַט כמעט דעם טויט פון איר ווינען. אָבּער איך האָב געקלערט, אַז איר וויינען וועט אויך מיידן, און האָב זיך געמאַכט האַרץ און אַוועקגעגאַנגען אין בּית־המדרש אַריין דאַוונען.

דאָס איז געווען אַ שווערע נאַכט, וואָס האָט זיך מיר בּאַזונדערס טיף אַריינגעשניטן אין זכּרון.

שלום עליכם

# אויסגעוויילטע ווערק

ו

פונ׳ם יאַריד — 2 טיילן

„טאָג-מאָרגען זשורנאל" אויסגאבע
לכבוד דער 100-יאָריגער פייערונג
1859-1959 • ניו-יאָרק

צו וואָס ראָמאַנען,
ווען דאָס לעבן איז אַ ראָמאַן?

1

# פֿאַר וואָס עפּיס „פֿונ׳ם יאַריד״?

אַ מין הקדמה. — פֿאַר וואָס דער מחבר האָט זיך גענומען שרייבן
זיין אויטאָביאָגראַפֿיע. — שלום־עליכם דער שרייבער דער־
צעהלט די געשיכטע פֿון שלום־עליכם דעם מענטשען.

„פֿונ׳ם יאַריד״ קאָן הייסען פֿונ׳ם לעבֿען, וואָס איז געגליכען צו אַ יאַריד. יעדער איז אַ בעלן דעם מענטשענ׳ס לעבֿען צו פֿאַר־גלייכען, נאָך זיין השגה נאָך, צו עפּיס אַ זאַך. למשל, איינער אַ סטאָליר האָט אַמאָל געזאָגט: „דער מענטש איז געגליכען צו אַ סטאָליר; אַ סטאָליר לעבֿט און לעבֿט, דערנאָך שטאַרבֿט ער — אַזוי איז אַ מענטש אויך״... פֿון אַ שוסטער האָב איך אַליין געהערט אַ מיינונג, אַז דעם מענטשענ׳ס לעבֿען איז געגליכען צו אַ פּאָר שטיוועל: כּל זמן די פּאָדעשוועס טראָגען זיך, זענען די שטיוועל — שטיוועל, און אַז די פּאָדעשוועס טראָגען זיך אָפּ, איז — מיט׳ן קאָפּ אין דער ערד. ס׳איז גאַנץ נאַטירליך, אַז אַ בעל־עגלה זאָל פֿאַרגלייכען דעם מענטשען צו, להבדיל, אַ פֿערד. דעריבער וואָלט גאָר קיין חידוש ניט געווען, ווען אַזאַ מענטש, ווי איך, וואָס האָט אָפּגעטאַראַמט אַ האַלבע מאה יאָהרען און געהט באַשרייבען

די געשיכטעס פון זיין לעבען, — זאָל איהם איינפאַלען צו פאַר־גלייכען זיין פאַרגאַנגענהייט צו אַ יאַריד.

דער אמת אָבער איז ניט אַזוי. פ ו נ׳ם י אַ ר י ד — מיינט מען דאָס דעם צ ו ר י ק ו ו ע ג ס, אָדער דעם סך־הכּל, דעם רעזולטאַט פונ׳ם גרויסען יאַריד. אַ מענטש, אַז ער פאָהרט א ו י פ ׳ ן י אַ ר י ד, איז ער פול מיט האָפענונגען, ווייסט נאָך אַליין ניט, וואָס פאַר אַ מציאות ער וועט דאָרט איינהאַנדלען און וואָס ער וועט דאָרט מתקן זיין... פליהט ער דעריבער פייל אויס׳ן בויגען, הענדום־פענדום — טשעפּעט איהם ניט, ער האָט קיין צייט ניט! פאָהרט ער אָבער צוריק, פ ו נ׳ם י אַ ר י ד, ווייסט ער שוין ו ו אָ ס ער האָט דאָרטען געהאַנדעלט און ו ו אָ ס ער האָט דאָרט מתקן געווען, און פליהט שוין ניט אַזוי געשמיידיג. „ער האָט צייט”. ער קאָן זיך שוין אָפּגעבען דין־וחשבון און האָט שוין ביד צו וויסען דעם רעזולטאַט פונ׳ם יאַריד, און ער האָט שוין די מעגליכקייט אויך די וועלט באַקאַנט צו מאַכען מיט די דאָזיגע רעזולטאַטען, דערצעהלען פּאַוואָלינקע, נישט געהאַפּט, אַלסדינג, מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפען אויפ׳ן יאַריד און וואָס ער האָט געזעהען און וואָס ער האָט געהערט.

אַ סך מאָל האָבען מיך מיינע גוטע פריינט אויפגעפאָדערט, פאַר וואָס זאָל איך מיר ניט נעמען די מיה צו באַקענען דעם עולם מיט דער געשיכטע פון מיין לעבען? ס׳איז שוין צייט, זאָגען זיי, און עס וואָלט אפשר געווען אינטערעסאַנט אויך. האָב איך געפאָלגט מיינע גוטע פריינט און האָב מיך עטליכע מאָל גענומען צו דער אַרבייט, און אַלע מאָל אַוועקגעלעגט די פען, ביז... ביז ס׳איז גע־קומען די צייט, איך האָב זוכה געווען נאָך פאַר פופציג יאָהר צו באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיט זיין מאַיעסטעט, מיט׳ן מלאך־המות, גאָרנישט אויף קאַטאָוועס — איך האָב מיך שיער־שיער ניט איבערגעפּעקעלט אַהין, פון וואַנען מע קאָן קיין בריוועל ניט שרייבען, קיין זאַך ניט אַריבערשיקען און אפילו קיין גרוס ניט איבערגעבען.

קורץ, איך האָב געהאַלטען ביי אָפּזאָגען די עטליכע גילדען, — האָב איך צו מיר אַזוי געזאָגט: „אַצינד איז די רעכטע צייט. חאַפּ אַריין און שרייב, וואָרום קיינער ווייסט ניט, ווען מ׳ען מאָרגען עס איז. דו וועסט מאַכען אַ שטאַרב, וועלען קומען מענטשען, וואָס מיינען, אַז זיי קענען דיך און ווייסען דיך, און וועלען אויסטראַכטען זאַכען, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. צו וואָס טויג עס דיר? אַמעהר נעם שוין בעסער אַליין, דו קענסט זיך בעסער פון אַלעמען, און דערצעהל, ווער דו ביזט, שרייב דיין אויטאָביאָגראַפיע!...

עס איז אָבער גרינג אויסצורעדען — „שרייבען איין אויטאָביאָגראַפיע”, איין אמת׳ע לעבענסגעשיכטע, נישט קיין אויסגעטראַכטע! דאָס הייסט אַזוי גוט, ווי אָפּגעבען דין־וחשבון פון מיין גאַנצען לעבען פאַר מיין לעזער, זאָגען וידוי פאַר דער גאַנצער וועלט. איהר ווייסט? שרייבען איין אויטאָביאָגראַפיע און מאַכען אַ צוואה איז כמעט אַלץ איינס... איז איין מאָל אַוועק. און נאָך אַ זאַך: עס איז שווערליך פאַר אַ מענטשען, וואָס רעדט פון זיך אַליין, ער זאָל זיך קאָנען אויפהויבען צו אַזאַ מדרגה, אַז ער זאָל ביישטעהן קעגען דעם נסיון, ניט וועלען אויספּיינען זיך פאַר׳ן פּובליקום, באַווייזען זיך פאַר אַ וואוילען בחור, וואָס סע קומט איהם אַ קניפּ אין בעקעל. איך האָב צוליעב דעם אויסגעקליבען אַ באַזונדערע פאָרם אויטאָביאָגראַפיע: די פאָרם פון אַ ראָמאַן, פון אַ ביאָגראַפישען ראָמאַן. עס וועט אויסקומען, אַז איך וועל רעדען פון זיך זעלבסט, ווי פון אַ דריטער פּערזאָן. דאָס הייסט: איך, שלום־עליכם דער שרייבער, וועל אייך דערצעהלען די ריכטיגע ביאָגראַפיע פון שלום־עליכם דעם מענטשען, אָהן צערעמאָניעס, אָהן באַפּוצעבצען און צאַצקערייען, ווי עס וואָלט אייך דערצעהלט, למשל, אַ זייטיגער פּאַרשוין, אַ ווילד־פרעמדער, נאָר אַזעלכער, וואָס איז געווען מיט איהם אומעטום, אַזעלכער, וואָס איז דורכגעגאַנגען מיט איהם אַלע שבעה מדורי גיהנום. און דערצעהלען וועל איך עס אייך ביסלעכווייז, שטיקלעכ־

ווייז, איינגעטיילט אין באַזונדערע מעשיות, אָדער עפּיזאָדען, איין עפּיזאָד נאָך דעם אַנדערען. און דער וואָס גיט כּח דעם מענטשען, ער זאָל געדענקען אַלסדינג, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט אין זיין לעבען, זאָל מיר בּיישטעהן, אַז איך זאָל נישט דורכלאָזען חלילה קיין זאַך, וואָס מיר האָט געטראָפען און וואָס קאָן האָבען אַ אינטערעס, און קיין פּאַ שוין, וואָס איך האָבּ ווען באַגעגענט אויף דעם גרויסען יאַריד, וואָס איך האָבּ דורכגעמאַכט אין די פופציג יאָהר פון מיין לעבען.

# אַלע ווערק

פון

# שלום עליכם

איקוף פאַרלאַג
בוענאָס איירעס

אַלוועלטלעכער שלום-עליכם-יאָר
1959

## 45

# אַ מענה־לשון פון אַ שטיפמאַמע

אַ שטיפמאַמע. — קללות נאָכן אַלף־בית. — דאָס ערשטע ווערק אַ לעקסיקאָן פון קללות.

וואָס האָבן די מענטשן אָנגעכאַפּט — „שטיפמאַמע"? ווען די קינדער האָבן זיך אָנגעהערט „שטיפמאַמע" און „שטיפמאַמע", האָבן זיי געמעגט מיינען, אַז אַ שטיפמאַמע איז טאַקע באמת מיט הערנער. אַז אַף יעדן טריט און יעדן שריט האָט מען זיי געסטראַשעט מיט דער שטיפמאַמע: „וואָרט־אויס, שקצים, אָט וועט דער טאַטע אַרויספאָרן אַף דער וועלט און וועט אײַך ברענגען אַ שטיפמאַמע, וועט איר וויסן, וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבן!"... וואָס דאַרפט איר מער — טאָמער וואַרעמט די זון ניט אַזוי פויגלדיק, זאָגט מען: „די זון וואַרעמט, ווי אַ שטיפמאַמע"... עס מוז דאָך עפּעס זײַן אין דעם. אַ וועלט איז דען משוגע?

מיט אַ מאָל איז דער טאַטע נעלם געוואָרן. ס'איז אַוועק אַ וואָך, און אַ וואָך, און נאָך אַ וואָך. ווּ איז אַהינגעקומען דער טאַטע? מע זאָגט ניט! עלטערע ריידן צווישן זיך, נאָר שטילערהייט, די קינדער זאָלן ניט הערן, און מער אָפּן ווּנק. נאָר איין מאָל האָט אין חדר דער רבי זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט. ער האָט אַ פרעג געגעבן בײַ די קינדער: „נישטאָ נאָך דער טאַטע פון באַרדיטשעוו?" צו דער דאָזיקער דיפּלאָמאַטישער פראַגע האָט די רביצין צוגעזעצט פון איר זײַט נאָך מער דיפּלאָמאַטיש: „וואָס־זשע? אַזוי גרינג קומט עס אָן אַן אַלמן אַראָפּצוברענגען אַ שטיפמאַמע פאַר די יתומים?"... ווייסן מיר שוין, הייסט עס, אַז דער טאַטע איז אין באַרדיטשעוו, און אַז ער זוכט אַ שטיפמאַמע צו זײַנע קינדער. וואָס־זשע, פרעגט זיך, באַדאַרף מען זיך דאָ באַהאַלטן? וואָס איז דאָ דער סוד? והראיה: אַז ער האָט באַדאַרפט צו קומען אַהיים מיט דער סחורה פון באַרדיטשעוו, האָט ער פריִער צוגעשיקט אַ „שטאַפעט", אַז גאָט האָט אים מזכה געווען זײַן גלײַכן, וואָס איז אַ מציאה אין אַלע אופנים, הן אין יחוס, הן אין געלט, און אַז ער וועט איינגיכן, אם ירצה השם, קומען מיט דער מציאה, און ער בעט, מע זאָל איר ניט זאָגן אַזוי גיך, וויפל קינדער ער האָט — צו וואָס זאָל זי דאָס וויסן מיטאַמאָל? מיט דער צײַט וועט זי דאָס אַליין געוווירע ווערן. סײַ־ווי־סײַ זײַנען ניט אַלע קינדער חל אַף איר: די עלטערע זײַנען דאָך עלטערע, און די צוויי מיידלעך — די זײַנען דאָך בײַ זייער באָבע. ער וואַשט זיך ניט אָפּ די הענט חלילה פון זיי. קינדער זײַנען קינדער. נאָר בײַ אָט אַזעלכע ביטערע אָבסטאָיאַטעלסטוועס איז געזינטער, אַז מע פאַרלייקנט עטלעכע קינדער אַף אַ קורצע צײַט. „יותר אין לחדש

רק חיים ושלום. השם יתברך זאָל העלפֿן, מע זאָל זיך זען אינגיכן בשלום. ממני..."

דער דאָזיקער בריוו וואָלט געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק, ווען נישט דער קנייטש מיט די קינדער. ערגער פֿון אַלץ איז דאָס געווען פֿאַר די קינדער גופֿא. אמת, זיי האָבן געפֿילט, אַז דער טאַטע האָט זיי ליב, אַז זיי זײַנען אים טײַער איטלעכס קינד באַזונדער, נאָר וואָס זיי זײַנען אַף אַ ווײַלע געוואָרן אַ מין קאָנטראַבאַנדע־סחורה — דאָס האָט זיי אַביסל אַ פּאָרקע געגעבן און אַרויסגערופֿן מאָדנע מחשבות און געדאַנקען. אָבער ניט אַף לאַנג, וואָרעם אָט איז מען געקומען צו זיי אין חדר און מע האָט זיי אָנגעזאָגט אַ בשורה: „דער טאַטע איז געקומען און געבראַכט צו פֿירן פֿון באַרדיטשעוו אַ שטיפֿמאַמע". „מזל־טוב! — האָט זיך אַרײַנגעמישט די רביצין, — איר זאָלט דערלעבן אָנזאָגן בעסערע בשורות!"... און דער רבי האָט אָפּגעלאָזט די קינדער אַהיים פֿאַר דער צײַט.

געקומען אַהיים, האָבן די קינדער געטראָפֿן די גאַנצע משפּחה: דעם פֿעטער פּיניע מיט זײַנע זין, די מומע חנה מיט אירע טעכטער, אַלע אַרום טיש. מע האָט געטרונקען טיי, כלומרשט געגעסן לעקעך און אײַנגעמאַכטס און געדרייכערט פּאַפּיראָסן, און גערעדט פּוסטע רייד, וואָס אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט זיך ניט געקלעפּט, וואָרעם קיינער האָט נישט געהערט וואָס דער אַנדערער זאָגט. יעדער איז געווען אַרײַנגעטאָן אין זײַנע אייגענע געדאַנקען, און אַלע אינאיינעם האָבן געהאַלטן אין איין קוקן אַף דער שטיפֿמאַמע און אין איין באַטראַכטן און אָפּשאַצן די מציאה, וואָס דער טאַטע האָט אײַנגעהאַנדלט אין באַרדיטשעוו — און, דאַכט זיך, מע איז געווען צופֿרידן מיטן אָנקוק. אַ ייִדענע אַ בכבודע, ניט קיין נאַרישע, און דער עיקר — אַ ליבלעכע, אַ צוגעלאָזטע, אַ גוטע, אַ מענטש אָן אַ גאַל! הײַנט וואָס האָבן זיי דאָ געפֿילדערט, געמאַכט אָנשטעלן — „שטיפֿמאַמע"?...

ערשט העט־שפּעטער, אין אַ וואָך אַרום אָדער אין צוויי, האָט זיך די שטיפֿמאַמע אַרויסגעוויזן מיט איר היציקן טעמפּעראַמענט און קודם כּל אַרוים מיט איר שפּראַך, מיט איר אמת באַרדיטשעווער שטיפֿמאַמע־לשון, אַ שפּראַך אַ גלאַטע, אַ רײַכע, אַ בלומענדיקע. אַף איטלעכס וואָרט אַ קללה, און צום גראַם, און דווקא אין גוטן מוט. למשל: עסן — עסן זאָלן דיך ווערעם! טרינקען — טרינקען זאָלן דיך פּיאַווקעס! שרײַען — שרײַען זאָלסטו אַף די ציין! פּאַרנייען — נייען זאָל מען אײַך תּכריכים! גיין — גיין זאָלסטו אין דער ערד! שטיין — שטיין זאָלסטו פּראַווצעס! זיצן — זיצן זאָלט איר אין געהאַקטע ווונדן! ליגן — ליגן זאָלט איר אין דער ערד! ריידן — ריידן זאָלט איר פֿון היץ! שווײַגן — אַנטשוויגן זאָלט איר ווערן אַף אייביק! זאָגן — געזאָגט זאָל אײַך ווערן אַלדאָס בייז! האָבן —

האָבן זאָלסטו מכות בכורות! ניט האָבן — ניט האָבן זאָלסטו קיין גוטס ווײַל דו לעבסט! טראָגן — טראָגן זאָל דיך דער רוח אױף די פּלייצעס! אַרײַנטראָגן זאָל מען דיך אַ קראַנקן! אַרויסטראָגן — אַרויסטראָגן זאָל מען דיך אַ טויטן! אַרומטראָגן — אַרומטראָגן זאָל מען דיך אױף די הענט! אַוועקטראָגן — אַוועקטראָגן זאָל מען דיך אױפֿן בית־עולם! צי, אַשטייגער, למשל, נעמט אַזאַ אומשולדיק וואָרט, ווי שרײַבן? איז שרײַבן זאָל מען דיר רעצעפּטן! פֿאַרשרײַבן — פֿאַרשרײַבן זאָלסטו ווערן צום טויט! אָפּשרײַבן — אָפּשרײַבן זאָל מען דיך פֿון קדחת! אַרײַנשרײַבן — אַ משוגענעם אויסמעקן און דיך אַרײַנשרײַבן!.. און אַמאָל איז זי געווען אויפֿגעלייגט און אַ וואָרט האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט איר אין מויל אַרײַן — האָט זי עס געדרייט און געפֿלאָכטן און געזאָסן זיך און געצויגן זיך, ווי אַ גוטער בוימל, גאָר אָן אַן אָפּשטעל, און אין איין אָטעם, ווי בײַ אַ גוטן חזן די עשרת בני המן: „ס'זאָל דיך אָנכאַפּן, רבונו של עולם, אַ שטעכעניש און אַ ברעכעניש, אַ רײַסעניש און אַ בײַסעניש, אַ טריקעניש, אַ פֿאַרטריקעניש, אַן אויסטריקעניש, אַן אײַנטריקעניש, אַ דאַרעניש, אַ פֿאַרדאַרעניש, אַן אײַנדאַרעניש, אַ שרומפּעניש, אַן אײַנשרומפּעניש, ליבער גאָט! הארציקער פֿאָטער, געטרײַער!"...

דער העלד פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע איז זיך מודה, אַז אַ היפּש ביסל קללות און שלאָגווערטער אין זײַנע שפּעטערדיקע ווערק האָט ער גענאַשט פֿון דער שטיפֿמאַמע און פֿון איר מענה־לשון. נאָך גאָר־גאָר אין די יונגע יאָרן, ער האָט נאָך גאָרניט געוווּסט, וואָס שרײַבן באַטײַט, און האָט נאָך גאָר אַפֿילו ניט געחלומט, אַז ער וועט אַמאָל זײַן אַ שרײַבער, האָט זיך אים, אַלס קוריאָז, פֿאַרוואָלט פֿאַרשרײַבן אַלע קללות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פֿון זײַן שטיפֿמאַמע, צונויפֿזאַמלען זיי אינאיינעם, מאַכן אַ מין ווערטערביכל. האָט ער זיך ניט געפֿוילט, געזאַמלט און געזאַמלט, און אַז ער האָט זיי אָנגעזאַמלט אַ היפּש ביסל, האָט ער זיי גענומען סאָרטירן נאָכן אַלף־בית, אָפּגעשוויצט אַ פּאָר גוטע נעכט און צונויפֿגעשטעלט אַ גאַנץ פֿײַנעם לעקסיקאָן, על־פּי אַלף־בית, וועלכער עס ווערט דאָ געגעבן נאָר אױפֿן זכרון:

א — אביון, אומגליק, אידיאָט, אייזל, אײַנגעזעסענע בריאה, אָפּגעריסענער נאַר, אשמדאי.

ב — באָלוואַן, באָדיונג, בטלן, בײַטלשנײַדער, בלינדערהאָץ, בעדער, בעזעם, בעטלער, בערנטרײַבער, בעל־עגלה, באַשעפּעניש.

ג — גוי, גולם, גדלן, גזלן, גנב, געשלײערטע האַזי.

ד — דאָנאָשטשיק, דבר־אַחר, דלות, דעריקאַטש.

ה — האָלעדראַנצעס, האָצמאַך, האָצעקלאָץ, הולטײַ, הינט־שלעגער, הינקעדיקער שנײַדער, המן, הפקר־יונג.

ו — וואַנץ, וויסטע קאַליקע, וועוריק, ווערעמיקער, וצדקתך.

ז — זאַיקע, זאַק פּאָלאָווע, זויערע קיסליצע, זומערפויגל, זויפער, זיצפליש.

ט — טאָטער, טאָרבע, טויגעניכטס, טפּש, טערקישער פעפער, טריפה קישקע.

י — יאַטקעהונט, יונגאַטש, יורקע, ימח־שמוניק, ים־קאָטער.

כ — כזבן, כל־בוניק, כלב שבכלבים.

ל — לאָבוס, לאַבאַזניק, לאָדער, לא־יוצלח, לאַמטערנשיסער, ליגנער, למד־וואָווניק, ליידיקגייער.

מ — מאַלפּע, מאַמעטליווע בחור, מאָנדריש, נגיד, מלמד, משומד.

נ — נאַריש פּנים, נאַפּודעלע, נאַשער, נודניק, נכפּהניק.

ס — סאַוועלע, סוואָלעטש, סווישטשון, סמאַרקאַטש.

ע — עזות־פּנים, עני ואביון, עפּוש, קעדיש, עקשן.

פּ — פּאַסקודניאַק, פּאַצירענע, פּאַרטאַטש, פּאַרך, פּוסטעפּאַסניק, פּופּיק פּיפּערנאָטער, פּלעצל, פּעטעלעלע, פּעמפּיק, פּרא־אדם, פּריטשעפּע.

פ — פאָנפאַטש, פאַלשער מענטש, פאַרשלעפּטע קרענק, פוילאַק, פּײַ־פער, פליאַסקעדריגע, פלאָכט, פלאָקנשיסער, פערדאַטש, פרעסער.

צ — צבועק, צדיק־אין פעלץ, צורה־מלוכה, צלם־קאָפּ, צעבראָכענער שאַרבן, צרעת.

ק — קאַטאָרזשניק, קאָכלעפל, קאַליקע, קאַרטאָפלשלינגער, קאָרטנ־שפּילער, קאַפּעלושמאַכער, קבצן, קוימענקערער, קישקע אָן אַ־דנאָ, קלעק, קריכער, קשקשת.

ר — רויטער, רוצח, רכילותניק, רעטעך, רשע מרושע.

ש — שאַרלאַטאַן, שבת־גוי, שוטה בן פּיקהאָלץ, שוסטער, שייגעץ, שליאַטעטש, שיקסע, שלאַנג, שלים־מזל, שמאַטע, שמד־קאָפּ, שמינדער־בײגעץ, שמענדריק, שנויץ מיט ברויט, שקראַב.

ת — תרח.

דאָס איז געווען, קאָן מען זאָגן, דאָס ערשטע ווערק, וואָס דער קו־מענדיקער שלום־עליכם האָט פאַרפאַסט, און אַ נאָמען געגעבן האָט ער עס: „אַ מענה־לשון פון אַ שטיפמאַמע”... מיט דעם ווערק האָט זיך געטראָפן אַ מעשה, וואָס האָט זיך געקאָנט ענדיקן מיט גאָר אַ מיאוסער קאַטאַס־טראָפע.

מחמת עס האָט געמוזט זײַן אויסגעשטעלט שטרענג נאָכן אלף־בית, האָט דער פאַרפאַסער שטאַרק געשוויצט, עטלעכע מאָל איבערגעשריבן דאָס ווערטערבוך. האָט דער טאַטע, אַפּנים, באַמערקט, אַז דער חברה־מאַן אַר־בעט עפּעס זייער געשמאַק. איז ער אונטערגעגאַנגען איינמאָל באַנאַכט פון הינטן, אַרײַנגעקוקט אינעווייניק און אַ נעם געגעבן צו זיך דעם כתב־

יד און איבערגעלייענט פון אלף ביז תיו. און לאַ־די, וואָס ער האָט עס אַליין געלייענט, האָט ער עס נאָך דורכגעלייענט פאַר דער שטיפמאַמע. און עס איז געשען אַ נס: ס׳איז שווער צו וויסן, צי ווײַל ס׳איז גראָד געווען אין אַ גוטער מינוט, ווען זי איז געווען אויפגעלייגט, צי ווײַל זי האָט זיך געשעמט צו זײַן אין כעס, — נאָר ס׳איז אָנגעפאַלן אַף אַ־ר אַ מאָדנער בייזער געלעכטער. יענע האָט אַזוי געלאַכט, אַזש געקוויטשעט. מע האָט געמיינט, אַז זי וועט דעם שלאַק באַקומען! מער פון אַלץ זײַנען איר געפעלן די ווערטער „פּופּיק" און „קשקשת". „פּופּיק" האָט בײַ איר געהייסן טאַקע דער העלד פון דער דאָזיקער באַשרײַבונג. און „קשקשת" (קאַשקעט) — מיט דעם נאָמען האָט זי געקרוינט אַן עלטערן בחור׳ל דערפאַר, וואָס ער האָט געטראָגן אַ נײַעם קאַשקעט.

נו, גייט זײַט אַ נביא, אַז ס׳וועט זיך ענדיקן גאָר מיט אַ געלעכטער! אַוודאי האָט דער מחבר פונעם לעקסיקאָן בײַ זיך אין האַרצן געבענטשט גומל, וואָס ס׳האָט זיך אַזוי גוט אויסגעלאָזט.

46

# אַפן בענקעלע באַם טויער

דער „אײַנפאָר". — דאָס פאַררופן אורחים. — ווידער חלומות וועגן אוצר.

ווייסט איר, וואָס הייסט אַן „אײַנפאָר"? — אַן „אײַנפאָר" איז ניט קיין אַכסניה און ניט קיין האָטעל, נאָר עפּעס אַזעלכעס, וואָס געפינט זיך צווישן די דאָזיקע צוויי מינים, אָדער — ביידע מינים אינאיינעם. די אַכסניה, אָדער דער טיפּ האָטעל, וואָס נחום ראַבינאָוויטש האָט געהאַלטן אין דער שטאָט פּערעיאַסלאַוו און געלעבט דערפון, איז געווען דער אמתער „אײַנפאָר". אַ גרויסער הויף מיט גרויסע חדרים מיט בעטלעך פאַר די אורחים. מיינסטנס זײַנען אין די חדרים געשטאַנען צו עטלעכע בעטלעך, און דער אורח, וואָס איז פאַרפאָרן, האָט נאָר אָפּגעדונגען אַ בעטל, ניט קיין גאַנצן חדר. סײַדן אַ נגיד, אַן אָפּגעפּוצטער, אַ מיוחס. אַזעלכע זײַנען אָבער געווען זעלטן, און די האָבן געהייסן „פעטע" אורחים. דאָס רוב אורחים זײַנען געווען „בעטלעך". די האָבן נישט באַדאַרפט באַזונדער קיין סאַמאָוואַרן מיט קיין באַדינערס. איין סאַמאָוואַר אַ גרויסער איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין „זאַל", און יעדער פון די „בעטל־אורחים" האָט זיך געהאַט זײַן טשײַניק מיט זײַן ביסל טיי — גיסט אײַך, יידישע קינדער, און טרינקט אײַך וויפל אײַער האַרץ גלוסט!... אַ מחיה געווען אָנצוקוקן אינדערפרי, אָדער אָפּדערנאַכט, בײַ ראַבינאָוויטשן אין אײַנפאָר. אַ גאַנץ בינטל

י. ל. פרץ

## 1. מיינע זיכרונות


נעפּלדיקע קינדער־יאָרן — — — — — — — — — — — 5

1. קינדער־יאָרן און מלמדים — — — — — — — — — — 7

2. נאָך נעפּלדיקע יאָרן — — — — — — — — — — — — 18

3. זאַמאָשטש — שעברשין — זאַמאָשטש. — די לעצטע צוויי מלמדים. — חלומות — — — — — — — — — 33

4. השכלה. — אַ בילבול. — אברהם מאָנים. — צוריק השכלה — — — — — — — — — — — 55

5. השכלה.—ר' משה וואהל.—דריי שוועסטער־ליבע — 69

6. „דריי טפּחים". — איבערן השכלה־וואַסערל. לײדנשאַפטלעכע ליבע צום לעבן. — פּראָבלעמען וועגן טויט. — דער ביבליאָטעק־שליסל — — — — — 93

7. „זייער בית־מדרש. — חורבות אין געהירן. — איך וויל אַוועק. — די מאַמע. — איך ווער אַ חתן — — 110

8. איך האָב חתונה געהאַט — — — — — — — — — 118


# נעפּלדיקע קינדער־יאָרן

ליבער הער רעדאַקטאָר!
אין פאַרלאַנגט פון מיר, איך זאָל אייך שרייבן וועגן זיך אַליין, איך טו אייך צוליב.

אין דער איינלאַדונג, ווי שמייכלהאַפט זי זאָל נישט זיין, שטעקט אַפילו אַ ביטערלעך קערנדל; נאָר פון עלטערע — אַלטע גלוסט זיך מיר נישט זאָגן, איך האָב אַפילו ערגעץ מיין מעטריקע פאַרוואָרפן — נאָר פון עלטערע לייט פאַרלאַנגט מען זיכרונות.

„צו מיר, הייסט עס, זאָגט איר:

— האָסט אָנגעפילט אַ שייער, דערלאַנג אונדז דעם שליסל...

איך טו עס דאָך גערן. איך האָב נישט איינמאָל פאַרן פּובליקום פון זיך אַליין גערעדט, געפּרווט איבערגעבן דעם שליסל.

דעם אמת זאָגנדיק, די נאָכשליסלען פּאַסן מיר נישט. קיין וווּנדער: קיינעם געפעלט נישט קיין אייגענע פאָטאָגראַפיע. קיינער געפינט זיך נישט אינגאַנצן אין אַ געטראָפענער סעקונדע, ווי טריי עס האָט נישט געזאָלט זיין דאָס גלאָז אין אַפּאַראַט... דערנאָך קומט ערשט דער רעטושער, דער פאַרגלייכער און פאַרגלעטער... זיי מאַכן די רעשט צו שאַנדען.

וועל איך אייך שרייבן, איבערגעבן דעם שליסל שריפט־לעך. וועט בלייבן צייט, וועל איך מיר אַ נייעם שייער בויען און אָנפילן, און וועט דער אַלטער שליסל נישט פּאַסן, און עס וועט נאָך בלייבן צייט, וועל איך געבן אַ נייעם... דאָס לעבן האָב איך ליב.

אָבער שרייבן וועל איך נישט אַלץ.

ווייל נישט אַלץ איז אַריין אין מיינע שריפטן, און נאָר די געהערן דעם לעזער. פאַרן דאַווענען גייט אַ פרומער ייד אין מיקווה אַריין און שווענקט אָפּ פון זיך די זינד. גייסטיק טוט עס דער שריפטשטעלער פאַרן שרייבן.



17

אויסער דעם „מאָדערנעם", וואָס פּאַראַדירט מיט זיין זינדיקייט, און אויב ער פאַרמאָגט נישט אַזויפיל אייגנס, וויפל דער מאַרק פאַרלאַנגט, טראַכט ער אַביסל צו, אַנטוויקלט ער די מעגלעכקייטן, וואָס האָבן נאָך קיין צייט נישט געהאַט זיך צו אַנטוויקלען און אַרויסצושפּראָצן... אָפּט נעמט ער ביי אַנדערע...

א י י ך וועל איך דעם אָפּפאַל נישט געבן...

די ג ע ש י כ ט ע דאַרף קיין ליגן נישט זאָגן, אָבער נישט אַלץ פאַרציילן. ווייל אַ ל ץ איז דער גרעסטער ליגן. ווייל נישט אַ ל ץ איז דער מענטש. פאָרטרעטירט דאַרף ווערן נאָר דאָס כ אַ ר אַ ק ט ע ר י ס־ ט י ש ע ; דאָס עכטע, נישט דאָס צופעליקע, וואָס געהער גאָרנישט צום מענטש.

און נאָך וואָס:

ערגעץ טיף אין מיר (אונטער דער באַוווסטזיניקער שוועל, ווי מען זאָגט) ליגן ז י כ ר ו נ ו ת. איך וויל זיי פון דער טונקעלער טיפעניש אַרויסציען אויף דער ליכטיקער שיין, — ליגן זיי אָבער נישט, איינס נאָכן צווייטן, ווי אַ שנור באַגראָבענע, געפרווירענע ראָבן, מויל צו עק... זיי פליען דאָרט ערגעץ פריי אַרום, ווי אייזן־שטויב, טראָגן זיך לויז. און די מאַגנעטן, וואָס ציען זיי אַרויף און גרופּירן אַרום זיך, זענען נישט קיין ד אַ ט ן, נאָר אויך פ אַ ק ט ן, הויפּט־פאַקטן, ג ע נ ע ר אַ ל ע, אָדער אידעען און שטימונגען... איך געדענק קיין איינציקן דאַטום. וועט ווער נאָכקומען און צושרייבן, וו מען דאַרף דעם „יום", — זייער גוט.

איך קען עס נישט.

# 1. קינדער־יאָרן און מלמדים

געוועזן בין איך, ווי מען האָט געזאָגט: אַן עילוי. אַ פלינקען לאָגישן קאָפּ געהאַט און — פיל געמיט.

ווי אַזוי בינדט זיך דאָס צוזאַמען? עס בינדט זיך נישט. עס גיסט זיך נישט צוזאַמען... אַ פּראָצעס פון צוויי עלעמענטן (אַ לאָגישער מוח און אַ האַרץ פול געמיט) — אין איין „בעל־כרחך אתה חי"...

אין „מאָניש", צווישן אונדז גערעדט, האָב איך געוואָלט מיך אַליין קאָפּירן. האָב איך מיך אָבער פאַרשענערט: איך בין געווען מאָגער, שוואַרץ, נאָר ברענענדיקע אויגן געהאַט (פונקען זענען נאָך געבליבן) און גרויסע. דער, „וואָס טרעפט באַלד אַריין אין קאַרב, מעג דער רמב"ם זיין ווי האַרב" — בין איך! נאָר דער „דערצו נאָך אַ „בעל־קורא" איז צוגעקומען צום גראַם. קיינמאָל קיין בעל־קריאה נישט געווען, נישט רעכט אפילו „מעביר געווען די סדרה". דער עיקר איז ביי אונדז געווען ל ע ר נ ע ן . . .

פון חורבה אַרויסגעזונגען האָט מיר נישט איין „מאַריע". די מאָ־ ריעס וועלן קומען. נישט אַלע... ווי געזאָגט: אָפּפאַל וועל איך נישט געבן. זיי זענען נישט אַריין נישט אין מיר, נישט אין מיינע שריפטן... די אַנ־ דערע — ווי ווייט מעגלעך. עס האַלט אָבער נאָך נישט דערביי. דער פּירק הייסט קינדער־יאָרן...

און געדענקען געדענק איך מיך נאָך גאָר אַ קינד: 1) צווישן יינגלעך און מיידלעך אויף אַ הויף, 2) אויף אַ פּאָדלאָגע אין חדר. דער מלמד האָט געהייסן חיים קעלבל. אַ יידל, זע איך איצט פאַר מיר, אַ קליינס, אַ קליין בערדל, קליינע אייגעלעך און אַ קליין ספּאָדיקל. און 3) ביים בעל־ פער אונטערן אָרעם. אַ זאַווערוכע — און ער טראָגט מיך אין חדר אַריין...

צו דריי יאָר — אָנגעהויבן (גלייך מיט אַלע חברים) חומש. גע־ לערנט „ויקרא". זאָגן פלעג איך „ויטרא", נישט געקענט אַרויסברענגען קיין „ק"; קיין „ג" אויך נישט. יאָרן לאַנג פלעגט מען מיך רופן: דד דדוד ידודנו (גד גדוד יגודנו)...

שבת נאָך דער סעודה האָט געזאָלט זיין ביים זיידן אין שטוב די שימחה. בשעת סעודה נעמט מיך דער זיידע (אַ קליין יידל, מיט אַ ציי־

טעריק קעפּל, ווי איך בין געוואָר געוואָרן, פאַר עלטער), זעצט מיך אַרויף אויפן טיש, אין דער מיט. די מאַמע דערשרעקט זיך און כאַפּט געשווינד אַוועק פון אונטער מיר אַ גאָפּל. אַרום טיש זיצט די גאַנצע מישפּחה: אַ זון, צוויי טעכטער, צוויי איידעמס און אַן אַלמנה, מיינע אַן עלטער־מומע, (פון וועלכער איך האָב געמאַכט די „סקילער רביצן”, גאָר נישט איבער־טרייבנדיק), אחוץ זיידן מיט דער באָבע. צו וואָס מען האָט מיך אַרויפ־געזעצט, ווייס איך נישט. מיר געפעלט עס. אַ וואַזע שטייט אויפן טיש, פּרוּוו איך, צי וועל איך זי אַרומנעמען מיט די הענט, נעמט אָבער די באָבע די וואַזע צו און פרעגט מיך, צי איך וועל קענען שפּעטער די דרשה.

— טענען! (קענען) — ענטפער איך און וויל שוין אַראָפּ פון טיש; לאַנג אויף איין אָרט זיצן קען איך נישט. פאַרהאַלט מיך אַ פעטער, שוין דעמאָלט אַ שטיק משכיל, אין אַ שוואַרצן קאַפּעליוש, — דער זעלבער, וואָס וועט שפּעטער זיין דער מבין אויף מיינע ייִנגלשע שירים און וועט זיי זאַמלען און באַהאַלטן, און פרעגט:

— און אויסלייגן „ויטרא” (ער מאַכט מיר נאָך) קענסטו?

ווייס איך נישט, וואָס אויסלייגן איז, פרעג איך:

— סטייטש?

— ווי אַזוי שרייבט מען ויקרא?

מיין איך, ער מאַכט חוזק.

— „ויטרא” — ענטפער איך פאַרדראָסיק — שרייבט מען נישט. „ויטרא” איז אַ פּסוק אין אַ פּרשה אין דער הייליקער תורה.

מען האָט מיר קוים אויסגעטיימשט, וואָס מען מיינט און איך דער־זע פּלוצלינג פאַר די אויגן שוועבן אין דער לופטן די פּרשה, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, און רוף אָן איין אות נאָכן צווייטן, אויסערן שם הויה.

דער מאַמען ווערן די אויגן פייכט (נישט צו גלייבן, ווי איך האָב אַלץ געזען), עפּעס האָבן ביי איר אָנגעהויבן צו פינקלען די אויגן און זי הייבט זיך אויף און גייט אין אַ ווינקל אַריין צום אויוון, די באָבע קוקט איר נאָך און שמייכלט:

שעמט זיך נאָך אַלץ!

מיך נעמט דער זיידע פון טיש אַראָפּ צו זיך אויף דער שויס און גיט מיר אַ קניפּ אין בעקל. איך זיץ אָבער נישט לאַנג, — ביינִיקע פּיס נעהאַט, איז מיר נישט באַקוועם — און גיי איבער צום טאַטן, וואָס קושט מיך. —

מער פון זיידן ווייס איך נישט, געדענק איך נישט. געהייסן, ווייס



איך, האָט ער שלומה. געווען אַמאָל אַ דאַנציקער סוחר. פאַרציילט האָט מען, אַז איינמאָל איז ער אַהיימגעקומען, ווי מען זאָגט, מיטן בייטשל... געווען איז עס פריטיק. געגאַנגען אין באָד אַריין, דערנאָך צו קבלת־שבת. „אָפּגעראַטעוועט” דעם שבת, ווי אַלע מאָל, קיין סימן פון עינוי. און ערשט מוצאי־שבת נאָך הבדלה צוזאַמענגערופן אַלע בעלי־חובות זיינע און גע־זאָגט: „רבותי, איך בין געקומען אָן אַ גראָשן, נעמט אייך צו אַלץ, וואָס אין שטוב!”

— חנהלע, דערלאַנג! — האָט ער זיך געווענדט צו דער באָבען.

און די באָבע חנהלע האָט אויסגעטון די צירונג און געלייגט אויפן טיש. געעפנט די שאַנק מיט זילבער און גאָלד, אַריינגעבראַכט די חפצים פון אַנדער שטיבל... קיינער אָבער האָט נישט גערירט.

די באָבע האָט איר קראָם געהאַט, האָט מען פון קראָם געלעבט, איינציקווייז די חובות באַצאָלט, מיט פּראָצענט. און קינדער אויסגעגעבן.

ווי ווייט די מעשה איז אמת, בין איך אייך נישט ערב. אַז די באָבע איז פעיק געווען דערצו, דאָס ווייס איך. דעם זיידן געדענק איך נישט מער, ווי דעמאָלט ביים טיש, ווען איך האָב אויסגעלייגט. איך זע זיינע אויגן, קליינע, נאָר האַרציק־ליכטיקע...

ווען און ווי אַזוי דער זיידע איז געשטאָרבן, ווייס איך אויך נישט. מען האָט מיך געהאַלטן בשעת־מעשה פונדערווייטנס, אַזוינס פאַרגעסט מען נישט, געהערט האָב איך, אַז ער איז קראַנק געווען, האָט אים דער דאָקטאָר געהייסן מאַכן אַ הייסע וואַנע, און אין דער וואַנע איז ער גע־שטאָרבן...

לאָז איך פאַמיליען־אַנגעלעגנהייטן אויף שפּעטער, און גיי צוריק צו מיינע מלמדים...

צו זעקס יאָר האָב איך אָנגעהויבן גמרא. דעמאָלט — אַלע אַזוי. דעם גמרא־מלמד געדענק איך בעסער.

אויך אַ קליין, מאָגער יידל. גערופן האָט מען אים דעריבער בערישל. אַ בייז יידל, שלאָגן אָבער קאָן ער נישט. אַז ער קומט אין כעס אַריין, הייבן אים אָן די הענט צו ציטערן.

— הענע! — רופט ער דעמאָלט צו דער רביצן — כאַפּ די קאַטשע־רע און שפּאַלט דעם עם־האָרץ דעם קאָפּ!

הענע רירט זיך נישט. זיצט ביים אויוון, פליקט פעדערן אָדער שטריקט אַ זאָק. גייט עס וועגן מיר, ענטפערט זי:

— הערסט, ריר לייבושלען נישט אָן... איך וועל פאַרציילן ריבעלען...

ריבעלע איז מיין מאַמע. און די רביצן איז געווען אַן איינקויפערן פון ציבעלעס, גרינס... און פלעגט טראָגן צו אונדז אויך, אַ דריסת־הרגל געהאַט. און ליב געהאַט די מאַמען און מיך, אפנים, דער מאַמען צוליב.

— אַ יידענע, פלעגט זי זאָגן, אַ צדיקת... קאַרג אויף זיך און אויפן הויזגעזינט — און ניט צדקה, אָבער צדקה! און ער, דער גזלן, וויל שלאָגן איר לייבושלען!

— נו, נו, — ברומט דער רבי, זאָג איר, וואָס פאַר אַ תכשיט זי האָט...

זי פלעגט זאָגן... נאָר קאַפּויער.

דער טאַטע מיינער (ער לעבט שוין נישט) האָט אויך נישט געהייסן שלאָגן. איז דעמאָלט נאָך אַ קעסט־קינד געווען, איינדערהיים געזעסן, און בטבע אַ ליבעראַל, אפשר אַן אַנאַרכיסט.

אַז עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מען וועט נעמען צום מיליטער, און מען האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן, האָט ער געראָטן: נישט שרעקן זיך און נישט גיין. קיינער זאָל נישט גיין...

— מען וועט שמייסן!

— אַ וועלט שמייסט מען נישט!

— שמידן אין קייטן!

— נישטאָ אַזויפיל קייטן!

— איינזעצן אין תפיסה!

— אַכיבאַ (סיידן — רעד.) מאַכן די וועלט פאַר אַ תפיסה!

ער אַליין האָט מיך אין לעבן צוויי מאָל געפּאַטשט.

פון געבוירנהייט אָן האָב איך פיינט געהאַט זיסע זאַכן. אין מויל אַריין נישט גענומען. „איך וויל, מען זאָל מיך האַלטן פאַר קלוג", האָט מען זיך געריצט מיט מיר. די באָבע פלעגט באַקן מכל־המינים גוטע זאַכן: ווייסן לעקעך, האָניק־לעקעך, טאָרטן, שטעפענס, פּרעגלען איינגעמאַכטס... פאַר זיך, פאַר די קינדער... פאַר קראַנקע אין הקדש, — אַלע אייניקלעך פאַרדאַרבן זיך פון צייט צו צייט די מעגעלעך. מען באַקומט און מען גנבעט אַביסל צו; איך איינער — אַן אויסנאַם. איך עס נישט ביז היינט.

מאַכט זיך מיין יינגערן ברודערס ברית.

קומען אָרעמעלייט אויף לעקעך און בראָנפן, פאַרזאַמלען זיי זיך אין מיטל־שטוב. רעכטס — די מאַמע די קימפּעטאָרן, אין דער שטוב לינקס — די באַלעבאַטישע געסט. איז געווען ביי אונדז אַ סאַרווער, זאָל ער מיר מוחל זיין, אַ „כלב שבכלבים". אַזוי האָבן אים אַלע גערופן. **געווען**



איז ער, איך זע אים פאַר מיינע אויגן, אַן אויסטערליש הויכער, אַ דאַרער און אַ ווייסער, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. געווען איז ער אַן אַלמן און אַ חשוך בנים. עטלעכע ווייבער געהאַט און קיין איינציק קינד. אַז די לעצטע איז געשטאָרבן, האָט ער זיך שוין מיאש געווען פון לעבן און געמאַכט זיך תכריכים. ביינאַכט, האָט מען פאַרציילט, שפּאַצירט ער אַרום אין די תכריכים אין הויף... שרעקט איבער לייט. אָרעמעלייט האָט ער פיינט געהאַט שינאת־מוות. טראָגט דער רשע פון דער מאַמעס שטוב אַרויס, הויך איבערן קאָפּ, אַ טאַץ מיט לעקעך צו די באַלעבאַטים אַריין, איבער דער מיטל־שטוב. און איך זע, ווי אַ קראַנק מיידל קוקט מיט פאַרברענטע אויגן צו דער טאַץ אַרויף. פלינק בין איך געווען, שפּרינג איך אונטער, כאַפּ אַ שטיק לעקעך און דערלאַנג דעם בלאַסן מיידל... דער טאַטע, — איך האָב נישט געוווסט דערפון, — איז געשטאַנען אין טיר פון דער מאַמעס שטוב. דעם שפּרונג אין דער הייך האָט ער געזען, וואָס איך האָב מיטן לעקעך אין דער נידער געטון — נישט. גייט ער צו און דערלאַנגט מיר אין באַק. צומאָרגנס, מיר זיצן אַלע ביים טיש, פאַרקלאָגט ער מיך פאַר דער מאַמען:

— דער קאָמעדיאַנט, עסט מכלומרשט נישט קיין זיסע זאַכן און כאַפּט לעקעך פון טאַץ!

קומט אַריין די דינסט מיט דער יויך, — געהערט האָט זי, אפנים, הינטער דער טיר, — און פאַרציילט, וואָס איך האָב מיטן לעקעך געטון. זי האָט געזען.

די מאַמע האָט די ברעמען אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן. זי האָט שטענדיק געהיט איר געמיט פאַר פרעמדע און אפילו פאַר היימישע אויגן. דער טאַטע איז בלאַס געוואָרן, די אויגן ווערן אים פייכטלעך. און ער הייבט זיך אויף און גייט אָפּ אין צווייטן צימער אַריין. פיל איך מיך שולדיק, וואָס איך האָב באַלד נישט פאַרציילט, וויל נאָכגיין און איבערבעטן, — און קאָן נישט. ביזן היינטיקן טאָג קאָן איך מיך אַליין נישט פאַרטיידיקן און קיינעם נישט איבערבעטן...

דערפון אַן אַנדערש מאָל.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך געלייזט, ווען איך בין שוין אַ „יינגל", נישט קיין „קינד" געווען — אַ „בחור" (אַ יאָר 14 אַוודאי!). אָבער שוין דעמאָלט אַ „חוקר" געווען, געלערנט „מורה נבוכים" (ווי איך קום דערצו, וועט ווערן פאַרציילט) און בין אַרומגעגאַנגען אין עולמות העליונים, פאַרמרהשחורהט, מיט וועלט־טראַגישע חלומות און געדאַנקען! וואָס פאַר

א תכלית האָט דער מענטש? די וועלט־ ידיעה ובחירה... פון וואַנען נע־מען זיך און צו וואָס די יסורים, דער צער? — דערביי האָט געווים גע־שפּילט א גרויסע ראָלע דער יידישלעך־פריער איבערגאַנג צו די מענער־יאָרן. נאָר א געמיט האָב איך געהאַט א שוואַרצס, געזוכט היתבודדות און געקראַצט מיט נעגל אין דער נשמה...

איינמאָל פריטיק בין איך פאַרפאַלן געוואָרן אויף א גאַנצן טאָג. איך געדענק שוין נישט, ווו איך בין געווען. געקומען אין בית־המדרש אַריין צו קבלת־שבת, בין איך גלייך פון שפּאַציר, אין דער וואָכעדיקער קאַפּאָטע, אין וואָכעדיקן היטל און נישט געפּוצטע שטיוול, אָנגעקלעפּטע מיט ליים פון הינטער דער שטאָט. דעם טאַטנס פּנים האָט אויפגעפלאַמט. ער האָט זיך דאָך איינגעהאַלטן פאַרן עולם. נאָר ביים קידוש קאָן ער קיין אויג נישט אָפּרייסן פון מיין פאַרחושכטן פּנים און גיט פלוצלינג א שטעל אוועק דעם כוס און דערלאַנגט מיר אין באַק מיט דער באַפרייטער האַנט.

— שיינע שבתים מאַכט ער מיר! און־ער גייט אַרוים אויף א ווילע. די מאַמע ברומט:

— גלייך א קינד האָט נישט זיינע ווייטיקן...

אַז מיין ווייטיק איז געווען גאָר נישט קינדיש, איז איר נישט איינ־געפאַלן...

איינגאַנצן צוויי מאָל געשלאָגן.

א פרעמדן אַרויפליגן אויף מיר א האַנט וואָלט ער געווים נישט געלאָזט. פון דעם ווייסט ר׳ בערישל און די רביצן, וואָס זיצט שטענדיק ביים אויוון, טוט עפּעס, פאַרקוקט אין די תלמידים און פאַרהערט אינעם לערנען.

איבער דער רביצן, אויפן גזימס פון אויוון, ליגט שטענדיק אויס־געצויגן די קאַץ, א גרויסע, א פוילע...

טרעפט זיך אָבער, אַז די רביצן דרימלט איין ביים שטריקן א זאָק, אפשר איינגעוויגט פון גמרא־ניגון, און פאַרלירט די קנויל. גיט שוין די קאַץ, וואָס האָט דערויף געלאָקערט, א שפּרונג אַראָפּ פון גזימס צו דער קנויל און הייבט זיך אָן מיט דער קנויל צו שפּילן, ווי מיט א מויז, און פאַריאָגט זי ביז אונטערן בעט...

מיר פּלאַצן אויס מיט געלעכטער... די רביצן כאַפּט זיך אויף. דער רבי ווערט בייז...

פאַר אַזאַ געלעכטער (איך פלעג לאַכן צום שטאַרקסטן) האָט ער



מיך שוין איינמאָל געוואָלט ערנסט שלאָגן. איז אָבער פּונקט אַריינגעקור־מען דער טאַטע... די סצענע ביים זיך מיטאַמאָל.

— אָ, ר׳ יודל, וואָס מאַכט איר, ר׳ יודל? זעצט אייך, ר׳ יודל...

די רביצן פרעגט: וואָס ריבעלע מאַכט. און דער טאַטע ווענדט זיך גלייך צו מיר און פרעגט:

— וואָס שוויצסטו אַזוי, ליבעלע?

— וואָס הייסט? — פאַרכאַפּט דער רבי, אויס מורא, איך זאָל נישט פאַרציילן: — ווי הייסט, די תורה־הקדושה, ברוך־השם, וואַרעמט... און א זומער־טאָג...

באַקומט דער טאַטע א ליבעראַלן איינפאַל און זאָגט צום רבין:

— ווייסט איר וואָס, ר׳ בערישל, לאָזט יעדן טאָג אַרוים די קינדער פאַר דער טיר אויף א שעה!

גלייך א דונער וואָלט אין בערישלען אַריינגעשלאָגן...

גלאָצט ער אויס א פּאָר אויגן און הייבט אָן שטאַמלען:

— וואָס רעדט איר? ווי הייסט? זיי זאָלן זיך שפּילן אין ליים?

מען האָט געזאָלט אַרויפציען א נייעם שטאָק, האָט מען אָפּגעלייגט ליים פאַרן הויז.

—פאַרוואָס נישט? — ענטפערט דער טאַטע צוריק.

גיט זיך ר׳ בערישל האַלב אונטער:

— מילא, בנוגע צו אייער לייבושלען... אַז איר ווילט...

—איך אויך! איך אויך! — רופט זיך אָן מיין גליד־שוועסטערקינד, יחזקאל...

— פאַר ר׳ מרדכין בין א י ך אייך ערוב! — רופט זיך אָן דער טאַטע. יחזקאלס פאָטער האָט געהייסן מרדכי.

כך־הווה. מיר צוויי באַקומען רשות און גייען טאָג־טעגלעך אַרוים אויף א שעה פאַר דער טיר, צום באַרג, צום ליים, זיך געשפּילט, געגראָבן (ערגעץ א לאָפּעטע באַקומען), טאָלן, גריבער געמאַכט, א פעסטונג געבויט.

און די אַרבעט איז אונדז שפּעטער צונוץ געקומען א מיצווה צו טון. אין א קורצער צייט אַרום האָט מען איינגעלייגט די זאַמאָשטשער פעסטונג. די מויערן האָט מען צעשאָסן און געדונגען אַרבעטער, אַראָפּ־צושיטן די וואַלן אין די פאָסן אַריין. געצאָלט האָט מען פון קלאַפּטער. האָבן זיך אויך עטלעכע יידן צו דער אַרבעט געשטעלט. אַלטע, צעבראָכענע יידן, וואָס האָבן שוין צו עפּעס אַנדערש נישט געטויגט. נאָענט צום חדר

איז עס געווען, פלעגן מיר אויף דער שעה לויפן אויפן וואל ארויף און ארבעטן פאר די אלטע לייט.

וואס איך האב געלערנט ביי דעם ר' בערישלען, געדענק איך נישט...

נאך צוויי זמנים בין איך מיט מיין גליד־שוועסטערקינד יחזקאל איבערגעגאנגען צו מיכל מלמד. ער האט אויך נישט געשלאגן.

א מאדנער ייד געווען דער „געלער מיכל" — א בלאנדע בארד געהאט. א מלמד געווען און דערביי שמש אין בית־המדרש. געווען איז ער א גרויסער בעל־חשבון און געקאנט „מדידה". לערנען, אויסער מיט אונדז אין חדר, האט אים קיינער נישט געזען.

אין בית־המדרש פלעגט ער קיינמאל נישט רעדן, און געפרעגט, נישט ענטפערן וועגן לערנען. אויסער אז עס איז געגאנגען וועגן א גמרא מיט חשבון אדער א מישנה מיט מדידה. אן אנדער מענטש געווארן. גערעדט, און מיט ליבשאפט צום ענין. אזוי לערנען איז ביי אים קיין עיסק נישט געווען. אויף א „גראב" יינגל פלעגט ער קוקן מיט גרויס רחמנות: „פארשטאפט נעבעך". אויף א „וויל יינגל" — גלייכגילטיק. „וועסט זיין א למדן" — און אין טאן איז געלעגן: הכלל וואס? מאי כולי האי? אמאל האט ער נאך געזאגט נישט אן באהאלטענעם ביזיון: „וועסטו זיין א רב!" — דאווענען האט אים אויך קיינער קיינמאל נישט געזען. „א באהאלטענער קאצקער", — האט מען געזאגט; קאצקער פלעגן נישט האלטן פון דאווענען. געמוזט האט עס זיין בסוד, — א מיתנגדישע שטאט, א מיתנגדישער בית־המדרש. איך דערמאן מיך א מעשה. ביים שולחן־ערוך איז געשטאנען א קליין יידל, ר' עזריאלעכל האט ער געהייסן. א דעמאלטיקער שענקער געווען — א שם־דבר. אן אלט יידל, א קרענקלעכס, מיט א בלאז אוועקצויאגן. קומט אמאל אריין צו מעריב א פרעמדער ייד, א הויכער, א דיקער, א גבר, שטעלט זיך זאגן יתום־קדיש און כאפט זיך ארויס: ויצמח פורקניה... פלאמט דאס אלטע ר' עזריאלעכל אויף, גיט א שפרונג איבער טיש און באנק, א לויף־צו צום עמוד, צום פרעמדן גיבור צו, א הייב די נעגעלעך, א שפרונג אונטער און א דערלאנג דעם ייד אין באק...

באהאלט, וועט אויס, ר' מיכל זיין קאצקער חסידות, דרייט זיך בשעתן דאווענען ארום צווישן עולם אין טלית ותפילין, נאר ער זאל עס א ריר טון מיט די ליפן. די תלמידים רירט עס נישט אן, מיך אוודאי נישט. ביי דער רביצן בין איך א חשוב. איר שוועסטער דינט ביי אונדז! איך געדענק זיי ביידע און וואונדער מיך נאך, ווי ענלעך די שוועסטער זענען זיך געווען. איך, א צעווארפענער, פלעג זיך גאנץ אפט טועה זיין, זאגן אין



חדר דער רביצן: „חנה, דערלאנג מיר אביסל וואסער", און אין דערהיים דער דינסט: „זייט־זשע מוחל, רביצן"... און שיינהייטן, יידישע, צנועה־דיקע, זענען (אין מיינע יונגע אויגן, ווייניקסטנס) ביידע געווען: לענגלעכ־בלאסע, דין־הויטיק־דורכזיכטיקע פנימלעך, לאנגע ברעמען איבער געצויגענע, סאמעטענע בליקן פון שמאל־לענגלעכע מאנדל־אויגן... און שוין זיי פארשווינדן מיר ביידע פון זיכרון. ווו זיי זענען אהינגעקומען, ווייס איך נישט. איך ווייס שוין אויך נישט, וואס איך האב ביי דעם מיכלען געלערנט. געווייס נישט מער, ווי אביסל נאכטראכטנדיק שווייגן, געוויס זיך אנגענומען מיט אביסל שטילן, גוטהארציקן אומעט, וועלכע איך דערקען אין מאנכע פון מיינע זאכן. אפשר האט ער מיר מיט די שטילע אויגן איבערגעגעבן אביסל חסידות?

איך און מיין גליד־שוועסטערקינד שטייגן ווייטער און קומען אן צו ר' יודלען — צו א העכערן גמרא־מלמד. ביי אים זאגט מען שוין א „לייענען" אויך.

צוויי זאכן האט ער ליב געהאט, דער ר' יודל:

שמייסן איבער די פינגער מיט ריטלעך און — פיראגעס, וואס די רביצן פלעגט אים מאכן אין א יומא־דפגרא — און אוועקגיין... זי קען נישט ליידן, „ווי דער בעל־תאווה פרעסט, ווי דאס שמאלץ רינט איבערן פיסק"...

די רביצן מישט זיך נישט צום לערנען און איז אויך נישט קיין איינגייערן ביי מיין מאמען, זי זאל סטראשען, זי וועט פארציילן. דער טאטע איז שוין סוחר, זעלטן אינדערהיים, און ר' יודל לאזט זיך ווילניין. און איך גיי ארום מיט געשוואלענע פינגער גלייך מיט אלע, און פיר מיט אים מילחמות גלייך מיט אלע. דעם צווייטן זמן, אז מען איז אריבער פון בבא־קמא צו יבמות, וואס איז אונדז נאך שווערער געווען, איז אויך די מילחמה שארפער געווארן. און באקומען האט מען גאנץ אפט בחינם. ר' יודל איז א בלינדלעכער געווען, קיינמאל נישט געזען און געוווסט, ווער איז שולדיק, — האט ער, פאר וואס עס איז, אלע איבער די פינגער געשמיסן. די ריטלעך האט ער מיט גרויס פארזיכטיקער ליבשאפט אויסגעקליבן פון נייעם בעזעם, וואס די רביצן פלעגט ברענגען פון צייט צו צייט. דאכט זיך מיר, זי האט גאר געהאנדלט מיט בעזעמער. שטענדיק געווען, נאר אויף זיכער געדענק איך נישט. אויסקלייבן פלעגט ער די ווייכסטע, די דינסטע און געשמיסן האט ער בניחותא, פאמעלעך, נאר לאנג.

מיר האבן אים אויך נישט געקארגט.

געהאַט האָט ער אַ לאַנגע ווייסע באָרד, האָבן מיר זיך איינמאָל גענומען זי צוצוקלעפּן צום טיש. אָוונט געווען, נאָך די פּיראָגעס. איז ער איינגעדרימלט געוואָרן. חתימה און טריוואָקס גיים, דאָס ליכט אויפן טיש ברענט, מען ריט זיך צו. האָט ביי עמעצן, זעט אויס, פאַר שרעק אַ ציטער געטון די האַנט. אַ צופּ געטון אַ האָר פון באָרד. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געכאַפּט זיך צו די ריטלעך. דערפאַר אָבער האָבן מיר דעם צווייטן יומא־דפּגרא געכאַפּט דער רביצנס קוואָקעדיקע הון און געזעצט אויף דער שיסל פּיראָגעס אונטערן קישן. ער קומט, נעמט די שיסל, שטעלט זי פאַר זיך, קוקט מיט די בלינדע אויגן און צעשמייכלט זיך פאַר נחת:

— איי, איי, אַזויפיל גערייסטע ציבעלעס! און האָט אריינגעביסן... — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איינמאָל האָבן מיר אים אויף אַ גליטש פאַרנאַרט. הינטערן בית־המדרש איז געווען אַ גליטש. האָבן מיר זי צווישן מינחה ומעריב פאַרשיט מיט שניי און געשיקט אַ חבר אין בית־המדרש אריין, ער זאָל די רעשט פאַרן רבין פאַרמסרן, אַז מען גליטשט זיך... גייט ער אַראָפּ, קומט אויף דער גליטש, קערט זיך איבער: אַ שווערער מענטש געווען, הייבט ער זיך און פאַלט, הייבט זיך און פאַלט. מיר לאַכן... ווילן אַנטלויפן. שרייט ער נאָך: רחמים! שווערט, ער וועט אונדז נישט שלאָגן, גאָרנישט טון...

האָבן מיר אים אויפגעהויבן, און ער האָט וואָרט געהאַלטן. פאַר דאָס צום דריטן זמן אַן אַנדער קנעלונג זיך געשאַפט. מיר (איך און מיין שוועסטערקינד) זענען מיר אריבער צו גאָר אַ בייזן מלמד.

דער האָט שוין געקניפּן. אַ מוהל געווען, אַ נאָגל געהאַט! און מיר האָבן נישט געשוויגן. אַ ספּאָדיקל האָט ער געטראָגן, האָבן מיר אים אין ראַנד ארייַנגעשיט שניי. זיצט ער ביים טיש, הייבט אים אָן רינען איבערן פּנים. טיי האָט ער ליב געהאַט. די רביצן שטעלט אים יעדן טאָג אַ בלעכערנעם סאַמאָוואַרל אויף אָן אַ טשייניק, שיט אין סאַמאָוואַרל אריין עטלעכע קערנדלעך טיי. ער ברומט: צו וויניק; זי הערט נישט. און די טיי איז ווירקלעך וואַסערדיק. האָבן מיר איינמאָל געבראַנגט אַ שמירעכטס פון אַ ראָד און צוגעשיט... דאָס כאַמאָווארל קאָכט אויף און ער גיסט זיך אָן אַ גלאָז: שוואַרץ ווי טינט. אַ מחיה. ער וואַרפט דער רביצן אַ דאַנקבאַרן בליק און זעצט זיך און שטעלט דאָס גלאָז פאַר זיך אויפן טיש. ער וויל זיך שוין צורירן מיט די ליפּן, קריגט מען מורא, ער זאָל זיך, חס־



ושלום, נישט סמען. ניט עמעץ מיט אַ פוס אַ זעץ אין טיש אַריין פון אונטן, דאָס גלאָז קערט זיך אום דעם רבין אין שויס אריין, די טיי איז געווען קאָכעדיק — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער גרעסטער להכעיס איז אָבער געווען אַן אַנדערער: געלערנט האָט מען איזהו נשך, און ער האָט געפּייניקט מיט קשיות און פאַרלאַנגט מיטן מוהל־נאָגל תירוצים... קיין גרויסער למדן איז ער נישט געווען. מיר האָבן געוווסט, אַז עס איז נישט זיינע קשיות, נישט זיינע תירוצים. פלעגט מען זיך אַמאָל אַ שבת אריינכאַפּן אין בית־המדרש אריין, דורכקוקן אויף אויפדערוואָך די סוגיא מיט תוספות, מהרש"א און אַנדערע מפרשים און זונטיק פרי האָגלען אויף אים מיט קשיות. אַ קיילעכדיק, פעט יידל געווען, — ער שוויגט, דרייט זיך ווי אַ וואָרעם, די קיילעכדיקע אויגן וואַרפן זיך אין שרעק, און מיר פּלאַצן דערנאָך אַרויס מיט אַ געלעכטער... נעמט ער און קנייפּט...

פּרייטיק פלעגט ער אַלע איבערשמייסן, מכלומרשט אויף קאַטאָוועס: אַן אַלטער מינהג, מען זאָל געדענקען שבת. עס פלעגט אָבער אָפּט ווי טון...

און דאָך האָבן מיר אים טיילמאָל ליב, זייער ליב געהאַט...

אין אַ יומא־דפּגרא פלעגן די יינגלעך ברענגען קליינגעלט (צווייערס, דרייערס, העכסטנס צענערלעך). דערפון פלעגט מען מאַכן אַ סעודה. די סעודה איז באַשטאַנען פון דער רביצנס סחורה: הערינג, קיכלעך און הייסע באָבעס... זעצן צו דער סעודה פלעגט זיך צו אונדז אויך דעם רבינס איינציקע טאָכטער... אַ בלאַס טרויעריק מיידל מיט לענגלעך פאַרנעפּלטע אויגן... און דער רבי פלעגט זי גלעטן איבערן געלבלעך־גאָלדיקן קעפּל און איר און אונדז מעשות פאַרציילן פון עין־יעקב, פון מדרשים... אַן אַנדער מענטש געוואָרן. אַזוי ווייך, אַזוי האַרציק, און דאָס קול איז אָנגעזאַפּט מיט אַזאַ טייערער גוטסקייט, אַז די בייזע רביצן, ביים באַזונדערן טישל, האָט זיך די אויגן געווישט...

אוי, האָבן מיר אים דעמאָלט ליב געהאַט...

דערנאָך האָב איך געליטן גלות: געלערנט ביי אַ מלמד אין דער פרעמד, אין שעברשין, דריי מייל פון דער היים, דערנאָך אינדערהיים ביי אַ דיין געלערנט; פון דעם אין צווייטן פּרק. —

# 2. נאך נעפּלדיקע יאָרן

תוהו־ובוהו. באַקאַנטשאַפט מיט הינט. די ערשטע ליבע.
שיר־גישט אין ברוגעז אַריין. מען פאַרשיקט מיך.

ווייטער נעפּלדיקע יאָרן, אַ קינדעריש תוהו־ובוהו . . . אַמאָל אַ שטיקל וואַקס, פון אַלערליי הענט געקנאָטן; שטענדיק מיט צייכן פון פרעמדע פינגער אויף דער נשמה. און אַמאָל וועקט זיך, אויף אַ צייט, אויבן נישט צייכן פון ווילן, — קאַפּריזן, — און פאַרלאַנגען. און איך וואַרף אַרויס, ווי מען זאָגט, ווילדע שטיק... דאָס אינערלעכע לעבן איז זייער שוואַך. איך בין אַ שוואָם און זאַפּ איין. דאָס איינגעזאַפּטע פאַלט ערגעץ אַריין אין מיר, איך ווייס נישט דערפון, גלייך איך וואָלט דערביי נישט געווען . . . דאָס אויג זעט, נאָר איך קוק נישט; דאָס אויער פאַרנעמט, איך הער מיך נישט צו. און ראש מישט זיך אַלץ, און איינס לאַגערט אויפן צווייטן. . . ווערט עפּעס אינערלעך געבויט, קומען אָן נייע קינדערישע מאָמענטן מיטן ווינט, און פאַרשיטן יענע — בויען זיך הייזלעך אויף הייזלעך... דאָ און דאָרט שטאַרט עפּעס אַרויס. אַ שפּיץ דאַך, אַ וועטער־פענדל, אַ שטיק קוימען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ „קאַלטע" מומען האָב איך געהאַט, מיין חבר יחזקאלס מוטער. אַ הויכע, אַ מאָגערע יידענע, אַ בלאַסע, אַ קרענקלעכע. פון איר האָט ד"ר עטינגער זיין ־סערקעלע געמאַכט. שרייט שטענדיק „אוי, מיינע כוחות!" טרינקט אַלץ אין איינעם מאַנדל־מילך פאַרן האַלדז און באַקט באַשטענדיק קעז־קוכן (דאָס איינציקע פון זיסקייטן, וואָס איך האָב ליב) און עסט... און באַהאַלט אים אויף אַ הויכער שאַנק, די קינדער זאָלן זיך, חלילה, די מעגלעך נישט פאַרדאַרבן. און איך, אויס ליבשאַפט צום קעז־קוכן, איר להכעיס, און גלאַט, אַ קונץ צו באַווייזן — שפּרינג אונטער, כאַפּ מיך אָן אין גזימס פון שאַנק, שלעפּ שטיקער און פאַרדאַרב מיר ווירקלעך דעם מאָגן. און עס קומט דער אַלטער בייזער דאָקטאָר סקשינסקי, וואָס וועט מיך שפּעטער באַפרייען פון מיליטער, און פאַרשרייבט מיר עפּעס ביטערס



און געזאַלצנס אין אַ פּלעשעלע, אַ ווייסע פליסיקייט. און איך, אַז מען ווענדט זיך נאָר אָפּ פון מיר, גיס איך אויס די מיקסטור, גיס אַריין אַביסל מילך מיט וואַסער און נעם איין אַלע שעה איין עס־לעפעלע, און בעט מיר יעדעס מאָל אויס אַן אַנדערע מתנה און פאַרקרים מיך דערביי, גלייך איך שלינג גאָט ווייס וואָס... קוים ווער איך געזונט, — סקשינסקי ווינט צו אונדז ווי־זאַ־ווי, אַ פענצטער קעגן אַ פענצטער, — וואַרט איך אים אָפּ ביים פענצטער, און ווי ער באַווייזט זיך, שטרעק איך אים אַרויס די צונג. כאַפּט ער אַ שטעקן און לויפט צו אונדז אַרויף, מיך מקיים־פּסק זיין, און אין שטוב בין איך אַליין... אָט לויפט ער שוין אויף די טרעפּ... ריים איך אויף אַ גרויסע רויטע שאַפע אין שטוב, שפּרינג אַריין און טרעף מיט איין פוס אין אַ טאָפּ אייער אַריין...

פאַראַן ביי אונדז אַ שטיקל גרין־באַוואַקסענע חורבה, מין־הסתם אין אַ פראָצעס געשטאַנען. שפּיל איך מיך דאָרט גאַנץ אָפט פאַרנאַכט מיט קליינע מיידלעך אין חתן־כלה. דער חתן בין איך, איך מיט די פייערדיקע אויגן. די כלה — מיינס אַ קוזינע, אַ מיידל מיט לאַנגע צעפּ. און אַז דאָס שפּיל פאַרלאַנגט, חתן־כלה זאָלן זיך קריגן, וואַרפן זיך מיט די מתנות, כאַפּ איך אַ שטיינדל, וואַרף, טרעף איר אונטערן אויג, און זי בלייבט ביי'ן אַ צייכן ביז צו דער אמתער חופּה... און דערביי בין איך גענעראַל און האָב אונטער מיר אַ גאַנצע מחנה חדר־יינגלעך... באַנקאַצעטל האָבן דעמאָלט פאַרפעלט, קליין געלט — ווייניק, דערלויבט די רעגירונג, סוחרים זאָלן לאָזן אין קורס „קוויטלעך" אויפן אָרט פון קליינגעלט, — מאַכט דער טאַטע קוויטלעך, און איך — „שניעף". און גיב אים אויף הילצערנע שווערטן מיט פּאַפּירענע שיידן, אויף געפּלאַכטענע שטריקלעך צו די לענדן פון מיינע גיבורים, און גרייט מיך צו'ן אַ מלחמה מיט די „לעשניטיקים", ווי מען פלעגט רופן די „יונגען" פון דער נייַשטאָט, צווי וויאָרסט הינטער זאַמאָשטש. דאָס „טרעפונג" וועט זיין אין מיט וועג, הינטערן בשותפותדיקן בית־עלמין... און האָב דערביי נחת פון אַ צעפּלאָסן שטיק ר"ן, עגמת־נפש פון פרי־מגדימס איבערשטרעכלעך, טראַכט אויס פּשטלעך און זאָג פאַר די יונגעלייט — קעסט־קינדער, וואָס שלענדערן זיך אַרום אין בית־המדרש... און עס אינדערפרי קיין אָנבייסן נישט, איך טרינק נאָר די קאַווע, און טראָג אַוועק די בייגל מיט פּוטער פאַר אַן אָרעם יינגל, אַ יתום, וואָס וואַלגערט זיך אין בית־המדרש אַרום, אַביגדורל מלמדס יתום... אַזוי האָט מיך געהייסן דער חובת־הלבבות. און דאַווען על־פּי נוסח פון „יד־החזקה", און שטיי שמונה־עשרה, ווי דער

רמב"ם וויל, ווי א סאָלדאַט אין פראָנט, די הענט ביי די נעט... און ווייס שוין על־פּי הרלב"ג, אַז עס הייבט זיך נישט אָן: אליהו־הנביא איז גאָר־נישט געפלויגן אין הימל אַריין...

און אַז על־פּי הרמב"ם זענען די ניסים עפּעס כמעט גאָר קיין ניסים נישט, קיין „שדוד המערכות". און ווייז חידושים אין בית־המדרש אין דאַמען־ און שאָך־שפּיל. דאָס ברעט — אויסגעצייכנט מיט קרייד אין דער הייך, אויף דער פּאָדלאָגע פאַרן אָרון־קודש (ריינער!), די שטיינדלעך און די פיגורן — געקנעטן פון ווייס און ראָזאָווע ברויט, און געטריקנט אָדער אויסגעשניטן פון קאַרטאָפּליעס, די שוואַרצע — אין די שאָלן! און לויף אָפּט דאַווענען אין בעלדזער שטיבל אַריין: עס ציט דאָס היתלהבות — דער ברען, מיטן געשריי, מיטן קלאַפּן קאָפּ אָן וואַנט ביי שמונה־עשרה... און צוליב (ווי איך וואָלט היינט געזאָגט) דער שטילער שטימונג — צום גערער שטיבל, צו שלוש־סעודות... און טרעף שוין — פון איין זייט צום „מורה נבוכים", וואָס שטייט אויף דער העכסטער פּולקע (ווער ניצט אים?), און פון דער צווייטער זייט — צום „עץ־חיים"... איך וועל נאָך דערלאַנגען צום זוהר... און כאַפּ אַמאָל אַראָפּ אַן „אורים ותומים" און שאַרף מיר דעם שכל, ווי אָן אַ שלייפשטיין...

פאַקטן פון קוים דריי „פאַרנעפּלטע" קינדער־יאָרן... וואָס טו איך מיט זיי? אויף וואָס פאַר אַ שנירל צי איך אויף די שטיינדלעך, גלעזלעך און די פּאָר פּערל?

אָט בינדט זיך מיר צוזאַמען מיין — באַקאַנט ווערן מיט פירפּיסי־קע! דאָס וועל איך קענען פאַרציילן, ווי מען דאַרף!

די שטאָט, וואָס איך האָב גרייט געטראָפן, און וואָס, אַריינגע־דרענגט צווישן וואָלין, פאַרגרעסערט זיך נישט און ענדערט זיך נישט, וועל איך ערשט זען אין שעבערשין, דריי מייל פון דער היים, וווהין מען האָט מיך (ווי ווייטער וועט זיין) צו'ן אַ מלמד פאַרשיקט. אויף אַ גאַנצן זמן... מענטשן זע איך אויך עפּעס נישט. מהאי טעמה... אַ קליינע, רו־איקע שטאָט, פון וואַנדערן, עמיגרירן האָט מען נאָך קיין ביזן חלום נישט, זעלטן עמעץ „גייט אַוועק, פון וואַנען מען קומט נישט צוריק", זעלטן ווערט עפּעס אין דער מישפּחה געבוירן... אַמאָל ערגעץ אויף אַ וואַכט־נאַכט געווען און פאַרן „רויטן קליינעם שלימויז", וואָס מען האָט געוויזן, כמעט זיך דערשראָקן... איך געדענק נאָר דעם „הילך", די קנאַלן, ווען מען האָט די פעסטונג צעשאָסן, דעם רבינס מיט דער רביצנס שרעק, די מויערן פון די הייזער וועלן זיך שפּאַלטן ... אויך געדענק איך די שרעק,



ווען עס האָט געברענט „אויפן זייגער" אין טורעם איבערן מאַגיסטראַט. מען האָט זיך געפּאַקט. אַ שניי און אַ שטורעם. דער טורעם דער ברענעדי־קער וואַקלט זיך, ער קען פאַלן און אַרויפפאַלן אויף די הייזער, רעכטס אָדער לינקס, צעשמעטערן די שטאָט, אַוועקגיין מיטן רויך... מען פּאַקט זיך אין דער היים, און איך לויף אין שיל אַריין, ראַטעווען די ספרי־תורהס...

מ ע נ ט ש ן וועל איך ערשט זען נאָך שפּעטער, אין אַפּט, בּויז־מיר, גרויס־פּוילן, וואַרשע... דערווייל מאַך איך די נענטערע באַקאַנטשאַפט, ווי דערמאָנט, מיט בעלי־חיים אָן לשון...

---

מיט קעץ האָב איך מיך באַקענט נאָך אין חדר ביים רבין ר' בּער־רישל. ביי אונדז אינדערהיים איז אויך אַ געווסע צייט אַ קאַץ געווען, האָט מען זי משלח געווען, איך זאָל מיך נישט שפּילן מיט אַ קאַץ... קי און אָקסן זע איך גאָר ווייניק. איך ווייס, פון וואַנען עס קומען: מילך, קעז, „פּאָדסמעטענע" (זויערמילך) און סמעטענע... פאַראַן אויך, מען ברענגט אַמאָל אויף אַ רפואה, ציגן־מילך... ז ע ן זע איך קיין אָקס און קיין קו — נישט. „בלעקען" און „מע" הער איך נאָר פון חברים, וואָס מאַכן עס נאָך אין אַ קינדער־שפּיל. אָקסן און קי פירט מען צו „אונדז" (מיין זיידע איז פּאַכטער געווען) אין שעכטהויז אַריין, נאָר איבערן שאָ־סיי, אַרום שטאָט. קיין „בכור", מיט וועלכן איך ווער באַקאַנט, פריער פון „לערנען", שפּעטער פון דער ליטעראַטור, — דרייט זיך אין זאַמאָשטש (אינעם „קליינעם פּאַריז", ווי די געגנט רופט עס) נ י ש ט אַרום...

מיט פערד — גוט באַקאַנט, אויך, פאַרשטייט זיך, געגנוג פונדער־ווייטנס... אין הויף פון „הייפל", אַ גרויס פּירעקיק אַלט הויז, אויף פיר אַרומיקע גאַסן, אין עק שטאָט, ביי דער לעמבערגער בראָם, ווו מיין רבי האָט געוווינט, שטייען פויערן אין מאַרק־טעג מיט די פורן... פון איינעם פון די וועגן האָט מען דאָך באַקומען, פון ראָד אַראָפּ, אַביסל שמירעכץ צום רבינס סאַמאָוואַרל. איך מאַך שמי־טשקעס פון פערדס־האָר, נאָר איך אַליין רייס נישט. אַביסל פחד, אַביסל צער־בעלי־חיים...

די אָפיצירן פון גאַרניזאָן האָבן פערד. דער גאַרניזאָן גייט אַוועק, קומען קאָזאַקן, טיילמאָל אולאַנען, הוזאַרן... אויפן פּלאַץ, ביים געזעגענען דאָס מיליטער, וואָס איז געגאַנגען פון אונדז צום טערקישן קריג, האָט אַרומגעטאַנצט אַ יונגער גענעראַל אויף אַ פערדל, אַ שיינס, אַ סאַמעטנס, מיט אַזאַ חן, און מיט אַזוינע פליטערלעך באַהאָנגען... אַז מען קריגט אַ פירוש אויף „לסוסתי" אין שיר־השירים...

„פערד ווי ליבן" האָט ישראל זשדאַנאָווער, ביי וועלכן מען דינגט פערד, אויב מען דאַרף ערגעץ פאָרן אין א נייטיקער זאַך, נישט שלעפּן זיך מיט א פּויערישער פור...

„זשדאַנאָוו", דריי ווייערסט הינטער דער לעמבערגער בראָם, איז אַמאָל געווען א יידישע קאָלאָניע. די פּוילישע רעגירונג האָט געוואָלט צוציען יידן צו ערד־אַרבעט און צוגעזאָגט הנחות פאַר יידישע קאָלאָניסטן: יאָרן לאַנג פריי פון אָפּצאָלן און דער עיקר — פון מיליטער... פאַרלייגט די קאָלאָניע האָט ד"ר עטינגער. אַליין מיט די קינדער אין פעלד געאַרבעט... נישט מיינע צייטן. אין מיינע צייטן איז שוין ד"ר עטינגער לאַנג געווען א שוכן־עפר. זיין זון האָט שוין צערקוועס געבויט, פון טאָג צו טאָג רייכער געוואָרן. „און פאָרט — האָט מען אוים קינאה געזאָגט — פילט מען אים פון די הענט דאָס מיסט, וואָס ער פלעגט פירן..." און פון אַלע יידישע קאָלאָניסטן איז געבליבן איין ישראל, וואָס האָט געפירט נישט קיין שלעכטע ווירטשאַפט. געהאַלטן קי (דאָס ווייב צעטראָגט די מילך אין שטאָט, אויף שבועות — אויך פּוטער. און גאָמלקעס, און קאָנקורירט זייער שטאַרק מיטן מילכיקער פון שוטאַניעץ (אַן אַנדערע זייט הינטער דער שטאָט), וואָס האַלט אויך „פערד, ווי די ליבן"...

דער מאמר־המוסגר וועט צונויף קומען. און איצט — די באַקאַנטשאַפט, וואָס ווערט פון מיר געמאַכט מיט הינט...

פריער הער איך פון הינט...

אַן אַלטע דייטשקע איז „אַוועקגעקומען", א פאַרזינדיקטע. געטראָגן אייגענע האָר, און נאָך אַנדערע פלעקן געהאַט אויף דער נשמה, פון וועלכע מען רוימט זיך אויפן אויער, און מען פאַרציילט, אַז איר נשמה איז אַריין אין א־הונט, אין א שוואַרצן, „קודלאַטע" הונט (ער איז אַריין אין „מאַניש"), וואָס דרייט זיך נאַכט אויף נאַכט אַרום אויפן דאַך, איבערן הויז, וווּ זי האָט געוווינט. דער בעלפער, וואָס מאַכט פריטיק ביי אונדז די פיש, האָט אים אַליין געזען... סליחות־צייט גיי איך מיטן טאַטן, א שטיק נאָך פאַר טאָג, צו סליחות, און זוך, נישט איינגאַנצן אָן שרעק, דעם הונט אויפן דאַך — קיין זכר; מן־הסתם שוין „תיקון" באַקומען...

חברים אין חדר און אין בית־המדרש רעדן פיל פון הינט, יונגעלייטלעך — אויך. די הינט זענען א שטיין אין וועג... לאָזן קיין לעבעדיקן מענטש פון שטאָט נישט אַרויס...

הינטער דער לעמבערגער בראָם, נאָכן בית־עלמין, נאָך דער ניי־שטאָט, א צוויי וויאָרסט ווייטער, איז פאַראַן א דאָרף יאַטוטאָוו. האָט יאַ־



טוטאָוו א שענק מיט אַלטן מעט, באַרימט אין דער סביבה. פּריצים קומען אַהין טרינקען. א יונגנמאַן אויף קעסט ווילט זיך אַהין... פאַרצייטנס, פאַרציילט מען, פלעגן באַלעבאַטים, יעדן זומערדיקן פרייטיק, נאָכן מרחץ און אָדער־לאָזן, גיין קיין יאַטוטאָוו, אונטערלענען זיך, פאַר קבלת־שבת, מיט א גלעזל מעט... נישט היינטיקע צייטן... היינט קען מען שוין נישט. עפּעס בייזע הינט איינגעפירט. א קעסט־קינד האָט זיך געוועט, ער וועט זיך אַראָפּכאַפּן... „האָסט א פּסוק?" לאַכט מען. ניין... ער האָט א „ספּאָסאָב". הינט, האָט ער בקבלה פון אַן אַלטן פויער, בגרן פאַר ווייך ברויט, אויסגעשמירט מיט שוויים פון א מענטש. וועט ער נעמען א שטיק ווייך ברויט, אויסגעקנעטן אין די הענט, ביז ער וועט עס דורכנעמען מיט שוויים, און וואַרפן... מען געוועט זיך (אַזוי פאַרציילט מען). ער גייט, קומט, מחילה, צוריק אָן הויזן און אָן א שטיק „ווייך פלייש" פון א פוס. די זאַך קומט, ווי א בוימל אויפן וואַסער אַרויף; מען גט אָפּ דעם בחור...

שטאַניעץ, הינטער דער לובלינער בראָם, נאָכן שוחטס הויז, האָט, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, א מילכיקער. האָט ער א שטיקל „מילכיקע אכסניא". פאַרקויפט ער זומער־צייט ערדענע שיסעלעך ממעטענע. פאַר א דרייער א שיסעלע. קאַלט, א מחיה, פון קעלער אַרויס, און גאָמלקעס מיט „קמינעק" (קימל) — אויך בייזע הינט אין דאָרף!... מען קען אפילו זיך אָפּשטעלן ביים שאָסיי... א געשריי טון: יאַסל! קומט ער אַרויס און פירט דורך די כלבים, מיט א בייטש... קען אָבער אַמאָל יאַסל נישט זיין אין דער היים, דערהערן וועלן די הינט! און אַליין דאָס בילן איז ווייניק?

מען קען אַפילו אין שוחטס הויז אַריין, ווו די שוחטים בראָטן און זענען מכבד מיט אייטער, נישט קומען; אַזוינע כלבים מיט בלוטיקע פאַרגאָסענע אויגאַנעס. מיט די קצבים לעבן זיי גוט, די חיות־רעות. לעקן ביי זיי פון די הענט און פון כאַלעוועס אַראָפּ דאָס בלוט, מיט וועלכע זיי באַשפּריצן זיך, — די שוחטים זענען שוין אַמאָל אין א סכנה. גייען לאַנגע קאַפּאָטעס, נישט שפּענצער מיט שטריק, ווי די קצבים, — און הינט האָבן דאָס נישט ליב... מען איז זיכער, אַז יידן, אַרויסגייענדיק פון מיצרים, האָבן אויך געטראָגן קאַפּאָטעס, און מען האַלט דעם „לא־יחרץ" פאַרן גרעסטן צווישן אַלע ניסים...

הינטערן פּלאַץ, ווו די אָפיצירן וווינען, זענען פאַראַן גרינע טאָלן; שענער, ווי די לאָנקעס ביים טייך הינטער דער שטאָט. און בלומען וואַקסן, א מחיה צו שפּאַצירן. דאָצו ליגן דאָרט פון פעסטונג געבליבענע קוילן און גראַנאַטן, אין דרייעקיקע קופּעס (הויפן), כמעט א שרעק! און היינט

26

פּיסבלעטלעך — איבערגעבויגענע, עס זעט אויס, אַז עס גייט אויף די קניען... און אין גאַנצן אַ ציטעריקס, מיט אַ ציטעריק ביי־קולעכל. און אַז עס ווערט מיר זיצנדיק ביי דעם סמאַטריטעלס פּלוניתטע אויף דער שויס, ביים פּאַסיאַנס, און עס כאַפּט זיך אַביסל לופט צו שעפּן, אַ ווײַלע אַרויס פֿאַר דער טיר, און דערזעט אונדז, אונדז יידישע קינדערלעך, הייבט עס אויף דאָס ציטעריק בייקולעכל און וועקט אויף דעם סמאַטריטעל, וואָס ווייסט שוין, וואָס עס באַטייט. און שיקט אונדז נאָך זיינע לייט, אונדזער אָנטון צו פֿאַרנעמען... איז אַ חרפּה, און אַ האַרצווייטיק — די ציצית ביי די גויים אין די הענט! מוז מען זיך אָפּקויפֿן אָדער אַזוי לאַנג שרייען און וויינען, ביז די לייט קריגן רחמנות, אָדער עמעץ קומט אָן און לייזט אויס.

טאַטע־מאַמע זאָגן: „אַ לעבונג אויפֿן סמאַטריטעלס קאָפּ! עס וואָלט דען איינגעזעסן אין חדר נאָך ספירה!"

פֿון הינט פֿאַרציילט אויך מיין קראַנק ברודערלס ניאַניע. אַ קרענקלעך ברודערל געווען, נאָך מיר דאָס דריטע... עס דאַרף השגחה. דער טאַטע פֿאָרט אַרויס צו פּריצים וועגן מיסחר, די מאַמע — אין געוועלב, דאָס שוועסטערל — צו קליין, שפּילט זיך נאָך אין ציכן, אָדער פֿאַרן געוועלב אין זאַמד. צום ברודערל נעמט מען צו אַ גויע פֿון דאָרף.

איז עס אַ קליינע, אַלטע גויע, שיטערלעכע ווייסע האָר, אַן אויסגעדאַרט פּנים; קליינע, נאָר שטילע אייגעלעך, און פּיכטע, האַלב־פֿאַרשיכורטע; זי טרינקט, און טרינקענדיק ווערט זי נאָך בעסער, נאָך געטרייער. האָט אַ מאַן אין דאָרף, צו וועלכן זי בענקט, כאַפּט זיך אַרויס פֿון צייט צו צייט, און קומט צוריק — צעשלאָגן, צעביילט, אָפּגעצויגן, האַלב־נאַסעט... און ווערט צום הויז נאָך צוגעבונדענער, נאָך געטרייער... שלעפּט זי מיין קראַנק ברודערל איין מיט געזאַנג און מיט מעשות... פֿאַרשטיי איך ווייניק פּויליש, נאָר איך שטויס מיך, טרעף, וואָס מען מיינט. כאַפּ איך מיך אַמאָל, פֿאַרנאַכט, אין שטוב אַריין, לייג מיך אויפֿן בעט, מכלומרשט — קאָפּווייטיק, און הער מיך איין, ביז די מאַמע קומט אָן און גיט „וויעטשערע" — אַן אישה, אָבער עס ציט!

זינגט זי אים „קאָלענדעס", געצויגענע, לאַנג־געצויגענע, און איך וואַרט אָפּ מיט אַ שטילן האַרץ־קלאַפּעניש אויפֿן רעפֿריין:

— העי, קאָלענדאָ, קאָ—לענדאָ!

און האָב דערביי אַ שרעקלעך רחמנות אויף דער אָרעמער, פֿאַרלאָזטער, געשטופּלטער גויע. איך ווייס, אַז עס איז מער ווי וויגן־לידער, אַז עס איז איר געבעט, איר תפילה. און — ווער הערט זי? די תפילה צעגייט



זיך אין אוויר... אפילו זייער קלויסטער זינקט דאָך יעדן טאָג אין דער ערד אַריין אויך אַ האָר (איך וואָלט אַ בעלן געווען מעסטן, געפֿינען אַ „ספּאָסאָב"!)... אויס רחמנות וואָלט איך איר „די אויגן געעפֿנט", זאָל זי אָוועקליינען דעם טעות... אוי. אַ יושר! יונה, וואָס האָט נישט געוואָלט וואָרענען נינווה, איז באַשטראָפֿט געוואָרן... מוז איך אָבער וואַרטן, ביז איך וועל אויסלערנען צו רעדן בעסער פּויליש... (אַז איך האָב שוין געקאָנט, איז זי שוין נישט געווען, און איך האָב שוין דעם חשק נישט געהאַט...) אַמאָל, פֿאַלט איר איין, פֿאַרציילט זי (האַלב שיכור) פֿון אַ גויישן מלאך־המוות — אַ פֿאַננע, וואָס פֿליט אַרום אין דער לופֿטן און האַלט, און פֿאָכעט מיט אַ ווייס טיכל... און דער, אויף וועלכן זי פֿאָכעט, — גייט פֿון דער וועלט; איז עס אַ שטאָט, ווערט אַ מגיפֿה... נאָך מער טעות! איך ווייס דאָך: דער מלאך־המוות איז אַ מאַנספּערשוין, האָט טויזנט אויגן...

איז אַמליבסטן, ווען זי פֿאַרציילט וועגן חיות ובהמות פֿון דאָרף. ליבער פֿון פּריצישע און דאָרפֿישע הינט. דאָס פֿאַרציילט זי לעבעדיק, מיט באַוועגונגען, מאַכט נאָך מימיש דאָס בילן, דאָס כאַפּן, דאָס לויפֿן...

די פּריצישע הינט זענען פֿלינקע, נייען אויף געיעג; אויף לאַנגע שנורן געפֿירט. אַז מען גיט אַ בלאָז, לאָזט מען זיי אָפּ, פֿליען זיי, ווי די ווינטן... יאָגן נאָך די חיות... און — גיבורים! פֿאַלן אָן אַפֿילו אויף ווילדע חזירים, אויף בערן און וועלף, כאַפּן געשיקט האָזן און פֿוקסן... אויף חזירים — אַ מיצווה! אויף די האָזן וועקט זיך אַ רחמנות, אויבוואָל איך האָב קיינמאָל קיין האָז נישט געזען און ווייס פֿון אים נאָר פֿון דער תורה, וווּ ער ווערט פֿאַררעכנט צווישן די „נישט ריינע"... אָבער אַ ציטעריקס איז עס, לויט זי פֿאַרציילט, אַ שטיל ציטעריקס. אויף די פֿוקסן — אויך אַ מיצווה; ווערגן די הינער, אַזוי פֿאַרציילט זי! און לויפֿן, דאָס ווייס איך, איבער די חורבות פֿון בית־המיקדש... און פֿון „שיר־השירים" ווייס איך, אַז זיי פֿאַרדאַרבן די וויינגערטנער אין ארץ־ישראל... ק ל ו ג זענען זיי, די פֿוקסן, איך ווייס: „משלי שועלים". אָבער וואָס טויג מיר זייער חכמה, אַז עס איז נאָר צום שלעכטן?

די פּויערישע הינט זענען אויך בריהס, היטן פֿאַר גנבים... זיי ליידן פֿיל. מען האַלט זיי, דאָס מערסט, אויף קייטן, אַזוי הייסט די פּאָליציי. און די גנבים סמען זיי... און די הינט זענען אַזוי געטריי! זיי בילן און וועקן דאָס דאָרף, קוים באַווייזט זיך אַ פֿונק, אַ שריפֿה. אָדער ווינטער־צייט, אין די גרויסע פֿרעסט, ווען די חיות, פֿון הונגער געטריבן, לאָזן זיך

בליבן, שטעלן זיך, פון ביידע זייטן שליטן, אויף די הינטערשטע, אָנגעשפּאַרט אויפן שליטן מיט די פעדערשטע פיס. איך זע בחוש, זיי נישטערן מיט די אויגן אין שליטן, זוכן מיט די ציטעריקע נעז, — נישטאָ עפּעס גוטס? דער פויער, וואָס האָט אָנגעהאָנגען האָבער פאַר די פערד און זיך אויך גענומען צום עסן, וואַרפט זיי שטיקלעך ברויט און שטיקלעך חזיר־פעטס. דאָס ברויט רירן זיי נישט, דאָס חזיר־פעטס שלינגט מען!

דאָס געפעלט מיר נישט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווערט אַ גרויסע ענדערונג.

שבת, פאַרהער איך מיך ביי ר' משה וואהל, ביים רב. פון אים האָב איך געמאָלט אין די „פיר דורות" ר' זישען... אַ מזל־טוב. מיך האָט ער ליב, און זאָגט דעם טאַטן:

— ער דאַרף אַן אַנדער מלמד.

— וווּ נעמט מען?

—שיק אים קיין שעבערשין צו פינחסלען... (פון ר' פינחסלען — שפּעטער).

— וואָס וועט זאָגן ריוועלע?

— ווייסטו וואָס, יודל? פּרוּוו אַ זמן אין בית־המדרש. זאָל ער לערנען אַליין.

בלייבט אַזוי. עס איז טאַקע ענדע זמן. איך זאָג צו, אַז איך וועל גוט זיין, פרום זיין, אַ מתמיד זיין. און ווער פריי! און כאַפּ מיך מיט געשמאַק צו חקירה און קבלה־ספרים... און נאָך מער לויף איך אַרום... טו מעשים.

טויג נישט. בלייבט, מען מוז באַקומען אַ רעכטן מלמד. דערוויל זאָל איך לערנען אין דער היים, און, כדי איך זאָל נישט קענען אַרומלויפן, נעמט מען מיר די שטיוול צו אויף אַ גאַנצע וואָך. מיר מאַכט נישט אויס. לויף איך אַרום אין די שטעק־שיך אין הויף. ווערט ענג, וואַרף איך מיט פיס־באַוועגונגען די שטעק־שיך אויפן דאַך אַרויף, און כאַפּ מיך, דורך אונדזער גאַנעק אַרויף אויפן דאַך פון צווייטשטאָקיקן הויז אַרויף, אַראָפּצונעמען זיי. דערזע איך די שטאָט דאָס ערשטע מאָל פון דער הייך, מאַכט עס אויף מיר קיין גרויסן רושם נישט. העכערע, דריישטאָקיקע הייזער, פאַרשטעלן זיי... דערמאָן איך מיך, וואָס איך האָב געהערט, אַז פון גאַנעקל, אַרום זייגער־טורעם איבערן מאַגיסטראַט, זעט מען נישט נאָר די גאַנצע שטאָט, נאָר אַרום און אַרום שטאָט אויף אַ מהלך! כאַפּט מיך אַ אַ גלוסט...



טונג דאָס צו זען. קריך איך אַראָפּ פון דאַך און גיי אַרום טעג און טראַכט, ווי אַזוי גנבעט מען אַוועק די שטיוול, ווי אַזוי באַקען איך מיך מיטן אַלטן זייגער־מאַכער, וואָס גייט יעדן טאָג אַרויף, אָנציען דעם זייגער, ער זאָל מיך מיטנעמען...

זאָגט מען: אַביסל געלאַסענער געוואָרן... שמייכל איך און מיר אַריין און טראַכט ווייטער... דערוויל, שטייענדיק אַמאָל פאַרטראַכט אויפן גאַנעקל, הער איך, ווי דער טאַטע, אַרויסקומענדיק פון טיר צום גאַנעקל (מיך, שטאַרק פאַרנומען, זעט ער נישט), רופט צו דער צווייטער טיר, אין קיך אַריין:

— מירל, זייטשע מוחל, לויפט אַראָפּ, נעמט אַ שליח און שיקט צו ישראל קיין זשדאַנאָוו, ער זאָל תיכף־ומיד קומען מיט די פערד...

מירל ענטפערט: גוט, גוט! זי וועט זיך נאָר אָנטון, נאָר כאַפּן אויף זיך עפּעס... דאָס וועט דויערן! נעם איך, כאַפּ און לויף קיין זשדאַנאָוו. דאָס גאַנעקל פון זייגער ווערט דערוויל אָפּגעלייגט. לויף אין די שטעק־שיך. אין גאַס קוקט מען מיר נאָך, מען רופט: משוגענער! מען וויל מיך פאַרהאַלטן. איך דריי מיך אויס, ווי אַ שלאַנג. כאַפּט מען מיך אומגעריכט, רייס איך מיך אויס, און לויף, און קום... און פרעג (אַזוי פיל פּויליש קאָן איך שוין) אַ פויער פון דאָרף, וווּ ישראלס הייזל איז. „טאַם", און ווייזט מיר מיטן פינגער. איך מיין, איך ווייס, און לויף, און פאַל אַריין צו'ן אַ שכן אַ דייטש, אַ רייכן קאָלאָניסט. און באַלד נאָך דער פּורטקע פאַלט צו אַ הונט, גיט אַ שפּרונג צו דער ברוסט, לייגט מיר די פעדערשטע לאַפּעס אויפן אַקסל, און קוקט מיט זיינע גרויסע, רויט־קלוגע אויגן אין מיינע אויגן אַריין: ביסט אפשר אַ גנב! אַ געלערנטער הונט, און וואַרט, עמעץ זאָל אַרויסקומען... וואָס איך פיל, מאָלט אייך אַליין. דעם הונט פאַרשטיי איך ווייניק. און אַ הונט איז ער אַ גרויסער, אַ ברוינער, אַ האָריקער... דער מוטערס מילך ווערט מיר אַנטרונען. און שרייען קאָן איך נישט, פאַרשניירט דער האַלדז. אַ מערכה, מען האָט מיך, נאָך אויפן וועג, פון ישראלס פענצטערל דערזען. תוך־כדי־דיבור שפּרינגט איבערן פּלויט אַ מיידל, כאַפּט אָן דעם הונט ביים אַקסל, גיט אים אַ שליידער אַוועק און פירט מיך אַרויס צו ישראלן...

זיין טאָכטער געווען...

אַ מיידל, אַ יונגס — בלוט און מילך. אויגן קלאָרע, קלוגע און זיסע. אַ נעץ פון שוואַרץ־גלאַנציקע האָר. אַ שטיק פּירוש צו שיר־השירים... און אַזאַ גבורה... וואָלט אויך געקאָנט קומען פון די לעמפּערט־בערג...

און אז עס מאכט זיך שפעטער א מעשה, אז איך פאל שיר־נישט אין ברונעם אריין, פארדריסט מיך, פארוואס האט מיך פארהאלטן עפעס אן עלטערע יידענע און נישט זי...

זי חלומט זיך מיר יעדע נאכט... נאר ארויסגיין קיין זשדאנאוו, זי זען, פאלט מיר אפילו נישט איין...

פאר דאס פאלט מיר איין גאר צו באווייזן א גבורה און אנכאפן א געלן גרויסן הונט ביים עק... און ער גיט זיך א רוק אפ, א שפרונג ארונטער, און א שפרונג ארויף מיר אויפן אקסל...

איך האב ביז היינט א צייכן...

האט זיך שוין איבערגעפולט די מאס, שיקט מען מיך קיין שעבערשין, צו ר׳ פינחסלען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אט אזוי רייסט זיך אריין, ווייניקסטנס האט זיך ארייננעריסן א שטיקל נאטור צו׳ן א יידיש יינגל אין הארץ אריין...

# 3. זאמאשטש — שעברשין — זאמאשטש — די לעצטע צוויי מלמדים. — חלומות.

— איר, אלס קינסטלער, רעאגירט נישט דירעקט אויף קעגנווערטיקע פאקטן... זיי מוזן פריער ווערן פארגאנגענהייט, דערינערונג. העכסטנס שפיצט איר צו אן עפילאג צו לאנג הינטער די קוליסן אפגעשפילטע אקטן...

די באמערקונג האט מיר אמאל געמאכט א צופעליקער רייזע־באקאנטער, און דערביי אזוינער, וואס האט, ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן אין ווייטערן געשפרעך, געלעזן פון מיינע זאכן ווייניק און אויך נאר אין דייטשער און רוסישער איבערזעצונג.

— איר — האט ער צוגעגעבן מיט א שמייכל — עסט פיליכט פרוכטן פון בוים אראפ, אונדז גיט איר זייער עקסטראקט. א דאנק, וואס מיטן פרישן גערוך.

ווער איז: אויף קעגנווערטיקע פאקטן, זאנאר אין פריוואטן לעבן, רעאגיר איך שוואך אדער גארנישט. די פאקטן זענען דאס מערסט פאר מיר צו טריוויאל, די מאטיוון געמישטע, פארפלאנטערטע; די פארבן — גרעל, די טענער — צו שרייענדיק, די ליניען — גראב!

אין דער דערינערונג ווערט אלץ פארפיינערט און געריניקט... אין לעבן בעט איך נאר: זאל דער וואל אריבער! פארן אריבערגיין, פארמאג איך פאר יעדן וואל א גרויסע דאזע מיסטישע רעזיגנאציאן און פילאזאפישע שטאנדהאפטיקייט. צעברעכן לאז איך מיך נישט. מיין אינערלעכקייט היט איך אפ פאר יעדער מינדסטער אריינמישונג. עס רעגנט מיט אלדאס בייז; אינערלעך ווער איך נישט נאס... די אלע וואלן אבער, אפגעשווימען אין לעבן און באנייט אין דער דערינערונג, באקום איך ליב. פון תוהו־ובוהו, „פון אונטער דער באוווסטזיניקער שוועל" קומען זיי ארויס ריינגאלדן; פון זאמד געריניקט און געוואשן...

ווער וועקט די טויטע? וואס בלאזט אויף תחית המתים?

דאס מערסט ביי מיר — דער קאנטראסט. פון אלע אסאציאציאנס־פארמען איז ביי מיר די שטארקסטע די קאנטראסטן־פארם. דער קאנטראסטן־

עלעוואַטאָר איז שטענדיק מעטיק. און דער „זאַץ״ — דער סעגנוועריטיקער, בלײַבט אויך אַמאָל שטיין, — ווערט מיר בולט זאַץ און קעגנזאַץ צוזאַמען — אַ וואָג־שאָל־בילד. זאָל דער לעזער לייגן זיין סימפּאַטיש געוויכט רעכטס אָדער לינקס...

געבוירן און דערצויגן אין זאַמאָשטש, מוז איך, אום זאַמאָשטש צו זען, פאַרטריבן ווערען דריי מײַלן ווייט — קיין שעברשין.

ערשט אין דער הילצערנער שטאָט (די איינציקע מויער איז דעמאָלט געווען דאָס פּריצישע איינקונפטס־הויז אינמיטן מאַרק — אַן אײַנפאָר־הויז, טראַקטיער און קלייטן צוזאַמען); ערשט אין נידעריק־געבויטן, שינדל־ און אויך שטרוי־געדעקטן שעברשין, פלאַנצט זיך און שטעלט זיך אויף, פאַר מײַנע פייכט־פאַרבענקטע אויגן, מיין געמויערטע, דרייַשטאָקיקע, אייזן־ און דאַך־ציגל־געדעקטע היים... וואָס ציט זיך נישט אויס אין דער לענג, „ווי אַן אָפּגעשטאַנענער פיש״, נאָר מוז, צווישן וואַלן געדרענגט, וואַקסן אַרויף, צו דער הייך.

איך האָב געמוזט באַקומען צו זען דאָס אומגעלומפּערט הילצערנע מיסגעבורט פון שטאָטזיינער אין שעברשין, — איך זאָל דערפון די גאַנצע הויכע פּראַכט פון מיין היימישן זייגערטורעם, וואָס קראַצט, ווי מיר האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, די וואָלקן! און געמוזט באַקומען צו זען דאָס שטיס „ברכו־נפשי״ אַרום שעברשין, די „לבשו כרים הצאן״ — דאָס גרינע טישטעך, באַפלעקט מיט בהימהשן געל און רויט, מיטן בריקל צום וואַסער און צו דער, פון דער עלטער פאַרשוואַרצטער און פון מעל פאַרווייסטער, וואַסערמיל, — איך זאָל באַמערקן און קאָנען אָפּשאַצן דעם באַזונדערן חן פון אונדזער „הינטערן פעסטונג״, וואָס איך האָב איבערגעגעבן אין „משיחס צייטן״; פון קליינע פאַרשאָטנטע שפּאַציר־פּלעץ צווישן וואַלן, אין דער באַהאַלטענער „אוציעצקאַ״ 1), ווו איך האָב געלאָזט שפּאַצירן דעם קאַצקער און בעלדזער אין „שהשמחה במעונו״... ווי אויך די פייכטע לאַנקעס מיט פרעש־זומפּן, באַשיטע מיט „משוגענע גרייפּלעך״ און קליינע היגל פון שלאַנקע, געלב־גאָלדענע קעניגס־קערצן...

עס וועקט זיך דאָס ערשט נישט־לאַנג פאַרבאָרגענע, און אין די „זעעונישן״ פון דער היים, וואָס איך האָב ווירקלעך מיט די אייגענע אויגן געזען, מישט זיך אַריין דאָס געהערטע, דאָס עלטערע זאַמאָשטש, פון וועלכן נאָר מיין אויער האָט פאַרנומען.

---

1) אַ וועג צום אַנטלויפן.



שוין אויפגעזעסן בין איך אַ פאַרחלומטער...

מען האָט מיך איבערגעגעבן אַ שעברשינער ייד, וואָס האָט מבטיח געווען, אַז ער וועט מיך בשלום צושטעלן צו ר׳ פּינחסלען אין שטוב אַריין, — איך זע אים נישט; פאַרנעפּלטע אויגן האָב איך. איך פיל אים נאָר מאָגער — אַזויפיל פּלאַץ האָט ער מיר נאָר איבערגעלאָזט אויפן געזעס, שאַרף־ביינדיק — אויב ביי אַ וואָגן־באַוועגונג אונדזערע עלנבויגנס שטויסן זיך צוזאַמען, און הויך, — זיין שטימע קומט אין מיין אויער אַריין פון דער הייך. דאָס אויער מיינס איז אָפן: איך האָב נישט געזען, ווער עס איז אַראָפּגעקומען פון דער היים צו דער פור, נאָר איך האָב געהערט, ווי דער ייד האָט געזאָגט:

— זאָרג נישט (בלשון אתה — אַ היימישער ייד!) ריווועלע, — עלי ועל צוואָרי.

און זיך צום פורמאַן ווענדנדיק:

די פור רירט. קולות: פאַר לחיים ולשלום! געמישטע: יונגע און אַלטע. דער טאַטע:

— און זיי אַ מענטש...

קלאַפּט דער וואָגן איבערן ברוק פון גאַס, פאַלט אַריין אין שאָטן פון קלויסטער, נעמט זיך לינקס, אַריין אין טונקלקייט פון דער שעברשינער בראָם; אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין, ווערט באַלד שטילער; שוין שאָסיי.

הייסט עס: איך פאָר קיין שעברשין. לערנען ביי ר׳ פּינחסלען! ווער ר׳ פּינחסל איז און וואָס ער איז, ווייס איך נישט. אפשר האָט מען מיר אויסגעזוכט אַ תלין? איך דערפיל אַ ביטערקייט אויף דער צונג. און אינעווייניק הער איך אַ שטימע:

— שאַדט נישט!

שעברשין איז מיר נ י ש ט פרעמד... די שעברשינער יידן רופט מען לגנאי: שעברשינער „פּלאַכטעס״. פאַרוואָס, ווייס איך נישט, ווי איך ווייס נישט, פאַרוואָס מען רופט די ניישטעטער: „לעשניקעס״ און אונדז — „זאַמאָשטשער פרעסער״; נישט אַלע זענען דאָך מומע פריידלס, וואָס באַקט שטענדיק קעז־קוכן... ביי אונדז אין דער היים עסט מען אַלע טאָג קאַשע מיט יויך...

פון שעברשין האָב איך אַפילו פיל געהערט. זאַמאָשטש האָט באַשטענדיק מגע־ומשא מיט שעברשין. פאַרענגט, ווי געזאָגט, צווישן וואַלן, אַלס געוועזענע פעסטונג, וואָס לאָזט זיך נישט צעשפּרייטן, האָט זאַמאָשטש

נאָך היינט איר פּאָסט־אַמט אויף דער ניי־שטאָט, און דעמאָלט — דעם אַלטן סאַנד (סוד, געריכט) אין שעברשין, דאָרט זיצט דער אַסעסאָר, וואָס פּסקעט אי דיני־ממונות אי דיני נפשות און האָט צו שאַפן איבער טויט און לעבן. פון זאַמאָשטש פירט מען צו אים אין קייטן גנבים... פון טאָמאַשאָוו, וואָס ביי דער גרענעץ, אָפּטרעטנדיק אין זאַמאָשטש ביים פּאָוויאַט, ווו מען מאַכט נאָך אַמאָל אַ פּראָטאָקאָל — קאָנטראַבאַנד, אַרומגערינגלט מיט אַ וואַך פון גרענעץ־זעלנער אין גרינע לאַמפּאַסן... אין הויף פון פּאָוויאַט האָט איינמאָל דודל גנב, אַביגדור מלמדס פאַרלאָזטער יתום, אַראָפּגעגנבעט פון דער פור, אין דער וואַכס אויג, אַ פּעקעלע זיידנצייג, און באַפרייט אַ ייד, אַ מאַן פון אַ ווייב און אַ פאָטער פון אַכט קינדער, פון תפיסה. דעמאָלט האָט אים די שטאָט אַלץ מוחל געווען; געגלעט איבערן היטל, געקניפּן פאַר דער קונץ־שטיק, אין בעקל. און נישט איינער האָט געזאָגט:

— קום צו מיר אַריין נאָך אַ העמד.

אין ציוויל־זאַכן פאָרן צו די „ערכאות" בעלי־דינים, וואָס די בוררים האָבן נישט אויסגעגליכט, דער רב נישט געקאָנט פּסקענען, מענטשן איינגעשפּאַרטע, ניצחונדיקע, — נישט קיין לייטישע מענטשן...

קיין שעברשין פאָרט אָפט מיין חבר יצחקלס פאָטער פּ. ג.

פּ. ג. איז אַ שם־דבר. אַ מושלם („איי־איי, נאָך וואָס פאַר אַ מושלם, כמעט אַ מלומד!") און אַן אַפּיקורס, אויף וואָס די וועלט שטייט; זיין חלק לעולם־הבא וואָלט מען נישט געקויפט פאַר אַ דרייער! און ער האָט עס בירושה, זיין פאָטער איז אויך געווען פון די לייט... אַ מדקדק, אַ בעל־קורא אין דער וועלט, אַ חבר פון צעדערבוים, אייכנבוים און אַנדערע אַמאָליקע משכילים...

דאָס האָט ער עס מיך און מיין חבר יצחקל, זיין אייניקל, פּ. ג.'ס זון, געברענגט צום „מורה־נבוכים". מיר האָבן גלאַט געשנישטערט אין די שענק. אַראָפּגעכאַפּט גראַד דעם „מורה־נבוכים". ער איז גראַד דערביי געווען, —

— נישט פאַר אייך, קונדייסים, נישט פאַר אייערע קעפּ!

דאָס איז נענוג געווען, מיר זאָלן שוין דאָס ספר נישט אַרויסלאָזן פון די הענט און דערנאָך האַלטן פאַר אים עקזאַמען...

זיין זון פּ. ג. שטייגט אים איבער.

גאַנצע מעשות פאַרציילט מען פון אים, די אויערן הערן פּיל.

זענען די מעשות וועגן פּ. ג. וואָר? מען פאַרציילט אַזויפיל נישט אמת... און איך קען פרעגן מיין חבר יצחקל, היינט אַרצט אין זאַמאָשטש,



און ער וואָלט מיר באַלד געענטפערט דעם אמת. איך וויל עס נישט טון, ווייל...

ווייל די פאַבל איז שטענדיק וואָרהאַפּטיקער פאַרן ווירקלעך געשעענעם; די פאָלקס־דיכטונג — פאַרן אמתן פאַקט... דער מענטש פאַרביינט זיין ווילן, פאַרשטעלט זיין אמת פּנים און טוט, וואָס עס פּאַסט. דער עולם האָט אַ נאָז, דערשפּירט דעם תוך און דעם עצם־ענין פון מענטש, און פאַרציילט פון אים דאָס, וואָס ער וואָלט געטון, ווען ער וואָלט געווען זיך אַליין געטריי; דאָס געשעענע, וואָס וואָלט, ווען נישט צופעליקע שטערונגען, פון אים אַרויסגעשטראַלט...

„אחרי מות קדושים" קומט אויך דערפון. די צופעליקייטן, די קליינע אָפּעראַציאָנען, די „מעשים צוליב פּרנסה", צוליב כעס, אַ רגע ניצחון — פאַלן אָפּ, פאַרזינקען אין פאַרגעסנקייט, און עס קומט אַרויס אַ נשמה, כמעט אַ נאַקעטע... און מען באַקליידט זי אויפסניי, אין איר פּאַסיקע קליידער, און עס קומען אַרויס גאַנצע מענטשן; גאַנצע, שטאַרקע, נישט וואַקלדיקע שאָטנס, ווי ביים לעבן...

דאָס איז אויך דער צויבער און די וואָרהייט אין פאָלקסטימלעכע דערציילונגען... ווי איבערהויפּט דער צויבער און די וואָרהאַפּטיקייט פון דער „קונסט"...

לאָמיר צוריקגיין צו פּ. ג.

פּ. ג. איז, ווי געזאָגט, אַן אַפּיקורס: שפּייט נישט אויס ביי „עלינו", היפּט איבער די מלאָכים פון שופר־בלאָזן, בלייבט שטיין ביי „כורעים". און איר ווייסט, וואָס ער טוט אינדערהיים? דאַוונט שחרית אין טלית־ותפילין, זאָגט שמונה־עשרה, און זיך איילנדיק צו פאָרן קיין שעברשין, פּוצט ער זיך אינאיינוועגס מיט באַרשט און שו־וואַקס די שטיוול . . . אויפן טיש שטייט שוין ברויט מיט פּוטער מיט קאַווע, און אַז דאָס מעסער איז שטומפּיק, שאַרפט ער עס אָן מיט דער רצועה... כפּרות שלאָגט ער נישט, הושענות — מינהג נביאים — אויך נישט. און קען דווקא „פּסוק"; גאַנץ תנ"ך אויסנווייניק.

און — אַן אייזערנער מוח... און אַ מלומד פון זיך אַליין. האָט איינמאָל צופעליק געקויפט אין מאַרק, ביי אַ שיכורן גוי, פאַר אַ צענערל אַ פּוילישן קאָדעקס, און האָט זיך אויסגעלערנט „פּראַווע" מיט פּויליש צוזאַמען! אַזוי אויך — געפונען, ערגעץ אויף אַ בוידעם, אַ פראַנצויזישע מאַטעמאַטיק, (נאָך פון נאַפּאָלעאָנס צייטן, זינט מען טראָגט די רויטע פּאָלאַרינע, נאָז־טיכלעך און מען זאָגט „עגאַל" און „מאַלעער"), און אויס־

שטודירט פּראָנצויזיש מיט חשבון און מדידה צוזאַמען; דער פון וואַרשע געקומענער לערער לאַכט אפילו אין די פויסטן. באַשר־בכן — דאָס פראַנ־צויזישע לשון האָט „קרי וכתיב", נישט ווי עס שרייבט און דרוקט זיך, רעדט מען, און פּ. ג. לייענט דברים כהויתן... לאַכט מען אויסן לערער. ער קען פּלאַפּלען פראַנצויזיש מיטן אַפּאַטייקערס ווייב; און דער קען טאַקע מדידה!

— איר שפּילט אייך מיט פּ. ג.?!

חשבון קומט אים ווייניק צונויז. אָט, אז עס מאַכט זיך אַ שווערע מישנה אין זרעים, אז אפילו מיכל שמש (שוין דערמאָנט) הייבט אָן „שטאַמלען מיט דער צונג און פינטלען מיט די אויגן", לויפט מען אהיים צו פּ. ג. (אינאיינוועגס, זיך צוצוקוקן צו זיין היתנהגות), און מען הערט שוין קלאָרע דיבורים...

איינמאָל איז מען צוריקגעקומען און פאַרציילט, ווי אזוי פּ. ג. האָט זיך אַרויסגענומען אַ שלעכטן צאָן. נ י ש ט געגאַנגען צום רופא. פּ. ג. האָט פיינט אַרויסצוואַרפן געלט! גענומען אַ גרויסן נאָגל, אַריינגעשלאָגן כמעט ביזן קעפּל אין גרויסן טיש אַריין. גענומען דערנאָך אַ קורץ שטריקל, איין עק פאַרקניפּט ביים נאָגלס קאָפּ, גענומען אַ האַמער און נאָך אַ זעץ אין קאָפּ אַריין. ער איז אַריין אין בלאַט פון טיש. דערנאָך אַרומגעבונדן מיטן צווייטן עק פון שטריקל דעם שלעכטן צאָן... שטייט ער אזוי אַ וויי־לע איינגעבויגן איבערן טיש, גיט פּלוצלינג אַ וואָרף אַרונטער דעם קאָפּ. דער טיש — אַ שפּרונג אונטער, דער צאָן — אַ שפּרונג אַרויס...

„אפילו זיך נישט אויסגעוואַשן דאָס מויל און גענומען די מישנה, און געזאָגט..."

דער עיקר קומט אים חשבון צונויז צום פלינקן לפּ"קן מאַכן. אַ שוואַכקייט האָט ער צו לפּ"קן. גאַנצע בריוו שרייבט ער מיט לפּ"קן, שטייגערייף; „וואָס אַ שורה — אַ לפּ"ק!"

און זאָגן זאָגט ער, אז ווען ער דאַרף שרייבן אַזאַ בריוו, ליינט ער זיך שלאָפן, כאַפּן כאַפּט ער זיך אויף שוין מיט גרייטע לפּק"ן; דער קאָפּ אַרבעט ביי אים אין שלאָף!"

איינמאָל איז ער אפילו אַרויסגעטרעטן מיט זיין חכמת החשבון והמדידה פאַר דער וועלט; אינעם וויכוח צווישן נבריאל יהודה ליכטענ־פעלד און סלאָנימסקי, מיט אַן אָפענעם בריוו פון ליכטענפעלדס צד...

יורי האָט אים בעסער געדינט, געגעבן פרנסה, נישט די גאַנצע; דאָס ווייב האָט עפּעס אַ געוועלב. אָבער ער פירט גאַנץ אָפט פּראָצעסן,



שרייבט „פּראָשבעס", פאָרט צום אסעסאָר קיין שעברשין. אין דעם פאַך איז ער אַ גרויסער בעל־ניצחון, טרעט נישט אָפּ. דער אמת מוז אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער. קיין פאַלשן פּראָצעס וועט ער נישט אָנעמען; די ערלעכקייט אליין. האָט ער, פאַרציילט מען, געפירט 12 יאָר נאָכאַנאַנד אַ פּראָצעס וועגן אַ פונט פּוטער. די פּראָצעס־קאָסטן האָבן דערגרייכט ביז 600, זאָג אַרויס: זעקס הונדערט גילדן; „אזוי פיל, וויפל עס האָט גע־קאָסט דאָס הינטל, וואָס דער (רייך־געוואָרענער) פעלדשער האָט געקויפט ביים סמאָטריטעלס פּלוניתטע"... וועלכנס צד עס האָט געזאָלט די קאָסטן באַצאָלן, ווייס איך נישט...

סיי־ווי־סיי, פאַרציילט מיין חבר יצחקל גאַנץ אָפט:

— מיין טאַטע איז געפאָרן —

און עפּטער:

— מיין טאַטע איז געגאַנגען קיין שעברשין...

פּ. ג. פירט זיך פּראָסט, נאַטורמעסיק.

„אַ ייד — זאָגט ער — דאַרף זיין געזונט, ווי אַ פּויער". און אים — זאָגט דער עולם — איז זייער לייכט צו זיין געזונט: „כאַפּט זיך אויף ביינאַכט, און כאַפּט אַריין אַ מאָן־קיכל" (מען מיינט: אַ גאַנצע חלה) און — אומגעוואַשן! (ער האַלט נאָר פון מים־אחרונים — חובה). גייט דער ייד דריי מייל קיין שעברשין צופוס...

— סטייטש, ר' פּ., אין אייערע יאָרן — דריי מייל...

— איך גיי צופוס נאָר אַ וויאָרסט...

— און דערנאָך?

— דערנאָך נאָך אַ וויאָרסט און נאָך אַ וויאָרסט... און אזוי, ביז ער קומט קיין שעברשין.

און גיין גייט ער ווי אבא חלקיה אויפן וועג — באָרוועס, מיט די שטיוול אויף אַ שטעקן איבער די אקסל. דער שאָסיי האָט שאַרפע שטיינ־דלעך. אַ פוס היילט זיך אליין אויס, אַ שטיוול מוז מען שיקן צום שוס־טער! און שפּרייזט! מאַרשירט, ווי אַ זעלנער אין פראָנט, און קאָמאַנדירט זיך אליין:

— ראַז־דוואַ, ראַז־דוואַ, ראַז־דוואַ! „מפּני — זאָגט מען אין זיין נאָמען: שהקול יפה להליכה..." „אומות העולם האָבן ·שכל".

ווייס איך, אז איך פאָר אויף פּ. נ.'ס וועג.

און קיים אַזאַ טראַכט געטון, דערזע איך אים! ווער איך אינער־לעך פאַרגאַפט, ווי שאַרף און בולט איך זע אים! אָט גייט ער... גלייך מיט

32

דער פּור. עפּעס טראַכט ער, געוויס מאַכט ער לפ"קן, אָדער חשבונט אַזוי... די ברעמען — די לאַנגע, די געלע און שטעכעדיקע — איבער די אויגן אַראָפּ. איך האָב קיינמאָל זיינע אויגן נישט געזען. איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ קאָליר זיי האָבן געהאַט... נישט ב אַ ה אַ ל ט ן האָט ער זיי, אַן אָפענער מענטש געווען, — אַן אָפענער, גערעכטער און פעסטער מענטש! — נאָר אַזוינע לאַנגע, געלע, שפּיציקע ברעמען געהאַט, וואָס האָבן נאָך לענגערע שאָטן געוואָרפן!

מיט יאָרן שפּעטער, אַז איך בין אויף זיין לוויה געווען, ער ליגט אַם ראַנד פון קבר, און מיך כאַפּט פּלוצלינג אָן אַ ווילד פאַרלאַנג, צו זען זיינע אויגן. „אם לא עכשיו אימתי?" — די לעצטע רגע, דער קברן שפּרינגט שוין אין אָפענעם קיבר אַריין — איך מוז אים אָפּרעקן. שטאַרט אַרויס פון דער ווייסער סויווע אַ שטיק זילבערנע באָרד און לאָזט מיך נישט... איך וויל אַ ריר טון מיט דער האַנט, אַ זילבערהאָר גיט אַ ציטער...

דערווייל גייט ער, מאַרשירט ער... אַ קורץ, פעסט יידל, די פּאָלעס פאַרקאַשערט, די הענט, רעכטס, לינקס רעגלמעסיק געוואָרפן, נאָר קאָמאַנדירן קאָמאַנדירט ער זיך נישט.

טו איך עס פאַר אים, הייב אָן:

— ראַז־דוואַ, ראַז־דוואַ!

מיין הויכן שכנס קול:

— פּע!

„אַ ייִנגל פּאַרט צו ר' פּינחסלען, תורה לערנען... ווייסט, קונדאַס איינער, ווער און וואָס אַזוינס ר' פּינחסל איז? ר' פּינחסל איז אַן אַלטער „קאַצקער"...

„אַן אַלטער קאַצקער" אינטערעסירט מיך. איך פאַרשווייג. פּ. ג. פאַרשווינדט. איך וויל הערן; אַ מאָדנע פאָלק — די אַלטע קאַצקער... מען קען — און מען לערנט נישט, דביקות — אַז מען דאַוונט נישט... דער לאַנגער ייד אָבער האָט נישט דאָס, צי ער קען נישט פאַרציילן... עס פאַלן איינצלנע, טרוקענע ווערטער מיט אַ הייזעריקן צופייף: פּיש, פּיש! „ר' פּינחסל, פּיש, פּיש! אַ קאַצקער פּיש־פּיש...!" און איך ווער האַלב פאַרדרימלט, און אויפן אָרט פון פּ. ג. גייט שוין איבערן וועג „ר' לייבוש צימעלעס". דער לאַנגער, קליינבערדיקער, בלאַסער ייד, מיט די אויסגעלאָשענע אויגן, מיט דער באַשטענדיקער ליולקע־ציבוק צווישן די פאַרגעלטע ליפּן... דער שווייגעדיקער, פאַריתומטער, אַלטער קאַצקער, וואָס גייט שטענדיק אויף און אָפּ איבערן בית־המדרש, פון אָרון־קודש ביזן



פענצטערל צו דער שמשטע, מיטן ביטערן טראָפּן און אייערקיכלעך צום פאַרבייסן (זע „הציץ ונפגע"), און — צוריק... מאַנכמאָל שטעלט ער זיך אָפּ ביים פענצטערל, פּויקט אָן מיט אַ פינגער, שטיל, פויל און פאַרבענקט, באַקומט אַ קעלעשיקל מיט אַ קיכל... טרינקט אויס, פאַרבייסט אַ פּיצל קיכל... און ווידער — אויף און אָפּ... און קיינער פאַרהאַלט אים נישט, דער גרעסטער קונדאַס טרעט אים אָפּ פון וועג. מען ווייסט, ער איז דער יתום פון זיין דור, ער האָט מיט אונדז נישט וואָס צו טון, האָט אונדז גאָרנישט צו פרעגן, גאָרנישט צו פאַרציילן... פאַראַן נאָך איינער אַ קאַצקער, אין זיינע יאָרן, נאָר יענער איז אַן עושר, האַלט אַ מיאוסע שענק... (ר' „בערל" פון די „רייזע־בילדער") נישט זיינס גלייכן...

און אָט גייט ער איבערן שאָסיי. ווו אַהין? מין־הסתם קיין קאָצק... אויף קבר־אָבות... איבערן וועג קיין שעברשין? בלאָנדזשעט ער? איך וויל רופן צו אים, און קען דאָס קול נישט אַרויסברענגען פון האַלדז... איך ליג שוין מיטן קאָפּ און אַקסל אויפן געזעס...

...אַן איינפאַל! געחלומט, איך פאָר קיין שעברשין! וואָס איז, פאַרשיקט האָט מען מיך? דער טאַטע האָט מיך געלאָזט? די מאַמע — פיינט געקריגן?! איך בין אינדערהיים! אויף דער סאָפע ליג איך, ביים פענצטער. זע, ווי דער עולם גייט איבער דער גאַס אין מרחץ. דער „תם" מיטן בעזעמל, די „בהימה!"... באַלד נאָך שבת, וועל'מיר אים אונטערשיקן נאָך אַ כתב־רבנות פון ערגעץ אַ שטעטל, וועט ער לויפן אַהיים צום ווייב מיט אַ בשורה און בעטן רשות, צו פאָרן...

אָבער פאַרוואָס ליג איך? מן־הסתם — קראַנק. יאָ, די פּלייצעס ברעכן מיך אַזוי. עס מוז אָבער נישט זיין געפערלעך. דער טאַטע איז רואיק אַוועקגעגאַנגען צו קבלת־שבת, און די מאַמע נעמט זיך צו בענטשן ליכט. אַ שיינע צוויי פּאָר זילבערנע לייכטער מיר האָבן, דער עיקר די הויכע פּאָר, די מיט די רייזעלעך און קריינדעלעך... די מאַמע בענטשט ליכט ערנסט, אוי, ווי פרום מיין מאַמע איז! און דאָך בין איך זיכער, אַז זי קוקט אויף מיר פון צווישן די פינגער... אַזוי, גלייך, קוקט זי אויף קיינעם נישט... קוקט און שמייכלט אַוודאי... אָט שטייט זי שוין ביים צווייטן פענצטער... ליכט אָפּגעבענטשט און קוקט אויס דעם טאַטן. לכבוד־שבת: אין שטוב אין דער טערקישער שאַל; די לאַנגע אויערינגלעך ציטערן איר אין די אויערן. וויל אָפּווישן די פאַרהויכטע שויב, דערמאָנט זיך: שבת, און טוט עס נישט. אין גאַס איז פינצטער, און דעם טאַטן וועט זי דערקענען אינעם גאַנג... אַז זי דערזעט אים, רייטלט זי זיך שטיל, שטיל און ווענדט

33

אַפּ, זעצט זיך אין אַ ווינקעלע, מיט אַ האַלב פּנים צו דער וואַנט... פאַרוואָס קומט נאָך דער טאַטע נישט? שטיקער ליכט שוין אָפּגעברענט... פאַרעדט זיך אוודאי... קלויבט זיך אַן אורח צום טיש... און אַט — עס עפנט זיך די טיר...

— גוט־שבת, גוט־שבת! דער טאַטע — פריילעך, נאָך אים דער אורח — עפּעס גרילעכציק און גרעבלעך. די מאַמע ענטפערט שטיל: „גוט־שבת, גוט־יאָר", און גייט איבער דער שטוב און שטעלט זיך מיר צוקאָפּנס. איך ענטפער נישט, מיר האָט דער טאַטע קיין „גוט־שבת" נישט געזאָגט, ער האָט מיך נישט געזען! ער זאָל זיך דערמאָנען און פרעגן, וווּ לייבוש איז. ער פרעגט נישט, מאַכט קידוש. קוקט אויף מיר און רעדט נישט אַ וואָרט. איך בין קראַנק, און ער מיינט, איך שלאָף. קוקט מיט גרויס באַרעמהערציקייט. ער וואָלט געקרעכצט, נאָר שבת... עס מוז מיר זיין ערגער. דערבער שטייט מיר די מאַמע צוקאָפּנס. פאַרוואָס לייגט זי מיר נישט די האַנט אויפן שטערן? זי וועט עס טון, זי מוז עס טון. אַנישט וועל איך מיך צעוויינען! — דערווייל וואַשט מען זיך; דער טאַטע, דערנאָך דער אורח. נעמט ער, דער אורח, אונדזער גרויסע, שווערע, צוויי־אויערנדיקע פולע קופּערנע קוואָרט אין איין האַנט אריין, גיט מיטאַמאָל אַ נאָם אויף דער צווייטער, — שעפּט אָן פון פעסל, טוישט די הענט — ווידער מיטאַמאָל אַ פולע קוואָרט וואַסער. און אַזוי דריי מאָל... ביי אונדז טראָגט וואַסער דאָס קראַנקע קליינע אייזיקל, וואָס איז מפרנס מיט וואַסער־טראָגן אַ ווייב מיט אכט קינדער, און נעמען נעמט מען ביי אונדז נישט פון דער קאַן, נאָר פאַר דער וואָך; דאָס פעסל טאָר נישט זיין ליידיק... מאַכט די מאַמע, וואָס שטייט מיר צוקאָפּנס, שטיל צו זיך, נאָר איך הער:

— פרום אויף אייזיקלס חשבון!

דעם טאַטנס „אַ וועלט זעצט מען נישט איין", און דער מאַמעס „פרום אויף אייזיקלס חשבון" — די צוויי זאַמען, די צוויי קערנדלעך, וואָס מען האָט מיר אין דער יונגער נשמה אריינגעוואָרפן, זענען קיינמאָל נישט פאַרלוירן געגאַנגען. שטענדיק, שטיל און באַהאַלטן, געשפּראָצט און אין אַלע מיינע זאַכן אויסגעשפּראָצט...

דערווייל אָבער עסט מען אָן מיר.

בין איך ווירקלעך אַזוי קראַנק?...

אָבער, איך פאָר נישט קיין שעברשין! קראַנקערהייט אוודאי נישט! ווי די פלייצעס ברעכן. אָבער צו וואָס שעברשין? קיין שעברשין פאָרט ר' זלמן דער שענקער. צום ברייט־הויז, הייוון באַשטעלן... דינגט ער ביי



ישראל זשדאַנאָוווער די פור. איז דאָך אָבער „רע־פּוילן" — מוז מען דאָך פאָרן אָדער מיט דער פּאָסט אָדער מיט א י י נ ע נ ע פערד, אָדער אָפּצאָלן אַ שטייער פאַר נישט נוצן די פּאָסט... יאָ, „רע־פּוילן" — זיפצט ער, פאַרצייילנדיק — שיקט ער אין מאַגיסטראַט אריין, אויף דער ניי־שטאָט אַרויס, און לאָזט זיך ברענגען אַ צייגעניש, אַז עס זענען זיינע אייגענע פערד. אָבער „רע־פּוילן", דער שומר וועט צולייגן נאָז און אויגן צום חותם מיט דער חתימה און פּרואוון, און אפשר נאָך אַ פרעג טון: אפשר געפעלשט? און ר' זלמן שענקער וועט דער מוטערס מילך אָנטרינען, — שיקט ער דעם אייגענעם שליח נאָכאַמאָל אין דער ניי־שטאָט און קויפט אויס אַן ערלויבעניש צו פאָרן אויף אַ געדונגענער פור... און איז זיך מיישב: „רע־פּוילן", און שיקט צום דריטן מאָל אויף דער ניי־שטאָט אַרויס און לאָזט זיך ברענגען די פּאָסט...

דאָס פאָרט ע ר קיין שעברשין...

מען טראָמפּייטערט — טראַ — טראַ — טראַ...

און אינמיטן טראָמפּייטערן:

— טפּרו — וו — ו! — — —

---

אָנגעקומען...

דער לאַנגער ייִד כאַפּט זיין פעקל און ווערט נעלם אין דער פאָרשטאָטער הילצערנער פּאָדציעגע 1), צווישן קלייטן, שטעלן און שרייענדיקע ווייבער... ר' פּינחסל, האָט זיך ארויסגעוויזן, איז נישט אינדערהיים... געקומען פון דאָרף אַ זייגעדיקע טאָכטער, וואָס איז קראַנק געוואָרן אויף דער ברוסט, צו'ן אַ דאָקטאָר און פאַרנומען זיין אַלקער... איז ער אויף די פאָר טעג אַוועק צום איידעם אין דאָרף אריין: קאַצקער האָבן פיינט עצבות, מחלות, געקרעכצערייען...

מיך מין קעסטל נעמט אַראָפּ די רביצין. אַ שוואַרצע, האָריקע, הויךגעוואַקסענע ייִדענע....

אַ מאמר המוסגר: מחויב צו גלייבן זענט איר מיר נ י ש ט. איך מאָל נישט קיין מענטשן, נאָר זייער אָפּבילדונג אין מיר, און די אָפּבילדונגען זענען זעלטן ענלעך צום מענטש; איך מיין: צום אויסערלעכן פון מענטש. עס בלייבט ביי מיר אַ שוואַרצע פאָטאָגראַפיע פון אַ בלאָנדן מענטש, וואָס האָט מיר ארויסגעזאָגט אַ שוואַרצן געדאַנק, און דווקא אַ

---

1) פאָד־ציען — פויליש — אונטערן שאָטן.

העלע און גאָלדענע — פון א שוואַרצער, וואָס האָט מיר א שטראַל אין הארץ אַריינגעוואָרפן, פון נאָך א שוואַרצער אויג... די זעלישע ליניען און פאַרבן פאַרדעקן פאַר מיר די אויסערלעכע ליניען און פאַרבן פון קערפּער.. די רביצן האָט געקענט גאַנץ אַנדערש אויסזען...

נאָר, ווי זי האָט נישט אויסגעזען, זי נעמט מיך אַראָפּ מיטן קעסטל, רייסט אונדז ביידע קוים אַרויס פון צווישן א קרענצל ווייבער, וואָס האָט זיך שוין אַרום אונדז פאַרזאַמלט... פון די ווייבער פליען צו מיר ווערטער:

— ר' יודעלעס... ריוועלעס... זון... עלטסטער זון... אהערגעשיקט... מין־הסתם — סחורה! צו ר' פּינחסלען — ער וועט אים שוין מאַכן פאַר א לייט... א שאלה... א יונג ביימל...

— אָבער, וואָס פאַר אַן אויגענעס! זעט! זעט! —

לאָז איך די אויגן אַראָפּ. און די רביצן פירט... און זי פירט מיך אַריין אין א פאַרשאָטנטער שטוב, — נאָר א טיר מיט א פענצטער אויף דער טונקעלער פאָדציעניע אַרויס... אין שטוב, קוים איך דערזע — קויי מען־אויוון, א טיש און א לאַנגע באַנק. א פּאָר בענקלעך... ביי די ווענט — זעק... גראָע, וויינענדיקע ווענט (פּונקט מיין היים, מיין אויסגעמאָל־ טע, ליכטיקע...) זעק מיט קאַרטאָפל, פון איינעם אַביסל אויסגעשיט... הויפן ציבעלעס, מייערן... זי ציט מיך ווייטער, אין א נאָך פינצטערער שטוב אַריין, וואָס ציט איר ליכטיקע היונה דורך אַן אָפענער טיר אין ערשטן צימער אַריין, און האָט נאָך א פאַרמאַכטע טיר צום אַלקער...

— ר' פּינחסלס אַלקער, אַצינד פאַרנומען... מיין טאָכטער נעבעך... מיט נאָט זיין הילף... געזונט אָפּפאָרן די טעג. ר' פּינחסל וועט קומען... אין אַלקער וועסטו לערנען מיט אים תורה...

דאָס קול איז אויך שוואַרצלעך און האָריק, און פאַרגעסט נישט צוצוגעבן:

— ליכט, ייִנגעלע, וועסטו קויפן...

און גיט עפּעס א וויסטן שמייכל אין דער פינצטער:

— נישט אמת, ייִנגעלע, די מאַמע האָט דאָך דיר מיטגעגעבן קליין־ געלט...

און דרינגענדיק:

יאָ?

— יאָ, יאָ! זאָגן אָבער קען איך נישט, קלינג איך מיט דער האַנט אין קעשענע.



— א סך, א סך... נו, ייִנגעלע, דערוויל זעץ דיך... ביסט דאָך מיד פון וועג. אָט־דאָ, ייִנגעלע! דאָס בענקל שאָקלט זיך נישט...

זי זעצט מיך.

— און דאָ, זעסטו ביי דער וואַנט, צווישן דער שאַנק און דעם פעסל וואַסער (פון אַלקער הערט זיך קרעכצן. זי: באַלד, באַלד, טאָכטערשי, איך לויף שוין אַקעגן דעם דאָקטאָר! —) דאָ וועט זיין דיין געלעגער. איך וועל דיר פיין אויסבעטן. און דערוויל (א קרעכץ און — באַלד, באַלד, אותו הרגע... ס'ייִנגל איז דאָך הונגעריק!) אָט זעסט, א שיסעלע ציבלקעס, ערשט געמאַכט; געוווסט, דו קומסט. און רעטעך אַביסעלע, שוויצט פון זאַלץ... עס, עס... איך לויף נאָר אַקעגן דעם דאָקטאָר, ברענג איך דיר א גלאָז מילך... אָט אַן אייערקיכל. זאָלסט דיך נישט דאַרפן וואַשן.

זי פאַרשווינדט. דער הונגער טוט זיינס, איך וויל אויך „פאַרעסן" דאָס קרעכצן פון אַלקער... איך עס, און די טרערן (פאַרוואָס?) רינען מיר פון די אויגן איבער די באַקן אין שיסעלע אַריין... אָבער — פאַרוואָס האָט מען מיך עס פאַרטריבן פון דער היים? וואָס האָב איך אַזוינס געזינדיקט? — איך וויל נאָכקלערן, דערמאַנען זיך, פאַרטראַכט זיך און קען זיך נישט דערמאַנען. פאַרטראַכטערהייט אויפגעגעסן דאָס גאַנצע שיסעלע. עס וועקט מיך א שרעקלעכער דורשט. געוווינט שוין אַביסל צו דער פינצטערקייט, דערזע איך אויפן טיש א גלאָז מילך. מיין איך, די רביצן איז שוין געווען, נעבענגט, און איך האָב נישט געהערט. כאַפּ איך, טרינק אויס; — און, דאָס גלאָז נאָך אין דער האַנט, — די רביצן, מיט א גלאָז מילך!

— א בראָך איז צו מיר! א קלאָג איז צו מיר!

צוויי גלעזער פאַלן: פון מיין האַנט און איר האַנט. צוויי קלינג און געפּלאַצעריי. א טויט־שרעק־געשריי פון אַלקער...

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז איך האָב אויסגעטרונקען דאָס גלאָז מילך, וואָס מען האָט אָפּגעצאַפּט פון דער קראַנקער ברוסט, צו ווייזן דעם דאָקטאָר.

די רביצן, ענדלעך, זאָגט:

— אַז מען זאָגט משוגע, גלייב!

— — — — — — — — — — — — — — —

ווייסט שוין שעברשין אויך פון מיין משוגעת, פון מיין פאַרהלומט־ קייט, טוען אַלץ קאַפּויר. און ווער עס וויל, נעמט אין בית־המדרש א שטיקל קרייד, מאַכט אויפן טיש א ראָד, אין מיטן ראָד — א פּינטעלע. אַרום ראָד שרייבט מען אויף אַלע מעלות־טובות, וואָס א מענטש קען

35

האָבן: אַ גוטער קאָפּ, אַ גוט האַרץ, אַ גוט אויג... און אינמיטן, ביים קליינעם פינטעלע — „משוגע”...

„אביסל משוגע וואָלט נישט געשאַדט, נאָר, אַז דאָס משוגעת איז אינדערמיט, און אַלע מעלות אַרום, — איז אַלץ משוגע...

דערווייל איז דאָס ווייבל געזונט געוואָרן, אָפּגעפאָרן געזונטערהייט. ר׳ פּינחסל — געקומען, דעם אַלקער פאַרנומען..

ליכט, צו באַלייכטן דעם אַלקער נעמט מען ביי מיר; נישט ער, די רביצן... יעדעס מאָל זאָגט זי: „ר׳ פּינחסל זאָל וויסן, וואָלט ער מיר די קאָפּקע אָפּגעריסן...” איך באַמערק, אַז עס איז „צום גראָס”, און בין איר מוחל... אָבער לערנען אין אַלקער לערן איך זייער זעלטן. בייטאָג איז ר׳ פּינחסל דאָס מיינסט פאַרנומען מיט בוררותן... פאָרט אַמאָל אויף אַ טאָג אין אַ בוררות ערגעץ אין אַ דאָרף, צי אין אַ נאָענט שטעטל אַריין. ביינאַכט האָט ער אין אַלקער היתבודדות, טרעט אויף און אָפּ, אָדער זיצט און שרייבט „חדושי תורה”... אַ מחבר — ר׳ פּינחסל! אַמאָל, זאָגט מען, וועט די וועלט אַ גרויס ליכט דערזען, אַ גרויס ליכט מק״ק שעברשין... דאָס ליכט האָט מען נישט געזען... ר׳ פּינחסל איז געקומען אין זיין צייט צו קברי־ישראל, — וווּ די „חדושי־תורה” זענען אַהינגעקומען, — איך האָב מיך שפּעטער נאָכגעפרעגט, — ווייסט קיינער נישט; אפילו די רביצן נישט... און איך לערן אָן אים. „דער עיקר — זאָגט ער — איז דאָס לייענען... דאָס לערנען פאַר זיך. דאָס שאַרפן זיך אַליין דעם מוח... צום רבין דאַרף מען קומען מיט ספיקות, מיט שאלות... מיט „הדבר הקשה”...

„און דער עיקר לערנען איז פאַר טאָג... מאימתי...

און ער טוט זיך זיינס ביי מיינע ליכט אין אַלקער גאַנצע נעכט, און מיר שאַפט ער אַ חבר, צו לערנען פאַרטאָג אין בית־המדרש... אַהיים דערפון שרייב איך נישט. ערשטנס — פויל צום שרייבן בריוו, ביזן היינטיקן טאָג! צווייטנס — עס שמעקט מיט מסירה! דריטנס, אַז „זיי” האָבן מיך אוועקגעשיקט, איז נישט זייער דאגה... פאַראַן נאָך אַ פערטנס — און דאָס איז דער עיקר — איך בין אים דאַנקבאַר פאַרן חבר. דעם עלטערן חבר האָב איך ליב באַקומען אהבת־נפש. מיט פרייד כאַפּ איך מיך אַראָפּ, פירן פאַרטאָג פון געלעגער, און לויף צום חבר... און וואַרט אָפּ זיין קומען מיט יונג. האַרצקלאַפּעניש! לערנען לערנען מיר „זבחים”, און איך קריג ליב, צוליב אים, די סוגיא... אַ יונגערמאַן, וואָס דערמאָנט מיך מיין פעטער לייבוש מיט די בלאָע טאַנצנדיקע, דינע אָדערלעך ביי די שלייפן. יענער האָט אויך ליב צו לערנען פאַרטאָג. איך בין אַמאָל קראַנק געלעגן ביי



דער באָבען אין דער גרויסער שטוב. און יעדן פאַרטאָג זיך איינגעהערט, ווי ער לערנט, שטיל, שטיל־זינגענדיק. דער יונגערמאַן, מיין חבר, לערנט אויך האַרציק. די שטימע — ווייך, סאַמעטן, פאַרגנבעט זיך אַזוי צום האַרץ. און שוואַרצע, שוואַרץ־גלאַנצנדיקע פיאות געלאָקטע האָט ער. און כאַפּט אָפּט איין עק פיאה אין מויל אַריין. דורך די רויט־זאַפטיקע ליפּן, צווישן די מילך־ווייסע ציין. און אויגן אונטערן שטערן, היינט וואָלט איך געזאָגט: „פייכט פאַרבענקטע”, דעמאָלט: אַזוינע גוטע, גוטע”... „גוט” און „טרויער” איז דעמאָלט ביי מיר דאָס זעלבע. און באַקן עטוואָס געלבלעכע, פאַרשאָטנטע, נאָר מיט אָפּגלאַנצן פון די „גוטע” אויגן... איינמאָל, לויפנדיק אַזוי פאַרטאָג אין בית־המדרש אַריין, האָב איך דערזען אַ „רוח”. ער האָט זיך געוויגט אין דער לופט, אַראָפּהענגענדיק פון אַ פענצטער אין אַן אַלט הויז... „נישטאָ קיין רוח”, ווייס איך! דאָס האַרץ אָבער קלאַפּט, דאָס בלוט פולסירט. אָבער — איך זע דאָך פאָרט... דאָס האַלט מיך נישט אָפּ. איך לויף פאַרביי, נישט צום מקום־מיקדש, נישט צו „זבחים”, — איך ווייס יעצט באַשטימט — צו מיין „חבר”... זיינע אויגן רופן מיך... שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן: עמעץ האָט אַרויסגעהאַנגען אַ העמד צו טריקענען... אָבער מיין שרעק, און דער לוין פאַר דער שרעק — זיין צערטלעכקייט!...

אין עטלעכע יאָר אַרום איז דער יונגערמאַן געקומען קיין זאַמאָשטש, זוכן פרנסה. זיין פאָטער איז שטענדיק געווען אַן אָרעמאַן און נעטון מיט אים אַ געלט־שידוך, מיט אַ רייכן אַרענדאַר פון אַ מיל. דער פּריץ האָט זיך געענדערט, אָנגעהויבן צו פאַרלאַנגען הוספות, דאָס געשעפט איז ערגער און ערגער געוואָרן, דער מילנער — בדיל־הדל און מיין יונגערמאַן איז געקומען זען זיך עפּעס אַ געשעפט, מפרנס צו זיין — זיך, זיין ווייב און קינד, און דעם אַלטן שווער מיטן הויזגעזינד. אַן אַנדערער מענטש. דאָס פּנים האַרט־ביינינק, אין די אויגן — דאגת־פּרנסה, שרעקיקע דאגות־פּרנסה... איך האָב מיט אים מיטגעליד און דאָך מייד איך אים אויס. איך האָב אין האַרץ אַ שיין בילד פון אַ געליבטן מענטש; ביי יעדן טרעפן זיך מיט אים ווערט דאָס בילד טונקעלער, פאַרשאָטנטער, און איך וויל עס היטן ווי אַן אוצר... מייד איך אים אויס...

שטיי איך אויף, ווי געזאָגט, פיר פאַרטאָג, און ביינאַכט שלאָף איך זייער שלעכט. דאָס פעסל וואַסער קילט מיר דעם קאָפּ; וויל איך איבערדרייען דאָס געלעגער; מיין שוואַרצע רביצן פּאַטשט מיט די הענט:

— אַזאַ משוגעת, מיט די פיס צו דער טיר וויל ער ליגן...

שלאָף איך און שלאָף נישט, און הער אַלץ, וואָס אַרום טוט זיך. הער

36

איך, ווי ר׳ פּינחסל גייט אויף און אָפּ אין זיין אַלקער, אָדער סקריפּעט מיט דער געדרזוענער פעדער איבערן פּאַפּיר, אָדער שטעלט זיך אַרויף אויף אַ בענקל און זוכט אַ ספר אין הענגנדיקן וואַנט־שענקל... אַביסל „אָנגע־רידט" בין איך שוין, קלער איך, וואָס זוכט ער: אַ „קולא" צי אַ „חומרא"?

— געשריבן אָבער האָט ער פּשטלעך... געוואָלט אַרויסגעבן אַ ספר מיט פּשטלעך פאַר בר־מיצווהס און חתנים... ווי געזאָגט, פאַרלוירן געגאַנגען!

די רביצן קלאָגט זיך אַמאָל:

— ער זאָל מיר עס אַמאָל צוהעלפן צו דער אַרבעט...

און ער ענטפערט אין דער דריטער פּערזאָן:

— זאָג איך, אַז איך וועל מיין ספר ענדיקן, וועל איך איר קויפן פּערל...

די שוואַרצע האַריקע רביצן, מיטן וואַרצל (וואָס איך דערזע ערשט) אויפן שטערן, רייטלט זיך פאַר נחת. די אייגעלעך גיבן אַ פינקל, פּערל האָט אַ יידענע ליב, תורה — אויך! און גיט זיך, זיך נישט אויסצוגעבן, אַ ווענד אָפּ צו דער וואַנט... מיין מאַמעס באַוועגונג, נאָר אַזוי אומגעלומפּערט און (וואָס נאָך מיאוסער איז) אַ כאַפּ דעם פאַרטעך צו דער נאָז.

און אָפּט באַקום איך צו הערן, ווי די רביצן רעכנט זיך, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין מיט שכינות, מיט וועלכע זי האָט געקויפט און פאַר־קויפט בשותפות אַ מציאה...

הייבן הייבט זיך עס אָן שטיל, זייער שטיל... גליך שטילע פּייער־לעך צישען, שלענגלעך וואַרפן זיך איבער צישענדיק (דעמאָלטדיקער איינ־דרוק; ווו איך האָב דעם אויסדרוק גענומען, ווייס איך נישט!) און אַלע מאָל: טסס... דאָס יינגל שלאָפט. אָדער: „וועקט נישט דאָס משוגעתל", און „ר׳ פּינחסל שרייבט תורה!" פּלוצלינג — אַ הויך וואָרט, באַלד אַ גראָבס, און נאָך, און נאָך...

— „גנבטע, גזלנטע"... אַ קללה אַ שאַרפע... און שטענדיק מיינט מען „מיין" רביצן... און: שאַ, שאַ!

זי גיט נאָך! איר געלט, זייער נשמה! לאָ׳מען נאָר איר פּינחסלען נישט וועקן... און דעם „תכשיט", וואָס קען אהיימשרייבן אַ בריוו...

און עס ווערט רואיקער... און, נאָך די חשבונות — גלאַט אַ גערייד... מען געגעצט, און עס פעדעמט זיך איין אַ שמועס. דאָס מערסט רעדט די רביצן, וואָס זיצט ביים קוימען־אויוון, נישט ווייט פון דער טיר און מיין געלעגער. און רעדן רעדט זי פון איר קינפּטיקער שנור פּערל און שפּעטערן חלק לעולם־הבא — פון איר ר׳ פּינחסלען, און — גאַנץ אָפּט פון מיר...

דעמאָלט ווער איך אינגאַנצן וואַך. עס אינטערעסירט מיך. איך



ווער פון איר זייער פיל געוואָר און דערמאָנט. איך טו פיל זאַכן אומ־באַוווסט און פאַרגעסן פאַרגעס איך נאָך מער.

זי רעדט, שטריקנדיק אַ זאָק, אָדער צערנדיק אַן אַלט בגד. אַנדערע טוען דאָס זעלבע; מען גייט נישט פון שטוב אַרויס, אָן אַן אַרבעט אין בוזעם. און אַלע אינטערעסירן זיך מיט מיר, מיטן „תכשיט", מיטן „משוגעת", מיט „די גרויסע, ברענענדיקע אויגן". „ווי ברענענדיקע הבדלות", האָט איינע פאַרגליכן; איך האָב עס גענומען אין „מאָניש" אַריין. און די רביצן רעכנט אויס מיינע שיגעונות. פאַרציילט, ווי איך רייס אַלץ פון מיר אַראָפּ, ווי איך שלייף אָפּ די אָפּצאַסן פון די שטיוול. „אפילו דאָס היטל צערייסט ער"...

— אַ וווּנדער! אַז אַ יונג לויפט אַרום גאַנצע טעג... ר׳ פּינחסל איז דאָך שטענדיק אַ פאַרטראַכטער, אַזאַ למדן! און איידער ער קוקט זיך אום, והילד איננו! (שקר, ער קוקט זיך גאָרנישט אום!) זוכט מען (אויך זעלטן אמת). ווו געפינט מען אים? הינטער דער שטאָט. ווו איז ער דער בחור? ביים וואַסער, אויף דער לאַנקע אויסגעצויגן. קוקט אין הימל אַריין אָדער מיטן פּנים צום גראָז... אָדער רוקט זיך ביז צום ראָד פון דער וואַ־סערמיל (מיין יונגנמאַנס שווערס אַרענדע). און „אַז ער גיט אַ קאָלער זיך ווייטער? און אַז אַ קו, וואָס פּאַשעט זיך, וועט אים געבן אַ כאַפּ אויף די הערנער? — ווער וועט זיין שולדיק?"

און נאָך, און נאָך. אַ מאַסע קלייניקייטן: דורכגעלאָפן די פּאָדציענע און, מעשה־שטן, פאַרטשעפּעט זיך אָן זיין קנאָפּ — מנחם־מענדלס בת־יחידהס צאָפּ... ווערט אַ געשריי: מזל־טוב! מזל־טוב, חתן־כלה! די ווייַ־בערישע צונג האָט דאָך קיין ביינער נישט! גייט דער יונג, שטרעקט אויס די הענט צום מיידלס קאָפּ — האַלט זיך אים גליך פאַרן פּנים און זאָגט: אדרבא, אַ שיין מיידל! געהערט אַזוינס!...

— און מיינט איר — גייט מען איבער, נישט אָן גדלות, צו מיין אָפּשטאַמונג, — מיינט איר „אבי־ווער?" — פון אַ שטיין? אין גאַס געפונען? פון פאָטערס — ר׳ יודלס צד — אויסגעוויקסט אין תורה, אין גדלות, אין עשירות, ביז צום רבין ר׳ העשל!...

אַ שפּרונג, ווייל פון דעם צד נישט „באַהאַוונט". פאַר דאָס אויס־פירלעכער פון דער מאַמעס צד, — זאַמאָשטש! —

און איך. ווער געוואָר (אויב אמת), אַז מיין עלטערזיידן פון דער מאַמעס צד האָט מען גערופן „דער סטאַראָסטער". „ר׳ לייבוש סטאַראָס־טער"; א י ך הייס נאָך אים — דער מ ש ו ג ע נ ע ר לייבוש! (איך

37

פאַל דאָך ביי מיר נישט אַראָפּ!) און פאַרוואָס האָט מען אים גערופן סטאַראָסטע? ווייל ער האָט זיך געפירט ווי אַ סטאַראָסטאַ, ווי אַ שׂררה! געהאַט זיך זיין באַזונדערע שטוב, נ י ש ט קיין אַלקער! רויט־געפאַרבטע טיש און בענקלעך, געטראָגן זיידענע זאָקן, גערעדט דייטש ווי אַ וואַסער, און אַז עס איז געקומען דער שׂררה זאַמאָיסקי, דער אָרדינאַט, וואָס האָט זאַמאָשטש געבויט, פלעגט ער אים רופן און רעדן מיט אים פּה־אל־פּה. און נישט: „סלוכיי, זשידקו!" נאָר מיט גרויס דרך־ארץ...

און די עלטערבאָבע האָט אַ געוועלב געהאַט, אַ גרויס געשעפט פון קאָלאָניאַל־סחורה, טאַקע מכּל־טוב און — מעבר-לים... סחורה פון לייפּסק; היינט האָט דאָס געשעפט בירושה מיין פעטער אינעם האַרטן קאַפּעלוש, ווי דערמאָנט — דער שפּעטערער זאַמלער פון מיינע היימיש־געבאַקענע שירים. און אין דעם געוועלב — הערט, וואָס אַ ײדענע אַ צדיקת קען! — זענען געווען אָפּגעטיילט צוויי שופלאָדן: איינס מיט ראָזשינקעס, דאָס צווייטע מיט מאַנדלען, פאַר אָרעמעלייט. דער גאַנצער פּידיון — אויף צדקה! און קומט אַריין אַן אייגן קינד און וויל אַ ראָזשינקע, קריגט עס איבער די הענטלעך; מוז עס אַריינוואַרפן אין באַזונדערן שופלעדל פאַר אָרעמעלייט אַ גראָשן... אַ פּרוטה... (דעמאָלט נאָך פּרוטות געגאַנגען).

און ווערט שטיל, און איך דרימל עטוואָס פעסטער איין, בויט זיך אויף פאַר מיר „מיין" און זאַמאָיסקיס זאַמאָשטש — דאָס קליינע פּאַריז. און, ווי דערמאָנט, אויסגעמישט מיטן עלטערן זאַמאָשטש, פון וועלכן איך האָב קינדווייז געהערט.

און איך זע זאַמאָשטש נאָך אַלס פעסטונג אין איר מאַכט, פּראַכט און אַרומגעוואָרפענער שרעק... אַרום — נישט פּאַרלאַזטע, נישט אָפּגעשיטע, נישט אָפּגעשטאָכענע וואַלן; צווישן וואַלן און וואַלן — פאָסן מיט וואַסער; טיף, קלאָר וואַסער... אַ זעלנער, פון אַ דאָרף אין טיף רוסלאַנד, האָט זיך אַמאָל אַהיים פאַרבענקט, אַנטלאָפן פון קאַזאַרמע, געוואָלט אַריבערשווימען דאָס וואַסער, צו שווערע שטיוול געהאַט, און — דערטרונקען געוואָרן. אַרום, אויף די וואַלן — האַרמאַטן, קאַרטעטשן, דריי און פיר עקן מיט קוילן, — מען טאָר אויף זיי נישט ווייזן מיט אַ פינגער! עס גייט אויף און אָפּ אויף דער וואַך אַ באַוואָפנטער זעלנער, און גיט מען אַ וויז מיט אַ פינגער — „פיף־פּאַף!", געשאָסן, און לית־דין ולית־דיין! ס'קומט אַזוי!

די בראָמען זענען נאָך בראָמען. אינדערפרי בלאָזט אַ טראָמפּייט, עפנט מען. פאַרנאַכט שפּילט מען „זאָרים" — פאַרמאַכט מען... די לובלי־



נער בראָם איז ווי־זאָ־ווי צו די בית־המדרש־פענצטער... צווישן דער וואַך און דער בראָם איז פאַראַן אַ זעלנער אַ קאַנטאָניסט... אַ גאַנצן טאָג ליגט ער אינדרויסן, מיט די אויגן פאַרקוקט און די אויערן אויסגעשפּיצט צו די בית־המדרש־פענצטער צו... נאָך זאָרים, אַז די וואַך גייט אויף און אָפּ, פאַרגנבעט זיך דער קאַנטאָניסט אין בית־המדרש אַריין און זעצט זיך לערנען.

מען האָט אים אַמאָל געכאַפּט, אויפן פלאַץ, צווישן וואַך און בית־המדרש, „סקוואָז סטראָי" געטריבן... בלוט האָט געשפּריצט, ער האָט קיין קרעכץ נישט געטון... מיטן איינגעשפּאַרטן שווייגן דעם אָפיציר, וואָס איז דערביי געשטאַנען, אין צאָרן אַריינגעבראַכט: וואָס זשיד! אַ קאָמאַנדיר געטון: זשיוועי, רעביאַטאַ! האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ שמייסעניש... ווי אין די „דריי מתנות"... אין בית־המדרש האָט מען געחלשט... די קלאָג אין עזרת־נשים, וווּ ווייבער זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן, איז אין־לשער — „כל־נידרי" איז גאָרנישט!

אַכציק ריטער האָט ער באַקומען און פאַרשוווּנדן... ערגעץ פאַרשיקט געוואָרן...

און איבער די „וואַסערן" פון די פאָסן, הינטער אַלע דריי בראָמען, — דריי אייזערנע הענגל־בריקן אויף קייטן... פאַרן עפענען די בראָם לאָזט מען זיי אַראָפּ, פאַרן פאַרמאַכן ווערן זיי אויפגעהויבן...

פלוצלינג ענדערט זיך דאָס בילד, און איך זע „שעלמעווען" אַ פאַרזינדיקטן אינמיטן מאַרק... איך בין נאָך אַ קינד, גיי אַרויס פון דרדקי־חדר און קען אַהיים נישט קומען. „מען וועט שעלמעווען"...

אינמיטן מאַרק שטייט אַ טיש, אויפן טיש ברענט, אין עפּעס אַ בלי, אַ פייערל. אויפן טיש שטייט דער האַלב־נאַקעטער פאַרזינדיקטער... ביי'ן אים — דער היצעל (הונט־שלעגער, תּלין). ער האַלט מיט דער לינקער צו דעם זינדיקן און אין דער רעכטער — אַ הילצערנע שטול פון אַ חתימה, וואָס גליט אין פייער... עפּעס אַ מיאוס שרעקלעך וואָרט שטייט אויף דער חתימה. גנב, צי רוצח... איך געדענק נישט... אַרום טיש — דער גאַרניזאָן מיט דער מוזיק, אַרום מיליטער מיט דער מוזיק — עולם... שטאָטלייט. „מיעשטשאַנעס" פון די פאָרשטעט — קינד און קייט, אפילו פויערן מיט פויערטעס, וואָס זענען צופעליק פון דאָרף געקומען. דער מאַרק — געפּראָפּט. פול קעפּ — די פענצטער, פול דעם אַפּטייקערס באַלקאָן... קליי־

נע מענטשעלעך — אויף די דעכער, ארום די קוימענס 1) „דווידל גנב" קריכט ארויף אויף א בלעכענער רינע... מען באמערקט עס:

— די רינע וועט זיך אפרייסן!

שפרינגט ער אראפ ווי א קאץ...

פלוצלינג — א שטילקייט פון פאר שופר בלאזן. דער היצעל כאפט ארויס די חתימה, די מוזיק גיט א שמעטער, די חתימה ווערט צוגעליינט צום זינדיקנס שטערן, דערנאך צום נאקעטן עלנבויגן...

ווערט מיר פלוצלינג קאלט, כ'צי ארויף די קאלדרע, איך ציטער אינגאנצן. עפעס א האנט (א הארטע, דער רביצנס!) טאפט מיר דעם שטערן...

— פינחסל, פינחסל... היץ האט ער!

— — — — — — — — — — — — — — — —

געזונט געווארן, צום זמן איז קיין סך נישט געבליבן, שיקט מען מיך אפ, ר' פינחסל דארף סיי־ווי־סיי פארן כשרן מילן אויף פסח. און אזא תלמיד דארף ער נישט. פון מיין קרענק אבער פארציילט מען נישט, און מען שיקט מיך אפ מיט א גאנץ פעקל מסירות: „עס איז פון מיר נישט אויסצוהאלטן. אמת משוגע". פאקטיש, וואס מען האט געמסרט, גע־דענק איך נישט. עס האט מיך ב א ל ד נישט אינטערעסירט, אבער נוארט ביי ווארט פאלש. מיך צו פארטיידיקן האב איך קיין צונג נישט אין מויל. דער טאטע שרייט אביסל, וועט ער זיך אויסשרייען. די מאמע נויל אביסל וויינען, ווארפט אבער אויף מיר א בליק, זעט מיין רואיקייט און ציט צוריק די טרערן; דאכט זיך, אומבאוווסט איבערצייגט, אז — נישט קשה...

אין בית־המדרש רעדט מען אביסל. דערנאך אינטערעסירט מען זיך מער צו וויסן, וואס און ווער ר' פינחסל איז... איך ווייס נישט, וואס צו זאגן. כמעט אים נישט געזען, אדער פארגעסן.

— וואס האט ער מיט דיר געלערנט?

דאכט זיך, גארנישט...

און עס גלוסט זיך נישט צו דערמאנען. גוט, אז אויסגעלייזט, פריי בעווארן...

אבער נישט אויף לאנג. „וועסט לערנען אין דער היים" — (שלעכט!) „א פאר שעה אין טאג" (א!) ביי ר' אברהם־יהושע... דו און... מען רופט מיר אן א חבר, מיט וועלכן איך האב ווירקלעך א קורצע צייט געלערנט,

1) אויך „דריי מתנות".



און קען מיך יעצט בשום־אופן נישט דערמאנען, נישט מיין חברס נאמען, נישט זיין געשטאלט, און נישט וואס מיר האבן צוזאמען געלערנט. ביכלל פליען מיר אין קאפ ארום גאנצע סוגיות, גמרא־שטיקער, אבער ביי וועמען געלערנט און ווען? געדענק איך נישט.

ר' אברהם־יהושע איז פריער דיין געווען. פארוואס אויס דיין גע־ווארן? אז איך פרעג, פארשווייגט מען. האט אפילו קיין גליק נישט צו בוררות. מען נעמט אים נישט גערן. א „דרייקאפ!" זאגט מען. א למדן איז ער. פון די גריבלער, און האלט פון אייגענעם קאפ עולם ומלואו... פון אויבן־אויף — א גרויסער ירא־שמים. נאר עפעס גלייבט זיך נישט... א קורצזיכטיקער, לאנגקעפיקער, פארטאביקטער ייד אין אן אלט ספאדעקל מיט לעצלעך. ביי אונדז אין שטוב הענגען צוויי פארטרעטן, פון טאטן צופעליק ערגעץ אויף א ליציטאציע געקויפט, נאפאלעאן דער דריטער און זיין ווייב — די יפהפיה, די קיסרטע עוגעניע. הענגען מיר איבער די יפהפיה אויפן ירא־שמימס זייט. ווארפט ער א בליק, ווענדט אים ראש אפ און קוקט שוין צו דער קעגנאיבערדיקער וואנט, וו מיר האבן גע־טווישט און אויפגעהאנגען נאפאלעאנען. צומארגנס — הענגט עוגעניע צוריק אויף איר ארט... ער בריט זיך ווידער אפ, קוקט שוין נישט אויף די ווענט...

קומט אבער צו „קענטעניש", קריכט שוין זיין גאווה ארויס פון דער שייד אינגאנצן.

שפראכן? הבלים! ווען ער זאל וועלן קענען א שפראך, נעמט ער א ווערטערבוך און לערנט עס אויס, אין א חודש צייט, אויסנווייניק, קען ער די שפראך...

— און אייערע חכמות!

— רבי, ווי אזוי, למשל, קען מען וויסן, ווי ווייט עס איז פון אונז די זון?

— חוזק!

„מען נעמט א ליכט, מען מעסט אויס די הויך מיט דער ברייט — דעם גאנצן פארנעם פון פלעמל. דערנאך נעמט מען און מען רוקט פא־מעלעך פון זיך אפ דאס ליכט, למשל: אויף ד' אמות, און מען מעסט איבער... זעט מען, אז דאס פלעמל איז, אויף ד' אמות, אויף אזויפיל און אזויפיל קלענער. טיילט מען דעם מהלך צו דער זון אויף ד' אמות, א פשוטער חילוק, און מען טאפלט מיט דער צאל פון קלענער ווערן... א פשוטער כפל"...

39

פלאַצן מיר אַרוים מיט אַ געלעכטער!

— און ווי מעסט מען דעם מהלך פון דער זון?

אויך פשוט, און נעמט אַ שמעק טאַבאַק: אַ פשוטער חשבון, נאָר פאַרקערט... אַז מען ווייסט, ווי גרויס די זון איז און ווי קליין זי זעט אויס, דאָס מעסט מען שוין מיטן אויג — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס הילכט אַ ניי געלעכטער. באַליידיקט, פאַרשווייגט ער און נעמט זיך צום לערנען.

דער וויכוח שמעקט, ווי איר האָט געוויס באַמערקט, מיט „בערנשטיין"...

ווי קומען מיר צו בערנשטיין?

„הנצנים נראו באָרץ!" — עס שמעקט שוין אין „קליין פאַריז" מיט השכלה...

דערפון אין די ווייטערע פרקים!

---

## 6. „דריי טפחים" איבערן השכלה־וואַסערל. — ליידנשאַפטלעכע ליבע צום לעבן; פראָבי־לעמען וועגן טויט. — דער ביבליאָטעק־שליסל.

ראַש וואַקסן יידישע קינדער; הלוואַי אַזוי אויסערלעך, ווי אינערלעך!

וואָלט איך געהאַט אין דער האַנט, אַנשטאָט אַ פעדער צום באַ־שרייבן, אַ בליישטיפט צום צייכענען, וואָלט איך פון מיר, פון דעמאָל־טיקן, פון ייִנגלישן — אַ קאַריקאַטור געמאַכט:

קליין, מאָגער, הענט און פיס, ווי די שטעקלעך; אַ קאָפּ — אַ גרוי־סער; אַ שטערן אין קאָפּ — אַן איינגעשרומפּענער; אונטער אים — אויגן, גרויסע, זוכנדיקע, שמערצלעך־פרעגנדיקע...

און איך זיץ אין אַ שיפל, אַ קליינס; דאָס שיפל איז צוגעבונדן צו'ן אַ שפּאַרעוודיקן לופט־באַלאָן, וואָס טראָגט עס... טראָגט עס דריי טפחים הויך, איבערן השכלה־וואַסערל... דאָס שיפל איז איבערגעלאָזט אויפן ווינטס באַראָט. — א י ך, אין דער ה א נ ט — האָב אַ שמעטערלינג־נעצל, מיט וועלכן איך באַוועג האַסטיק אין דער לופט און כאַפּ פּראָבלע־מען... און זעגל אַזוי אַריין, פראָבלעמען כאַפּנדיק, אַן מיין ווילן און וויסן, אין ערוואַכנדיקן געשלעכטס־פּראָצעס...

„דריי טפחים" איבערן השכלה־וואַסערל.

השכלה איז „בילדונג" — קענטעניש פון שפּראַכן, „ווי אַ שטיוול הייסט אויף כמה לשונות"... און — אביסל לידער אויף אַלע „פיר צייטן פון יאָר"... דאָס איז געווען: שיפּמאַנס „פקד־פקדתי"; שטערנס „מאָיען, ווי האָבען זי געשלאָפען?" דעם פעלדפעבלס פּריציאַסטיע און דיעיעפּרי־ציאַסטיע על־פּי גרעטש... דאַצו די דעקלאַמאַציע, ביי דער שיין פון דער לבנה: לו אדע, כי יהרוס קולי בבוה... פון מיינע חברים איין חבר־יצחקל, וואָס האָט געענדיקט דעם גימנאַזיום אין דער היים און איז ערגעץ אוועק ל ע ר נ ע ן . . . ווערן אַ „דאָקטאָר!"...

מיך אָבער באַשעפטיקן „דברים העומדים ברומו של עולם"... „הויה" און „יצירה"!

40

נאָך וואָס האָט גאָט די וועלט באַשאַפֿן?

אַז, להכעיס אַריסטון וכל חכמי יוון, איז די וועלט נ י ש ט קיין קדמון, קען איך באַווייזן „שוואַרץ אויף ווייס"... און — דווקא אַ „יש מאין"! העכסטנס — פֿון „חומר היולי"... און נאָר, כביכול, מיטן וואָרט: „יהי אור!"...

גוט, אָבער נאָך וואָס?

דער מענטש (ציל און צוועק!) זאָל אים דינען?! וואָס דאַרף עס אַ גאָט? ער זאָל קענען געבן שכר, נישט פֿאַרשעמען מיט מתנת־חינם? (דער רבינו תם) דאָס איז אָבער שייך בײַ'ן אַ בשר־ודם קעגן אַ בשר־ודם... וועלכן איך קען דינען. נעם איך בײַ אים דאָס נישט פֿאַרדינטע, ווערט אים ווײ נ י ק ע ר... („אין חדר אַרײַן, שקצים!") געשווינדער לייגט זיך אויפֿן שכל דאָס אויסשטראַלן אין ספירות... עפּעס ווערט אָבער, אַזוי דאַכט מיר, געשמעלט דער געטלעכער ווילן... אַ שאָד! און אין איין וועגס שרעקן די גרענעצן פֿון כל־יכולס אַלמעכטיקייט... אומענדלעך און דאָך באַגרענעצט: ער קען פֿון קיין דריי־עק קיין פֿיר־עק נישט מאַכן... און די שפּעטערדיקע שרעק פֿון ז י נ ד י ק ן פֿון „אין פּאָליש אויף דער קייט": פֿון איין מאָל געשעענעם וועט ער קיין קוצו של ייוד נישט ענדערן...

און וואָס איז לעבן אויף דער וועלט? און וואָס איז גיין פֿון דער וועלט — טויט?

און, ווי אַנגעוויזן, די פּראָבלעמען, וועלכע איך בין איבערגעגעבן, וואַקסן ווי ווילד־שוואָמען איבערן אומרואיקן, פֿאַרנעפּיל־פּולן, ציטעריקן תוהו־ובוהו פֿון אונטער דער „באַוווּסטזיניקער שוועל", ווו עס ערוואַכט דאָס נעשלעכט, ווו עס פּיקט זיך אַרויס, אָן מײַן וויסן און ווילן, די חיה מאַנספּערשוין, וואָס וועט ערשט קומען און איבערפֿאַרבן אַלץ, וואָס איז דערווײַל שוואַרץ און ווײַס, אויף רעגנבויגן־פֿאַרבן, סמערסט בלוטיק־רויט, מיט פּורפּור...

זינק איך אין מרה־שחורה,,, און דער טאַטע, פֿאַר מרה־שחורה, פֿרײַ־מיקצונאַכטס צום קידוש — דערלאַנגט... די מאַמע ברומט שטיל; גלײַך אַ קינד האָט נישט זײַנע עגמת־נפֿשן... און פֿאַראייניזאַמט בין איך (מיט וועמען רעדט מען פֿון אַזוינע זאַכן?) און באַוועג מיך פֿאַרייניזאַמט אין אַ נעפּלדיקער שאָטן־נעץ פֿון מענטשן און זאַכן, גאַנץ לויז (פּאַר מיר!) אײַנגעפּאַסטע אין אָרט און צײַט, רירעוודיק־שווינדלדיקע, אין גראָען גע־הילט... אָדער ציטעריקע אין זײַלן פֿון זונען־שטויב; טרוים און וואָר גע־מישט...



און שרייב איך זיכרונות, נעמט מיך נאָכאַמאָל דער געפֿיל פֿון מענטשן און זאַכן, וואָס האָבן אַ טייל, פֿון וועלכע מײַן נשמה האָט יניקה געהאַט — אַרום... זעלטן וואָס און וועמען איך זע גאַנץ... דאָס מערסטע פֿאַרשוווּמען, אָן קענצייכן און פֿעסטע קאָנטורן... אויגן קוקן אַרויס. עפּעס ליפּן פֿליסטערן מיר צו...

אינגאַנצן דערקלערן מ י ך וויל איך נישט, אַלע שאָטן און שטראַלן, פֿון וועלכע מײַן אינערלעכקייט האָט זיך אויסגעוועבט ל ו י ט אַ י י־נ ע נ ע ר פּ אָ ר ע ם, וועל איך נ י ש ט אויפֿזאַמלען...

נישט פֿאַר אַלע האָט מײַן זיכרון, מײַן געדאַנקען־פּראָבלעמען־ און קאָנטראַסטן־זיכרון די ריכטיקע אַנגל, פֿון פֿאַרנעסעניש־וואַסערל אַרויס־צופֿישן; נישט פֿאַר אַלע דעם פּאַסיקן רעפֿלעקטאָר, אין נעפּל גאַנץ צו באַלייכטן...

שווימט איך ווײַטער, ליבע, אומבאַקאַנט געוואָרענע אויגן־ און ליפּן־פּאָרן... אין לעצטן מאָמענט — זאָגט מען — דערמאָנט מען זיך אַלץ מיטאַמאָל... קיין פֿעדער אין האַנט וועל איך אָבער דעמאָלט נישט האָבן; ווער ווייסט, צי די צונג וועט זיך דעמאָלט פֿרײַ באַוועגן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

פֿאַרוואָס האָב איך אויפֿן וועג, וואָס איך גיי נאָכאַמאָל איבער אין געדאַנק, אויפֿן וועג פֿון קינד ביז שריפֿטשטעלער, אפֿשר עטוואָס ווײַטער... מײַן מלמד, דעם פּשוטן פֿאַרלוירן? דער „געדאַנק", וואָס האָט מיך, אינעם „מלמדים־פּרק" געפֿירט, האָט אים אינעם נעפּל געלאָזט, אויף אים קיין שטראַל נישט געוואָרפֿן...

ערשט שפּעטער האָב איך מיך אָן אים דערמאָנט און אויסערלעך — גאַנץ צופֿעליק...

איך בלעטער איבעסענס „פּער־גינט", קום צום הספּר פֿון גײַסטלעכן איבער אַ בר־מינן, וואָס פֿלעגט באַשטענדיק האַלטן די רעכטע האַנט אין טאַש... ער האָט זי פֿאַר מענטשלעכע אויגן פֿאַרבאָרגן, ער האָט זיך אַמאָל, ווילנדיק זיך באַפֿרײַען פֿון מיליטער, פֿון דער רעכטער האַנט אַ פֿינגער אָפּ־געשניטן, און מיט דער האַנט, וואָס האָט נאָר פֿיר פֿינגער געהאַט, זיך געשעמט...

אויגנבליקלעך שווימט אַרויס זײַן קאָנטראַסט. מײַן מלמד, דער טאַבאַק־שטויסער מיטן א י ב ע ר י ק ן פֿינגער, וואָס האָט מיך מיט זײַנע זעקס פֿינגער געשראָקן...

פּראָבלעמען און קאָנטראַסטן — דאָס זענען די צוויי וואַלצן, אויף

41

וועלכע עס וועלן זיך וויקלען אַלע מײַנע שריפטשטעלערישע יריעות... עטישע קאָנטראַסטן־בילדער — טרויעריקע דעקאַדאַנסן פון חסידיזמוס, חורבות פון וועלט־אַנשויונגען... דראַמען און טראַגעדיען מער אין ברענענדיקע אָדער זיך לעשנדיקע געהירן...

א קליין, קליין ביסל נ אַ ט ו ר...

איך האָב זי אין אוצר אַזוי ווייניק; איך האָב זי אין דער יוגנט, וואָס שפּײַזט די שפּעטערע יאָרן, אַזוי ווייניק געהאַט — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

א קינד, א יידישס, אין א פעסטונג געבוירן! פון וואַלד און פעלד מיט מויערן און וואַלן אָפּגעגרענעצט, אויף טויערן פאַרמאַכט... שוין היפּש דורכגעפילט „ברכי נפשי” און אַנדערע ביבליש־פּאָעטישע נאַטור־באַשרײַבונגען און האָב נאָך קיין וואַקסנדיק גרעזל נישט געזען... איך ווייס, פאַראַן אַזוינס... מלאָכים שטייען דעריבער מיט ריטלעך און שמײַסן: שפּראָץ! שפּראָץ! און דאָס יונגע „לעבן”, דאָס שוואַכע, מוז שפּאַלטן די האַרטע ערד און אַרויסשפּראָצן...

איך וועל שוין האָבן דורכגעפילט דעם גאַנצן סוד, מיט זײַן גאַנצער טיפקייט און ערהאַבנקייט, פון סנה אין מידבר, — און ווייס נישט, וואָס סטעפּ איז, און האָב נאָך קיין דאָרן, קיין שטענגל פון עפּעס, וואָס וואַקסט — נישט געזען, אויסער אַמאָל אין א פּייכטן קעלער, ווו איך בין אין א הייסן זומער־טאָג אַראָפּ, זיך אָפּצוקילן — איבערוואָקסן פון קאַרטאָפל...

איך רעכן. אַז אייך, הײַנטיקע, וועט זײַן נישט לײַכט זיך פאָרצושטעלן אַזאַ קינד — זאָל זײַן א יינגל, זאָל זײַן א חתן־בחור; די גאַנצע ליניע וועט אייך אויסזען משונה־ווילד! — א באַשעפעניש, וואָס גייט אַרום מיט א געהירן, אין וועלכן עס טראָגן זיך די שמעקעדיקסטע ריחות פון „השדה, אשר ברכו ה׳”, פון „דודאים”, פון באַרג לבנון, פון „חבצלת השרון”, „שושנת העמקים” און האָט נאָך צו די קערפּערלעכע נאָז־לעכער קיין איינציק לעבעדיק בלימל נישט צוגעפירט... יונהטשעס שוועסטער, דעם פאָלקאָוואַי־גלחס טעכטער, מאַנכע אָפיצירישע ווײַבער טראָגן „אויפן האַרץ” — בוקעטן; אינזשעניער־פרויען, פון אָפּגעשלאָסענעם גאָרטן הינטער דער שטאָט, קומען אַמאָל אין שטאָט אַריין, און ווײַסע קליידער מיט קליינע, קליינע בלימעלעך באַלייגט. און שפּאַצירן אין שלאָס, — קריך אַהין מיט דײַן קינדישער אָדער יינגלשער נאָז...

און נאָך וואָס? עולם־הזה דאַרף איך?



איך בין דאָך דאָס ציכטיקע, ווייכהאַרציקע חובת־הלבבות־קינד, וואָס האָט נחת פון אָפּזאָגן זיך, פון צעטיילן דאָס אָנבייסן... צוויי פאַרלאַנגען האָט עס נאָר פאַר זיך: פון פאָטער אויף דער ערד: נאָך א גרינציבעלקעלע, און פון פאָטער אין הימל, ער זאָל ממלא זײַן די פּגימת הלבנה...

אויף מײַן ריין קינדיש האַרץ הענגט נאָך א שלעסל מיט צעוואָרפענע אותיות... ווער ווייסט, ווען און וועמעס האַנט עס וועט די אותיות „גלײַכשטעלן”, עפענען און מאַכן פרײַער, הייליקס צי פּרעמדס, אויפן קליינעם מיזבח... איך בין נאָך א מיידל, מײַן כלה פון חורבה — א יינגל! און מײַן גרוים־אויפגעשוואָלענער קאָפּ האָט שוין דורכגעלעבט דעם גאַנצן עקאָנאָמישן, יורידישן און געשלעכטלעכן פּלאָנטער פון באַציונג צווישן „אָדם וחווה”, פון מאון ביז יבום...

און איך לייד שוין אויף גלות־השכינה: פאַרוואָס איז נובר דער שקר, הערשט דער טעות און דער אויסדערוויילטער „האַלט אש אין מויל און שווייגט”... און גלאַט — גלות...

אין גאַלאַ־מונדירן, מיט שטיקן, וואָס בלאַנקען און בליצן אויף דער ליכטיקער זון, מאַרשירט, אין גאַלאַ־טאָג, אַן אָפּטיילונג מיליטער פון שלאָס, ווו די אָפיצירן וווינען, ביז דער קאַזאַרמע ביי דער שעברשינער בראָם, איבער דער גאַנצער לענג פון דער ברוקירטער גאַס... מיט מוזיק... ווייסע חברה פאָרויס... אויסערן אַבּאָטייקער און זײַנע דריי שוואַרצע נעכט, לויפט מען פון שטובן צו די פענצטער, פון געוועלבער צו די טירן... די מוזיק שמעטערט א ניצחונדיק־לוסטיקן מאַרש, און מײַן יונג האַרץ קלעמט:

— ווו איז מײַן מיליטער? מײַן מוזיק?

און די אויגן נעצן זיך...

בּאַ, איך האָב דאָך שוין אין קאָפּ א גאַנץ גרויס שטיק וועלט געהאַט — גאַנץ ארץ־ישראל... דאָס אַמאָליקע, דאָס „מילך און האָניק פליסנדיקע”... מיט „איש תחת גפנו ותחת תאנתו”...

אמת — א גרייזיקע טאָפּאָגראַפיע; א דאַנק דעם „גירסא דינקותא” (שפּשתא כיון דעל, על!) האָב איך דאָך ערשט נישט לאַנג, אין „מסירת־נפש”, געהייסן דעם ים כינרת, ער זאָל פאַרבײַפליסן דעם „הייליקן” צפת... אָבער — א שטיק וועלט! א לאַנד מיט שטעט (צווישן זיי — ירושלים!) דערפער, טײַכן, ימים (דער ים־המלח אינמיטן!) בערג... ווײַנבערג! און

מיט מיינע אויגן, אויסערן פעסטונג, האָב איך געזען — סטאַבראָוו, דאָס דערמאָנטע דאָרף!

און ווערט מיט דער יונגער צייט, איך געדענק שוין נישט ווען און ווי אַזוי, ערפילט מיין היים קינדיש פאַרלאַנג צום גאַנעקל און זייגער־טורעם... און איך, דאָס ייִנגל פון „דריי מאָל גערופן", פאַרלאָז מיין „טאַטע־מאַמעס הויז אין בגדד" און גיי אַרויס און קלעטער אויף די גליטשיקע, שמאָל־שווינדלדיקע טרעפּלעך אַרויף אין טורעם און קום אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין, און גיי אויפן גאַנעקל אַרום, און זעט מיטאַמאָל אַ צוויי, דריי ווערסטיק אויסגעשפּרייט אַרעם פלאַכלאַנד אַרום שטאָט, „מיט הייזלעך ווי קאָרטן־שטיבלעך, מענטשן ווי היישעריקן" און עטלעכע צוואָרפענע קאַרליקעם ביימלעך, באַמערק איך דאָך באַלד צו מיין האַרציקן פאַרדרוס, אַז וואָס העכער זעט מען ווייטער, מער, אָבער נישט בעסער...

פונקט ווי אין „דריי מאָל גערופן"...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אָבער אָט, מיין וועלטל ווערט אַביסל רייכער... עס ציט זיך פון שטאָט אַרויס, און אַנעקסירט דעם אינזשעניערס גאָרטן, פון וועלכן עס פלעגן קומען אין שטאָט אַריין די ווייס־געקליידטע דאַמען מיט די קוויטן און שפּאַצירן אין שלאָס...

אַ מעשה מיט דעם גאָרטן:

שוין יאָרן, אַז דאָס פעסטונג איז אויס פעסטונג. די שרעק איז פאַרשוונדן פון די וואַלן... די האַרמאַטן מיט דער פּאַראַט־קוילן זענען אַראָפּגענומען. דאָס וואַסער צווישן די פאָסן — אויסגעטריקנט, די פּרעש — אַוועק צום זומפּ אויף דער לאָנקע ביי דער „אוציעצקא". דער גאַרניזאָן איז אַוועק; אולאַנען אין קאַזאַרמע, קאָזאַקן! די פּלאַצמאַיאָר מיט די בעזעמדיקע וואָנסעס האָט זיך שוין אָפּגעזעגנט מיט דער שטאָט, געטרונקען לחיים, אַ מתנה גענומען און ערגעץ אַוועק. פון די בריקן אונטער די דריי בראָמען — קיין זכר. די אָפּגרונדן פאַרשיט, גלייכע, ברייטע אַרויסגענג און אַרויספאָרן צום שאָסיי, און דער „סמאָטריטעל", ווי דערמאָנט, איז געבליבן, ער זאָל נישט לאָזן יידישע קינדערלעך זיך באָדן, און די אינזשעניערן, וואָס וווינען אין גאָרטן הינטער דער שטאָט, האָט מען פאַרגעסן... נאָך נישט געענדיקט, זאָגט מען, די חשבונות פון איינגלייגן און צערייסן דאָס פעסטונג, און דער „אינזשענערנע גאָרטן", ווו זיי וווינען



אינעם גרויסן ווייסן הויז, וואָס בלאַנקט דורך פון צווישן די ביימער, איז נאָך אַ „גוייש פאַרשלאָסענער גן־עדן"..

שפּאַצירט מען אַמאָל איבערן שאָסיי, לאָזט מען זיך, ביים אינזשעניערנע גאָרטן, אַראָפּ אין ראָוו אַריין און מען קוקט אין גאָרטן אַריין מיט גרויס גלוסטונג... מען שטעקט די קעפּ, מיט די ברענענדיקע אויגן, צווישן די שטאַכייטן אַריין וואָס טיפער. — זעט מען ביימער און ביימער, און אַלעען... און דאָס ווייסע הויז, וואָס בלאַנקט פון די גרינע ביימער אַרויס... און דאָס דורכפלאַטערן פון ווייסע קליידער, וואָס די דאַמען, וואָס קומען אַמאָל אין שטאָט אַריין, אין שלאָס אַריין, און שפּאַצירן באַליינגט מיט קווייטן... אין אַ זייטיקער אַלעע וויגט זיך אַמאָל אַ קליין, גוייש מיידלשמלאַכל אויף אַ „הוידא"... דאָס געלעכטערל קלינגט. די גאָלדענע לאָקן — צעפלויגן אין דער לופט, — דער פאָטער דער גענעראַל וויגט זי מיט די „אייגענע" הענט... אין אָוונטן פון גאַלאַ־טעג וויגן זיך, הענגנדיק צווישן די גרינע בלעטער אויף די צווייגן, איבער דער לענג פון דער מיטעלער אַלעע פאַרן הויז, בליצנדיקע פאַרשידנפאַרביקע פּאַפּירענע לאַמטערנדלעך... אונטן, איבער דער אַלעע, ליגן זיך שמאָלע, געמישטע פאַסן פון רעגנבויגן־ליכט. די פּאָלקאָוואָי־מוזיק קומט און שפּילט פאַרן הויז... אינעווייניק אין הויז ווערט געטאַנצט... וואָס אַ רגע קומען אָן נייע מיליטערישע געסט פון „שלאָס"... געטאַנצט ווערט און געטרונקען... הילכט אויף וואָס אַמאָל אַ „לחיים" און ווערט באַלד פאַרטרונקען אין אַ נאָך הילכעדיקערן טוש פון דער בלעכענער מוזיק...

מאַנכמאָל, אין שטילע אָוונטן, הערט מען פון הויז אַרויס פּיאַנאָשפּיל... מיכל, אונדזער קאַפּעלמייסטער פון די קלעזמער, מיין שפּעטערדיקער יואל פון „וואָס אין פידעלע שטעקט", שטאָלפּערט שוין (זעלטן גאָר אינגאַנצן ניכטער...) איבערן ראָוו מיט דורשטיקע אויגן און פאַנגט מיטן געשפּיצטן אויער די מוזיק... פון דער מוזיק, זאָגט מען, מאַכט ער מאָראַלישע שטייגערס צום באַדעקנס, מאַרשן צו חופּות און פריילעכצער צו דער „וויעטשערע"... מוזיקאַלישע יינגלעך, משורימלעך און גלאַט חברה — מיט די קעפּלעך צווישן די שטאַכייטן, שטייען פאַרגאַפט... באַמערקט מען און מען הייבט אָן פון אינעווייניק צו יאָגן (יידישע קינדער זאָלן נחת האָבן?), די הינטישע כרובים פון דער פורטקע ווערן אָפּגעלאָזט פון דער קייט — רייסט מען, צום אַנטלויפן, די קעפּלעך פון די שטאַכעטן אַרויס, איבערלאָזנדיק שטיקער הויט... און פּלוצלינג — דערמאָנט זיך און אָפּגערופן די אינזשעניערן... דער גן־עדן אָפּן, ער פאַרברייטערט

מיין קינדישע וועלט. שפּעטער וועל איך צו אים צונעמען אַ שטיק זאַפטישן גאָרטן פון וואַרשע — און די רביישע נערטלעך פון סטרוקאָוו און ביאַלע און מאַכן אַ רעזידענץ פאַר אַ יידישן נגיר אין צפת... דעמאָלט קום איך אָבער אין גאָרטן מיט הארץ־קלאַפּן ווי אין „פּרדס" אַריין... איך בין, איך פיל שוין, אַ האַלבער מקצץ בנטיעות... אַ נכנס בשלום בין איך, צי וועל איך זיין אַ יוצא בשלום אויך?

און איך גיי אַרום איבער דער לאַנגער טונקעלער אַלעע און טראַכט — וועגן טויט!

נאָך וואָס האָט גאָט באַשאַפן טויט און — וואָס ווערט נאָכן טויט?

די נשמה פליט אין הימל אַריין... אין גן־עדן אָדער גיהנום אַריין. דער רמב"ם מיינט — עס בלייבט ערגעץ־ווו אַ שטיק שכל, וואָס עקזיסטירט ווייטער, און אויף ד ע ר זעלבער מדרגה, צו וועלכער דער מענטש האָט דערצויגן זיין נשמה אויף ד ע ר וועלט... און מיין ברודערל, וואָס איז געשטאָרבן אַזוי יונג, נאָך גאָר אָן שכל? און קינדער פון די וויגן, און מפּיל־קינדער? דער בעל־שם הייסט ווייטער פירן דאָס אייגענע לעבן, וואָס מען האָט דאָ געפירט, נאָר מיט נחת אָדער צער, לויט פאַרדינסט. גביר און פּאַסעסאַר בלייבט גביר און פּאַסעסאַר; בעל־עגלה בלייבט בעל־עגלה — אַ מין „שכר ועונש אין דימיון!" עפּעס אַן אָפּנאַרעכטס, אַן איינרעדעניש פון זיין ליבן נאָמען... געווען אין שטאָט אַ משוגענע מיטליעריסע פרוי, נעגט צי אַרויסגעטריבן פון מאַן, מיט די זאַכן, קליידער און צירונג... טראָגט זי זיך אַרום מיטן פּעקל איבער די גאַסן גאַנצע טעג... ווו זי נעכטיקט ווייס איך נישט... גאַנץ אָפט שטעלט זי זיך אָפּ אין מאַרק, עפנט דאָס פּעקל, שפּרייט אויס אירע זאַכן... באַקוקט און שמייכלט צו די קליידער, מעסט אָן דאָס צירונג און מעסט איבער... טוט אויס די פאַריק און זעצט אַרויף אַן אַנדערע... ווייל זיך אויך איבערטון אין מיטן מאַרק... עס איז אפשר ביי'ן איר אַ יום־טוב אינמיטן דער וואָך... און דאָס אויסגעהונגערטע פּנים שמייכלט פאַר נחת, דער ש ט ע ר ן שמייכלט, די אויגן שטראַלן... וועט דאָרט אויך זיין אַזאַ מין גן־עדן... אמת, אין מיטן מאַרק קומט די שטאָט־פּאָליציי און שלעפּט זי אין אַרעסט־שטוב אַריין... און דאָרט, אין פרייען עולם־הדימיון, אָן פּאָליציי, קען זי זיך איבערטון צען מאָל אין טאָג...

און דער גוף!

עפר ועפר... געקומען פון דער ערד, צוריקגעגאַנגען צו דער ערד. „שתי רוחות מספּרות" — דאָס איז אגדה... אַ משל, אַ „סימבאָל", איך



האָב שוין אין מיין גייסטיקן שמעטערלינג־נעץ פון ערגעץ דאָס וואָרט געכאַפּט... „והמתים אינם יודעים מאומה" זאָל זיין דער אמת. אָבער איך קען מיר בשום־אופן נישט פאָרשטעלן, אַ מענטש זאָל ליגן אין קיבר, און עס זאָל אים נישט זיין ענג, נישט פייכט, נישט פינצטער, און זאָל נישט פילן, ווי די ווערעם שפּייזן זיך מיט זיין לייב... און אפשר? טאָמער, חלילה — בלייבט עטוואָס ו ו י ס ן, בלייבט אַ לחלוחית פון פילן... עס ווערט מיר קאַלט אין אַלע גלידער...

און פאַרוואָס שטאַרבן, וואָס איז דער י ו ש ר? ווייל אָדם־הראשון האָט געזינדיקט... פאַרזוכט פון עץ־הדעת, איז ווירקלעך עץ־הדעת — זינד? גאָט האָט נישט געהייסן? און ווען זינד — קומט אַן אייביקע שטראָף, אויף אייביקע דורות? „פּוקד עוון אָבות על בנים, על שילשים ועל ריבעים"... אָבער נישט אייביק! פאַרוואָס פאַרווערט די פרוכט פון עץ־החיים? „ער וועט לעבן אייביק?" פאַרוואָס נישט? „זיי וועלן זיין גלייך מיט מיר" — פאַרוואָס נישט? שפּעטער האָט ער דאָך עס פאַרלאַנגט: מה אני קדוש, — זיי דו אויך הייליק... איך בין אַ חנון, זיי דו אויך באַרעמהערציק... געוואָלט, מען זאָל אים גלייך זיין!

און ווי שרעקלעך, ווי האַרב די שטראָף איז... דער טויט און זיינע יסורים!

קומט ווידער דער רמב"ם... דער קלוגער, דער טיפער, וואָס האָט די וועלט צעטיילט: פון די ערד ביז צו די גלגלים — הלכה באַריסטו, פון די גלגלים און העכער — משה אמת ותורתו אמת...

קומט ער און זאָגט: אַ טעות הדפוס! נישטאָ קיין פּיין און קיין לייד, און קיין יסורים און קיין טויט; דאָס אַלץ עקזיסטירט נישט, האָט קיין ממשות נישט, אַזוי ווי עס עקזיסטירט נישט קיין פינצטערניש; עקזיסטירן עקזיסטירט נאָר ליכט... „יוצר אור ובורא חושך" איז נאָר אַ מליצה אין דאַווענען... גאָט האָט באַשאַפן — ליכט! פינצטערניש איז נאָר דער פ ע ה ל פון ליכט, דער העדר פון ליכט! אַז גאָט נעמט צו זיי ליכט — איז פינצטער! און צונעמען האָט ער רעכט, ער האָט דאָך געקאָנט נישט געבן! אַזוי איז נישט פאַראַן קיין קרענק; פאַראַן נאָר געזונטהייט, — געזונטהייט האָט אַ ממשות, פון גאָט אַ מתנה! דער העדר דערפון האָט אַ נאָמען קרענק, דער נאָמען האָט אָבער אונטער זיך קיין ז אַ ך, קיין ממשות נישט... און אַזוי? „אלהים חיים" — גאָט באַשאַפט לעבן, נעמט ער אים צו, הייסט עס טויט. קיין טענה קען נישט זיין, ער האָט נישט נעגעבן קיין טויט, נאָר צונענומען זיינס... ברוריה ר' מאירס האָט רעכט: „וויין נישט, מאיר, נישט

צוויי זין זענען דיר געשטאָרבן, זיין ליבער נאָמען האָט נאָר זיין פּיקדון אָפּגענומען"... „ה' נתן וה' לקח" — ווייסט נאָך איוב... אַזוי קלאָר! און איך האָב דאָס פּאַרגעפּיל פון לאהס ווערטער אין דער „גאָלדענער קייט" — קלאָר איז שניי, קלאָר איז אייז, נאָר נישט לעבן!

און דאָס יונגע האַרץ עמפּערט זיך קעגן דער ריינער, ראַציאָנעלער לאָגיק! טרייבט היס־עמפּערט בלוט אין די אָדערן אריין... און עס קלאַפּט אין די שלייף אַלץ איניינעם:

— וואָס איז טויט? פאַרוואָס קומט טויט?...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אינטערעסאַנט וועלן זיינע מיינע באַקאַנטשאַפטס־מאָמענטן מיטן טויט...

שוין לאַנג, נאָך גאָר קינדוויז, האָב איך מיך שיר־נישט מיטן מלאך־המוות געטראָפן פּנים־אל־פּנים... איינמאָל, איך גיי צו דער באָבען אין געוועלב אַריין נאָך וואָכן־געלט (זעקס גראָשן אַ וואָך!). איך קום אין געוועלב אַריין, ווערט מיר עפּעס שוואַך אַרום האַרץ, עס פאַרדרייט זיך דער קאָפּ, איך שפּאַר מיך אָן אָן וואַנט און קען זיך נישט דערהאַלטן. איך פאַל און פיל, אַז איך פאַל עפּעס אין אַ טיפן, טיפן אָפּגרונט אַריין...

אויפגעכאַפּט האָב איך מיך אין דער באָבעס גרויסער שטוב, אין אַ גרויס בעט, פאַרטאָג... איך האָב אַ שטילן, פרום־האַרציקן לערן־ניגון דערהערט. איך עפן פּאַמעלעך די אויגן אויף — ווייט פון בעט, אין ווינקל פון שטוב, ביי'ן אַ ליכט, פאַר מיר מיט אַ ספר פאַרשטעלט, זיצט מיין פעטער שמואל־לייבוש און לערנט... איך הער נאָר דעם ניגון, קיין ווערטער — נישט. כדי בעסער צו הערן, וויל איך מיך צורוקן צום ראַנד פון בעט — דאָס לייב פאָלגט נישט, די ביינדלעך ברעכן; איך דערשרעק מיך, איך מוז זיין קראַנק. פרעגן וויל איך נישט, איך וויל נישט מפסיק זיין... און בין איך קראַנק, לערנט מיין פעטער שמואל־לייביש דעריבער אַזוי האַרציק, איך זאָל אין דעם זכות גיך און באַלד געזונט ווערן. בלייב איך ליגן אומבאַוועגלעך. דער קאָפּ איז מיר שווער, ריר איך מיט אַ האַנט און טאַפּ אָן אַ גאַנץ טוך, מיט וועלכן דער קאָפּ איז אַרומגעבונדן. איך דערשפּיר דורך די נאָז־לעכער אַ זויערקייט — דאָס טוך איז גענעצט אין עסיק... איך גיב אַ בליק צום פענצטער — אַ ווייסע נאַכט קוקט אין שטוב אַריין... און אויפן פענצטער שטייען פלעשעלעך מיט מעדיצין... וואָס איז מיר? ווען בין איך קראַנק געוואָרן, און פאַרוואָס ליג איך דאָ?... איך מאַטער מיין שוואַכן קאָפּ און דערמאָן זיך אָן מיין גאַנג צו דער



באָבען אין געוועלב אַריין, מיין פאַלן אין געוועלב... „איך מוז זיין אַ חולה מסוכן"... „דעריבער לערנט ער אַזוי"... אין מאַרק, צו וועלכן די פענצטער גייען אַרויס, פאָרט דורך אַ פור, עס ווערט אַ געביל־עריי פון הינט... „כלבים נובחים — מלאך־המוות בא לעיר"... שלעכט... ניין, עס איז צוליב דער פור... און דערווייל ווערט מיר היים. און היים. דאָס לייב באַדעקט זיך מיט שוויס און איך הייב אָן אינגאַנצן צו פלאַמען...

איך האָב מיך (דאַכט זיך, דעם זעלבן טאָג) נאָכאַמאָל אויפגעכאַפּט, און איידער איך עפן די אויגן הער איך שטימען אַרום בעט:

— ער איז א ו נ ד ז ע ר ! — די באָבע.

— דאָס געלע פלעשעלע — די מומע יענטע...

— און איך זאָג די באַנקעס — די מומע טעמע... די מאַמע לייגט מיר נאָר די האַנט אויפן שטערן...

— פון יענער זייט, טאַקע פון יענער זייט! הער איך נאָך אַן אומבאַקאַנטע שטימע פון אַ ייִד און הער זיינע טריט, ווי ער גייט אַרויס, און הער, ווי ער פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר...

„שיר, שיר"... טראַכט איך...

אָבער דעם אמתן טויט־שרעק האָב איך אַרויסבאַקומען פון ברונען... איר האָט פיליכט געלעזן און געדענקט די „פאַרשאָלטענע ברונע"?!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אינמיטן פון איין מאַרק־פּערטל שטייט אַ ברונען, אונטער אַ הילצערנעם דאַך אויף פיר שווערע זיילן... אַרום ברונען אַ צעמברינע פון באַלקן ביז דער ברוסט פון אַ דערוואַקסענעם מענטש... וואַסער ציט מען מיט שעפּן אויף אייזערנע קייטן, געוויקלט אַרום אַ וואַל, וואָס באַוועגט זיך דורך אַן „אומגעהייער גרויס" ראָד מיט שפּיצן...

דאַכט זיך, אַן אייפאַך עינין פון אַ שטאָט־ברונען? איז אָבער דער ברונען „זייער, זייער" טיף, און אַז מען שפּאַרט זיך אָן מיט דער ברוסט אָן זוים פון צעמברינע (יינגלעך מוזן זיך דערצו אויפהייבן אויף די שפּיץ נעגל) און מען קוקט אַריין, גלאַנצט עפּעס אַ רעדל פון ליכטיקייט איבערן שוואַרצלעכן וואַסער — עפּעס אַ „וואַסער־שמייכל", וואָלט איך היינט געזאָגט. און אַז מען קוקט לענגער אַראָפּ, הייבט זיך אָן צו דרייען דער קאָפּ און עס כאַפּט אָן אַ וווּנדערלעך גלוסטונג אַראָפּ, צום וואַסער־שמייכל, וואָס ציט אַראָפּ, ווי אַ מאַגנעט; מען מוז זיך גוט איינהאַלטן און אָנהאַלטן, נישט אַראָפּצושפּרינגען... אַזאַ כישוף שטעקט אין דעם שוואַרצלעכן ברונעם־וואַסער, מיטן ציטעריקן שמייכל פון אויבן...

איז נאך ווייניק, דערציילן זיך ייִנגלעך מיט מיידלעך, אז אויב עס איז נאר א פינצטערע נאכט און אלע ליכט ארום לעשן זיך אויס, די שטאט איז איינגעשלאפן, זאמלען זיך קעץ, ווייסע און שווארצע קעץ, ביים ברונען, קומען און זעצן זיך אויף די שפיצן פון גרויסן ראד, געמישט: א שווארצע קאץ, א ווייסע קאץ און הייבן אן יאמערן... און יאמערנדיק רירן זיי זיך אויף אלע זייטן און רירן דאס ראד, און דאס ראד הייבט זיך אן דרייען און די שעפן נייען ארויף, אראב... וואס אמאל געשווינדער... און דער נאכט־היטער, וואס גייט ארום אין מארק (אן אלטער גוי, מען זאגט: א נײַנציקער), הערט, ווי די קעץ יאמערן, ווי דאס ראד סקריפעט, ווי די שעפ, וואס קומט אראפ, שלאגט זיך אן אין וואסער, און דאס וואסער שפריצט איר אקעגן מיט א געלעכטערל, און דיר שעפ, וואס קומט ארויף, קערט זיך אליין איבער — פליוסק — פליוסק דאס וואסער אין ברונען אריין... און ער ציטערט און צלמט זיך, ציטערט און צלמט זיך... און אלטע ווייבער זאגן: די קעץ זענען קיין קעץ נישט, נאר נשמות פארוואגלטע, וואס זוכן תיקון ביים וואסער; די שווארצע זענען מענער, וואס האבן נישט געהאלטן פון מיקווה, די ווייסע — זענען ווייבער, וואס האבן נישט ערלעך געהאלטן די דריטע מיצווה...

ווי עס זאל נישט זיין, נישט קיין פראסטער ברונען...

און אין א געוויסן פרייטיק, לויפנדיק איבערן מארק, זע איך, ווי מען לייגט איין די צעמברינע (מיט דער צייט פויל געווארן), ווי מען פארלייגט דעם צוגאנג מיט ברעטער, איך הער מיט די אייגענע אויערן, ווי מענטשן, וואס שטייען ביי דער ארבעט — צייט פעלט נישט — זאגן: „צו דער נייער צעמברינע וועט מען זיך ערשט שטעלן מאנטיק"... און פארגעס אן דעם אלעם, און כאפ פרייטיקצונאכטס נאך דער וויעטשערע די קופערנע קווארט, לויף צום ברונען נאך פריש וואסער, — א הייסער זומער־אָוונט, און לויף גלייך צו, וויל זיך, אין איין וועגס אנשפארן אן ראנד פון צעמברינע, צי מען זעט ביינאכט דעם וואסער־שמייכל, און — —

און ווי דערמאנט, אן אלטע יידענע גיט מיך א כאפ אן, א שלעפ צוריק... „פריידל די האלאדריגעכע", די סמאלע־העגדלערן פון „שלום־בית", האט מיך געראטעוועט פון א זיכערן טויט — אויף בייטאג!

ביינאכט בין איך איבערגעענטפערט דעם טויט און זיינע שרעקן. ווערנד א לאנגע, לאנגע צייט פאל איך נאכט אויף נאכט אין טיפן ברונעם אריין... דער קאנטראסט צו דער ליבע צום לעבן בייטאג... עס קומט דאצו, אז נישט נאר דער ווירקלעכער טויט שרעקט, נאר אויך זיין ברו־



דער, דער ציִטווייליקער טויט — דער שלאף. איך ליג גאנצע נעכט און האלט איבערגעוואלט די אויגן אפן, נישט אריינצופאלן אין יענעם אפגרונט, ווי ביי דער באבען אין געוועלב, נישט צו פארזינקען אין פארגעסעניש; נישט אפצורייסן זיך פון לעבן...

און וואס שווערער, בלייערנער עס ווערן מיר די ברעמען, אלץ געוואלדיקער וואקסט די שרעק, און אלץ הייסער ווערט דער פארלאנג — צום לעבן, צום האלטן זיך, באהעפטן זיך אן לעבן... און איך שפרינג צום פענצטער צו, רייס עס אויף צום מארק אדער לויף אראפ אין מארק אריין... אבער אויך דער מארק שלאפט, איינגעהילט אין נאכטיקער בלאַלעכקייט... פארגליווערטע מויערן, פארשווארצטע פענצטער... אבער הינטער זיי עטעמט מען, לעבט מען, איך וויים נישט ווי אזוי, איך פיל. יענץ לעבט נישט — פארוואס? פארוואס שטייען מויערן צווישן מ י ר און ז י י? צווישן מיין און זייער לעבן?

נאטאבענע, דאס זעלבע געפיל האט זיך אין מיר ערשט נישט לאנג דערוועקט. דורכפארנדיק ביינאכט איבער אן אויסלענדיש שטיל שווייצעריש שטעטל, האט מיך פלוצלינג אנגעכאפט א ווייטיק פון מיין אפגעריסנקייט פונעם לעבן פון הינטער די זשאליוזן... דארט עטעמט מען, בענקט מען, מען טרויערט, פלאגט זיך, אדער מען פרייט זיך, מען איז גליקלעך אין דער שטילער פינצטערניש, און איך וויים נישט, פלי נישט, האב אין דעם קיין חילק נישט... און דאס לעבן דאך דארט מענטשן, און איך בין אויך א מענטש... און עס האט מיך אנגעכאפט א ליידנשאפטלעכער פארלאנג, זיך אויפצושטעלן, א געוואלדיקן געשריי צו טון, דאס שטעטל אויפצוועקן, זאלן זיך פלוצלינג די זשאליוזן הייבן, אויפרייסן די פענצטער, זאלן זיי ארויסשטעקן די מענטשן־קעפ...

א „חוזר ונעור" פון די יונגע יארן געוועזן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„אבער ווי איינגארטיק מענטשן שטארבן, ווי פארשידן זיי „גייען פון דער וועלט"...

די פארמען האבן מיך שוין דעמאלט באשעפטיקט...

דער סטרוזש פון פעסטונג איז פלוצלינג אמאל אוועקגעקומען... צי האב איך עס געהערט, צי דערביי געווען, ווייס איך שוין נישט...

געווען אין פעסטונג א דארער, אלטער, אויסגעדינטער סאלדאט — וואס האט די גאסן געקערט. אויך (פאר לאפיים צייטן) שבת־גוי געווען... א בייזער גוי, א בלינדלעכער און אן אמתער שונא פון יידישע קינדער, —

דעם סמאַטריטעלס מענטש! זיין אָנבייסן אינמיטן גאַס — אַ שטיק שוואַרץ ברויט פון שוואַרצן בוזעם אַרויס, געשמירט מיט חילב פון אַ גראַשנדיק ליכטל פון קעשענע אַרויס... מען האָט מורא פאַר אים, אַ ליאַדע וואָס, וואַרפט ער דעם בעזים, מען ווייכט אים אויך פאַר עקל, און אויך פאַר עקל פאַר זיינע קללות... עכט רוסישע.. און זעלטן ניכטערן... און איינמאָל בלייבט ער שטיין אינמיטן קערן, גיט זיך אַ וואַקל, וויל זיך דערהאַלטן און גיט זיך אַ שפּאַר־אָן אָן בעזים, און קערט זיך מיט אים צוזאַמען איבער, און גיט אַ געשריי: שמע־ישראל! פאַלט און — טויט... ווייזט זיך אַרויס — אַ קאַנטאָניסט געווען... באַהאַלטן האָט מען אים, ביז תחית־המתים, אויפן פּראַוואָסלאַוונע פעלד... אים וועט מען נישט אַרויסגנבענען, נישט די צייטן...

ד ע ר טויט מאַכט אויף מיר אַ קליינע ווירקונג; גערדויערט אַ רגע כמימרא... וואָס האָט ער געקאָנט ליידן? געווען, נישט געוואָרן..

געווען אין שטאָט אַ! אַלטער זייגערמאַכער, ר' הערשל, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אויך אַ שטאָט־דינער... זיין עובדא: אינדערפרי און פאַרנאַכט אַרויפצוקלעטערן צום שטאָט־זייגער, וואָס גייט אויף אַ הילצערן געווערק, מיט שטיינער אויף שטריק, און אָנדרייען צוויי מאָל אין מעת־לעת... אַ יידל אַ גראָס, אין אַ שינעטן קאַפּאָטל, אין עפּעס אַ קאָפּ־באַרעקונג מיט לאַפּן, אין אַ פּאַרעם, וואָס מען האָט שוין דעמאָלט לאַנג נישט נעטראָגן... אַ שטיל, טריט־ביי־טריט־יידל; איך האָב אים קיינמאָל נישט געהערט רעדן... קיינער האָט אים נישט געזען נישט לאַכן, נישט וויינען... קומט איינמאָל ר' הערשל אַראָפּ פון זייגער און שטרעקט יעדן די האַנט, און געזעגנט זיך מיט אַלע, וואָס ער באַגעגנט אין מאַרק...

— וואָס איז, ר' הערשל?

— די נאַכט שטאַרב איך!

„וואָס אַ ייד פאַלט איין"... „מיינע שונאים"... מען קומט אַרויס צומאָרגנס אינדערפרי — דער זייגער שטייט, דער זייגער־מאַכער — נישט אויפגעשטאַנען!

אַזוי דאַרף זיין!

מאָרגנס שטאַרבט דער שוין דערמאָנטער שימעון היטלמאַכער, דער אונטערהעלפער ביים משכילישן מנין... אַ צווייט ווייב געהאַט (צופעליק נעדענק איך און פאַרצייכן עס)... פאַר נסיסה הייסט ער, זי זאָל אַרויסגיין אין מאַרק אַריין, קויפן אים אַ האַלבפונטיקן קאַרפּ, אָפּקאָכן און דערלאַנגען אין בעט אַריין... ער וויל זיך געזעגענען מיט זיין „עולם־הזה"; —



אַזוי ליב האָט ער קאַרפּ.. און ער וויל זיך געזעגענען און פאַרגלייכן אויף יענער וועלט מיטן טעם פון ליוויתן... און צום צובייסן (אויסצופירן דעם אַלטן, וועלט־באַקאַנטן וויץ) הייסט ער זיך דערנאָך געבן אַ ווערמיקע פלוים, ער זאָל ווייסן, ווען עם וועלן זיין די לעצטע שמיץ פאַרן ליוויתן...

נישט הימלעך, אָבער וויציק!

שטאַרבט מיר אָבער דער פעטער ליפּע! דערטרונקען געוואָרן...

און אַ פעטער — אַ דימענט... אַ ייִדענער מענטש, אַ גאָלדן האַרץ... גיט אַלץ אַוועק, גיט אַלץ פון זיך אַראָפּ... די מומע יענטע מוז אים היטן, אַזוי אין געוועלב מיט שגיט, ווי אין שטוב, ערגער פון אַ גנב... איינמאָל פאַר פסח, זי גייט אַראָפּ אין קעלער אַריין צום אינדיק, וואָס זי פּאַשעט לכבוד יום־טוב — אַ נעכטיקער טאָג... זי ווייסט, ווער דער גנב איז... טרעפט אַמאָל און עם קומט אין געוועלב אַריין אַן אָרעמאַן, יענטל איז נישטאָ, זי גיט פּרוטות, כאַפּט ער זיך צום שופלאָד — פאַרמאַכט; צום שלאָס — ער גיט נישט נאָך, — ציט ער עפּעס איבער זיך פון לייב אַראָפּ... איינמאָל די פלודערן אַוועקגעגעבן... איז צווישן פאַרפאַלק אַ לעבן, דאַכט זיך, נישט ווי אונטער דער זון... די מומע יענטע איז אַ מלומדת, זי ווייסט, וויפל אַ ייד מעג אַוועקגעבן צדקה, צום רב וועט זי אים שלעפּן... און אַ צינגל האָט זי אַ געשליפנם — די גאַנצע פּאָדציענע הערט אירע קללות צום מאַנס קאָפּ... און שטעלט אַ האַנט מיט נעגל אויס, וואָלט זי נאָר נישט מורא געהאַט פאַר גאָט...

גייט דער פעטער ליפּע איינמאָל פאַרן דאַווענען זיך באָדן צום טייך, זעצט זיך אונטערן שטראָם... און מען נעמט אים פון דאָרט אַרויס אַ טויטן... אַ שטיין, זאָגט מען, וואָס איז מיטן וואַסער נעלאָפן, אַ קלאַפּ באַקומען, באַטייבט געוואָרן, דאָס מויל געעפנט, וואַסער געטרונקען...

על־פי „מורה־הנבוכים" מאַכט עס אויף מיר קיין גרויסן איינדרוק נישט. נישט מער: אַ שאָד אַזאַ גוטער פעטער... און דערטרונקענע שוין געזען... אַ יונגנמאַן אַמאָל אַרויסגענומען פון טייך (ער דאַרף אַ מענטש, די אַריינגעוואָרפענע קאַץ האָט נישט געהאָלפן), אַרויסגעצויגן האָט מען אים אָן אָנגעדראָלענעם. מען האָט אים מיט קניען דעם בויך געדריקט און דאָס וואַסער דורכן מויל אַרויסגעזעצט... דערביי געווען, געזען באַשיימפערלעך: דער טויטער פילט נישט...

איך בין דעריבער צום טייך, צום פעטער ליפּע נישט געלאָפן...

אָבער, אַז די לוויה איז געווען... די מומע יענטע גייט נאָך דער מיטה, ניין, זי גייט נישט, זי שווימט אין דער לופט... אויפן פּנים אַ פאַרגליווערט

47

שמייכל, די אויגן בלאַנדזשען אַרום און גיבן אָפּט אַ באַהאַלטענעם בליץ נאָך אַ בליץ, אָט באַוועגט זי זיך, ווי ביי כלה־טאַנץ — בנעימותדיק אויף די שפּיץ נעגל... איך גיי האַרט ביי'ן איר זייט... די ווייבער אַרום, הער איך, שרייען צו גאָט, די הענט ברעכנדיק: ריבונו־של־עולם, זאָל זי וויינען! באַטש אַ טרער לאָזן! און זי גייט, און מורמלט, און איך הער (וואָס איך האָב אין „נאָך קבורה" באַנוצט): „עס, ליפּעלע, עס, זאָל דיר זיין צו געזונט!" און גיט פּלוצלינג אַ ריס אַראָפּ פון זיך דאָס ש י י ט ל און מיטן מויל — אַ פּייף... — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

שטאַרבט נאָך ק., דער ווייןהענדלער, פון דער ברוקירטער גאַס... מיך ציט אַהין, איך מ ו ז זען, ווי מענטשן שטאַרבן.. ליגט ער און גוסעט אין דער גרויסער שטוב, אין שרעקלעכע שמערצן... די טאָכטער זיינע, די פּאַרצעליענע שיינקייט, ליגט אויף אַן אַנדער בעט — די קליינע ווייסע שרעק! די מוטער — אַ הויכע פרוי — איינגעקווילט אין אַ פּאַטעל, מען זעט קיין פּנים נישט... איך רוק מיך, צווישן חברה־לייט, צום בעט צו... שרעקלעכע העוויות, ווילדע אויסגעשרייען אינמיטן ווידוי... און פּלוצלינג, מיט אַ גאַנץ געענדערטער שטימע —

— זאָגט מיין ווייב, דער שליסל פון צווייטן קעלער ליגט...

איך הער נישט ווו; איך אַנטלויף... אַנטלויף אין אינזשעניערנע גאָרטן אַריין, טיף פון אַ שטאַרבנדיקן באַליידיקט, פון אַ גוסס... פוי, פוי! דער מענטש איז ווערט דעם טויט, ער וועט זיך אַנדערש נישט אָפּרייסן פון שליסל צום צווייטן קעלער...

און עס פאַלט צו די נאַכט... איך גיי אַרויס אויפן שאָסיי, גיי עטוואָס וויטער אָפּ פון שטאָט און דערזע (גלייך צום ערשטן מאָל!) — ווי די זון לאָזט זיך אַראָפּ אונטערן גאָרטן — די פּורפּור־פלאַם פון צווישן די צווייגן... און קעגנאיבער שיינט אויף אַ בלאַס־געצייכנטע לבנה; קומט העכער, העכער, ווערט בולטער...

איך שטיי אָנגעשפּאַרט אָן עפּעס אַ צוים און קוק, און וווּנדער מיך, פאַרוואָס זע איך עס אַזוי צום ערשטן מאָל... יעדן טאָג גייט דאָך אונטער די זון, יעדן אָוונט גייט אויף די לבנה...

און זי ציט זיך אַרויף, אַרויף...

אַ צינערנער הקדש־טעלער? אַ זילבערנע טאַץ אויף דרשה־געשאַנק? יהושועס פּנים?

אפשר פרעגן ביי יהושוען: פאַרוואָס שטאַרבט מען, נאָך וואָס? —



רירט מיך פּלוצלינג עמעץ ביים אַקסל אָן...

מיכל פידלער — שוין דערמאָנט — ביים פּלויט פון זיין היתבודדות־הייזל ביז איך עס געשטאַנען. ער איז צו מיר אַרויסגעקומען אַ שטילער, שטיל־שלייכנדיקער, מיט טרויעריקע וואַסער־אויגן, אין איין האַנט — אַ ספרל, אין צווייטער — אַ לאַמטערל...

— „מען זאָגט, דו ביסט אַן עילוי, קענסט דאָך פּשט?"

און ער ווייזט מיר אַן אָרט אין קבלה־ספרל (דעם נאָמען — פאַרגעסן). עס רעדט זיך וועגן גילגול... איך לעז דורך, פאַרשטיי און פאַרטייטש...

— „ביסטו דאָך טאַקע אַן עילוי... נו, וואַרט", און ער פאַרשווינדט צוריק אין הייזל אַריין...

עס הייבט זיך אין מיר אָן אויסצוויקלען אַ געדאַנק: אפשר איז דאָס דער ר י כ ט י ק ס ט ע ר ענטפער אויף אַלע מיינע פראַגן... דער געדאַנק דערוויקלט זיך אָבער נישט, ער קומט צוריק אַרויס מיטן לאַמטערן, נאָר אין דער אַנדערער האַנט, אויפן אָרט פון ספרל — אַ גרויסער, שווערער פאַראָסטער שליסל — —

דער שליסל צו זיין פאַרמאַכטער ביבליאָטעק אין שטאָט...

— דו ביסט עס ווערט...

מיט דער האַנט, וואָס ציטערט שלאַבעריק, דערלאַנגט ער מיר דעם שליסל. די שטימע — הויל, אָן טאָן, היינט וואָלט איך געזאָגט — אָן פאַרב. איך הייב צו אים די אויגן אויף, וויל עפּעס זאָגן, דאָס מויז איז מיר צוגעשניטן; ביים שיין פון לאַמטערל זע איך אַ פּנים פון אַ בר־מינן... געל, וואַקסן־געל, אָפּגעלאָזט...

„אַ בר־מינן דערלאַנגט מיר דעם שליסל" —

איך נעם אים און גיי מיט אים אָפּ שווייגנדיק. דער שליסל וועט עפענען — מיר אַ נייע ביכער־וועלט, אייך — אַ נייעם פּרק...

ווען און ווי אַזוי מיכל פידלער איז געשטאָרבן — געדענק איך נישט!

———

48

# „זייער" בית־מדרש. — חורבות אין געהירן. — איך וויל אַוועק. — די מאַמע. — איך ווער אַ חתן.

נישט מיטאַמאָל לויפט מען פון יידישן אין גויישן בית־המדרש אַריין. מען האָט דאָך אַ יידיש האַרץ. קלאַפּט עס. איך פיל, אַגבוואָל נישט קלאָר, אַז איך רייס מיך פון עפּעס און עמעץ אָפּ, פון עמעץ היימישס, פון עפּעס טייערס... נעכט שלאָף איך נישט, און בלאָנדזשע אַרום טעג הינטער די בראָמען. איך בין טאַקע שוין אַ „פּורץ־גדר", אין אַ סך זאַכן האָב איך אויפגעהערט צו גלייבן. פיל פון הייליקן איז מיר אומהייליק געוואָרן, אָבער אַלץ אין דער היים, אין ב י ת ־ ה מ ד ר ש, וואָס איז לעבן דער שיל...

און איך זע מיך, ווי איך גיי צום לעצטן מאָל, דריקנדיק מיט דער פויסט דעם דיקן פּראָסטן שליסל אין טאַש, הינטער דער לעמבערגער בראָם. אויפן שאָסייענעם דרייעק, צווישן „אונדזער" און „זייער" בית־עלמין, און האָב היתבודדות, און הער אוים אַ וויכוח צווישן „יצר־טוב" און „יצר־הרע", אַזוי ווי איך האָב אים איבערגעגעבן, נאָר צוגערייַשט מיט „וויץ" אַלאַ היינע, און „מאָניש"... אָבער מאָנישן אין חורבה אַריין רופט „מאַריע", זי ווינקט צו אים פון די פענצטער, רופט אים מיט געזאַנג. מיין „מאַריע" שפּאַצירט אַרום מיט יונהטשען, אָוונט ביי אָוו.ט. צווישן מינחה ומעריב, אין דער רייטשול, און מיין „כלה פון חורבה" איז פאַרנומען מיט איר אויסשטייער. נייטאָרן־מיידלעך זיצן ביי זיי אין שטוב און נייען וועש, און זי לויפט אַרום צווישן די שניידער און מעסט מלבושים... מיך רופט „קענטעניש"... אָבער דער יצר־הרע איז גובר; אַזוי ווי ביי מאָניש׳ן.

זע איך מיך, ווי איך גיי, אין אַ שוואַרץ היטל, אין אַ ביסמאַרק־פּאַלטאָ און ווייס־פאַרלייגטע שטיוול (צופעליק הייב איך דעמאָלט אָן צו זען פאַרבן!) איבער דער ברוקירטער גאַס, פון די רויטע קאַשאַרן צום גרינעם שלאָס (עס איז פרילינג־צייט) און בלייב שטיין ביים קוואַר־געסל פ אַ ר ן שלאָס, אין ווינקל, וווּ דאָס הויז שטייט; דאָס הויז מיט דער פאַרמאַכטער ביבליאָטעק אויפן בוידעם. איך טראַט אַריבער די שוועל איבער געוואַלט. עטלעכע טראָפּן שוויים פּערלען זיך איבערן שטערן! דאָס הויז איז מיר פרעמד; דאָ וווינען נישט קיין יידן. צופעליק. און פיליכט צוליב



דער־נאָנטסקייט מיטן שלאָס! דאָס הויז איז אַ נייעס, דעמאָלט דאָס נייעסטע, און האָט ליכטיקע טרעפּ, דעמאָלט די איינציקע ליכטיקע טרעפּ אין שטאָט. איך שטייג באַהאַרצט; אַ גוטער סימן — אַ ליכטיקער וועג! און איך שטייג אין ליכט. איין שטאָק, אַ צווייטער — די פּלאַטפאָרם צום בוידעם; דאָ לעשט זיך מיר דער טאָג אויס... איך ווער עטוואָס אומרואיק. אָבער „כל באיה לא ישובון", נישט פאַראַן: צוריק! די האַנט ציטערט אַביסל, דאָך דערטאַפּט זי די טיר; אין טיר — דעם שליסל־לאָך. „פריער אַריינקוקן!" איך נייג צו אַן אויג: אַ חושך. קעגנאיבער אַ פאַרלאָדנט פענצטער פון אינעווייניק. אָבער דורכן לאָדן־שפּאַלט רייסט זיך אַריין אַ זייל פון ציטעריקן זונען־שטויב און שפּאַרט צו ביז צו׳ן אַ הויפן ביכער אויף דער פּאָדלאָגע.

„דער עמוד־ענן!"

„דער עמוד־אש!"

„בײדע פירן אין מידבר!"

און איך דריי איבער דעם שליסל! אַ קריץ אין אַלטן שלאָס, דאָס האַרץ אַ ציטער, דאָך — די טיר — שוין אָפן, דער לאָדן — האַסטיק אויפגעריסן — איך בין אין „זייער בית־המדרש"...

אַז מיר האָבן אַ חלק אין אַלע בתי־מדרשים, „ביודעים ובלא יודעים" — פעלט מיר דעמאָלט נישט איין. אָבער אַזויפיל ביכער! אַרום אויף אַלע פיר ווענט, צעוואָרפענע אונטער די פיס אויף דער פּאָדלאָגע.

— איך וועל אַלץ לייענען און כסדר!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„אַלץ" האָב איך נ י ש ט געלעזן; דריי שפּראַכן געווען: דאָס מערסטע פּויליש (אויבוואָל דאָס מערסטע איבערזעצונגען...), דערנאָך אַביסל דייטש; געווען אַ קליין ביסל פראַנצעזיש אויך.

פראַנצויזיש קען איך גאָרנישט. לעזן אַפילו נישט. איך וועל מיך דאָך, צוליב דער ביבליאָטעק, אין אַ צייט אַרום, אויסלערנען בעל־פּה, פון טאָוול צו טאָוול, אַן אַלענדאָרף, — אַ ברכה לבטלה: איך וועל אים, ווי אויסגעלערנט, פאַרגעסן... מיטן הוילן אַלענדאָרף־קענטעניש וועל איך פון דער היים אַוועק. דייטש, ביי וועלכן, ווי איך רעכן, עס וועט מיר ביישטיין דער זכות פון עטלעכע לעקציעס ביים לערער שטערן, לייג איך דאָך אָפּ אויף שפּעטער. צו גרויס איז מיין דורשט צו „קענטעניש", איך זאָל מיך זעצן סילאַביזירן! איך הייב אָן ביי פּויליש, און האַלט וואָרט. און לעז כסדר; „לב הכם לימינו" — פון דער רעכטער האַנט ביים אַריינגאַנג. און

די ביכער זענען אויסגעשטעלט אָן אַ סדר, אַ תוהו־ובוהו פון ביכער. ראָמאַנען און וויסנשאַפטלעכע זאַכן. אויסגעמישט, און צעוואָרפן — די פּילבענדיקע ראָמאַנען; איבערהויפּט די איבערזעצונג פון פראַנצויזיש: דיומאַ, סי, וויקטאָר הוגאָ א. ד. ג. פאַלט אין דער האַנט אַריין אַ צענט באַנד סי, דערנאָך אַ ניינטער דיומאַ, באַלד אַ דריט באַנד — הוגאָ... אָבער איך לעז! איך זוך קיין סיפּור־המעשה נישט. איך לעז אויך קיין נאַטור־באַשרייבונגען נישט, זיי דערמאָנען מיך אָן גאָרנישט, וועקן אין מיר קיין בילדער נישט! איך האָב אַזוי ווייניק באַקאַנטשאַפט מיט נאַטור. איין אויסנאַם — די באַשרייבונג פון גרינע וויזן ביי וויקטאָר הוגאָ אין „די אַרבעטער ביים מער" — פאַראַן וויזן אַרום שטאָט; אויך אַ שליט־וועגס פון אַ פּוילישן אויטאָר, דאַכט זיך קאָרזשעניאָווסקי — שניי שוין געזען! דער עיקר ציען מיך און נעמען מיך די דיאַלאָגן — די „שטיקלעך מיט די פּאַסיקלעך", ווי עס האָט דעמאָלט ביי מיר געהייסן; וווּ מענטשן רעדן. יעדעס פּאַסיקל האָט מיר אויסגעזען, ווי אַ שפּעלטל אין אַ מענטשלעכער נשמה אַריין. די ליבע צום דיאַלאָג, צום מאָלן מיט דער שפּראַך איז מיר געבליבן...

רעכט אַ מעשה פאַרציילן האָב איך מיך קיינמאָל נישט אויסגעלערנט. העכסטנס, ווי איינער פון מיינע קריטיקער האָט באַמערקט — אַ „מעשה בתוך מעשה"; שלעכט געבויט איז דעריבער פיליכט מיין בעסטע זאַך: די דריי חופּות... איך האָב אַזוי געלעזן. לעזנדיק, פלעכטן זיך אין מיר אַלערליי מעשיות; איך קען מיך, און וויל מיך נישט אַרויספּלאָנטערן. אין דער ביבליאָטעק איז אַ יריד! פול מענטשן אין מאַרק; אַ געווימל פון מענטשן! פון אַלערליי שטאַנדן, אַלערליי געשעפטן! אין גרופּן שטייען זיי, און רעדן צווישן זיך, יעדע גרופּע האָט איר עסק... און איך שפּאַציר אַרום איבערן מאַרק, גיי פון גרופּע צו גרופּע, הער אונטער, כאַפּ אָפּגעריסענע שטיקער פון געשפּרעכן און שטוים מיך, ווען וואָס עס גייט...

פאַלט מיר אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום אין דער האַנט אַריין נאַפּאָלעאָנס קאָדעקס אין זאַוואַדסקיס איבערזעצונג. איך לעז און — פאַרשטיי, אַ פרייד; נישט טיף, פיליכט נישט ריכטיק און — גאָף! דינים, אָן ראובן ושמעון, סאַמע כללים!... דער רמב"ם אין „יד החזקה" האָט עס נישט דערגרייכט! נאָך אין אַ צייט אַרום — באָקלס געשיכטע פון דער ענגלישער ציוויליזאַציע! איידער איך פאַרשטיי, דערמאָנט מיך (אַזוי מיין איך) דער סטיל אָן בעל־עקדה!... אויך עפּעס אַ מין דרש! איך קום אויך צו פיזיק. ריבונו־של־עולם! נישט די קאָלדרע וואַרעמט מיך, נאָר מיין לייב די קאָלדרע! מען קען מאַכן שניי! דונערן! אָן מאַטעמאַטישער פאַרבאַ־



רייטונג, היפּער איך איבער ציפערן און אַלע געבראַאישע צייכנס, ווי אַ פּוילישער מלמד איבער שטיקלעך דיקדוק אין רש"י, און פאַל ווייטער אַריין אין אַ ים פון ראָמאַנישע און ראָמאַנטישע דיאַלאָגן, און שווים ווידער אַרויס אין אַ „נאַטור־וויסנשאַפט"... די באַשרייבונגען פון קערפּער און גלידער, אַזוי פון געוויקסן ווי פון טירע נעמען מיך נישט, זענען פאַר מיר טויט! ווידער דאָס זעלבע: זיי דערמאָנען מיך אָן גאָרנישט, וועקן אין מיר גאָרנישט! געזען: הינט, פערד און עטלעכע קעץ. זומער־צייט פליען פייגעלעך אונטערן הימל, אונטערשייד איינצלנע אין דער מתנה! לאָזן זיך מאַנכע מאַנכמאָל אַראָפּ, אין שטויב און בלאָטע אַריין, נאָך אַ פאַרלאָזן קערנדל פון אַ פּויערישער פור, אַ ברעקעלע פון אַ ייִנגלס אָנבייסן אין חדר אַריין און פליען אַזוי ראַש אַוועק... אויפן שפּיץ פון זיינער שטעלט זיך אַמאָל אַ קראָ — ווער ווייסט זיי!

פאַר דאָס די באַשרייבונג פון לעבנסאַרטן, פון געוויקס און טיר, יעדע אַנטפּלעקונג פון אינסטינקט און פאַרשטאַנד, געוווינהייטן, דאָס צופּאַסן זיך מיט ליניע און פאַרב צו מיליע... נעסטן־בויען, קינדער־דערציִען, זאַמלען שפּייז אויף ווינטער, פאַרזאַמלונגען פון געפליגלטע אונטערן בלאָען הימל, די סעימען; די סערענאַדן פון דער מענלעכער זייט, דאָס אויסשטעלן פון פאַרביקע פעדערן, דער קריג ווענן דער „זי" — דער קאַמף פאַר לעבן און ליבע, — דאָס אַלץ נעמט און כישופט...

נאָט, ווי גרויס די וועלט איז, ווי פאַרשידנאַרטיק, און וויפל שכל, וויפל גייסט...

און פּלוצלינג:

— אַלץ מאַטעריע! (האַרטמאַן).

— קיין פרייער ווילן! (צענדליקער בראַשורן). און קאַרל פאָגט:

— דער געהירן אַרבעט אויס געדאַנקען, ווי אָן אַנדער גליד — שטונען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

עפּעס ווערט אין מיר פאַרשטאַרט, פאַרגליווערט. עפּעס שטאַרבט אָפּ. אויס מעשה־בראשית, אויס מעשה־מרכבה. קיין הימל נישטאָ. דאָס בלאָע, וואָס מיר זעען, איז די גרענעץ פאַר אונדזער אויג. אויס שכר־ועונש, אַז דער מענטש האָט קיין ברירה נישט...

מיט וועמען רעדט מען דערפון? פאַר וועמען גיסט מען זיך אויס דאָס האַרץ? אין וועמעס אויערן אַריין גיסן דאָס קלאָגן אויף די חורבות אין געהירן און אויף די פּגרים אין האַרץ? מיט די אַרומיקע? איך בין

קענען זיי אַן לשון אפילו. פון דעם, וואָס איך האָב געלעזן, קאָן איך אויף יידיש נישט רעדן, פאַר דעם האָב איך אויף יידיש קיין ווערטער נישט. איך פרווו רעדן מיט מיר אַליין און קען נישט...

רעטן קען מיך איין ש. ח.

פריער זיין פּאָרטרעט. אייגנטלעך נישט זיין פּאָרטרעט! איך קען אים נישט. אין אַ מענטש קוקט מען דורך די אויגן, און ער פינטלט מיט די אויגן. זיינע שוואַרצאַפּל האַלטן אין איין לויפן אַהין און צוריק איבערן ווייסל, ווי פאַר פחד, מען זאָל זיי נישט דערטאַפּן. איך וועל נאָר באַשרייבן זיין ליניע: שטאַמט פון אַן אָרעמער, דערשלאָגענער פאַמיליע אין דער ליטע, נישט אויסגעלערנט זיך קוקן מענטשן אין די אויגן אַריין... געענדיקט די ראַבינער־שול אין זשיטאָמיר. געקומען צו אונדז אַלס רעליגיאָנס־לערער... לערנט פון אַ רוסיש ביכל אַרויס די „ביבלישע געשיכטע”. האַלט זיך ווייט פון קהל; רעדט נאָר רוסיש. פונדעסטוועגן, אַז דאָס מאַגיסטראַט וויל אַפּרייניקן דעם מאַרק פון פויערישע פורן, וואָס זאָלן זיך נאָר שטעלן אויפן טאָרג, און באַשטימט איינצוטיילן דעם מאַרק אויף פיר, דורך גאַסן דורכגעשניטענע רעגלמעסיקע סקווערן, וו ער וועט פּאַרזייען בלומען און פלאַנצן ביימער... און די סוחרים, וואָס האָבן געוועלבער אין מאַרק, פאַר פחד, זיי זאָלן דאָס פויערישע לייזונג נישט פאַרלירן, ווילן מבטל זיין די גזירה, און מען ווענדט זיך צו אים, ווי צו'ן אַ קרוב־למלכות, —שרייבט ער זיי אַ פּראָשעניע אויף „קייזערלעך פּאַפּיר”, מיט עכט שוואַרצער טינט און קאַליגראַפיש, לאמור, אַזוי צו זאָגן: היות, עס וועלן זיין גערטלעך (סקווערן) און אויב עס וועלן געפלאַנצט ווערן ביימלעך, וועלן די ביימלעך מיט דער צייט וואַקסן און צעוואַקסן זיך און ווערן גרויסע ביימער, מיט געדיכטע צווייגן און בלעטער... און אַזוי ווי די שטאָט איז שלעכט באַלייכט און נעכט זענען פאַראַן פינצטערע, וועלן זיך אין די פינצטערע נעכט, אין די געדיכטע שוואַרצע שאָטן פון די ביימער באַהאַלטן גנבים, גזלנים און רוצחים, וואָס וועלן זיין אַ סכנה פאַר דער שטאָט... אויך וועט מען, אין די זומער־אָוונטן, ווען די נאַטור (דאָ גייט אַ נאַטור־באַשרייבונג) וועקט די ליבע — אין שאָטן פון די ביימער זינדיקן, וואָס עס וועט שאַדטן דער מאָראַל פון שטאָט און פאַרדאַרבן די שול־יוגנט, וואָס וועט ווייטער פון איר זייט, נישט פאַר אייך און נישט פאַר קיין שום ייד געדאַכט, קראַנק מאַכן אַ האַלבע, אויב נישט די גאַנצע שטאָט...

איז אייך ווייניק, גייט די ליניע ווייטער:



ער פאַרלירט די שטעלע אַלס רעליגיאָנס־לערער. איך ווייס נישט, אָדער געדענק נישט, פאַרוואָס, און פועלט ביים גובערנאַטאָר און ווערט אָן דער שטאָטס וויסן — ראַבינער. און באַקומענדיק די נאָמינאַציע, ענדערט ער פּלוצלינג זיין פירונג: טוט אָן אין שטוב אַ יאַרמולקע, הערט אויף צו רייכערן אום שבת און הייבט אָן צו גיין אין שיל אַריין דאַווענען פרי און אָוונט.

האָבן די חסידים אַן אסיפה געמאַכט און געשיקט אים זאָגן:

ווילט איר, אַזוינער און אַזוינער, נעמען ביי דער שטאָט דריי הונדערט רובל אַ יאָר אומזיסט, איז מה־טוב. איר זייט נישט ערגער ווי אַן אַנדערער, אַן אינו־ישראל, וואָס נעמט אומזיסט יידיש געלט.

ווילט איר אָבער ווירקלעך עפּעס טון, וועט מען אייך עוקר מן השורש זיין...

על־כן, זאָגט מען אים אָן, זאָל ער תיכף־ומיד צוריק ווערן גוי, אויסטון די יאַרמולקע, אויפהערן צו קומען דאַווענען, און צוריק רייכערן בריש גליה אום שבת...

— פאָלגט ער און ווערט אין אַ צייט אַרום אויס ראַבינער, פאַר דאָס צענזאָר אין וואַרשע. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דעמאָלט איז אָבער געווען ערשט דער אָנהויב פון דער ליניע. דער ערשטער עטאַפּ פון דער קאַריערע. נעמט ער מיך אויף, הערט מיך אויס, פינטלענדיק מ ט די אויגן, הערט מיינע ספיקות און פיין און ענטפערט:

— ניטשעוואָ!

איך מוז ווערן אַ לייט, אָוועק שטודירן! קיין זשיטאָמיר, קיין ווילנע... אַלע ספיקות וועלן אָפּפאַלן, אַלץ וועט ווערן קלאָר, אַלץ וועט ווערן גלייך...

ער וועט מיר העלפן!

אפשר! לאָקער איך אויף מיין כלה פון חורבה אויף די טרעפּ, צו האָבן מיט איר אַ ישוב. צום אַלעם ערשטן דערשרעקט זי זיך צום טויט. איך האָב זי אַזוי לאַנג שוין אויף די טרעפּ נישט פאַרהאַלטן. און זי גרייט זיך דאָך צו'ן אַ חתונה... דערהערט זי אָבער, וועגן וואָס עס גייט, באַרויִקט זי זיך, נעמט זי שוועסטערלעך מ ך אָן ביי דער האַנט, פירט מיך אַראָפּ אין הויף אַריין, פון דאָרט דורכן הינטער־טירל אין רייט־שול אַריין, וו מיר זעצן זיך אויף אַ באַנק און רעדן... און רעדן מיט נעפלאָכטענע הענט אַזוי האַרציק־שטיל.

51

— יאָ, פּאַר — זאָגט זי, און די שטים איז פֿייכט, און די אויגן גלאַנצן פֿייכט... פּאַר! זײַ מיר מודיע ווען, ווען איך אַראָפּקומען...

נעמט ש. ח. און פֿאַרזעצט אויף הוצאות זײַן גאָלדן קייטל. ווערט באַשטימט אַ פֿאַרטאָג צום שטילן אויפֿקעפּאַרן. עס ווערט באַשטעלט אַ פֿור, איך פּאַק מיך בסוד־סודות. לייג מיך פֿרי מכלומרשט שלאָפֿן, מיטן פּעקל אונטערן קישן, איך וועל קיין אויג נישט צוטון. אַ פֿייף פֿון גאַס וועט זײַן דער צייכן... איך לעש אויס דאָס לעמפּל, געזעגן מיך מיט אַלע און אַלעם אין דער פֿינצטערער שטוב; אויפֿן האַרץ איז נישט אַזוי לײַכט... אָבער איך מוז... לייג איך און דערהער אַ שטילן שאָרך פֿון צווייטן צימער. איך האָרך. שטיל עפֿנט זיך די טיר. שטיל, באָרוועס קומט אַרײַן די מאַמע, איך זע זי קוים בײַם שוואַכן שײַן פֿון דער לבֿנה אין פֿענצטער. זי שוועבט שטיל צו צום בעט, זעצט זיך קעגנאיבער, קוקט מיר מיט ווייטיק אין פּנים אַרײַן... איך קען די אויגן נישט שליסן, איך מוז זי זען, און זען, ווי פֿון די אויגן אירע רינען שטיל, שטיל די טרערן... זי געזעגנט זיך מיט מיר... ווער האָט אויסגעזאָגט מײַן סוד?

אָבער זי וואַכט בײַ מיר, אירע טרערן וואַכן; איך פֿאָר נישט...

דער טאַטע איז אין דער היים נישט געווען. געקומען איז ער אין עטלעכע טעג אַרום מיט דער ידיעה:

— נעטן מיט דיר אַ שידוך... מיט גבֿריאל יהודה ליכטנפֿעלד.

איך גיב מיך אונטער; איך זע קיין אַנדערן אויסוועג. אַ קרבן פֿאַר דער מאַמעס טרערן!... ש. ח.'ס גאָלדן קייטל איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן בײַם מלווה... די פֿור איז צוריק אָפּגעפֿאָרן אין פֿאַרשטאָט אַרײַן... מײַן „כּלה פֿון חורבה", וואָס איז אומזיסט אַראָפּגעקומען האַלב־נאַקעט און פֿאַר־טאָג, מיך צו באַגלייטן, האָט אויף אַ צײַט אַ קאַטער באַקומען... און אין אַ קורצער צײַט אַרום פֿאָר איך חתונה האָבן...

פּאַסטן וויל איך נישט... די חופּה שטעלט מען אין דרויסן, אין דאָרף... און הייבט אינמיטן אָן צו רעגענען, אַנטלויף איך פֿון אונטער דער חופּה אין שטוב אַרײַן. די חופּה גייט נאָך. גבֿריאל יהודה ליכטנפֿעלד לאַכט... די טאָכטער זײַנע וויינט...

איך קען מיר קיין רעכענונג נישט אָפּגעבן פֿון מײַן פֿירן זיך...

. . . . . . . . . . . . . . .

און מיט דעם ענדיקט זיך דאָס ערשטע באַנד פֿון מײַנע ערינערונ־גען... עס הייבט זיך אָן צו צעשטרייען דער געפֿיל פֿון קינדער־ און יינגל־יאָרן, און פֿאַרשווינדט מיט דער צײַט. עס שליסט זיך אויך דער היימישער



אוצר פֿאַר סקיצן און בילדער. אַלץ, וואָס איך זע אין דער פֿרעמד, אַלץ, וואָס איך באַגעגן אין שטעט און שטעטלעך, אויף וועג און שטעג, זע איך און פֿאַרש! אָבער איך פֿיל עס נישט אומיטלבאַר. איז מײַן נשמה האַרטער געוואָרן און קען אין אַנדערער נישט אַרײַנפֿליסן, צוריקצוקומען רײַכער, פֿאַרביקער און פֿאַרשטענדיקער? אָדער האָט מען, אויסער דער פֿאַרמיטלונג פֿון די חושים, צום נישט היימישן, צו דער נישט־קינדישער וועלט קיין צוטריט איבערהויפּט?

אַלצײַנס.

א ו י ס גירסא דינקותא...

דער נעפּל מיט קעפּ, העכסטנס ביוסטן: מיט אויגן, וואָס שווימען מיר פֿאַרבײַ, ווען איך מאַך מיר די אויגן צו — צערינט און פֿאַרשווינדט.—

———

52

# איך האָב חתונה געהאַט 1)

וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מער טוט זיך פון מיר אָפּ דער וואָלקן — די מרה־שחורה; אַלץ ווייניקער טראַגיש ווער איך. אַ חתן געוואָרן, ווערט מיר נאָך לייכטער. איך וועל מיך צוזאַמענקומען מיט גבריאל יהודה ליכטנפעלד, מיין כלהס פאָטער — אַ מאַטעמאַטיקער, פילאָזאָף און אַ מענטש, ווי עס האָט זיך געהערט, מיט גרויסע „קענטעניש", — ער וועט מיר שוין אויסטייטשן אַלע מיינע בייזע חלומות; אַלע בראָגן וועגן גאָט און וועלט פאַרענטפערן. און איך לייג זיי אַלע אָפּ אין זיכרון ביז צום ערשטן באַגעגענען זיך מיט אים... פון דער כלה טראַכט איך נישט... צי זענען געווען ראשי־פּרקים און תנאים — הייב איך נישט אָן צו געדענקען, אָבער אויפן חופה־טאָג וואַרט איך ווי אויף משיחן; דער אויסלייזער פון ספיקות וועט קומען! דערווייל שפּיל איך מיך מיטן באַקומענעם גאָלדענעם קייט און זייגערל; דערויף בין איך נאָך געווען יינגל, און אַז מיינס אַ בית־המדרש־חבר, אַ חסידישער בחור אין מיינע יאָרן, באַרימט זיך פאַר מיר, אַז אויסער אַ זייגער, האָט ער נאָך באַקומען אַן אויסגעשטיקט סאַמעטן תפילין־בייטעלע, שמייכל איך קליגעריש; ווער ווייסט, צי גבריאל יהודה ליכטנפעלד לייגט גאָר תפילין... בינדט זיך דער בחור צו:

— און אַ טלית וועט ער געבן? און אַ קיטל?

— איך וועל זען!

און איך לעב דערווייל אַ טאָפּלט לעבן. אויסערלעך — די פאָרעם פון אַלע באַלעבאַטישע חתן־בחורים; איך עס געלאַסענער, גיי געלאַסענער שפּאַצירן, לאָז מיך אַמאָל אַריין אין אַ שמועס מיט יונגעלייט מכוח ערנסטערע זאַכן; באַלד זיין זייערס גלייכן... שבת פאַרנאַכט גיי איך מיט, מיטן טאַטן און פעטערס, אַלס געסט אויף אַ מילכיק שלוש־סעודות צום „גביר" אין נאָענטן פאָלווארעק אַריין, מער פאַר אַ תחום־שבת; אַן עירוב געלייגט. אויפן וועג רעד איך גלייך מיט אַלע וועגן וויכטיקע ענינים: צי

1) דאָס קאַפּיטל איז געדרוקט אין וואַרשעווער „דאָס לעבן", 1914, נומ. 51, 63, 69.



קען מען שרייבן, ווי פּאַפּירנאַ האָט געטון: „הדראמא", — צי די פרעמדע „דראמע" מיט דער העברעישער ה"א הידיעה איז אַ כשרער זיווג פאַרן יידישן אויער. מען זאָגט — יאָ, מען זאָגט — ניין; איך פּראָפּאָניר, מען זאָל שרייבן „ה'דראַמע" און „רעדן ווי אַזוי זאָל מען?" פרעגט עמעץ, אַ פּוריסט, און מיר זעט אוים די פּראָגע ווילד; נאָך וואָס לעזן הויך? פון רעדן לשון־הקודש איז נאָך קיין רייד נישט געווען און מיר נייען, פון דיקדוק און אַנדערע זאַכן רעדנדיק, אין קופּקעלעך אויפן פוס־וועג צווישן פעלדער ווייץ און קאָרן, און צווישן וועלכע עס ציט מיר דער בלויער האָבער פון צווישן די גאָלדענע זאַנגען, עמעץ — אַ יונגער — רייסט אוים אַ האָבער, נעמט צו דער נאָז, עס שמעקט נישט; שטעקט זיך אים אַריין אין פּעטליע. אַן עלטערער שרייט אָן: „שבת!" מען ווילצט זיך: „ער האָט פאַרגעסן, אַז מען טאָר נישט", „פאַרגעסן, אַז עס איז שבת", „פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייד"... איך וויל לשם פּראָטעסט אויך אויסרייסן אַ בלאָ בלימל און די האַנט פאָלגט נישט; נישט געוווינט. איך פאַרענטפער מיך פאַר זיך אַליין: אַ צער בעלי־חיים; אַ מאַן־דאַמר (אַ נישט־יידישער!,), אַז אַלץ לעבט... און דער און אַנדערע נישט־יידישע מאַן־דאַמרס, מיינונגען, אידעען, געפילן, אידעאַלן און וועלט־אַנשויונגען פון פרעמדע ביכער אַרויס, — דער מישמאַש קאָכט זיך ערגעץ אונטערן האַרץ־דעקל אין אַ קעסל; עס שוימען און שמעלצן זיך שטימונגען און בילדער פון ביבליאָטעק־ביכער אַרויס, ניי־געבוירן ווערנדיקע פאַרלאַנגונגען פון פאַרשידענער נאַטור און טעמפּעראַמענט. און מיטאַמאָל, דער קעסל גיט אַ שטאַרקן קאָך און רויכיק־פלאַמיקע צונגען רייסן זיך דורכן האַרץ־דעקל אין פרייען אַרויס, און באַווייזן זיך אויף דער ליכטיקער שיין אין געשטאַלט פון אומבאַרעכנטע, אימפּולסיווע באַוועגונגען, ווילדע בליקן פון פלוצלינג אויפגעפלאַמטע אויגן, און ווילדע ווערטער, וואָס רייסן זיך גאָר פלוצלינג פון דער צונג אַראָפּ...

אַלע שטוינען; איך אויך...

גלייך איך איצט מיין דעמאָלטדיקן איך צו אַ נאַפט־פעלד, פון אויבן טרוקן, נאָר ווו דו וואַרפסט אַן אָנגעצונדענע זאַפּאַלקע — רויך און פלעמלעך... און איך מאַך אָפּט ווילדע זאַכן, איך נעם אַמאָל פאַרן גאַנצן עולם אין בית־המדרש פון דער שאַנק אַראָפּ פון מיזרח־וואַנט אַ באַקאַנטע, גרויס־געהאַלטענע שאלת־תשובה, און מעק אוים בפרהסיא מיט אַ בלויער בליישטיפט (וואָס נאָר איך אייגער פאַרמאָג) צוויי, צי דריי שורות, ווו דער מחבר איז נישט צופרידן מיטן מורה־נבוכים. דער עולם

53

ניט זיך צו מיר א לאז, — איך שפּרינג אַרויף אויפן אָרון־קודש, שטעל מיך פאַרן פּרוכת אין א פּאָזע פון א העלד, וואָס איז גרייט, לכל־הפּחות, אויף קידוש־השם, קרייציק די הענט אַלאַ נאַפּאָלעאָן און מאַך, נראָד און שטאָלערן, קוקנדיק אויפן עולם, אַן איינדרוק און ער רוקט זיך פּאַמעלעך צוריק, שטיל מורמלענדיק: משוגע...

עמעצן פאַלט איין: — שרייבן דעם מחותן...

אַן אַנדערער: — געטראָפן דאָס װאָרט! ער וועט אים נאָך א שיינע מתנה שיקן! און מיין שטאָלץ וואַקסט, בשעת ווען אינערוועגן בין איך לאַנג אַריבער איבערן מורה־נבוכים, וואָס איז צוזאַמען מיט אַריסטון אַראָפּ פון דער „טאַגעס־אָרדענונג"... — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס נענטער אָבער צום חופּה־טאָג, וואָס דאַרף זיין אין א דאָרף ערגעץ אינמיטן וועג, צווישן אַפּט און זאַמאָשטש (דעם נאָמען פון דאָרף געדענק איך נישט; קיין דאָקומענט פון דאָרט האָב איך נישט; דעם „אַקט" האָט מען ערשט שפּעטער, אין שעברשין, געמאַכט), אַלץ אומרואיקער שלאָף איך ביינאַכט, אַלץ בייזערע חלומות וועקן זיך אונטערן האַרץ־דעקל און שווימען אַרויף: — און אויב די כלה איז א בלינדע אויף איין אויג?

— נו, און אויב זי לאָמט? — און א „כלה", נישט קיין געליבטע; נישט קיין געקליבענע, נישט קיין אויסגעווײלטע... און — וואָס וועט זיין, אַז איך וועל בשעת באַדעקנס דערזען א פּאַרזעניש? און עס וועקט מיך פון שלאָף און איך ליג שטונדן־לאַנג און קלער: פאַרוואָס גראָד א כלה פון אַפּט? פאַרוואָס האָב איך מיר אַליין נישט אויסגעקליבן א כלה פון זאַמאָשטש?אמת, מיר האָבן דאָ קיין גבריאל יהודה ליכטנפעלד נישט. און קיין אַנדערער, עטוואָס חשובער באַלעבאָס, מיט וועלכן מיין טאַטע קאָן א שידוך טון, וועט מיך פאַר קיין איידעם נישט נעמען... מען ווייסט דען נישט?... אָבער פאַרוואָס נישט, ווי אין די „ביכער" איז באַשריבן: פאַרליבן זיך, אַרויסנבענגען אין דער וועלט אַריין... ערגעץ אין א הייזל אין וואַלד. ד' על ד'...

„רוים איזט אין דער קליינסטען היטע"... שילער, און אַנדערע.

און וועמען וואָלט איך, אייגנטלעך, געוואָלט פון דער היים?

און איך זיפ דורך אין געדאַנק אַלע באַקאַנטע מיידלעך פון שטאָט: שטעלן זיי זיך פאַר מיר, איינע נאָך דער אַנדערער, אַלע שוואַרץ־חנעוודיקע, לעבעדיק־געראַוטלטע, צויבערהאַפּט־בלאַסע זאַמאָשטשער טעכטער, וואָס שפּאַצירן אַרום אין רייטשול. און אויף אַלע זאָג איך מיר: ניין... די



איינע, וואָס אויף איר וואָלט איך „יאָ" געזאָגט, איז שוין א פרעמדנס... עסט שוין ערגעץ קעסט... א שאָד; עפּעס ווערט מיר אַזוי אומעטיק, און איך שלאָף ערשט שפּעט פאַרטאָג איין, אין שטילן האַרץ־ווייטיק, און איינשלאָפנדיק, באַשטים איך מיר: ווי עס איז, אין חופּה־טאָג פאַסטן וועל איך נישט! די כלה מעג אַריבערטרעטן איבער דער שוועל פריער פאַר מיר, נאַרישקייטן... און אָפּשערן די כלה די האָר, פון וואָס פאַר א פאַרב זיי זאָלן נישט זיין, וועל איך נישט לאָזן, בשום־אופן וצד! און זי וועט קיין האָר־באַנד און קיין שייטל נישט טראָגן, נאָר די אייגענע האָר... לאַנגע, צי קורצע צעפּ, צי „וויקעלעך". און איך שמייכל, האַלב שוין דרימלענדיק, אין קישן, צי אין דער פינצטערניש אַריין: גבריאל יהודה ליכטנפעלד וועט פון מיר הנאה האָבן... אַפילו זיין קעגן־צד — חיים זעליק סלאָנימסקי — א קענער איז ער דאָך! וועט אויך מודה זיין, צושאָקלען מיטן קאָפּ...

און איך שלאָף אַזוי פאַרטאָג, און מיין האַרץ, דאָס אַלט־קינדישע, איז וואָך, און אונטן, פאַר די פענצטער, צוויי פורן פאַרפאָרן, צוויי פויערן ניבן מיט צוויי בייטשן א קנאַס אין דער לופט, איינעם און דעם צווייטן, אַזויערנאָך צו ווייזן געבנדיק, אַז עס איז צייט צו פאָרן אויף מיין חתונה. איך כאַפּ מיך אויף, באַשטעטיק, נאָך פאַרן אָפּגיסן די נעגל: נישט פאַסטן, נישט לאָזן שערן, אַפילו נישט צעברעכן דאָס גלעזל אונטער דער חופּה, און יעבור עלי מה! און אפשר נאָך זיך איינשפּאַרן און נישט לאָזן אַרומדרייען די כלה אַרום מיר זיבן מאָל! פאַרוואָס — זיבן? מן־הסתם, א מינהג עכו"ם...

איך נים מיר די נעגל אָפּ און דערפיל אין האַרץ עפּעס א שטיס שווער בליי:

— אָבער פאָרט ווי זעט זי אויס...

און דערווייל כאַפּט מיר אָן פון הינטערוויילעכץ א מומע, די נאָענטסטע שכנה, דאַכט זיך — די מומע יענטע, מיט א גרין שטיק זייף אין דער האַנט, די דינסט שטעלט מיר גלייכצייטיק פון פאָרנט א שיסל וואַרעם וואַסער... און — ריבונו־של־עולם! — שרייט די מומע אויס — א האַלדז דאָס האָט! — און בייגט מיך מיט געוואַלט צום וואַסער צו, און שייערט דעם האַלדז, און שייערט... די מאַמע גיט אַרויס וועש... איך באַמערק ערשט: איבער דער פאָרלאָגע אַרום און אַרום — פּעקלעך קליידער, עסנוואַרג, איך באַמערק אויך דעם הויפן פוטער־קיכלעך, וואָס מען פּאַקט ערשט אין א פרישן זאַק אַריין.... אַי, אַי! — שרייט אויס א צווייטע מומע, וואָס העלפט פּאַקן — ווי אַן טויט, אַן זאַלץ פאַרגעסן!

— ליג — ענטפערט די מאמע — אין דעם זעקל פון די פוטער־קיכלעך אריין, פארבינד אין א טיכל און ליג אריין...

— דאווענען, דאווענען! — קאמאנדירט דערווייל דער טאטע...

נאך א ווײלע און — מען פארט... מען פארט פלאך־לאנד, צווישן פעלדער, וואס ציען זיך רעכטס און לינקס, עפעס מידע, נאר אפגעשניטענע, אין א מרה־שחורה פארזונקענע... כאטש איבער זיי אזא בלא יום־טוב־דיקער הימל!

— רעגענען — באמערקט עמעץ — וועט שוין זיכער נישט...

— דער חתן איז דאך קיין נאשער נישט...

— די כלה מוז אויך נישט זיין!

איך הער און פארזונק באלד אין מײנע געדאנקען. איך זיץ אויף דער ווייבערישער פור, מיט דער מאמען און מיט די עטלעכע מומעס, איך געדענק שוין נישט וועלכע, צוזאמען אין שטרוי געפאקט. אויף דער ערשטער פור, וואס גייט פארויס — דער טאטע מיט פעטערס... איך האב מיט די ווייבער נישט וואס צו רעדן, מיטן הימל האב איך מיר באלד אנגעזעגנט, אלץ בלא און בלא... און ארום אויף די פעלדער אויך נישטא, וואס צו זען. עס ציט זיך און ציט אלץ די זעלבע פלאכע געגנט. מאנכע פעלדער טראגן נאך צו ביסלעך גרינס צווישן גרינעם (פרעגט מיר בחרם, וואס עס איז אזוינס) פווישן ארום גרויע און ווייסע פלעקן־פויערים און פויער־טעם אין דער היימישער לייוונט; אזוינע, וואס איך זע יעדן זונטיק אין שטאט אויפן טארג... און איך דערמאן מיך פלוצלינג, אז איך פאסט, ווער בייז, צי ארויס דאס זעקל פוטער־געבעקס, די מומעס קוקן מיט ווילד־אומצופרידענע אויגן, די מאמע מאכט זיך נישט זעענדיק; איך נעם ארויס א „וויקעלע״, ביים אריין — לויטער זאלץ! דאס זאלץ־זעקל האט זיך אין פארן אויפגעבונדן, דאס זאלץ פארשאטן... נישט צום עסן, אבער יוצא געווען האב איך! ווידוי זאגן ביי מינחה וועל איך אוודאי נישט!

און עפעס הייבט מיר אן דערויף באנג צו טון. פארוואס? איך הייב אן קלערן פארוואס, און קאן נישט דערקלערן... דערווייל הייבט זיך פלוצלינג אן בארג־ארויף. דער בארג־ארויף מאכט אויף מיר אן אומגע־הייערן איינדרוק, מער ווי שפעטער די שווייץ... די כאמאנטס הייבן זיך איבער די קעפ פון די פערד, דער פויער שפרינגט אראפ, איך — נאך, און מיר גייען, ער מיט די לייצן אין דער האנט, איך — קלויבנדיק קייר־לעכיקע און פלאכע גאלדיק־ און אראנזש־פארביקע שטײנדלעך פון די



פעלדזן־ווענט, צווישן וועלכע מיר שנײדן זיך אין הארץ פון „בארג״ אריין.

— פון דעם בארג האקט מען מעטאלן, יא, טאטע?

דער טאטע איז פארנומען וועגן א געשפרעך פאר מיר... א יאר קעסט וועט ער מיר געבן, זעקס רובל א וואך פון נדן וועל איך האבן און א געשעפט — פאלט ער אריין אין גדלות — וועט ער שוין געפינען, א מענטש וועט ער שוין ווערן!

באהאלט איך די אנגעקליבענע שטײנדלעך פאר גבריאל־יהודה ליכטנפעלדס וועגן; ער וועט וויסן!

דערווייל צוריק בארג־אראפ — די פעלדזן־ווענט צעגייען זיך רעכטס און לינקס און פאלן אליין אויך טיפער און טיפער, און פארשווינדן, — א נייע געגנט. מער געבליבן גרינס אויף די פעלדער. און אונטערן, מיר דאכט זיך עפעס, נאך בלויערן הימל, צווישן די פאליעס, גרינס אין פעלד, און ארום אלערליי פארביקע שאך־ברעטער, ציקצאקן און בייטן — פווישן ארום גאר אנדערש געקליידעטע פויערן, לעבעדיקע פארבן: רויט, גרין און נאך עפעס, וואס איך קען נישט אנרופן. זיי קריכן אויך ארום געבויגענע און טוען עפעס, און איך ווייס נישט וואס, און עס טוט מיר וויי:

— פארוואס ווייסט נישט איין מענטש, וואס דער צווייטער טוט?

און דערווייל שטעלט זיך אויף א פויער אויפן פעלד, קוקט זיך אום: זשידי יאראן! און הייבט אונדז אן צו ציילן. מיר שווייגן און פארן שווייגנדיק אריין אין א געדיכטן וואלקן פון שטויב; שנײדן זיך באלד אריין אין א סטאדע קי און —

— געלויבט איז גאט! — זאגט דער טאטע — אנגעקומען!

— זאל זיין מיט מזל! — זאגט די מאמע.

מיר פארן אין דארף אריין. עס לויפט שוין אנטקעגן דער ייד, ביי וועלכן מיר וועלן איינשטיין, שבתדיק געקליידעט, אזוי ער, אזוי זיין ווייב, א ברייט־פלײציקע יידענע, וואס א קליין בארוועס מיידעלע, א צעשראקנס פאר די פרעמדע ליט, האלט ביים פארטעך, און קרימט דאס איינגעריכטע פנימל, נישט וויסנדיק: וויינען, צי לאכן...

מיר קריכן אראפ, מיר ווילן צוגיין צופיס... מען פרעגט פון אונ־דזער זייט:

— די מחותנים געקומען?

— נאך נישט, —ענטפערט מען — מיט גאט זיין הילף — קומען...

— באלד — זאגט דער טאטע, — אזוי זוי זיי וועלן קומען, זאל

חיים (דער צווייטער ייד, ווו די מחותנים וועלן קומען און איינשטיין) מודיע זיין, באַלד באַדעקנס און באַלד — אַ חופּה.

— אַ מענטש האָט קיינמאָל קיין צייט נישט! — מורמלט די מאַמע, נישט צופרידן פון אַלע איילענישן. און די מומע יענטע פּראָטעסטירט:

— און ווען זיך אָפּוואַשן, אָנטון...

איך כאַפּ אַ ציטער פאַר מיין האַלדז, ער פּלאַמט מיר נאָך... מען גייט אין שטוב אַריין. מיך פאַרגעסט מען דערווייל אין דרויסן, און איך האָב שוין אָפּגעריסן פון דאָר מוטערס פאַרטעך דאָס קליין פאַרמורזעטע מיידעלע, מיט די ווייס־פלאַקסענע הערעלעך. בלויע, צעשראָקענע און איניינוועגס צעשמייכלטע אויגעלעך, כאַפּ עס אויף די הענט, וואַרף עס אין דער הייך און כאַפּ עס צוריק פון דער לופט, און דאָס מיידעלע לאַכט, לאַכט, און דאָס געלעכטערל קלינגט אַזוי לעבעדיק־לוסטיק און פריי — —

און „חיים" קומט אָן פון דער אַנדערער זייט אַ פאַרסאָפּעטער, נאָך פון ווייטנס רופנדיק:

— נעקומען! געקומען — זאָל זיין מיט מזל!

---

אַז איך בין פון אונטער דער חופּה, צוליב אַ קליין רעגנדל, אַנטלאָפן אויפן גאַנעק אַרויף פאַר דער שטוב, און די כלה, מיט די קלעזמער, מיט די ברענענדיקע הבדלות, מיט דער חופּה, מיטן קליינעם ליב־צעשמייכלטן גבריאל־יהודה ליכטנפעלד זענען מיר נאָכגעקומען — האָב איך זיך שוין דערמאָנט.

צומאָרגנס, אַ שטאַרקע הערבסט־זון רייסט זיך מיט געוואַלט אין קליין דאָרפישן פענצטערל אַריין, צווישן פאַרפּלאָנטערטע בלעטער, וואָס שפּאַרן פון געלע טעפּלעך אַרויס און קריכן איבער די שייבלעך. זי וועקט מיר אָן אַ גרוי־קריכנדיקן געדאַנק אין געהירן:

— און שוין? דאָס איז עס אינגאַנצן?

מיין צווייטע, ערשט באַקומענע העלפט, ליגט, איבערן קאָפּ באַדעקט. שלאָפט, און אפשר נישט, און טראַכט דאָס זעלבע, וואָס איך. פיליכט שעמעוודיקער. מיט מער הארצווייטיק... פיליכט וויינט זי גאָר אין דער שטיל, און עס כאַפּט מיר אָן פלוצלינג אַ נישט קלאָר רחמנות אויף אונדז ביידן, ווי עפּעס אויף צוויי פישלעך, וואָס וועלן זיך צאַפּלען אין איין נעץ...

און שוין? און דאָס איז עס אינגאַנצן?

און דער „כאלו כפאו שד" איז אמתער אלס די אַלע ביכער און ביכ־



לעך פון דאָרט, אין דער היים, אויפן פרעמדן בוידעם... געבאָרן געוואָרן עפּעס, עס קריכט אַרום אין האַרץ... נאָר עפּעס קריכנדיקס, אָן גאָלדענע פליגעלעך, אָן שטראַלנדיקע אייגעלעך, אָן פאַרב... באַוועגט זיך פויל, און שטום, אָן קלאַנג... איך דערטראַכט נישט מיין געדאַנקען־בילד: אַ פעטער קלאַפּט. אַ פעטער רופט צום דאַווענען; דער משכּילישער פעטער: צום מנין דאַרף מען מיך... איך וואַרף ראַש אויף מיר די קליידער אַרויף — „באַלד, באַלד", און לויף אַרויס צום פעדער־הייזל... ודודי חמק עבר — נישטאָ שוין דער פעטער, און דאָס פעדער־הייזל האָט אַן אָפענע טיר אין אַ קליין דאָרפיש גערטל אַריין, און מיך כאַפּט פלוצלינג אַרום אַ שטאַרק־דופטיק־האַרבסטנדיקע גאָרטן־לופט... און איך אַנטלויף פון די געבעט־קלאַנגען, וואָס קומען פון דער שטוב, לינקס, רעכטס, אין גערטל אַריין, און בלייב שטיין אין אַ פרעמד, קליין, גרין און אַנדערש־פאַרביק גערטל... פון ערגעץ אַ פייגעלע פּיפּצט און איך פאַרגעס מיטאַמאָל מיין גיי טויב־שטום באַשעפעניש אין אַ קעמערל פון פאַרבאָרגענעם האַרץ. און עטעם שטאַרק די פרעמדוועלטיקע פרייע לופט אין מיין ענג שטעטיש בית־המדרשדיקער ברוסט אַריין, און זייג מיט דורשטיקע אויגן די דאָרפיש־שרייענדיקע פאַרבן . . . און שפּרינג צו און דערקען מיט פרייד מיין אַלט־באַקאַנטן מאָן (מען פלעגט אים אויפן מאַרק באַקומען) און שאָקל מיטן קעפּל פאַרביי דעם אויער און פאַרנעם דאָס קלאַפּן פון זיינע שוואַרצע קערנדלעך, און לויף צו'ן אַ רויט־פלאַמענדיקער רויטער רויז צו, די אויבערשטע קליידעלעך פלאַטערן אין דער קוים־רירעוודיקער לופט. ציטער נישט, רויט בלימעלע, מיין האַנט איז צום רייסן נישט געוווינט... און אָט פון דינינקע שטענגעלעך ציען זיך שמאָלע, לאַנגע, בלאַס־בלויע בלעטער אַרויס, ווי מיין מאַמעס סטענגעלעך אין ראש־השנה־ציפּיק... ווי רופט מען אייך, סטענגעלעך? שווייגן זיי און פלאַטערן.. און אָט בייטן עטלעכע... שפּראָצן פון זיי, דעם בלויען הימל אַקעגן, עפּעס עקן, לענגלעך געבויגענע, פון רעטעך, מייערן, צי ווייס איך וואָס... ווערט מיר פלוצלינג ענג און אומעטיק אין דעם קליינעם גערטל מיט אַזויפיל אומבאַקאַנטע, און איך שפּרינג אַריבער אויפן פרייען וועג אַרויס... ווו איז מיין היים? רעכטס, צי לינקס...

„מע!" דערהער איך, און דערזע אַ ברונעם... אַ שייגעצל אַ קליינס, אַ באָרוועס, שעפּט און גיסט, אויף דער צעמברינע שטייענדיק, פון ברונעם אין קאָריטע אַריין... די קי ביי דער קאָריטע, מיט די שווערמוטיקע קעפּ און קוים גלאַנציקע, גרויסע אויגן טרינקען, און הייבן די קעפּ אויף,

צווישן איין שלוס און דעם צווייטן, צום הימל אַרויף, צום בלויען אין דער שטילער וועלט אַריין. — מע־ע. און נישט צו דערקענען: פריידּ אָדער טרויער... מע־ע.

דאָס שייגעצל לאָזט דעם גלערטען עמער פון דער האַנט אַרויס. גיט זיך דער עמער אַ וויג אין לופט, וואַרפט זיך, נאָך אַ צאַפּל און באַרואיקט זיך און בלייבט שטיל. אַש וואַלט געזאָגט: פאַרקוקט אין ברונעמס סוד אַריין... דאָס שייגעצל, מיטן בראַנדזועניעם ליב, וואָס שטאַרט אַרויס פון גראָ־לייוונטענעם בוזעם, און געל־לײמיקע פיס שפּרינגט אַראָפּ, הייבט פון דער ערד דאָס בייטשל אויף, גיט אַ הפקר־פייף מיטן מויל, די קי דרייען די קעפּ אויף; אַ קנאַק מיטן בייטשל, עס רירן זיך די קי... אַרויס, פון דאָרף אַרויס, איבערן אָפּגעשניטענעם פעלד, ווו פון ווייטנס בראַנזירט שוין אַ פייער און עטלעכע געבויגענע פויערטעם קלויבן עפּעס עטוואָס ווייטער... מע־ע הערן זיך נאָך די קי און עפּעס אַ פויגל גיט אַ שניט דורך די זונען־גאָלד געפלאַסענע לופט מיט אַ געוואַלדיק־הויכן פּיפּס, אַזוי דאַכט זיך מיר, און ווייטער שטיל... אָבער די שטילקייט איז מיר שרעקיק פרעמד, נישט מיינע... דאָס איז נישט די היימישע שטילקייט פון מיינס אַ שבת אָדער יום־טוב... איך גיי אין דער שטילקייט אַריין, אָבער ווי אין אַ פרעמדער אַריין, מיט איינגעהאַלטענע טריט און באַגעגן. —

גבריאל־יהודה ליכטנפעלד... עפּעס אין אַ געשטיקט קאַפּטל, אין אַ שלאָף־רעקל, אין שטעק־שיך — אַ צעשמייכלטער. און עס וואַרפט זיך מיר אין די אויגן אַריין זיין ענלעכקייט צו ר' משה וואהל, דאָס זעלבע האַרציקייט, די זעלבע שטילע שטערנדלעך־אויגן... כ'וועל אים פרעגן, אַלץ פרעגן. ער ווייסט, ער מוז אַלץ וויסן... און מיר קומען זיך אַנטקעגן, נעענטער, נענטער, גאָר נאָענט, פון האַרץ צום מויל שווימען שוין די ביטערע פראַגן, מאַנכע דרייען זיך אַרויף, ווי פאַרפּלאָנטערטע שנירלעך. און ער גיט אַ פרעג: ביסט נישט ביים דאַווענען?

איז אין מיר אַלץ מיטאַמאָל איינגעפאַלן, ווי אויפגעשלאָגן און אויפגעבלאָזן איי־ווייסל אונטער אַ קילן הויך. און עס קנוילט זיך אַלץ אין מיר און שרומפּט זיך איין, און אויפן אָרט פון פילאָזאָף שפּרינגט אַרויס דער ישיבה־בחור און פרעגט צוריק: און איר? גייען מיר אַ ווײלע שווייגנדיק מיט ליפּן פאַרפרעסטע, אויגן אַראָפּגעלאָזטע, ביז ער גיט נאָכאַמאָל אַ פרעג: שרייבסט עפּעס שירים? איך שרייב... וואָס שרייבסטו? איך פאַרציל, און ווי אונטער דער ערד וואַקסט אַרויס מיין פעטער, דער משכיל, מיין „קהלת" — מיין שריפטן־זאַמלער... פון וואָס רעדט איר עס אומ־



געדאַוונט? אויב ער שרייבט? שרייבט און פאַרלירט, שרייבט און צערייסט, שרייבט און פאַרברענט... אַ מערכה, איך! איך גנבע אים אָפּער פון אונטער די הענט... צעריסענע שטיקלעך קלויב איך צענויף, קלויב צוזאַמען... עס וואַקסט אַ שרייבער... האָסט עפּעס מיט ביי דיר? פרעגט ליכטנפעלד. אין דער זעלבער סעקונדע דערהערט זיך פון ווייטן הויז אַרויס מוזיק... אַנבייסן, שבע־ברכות, אַהיימפאָרן...

אַלץ געשען און איך האָב גבריאל־יהודה ליכטנפעלדן גאָרנישט געפרעגט, קיין תשובות אויף שאלות נישט באַקומען, און די שאלות אַליין האָבן זייער לעבן און זאַפטיקייט, זייער האַרבקייט און ביטערקייט פאַרלוירן, זענען, גלייך אַ שפּעט ווילדן גראָז, איינגעשרומפּן און פאַרוועלקט געוואָרן און פאַרקנוילט זיך ערגעץ אין מיר אין אַ פינצטער קעמערל פון האַרץ, אין דער טיף, ווו זיי וועלן ליגן לאַנג, לאַנג, ביז זיי וועלן פון דרויסן נייעם טוי און נייע ליכט באַקומען און וועלן אַלס אייביקע פראַגן בלייבן, אויף קיין ענטפער נישט וואַרטנדיק, נישט האָפנדיק, נישט פון קיינעם אויף דער ערד, נישט פון קיינעם אין הימל... אָבער אויפלעבן וועלן זיי, נייע קליידער באַקומען און אַ נייעם קלאַנג...

מען געזעגנט זיך, האַרציק און ערלעך שייד איך זיך מיט גבריאל־יהודה ליכטנפעלד, ביי וועמען איך וועל קיינמאָל שוין גאָרנישט פרעגן, נאָר לערנען זיך ביי אים אַביסל מאַטעמאַטיק, אַרויסגעבן צוזאַמען אַ ספר מיט שירים, וואָס וואַרפט מיר אין אַ רויטקייט, ווען איך דערמאָן זיך אָן זיי, און מען פאָרט צוריק אַהיים... מיט מיין צווייטער העלפט האָט מען אין איינענעם הויז, אונטן אויפן פּאָרטער, מיט אַ פענצטער אין „פּאַדציענע" אַריין געדונגען; דאָס ווער איך ביים געזעגענען געוואָר, דער טאַטע פאַרצײלט עס ליכטנפעלדן פאַרן אויפזעצן... וואָרן צו מיר קומט מיין טאַטע צו פאָרן, וועט ער אַ שטוב פאַרנעמען...

און אָט זיץ איך אַ באַווייבטער מיט מיין צווייטער העלפט אויבנאָן, קעגנאיבער אַ פעטער מיט אַ מומען... און דרעמלען זיי איין פאַר מידקייט (אַ גאַנצע נאַכט געטאַנצט), שלאָגן זיך אָן קאָפּ אין קאָפּ און שפּרינגען אָפּ, און טרעפן זיך ווייטער, שעם איך זיך צו לאַכן, און זי, זייער דרעמל באַנוצנדיק, גיט אַ שעמעוודיקן פרעג: קענסט טאַקע אַזוי גוט לערנען? יאָ...

און זי כאַפּט מיר דאַנקבאַר אָן ביי דער האַנט...

און זיצסט און לערנסט? ניין! ניין! און זי לאָזט אָפּ די האַנט און נאָך אַ ווײלע: — און אַז איך וועל דיך בעטן...

57

אוּן די האַנט רוקט זיך צוריק; עס ענטפערט פאַר מיר דער פוּרמאַן: וויאָ, פאַדלע! פוּן נעשריי כאַפּן זיך פעטער אוּן מוּמע אויף.

צוריק פלאַך־לאַנד. לאַנגווייליק. דער פעטער אוּן די מוּמע דרעמלען שוין נאָכאַמאָל, — מיין צווייטע העלפט אויך. די שטילקייט פון דרעמלען ווערט פון צייט צו צייט איבערגעריסן דורך געראָפּעריי̈ען פון די אַנדערע פורן הינטער אונדז. דאָרט איז מען זיך, זעט אויס, משמח... און פּין — מפּרו — מיט וואָס דער פויער, דער פוּרמאַן, שמעלט פון צייט צו צייט אָפּ די לויפנדיקע קליינע קאַרע פערדעלעך; שפּרינגט אַראָפּ, פאַריכט עפּעס ביים אַלטן צונויפגעקניפּטן וואָגן, שמעלט אַ פוס אויפן ראָד, ווייטער אויפן געזעס און — וויאָ, פאַדלע...

די פערדלעך דערשרעקן זיך נישט, באַליידיקן זיך נישט, אַבי נישט קיין בייטש, רירן און לויפן זיך ווייטער זייער שטיל־איי̈ליקן גאַנג איבערן האַרט־געוואָרענעם זאַמדיקן וועג און אין דער שטילקייט הערט זיך דאָס קלאַפּן פון די פערדישע בריסטן אונטערן שטילן, לייטזעליק־אויסגעשפּרייטן בלויען הימל, גלייך שטיינדעלעך קלאַפּן אין אַ זעקל. פּלוצלינג אַ פּייף מיט דער בייטש איבער די פערדלעכס רוקן, און דער פויער ווענדעט זיך צו אונדז דרייפערטל אום און, גלייך ער פאַרענטפערט זיך פאַר זיין גרויזאַמקייט קעגן די קליינע קאַרע פערדלעך: אַ רעגן וועט זיין...

און ווענדעט זיך צוריק אום און לאָזט טיפער אריין דעם קאָפּ אין זוים פון דער סיערמיענגע. „אַ רעגן וועט זיין" דערהערט מיין דרעמלדיקער פעטער, כאַפּט זיך אויף, קוקט זיך אומרואיק אום. איך קוק אים נאָך. ווירקלעך. דער הימל טריבט זיך, די לופט — אָנגעזאָפּט מיט נעץ, לינקס רוקט זיך אָן אויף אונדז אַ רעגנדיקע וואַנט, אויבן די זון הייבט אָן טוקן, ווי אַ בלאַנקער שפּיגל אין שטיקער ווייסע וואָלקן, מאַנכע — וואַטע, אַנדערע זילבער, עס ציען זיך אויך גראָ־רוויכיקע — אויף דער זון, אויף דער זון!

— דיר — נישט קאַלט? — ווענדעט זיך דער פעטער צו דער מומען מיט אַן אומרואיק־צערטלעכן אָפּקלאַנג, און, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, פאַריכט ער איר די שאַל אויף די אַקסל, פאַרשפּיליעט זי פון פאָרנט ביים האַלדז. ניין, יוסף! ענטפערט די מוּמע, און עפּעס איר שטים איז אַזוי ווייך, און די גרויסע, גרויסע אויגן קוקן אויפן פעטער פּיכטלעך, צערטלעך, ציטערדיק־דאַנקבאַר. איך באַמערק ערשט, ס'אַר אַ גרויסע, גרויסע אויגן די מוּמע האָט, און די ליפּן אירע, די דינע, בלוילעכע און איר מאָגערקייט, און באַמערק ערשט, וואָס אַלע ווייסן שוין לאַנג, אַז זי איז



אַ קראַנקע. אַ ווינטל רופט זיך פון ערגעץ אָן, דאָס וואָלקן־געיעג אויף דער אָפּנייענדיקער זון נייט שוין צו ראַשער, עס ווערט שאָטנדיקער, קילער, מאַנכע טראָפּן פאַלן.

— נישט געדאַרפט פאָרן! — ברומט דער פעטער.

— שאַדט נישט! — ענטפערט די מוּמע...

— זיין אַ גרויסער רעגן? — ווענדעט זיך דער פעטער צום פויער, אָנקלאַפּנדיק אים אין בריי̈טן אַקסל, ווי מען קלאַפּט אָן אין אַ טיר...

— אַ ווינט געוואָרן — ענטפערט דער פויער, אונטערטרייבנדיק די פערדלעך — אפשר פאַרהאַלטן ביז צו דער קרעטשמע...

דער פעטער ווענדעט צוריק זיין פאַרבאָרגן בליק צו דער מומען. זי ענטפערט אים מיטן בליק — כמעט טרייסטנדיק, און איך פיל, אַז זייערע בליקן, טרעפנדיק זיך אין דער לופטן, האַלדזן זיך, קושן זיך... אַזאַ'ן אַלט פּאָרפאָלק!

און אָט די קרעטשמע! אַקוראַט פאַרפאָרן צו דער צייט. דער רעגן הייבט שוין אָן נעדיכטער טריפן. דער פעטער יוסף איז שוין אַראָפּגעשפּרונגען און נעמט אַראָפּ די מומען און פירט זי אין קרעטשמע אַריין. איך בין שוין אויך אונטן, און וויל העלפן מיין צווייטער העלפט, וואָס האָט זיך שוין אויפגעשטעלט, און אַ פוס אויף דער וואָגן־לייטער אַרויפגעשטעלט, און — האָב הילצערנע הענט, די זעלבע הענט, וואָס זענען נישט געוווינט אויסצודרייסן אַ בלימל, שטרעקן זיך נישט אויס... עס העלפט אַרויס אַן אונטערגעקומענער פון דער צווייטער פור. זענען מיר שוין אינעוויניק, מען כאַפּט שוין אַריין די בעקלעך, עס וועט זיין עפּעס צו פאַרטרינקען און צו פאַרבייסן:

— הערבאַטאַ! הערבאַטאַ! — רופט דער פעטער יוסף.

אַ גויישע קרעטשמע. — כ'וועל נישט טרינקען! — שפּאַרט זיך איין די מומע.

— נאַרעלע, טרינקען מעג מען...

— ווער ווייס, וואָס פאַר אַ טאָפּ... דער פעטער יוסף לויפט אַרויס פאַר דער טיר און קומט אַריין מיט אַ בשורה — אַ סאַמאָוואַר!

די ווייבער פּאַקן אויס די פּעקלעך און שטעלן אויפן טיש, וואָס אַ מומע האָט שוין צייט געהאַט צו דעקן.

— לאָז אַ האַלבן טיש פאַר מילכיקס! — זאָגט די מאַמע.

— פאַרן געזאַלצענעם צוקער־געבעקס?

— ווער וואַשט זיך?

58

אַ גערודער, מאַנכע וואַשן זיך, אַנדערע גייען שוין אַרום איבער דער שטוב מיט גלעזער טיי אויף די פלאַכע הענט, און איך דריי מיך אַרום אייגער אַליין איבער דער קרעטשמע און פייף, אינערלעך און מיר פייפט, פּונקט ווי דער באָרוועסער שייגעץ האָט געפיפן, און איך פיל, אַז עס ווערט מיר לייכטער, גרינגער, אַז די רעשט נעפּל פון די אומעטיקע וואָלקן צעשווימען... בע, אַלץ נאַריש! מען דאַרף פייפן; דאָס מויל, נאַטירלעך, גלייך ווי די הענט, פאָלגט נישט, אָבער אינערלעך צעשפּרייט זיך אַ שטיקל הפקר אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן... אויף זאַמאָשטש, אַפּט, צוויזמער, וואַרשע, גרויספּוילן און צוריק וואַרשע — ביז עפּעס נייעס וועט קומען... אַ פייף ווירקט, אַלץ, וואָס קומט אַריין אין אונדז אומגעריכט, איידער מיר האָבן צייט דערפאַר טיר און טויער צו פאַרמאַכן, זיך פאַרן פרעמדן צו פאַרנעפּלען, אין פיל פון מיינע שריפטן וועט זיך הערן דער פייף: „דער כעלמער מלמד", „חוזק" און דער גלייכן: עטוואָס דערפון אין „שטריימל", אָבוואָל איך האָב עס אַנ־דערש געמיינט... איך פייף אין קרעטשמע אַרומגייענדיק, אינערלעך, האַר־ציק אינערלעך, און פלוצלינג — מיין צווייטע העלפט מיט אַ נישט־צופרידן נעזיכט:

— ווו ביסטו געווען בשעתן דאַווענען? —

— פייפן געהערט.

זי ווערט ברוינלעך־צאַרניק: וואָס?

פאַרצייל איך פון שייגעצל פון באָרוועסן, פון זיינע קי, זייערע אויגן און זייער פייפן... און זי הערט, דאָס ברוינלעך־צאַרניקע גייט אָפּ, זי צע־שמייכלט זיך... און פרעגט ענדלעך, צי איך אַליין קאָן פייפן. — — — —

דערמאָן איך מיר איצט נאָך אַ פייפן, וואָס איך האָב ערשט מיט עט־לעכע יאָר צוריק געהערט, און וואָס האָט אויף מיר שפּעטער אַ גרעסערע און טיפערע ווירקונג געהאַט אַלס דאָס ערשטע פייפן. עס איז געווען אין דער שווייץ, אויף אַ באַרג, ווו איך בין אָוונט־צייט געלעגן, נאָך אַ שטאַרקן האַרץ־אַנפאַל, מיד, גלייכגילטיק, קוים־זעענדיק און קוים־הערנדיק, וואָס אַרום מיר טוט זיך. אויערן אָפּענע און אויגן אָפּענע, און — די שווייץ, און קוקן און הערן ווילט זיך נישט. וואָס קומט אַליין, וואָס שלייכט זיך אַריין, — בלייבט; עס בלייבט אָבער פויל, טויטלעך־גראָ און מישט זיך מיט דעם, וואָס אין מיר איז, נישט און ווירקט דעריבער נישט... אויפן באַרג־רוקן נידעריקער — גראָזן. שווייצער־קי, רופט זיך אַ גלעקל דאָ, אַ גלעקל דאָרט, שווימט אַרויס, פון אָרעמען גראָז דאָ און דאָרט אַ רויטלע־כער פעטער רוקן, הייבט זיך אויף אַ שווערער, שווערער קאָפּ און קוקט זיך



אום נישט זעענדיק... און ווייטער, קלינג, קלאַנג. די קו האָט אַ פעטן גראָ־זיק שטיקל דערזען און גייט איבער... און אונטן, דעם באַרג צופוסנס, קלינגט שטיל אין די טענער פון די גלעקלעך אַריין דאָס שמאָלע, זילבערנע געשלענגלטע, שטיפעריש, שווימענדיק יאָגנדיקע בערג־טייכל... און אויף יענער זייט טייכל — קליינע, צעוואָרפענע בלאַנק־ווייסע הייזלעך מיט אָפּע־נע גרינע לאָדן און קריסטאַלענע פענצטערלעך, וואָס קוקן לאַכנדיק, לייכטנ־דיק און פריי אין גאָטס וועלט אַריין — און פון די פענצטערלעך רייסן זיך קלאַנגען אַרויס, פון מאַנכע פיאַנע ווערט געשפּילט, אויף ווייטערע בערג יאָדלט מען און אָפּקלאַנגען וויגן זיך, וויגן זיך... און אַלע טענער שווימען זיך צוזאַמען אין דער שמעקעדיקער לופט און קומען מיר צום אויער... און די פאַרבן גיסן זיך צוזאַמען, דאָס גרינס, דאָס ווייסקייט, דאָס גראָקייט פון פעלדז אין דער הייך, דער בלאָ־בלאָער הימל איבער דעם אַלעם און גלעט מיין האַלב שטאַר אויג. און פלוצלינג פון צווישן די ווייטערע ווייס־לעך און ווייסע בערג־שפּיצן — אַ קנאַל און אַ צווייטער, אַן אַנזאָג, דער שטורעם גייט! מיטאַמאָל — אַ פאַרקנוילטער וואָלקן רוקט זיך, רוקט זיך, אַ ווינט, ווי פון אַ קייט אָפּגעריסן, צעיאָגט זיך ברומענדיק... די קי לויפן אַראָפּ, שרעקיק קלינגען די גלעקלעך. אַ קליין פאַסטעכל, אויך אַ באָרוועס און אַן אַ היטל, קנאַקט נאָך מיט אַ לאַנגער, עפּעס מאָדנע איבער־לאַנגער בייטש... און אונטן ווערן די לאָדן פאַרקלאַפּט, די פיאַנע — פאַרשטומט געוואָרן, דאָס יאָדלען איבערגעריסן... איך גיי פויל און טויט־מיד זיך שלעפּנדיק באַרג־אַראָפּ און זע, ווי דאָס שווייצער שייגעצל לאָזט די קי, איין פאַרטיע נאָך דער צווייטער, אין שטאַלן אַריין — פאַרקלאַפּט זיי מיט אימפּעט און ער אַליין באַהאַלט זיך נישט, גייט צוריק, באַרג־אַרויף גייט ער... מיר אַנטקעגן, אָבער מיר נישט זעענדיק, און די לופט איז פול מיט ברומעריי, און צווישן די ווייסע, שוין אין נאַסן טעמפּל פאַרשלייערטע בערג־שפּיצן צעשפּילט זיך דער דונער און דער קנאַל, און אַ פלייץ, אַ מבול פון הימל, אַ גערויש, אַ געפילדער אין אַ האַלבער פינצטערניש, דאָס שווייי־צער גן־עדן איז מיטאַמאָל אַ שרייעדיק ליאַרמעדיק גיהנום געוואָרן — מיין שווייצער שייגעצל, דאָס באָרוועסע, האַלב־נאַקעטע מיטן פרייען צע־שויבערטן קאָפּ, שפּרינגט אויפן רוקן פון באַרג אויף אַ שטיק פעלדז אַרויף, ליינט צו די פלאַכע הענט צום מויל און פייפט אין דער וועלט אַריין, און שניידט מיטן פייפן, ווי מיט אַ מעסער, די האַלב פינצטערניש, דעם שלאַקס רעגן, דאָס געקנאַלעריי פון צווישן די בערג אַדורך, און פייפט אַלץ דרייס־טער און דרייסטער, שאַרפער און שאַרפער.

— איר וועט! איר מוזט מיך הערן!

א גערודער, מאנכע וואשן זיך, אנדערע גייען שוין ארום איבער דער שטוב מיט גלעזער טיי אויף די פלאכע הענט, און איך דריי מיך ארום אײנער אליין איבער דער קרעטשמע און פייף, אינערלעך אין מיר פייפט, פונקט ווי דער בארוועסער שייגעץ האט געפיפן, און איך פיל, אז עס ווערט מיר לייכטער, גרינגער, אז די רעשט נעפל פון די אומעטיקע וואלקן צעשווימען... בע, אלץ נאריש! מען דארף פייפן; דאס מויל, נאטירלעך, גלייך ווי די הענט, פאלגט נישט, אבער אינערלעך צעשפרייט זיך א שטיקל הפקר אויף לאנגע, לאנגע יארן... אויף זאמאשטש, אפט, צויזמער, ווארשע, גרויספוילן און צוריק ווארשע — ביז עפעס נייעס וועט קומען... א פייף ווירקט, אלץ, וואס קומט אריין אין אונדז אומגעריכט, איידער מיר האבן צייט דערפאר טיר און טויער צו פארמאכן, זיך פארן פרעמדן צו פארנעפלען, אין פיל פון מיינע שריפטן וועט זיך הערן דער פייף: „דער כעלמער מלמד", „חוזק" און דער גלייכן: עטוואס דערפון אין „שטריימל", אבוואל איך האב עס אנדערש געמיינט... איך פייף אין קרעטשמע ארומגייענדיק, אינערלעך, הארציק אינערלעך, און פלוצלינג — מיין צווייטע העלפט מיט א נישט־צופרידן געזיכט:

— ווו ביסטו געווען בשעתן דאווענען? —

— פייפן געהערט.

זי ווערט ברוינלעך־צארניק: וואס?

פארצייל איך פון שייגעצל פון בארוועסן, פון זיינע קי, זייערע אויגן און זייער פייפן... און זי הערט, דאס ברוינלעך־צארניקע גייט אפ, זי צעשמייכלט זיך... און פרעגט ענדלעך, צי איך אליין קאן פייפן. — — — —

דערמאן איך מיר איצט נאך א פייפן, וואס איך האב ערשט מיט עטלעכע יאר צוריק געהערט, און וואס האט אויף [illegible] שפעטער א גרעסערע און טיפערע ווירקונג געהאט אלס דאס ע[illegible] פייפן. עס איז געווען אין דער שווייץ, אויף א בארג, ווו איך בין [illegible] צייט געלעגן, נאך א שטארקן הארץ־אנפאל, מיד, גלייכגילטיק, [illegible]עענדיק [illegible] קוים־הערנדיק, וואס ארום מיר טוט זיך. אויערן [illegible] און אויגן [illegible]ענע, און — די שווייץ, און קוקן און הערן ווילט[illegible] נישט. וואס ק[illegible] אליין, וואס שלייכט זיך אריין, — בלייבט; [illegible]ליבט אבער פויל, [illegible]ויטלעך־גרא און מישט זיך מיט דעם, וואס [illegible] מיר איז, נישט און ווירקט דעריבער נישט... אויפן בארג־רוקן נידעריקער — גראז. שווייצער־קי, רופט זיך א גלעקל דא, א גלעקל דארט, שווימט ארויס, פון ארעמען גראז דא און דארט א רויטלעכער פעטער רוקן, הייבט זיך אויף א שווערער, שווערער קאפ און קוקט זיך



אום נישט זעענדיק... און ווייטער, קלינג, קלאנג. די קו האט א פעטן גראז שטיקל דערזען און גייט איבער... און אונטן, דעם בארג צופוסנס, קלינגט שטיל אין די טענער פון די גלעקלעך אריין דאס שמאלע, זילבערנע געשלענגלטע, שטיפעריש, שוימענדיק יאגנדיקע בערג־טייכל... און אויף יענער זייט טייכל — קליינע, צעווארפענע בלאנק־ווייסע הייזלעך מיט אפענע גרינע לאדן און קריסטאלענע פענצטערלעך, וואס קוקן לאכנדיק, לייכטנדיק און פריי אין גאטס וועלט אריין — און פון די פענצטערלעך רייסן זיך קלאנגען ארויס, פון מאנכע פיאנע ווערט געשפילט, אויף ווייטערע בערג יאדלט מען און אפקלאנגען וויגן זיך, וויגן זיך... און אלע טענער שווימען זיך צוזאמען אין דער שמעקעדיקער לופט און קומען מיר צום אויער... און די פארבן גיסן זיך צוזאמען, דאס גרינס, דאס ווייסקייט, דאס גראקייט פון פעלדז אין דער הייך, דער בלא־בלאער הימל איבער דעם אלעם און גלעט מיין האלב שטאר אויג. און פלוצלינג פון צווישן די ווייטערע ווייסלעך און ווייסע בערג־שפיצן — א קנאל און א צווייטער, און אנזאג, דער שטורעם גייט! מיטאמאל — א פארקנוילטער וואלקן רוקט זיך, רוקט זיך, א ווינט, ווי פון א קייט אפגעריסן, צעיאגט זיך ברומענדיק... די קי לויפן אראפ, שרעקיק קלינגען די גלעקלעך. א קליין פאסטעכל, אויך א בארוועס און אן א היטל, קנאקט נאך מיט א לאנגער, עפעס מאדנע איבער־לאנגער בייטש... און אונטן ווערן די לאדן פארקלאפט, די פיאנע — פארשטומט געווארן, דאס יאדלען איבערגעריסן... איך גיי פויל און טויט־מיד זיך שלעפנדיק בארג־אראפ און זע, ווי דאס שווייצער שייגעצל לאזט די קי, איין פארטיע נאך דער צווייטער, אין שטאלן אריין — פארקלאפט זיי מיט אימפעט און ער אליין באהאלט זיך נישט, גייט צוריק, בארג־ארויף גייט ער... מיר אנטקעגן, אבער מיר נישט זעענדיק, און די לופט איז פול מיט ברומעריי, און צווישן די ווייסע, שוין אין נאסן טעמפל פארשלייערטע בערג־שפיצן צעשפילט זיך דער דונער און דער קנאל, און א פלייץ, א מבול פון הימל, א גערויש, א געפילדער אין א האלבער פינצטערניש, דאס שווייצער גן־עדן איז מיטאמאל א שרייעדיק ליארמעדיק גיהנום געווארן — מיין שווייצער שייגעצל, דאס בארוועסע, האלב־נאקעטע מיטן פרייען צעשויבערטן קאפ, שפרינגט אויפן רוקן פון בארג אויף א שטיק פעלדז ארויף, לייגט צו די פלאכע הענט צום מויל און פייפט אין דער וועלט אריין, און שניידט מיטן פייפן, ווי מיט א מעסער, די האלב פינצטערניש, דעם שלאקסרעגן, דאס געקנאלעריי פון צווישן די בערג אדורך, און פייפט אלץ דרייסטער און דרייסטער, שארפער און שארפער.

— איר וועט! איר מוזט מיך הערן!

1 / "Born to die"—*Chapters of the Fathers* 4:29.

2 / See p. 5 of this volume.

3 / "Gad, a troop shall press upon him"—Genesis 49:19.

4 / Moyshe and Paulina Altberg, Peretz's uncle and aunt, preserved his juvenilia and published some of it after his death.

5 / *Vayikra:* "And the Lord called"—the first word of the book of Leviticus, with which kheyder education began.

6 / The fortress of Zamość was razed in 1866.

7 / The verse *Vayitsmakh purkanye* had been dropped from Ashkenazic prayer but was reintroduced by the Hasidim from Sephardic usage.

8 / *Eyzehu neshekh*—Tractate *Baba Metzia* 5 deals with the laws of interest.

9 / Serkele, in the play of that title, is a greedy and manipulative woman who schemes to defraud her niece of her fortune. Shloyme Ettinger (1803–1856) practiced medicine in Zamość and was one of the pioneers of modern Yiddish literature.

10 / Rabbi Nissim ben Reuben Gerondi (Ran; 1310?–1375?) was an authoritative Spanish commentator on the Talmud. The *Pri Megadim* is a classic commentary on the Code of Jewish Law, the *Shulkhan Arukh,* by Joseph ben Meir Teomin (c. 1727–92). *Duties of the Heart,* by the eleventh-century moral philosopher Bakhya ibn Pakuda, is one of the best-known Jewish ethical books. Rabbi Levi ben Gershom (Ralbag, Gersonides; 1288–1344) was a mathematician, astronomer, moral philosopher, and biblical commentator.

*Guide to the Perplexed* by Maimonides (Moses ben Maimon, the Rambam; 1135–1204) forges a synthesis of rabbinic Judaism and Aristotelian philosophy. *The Tree of Life* (*Etz Chaim*) is an exposition of the kabbalistic system of Isaac Luria by his most outstanding disciple, Chaim Vital Calabrese (1542–1620). The Zohar is the major work of Jewish mysticism. *Oracles of the Prophets* (*Urim ve-Tumin*) by Jonathan Eybeschuetz (c. 1690–1764) is noted for its clarity and incisiveness.

11 / Kheyder boys would be called on to recite psalms at the bedside of a woman in labor to help ensure a healthy birth.

12 / "Unto the horse in Pharaoh's chariot"—Song of Songs 1:9.

13 / According to widespread folk belief, the soul of an evildoer transmigrates after his death into a lower species until its penance has been done and it is redeemed.

14 / Bloodletting for medicinal purposes was performed in the bathhouse.

15 / "Not a dog whet his tongue"—Exodus 11:7.

61

16 / This is one of the talmudic descriptions of the angel of death.

17 / Foxes in the Temple—Tractate *Makkot* 24b; Song of Songs 2:15. There are many animal fables about the cunning fox.

18 / The musician Yoel in the one-act play *What the Fiddle Knows* describes the sinful man from the sinful city who when he suddenly emerges onto a snowy plain is exalted by the cleansing power of God's brilliant grace.

19 / Rabbi Moyshe Wahl (1797–1873) is described in chapter 5.

20 / "Out of the lions' dens"—Song of Songs 4:8.

21 / "The meadows clothed with flocks"—Psalms 65:13.

22 / "Like unto them that dream"—an echo of Psalms 126:1.

23 / Fayvl Gelibter (1808–88) was an attorney in Zamość. His son Isaac was an ethnographer and prominent Zionist. Alexander Zederbaum (1816–1893) founded *Hamelitz,* the first Hebrew weekly in Russia in 1860, and its Yiddish supplement, *Kol Mevasser,* two years later. Jacob Eichenbaum (1796–1861) wrote Hebrew poetry and translated mathematical works into Hebrew.

24 / The sins of omission attributed to Gelibter were practices the maskilim considered superstitious accretions or irrelevant. They stressed study of the Bible.

25 / In 1874–75 Gavriel Yehuda Lichtenfeld (1811–87) published polemical tracts against Chaim Zelig Slonimski (1810–1904), a Hebrew writer on popular science and founding editor of the Hebrew newspaper *Hatsefira,* questioning his competence in scientific matters. Lichtenfeld was the father of Peretz's first wife (see chapter 8).

26 / Aba Hilkiah, an early-first-century rabbi, is mentioned in Tractate *Ta'anit* 23a, b. As part of his strange behavior, he walked barefoot carrying his shoes, but put them on when he had to cross the water.

27 / Pious Jewish males did not address women directly, not even their wives.

28 / "The flowers appear on the earth"—Song of Songs 2:12.

51 / Jacob ben Meir Tam (Rabbenu; 1100–1171), is considered the greatest talmudic authority of his generation.

52 / The play is *In polish oyf der keyt,* about a sinner who is "chained in the synagogue vestibule," the Jewish equivalent of being placed in the stocks.

53 / The Sabbath hymn "Borkhi nafshi" closely follows the biblical story of Creation. The midrashic gloss on Genesis is from *Bereshit Rabba* 10:79.

54 / See pp. 42–44 ("A Little Boy?"), in *Impressions of a Journey*.

55 / The Haskalah objected to the custom of studying these laws before puberty.

56 / "Keep ashes in his mouth"—Lamentations 3:28–29.

57 / "Land flowing with milk and honey"—I Kings 5:5.

58 / The story, "Devotion Without End," can be found in I. L. Peretz, *Selected Stories*, ed. Irving Howe and Eliezer Greenberg.

59 / Four sages enter the mysterious orchard (*pardes*)—Tractate *Hagigah* 15.

60 / "Sins of the fathers"—Exodus 20:5, etc. The comments of Maimonides are from *Guide to the Perplexed.*

61 / Beruria in *Midrash Proverbs* XXXI, 10, f. 54b. Leah, the rabbi's daughter in Peretz's drama *The Golden Chain*, returns to her Hasidic family after becoming disillusioned with the iciness of the Enlightenment.

62 / It is described in "Der farsholtener brunem" (The Cursed Well), a story about the seemingly supernatural power of a well to lure victims to their death.

63 / "In keler-shtub," a study of people who live in close quarters, in a cellar apartment.

64 / Tractate *Baba Batra* 75a comments on Numbers 27:20: Moses' face beamed like the sun, Joshua's only like the moon.

65 / "Those who enter will never return"—Proverbs 2:19.

66 / "A wise man's understanding"—Ecclesiastes 10:2.

67 / Isaac ben Moses Arama (c. 1420–94) was the author of *Akeydat Yitskhak* (*The Binding of Isaac*), a philosophic commentary on the Pentateuch and the Five Scrolls, written in the form of sermons.

68 / The kheyder teachers were reputed to be ignorant of modern disciplines, including Hebrew grammar.

69 / Edward von Hartmann (1842–1906), a German pessimistic philosopher, was the author of the three-volume *Philosophie des Unbewussten* (Berlin, 1969). Carl Vogt (1817–95), a German biologist, wrote, "The relation between thought and brain is roughly of the same order as that between bile and the liver or urine and the bladder."

62

70 / Lichtenfeld; see n. 24.

71 / The white robe (*kitl*) worn on one's wedding day and on certain ceremonial holidays was also to serve as a shroud. These were traditional gifts to a son-in-law.

72 / Abraham Jacob Paperna (1840–1919), Hebrew writer and critic, in 1868 published a much-discussed brochure, "General Drama and Hebrew Drama in Particular."

73 / The concluding lines of Friedrich Schiller's "Der Jungling am Bache": "Raum ist in der kleinsten Hütte / Fur ein glücklich libend Paar."

74 / These were all traditional practices and customs that the author intended to defy. Folk belief held that whoever crossed the threshold first would dominate the other spouse.

75 / The custom of breaking the wineglass was commonly interpreted as a commemoration of the destroyed Temple in Jerusalem. But the rebellious bridegroom still observed the morning custom of ritual hand-washing even as he planned his defiance.

76 / A folk belief that if the couple likes sweets, it will rain on their wedding day.

77 / Because it was feared that the jealous demons would snatch Jews from their midst, Jews refrained from counting people, except negatively: "not one, not two . . ."

78 / "As if they were frozen"—Tractate *Nedarim* 20.

79 / The innkeeper might have been boiling water in a pot used for unkosher foods.

80 / Those who intended to break bread over a meal would have to ritually wash their hands; those who made do with biscuits would not.

ש. אַנ—סקי

(שלמה־זנוויל ראַפּאָפּאָרט)

# געזאַמעלטע שריפטען

## צעהנטער באַנד

פֿערלאַג „אַנ־סקי״

ווילנאָ־וואַרשאַ־ניו־יאָרק — תרפ״ב—1922

אויסגעפיהרט דורכ'ן פערלאַג ש. שרעבערק.

פאַרקויף געז. „צענטראַל״ וואַרש'ע, נאַוואָליפּקי 7.

# „חטאת נעורים"

# א

אין אָנהויב 1881 בין איך אָבגעפאָהרען פון מיין געבורטס-שטאָדט וויטעבסק אין שטעדטעל ליאָזנע, אַלס פריוואַט-לעהרער. אַלט בין איך דאַן געווען זיבעצעהן יאָהר און דאָס איז געווען מיין ערשטער זעלבשטענדיגער אַרויסטריט אין לעבען. נאָר איך בין געווען דורכגעדרונגען מיט אַ דרייסטער זיכערקייט אין מיינע כחות און שטאַרק בעגייסטערט מיט די הויכע אידעאַלען, וואָס האָבען געלויכטען פאַר מיינע אויגען. בערך מיט אַ יאָהר פריהער בין איך „אַראָב פון וועג", אַריינגעטהון זיך אין די „ספרים חצונים" און געוואָרען אַ פערקאָכטער משכיל. דעם שטאַרקסטען איינדרוק האָט אויף מיר דאַן געמאַכט ליליענבלומס „חטאת נעורים".

קיין ליאָזנע בין איך געפאָהרען נישט אַזוי צוליב לעהרעריי, ווי מיט'ן ציל צו פערשפרייטען השכלה צווישען דער אָרטיגער יוגענד, עפענען זיי די אויגען. גענומען מיט זיך אַ פעקעל השכלה-ספרים: „זרבבל" פון י. ב. לעווינזאָן, מפו'ס „אהבת ציון", סמאָלענסקיס „קבורת חמור" און, פערשטעהט זיך, דעם „חטאת נעורים".

ביי יענער צייט זענען די יודישע שטעדטלעך פון ליטאָ געווען פערגליווערט אין די פאָרמען פון אַלטען אָרטאָדאָקסאַלען לעבען, האָבען בשום אופן נישט געוואָלט וויסען פון די נייע שטרעבונגען און בעוועגונגען. ליאָזנע, די אַמאָליגע רעזידענץ פון אַלטען רבי'ן, ר׳ שניאור זלמן, איז געווען אין דעם פרט נאָך אָבגעשטאַנענער פון אַנדערע שטעדטלעך. ביז מיין קומען אַהין, איז דאָרט געווען נאָר איין לעהרער, אַ געוועזענער ישיבה-בחור, וועלכען דער רב מיט די מלמדים האָבען פריהער רודף געווען, נאָכדעם איבערגערעדט, ער זאָל ווערען אַ בעל-תשובה. מען האָט איהם אָבגעשוירען, געפיהרט אין מקוה, פערברענט זיינע האָהר מיט'ן קורצען ראָק, אָנגעטהון אויף איהם אַ לאַנגען בגד, אַ יאַרמאָלקע און אַוועקגעזעצט אין שוהל לערנען. די פרייד האָט אָבער געדויערט נישט לאַנג: אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז דער בעל-תשובה אַנטלאָפען און זיך גע׳שמד׳ט.

נישט גרינג איז מיר אָנגעקומען צו בעקומען לעקציעס. כדי נישט אַרויסצורופען געגען זיך פון דער ערשטער מינוט קיין רדיפות, האָב איך געמוזט אָנציהען אויף זיך אַ מאַסקע פון פרומקייט און אַרויסווייזען, אַז מיין איינציגער ציל איז נאָר צו פערדינען זיך אויף אַ שטיקעל ברויט.

איך האָב גוט געשפּילט מיין ראָליע, האָב בעקומען לעקציעס און אין גיכען אַריין אין פערבינדונג מיט עטליכע בחורים. זוי אָבגעשניטען דאָס שטעדטעל איז נישט געווען פון דער גרויסער וועלט, האָבען זיך דאָך דאָרט געפונען עטליכע „אָנגעריהרטע“ בחורים און יונגעלייט, וואָס האָבען געשטרעבט צו ליכט און וויסענשאַפט און דורשטיג געזוכט אַ וואָרט פון השכלה. זיי האָבען גלייך פערשטאַנען, אַז איך בין נישט אַזוי פרום, ווי איך שטעל זיך פאָר, און אָהן ווערטער, נאָר מיט אויסדריקליכע בליקען, האָבען זיי מיר געגעבען צו פערשטעהן, אַז זיי גאַרען אַריינצוטרעטען מיט מיר אין פערבינדונג. אין גיכען איז עס זיי געלונגען. איין מאָל, שפּעט ביינאַכט, האָב איך דערהערט אַ פאָרזיכטיג שטילען קלאַפּ צו מיר אין פענסטער. געעפענט עס, האָב איך דערזעהן פאַר זיך צוויי בחורים, וועלכע האָבען שטיל.

אָבער מיט פרייד און התלהבות מיר מיטגעטיילט, אַז זיי זענען געקומען זיך דורכשמועסען וועגען אַ וויכטיגען, זעהר וויכטיגען ענין. נישט וואַרטענדיג אויף מיין איינלאַדונג, זענען זיי דורכ'ן פענסטער אַריין צו מיר אין חדר. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ געשפרעך, וואָס האָט געדויערט ביז פאַרטאָג. וועגען וואָס מיר האָבען גערעדט, איז שווער אפילו צו בעשטימען. דאָס געשפרעך איז כמעט דורכאויס בעשטאַנען פון התלהבות'דיגע אויסגעשרייען (פערשטעהט זיך, בלחש: די ווירטין פון הויז זאָל נישט דערהערען) לכבוד דער ליכטיגער און הייליגער השכלה. איך געדענק נישט, וואָס איך האָב געזאָגט מיינע נייע חברים-תלמידים, נאָר דער תוכן איז געלעגען נישט אין מיינע רייד, נאָר אין דער געהויבענער שטימונג פון די צוהערער, וואָס האָבען אין מיין יעדען וואָרט געזעהן אַ מין נביאות. אַוועק זענען זיי פון מיר גליקליכע, ווי ניי-געבוירענע, מיט אַ פעסטען בעשלוס אַראָבצוואַרפען פון זיך דעם יאָך, אַנטלויפען פון דער היים און אָנהויבען אַ ניי לעבען, אַ ליכטיגס און פיל-צוזאָגענדיגס.

די נאַכטיגע בעזוכען האָבען זיך איבערגע'חזר'ט. נאָך די ערשטע צוויי בחורים זענען געקומען אַנדערע, אויך אַזוי אידעאַליסטיש געשטימט. אינגיכען האָט זיך געבילדעט אַנ'אייגענאַרטיג קרייזעל פון זעקס—זיבען מאַן. געוועהנליך פלעגט מען זיך צו מיר פערזאַמלען פרייטאָג שפעט ביינאַכט, בשעת דאָס שטעדטעל האָט געשמאַק געשלאָפען: די בעזוכען זענען פאָרגעקומען אַזוי פאָרזיכטיג און קאָנספיראַטיוו, די געשפרעכען האָבען זיך געפיהרט אויף אַזוי פיל שטיל, אַז אין משך פון די עטליכע חדשים, וואָס איך בין געוועזן אין שטעדטעל, האָט זיך קיינער נישט דערוואוסט וועגען די פערזאַמלונגען. ווען איך האָב זיך נעהנטער בעקענט מיט מיינע חברים און איבערצייגט זיך, אַז מען קאָן זיי אָנפערטרויען, האָב איך זיי געגעבען מיינע געהיימע ביכער, אפילו דעם טייערסטען און „געפעהרליכסטען״ דעם „חטאת נעורים״.

## ב

איבער מיין קאָפּ האָבען זיך אָבער ביסלעכווייז אָנגעקליבען וואָלקענס. אָנגעהויבען האָט זיך עס פון אַ לעכערליכען צופאַל. איך האָב געהייסען איינעם פון מיינע תּלמידים אויסשרייבען פון וויטעבסק אַ „כרעסטאָמאַטיע". דער מלמד, אין וועמענס חדר איך האָב געגעבען די לעקציע האָט משער געווען, אַז דאָס מוז זיין אַ בוך וועגען קריסטוסעס מוטער און האָט אויפגעהויבען אַ רעש אין שטעדטעל. פיל מיה האָט מיך געקאָסט, ביז איך האָב איבערצייגט די עלטערן, אַז דאָס בוך האָט קיין שום שייכות נישט צו קריסטוס'ן און קריסטענטום.

מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער האָט געטראָפען נאָך אַ קאָמישערער צופאַל. איך האָב געפיהרט אַ טאָגבוך, אין וועלכען איך פלעג פערשרייבען מיינע איינדריקען, בעשרייבען אַלערליי געזעהענע סצענעס און טיפּען, מיינע תּלמידים, זייערע עלטערן און אַנדערע. געשריבען האָב איך דאָס טאָגבוך אין דער פאָרם פון בריף צו מיין יוגענד-פריינד ח. זשיטלאָווסקי. איין מאָל, ווען איך האָב פערגעסען צו פערשליסען דאָס קעסטעל, וואו איך האָב געהאַלטען מיינע כּתבים, האָט זיך, אין מיין אָבוועזענהייט, צו מיר אין צימער פערקליבען דעם ווירטס טאָכטער, אַ דערוואַקסען מיידעל און, ווייזט-אויס, אַ ליבהאָבערין פון ליטעראַטור, האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס טאָגבוך און גענומען עס לייענען. פעראינטערעסירענדיג זיך מיט זיין אינהאַלט, האָט זי פערזאַמעלט עטליכע חבר'טעס און זיי האָבען איינגעאָרדענט אַ „ליטעראַרישען אָווענד". אויף מאָרגען איז דער אינהאַלט פון מיין טאָגבוך בעקאַנט געוואָרען אין גאַנצען שטעדטעל.

נישט וויסענדיג פון גאָרנישט, בין איך, ווי שטענדיג געגאַנגען אויף די לעקציעס. ווען איך בין געקומען אויף דער ערשטער לעקציע, האָט מיך די בעל-הבית'טע, אַ רייכע קרעמערין, בעגעגענט ביי דער טהיר מיט אַזאַ ברוך-הבא:

—הערט, שרײַבער! איך האָבּ אײַך געדונגען, איהר זאָלט מײַנע קינדער לערנען לײענען און שרײַבען, אָבער נישט צוליבּ דעם, איהר זאָלט בּעשרײַבען, אַז בּײַ מײַן יאַנינקען איז נישט רײן אונטער דער נאָז, אַז מײַן פרײדינקע האָט גרויסע צײהן און אַז איך אַלײן געה אום אין אַ פערשלומפּערט קלײד. איך קאָן אײַך פערזיכערן, אַז כאָטש איך טראָג אַ פערשלומפּערט קלײד, איז דאָס, וואָס וואַלגערט זיך בּײַ מיר אין מיסט, מעהר ווערטה, ווי איהר מיט אײַער גאַנצער געלערנטקײט... און איהר קאָנט זיך געזונטערהײד געהן, פון וואַנען איהר זענט געקומען! אַזעלכע שרײַבּערס דאַרף איך נישט.

דעמזעלבּען האַלז-און-נאַקען האָבּ איך אויך בּעקומען אויף דער צווײטער לעקציע. איך בּין געוועזן אויסער זיך פון פערצווײפלונג און נישט געוואוסט פון וואַנען אויף מיר האָט זיך אויסגעגאָסען דאָס אומגליק. איך האָבּ זיך געריכט, אַז אויך אויף די איבּריגע לעקציעס וועל איך האָבּען דעמזעלבּען קבלת-פּנים, נאָר, ווײַזט-אויס, מײַן „ערשטע לעזערין“ האָט—אָדער קײן צײַט נישט געהאַט דורכצולײענען מײַן טאָגבּוך בּיז׳ן סוף, אָדער זי האָט פערגעסען אַלץ צו דערצעהלען. נאָר אויף די ווײַטערדיגע לעקציעס האָט מען מיך בּעגעגענט נישט בּלויז אָהן כעס און זידלערײַ, נאָר אפילו ליבּליכער, ווי געוועהנליך. די בּעל-הבּית׳טעס, קײַכענדיג פון געלעכטער, האָבּען מיך געבּעטען, איך זאָל בּרענגען דורכצולײענען זײ, ווי איך האָבּ בּעשריבּען זײערע שכנות און בּעקאַנטע.

אין אַלגעמײן האָט דער עפּיזאָד נישט געהאַט קײן אַנדער רעזולטאַט, ווי דאָס, וואָס איך האָבּ אָנגעוואוירען צווײ לעקציעס. נאָר ער האָט מיר שטאַרק געשאַדט אין די אויגען פון די סאָלידע בּעלי-הבּתים. חוץ דעם, ווי פאָרזיכטיג איך האָבּ זיך נישט אויפגעפיהרט, האָט מען אָנגעהויבּען שפּירען, אַז איך מאַסקיר זיך און אין שטעדטעל האָט מען אַלץ שטאַרקער גענומען ריידען, אַז איך בּין אַנ׳אפּיקורוס.

פּונקט אין דער צײַט זענען אין דרום-רוסלאַנד פאָרגעקומען די בּעוואוסטע פּאָגראָמען, וואָס האָבּען אַרויסגערופען בּײַ

דער יודישער בעפעלקערונג אין ליטאַ דעם טיפסטען יאוש און פערביטערונג. צוגלייך מיט דעם האָט זיך פערשטאַרקט די רע-ליגיעזע שטימונג. צו אונז אין שטעדטעל זענען די ידיעות ווע-גען די פּאָגראָמען דערגאַנגען נישט דורך צייטונגען, וועלכע קיינער האָט נישט בעקומען, נאָר דורך נישט-קלאָרע קלאַנגען. איין טאָג האָט דער רב בעקומען, דוכט זיך, פון וויטעבסקער רב אַ בריף, וואו עס זענען געווען בעשריבען די שרעקליכע געשעהענישען. אין בריף איז געווען פאָרגעלעגט גוזר צו זיין אַ תענית צבור. דעם בריף האָט מען געלעזען אין שוהל פון דער בימה אַראָב און ער האָט אויף אַלעמען געמאַכט דעם שטאַרק-סטען איינדרוק. עס איז געווען בעשטימט אַ תענית-צבור. דער-ביי האָט דער רב געזאָגט דעם עולם מוסר, האָט גערופען טהון תשובה און מיט פערביטערונג אָנגעוויזען, אַז אין שטעדטעל זע-נען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבען פערגעסען אָן גאָט און אָבגעגע-בען די קינדער לערנען טריף-פסול'ע למודים.

און גראָד אין דער צייט האָט זיך געדאַרפט טרעפען דער „דורכפאַל" פון מיינע געהיימע משכילים.

## ג

מיט אַ פּאָר טעג פאַר'ן תענית-צבור איז אַרום האַלבער נאַכט געקומען צו מיר איינער פון די משכילים, אַ בחור'ל פון זעכצעהן יאָהר. שוין נאָך דעם געדרוועזען קלאַפּ אין פענסטער, האָב איך פערשטאַנען, אַז עס איז געשעהן עפּעס אונעווערנלי-כעס. ווען מיין נאַכטיגער גאַסט איז אַריין דורכ'ן פענסטער צו מיר אין צימער, איז ער געווען בלייך ווי קאַלך, נידערגעשלאָ-גען און צורודערט. אויף מיין פראַגע, וואָס איז געשעהן, האָט ער געענטפערט מיט אַ פער'יאוש'טען אויסגעשריי: „אָ ס'אַר אַנ'אומגליק עס האָט געטראָפען! מיר זענען פערפאַלען!"... מיט

גרויס מיה האָט זיך מיר איינגעגעבען צו דערגעהן פון איהם וואָס איז געשעהן.

געשעהן איז אָט-וואָס: מיט אַ וואָך פריהער האָב איך דעם בחור געגעבען דעם „חטאת נעורים״. ער האָט איהם עטליכע מאָל דורכגעלייענט און אייניגע ערטער אויסגע׳חזר׳ט אויף אויסוועניג, אַזוי ווי ביי איהם איז געווען אַ פערצעהן-יעהריגער ברודער, וועמען ער האָט כמעט שוין „אַראָבגעפיהרט פון וועג״, האָט ער איהם אויך מזכּה געווען מיט׳ן בוך, בעשווערענדיג איהם, צו זיין פאַרזיכטיג. דאָס יונגעל איז אַ גאַנצע נאַכט געזעסען פערשפאַרט אין אַ קעמערל און געלעזען. אויף מאָרגען, נאָכ׳ן דאַווענען, איז ער אַוועק אין קלויז און אונטער׳ן צודעק פון אַ גמרא ווייטער געלייענט. נאָר די נישט-געשלאָפענע נאַכט און אויפרעגונג האָבען געטהון דאָס זייעריגע און ער איז אַנטשלאָפען געוואָרען, לאָזענדיג דאָס בוך אויפן שטענדער. אין קלויז איז אַריין אַ ישיבה-בחור און, צוגעהענדיג צום שטענדער, גלייך דערקענט, אַז דאָס בוך איז פון די „ספרים חצונים״. ער האָט גענומען עס איבערבלעטערן און אָנגעשטויסען זיך אויף דער פראַזע: „ווער קאָן דערווייזען, אַז עס איז דאָ אַ גאָט?״ דער ישיבה-בחור האָט זיך אַזוי דערשראָקען, אַז ער האָט גענומען שרייען. דאָס בחור׳ל האָט זיך אויפגעכאַפּט און, דערזעהן דאָס בוך ביי אַ פרעמדען אין האַנד, האָט ער זיך אַ וואָרף-געטהון אָבנעהמען עס. איהם האָט זיך איינגעגעבען דעם בוך אַרויסצורייסען ביים ישיבה-בחור און אַנטלויפען. דער ישיבה-בחור איז גלייך אַוועק צום רב און דערצעהלט איהם וועגען דאָס שרעקליכען געשעהעניש. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט שוין דער פאָטער פון דיביידע משכּילים געשלאָגען דעם יונגערן מכּות-רצח, מאָהנענדיג, ער זאָל זיך מודה זיין ביי וועמען ער האָט גענומען דאָס טריף-פסול. דאָס יונגעל האָט געשוויגען. דעמאָלט האָט דער פאָטער איהם פערשפאַרט אין אַ פינסטערן חדר, דראָהענדיג, אַז ער וועט איהם פערפייניגען מיט הונגער ביז ער וועט זיך מודה זיין. בעקומען קלעפּ האָט אויך דער עלטערער. בקצור, אין שטעדטעל איז אַנ׳אמת׳ע מהומה און אַלע טענה׳ן אין איין קול,

אַז נאָר דער „שרייבער" האָט געקאָנט געבּען דעם יונגעל אַזאַ בוך, און מען איז שוין זיכער, אַז דער „שרייבער" איז אַהער אַראָבגעשיקט פון ווילנאָ, פון די דאָרטיגע אפּיקורסים, כּדי חרוב צו מאַכען דאָס שטעדטעל.

דערצעהלענדיג די געשיכטע, האָט דער בּחור געוויינט מיט בּיטערע טרעהרען. ער האָט מיר גע͏בּראַכט דעם געראַטע-ווען „חטאת נעורים". אָבער אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד! אינ-גאַנצען אַ צופליקטען. ער האָט גע'טענה'ט, אַז איך מוז גלייך פערבּרענען דאָס בּוך, ווייל מען וועט געוויס קומען צו מיר זוכען.

בּערוהיגענדיג דאָס בּחורל, האָבּ איך איהם אויפגעוויזען, אַז זיינע און זיין בּרודערס ליידען זענען דאָך אַ מין „מסירת נפש אויף קדוש השם" פון דער השכּלה. דער אַרגומענט האָט איהם צוגעגעבּען מוטה. ער האָט אפילו אויסגעשריען בּעגיי-סטערט:

—זעהר גוט, דאָס אַלץ וועט גיכער בּרענגען צו אַ סוף, אַז מיר זאָלען בּיידע אַנטלויפען פון דער היים!

אויף מאָרגען פריה האָבּ איך זיך דערוואוסט, אַז פאָריגע נאַכט איז בּיים רב געווען אַנ'אסיפה, וואו מען האָט אַרומגע-טראַכט דאָס געשעהעניש, פיל גערעדט וועגען מיר און דער רב האָט אפילו פאָרגעלעגט, מיך מחרים זיין. דאָס האָט מיך שטאַרק אויפגערעגט.

## ד

איך בּין אַוועק אין שוהל צום דאַוונען. מיין קומען אין שוהל אין אַזאַ מאָמענט, האָט אַרויסגערופען אַ בּעוועגונג צווי-שען די פערזאַמעלטע. דער רב, אַנ'אַלטיטשקער דאַרער יוד, איז געשטאַנען אין מזרח, איבּערגעדעקט מיט'ן טלית און געדאַוועט. איך בּין דרייסט צוגעגאַנגען צו איהם און אויסגערופען:

—רבּי!

דער רב האָט זיך אומגעקוקט. דערזעהן מיך, האָט ער זיך געווענדט מיט אַ דערשראָקען-פרעגענדיגען בליק צו די אַרומיגע, און עמיצער האָט איהם שטיל איינגערוימט: „דער שרייבער". דערהערט ווער איך בין, האָט דער רב אַראָבּגעלאָזט דעם קאָפּ, אָבּגעקעהרט זיך און אָנגעהויבּען אָבּרוקען זיך פון מיר אַהינטער.

איך האָבּ געמאַכט עטליכע טריט צו איהם און אומישנע הויך און דרייסט אַרויסגערעדט:

—רבּי, איך בין געקומען אייך פרעגען, וואָס האָט איהר געגען מיר, וואָס איהר ווילט מיך מחרים זיין? איך וויל, איהר זאָלט עס מיר זאָגען דאָ, אין שוהל, פאַר אַלעמען!

דער רב האָט אָנגעהויבּען מאַכען מיט די הענד און, נישט קוקענדיג אויף מיר, אָבּגערוקט זיך אַלץ ווייטער און דערשראָקען געשטאַמעלט:

—געה, געה, געה!... איך קען דיך נישט! איך קען דיך נישט!...

איך האָבּ אָנגעטראָטען אויף איהם. נאָר דאָ האָט מיך עמיצער שטאַרק אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנד און אויסגעשריען מיט כּעס:

—אפּיקורוס, וואָס קריכסטו? זעהסט נישט, אַז דער רבּי וויל דיין פּנים נישט אָנקוקען און וויל אין דיינע ד׳ אמות נישט שטעהן?

—אַרויס פון שוהל! אַפּיקורוס!—האָבּען זיך דערהערט געשריען.

מיר איז נישט געבּליבּען קיין אַנדער ברירה, ווי אַוועקצוגעהן. נאָר איצט האָבּ איך זיך בּערוהיגט. וואָס אַרט מיך, אַז זיי וועלען מיך מחרים זיין? איך האָבּ דאָך זיי שוין לאַנג מחרים געווען! נאָר מיך האָט בּעאונרוהיגט די לאַגע פונם יונגעל, וואָס מען האָט געכאַפּט מיט׳ן בּוך. דער פאָטער האָט איהם געשלאָגען מיט אַזאַ אכזריות, אַז ער איז געפאַלען חלשות.

מיר איז איינגעפאַלען אַזאַ מיטעל. איך האָבּ בּעמערקט,

אַז ריידענדיג וועגען דעם אַפּיקורס׳ישען בוך, וואָס דער ישיבה־בחור האָט געפונען אויפ׳ן שטענדער, האָט מען איצט אָנגערופען נישט „חטאת נעורים“, נאָר „שני ימים ולילה אחד“. גענומען האָט זיך עס דערפון, וואָס דער „חטאת נעורים“ איז געווען איינגעבונדען צוזאַמען מיט׳ן דאָזיגען ספור פון י. ל. גאָרדאָן. דער ישיבה־בחור האָט, אַפּנים, אַ בליק געטהון אויפ׳ן ערשטען שער־בלאַט און פערדענקט דעם נאָמען פון גאָרדאָנס ספור. איך האָב אַרויסגעריסען פון בוך דעם ספור, בין אַוועק צו איינעם אַ יונגענמאַן, אַ האָלץ־סוחר, אַ ביסעל אַ וועלטליכער מענש, האָב איהם דערצעהלט, אַז דאָס האָב איך געגעבען דעם בחור דאָס בוך. דערביי האָב איך דערלאַנגט דעם יונגענמאַן גאָרדאָנס ספור, געבעטען ער זאָל דורכלעזען און עדות־זאָגען פאַר׳ן רב, אַז אין איהם איז נישטאָ קיין אַפּיקורסות און עס געפינט זיך נישט אין איהם די אינקרימינירטע פראַזע: „ווער קאָן דערווייזען, אַז עס איז דאָ אַ גאָט?“ דער יונגערמאַן האָט דורכגעקוקט דעם ספור, געפונען, אַז חוץ שענער מליצה, איז אין איהם קיין וואָרט אַפּיקורסות נישטאָ. ער איז אַוועק צום רב, האָט איהם ערקלערט, אַז איך און דאָס יונגעל זענען וועניגער שולדיג, ווי ער רעכענט, און געוואָרענט איהם, ער זאָל נישט טראַכטען וועגען מחרים זיין מיך, ווייל פאַר דעם קאָן דער רב שטרענג בעשטראָפט ווערען דורך דער רעגירונג.

דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג. דאָס יונגעל האָט דער פאָטער בעפרייט פון „תפיסה“, נעהמענדיג ביי איהם אַ תקיעת־כף, אַז ער וועט מעהר אַזעלכע ביכער נישט לייענען און מיט מיר זיך נישט בעגעגענען. וועגען מחרים זיין מיך האָט מען אויפגעהערט ריידען. נאָר אין טאָג פון תענית האָט דער רב געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אויפגעוויזען, אַז איך און אַזעלכע, ווי איך, זענען די איינציגע שולדיגע אין די פּאָגראָמען. ער האָט געפאָדערט, מען זאָל מיר אָבזאָגען פון די לעקציעס. חוץ דעם האָט ער אַרויסגעגעבען „תקנות“, וועלכע זענען דעמזעלבען טאָג געווען פונאַנדערגעקלעבט אין אַלע בתי־

מדרשים. פון די תקנות זענען ביי מיר אין זכרון פערבליבען בלויז פיער:

א) אַלע מאַנסביל פון דרייצעהן יאָהר אָן, זאָלען טראָגען יאַרמאָלקעס און נישט אַראָבנעהמען זיי פון קאָפּ ביינאַכט;

ב) מיידלעך און, איבערהויפּט, ווייבלעך זאָלען נישט זינגען אין דער געגענוואַרט פון מאַנסביל, און אפילו פאַר זיך;

ג) אויף חתונות זאָלען ווייבער און מיידלעך נישט ווייזען זיך געבלויזט;

ד) מען זאָל זוכען אין די הייזער און אויף די בוידעמס, און אַלע ביכער, חוץ הייליגע ספרים, וואָס מען וועט געפינען, זאָל מען צונויפגעבען? — זאָל מען צומאַרגענס, פרייטאָג האַלבען טאָג, ברענגען אויפ'ן שוהל-הויף צו פערברענען זיי, כדי דאָס בייז זאָל אויסגערוימט ווערען פון שטעדטעל!

עס האָבען זיך אָבגעזוכט זעקס-זיבען העברעאישע ביכלעך, גאַנץ אונשולדיגע, צווישען זיי אויך גאָרדאָנס ספּור, וועלכען דער יונגערמאַן האָט מיר נישט אומגעקעהרט. צו דעם האָט מען נאָך מוסיף געווען ביי אַ צעהנדליג יודישע מעשיות, איבערהויפּט שמ"ר'ס. מען האָט געמאַכט אויפ'ן שוהל-הויף אַ שייטער און פערברענט. איך האָב פון דערווייטען געזעהן נאָר דעם רויך פונ'ם אויטאָ-דאַ-פע. איך קאָן נישט זאָגען, אַז איך האָב זיך געפיהלט איבעריגס פרעהליך אין דעם מאָמענט: עס האָט גוט געשמעקט מיט מיטעלאַלטער.

אויף מאָרגען, שבת נאָך הבדלה, איז צו מיר געקומען איינער פון די שטאָדט-בעלי-הבתים און אין אַ רוהיגען, געשעפטליכען טאָן מיר געזאָגט, איך זאָל אָבפאָהרען פון שטעדטעל, אויב איך וויל נישט מען זאָל מיך אַרויסשיקען מיט'ן עטאַפּ און גלאַט, וואָס האָב איך דאָ צו זיצען? קיין לעקציעס וועל איך סיי-ווי-סיי שוין נישט האָבען. אויף מיין פראַגע, ווי אַזוי וועט מען דאָס מיך, אָהן אַ שום זינד פון מיין זייט, אַרויסשיקען מיט'ן עטאַפּ, האָט ער רוהיג, מיט אַ שמייכעל געענטפערט: „וואָס פערשטעהט איהר נישט? איהר זענט דאָך נישט

קיין קליין יונגעל, צוויי פונט טהיי דעם פריסטאַוו, און מאָרגען געהט איהר מיט'ן עטאַפּ.

איך ווייס נישט, אויב מען וואָלט טאַקע אויסגעפיהרט דעם סטראַשונעק, נאָר איך האָב שוין אַלץ איינס נישט געהאַט צוליב וואָס צו פערבלייבען אין ליאָזנע און בין אָבגעפאָהרען.

דעם צוריסענעם „חטאת נעורים" האָב איך אַ לאַנגע צייט געהיט ביי זיך, ווי אַנ'אָנדענקען.

מאַני לייב

# לידער און באַלאַדן

צווייטער באַנד



אַרויסגעגעבן פון מאַני לייב בוך־קאָמיטעט
ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס
דורכן „ציקאָ“ ביכער־פאַרלאַג

# אַ מעשה וועגן זיך...

## אין אוקראַינע

איז דאָ אַ שטאָט ניעזשין וואָס האָט גע׳שם׳ט מיט אירע בלאָטעס, ווערבעס, רייכע טאַבאַק־סוחרים, פערד־הענדלער און פערד־גנבים. די שטאָט האָט אויך גע׳שם׳ט מיט הייליקע קברים־שטיבלעך פון צדיקים, מיט אירע שוסטער שיכורים, מיט איר וויסן, גרויסן ליציי, וואו גאָגאָל האָט געלערנט און מער פון אַלץ — מיט אירע געזאַלצענע אוגערקעס.

שיין איז געווען די שטאָט ניעזשין!

שיין מיט אירע ערב פסח׳דיקע און נאָך־ימים־נוראים׳דיקע בלאָטעס וואָס לאָזן זיך פאַנאַנדער ביז אַריבערן גאַרטל, אָבער נאָך שענער איז די שטאָט געווען ווינטערצייט, ווען די שנייען וואַקסן אָן ביז אַריבער די שטרויענע דעכער, הויך ביז צו די קוימענס אַרויף.

**האָבן** אין דער שטאָט ניעזשין געלעבט אַמאָל אַ ייד מיט אַ יידענע וואָס האָבן געהאַט אַכט קינדער, געוואוינט האָבן דער ייד מיט דער יידענע אין אַ קליין, קליין שטיבל מיט אַ שטרויענעם דאַך. דער ייד מיט דער יידענע זיינען געווען איידעלע און ערלעכע מענטשן, נאָר גרויסע אָרימע־לייט. יעדן טאָג פלעגן זיי אויפשטיין באַגינען און אַוועקלויפן אין מאַרק אַריין האַנדלען און וואַנדלען. דער ייד האָט געהאַנדלט מיט פעל. גוים ברענגען אויפ׳ן מאַרק אַלערליי פעל, קויפט זיי דער ייד אויף און פאַרקויפט זיי דערנאָך צו דעם רייכסטן הענדלער פון שטאָט. די יידענע האָט געהאַנדלט מיט גענז, הינער און אייער. אַלע אין דער פרי איז זי אַרויס אין מאַרק מיט אַ גרויסן ליידיקן קויש, און אַז זי איז צוריק געקומען פאַרנאַכט, איז דער קויש געווען אָנגעלאָדן מיט קאַרטאָפל, ברויט און געפרוירענע עפל.

**און** אַז די קינדער זיינען אין אָוונט אַהיים געקומען פון חדר, האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט צו די קאַרטאָפל מיטן ברויט ווי צו אַ טייערן מאכל און פאַרביסן מיט אַ געפרוירענעם עפל. אָפּגעגעסן, דאַרף מען דאָך גיין שלאָפן, פלעגט דער טאַטע די גרעסערע קינדער לייגן אויף דער ערד, און די קלענערע אין דעם ברייטן, רויטן בעט, וואָס איז געשטאַנען אין אַווינקל. פאַר די גרעסערע קינדער האָט דער טאַטע אויסגעשפּרייט אויף דער ערד צוויי קוליעס שטרוי און איבער די קוליעס שטרוי האָט ער פאַרשפּרייט אַ גראָבע פלאַכטע, און צוגעדעקט האָט ער די קינדער מיט זיין שווערן שאָפענעם פעלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט שוויים, טאַבאַק און מיט דרויסן.

**ביז** די קינדער זיינען איינגעשלאָפן און נאָכדעם ווי זיי זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן, פלעגן טאַטע־מאַמע נאָך לאַנג זיצן ביים לעמפל, ביים אָפּגעקילטן סאַמאָוואַר און ריידן פון זייער מזל און וועגן אַ תכלית פאַר די קינדער. אויפן טיש איז געווען אָנגעשאָטן אַ הויפן פאַרשימלטע קופערנע מטבעות און מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער פלעגן זיי ציילן די מטבעות, קוקן איינער אויפ׳ן צווייטן און שמייכלען צופרידענע. נאָר אָפט פלעגט טרעפן אַז זיי האָבן ניט געשמייכלט און איינער אויפ׳ן צווייטן ניט געקוקט, נאָר פאַרטרויערטע האָבן זיי אויסגעלאָשן דאָס לעמפל און זיך געלייגט שלאָפן אין דעם ברייטן רויטן בעט, וואו די דריי קלענערע קינדער זיינען שוין לאַנג איינגעשלאָפן.

**אַז** טאַטע־מאַמע גייען אַוועק פון שטיבל אויף גאַנצע טעג, איז ווער־זשע גיט אַכטונג אויף די קינדער? קיינער גיט ניט אַכטונג אויף די קינדער. האָבן זיי אויף זיך אַליין אַכטונג געגעבן. די גרעסערע אויף די קלענערע און די קלענערע אויף די נאָך קלענערע און קיין בייז אויג האָט זיי חלילה ניט געשאַט. זיי זיינען געוואָקסן געראָטענע, האָבן געהאַט גוטע קעפּלעך און זיינען געווען די בעסטע תלמידים אין חדר. מען דאַרף אָבער זאָגן דעם אמת, אַז זיי זיינען אויך געווען די גרעסטע קונדסים און שטיפערס אין שטאָט. גייט מען שווימען איז מיט זיי פול דער טייך. גייט מען רייסן עפל אין פרעמדע סעדער, זיינען זיי די ערשטע צו קלעטערן איבער די פלויטן, און זיי פאַרפירן געשלעגן מיט שקצים, גיבן קלעפּ און כאַפּן קלעפּ און די שטאָט איז פול מיט זיי. דאָס איז זומער לעב.

**ווינטערצייט** זיינען זיי די ערשטע גליטשער אויפ׳ן אייז, די בעסטע פעטער־שנייער מאַכער, די גרעסטע כוואַטן באַרג־אַראָפּ־פליהער אויף שליטלעך אָדער אויף שטיקער אייז אַנשטאָט שליטלעך. די קינדער זיינען אויך געווען גרויסע בריות צו רייטן אויף פערד. אַזוי פאָרן רייטנדיק אויף פערד ווי זיי האָט קיין שום יינגל אין שטאָט ניט געקענט. דאָס האָבן זיי געהאַט צו פאַרדאַנקען זייער ייִדן ר׳ אשר, וואָס איז געווען אַ פערד־הענדלער.

**צו** די אַלע מעלות זיינען די קינדער נאָך געווען גוטע זינגערס, די בעסטע משוררים ביי די שטאָט־חזנים. זינגען האָבן זיי זיך אויסגעלערנט ביי זיי אין שטבל. ווייל פון זינט זיי האָבן געדענקט האָט דאָס שטיבל געזונגען. אין אַ שבת אָדער אַ יום טוב ווען זייער מאַמע האָט נאָר געקענט אַן אויסגערוטע זיך אַוועקזעצן אויף אַ שעה, האָט זי זיך באַלד פאַנאַנדערגעזונגען. דער טאַטע, וואָס אַליין האָט ער זיך געשעמט צו זינגען, פלעגט דאָ לאָזן אָפּן דאָס ספר, וואָס איז געלעגן פאַר אים אויפ׳ן טיש, אָנשפּאַרן דערויף זיין עלנבויגן, און דעם קאָפּ אויף דער האַנט, און שמייכלען אַ

גליקלעכער און צופרידענער. און אַז דער טאַטע האָט געשמייכלט האָבן די קינדער זיך דערפילט פריי און גרינג און וואַרעם און זיך באַלד אַוועקגעלאָזט זינגען אינאיינעם מיט דער מאַמען. די גאַנצע גאַס פלעגט דעמאָלט קומען צולויפן און זיך שטעלן אונטער זייער פענצטער.

און אַז דער שבת איז אַוועק און ס'איז געקומען דער שבת צו נאַכט, האָבן זיך צו זיי אין שטיבל פאַרקליבן טרינקען טיי אַלע גוטע פריינט דעם טאַטנס: די שכנים, קצבים, באַלעגאָלעס, פערד־הענדלער און בעטלער. פלעגט מען זיצן ביים קאָכעדיקן סאַמאָוואַר, טרינקען טיי און דערציילן זיך שרעקלעכע מעשיות פון גזלנים, וועלף, מתים, מכשפים, מכשפות און יתומות. די קינדער פלעגן זיצן מיט אָפענע מיילער, איינזאַפּן אין זיך די אַלע שרעקלעכע מעשיות, דערביי ציטערן און דאָך האָבן אַ ווילדע הנאה און ניט וועלן גיין שלאָפן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

## אַזוי האָבן געלעבט

דער ייד מיט דער יידענע און אַזוי זיינען געוואַקסן זייערע קינדער. און אַז זייער בחור, דער עלטסטער יינגל זייערער, איז אַלט געוואָרן עלף יאָר, האָבן טאַטע־מאַמע אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ תכלית פאַר זיינטוועגן. דער טאַטע האָט געוואָלט ניט אַנדערש, נאָר אַז זיינע קינדער זאָלן ווערן באַלמעלאָכעס. "אין מלאכה איז די מזל־ברכה", פלעגט ער זאָגן, און אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, אַזוי איז געווען. אין מיטן מאַרק האָט געוואוינט אַ קאַמאַשן־שטעפער, וואָס פאַר זיין שטוב איז געהאנגען אַ גרויסע בלויע שילד מיט אַ געמאָלעכץ פון אַ מאַשין, וואָס האָט אויסגעזען ווי צוויי פלעשער. רעכטס אַ גראָבע פלאַש און לינקס גאָר אַ דין פלעשל, און אויפ'ן דינעם פלעשל איז געווען אָנגעטאָן אַ קאַמאַש אָן זוילן און אָן אָפּצאַסן. דעם יינגל איז די שילד שטאַרק געפעלן געווען. איז איינמאָל אין אַ בייטאָג האָט דער טאַטע גענומען זיין עלטסטן עלף־יאָריקן יינגל פאַר אַ הענטל, אים אַוועקגעפירט צו דעם קאַמאַשן־שטעפער און אים דאָרטן איבערגעלאָזט אויף צוויי מיט אַ האַלבן יאָר, ער זאָל זיך דאָרטן אויסלערנען שטעפן אויף יענער מאַשין מיט די צוויי פלעשער און ווערן אַ לייט.

דאָס ערשטע וואָס דאָס יינגל האָט אָנגעהויבן לערנען ביים שטעפער איז געווען ווי אַזוי צו שלעפן פאַר דער באַלעבאָסטע די שווערע קוישן פון מאַרק, וויגן אירע קינדער, טראָגן וואַסער פון ברונעם, קערן דאָס הויז און לויפן אין מיטן נאַכט זוכן דעם באַלעבאָס, וואָס האָט זיך ערגעץ ביי אַ פריינט פאַרשפּילט אין קאָרטן. וואָרים זיין באַלעבאָס האָט זייער ליב געהאַט צו שפּילן קאָרטן. דער באַלעבאָס האָט אָבער אויך ליב געהאַט צו לייענען ביכלעך. ביי זיך אין הויז האָט ער טאַקי געהאַט שטיין גאַנצע שאַפעס מיט ביכער. און אַזוי האָט זיך דאָס יינגל אין די צוויי און אַ האַלב יאָר אויסגעלערנט פון זיין באַלעבאָס דריי זאַכן: שטעפן קאַמאַשן, לייענען ביכלעך און די מיאוסע טבע — שפּילן קאָרטן.

דעם אמת געזאָגט האָט זיך דאָס יינגל דאָרטן אויסגעלערנט נאָך צוויי זאַכן: — גנב'ענען ברויט ביי דער באַלעבאָסטע וואָס איז געווען אַ קאַרגע, און פון באַלעבאָס — ריידן אין גראַמען. ווייל וואָס דער באַלעבאָס פלעגט ניט ריידן פלעגט ער עס תמיד מוזן זאָגן אין גראַמען. צוריק גערעדט זיינען אייגנטלעך גראַמען פאַר דעם יינגל קיין נייס ניט געווען. פון גראַמען האָט ער געוואוסט נאָך פון דער היים. וואָרים זיין מאַמע האָט אויך אַמאָל ליב געהאַט צו ריידן אַזעלכענע ווערטלעך אין גראַמען. אירע גראַמען זיינען געווען איידעלער ווי די פון זיין באַלעבאָס. פון דער מאַמעס ווערטלעך אין גראַמען פלעגט מען לאַכן און אַלע האָבן זי טאַקע ליב געהאַט דערפאַר. דעם באַלעבאָס' גראַמען אָבער פלעגן אָפט באַליידיקן, אויסמאַטערן און דערעסן. דאָס יינגל האָט זיך אָבער פון זיין באַלעבאָס אָפּגעלערנט שטענדיק צו ריידן אין גראַמען. מיט די עלטערע באַלמעלאָכעס, מיט דער באַלעבאָסטע, מיט די קונדן שוסטער, וואָס פלעגן ברענגען שטעפן קאַמאַשן, מיט זיינע ברידערלעך, מיט אַלעמען נאָר ניט מיט זיין טאַטן. מיט דער מאַמען פלעגט טרעפן, אַז זיי פלעגן אין אַ פרייער שעה זיך אָנהויבן איבערוואַרפן מיט ווערטלעך אין גראַמען, אַזוי אַז דאָס גאַנצע שטיבל פלעגט קייכן פון געלעכטער. אָבער אַנטקעגן דער מאַמען פלעגט דאָס יינגל בלייבן הינטערשטעליק. ווייל דער מאַמעס ווערטלעך פלעגן זיך גאָר קיינמאָל ניט אויסשעפּן. דערפאַר אָבער האָט זיך שוין דאָס יינגל אויסגעלערנט צו פאַרשרייבן

אין העפטן אַלע זיינע אייגענע גראַמען אויסגעלייגט אין לידער, און האָט עס געהיט ווי זיין אויג אין קאָפּ.

אַזוי האָט געלעבט דאָס יינגל ביז עס איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר. צו פופצן יאָר האָט דאָס יינגל שוין געהאַט דורכגעלייענט אַ סך ביכלעך, יידישע און רוסישע. אַ באַלמעלאָכע איז ער געווען אַ גוטער, האָט גע׳שמ׳ט אין שטאָט פאַר אַן איידעלן בחור, פאַר אַ בריה און האָט זיך שוין גע׳חבר׳ט מיט די געלערנטע יונגעלייט פון שטאָט.

## האָט געטראָפן

אַז זיין באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע זיינען איינמאָל אין אַ נאַכט אַנטלאָפן קיין אַמעריקע מיט געלט וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט אין שטאָט. און די גאַנצע שטעפעריי מיט די מאַשינען און די בלויע שילד זיינען געבליבן אויף הפקר. האָט דאָס אַלץ אונדזער יינגל׳ס טאַטע איבער־גענומען און געוואָלט, אַז זיין זון, זיין געראָטענער בחור׳ל זאָל ווערן אַ פאָלנער באַלעבאָס. דאָס בחור׳ל האָט ניט געוואָלט, נאָר דער טאַטע האָט אים געגעבן פעטש, איז ער געוואָרן אַ באַלעבאָס מיט מאַשינען און מיט באַלמעלאָכעס. און ער האָט אַזוי לאַנג געבאַלעבאַטעוועט, ביז אין שטאָט איז פון ערגעץ ווייט אָנגעקומען אַ יונגערמאַן, אויך אַ קאַמאַשנ־שטעפער. די צוויי יונגעלייט זיינען געוואָרן חברים, האָבן שפּאַצירט אינאיינעם און אינאיינעם געלייענט ביכלעך, און פון די ביכלעך און די שמועסן מיט דעם חבר האָט זיך אונדזער בחור׳ל דערוואוסט, אַז ערגעץ אין די ווייטע שטעט מאַכן באַלמעלאָכעס סטאַטשקעס, סטרייקס, און אַז מען וויל ניט קיין קייסער.

דעם בחור׳ל איז דאָס געפעלן געוואָרן און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער צונויפגעקליבן אַלע באַלמעלאָכעס פון שטאָט און האָט מיט זיי געמאַכט אַ סטרייק און איז געוואָרן אַ גאַנצער פירער. ער האָט אַוועק־געוואָרפן זיין שטעפעריי מיט די מאַשינען, און אים האָבן שוין ניט געאַרט די טרערן פון טאַטע־מאַמע און אויך ניט זייערע סטראַשונקעס — ער איז געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער. אַ באַלעבאָס צו זיין איז געווען

ביי אים זייער אַ מיאוס׳ע זאַך. ווייל ער האָט שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז אַלע באַלעבאַטים לעבן פון פרעמדן שוויס. בקיצור דאָס בחור׳ל האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן און אָנגעהויבן אַרומלויפן גאַנצע טעג און נעכט מיט בחורים, מיידלעך און סטודענטן, פון וועמען ער האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז זיינע גראַמען, אויסגעלייגט אין לידער, רופט מען פּאָעזי און אַז ער איז אַ פּאָעט. אַזוי האָט ער געקראָגן דעם צונאָמען פּאָעט און אונטער דעם נאָמען "פּאָעט" האָט ער כסדר געמאַכט סטרייקס, געבונטעוועט קעגן דעם קייסער, ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין תפיסה.

אין תפיסה איז אים געווען גוט ווי די וועלט. ערשטנס איז געווען אַ כבוד צו זיצן אין תפיסה פאַר אַזאַ זאַך ווי מאַכן סטרייקס און בונטעווען אַנטקעגן דעם קייסער, און צווייטנס האָט ער אין תפיסה געשריבן אַ סך גראַמען, אויסגעלייגט אין לידער, און אַלע חברים וואָס זיינען געזעסן מיט אים צוזאַמען, האָבן די לידער געזונגען און שפּעטער זיי אַרויסגעטראָגן אויף דער פריי, וואו מען האָט זיי געזונגען איבער דער גאַנצער שטאָט און אפילו אין אַנדערע שטעט.

אין תפיסה איז אונזער בחור׳ל געזעסן פון די ערב־פסח׳דיקע בלאָטעס ביז נאָך די ימים־נוראים׳דיקע. אינגיכן אָבער וואָלט ער אַ צווייטן מאָל געדאַרפט געווען גיין אין תפיסה אַריין, און דאָ האָט זיך אונדזער בחור, דער גאַנצער קנאַקער, אַרויסגעדרייט און אַנטלאָפן. אַנטלאָפן פון זיין שטאָט און פון זיין לאַנד און איז בשלום אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דאָ אין אַמעריקע האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביי פונקט אַזאַ מאַשין מיט צוויי פלעשער און ווידער אָנגעהויבן צו שטעפן קאַמאַשן. האָט דאָ פאַר־דינט געלט, אַראָפּגעבראַכט אַהער קיין אַמעריקע זיין טאַטע־מאַמע, חתונה געהאַט, געבראַכט קינדער אויף דער וועלט, און ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ ביסל פרייע צייט האָט ער געשריבן גראַמען, אויסגעלייגט אין לידער.

און דאָס בחור׳ל מיט וועמען דאָס אַלץ האָט געטראָפן, דאָס בין איך

**מאַני לייב**

# אויף ניו־יאָרקער שטיינער

די פּען איז אָנגעשאַרפֿט און שפּיציק,
און פֿליסיק איז די טינט און שוואַרץ,
און דער זכּרון — וואַך און בליציק —
ער וועקט דאָס אומעטיקע האַרץ,
און וועקט אין ווינקל פֿון די אויגן
אַ טרער אַזאַ, וואָס גיט אַ ברען;
און דאָס פּאַפּיר — אַ ווײַסער בויגן —
ער בעט נאָר אותיות פֿון דער פּען;
און אותיות גיסן זיך אין ווערטער
און ווערטער לייגן זיך צום גראַם;
און גראַם צום וואָרט אַ פֿײַן דערהערטער —
איז זאַלץ, וואָס גיט דעם ברויט אַ טעם.
איז — זײַ דאָ בײַ מײַן זײַט, זכּרון,
און נעם מײַן מידע האַנט און פֿיר,
און וואָס דאָס האַרץ האָט שוין פֿאַרלאָרן,
די פּען זאָל געבן דעם פּאַפּיר!

אָקרענטן שווימען איבער ים'ען,
ווי פּלוגן אַקערן די וועל.
זיי פֿירן בריוועלעך דער מאַמען,
און קינדער פֿון דער מאַמעס שוועל.
אַ זאַק צום אַקסל צוגעשטריקלט
מיט ברכות אין דער ווײַטער פֿרעמד,
דער מאַמעס קישעלע פֿאַרוויקלט
אין טאַטנס לײַוונטענעם העמד.
און אין דעם זאַק אין חזיר־לעדער
מיט לידער — דומעס אַ קאָבזאַר,

און לידלעך פֿון דער ערשטער פֿעדער
פֿון ייִנגלשן געוויין און צער,
געשריבן אין זשאַרגאָן — אין ייִדיש —
אין אַ פֿאַרליבטער פֿרײַער שעה . . .
און הויך דער שייטל — נאָר אויף חידוש —
אַ שוואַרצער פֿליגל פֿון אַ קראָ.
און קרומער פֿינגער פֿון אַ שטעפּער,
און פֿון אַ שטעפּער־יונג דער שפּײַ,
און פֿון דער טורמע בײַ דעם דניעפּר
דער סם פֿון אויפֿגעברויזטער פֿרײַ,
געהעפֿט מיט מעשׂה'לעך דער באָבעס
פֿון ריינע אָרימע גאָטס קנעכט,
מיט בלוט פֿון פֿעטערלעך פֿון זשלאָבעס,
וואָס טראָגן מעסערס אין די נעכט,
מיט וואַכן ייִנגלשן געוויסן
פֿאַר די חבֿרים אין „צע־קאַס";
די לאַנגע שטיוועלעך צעריסן,
אַ גאַרטעלע מיט אַ קוטאַס,
אַ שוואַרצע העמדל ביזן אויער
מיט קרעסטיקעס אין גרין און רויט;
אַ ווײַסע האַנט האָט זי אין טרויער
מיט זײַד גענייט און אויסגענייט...
זיי שטיל, מיין וואַכיקער זכּרון,
די האַנט די ווײַסע ניט דערמאָן!
די זעלבע האַנט האָט ביז קאַיאָרן
געהעפֿט פֿאַר אונדז די רויטע פֿאָן.
דאָס האָבן מיר מיט זיך גענומען
אין אָרימקייט פֿון אונזער היים,
און איבער כוואַליעס אומגעשוואומען
אַרויסגעוואָרצלט ווי אַ בוים.

ווי אויף אַ לײַוונט מיט אַ פּינזל
אַרומגענומען מיט אַ ראַם,



אַזעלכן — אויף דעם טרערן־אינדזל
האָט אונדז אַרויסגעשפּײַט דער ים.
אַרויסגעשפּײַט . . . נאָר זאָג, זכּרון,
ווי יונג מיר זײַנען דאָס געווען! —
מיר האָבן דאָך געציילט די יאָרן
ניט מער ווי פֿינגער — צען און צען.
דערפֿאַר האָט אונדז ווי אויפֿצופֿלײַסן
אַ האַנט דעם דופּק נאָר באַרירט,
דעם אַרבל מיט אַ קרייד אַ ווײַסן
באַצייכנט — און אַרויסגעפֿירט.

און הינטער טויערן און גראַטעס
געשרייען, קושן און געוויין
פֿון זין, פֿון מאַמעס און פֿון טאַטעס,
אין גאָלד פֿון שמייכלדיקע ציין,
און זון, ציגאַרן און מאַראַנצן
און פֿרײַ מיט נײַע פאַרבן בלענדט . . .
און אונז האָט מען פֿאַרטרויט אינגאַנצן
אויף אונדזער פֿעטער זיאַמעס הענט.

און דאָס איז אונדזער פֿעטער זיאַמע,
דער העלד פֿון קינדערש האַרץ געווילט!
אוי, וויפֿיל וואונדער האָט די מאַמע
פֿון זיינע העלדישקייט דערציילט! —
ווי איינמאָל אין אַ נאַכט אין ווינטער
העט, ווייט, ביים ליקאָמירער טראַקט
האָט ער פֿון קלויסטער אויף דעם צווינטער
דעם שווערן שלאָס אַראָפּגעהאַקט
און פֿון דער באָזשע מאַטקעס אויגן
די דימענטן, די גרייס ווי ניס,
אַרויסגעשרויפֿט — און פֿײַל פֿון בויגן
ווי ניט געווען — געצויגן פֿיס.

און אין דערזעלבער נאַכט ביים גלח
געגומען פֿערד, צע'סמ'ט די הינט,
און איז ביז ניעזשין דעם מהלך
געפֿלויגן ווי דער ווילדער ווינט
און גלײַך צו אונדזער מומע גיטל.
צעטרייסלט אַלע ווענט פֿון שלאָף
און אויפֿן דיל — אַ וואָרף די היטל:
— מאַך, סערצע, שוועסטערל, אַ סוף!
איך וויל דיין בת־יחיד'קע, טעמען,
אַז כאָטש באַגראָב מיך און פֿאַרשיט!
וועל אין אַמעריקע זי נעמען,
וועל היטן אַלע אירע טריט . . .

און ביז די קלוגע מומע גיטל
האָט קוים פֿאַרשטאַנען וואָס ער מיינט,
האָט ער אַ כאַפּ געטאָן זײַן היטל
און ווי אַ קינד זיך הויך צעוויינט:
— אַז פּגר'ן אין די אָסטראָגן! —
קוש, טעמעניו, דער מאַמעס הענט! —
אַ נעם זי — און אַוועקגעטראָגן
אַ נאַקעטע אויף זײַנע הענט.
אַ קנאַק פֿון בײַטש, אַ ריס דעם שליטן,
אַ פֿײַף און אַ געשריי: — העי, טראָג!
און זאָל דער ווײַסער שניי פֿאַרשיטן
די צייכנס ביז'ן ווײַסן טאָג!

די מומע איז געבליבן לעבן,
נאָר קוים דערלעבט פֿון זיי אַ בריף:
„אוי ,מאַמע לעבן, שוועסטער לעבן,
מיר פֿאָרן ביידע מיט דער שיף" . . .

און דאָס איז אונדזער פֿעטער זיאַמע . . .
די וואָנצן אויסגעגאָלט ביז בלוי,



און גרין — פֿון אונטער זיין פּאַנאַמע —
די אויגן גיסן זיך אין גרוי;
מיט ניט יידישע משפּחה־אויגן,
וואָס קענען שמייכלען בייז און גוט,
וואָס קענען יענעמס חיות זויגן
און יענעם אָפּגעבן דאָס בלוט . . .
און שטאַלטנע, פֿון די יאָרן ייִנגער,
און אויסגעפּוצט, אַרומגעפּרעסט:
אַ דימענט אויף זיין לינקן פֿינגער,
אַ קייט פֿאַרוואָרפֿן אויף זײַן וועסט.
האָט ער אונז שאַרף דאָ אָפּגעמאָסטן
די שטיוועלעך און אונדזער זאַק . . .
און מאַנסבילש, מיט אַ קוש אַ פּראָסטן
אַ ברי געטאָן אונדז אויף דער באַק . . .
אַז אונדז אין אויג, אין יונגן שכל,
אַ טרער איז היים געבליבן שטיין . . .
אויך פֿעטער זיאַמעס האַרטער שמייכל
האָט קוים פֿאַרבאָרגן אַ געוויין.

דער האַרטער שמייכל פֿעטער זיאַמעס
האָט דורכ'ן בלוט אונדז דורכגעברענט . . .
און מיט דער קישעלע דער מאַמעס —
און מיט דעם זאַק אויף ביידע הענט,
און הויך דעם שייטל — אָט אַזוינער,
און מיט דעם פּנים צו דער שטאָט,
אויף די ניו יאָרקער האַרטע שטיינער
אַוועקגעשטעלט דעם ערשטן טראָט.



מאַני לייב (בילד פֿון 1933)

די פּאָעמע פֿון מאַני לייב, וואָס מיר פֿאַרעפֿנטלעכן דאָ, האָט אונדז צוגעשיקט פֿון ניו־יאָרק זײַן אַלמנה, די דיכטערין ראַשעל וועפּרינסקי. זי שרײַבט אונדז:

„די פּאָעמע ,אויף ניו־יאָרקער שטיינער׳ האָט מאַני לייב געשריבן אין דעבאָראַ־סאַנאַטאָריע פֿאַר טובערקולאָזע אין 1932. דאָס זײַן פֿאַרנומען מיטן שרײַבן די אויטאָביאָגראַפֿישע פּאָעמע האָט אים ממש געהאַלטן אויף די פֿיס. שפּעטער האָט ער בלויז געדרוקט די טייל וואָס גייט אַרײַן אין לידער און באַלאַדן, (ערשטער באַנד, ניו־יאָרק 1955, זז׳ 139—143). די טייל, וואָס איך שיק אײַך איצט, איז נאָך קיין מאָל ניט געדרוקט געוועו — איך האָב זי לעצטנס צופֿעליק געפֿונען״.



מאַני לייב

# אויף ניו־יאָרקער שטיינער

ניו־יאָרקער שטיינער... שרײַיִק, שטויביק,
האָט איר דאָס יונגע האַרץ באַגריסט,
און מיך אויף אַלע מאָל און אייביק
פֿאַרשאַרט אויף אײַער פֿרעמדן מיסט.
און בײַ מײַן זײַט ווי אויסגעשלאָגן
פֿון קופּער פּעטער זשאַמע שפּאַנט
און העלפֿט דעם גרינעם זאַק מיר טראָגן
מיט אַ געטרײַער שטאַרקער האַנט;
און רעדט מיט ווערטער גרוי און זויער
פֿון תּכלית ווי די וועלט איז אַלט
און גרילציק פֿאַרן יונגן אויער,
פֿאַר וועמען די הפֿקרות שאַלט
אויף איר צעשויבערטן טראָמפּייטער
און שיכּורט מיט איר זיסן שמוכט,
וואָס אויך מײַן גינציקער באַגלייטער
האָט אין די יונגע טעג פֿאַרזוכט.
איז רעדט ער... און די אויגן לאַכן
ביז אין די ציין אין געלן גאָלד:
— דאָ דאַרף מען וויסן ווי צו מאַכן
דעם דאָלאַר... און ניט זײַן קיין יאָלד.

נאָר אין גרויס װוּנדער וואָס די אויגן
אין חלום האַלב און האַלב אויף וואַך,
דערעפֿנט און פֿאַרגאַפֿטע זויגן
דעם ווילדן כּישוף פֿון דעם כּרך,
וואָס טראָגט דעם זיסן קורצן נאָמען
„ניו־יאָרק״ — און וואָס ער הייבט זיך אויף
אַריבער וואַסערן און תּהומען
אַרויף, ביז צו דער זון אַרויף, —
מיט וואָלקן־טורעמס, הימל־קריכער,
פֿון שטאָל און ציגל אויפֿגעשטעלט, —
אַ וואַלד מיט זײַלן, האַלטן זיכער
די זיבן הימלען פֿון דער וועלט, —
האָב [איך] געמורמלט: — סאַראַ ריזן! —
אין רויט און גרוי, אין ווײַס און ברוין.
האָט פּעטער זשאַמע אָנגעוויזן
אויף איינעם מיט אַ גרינער קרוין:

— ס׳איז זינגערס, פֿון די ניימאַשינען;
ווי דו געקומען הויל און גרין;
מען זאָגט ער איז אַראָפּ פֿון זינען
בײַם אויסטראַכטן די ניימאַשין.
און איצט האָב איך די קאַטערינקעס
אַ הונדערט! און איך האָב מיר אויך
אַפּרייטערס־הויקערלעך — גוואַלדינקעס! —
זיי נייען אַז סע גייט אַ רויך...
— אוי פֿעטער... איז דאָס יענער זינגער...
איך האָב דאָך אין דער היים געניײט
אויף זײַן מאַשין און אַלע פֿינגער
ביז בלוט צעשטאָכן און צעדרייט.
און מײַן באַגלייטער שמייכלט ברייטער:
— ס׳אָלרײַט... דו וועסט שוין זײַן אָלרײַט;
וועסט זײַן אַ טײַערער אַפּרייטער, —
און וועסט שוין זײַן בײַ מיר אַ לײַט.
דערווײַלע דאַרף מען ווי בײַ לײַטן
דיך אָנטאָן, ווי דו ביסט די גרויס. —
ער מעסט מיך אָפּ פֿון אַלע זײַטן: —
[illegible] שפּעטער. בײַ אונדז אין שטוב איז געווען א [illegible]. איך
האָב זיך [illegible] וואונדערלעכע געשיכטעס, וועלכע די [illegible] פֿרוי. מיין
האָט געשיכטע, אַז די [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] "[illegible]" האָט
אויף מיר געווירקט מאַגיש. אויך האָב איך אַרומגעטראָגן מיט די געדאַנקען:
ווי [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]? אין [illegible] געפֿינען (איך [illegible])
בײַנאַכט אין א [illegible]. [illegible] נישט [illegible], נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, אַז
די [illegible] מיט [illegible] [illegible] [illegible], א [illegible], און האָבן א [illegible]
אין הויז. מיט [illegible] [illegible] האָב איך [illegible] בײַ אונדז

# אסתּר – אויטאָביאָגראַפֿיע

איך בין געבוירן אין יאָר 1920 אין אַ שטרענג חסידישע[ר] פֿאַמיליע. מײַן פֿאָטער איז געווען אַ גערער חסיד. פֿון זײַט כ׳געדענק בין איך געווען אַרומגערינגלט מיט חסידישע טראַדיציעס. אַלס 5־יעריק קינד, האָב איך זיך געפֿילט גליקלעך, וואָס כ׳בין אַ ייִדיש קינד. מיט באַדויער האָב איך געקוקט אויף די נישט־ייִדן, וועלכע האָבן נישט דאָס גליק. מײַן קינדערישער שׂכל האָט מיר געזאָגט, אַז זיי איז זייער שלעכט. זיי לעבן אין טעות. ווען כ׳בין אַלט געוואָרן 5 יאָר האָט מיך מײַן פֿאָטער אָנגעדונגען בײַ אַ מלמד. כ׳געדענק נישט קיין סך פֿון מײַן דעמלסדיקע[ר] לערע. די סיבה דערפֿון איז, וואָס דער האָריזאָנט פֿון מײַנע געדאַנקען האָט אָפּגעשפּיגלט עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט אין אַלעם געמאַכט פֿאַרגעסן. אין יענע[ר] צײַט איז געקומען צו פֿאָרן קיין גריצע די פֿרוי שׂרה שענירער. בײַ אונדז אין שטוב איז געוואָרן אַ איבערקערעניש. איך האָב זיך צוגעהערט וווּנדערלעכע געשיכטעס, וועגן די [דער] אויסערגעוויינטלעכע[ר] פֿרוי. מען האָט געשמועסט, אַז זי גרינדערט ייִדישע טעכטערשולן. דאָס וואָרט „שול“ האָט אויף מיר געווירקט מאַגיש. איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט געדאַנקען: ווי אַזוי זעט עס דאָרט אויס? און כ׳האָב געזען (זיך פֿאָרגעשטעלט) בענק אָן אַ צאָל. כ׳ווייס נישט פֿאַר וואָס, נאָר מיר האָט זיך געדאַכט אַז די לערערין מוז זיכער זײַן אַ גרויסע, אַ הויכע, און האַלטן אַ ליניע אין האַנט. מיט אויסערגעוויינטלעך אומגעדולד האָב איך ערוואַרט בײַ אונדז זאָל זיך שוין גרינדן אַ שול. און דווקא אַ ייִדישע. עס האָט זיך מיר געחלומט אַ גן־עדן. עפּעס אַ קלייניקייט: לערנען! איך וועל קענען. כ׳האָב זיך כּסדר געפֿרעגט צי וועט מען אונדז לערנען שרײַבן, רעכענען אאַז״וו. מײַן פֿאָטער האָט געענטפֿערט: קודם־כּל וועט מען דיך לערנען דאַווענען, שרײַבן, ייִדיש, פֿאַרטײַטשן ס׳דאַווענען... און ווען ער האָט נאָך געזאָגט, אַז מ׳וועט לערנען חומש האָט מיר פֿאַרפֿעלט אָטעם. – און רש״י, און גמרא אויך, טאַטעשי? – דאָ האָב איך באַקומען אַ ענטפֿער, אַז רש״י און גמרא לערנט מען נישט מיט קיין מיידלעך. נו, זאָל זײַן נישט. בלײַבט דאָך חומש. אין יענע טעג האָב איך פֿאַרגעסן, אַז אויפֿן הויף איז פֿאַראַן אַ שאָפּע, ווו מען קען זיך שפּילן און אַרומטאַנצן. כ׳בין אַרומגעלאָפֿן ווי פֿאַרשיכּורט צווישן אַלע, און ווער ס׳האָט געוואָלט הערן, האָט זיך געקענט דערוויסן, אַז אין גריצע וועט זיך גרינדן אַ שול פֿאַר מיידלעך, ווו מ׳וועט לערנען ייִדיש לייענען, דאַווענען, און – דאָ האָב איך פֿאַרענדיקט זיגרײַך – און חומש. דערנאָך בין איך געגאַנגען הערן דעם רעפֿעראַט פֿון פֿרוי שׂרה שענירער. איך געדענק ווי זי האָט גערעדט. אַלע האָבן געפּאַטשט בראַוואָ, און איך אַם שטאַרקסטן. קורץ, עס האָט זיך געגרינדערט אַ בית־יעקבֿ־שול. מײַן פֿאָטער איז געווען אַ אַקטיווער מיטאַרבעטער און קעמפֿער. ער איז אָפֿט אַרויסגעטרעטן מיט רעפֿעראַטן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, די שול האָט זיך געגרינדערט. איך האָב זיך געלערנט אויסגעצייכנט. כ׳האָב זיך דאָרט אויסגעלעבט מיט מײַן גאַנצער קינדערישער פֿרייד. אַזוי האָב איך ענדלעך געלערנט. פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט קיין חומש, אָבער אַלף־בית שוין יאָ. און זינגען אויך. אָפּגעלערנט צוויי יאָר אין בית־יעקבֿ האָב איך

אָנגעהויבן קלערן וועגן אַ פּאָוושעכנע[ר] שול. מײַנע עלטערע חבֿרות האָבן זיך שוין דאָרט געלערנט. אין שטוב בײַ אונדז האָט מען וועגן דעם קנאַפּ גערעדט. מײַן פֿאָטער האָט זיך נישט געגלוסט מיך לערנען אין אַ שולע, ווו מ׳רעדט נישט קיין ייִדיש, ווו ס׳לערנען ייִנגלעך מיט מיידלעך. איך האָב דערפֿון געוווסט. דעריבער האָב איך נישט געפֿאָדערט, נאָר באַשיידן געבעטן, מען זאָל מיך „אָנדינגען“ אין פּאָוושעכנע[ר] שול. מײַן פֿאָטער האָט געענטפֿערט, אַז איך וועל נישט פֿאַרשפּעטיקן. ער האָט מיך געטרייסט, אַז כ׳האָב דאָך שוין אַ שול. איך האָב זיך צעווײנט און נאָך אַ מאָל געבעטן. פֿאָדערן האָב איך אָבער נישט געוואַגט. ענדלעך האָט מיר דער טאַטע צוגעזאָגט, אַז איך וועל גיין אין שול. ער האָט אָבער געשטעלט אַ באַדינג: ערשטנס די בית־יעקבֿ־שול. נישט חס־ושלום פֿאַרנאַכלעסיקן זי צוליב דער „שקאָלע“. דערווײַל איז פֿאַריבער די צײַט פֿון די אײַנשרײַבונגען, און איך האָב ווידער פֿאַרשפּעטיקט אַ יאָר. ס׳האָט מיר זייער באַנג געטון. ~~אָבער~~ איך האָב אָבער די צײַט אויסגענוצט און זיך אַליין געלערנט. ביזן הײַנטיקן טאָג געדענק איך נישט ווער עס האָט מיך אויסגעלערנט די ערשטע פּוילישע בוכשטאַבן. אָבער שילדן אין אונדזער גאַלאַנטעריע־געוועלב געדענק איך גוט, און אַ שטורך פֿון אַ דורכגייער אין גאַס אויך. ווײַזט אויס, אַז דאָס האָט מיך קנאַפּ געשראָקן, ווײַל כ׳האָב זיך אויסגעלערנט צוזאַמענשטעלן ווע[ר]טער. מיט בענקשאַפֿט האָב איך געקלערט וועגן ערשטן טאָג אין אַ פּאָוושעכנע[ר] שול. ענדלעך איז געקומען די צײַט. קיין גליקלעכער קינד איז שוין דעמלט נישט געווען אויסער מיר. אין דער היים האָט מען זיך קנאַפּ אינטערעסירט דערמיט. עס איז אַדורך כמעט אומבאַמערקבאַר. געקומען אין שול, האָט מען מיך געוואָלט אַרײַנזעצן אין ווסטעמפּנע קלאַס. איך האָב געקלערט אַ עצה. געוווסט האָב איך, אַז מײַנע עלטערן וועלן אין שול אַרײַן נישט גיין זיך אײַנשטעלן פֿאַר מיר. האָב איך מיט אַ צעקאַליעטשעטן פּויליש געזאָגט, אַז כ׳קען שוין זײַן אין ערשטן קלאַס. נאָכן פֿאַרהער האָט מען מיך תּיכּף איבערגעזעצט אין ערשטן קלאַס. פֿון דעמלט אָן האָב איך זיך נישט צעשיידט מיטן עלעמענטאַר. איך האָב אים געלעזן און אין אַ קורצע[ר] צײַט געקענט אים פֿון אויסנווייניק. פֿאַרשטייט זיך, אַז אָפּגעהיטן די בית־יעקבֿ־שול האָב איך נאָך מער ווי פֿריִער. איך אַליין האָב באַטראַכט די פּאָוושעכנע שול אַלס עפּעס נישט אונדזערס, טראָץ דעם וואָס ס׳זענען געווען ייִדישע לערערס און לערערינס. זיי האָבן נישט געהיטן שבת, גערעדט שטענדיק פּויליש, און זענען לויט מײַן באַגריף געווען „אומגליקלעכע מענטשן“. אַפֿילו די רעליגיע וואָס מען האָט מיך געלערנט איז געווען, לויט מיר, נישט ריכטיק איבערגעגעבן. נישט איין מאָל האָט זיך געטראָפֿן, אַז כ׳בין געשטאַנען פֿאַרווײנט הינטער דער טיר. דאָס זענען געווען די קאָנסעקווענצן פֿון מײַן אַקעגנשטעלן זיך די [דער] לערערין. אָן שום כּוונה זיך צו דערהויבן, אָבער אויפֿצווײַזן, אַז די לערערין זאָגט נישט גוט, האָב איך ערקלערט אַז דאָס אָדער יענץ פֿון דער געשיכטע שטימט נישט מיט דעם, וואָס מען האָט אונדז געלערנט אין בית־יעקבֿ. און פֿאַרשטייט זיך טויג עס נישט דעריבער. כ׳האָב אַרײַנגעכאַפּט „לאַפּעס“ ווי פֿיל ס׳האָט זיך געלאָזט. נאָר בײַ יעדע[ר] געלעגנהייט האָב איך ווידער פּראָטעסטירט. דאָס אַלץ האָט נישט (~~געשאָדנט~~) געשטערט, אַז כ׳זאָל אַרויסקריגן אַ צענזור מיט בלויז פֿינפֿן. מײַן פֿאָטער איז געווען העכסט צופֿרידן און האָט שוין גאָר נישט גערעדט, אַז כ׳וועל ווערן אַ „שיקסע“. ער איז געווען צופֿרידן פֿון מײַן אַקעגנשטעלן זיך אויף

די רעליגיע־לעקציעס. אָבער דאָך איז מייַן פֿרייַהייט אין שול געווען געווען [!] באַגרענעצט. אין קינאָ אַרייַן האָט מייַן פֿאָטער מיר נישט ערלויבט צו גיין. מען טאָר נישט, ווייַל מען זעט דאָרט נישט־שיינע, נישט־פֿרומע זאַכן. איך האָב אָבער געהאַט אַ שטאַרקן באַגער צו גיין אין קינאָ. כ׳האָב מיר אָנגעזאַמלט געלט און געגאַנגען. מייַן האַרץ האָט געקלאַפּט פֿון ענטוזיאַזם און פֿרייד. דאָס וואָס כ׳האָב געזען איז דאָך געווען אַזוי הערלעך! כ׳האָב מיטגעוויינט און מיטגעלאַכט מיט די העלדן פֿון עקראַן. נאָר ווען כ׳בין געקומען אַהיים האָב איך געציטערט, טאָמער וועט דער טאַטע זיך דערוויסן. שטיל האָב איך זיך געלייגט שלאָפֿן. און ווען ס׳זענען אַדורך אַ פּאָר טעג און מ׳האָט מיר קיין פֿאָרוווּרפֿן נישט געמאַכט, בין איך געווען איבערגליקלעך. ווען די גאַנצע שול האָט זיך פֿאָטאָגראַפֿירט האָב איך עס נישט געטאָרט. איך האָב נישט געקענט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס, נאָר אונטערוואַרפֿן האָב איך זיך געמוזט. אַזוי בין איך יעדעס יאָר אַלס אויסגעצייכנטע שילערין געגאַנגען אין אַ העכערע[ר] קלאַס. אין שקאָלע איז געווען אַ ביבליאָטעק. וואָסער אוצר האָט זיך מיר געמאָלט הינטער די גלעזערנע שויבן פֿון ביבליאָטעק־שאַנק. איך האָב אין שטוב געזאָגט, אַז דער לערער האָט שוין ערלויבט זיך אייַנשרייַבן אין ביבליאָטעק. מייַן פֿאָטער האָט אָוועקגעשטעלט דאָס מיטאָג און מיר אָנגעהויבן ערקלערן, אַז כ׳וועל בשום־אופֿן נישט לעזן קיין פּוילישע ביכער. איך האָב ווידער געשלונגען די טרערן. אָבער דאָס מאָל זענען עס געווען טרערן פֿון אמתן פֿאַרדרוס. כ׳האָב לגמרי נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס מייַן פֿאָטער ערלויבט מיר נישט צו לייענען. כ׳האָב געזוכט עצות. דאָס מאָל איז מיר געקומען צו הילף מייַן מוטער. איך האָב מיט איר אָפּגעשמועסט, אַז איך וועל זיך אייַנשרייַבן אין ביבליאָטעק אָן טאַטנס וויסן. אַזוי האָב איך געטון. איך האָב זיך מיט ברען גענומען צום לעזן. אין די בלויע און רויזע ביכעלעך פֿון שול־ביבליאָטעק האָב איך געפֿונען אַ פֿאַרכישופֿטע וועלט פֿון מענטשן־מלכים, פֿון צויבערנדע לעגענדעס, וועלכע האָבן מייַן גאַנץ קינדעריש וועזן אייַנגעשלונגען. געלייענט האָב איך ערגעץ ווו באַהאַלטן, דער טאַטע זאָל נישט באַמערקן. ס׳האָט מיר וויי געטון פֿאַר וואָס מייַן פֿאָטער ערלויבט מיר נישט. מיך האָט געקוועלט דער געדאַנק אַז איך נאַר אים אָפּ, און ס׳האָט מיר פֿאַרפֿעלט מוט אים עס צו דערציילן אויס מורא, טאָמער וועט ער קאַטעגאָריש פֿאַרבאָטן. ביז... איין מאָל בין איך אייַנגעשלאָפֿן בייַם לעזן. כ׳בין אויפֿגעשטאַנען צעשטרייט פֿון עפּעס אַ חלום און פֿאַרגעסן דאָס ביכל צו באַהאַלטן. ווען כ׳האָב זיך דערמאָנט איז שוין געווען צו שפּעט. מייַן פֿאָטער וועלכער איז גראָד אַרייַנגעקומען אין קיך, ווו כ׳האָב געלייענט, האָט עס דערזען. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ אויספֿאָרשונג. ווען נישט דאָס שתּדלנות פֿון מייַן מאַמען וואָלט איך שלעכט אָפּגעשניטן. מייַן פֿאָטער, זעענדיק אַז טראָץ זייַן פֿאַרבאָט לעז איך דאָך, איז אייַנגעגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס. ער האָט מיר ערלויבט צו לייענען מיטן באַדינג, אַז די בית־יעקבֿ־לערערין וועט קאָנטראָלירן מייַן לעקטור. די לעצטע האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר זייער מילד. זי האָט מיר ערלויבט און אַפֿילו נאָך געריימט מייַן ענטוזיאַזם צום לייענען. אַזוי אַרום האָב איך שוין דערגרייכט אויך דעם לויט מיר ריזיקן ציל. דאָס האָט פּאַסירט ביז צום דריטן קלאַס פּאָושעכנע שול. כ׳האָב געלייענט אַ סך. אָבער די ביכלעך האָבן מיר נישט געשטערט צו זייַן אַקטיוו אין אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע. אויסער די קורסן אין בית־יעקבֿ האָט אויך עקזיסטירט

אַ יוגנט־פֿאַרבאַנד א"נ „בתּי". איך בין געווען איינע פֿון די ערשטע און אַקטיווסטע מיטגלידערינס. אין קאַמף פֿאַרן אַנטוויקלונג פֿונעם פֿאַרבאַנד בין איך דערגאַנגען ביז אָפּפֿערונג. כ'האָב וואַרבירט מיטגלידערינס, איבערצײַגט און געווען גלײַכצײַטיק סעקרעטאַרין. אָפֿט מאָל האָב איך די שולקאָלעקציעס געשריבן שפּעט אין אָוונט, צוליב מאַנגל אין צײַט. אויף ווי ווײַט די שול איז מיר געווען טײַער, איז די אָרגאַניזאַציע געשטאַנען מיט 100% העכער. כ'געדענק, אַז [!] צוליב דעם פֿאָרוואָרף אין דער פֿאָוושעכנער שול. דער לערער איז געווען בייז פֿאַר וואָס איך בין איין מאָל נישט געקומען אין שול צוליב אַ פֿאָרשטעלונג אין „בתּי". איך האָב עס אָבער פֿאַרטראָגן מיט הערויִזם. כ'האָב זיך געפֿילט גליקלעך, אַז מען גרײַפֿט מיך אָן טאַקע צוליב אַ אידעע. איך בין געווען שטאָלץ מיט מײַנע איבערצײַגונגען. די ביכלעך וועלכע כ'האָב געלעזן האָבן מיר געגעבן שטאָף צו דיספּוטירן מיט אַלע חבֿרות ציוניסטקעס, פֿון וועלכע ס'האָט זיך רעקרוטירט די יוגנט פֿון יענע[ר] צײַט. כ'בין געווען עמפּינדלעך אויף יעדן גײַסטיקן מאָמענט פֿון ייִדישן לעבן בײַ אונדז אין שטוב, ווי אויך אין בית־יעקבֿ. די פּאָעזיע פֿון שבתדיקן און יום־טובֿדיקן טיש, די טענער פֿון פֿאָטערס גמרא, דאָס האָט מיר געגעבן גײַסטיק פֿאַרגעניגן און גלײַכצײַטיק פּיעטעט פֿאַר אַלעם וואָס איז שיין און ערהאָבן אין די [דער] ייִדישע[ר] טראַדיציע. אַחוץ דעם האָבן די פֿאָרטראָגן אין פֿאַרבאַנד געטון זייערס. אין מיר האָט געלעבט דער הערלעכער רוף פֿון „ואהבֿת לרעך כּמוך", וועלכער האָט אַראָפּגעשריגן פֿון די שולווענט. כ'האָב פֿאַרשטאַנען דעם מהות פֿון געמיינזאַמען אויסלעבן זיך אין אַ כּלל. צו דרײַצן יאָר בין איך געווילט געוואָרן אַלס אָנפֿירערין פֿון אונדזער גרופּע. דאָס זענען געווען יאָרן פֿון גלויבן. גלויבן אין ערפֿאָלג פֿון אַלעם דעם, וואָס ווערט געטון מיט חשק, און מענטשלעכן יושר, און קעגנזײַטיקע[ר] ליבע. אין גאַנצן פֿאַרנומען מיטן קאָלעקטיוון לעבן האָב איך פֿאַרגעסן אין מײַן פּריוואַטן לעבן אין דער היים. דאָס לעצטע איז נישט געווען אַזוי ערפֿאָלגרײַך ווי דאָס אויבן דערמאָנטע. אין שטוב האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַרײַנגנבֿענען דער קריזיס. דאָס גאַלאַנטעריע־געוועלב וועלכעס מיר האָבן געהאַט איז געוואָרן וואָס ווײַטער אַלץ קלענער. מײַן פֿאָטער האָט געמוזט זיך העלפֿן מיט מיטלען. ער איז געוואָרן מלמד. ער האָט געלערנט מיט דערוואַקסענע בחורים. דאָס איז אָבער געווען אַ גרויסער קלאַפּ. ווײַל מײַן פֿאָטער איז אַלע יאָרן געווינט געווען צו רײַכטום. זײַנע עלטערן האָבן פֿאַרמאָגט אַ אײַזן־גיסערײַ און אַ אייגן גוט. דעריבער האָט ער אַזוי געליטן פֿון זײַן דערנידעריקונג. עס האָט געליטן אין אים דער חסידישער אַריסטאָקראַט. ער האָט אָפֿט דערמאָנט וועגן זײַן גרויס ייִחוס. ער איז געווען אַ אייניקל פֿון אַלעקסאַנדער רבין. דאָס אַלץ האָט אָבער אויף מיר געמאַכט אַ גאַנץ קנאַפּן אײַנדרוק. איך האָב געהאַט אַ אָרגאַניזאַציע, אַ פּאָוושעכנע שול, ביכלעך. אָבער אין גאַנצן אָן רושם איז עס נישט אַדורך. כ'האָב פֿאַרשטאַנען דעם טאַטנס לאַגע און מיטגעפֿילט מיט אים. שנעל אָבער האָב איך זיך געטרייסט, ווען איך האָב אײַנגעזען אַז די ערע פֿון מײַן פֿאָטער איז נישט קנאַפּער געוואָרן און די לאַגע אין שטוב האָט זיך באַדײַטנד פֿאַרבעסערט. כ'האָב אַלזאָ ווידער זיך אויסגעלעבט פּראָדוקטיוו און לוסטיק. לוסטיק בין איך שטענדיק געווען אין געזעלשאַפֿט פֿון חבֿרות. מײַן הומאָר האָט מיר געהאָלפֿן פֿיל אומאָנגענעמע זאַכן מאַכן פֿאַרגעסן. כ'האָב געלאַכט, געשטיפֿט, געזונגען, געטאַנצט, שטענדיק ביז צום מיד ווערן. בכלל האָב איך

אַלץ געטון ביז צום מיד ווערן. ביכלעך האָב איך שוין יעצט געלייענט אָן קאָנטראָל. מײַן פֿאָטער האָט מיר געגלויבט אַז כ׳לייען נישט קיין שעדלעכע ביכער. כ׳האָב געלייענט שוין היסטאָרישע ערציילונגען פֿון סיענקיעוויטשן, פּרוסן, אָזשעשקאָווע און אַנדערע. גלײַכצײַטיק האָב איך געלייענט יִדישע ביכלעך פֿון בית־יעקבֿ־ביבליאָטעק. איבער הויפּט: לעמאַן, שאַכנאָוויטש און אַנדערע. די פּוילישע ביכער האָבן מיר געגעבן אַ באָדן זיך צו פֿאַרטראַכטן. כ׳האָב דערזען דאָס לעבן פֿון אַ אַנדערע[ר] זײַט. דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען אַ אַנדער לעבן. איך האָב זיך באַקענט מיט אויסערגעוויינטלעכן העראָיִזם פֿון היסטאָרישע געשטאַלטן. איך האָב אויך געזען זייער פּריוואַט לעבן. כ׳האָב אַנטדעקט די עקזיסטענץ פֿון אַ נײַ געפֿיל. דאָס געפֿיל פֿון ליבע. און דאָ בין איך געבליבן שטיין פֿאַר אַ רעטעניש: לייענען די ביכלעך, צי נישט לייענען? מײַן אָרטאָדאָקסישע ערציִונג האָט מיר דיקטירט נישט צו לייענען. אויף וויפֿל כ׳האָב זיך אָריענטירט האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז ליבע איז אַ זאַך פֿון וועלכע[ר] מען טאָר נישט רעדן. צי האָט מיר דען מײַן פֿאָטער נישט שטענדיק געזאָגט, אַז מיט די יונגען אין שקאָלע זאָל איך נישט רעדן? זיי זענען יִינגלעך און איך בין אַ פֿרום מיידל. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך אַליין האָב אויך אַזוי געדענקט. און יעצט, וואָס טוט מען? לייענען וועגן ליבע? אָבער פֿון דער צווייטער זײַט פֿון מײַן אינערלעך ווען האָט מוטיק געקלונגען נאָך אַ שטים: עס איז נישט קיין עבֿירה! לייענען! האָב איך טאַקע געלייענט. און וואָס ווײַטער אַלץ מער פֿאַרשלאָסן מײַנע געדאַנקען אין זיך. אין יענע[ר] צײַט האָב איך מיט קנאַפּערן ענטוזיאַזם געאַרבעט אין פֿאַרבאַנד. כ׳בין געוואָרן אַ וועלט פֿאַר זיך. געדאַנקען האָבן געמאַטערט און נישט געלאָזט רוען. כ׳האָב אַלעס געוואָלט דערגיין, אַלעס באַגרײַפֿן. און געזוכט האָב איך נאָר אין ביכער. דאָס איז מײַנע עלטערן נישט געפֿעלן. הגם זיי זענען געווען פֿאַרנומען מיט דאגות־פּרנסה, דאָך האָבן זיי באַמערקט מײַן צעשטרייטקייט. זיי האָבן מיר געראָטן אויפֿצוהערן צו לייענען. מײַן פֿאָטער האָט געהאַט צו מיר אַ טענה, אַז כ׳בין שוין מער נישט אַזוי פֿרום. איך אַליין האָב נישט געוווּסט די סיבה דערפֿון. כ׳האָב געלייענט די מאַרטירער־געשיכטע פֿון די ערשטע קריסטן און זיך דערשראָקן פֿאַר זיך אַליין. מיט פּײַן האָב איך אַוועקגעיאָגט דעם געדאַנק אַז זיי אימפּאָנירן מיר. כ׳האָב מורא געהאַט פֿאַר זיך אַליין. אָפֿט מאָל האָב איך נישט געוואָלט בלײַבן אַליין. כ׳האָב מורא געהאַט פֿאַר מײַנע געדאַנקען. און צו דעם אַלעם האָבן זיך די חבֿרות פֿון מיר אָפּגערוקט. די סיבה דערפֿון איז געווען מײַן אָפּזונדערן זיך פֿון זיי. איך אָבער האָב געפֿילט אַ דראַנג צו פֿאַרטרויען זיך פֿאַר עמעצן, אויסצוגיסן דאָס האַרץ. די חבֿרות פֿון פּאָווישעכנע[ר] שול זענען געווען פּוסט און קינדיש און וואָלטן געוויס מיך נישט פֿאַרשטאַנען. קיין אינטימע חבֿרה האָב איך נישט געהאַט. כ׳בין געפֿאַלן אויף אַ געדאַנק צו שרײַבן אַ טאָגבוך. אין יענע[ר] צײַט איז געשטאָרבן אַ „בתי״״־חבֿרה. אויף מיר האָט דאָס געמאַכט אַ ריזיקן אײַנדרוק. כ׳ווייס נישט פֿון ווו ס׳האָט זיך גענומען, נאָר כ׳האָב זיך אַרומגעדרייט מיט פֿינצטערע געדאַנקען. ס׳איז שוין נישט געווען קיין פֿונק פֿון יענע[ר] פֿריילעכקייט וואָס האָט מיך געפֿלעגט באַהערשן. כ׳האָב אָנגעהויבן שרײַבן אַ טאָגבוך. געשריבן האָב איך אים יִדיש. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז כ׳האָב אים נישט ווו צו באַהאַלטן. מײַן עלטערער ברודער האָט אים געפֿונען און הויך פֿאַר אַלע געלעזן. איך האָב זיך שטאַרק פֿאַרשעמט און שוין מער נישט

געשריבן. מיר איז אָבער נישט לײַכטער געוואָרן. עס איז מיר כּסדר געווען ענג און שלעכט. ענדלעך האָב איך פֿאַרשטאַנען וואָס מיר איז. כ'האָב פֿאַרשטאַנען, אַז כ'בין פֿאַרליבט. נו, איז וואָס? אין זעקסטן קלאַס פּאָוושעכנע שולע האָט מען שוין געהערט וועגן ענלעכע זאַכן. יאָ, אָבער דאָס אַלץ האָט מיר אויסגעזען אַזוי ווײַט פֿון מיר. סטײַטש, איך...? מען טאָר דאָך נישט! איך טאָר דאָך צו אים אַפֿילו נישט רעדן. און ער, דער אָביעקט פֿון מײַן געפֿיל האָט נישט געהאַט אַפֿילו דעם מינדסטן פֿאַרדאַכט. איך בין דאָך געווען אַ „בית־יעקבֿ"־שילערין. איך האָב געליטן. אָבער לײַכטער איז מיר געוואָרן. ווײַל כ'האָב געליטן שטיל. כ'האָב געוווּסט פֿאַר וואָס כ'לײַד. דער אינערלעכער געראַנגל איז פֿאַרשוווּנדן. כ'בין שוין נישט געווען אומזיכער און מרה־שחורהדיק ווי פֿריִער. כ'האָב עס באַטראַכט פֿאַר אַ אָנשיקעניש, וועלכעס מען מוז באַקעמפֿן, אויב מען וויל בלײַבן טרײַ די [דער] אידעע. מײַן הומאָר איז צוריקגעקומען. כ'האָב זיך געלערנט פֿלײַסיק. די פּאָוושעכנע שול האָט יעצט פֿאַרנומען אַלע מײַנע געדאַנקען. אין בית־יעקבֿ האָב איך געלערנט, נאָר שוין אָן פֿריִערדיקן מסירת־נפֿש. אַ דעצידירנדע ראָלע האָט געהאַט מײַנס אַ לערערין אין פּאָוושעכנע[ר] שול. זי האָט גערעדט צו מיר אַנדערש ווי אַלע לערערינס. זי האָט מיט מיר געפֿירט געשפּרעכן אויסערהאַלב די [דער] שול. אַלס איר שילערין האָט זי מיך ליב געהאַט פֿאַר מײַנע פֿעיִקייטן. כ'האָב אויסגעצייכנט ספּעציעל אין פּויליש און היסטאָריע. ווי געזאָגט, האָט די לערערין געהאַט אויף מיר אַ שטאַרקן אײַנפֿלוס. זי האָט אָרגאַניזירט אין אונדזער קלאַס אַ „סאַמאָזשאָנד". איך בין געווען אָנפֿירערין פֿון קלאַס און גלײַכצײַטיק ריכטערין אין שולגעריכט. כ'האָב אָרגאַניזירט זעלבסטהילף פֿון לערע, נישט אויפֿגעהערט אויסצוקלערן (צוזאַמען מיט די [דער] לערערין) פֿאַרשידענע פֿאַרווײַלונגס־אָוונטן, און אַמאַטאָר־פֿאָרשטעלונגען. פֿאָרשטעלונגען איז געווען מײַן לעבן. איך בין קיין מאָל נישט מיד געוואָרן צו שרײַבן ראָלעס און לערנען זיך. נישט אַזוי פֿיל זיך, ווי אַנדערע. אין בית־יעקבֿ האָב איך שוין אַלט זײַענדיק 6–7 יאָר פֿאָרגעשטעלט, און יעצט אין שול. איך האָב לײַדנשאַפֿטלעך ליב געהאַט אַלע פֿאָרברייטונגען, די איבונגען פֿאַרן פֿאָרשטעלונג. מײַן פֿאַנטאַזיע האָט מיך דעמלס אַוועקגעטראָגן ערגעץ ווײַט, אין אַ וועלט פֿון טרוימען. איך האָב זיך אײַנגעלעבט אין די [דער] פּערזאָן, וועלכע כ'האָב פּרעזענטירט. אין גאַנצן זיך באַמיט זי איבערצוגעבן. דאָס האָט מיך געמאַכט פֿאַרגעסן אין אַלע לײַדן פֿון שטוב. ס'איז דאָרט געוואָרן וואָס ערגער. מיר האָבן געמוזט פֿאַרקויפֿן דאָס געוועלב. איך האָב עס מיט שמערץ איבערגעלעבט. פֿון זײַט כ'האָב געדענקט, האָבן מיר געהאַט אַ געוועלב, אַ אייגנס. עס איז שווער געווען צוצוגעוויינען זיך צום געדאַנק, אַז מיר וועלן עס שוין נישט האָבן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מ'איז צוזאַמענגעוואַקסן, און צעשיידן זיך דערמיט האָט באַדײַט צעשיידן זיך מיט אַ שטיק לעבן. כ'האָב זיך אָבער געמוזט שטאַרקן. כ'בין שוין געווען אויף אַזוי פֿיל רײַף, אַז כ'האָב פֿאַרשטאַנען די אומפֿאַרמײַדלעכקייט פֿון דאָזיקן שריט. כ'האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דערהאַלטן דאָס געוועלב איז אוממעגלעך. עס איז נישט געווען דער נויטיקער קאַפּיטאַל וועלכער זאָל ערמעגלעכן דאָס ווײַטערדיקע האַנדלען. מיר האָבן אַלזאָ זיך באַזעצט אין אַ אַנדערע דירה. מײַן מוטער האָט אָנגעהויבן האַנדלען אין שטוב. דער פֿאָטער האָט ווידער געלערנט ייִנגלעך. כ'בין שוין דעמלס געווען אין 7טן קלאַס פּאָוושעכנע שול. כ'האָב געשריבן

אַ טאָגבוך אין פּויליש. איבער הויפּט האָב איך וואָס ווײַטער אַלץ מער זיך אײַנגעטיפֿט אין דער פּוילישער שפּראַך. איבער הויפּט האָב איך ליב געהאַט די פּוילישע ליטעראַטור. כ׳האָב פֿאַרגעטערט די פּוילישע ראָמאַנטיקער: מיצקיעוויטש און סלאָוואַצקי. היסטאָריע האָב איך אויך פֿלײַסיק געלערנט. זי איז בײַ מיר געווען טײַער. בכלל אַלעס, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט פּוילישע[ר] היסטאָריע האָט מיך באַגײַסטערט. איך האָב זיך איבערגענומען מיט די [דער] גרויסע[ר] מאַרטיראָלאָגיע פֿון די פּוילישע העלדן בשעת זייערע קאַמפֿן פֿאַר פּוילנס אומאָפּהענגיקייט. אַ אויסערגעוויינלעכן פּיעטעט האָב איך געהאַט פֿאַר מאַרשאַל יאָזעף פּילסודסקי. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָב איך שפּאָר איבערגעלעבט. נעמלעך: דעם 11טן נאָוועמבער האָבן מיר אין שול צוזאַמען מיט אַלע פּאָליאַקן געפֿײַערט דעם יום־טובֿ פֿון פּוילנס באַפֿרײַונג. איך האָב אָנגעשריבן אַ רעפֿעראַט וועגן מאַרשאַל פּילסודסקי. אין שטאָטישן זאַל האָב איך אים רעפֿערירט אין אָנוועזנהייט פֿון אַ גרעסערע[ר] צאָל מענטשן, ווי אויך פֿון שטאָט־פּרעזידענט. צי ס׳איז געווען דער כּוח פֿון מײַן רעדנערקראַפֿט (וועלכן כ׳האָב אויסגעאיבט אין מײַן אָרגאַניזאַציע), אָבער די הייסע, נישט סימולירטע איבערגעגעבנהייט וועלכע האָט פּולסירט אין די זאַצן פֿון רעפֿעראַט, גענוג אַז דעם שטאָט־פּרעזידענט איז דאָס שטאַרק געפֿעלן. ער אַליין איז אַ אָנהענגער פֿון פּילסודסקי. ער האָט מיך באַשאָנקען מיט אַפּלאָדיסמענטן און פּערזענדלעך אויסגעדריקט אַ דאַנק. דערנאָך האָט מיר דער קיעראָווניק איבערגעגעבן, אַז דער פּרעזידענט אינטערעסירט זיך מיט מיר, און וויל מיר בײַהילפֿיק זײַן. דאָס איז אָבער געווען אין מיטן שוליאָר און וועגן קיין הנחות אין גימנאַזיום האָט מען נישט געקענט רעדן. ער האָט שײַנט זיך געוואָלט מיר (~~בײַהילפֿיק זײַן~~) ערמעגלעכן די ווײַטערדיקע לערע. חנוכּה האָט די שול געפֿײַערט נאָך אַ פֿאָרשטעלונג. איך האָב גענומען אַ באַדײַטנדן אָנטייל. צווישן אַנדערע האָב איך אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעפֿעראַט וועגן חנוכּה און די מכּבייער. דעם 19 מערץ בעת די פֿײַערונגען פֿון נאָמענסטאָג פֿון מאַרשאַל, בין איך ווידער אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעפֿעראַט, וועגן זײַן לעבן און שאַפֿן. אויך דאָס מאָל איז דער שטאָט־פּרעזידענט געווען אָנוועזנד. ער האָט מיר הערצלעך געדאַנקט און געהייסן דעם רעפֿעראַט זיך איבערשרײַבן און געבן. דאַן האָט ער מיך געפֿרעגט וואָסער ביכל איך קלויב זיך אויס, אַלס אָנדענקונג און דאַנק פֿון אים. איך האָב אויסגעקליבן „אַלע ווערק פֿון אַדאַם מיצקיעוויטש“. ער האָט עס מיר צוגעזאָגט, אָבער ערפֿילט האָט ער עס נישט. עס איז נישט זײַן שולד. ס׳איז די שולד פֿון קיעראָווניקס נאַכלעסיקייט. דאָס איז געווען אין יאָר 1935. גראָד דעמלט איז געשטאָרבן מאַרשאַל יאָזעף פּילסודסקי. צוליב דעם איז דאָס שוליאָר געוואָרן אין גאַנצן אַנדערש פֿאַרענדיקט, און מײַן בוך פֿאַרגעסן. איך האָב געענדיקט די שול. כ׳בין געבליבן שטיין פֿאַר די [דער] פֿראַגע: וואָס ווײַטער? די לערערינס אין שול האָבן געראָטן זיך ווענדן צום בירגער־מײַסטער. זיי האָבן געזאָגט אַז ער וועט מיר געוויס העלפֿן, מאָטיווירנדיק עס מיטן אינטערעס וועלכן ער האָט אַרויסגעוויזן לגבי מיר. איך אַליין האָב געשטרעבט מיט אַלע כּוחות זיך לערנען ווײַטער. כ׳האָב געפֿילט אַ אויסערגעוויינטלעכן דראַנג נאָך וויסן. כ׳האָב אויסגעצייכנט געוווסט, אַז צו קיין האַנטאַרבעט בין איך נישט פֿעיִק. אָבער כ׳בין געווען איינע אַליין. קיינער האָט מיר נישט געהאָלפֿן. און וויסנדיק דערפֿון וואָלט איך זיך אַליין געהאָלפֿן. בײַ מיר איז גרייט געווען אַ פּלאַן צו גיין אַליין צום

בירגער־מייַסטער בעטן אים הילף איך זאָל קענען לערנען אין גימנאַזיום. האָט זיך אָבער אַרייַנגעמישט מייַן פֿאָטער. ער האָט ערקלערט קאַטעגאָריש: „ניין! שוין גענוג פֿרעמדס“ ער האָט מיר געדראָט, אַז אויב כ׳וועל נאָך דערפֿון רעדן – וועט ער זיך פֿון מיר אָפּלייקענען. איך האָב געליטן, זעענדיק ווי מייַן פֿאָטער נעמט זיך צום האַרצן מייַן חשק צום לערנען. אָבער איך וואָלט זיך נישט אונטערגעגעבן. איך וואָלט ס׳מייַניקע אויסגעפֿירט. האָט אָבער מייַן פֿאָטער מיר געזאָגט, אַז מען וועט מיך לערנען אין קראָקעווער סעמינאַר, אַלס בית־יעקבֿ־לערערין. אין אָנבליק פֿון דער פּערספּעקטיוו האָב איך שוין נישט געקלערט וועגן גימנאַזיום. בייַ אונדז אין דער היים האָט מען שטענדיק גערעדט דערפֿון. ווען כ׳בין נאָך אַ גאָר קליין מיידל געווען האָט מען שוין געזאָגט, אַז כ׳וועל באַשטימט זייַן אַ „בית־יעקבֿ“־לערערין. ווי אַזוי מען וועט דאָס פֿאַרווירקלעכן האָב איך נישט געוווּסט. דערווייַל בין איך אַלט געווען 15 יאָר און נאָך נישט געקענט פֿאָרן נישט אַלט זייַענדיק קיין 16. מיר האָט אימפּאָנירט צו זייַן אַ לערערין. מיך האָט געפֿרייט דער געדאַנק אַז כ׳וועל לערנען, און נישט קיין קנאַפּע צופֿרידנהייט האָט מיר געגעבן די אויסזיכט פֿון פֿאַרדינסט. כ׳האָב געוועבט פּלענער, ווי אַזוי כ׳וועל זייַן אַ זעלבשטענדיקער מענטש. כ׳האָב זיך שוין געזען ערגעץ אין אַ ווייַטע[ר] שטאָט, אַלס ענטוזיאַסטישע פּיאָנערין פֿון יידישע[ר] קינדער־דערציִונג. כ׳האָב געטרוימט וועגן ווייַטע רייַזעס, וועגן הערלעכע אייַנדרוקן. אָבער מיט בלויז טרוימען האָב איך קנאַפּ אויפֿגעטון. כ׳האָב געמוזט שוין פֿאַרדינען. די לערערינס פֿון פּאָווישעכנע[ר] שול האָבן מיר פּראָפּאָנירט עטלעכע קאָרעפּעטיציעס. איך האָב נישט גערן זיך דערצו גענומען. אָבער כ׳האָב געמוזט. כ׳בין געקומען אין שול מיט טרערן אין די אויגן. דאָ איז אַלץ געווען אַזוי באַליבט, אַזוי נאָענט. מיר האָט זיך אַזוי געגלוסט דאָ פֿאַרבלייַבן. כ׳האָב אַלזאָ געלערנט די קינדער. מיך האָט געפֿרייט יעדעס נייַעס וואָס כ׳האָב אויסגעלערנט זיי. יאָ, אָבער ליב געהאַט האָב איך צו לערנען מיט פֿעִיקע קינדער. און די, וועלכע איך האָב געלערנט זענען געווען זייער באַגרענעצט. זיי האָט לגמרי נישט געפֿרייט דאָס, וואָס זיי דערוויסן זיך נייַעס. מען האָט געמוזט באַנוצן פֿאַרשידענע מיטלען כּדי זיי אַרייַנצוגעבן חשק צום לערנען. דאָס וואָס כ׳האָב איבערגעלעבט אין יענע טעג לאָזט זיך נישט אין גאַנצן איבערגעבן. ס׳איז געווען אַ טראַגעדיע. איך בין דאָך געווען אַזאַ גוטע שילערין. מיר איז די לערע אָנגעקומען מיט לייַכטקייט. און דאָ האָב איך געמוזט אָנווענדן אַלע כּוחות כּדי אויסצולערנען די לייַכטסטע זאַך. כ׳האָב זיך געמאַטערט. דערצו בין איך געווען זייער איבערגעגעבן און געטריַי. כ׳האָב געוואָלט זיי אויסלערנען. נישט קוקנדיק דערויף, אַז אָפֿט מאָל האָב איך באַקומען קנאַפּ באַצאָלט האָב איך געאַרבעט. די לעקציעס האָב איך באַטראַכט אַלס מייַן פֿאַראַנטוואָרטלעכן פֿליכט. נישט געוויסנהאַפֿט אים ערפֿילן, האָט געהייסן לויט מייַן באַגריף אים [נישט] ערפֿילן. דעמלס האָב איך געשריבן. נישט האָבנדיק פֿאַר וועמען איבערצוגעבן מייַנע געדאַנקען און געפֿילן האָב איך געשריבן אַ טאָגבוך. דאָס מאָל האָב איך געשריבן פּויליש. אייגנטלעך איז עס נישט געווען קיין טאָגבוך אין פֿולן זין פֿון וואָרט. ס׳זענען געווען אָפּגעריסענע בילדלעך פֿון מייַן לעבן. עס איז געווען אַ אָפּשפּיגלונג פֿון מייַנע געפֿילן און געדאַנקען. דעמלס איז אויסגעקומען דער איבערגאַנג פֿון די [דעם] יוגנט־פֿאַרבאַנד „בתי“ אין דער אָרגאַניזאַציע „בנות אַגודת ישׂראל“. מען האָט געאָרדנט אַ פֿייַערלעכן

אָונט, ווו מיר זענען ערקלערט געוואָרן, אַלס „בנות“-מיטגלידערינס. אין אָן אַ צאָל רעפֿעראַטן, האָט מען אונדז ערקלערט די גרויסקייט, די וויכטיקייט פֿון אונדזערע פֿליכטן. עס האָט געמאַכט אויף מיר אַ אײַנדרוק. עס האָט געגעבן צו קלערן. אָבער ס'האָט פֿאַרפֿעלט דער ענטוזיאַזם. איך האָב אַ סך געלעזן. אין מײַן יוגנטלעכע[ר] נשמה האָבן זיך אַרײַנגעגנבֿעט פֿונקען פֿון פּראָטעסט. כ'האָב נישט געקענט שלום מאַכן מיטן ~~גערא~~ די [דער] אויסערגעוויינטלעכע[ר] באַגרענעצונג. דער רעגולאַמין פֿון אונדזער „בנות“-אָרגאַניזאַציע האָט פֿאַרבאָטן זייער אַ סך. ער האָט אַ סך מער געגעבן פֿאַרבאָטן, ווי פֿרישע אײַנדרוקן. איך האָב צ"ב זייער ליב געהאַט צו קומען אין טעאַטער. כ'האָב געבענקט צו זען „אמתע“ אַרטיסטן. אָבער כ'האָב נישט געטאָרט אַפֿילו דאַכטן דערפֿון. דאָס וואָלט געווען פֿאַרבונדן מיט אומאַנגענעמע קאָנסעקווענצן אין „בנות“. עס האָט געדריקט די ענגשאַפֿט. איך האָב אָנגעהויבן אַנדערש זען מענטשן. ביז דעמלס האָב איך נישט געגלויבט אין מענטשלעך שלעכטקייט. כ'האָב געקלערט, אַז אַלע זענען גוט, אַז אַלע האָבן „הערצער“. שווער איז אַלזאָ געווען דער נסיון וועלכן כ'האָב געמוזט אויסשטיין, ווען כ'האָב זיך איבערצײַגט וועגן מײַן טעות. דאָס האָב איך געזען ווען כ'בין געקומען אין באַציִונגען. כ'האָב געהאַט אויסצושטיין פֿון מענטשנס קאַפּריזן. אָפֿט מאָל האָב איך געמוזט קריצן מיט די ציין און ערפֿילן אַ קאַפּריז פֿון אַ מוטער. זיי גופֿא זענען געווען באַגרענעצט. זיי האָבן נישט אָפּגעשאַצט מײַנע באַמיִונגען. זיי האָבן נאָר געזען, אַז די קינדער מאַכן קנאַפּע פֿאָרשריטן. און איך בין געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך, אויב אַ קינד האָט עפּעס פֿאַרגעסן. עס איז מיר געווען פֿאַרמיאוסט דאָס לערנען די קינדער. מײַן איינציקע טרייסט איז געווען דער בטחון, אַז דאָס איז נאָר צײַטווײַליק. מײַן פֿאָטער האָט געזאָגט, אַז כ'וועל שוין פֿאָרן. ער איז געפֿאָרן קיין גער צום רבין, כּדי דאָרט אויסצופּועלן אַ הנחה. ער האָט דאָרט קנאַפּ אויפֿגעטון. דאָך האָב איך זיך אָנגעהויבן לערנען, צוגרייטן. בריוו זענען געגאַנגען אין אַלע קרײַזן, וועלכע האָבן געקענט עפּעס אויפֿטון. געלערנט האָב איך זיך מיט אַ חבֿרה, אַ טאָכטער פֿון אַ רײַכן סוחר. זי איז אין „בית-יעקבֿ“ קנאַפּ געגאַנגען, זי האָט שוין געהאַט קליינע מאַטורע. האָבן מיר אַלזאָ ביידע געזאָלט פֿאָרן. מיר האָבן געלערנט 9 שעה אין טאָג, כּדי זיך צוצוגרייטן צום עקזאַמען. זי איז געווען אויף אַזוי פֿיל גרויסמוטיק, אַז זי האָט „געוואָלט“ געניסן פֿון מײַנע קענטענישן. איך האָב זיך קנאַפּער פֿון איר געדאַרפֿט לערנען. כ'האָב אָנגעשריבן פֿאַר איר די נויטיקע אויסאַרבעטונגען. נאָר ווען ס'איז געקומען צום פֿאָרן בין איך געבליבן אין דער היים. די סיבה דערפֿון איז געווען פּשוט, אָבער ווי טראַגיש! פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס? האָט אין מיר געשריגן אַ שטים. פֿאַר וואָס דאַרף איך אַזוי לײַדן, ווען כ'האָב אַ דראַנג צו וויסן? פֿאַר וואָס זאָל איך זיך שטיקן אין די [דער] ענגקייט פֿון באַגרענעצטע פֿליכטן, ווען אַלץ אין מיר רופֿט נאָך ברייטע האָריזאָנטן? פֿאַר וואָס זאָל איך זיך מוזן באַניגן לאָזן, מיט צופּאַסן זיך, ווען כ'פֿיל, אַז כ'וואָלט געקענט עפּעס גרויס אויפֿטון, ווען מען גיט מיר די מעגלעכקייט? עס האָט מיך געמאַטערט. כ'האָב אָנגעהויבן צו באַגרײַפֿן דעם גיגאַנטישן כּוח פֿון געלט. אָבער נישט קיין פֿאַרגעטערונג האָב איך געפֿילט דערצו. אַ קללה האָט זיך געריסן פֿון מײַן האַרץ. מיט האַס האָב איך געקלערט וועגן די [דער] קראַפֿט פֿון די „מעטאַלענע קראַנזשקעס“, וועלכע פֿאַרטעמפּן אין מענטשן יעדעס געפֿיל פֿון גוטסקייט, וועלכע מאַכן אים טויב אויפֿן

רוף פֿון אומגליקלעכע נשמות. און נישט בלויז דאָס. אַ געפֿיל פֿון פֿאַרדרוס האָט מיך באַהערשט בײַם געדאַנק, אַז כ'האָב פֿאַרשפּילט דעם גימנאַזיום, צוליב דעם אויסזיכט אויף קראָקעווער סעמינאַר. כ'האָב שוין נישט געקענט קלערן איצט וועגן הנחות אין גימנאַזיום. די באַציִונגען ~~האָבן~~ צווישן די ייִדישע און פּוילישע באַפֿעלקערונג האָבן זיך אין צווישנצײַט באַדײַטנד פֿאַרערגערט. אויך דאָס איז נישט אַדורך פֿאַר מיר אָן אײַנדרוק. אין מיר האָט געליטן די געטרײַע, פּוילישע פּאַטריאָטקע. איך בין דאָך געווען אַזוי איבערגעגעבן פּוילן. כ'בין דאָך געווען צוזאַמענגעבונדן מיט איר, מיט אַלע פֿעדעם פֿון מײַן נשמה. יעצט האָב איך געמוזט זיך אָפּזאָגן פֿון הערלעכן טרוים פֿון אַ ייִדיש־פּויליש צוזאַמענלעבן. כ'האָב דאָך עס זיך אַזוי שיין געמאָלט. עס זענען נישט געווען סימולירט די הייסע, איבערגעגעבענע זאַצן פֿון מײַנע יוגנט־רעפֿעראַטן. און יעצט אַלעס אַוועק. טאָגטעגלעך האָבן די צײַטונגען געברענגט פֿרישע, גרויליקע ידיעות וועגן ייִדן־פֿאַרפֿאָלגונגען. מײַן גלויבן אין פּוילנס „האַרץ“ איז געוואָרן פֿאַרטונקלט. כ'האָב מער נישט געזען קיין פֿאָלק מיט ברידערלעכע געפֿילן פֿאַר אַלע בירגער, ווי זי איז עס געווען אין אירע פֿאַרמלחמה־טרוימען. מײַן האַרץ האָט געווייטיקט איבער די [דער] לאַגע פֿון ייִדן בכלל. בפֿרט, אַז איך האָב עס דערשפּירט פּערזענדלעך (די פֿאַרלוירענע מעגלעכקייט פֿון לערנען אין גימנאַזיום). יעצט האָב איך געזוכט אַ היים צווישן אַלעם, וואָס איז ייִדיש. איך האָב זיך געקלערט, אַז יעצט, אין די [דער] איצטיקע[ר] לאַגע מוזן מיר ייִדן זיך שטאַרקן. כדי דאָס צו דערגרייכן האָב איך געהאַלטן פֿאַר נויטיק זיך צו לערנען די ייִדישע געשיכטע, באַקענען זיך מיט ייִדישע, נבֿיאישע פּאָעזיע און שטודירן ייִדישע רעכט פֿון אַ מאָל. דאָס האָט מיר געגעבן דעם כּוח איבערצוטראָגן רויִק די דערינערונגען. אַנטקעגן דעם ביטול־באַציִונג פֿון די פֿרעמדע, האָב איך אַקעגנגעטראָגן אונדזערע גײַסטיקע ווערטן. די הערלעכע טענער פֿון די נבֿיאים האָבן מיר געגעבן דעם באַוווסטזײַן וועגן אונדזער געפֿיל פֿאַר רעכט (ישעיהו), די וויזיע פֿון אַחרית־הימים (קאַפּיטל ב') האָט געשוועבט פֿאַר מײַנע אויגן. ווידער האָבן זיך אָנגעצונדן פֿונקען פֿון התלהבֿות, וועלכע זענען שוין געווען אַ ביסל אָפּגעשוואַכט דורך די לעצטע שוליאָרן און אַנטוישונגען. איין זאַך איז נאָר געווען נישט אין אָרדענונג. איך האָב נישט געקענט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס זאָלן צווישן ייִדן עקזיסטירן אַזוי פֿיל פּאַרטייען, וועלכע באַקעמפֿן איינע די אַנדערע. איך האָב נישט גענומען אין באַטראַכט אַז מענטשן זענען מענטשן מיט פֿאַרשידענע באַגריפֿן און לײַדנשאַפֿטן, און דעריבער מוזן זיי זיך גרופּירן אין באַזונדערע פּאַרטייען. און ווו נאָך, ווי בײַ ייִדן זענען פֿאַראַן אַזוי פֿיל אַנשויונגען, אַזוי פֿיל באַגריפֿן וועגן גוט און שלעכט? איך האָב דאָס אַלץ נישט פֿאַרשטאַנען. בײַ מיר זענען אַלע מענטשן געווען קודם־כּל מענטשן, און אויב אַנדערע האָבן אונדז ייִדן געוויזן, אַז מיר זענען ערגער פֿון זיי, אויב זיי האָבן אונדז פֿאַראַכט, דאַרפֿן מיר זיך האַלטן צוזאַמען כּדי אַזוי אַרום צו ערמעגלעכן אונדזער זיג. איך האָב אָבער געזען עפּעס אַנדערש. איך האָב געזען ווי איין אָרגאַניזאַציע באַקעמפֿט די אַנדערע: איך האָב זיך צוגעהערט אין „בנות“ וועגן די [דער] נויטווענדיקייט זיך צו שיצן קעגן די „פֿרעמדע“ פֿון דער גאַס. עפּעס האָט מען געפּריידיקט וועגן די „נעצן וועלכע זענען פֿאַרשפּרייט און לויערן אויף אונדזערע נשמות“. נישט גענוג, אַז מיר האָבן זיך נישט פֿאַראייניקט מיט זיי, האָבן מיר זיך געדאַרפֿט שיצן פֿון „פֿרעמדע“? איך

האָב געהאַט ספקות. מיר איז פֿאָרגעקומען ווילד די מורא פֿאַר אייגענע ייִדישע מיידלעך, וועלכע האָבן [געלערנט] צוזאַמען מיט מיר אין פֿאָלקשעכנע[ר] שול. פֿאַר וואָס זאָל איך מורא האָבן? צי אַזוי אַרום פֿאַרווירקלעך איך דאָס, וואָס מען האָט מיך געלערנט? צי אפֿשר האָב איך שלעכט פֿאַרשטאַנען דעם „ללמוד וללמד“? צי דען וועל איך נישט אַ סך מער אויפֿטון, ווען כ'וועל עס אויספֿירן דווקא אין די מיר כּלומרשט פֿרעמדע קרײַזן. מיר קיין שאָדן וואָלט עס נישט געברענגט, און אפֿשר נוצן פֿאַרן כּלל־ישׂראל? ווײַל וואָס זענען מיר, אַלס אָפּגעזונדערטער טייל? צי איז עס אַזאַ העלדנמוט זײַן גוט און פֿרום, ווען מען ווייס נישט פֿון עפּעס אַנדערש, ווען אַלעס אַרום אָטעמט מיטן זעלבן? פֿראַגן זענען בליץ שנעל געפֿלויגן, געביטן זיך ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ. אָבער אָפֿן זאָגן האָב איך עס נישט געטאָרט. ווען כ'האָב עס איין מאָל אַרויסגעזאָגט, האָט מען מיר געגעבן אָנצוגעהערן, אַז מען איז נישט צופֿרידן. מען האָט זיך שלעכט אויסגעטײַטשט ~~איז~~ מײַנע כּוונות. מען האָט געזאָגט, אַז איך בענק נאָך „די פֿרײַע וועלט“, נאָך „זייערע פֿאַרגעניגנס“. אפֿשר האָט אין דעם געשטעקט אַ געוויסער אמת. אָבער איינס איז זיכער. אויב כ'האָב געגאַרט נאָך פֿרײַהייט פֿון אַ לוסטיק לעבן ווי זיי האָבן עס פֿאַרשטאַנען, עס איז גיכער געווען דער דראַנג נאָך ברייטערע האָריזאָנטן, דער פֿאַרלאַנג נישט צו ווערן פֿאַרגליווערט אין די ענגע ראַמען פֿון אונדזער אידעע. עס האָט געלעבט דער פֿאַרלאַנג פֿון אויסלעבן זיך צווישן אַלע, פֿון טראָגן אונדזערע גײַסטיקע אוצרות צווישן די מאַסן ייִדישע יוגנט בײַ וועלכע זיי זענען געווען אומבאַקאַנט. נאָר מײַן קול איז געוואָרן דערשטיקט דורך עטלעכע פֿלאַכע פֿאָרמולן, וועגן „דערהאַלטן בײַ זיך דעם אוצר“, וועגן דעם [דער] אויסדערוויילטקייט פֿון אונדזער באַרוף צו קאָנטיניִרן די מיסיע פֿון די [דער] צניעותדיקע[ר] ייִדישע[ר] פֿרוי פֿון אַ מאָל. און ווי שטענדיק האָב איך זיך געמוזט אונטערוואַרפֿן. מײַן פּראָטעסט קעגן דעם אַלעם האָט געמוזט בלײַבן שטום. איך האָב געטראַכט, אַז אין זייער מורא פֿאַרן גאַנצקייט פֿון זייער[ע] [אין] אונדז פֿאַרפֿלאַנצטע באַגריפֿן, וועט מען מיך באַזײַטיקן אַלס „שעדלעכן עלעמענט“. איך האָב גוט פֿאַרשטאַנען די קאָנסעקווענצן דערפֿון. כ'האָב באַרעכנט, אַז כ'וועל מער פֿאַרלירן ווי געווינען. ערשטנס וואָלט מײַן לאַגע אין שטוב געוואָרן אומערטרעגלעך. אָבער נישט דאָס איז וויכטיק. איך האָב מײַן אָרגאַניזאַציע ליב געהאַט, טראָץ דעם, וואָס איך האָב געזען אירע פֿעלערן. איך האָב נישט געוואָלט פֿאַרלירן די מעגלעכקייט פֿון לערנען זיך. האָב איך געשוויגן. געשוויגן האָב איך נאָר פֿאַר מענטשן. פֿאַר זיך האָב איך געשריבן. קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס עס באַהאַלטן די טאָוולען פֿון מײַן ברוליאָן. וועגן דעם וואָלטן נאָר אפֿשר געקענט דערציילן די ביימער. אָבער זיי זענען געווען שטומע צוזעערס. און דעריבער האָב איך זיי ליב געהאַט. אין זייער מילדן, מוטערלעכן שאָטן האָב איך אויסגעגאָסן מײַן האַרץ, מײַנע געפֿילן און געדאַנקען, וועלכע האָבן מיר געקוועלט. איך האָב געליבט די נאַטור זעענדיק אין איר אַ וואַרעם געפֿיל פֿון צוטרוי. זי וועט נישט אויסזאָגן וואָס איך טראַכט. און ווי הערלעך איז זי! ווען כ'האָב זיך אַרויסגעקריגן אויפֿן פֿרײַען פֿעלד, אין אַ וואַלד – בין איך געווען גליקלעך. דאָ בין איך געווען ווײַט פֿון מענטשלעכע[ר] בייזוויליקייט. אַלץ איז דאָ אַזוי מילד און אַזוי נישט־פֿאַרנעפּלט אָפֿן, פֿול מיט לעבעדיקע[ר] פֿרייד, מיט אומפֿאַרלאָשענעם לוסט צום אייביק דויערנדן, אייביק ווירקנדן, מיט בלוט

פולסירנדן, לעבן. לעבן! איך האָב געשריבן. געשריבן אין אָנבליק פֿון דער נאַטור. און דאָס, וואָס כ'האָב דאָרט געשריבן, איז געווען פֿול מיט מעלאַנכאָליע. אפֿשר איז עס געווען דער פּראָטעסט וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין די טרויעריקע זאַצן. און אפֿשר איז עס געווען דער ~~קאָנטראַסט~~ כוח פֿון קאָנטראַסט צווישן די [דער] גרויסקייט, לעבעדיקייט פֿון דער נאַטור, און קליינקייט, קלאַנגלאָזיקייט פֿון מײַן לעבן. כ'האָב כסדר געלייענט, געפֿונען פֿאַרגעניגן אין פּאָעזיע און גוטן ווערטפֿולן ערציילונג. דעמלס האָב איך אויך געלייענט לינדסייס „בונד פֿון דער יוגנט". איך האָב אים פֿאַרערט פֿאַר זײַן פֿאַרשטענדעניש, פֿאַר אַלעם דעם, וואָס עס מאַטערט די יוגנט. דאָס איז געווען דער קעגנזאַץ פֿון דעם וואָס מ'האָט אונדז געזאָגט. בײַ אונדז אין בנות וואָלט אַזאַ אַרויסזאָגן זיך אַרויסגערופֿן אַ סקאַנדאַל. בכלל האָט מען דאָרט געקוקט קרום אויף מײַן צו פֿיל לעזן. מען האָט זיך געשפּילט אין נבֿיאותן, אַז ס'וועט קיין גוטס נישט אַרויסברענגען אאַז"ו. איך האָב פֿון דעם אַלעם לפֿנים געלאַכט. אָבער אין האַרץ האָט מיר וויי געטון, פֿאַר וואָס זיי האָבן אַזוי קנאַפּ פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דעם וואָס מאַטערט די יוגנט. איך האָב נישט געקענט פֿאַרטראָגן די פֿאַרשטעלטקייט, די אָנשטעלן ווען ס'איז געקומען צו אַ דעצידירנדע[ר] פֿראַגע לגבי פֿאַרשידענע טעמעס. איך האָב געגאַרט, אַז אַלע זאָלן זאָגן וואָס זיי קלערן און דעמלס וואָלט מען אפֿשר עפּעס קאָנקרעטס אויפֿגעטון. כ'בין נישט געווען קיין דעגענעראַטין, כ'בין געווען אַ לײַדנשאַפֿטלעכע ליבהאָבערין פֿון אמת. כ'האָב געשטרעבט, אַז דער אמת פֿון אונדזער לעבן זאָל אונדז פֿירן צו אַ געזונטן באַגרײַפֿן פֿון אַלע אייביקע אמתן. צי זיי עקזיסטירן בכלל האָב איך נאָך דעמלס קיין ספֿק נישט געהאַט... כ'בין נאָך אַלץ געווען אַ שטרענגע ייִדישע טאָכטער, פֿול מיט גלויבן אין אַלמעכטיקן, און פּיעטעט פֿאַר טראַדיציע. נאָר בלויז גײַסטיק אויסלעבן האָט נישט גענוגנט. אויף דעם קענען זיך ערלויבן די, וועלכע זענען מאַטעריעל פֿאַרזיכערט. איך האָב געמוזט וועגן תּכלית קלערן. הגם כ'בין געווען גאַנץ יונג, האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז כ'בין פֿאַרלוירן אָן עפּעס, וואָס זאָל מיר געבן די מעגלעכקייט צו פֿאַרדינען. בײַ די קאָרעפּעטיציעס האָב איך פֿאַרדינט. אָבער כ'האָב געוווּסט, אַז דאָס איז נישט קיין עקזיסטענץ. לערנען אין די [דער] פּאָווּשעכנע[ר] שול איז נאָר געווען מעגלעך בײַ אונדז אין שטאָט. איך האָב געשטרעבט פֿון דאַנען אַוועק. איך האָב געוואָלט זען אַ אַנדערע וועלט, אַנדערע מענטשן, באַקענען זיך מיט אַ אַנדער אַרט לעבן. כ'האָב געוואָלט אויספּרוּוון מײַנע כוחות, אויף וויפֿל ס'וועט מיר לינגען צו זײַן זעלבשטענדיק מאַטעריעל, ווי אויך אומאָפּהענגיק [אין] גײַסט. דאָס הייסט כ'האָב זיך געוואָלט איבערצײַגן צי אין אָנבליק פֿון זיך גופֿא וועל איך זיך האַלטן בײַ די אייגענע איבערצײַגונגען. כ'האָב געוואָלט זען, ווי אַזוי ס'וועלן אויסזען מײַנע געדאַנקען אין ליכט פֿון נײַע ערינערונגען. ווײַל מיר האָט זיך געדאַכט, אַז [זיי] זענען אונטערן אײַנפֿלוס פֿון מײַן אָרטאָדאָקסישע[ר] ערציִונג. איך האָב נישט געשטעלט די ערציִונג אונטער קיין פֿראַגע־צייכן. איך האָב נאָר געוואָלט אַליין אַ ביסל זיך מעכטיקן און זען אויף וויפֿל ס'לאָזן זיך פֿאַרווירקלעכן אין לעבן די אַלע אימפּאָנירנדע טרוימען פֿון מײַן יוגנט. כּדי דאָס צו פֿאַרווירקלעכן האָב איך געמוזט עפּעס קענען. צו קיין שום האַנטאַרבעט בין איך נישט געווען פֿעיִק. ערשטנס האָב איך זיך קיין מאָל מיט דעם נישט אינטערעסירט. כ'בין געוואָרן אומגעדולדיק ווען כ'האָב עפּעס גענייט, אָבער

געשטריקט. ס'איז נישט געווען קיין אויסוועג. מיט מײַנע 7 קלאַסן פּאָווישעכנע שול און 6 בית־יעקבֿ האָב איך וויניק וואָס געקענט אויפֿטון. כ'האָב זיך געוואָנדן צו מײַן פֿאָטער. כ'האָב געפֿרעגט: וואָס ווײַטער? ער האָט נאָר געהאַט איין ענטפֿער: קיין שנײַדער וועסטו נישט זײַן! אין פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין וועסטו נישט געהערן. איך דענק, אַז פֿאַרן צווייטן האָט מײַן פֿאָטער מער מורא געהאַט ווי פֿאַרן ערשטן. און ווײַל איך אַליין האָב נישט געוואָלט זיך לערנען קיין פֿאַך בין איך באַשטאַנען. – אָבער דאָך טאַטע – האָב איך געפֿרעגט – דו וועסט זײַן אַ לערערין! – האָט ער מיר געענטפֿערט – אַ „בית־יעקבֿ“־לערערין. אויף מײַנע באַמערקונגען, אַז דאָס איז אוממעגלעך, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט עס באַשטימט אַדורכפֿירן. – דו זאָלסט זיך נאָר אויפֿפֿירן פֿרום – האָט ער פֿאַרענדיקט – און אַלץ וועט מיט ג–טס הילף גוט זײַן. – אָבער די אוממיטלבאַרקייט פֿון לעבן האָט אין מיר פֿאַרטױבט יעדן פֿונק פֿון אָפּטימיזם. ווײַל נישט געקוקט דערויף וואָס מײַן פֿאָטער האָט מיר אַזוי פֿיל צוגעזאָגט איז די לאַגע געוואָרן אַלץ ערגער. נישט קענענדיק איבערטראָגן עס גלײַכגילטיק האָב איך געזוכט אַ אויסוועג ווו אַנדערש. כ'ווייס נישט פֿון וואַנען, נאָר מײַנע געדאַנקען האָבן אָנגעהויבן אָנצונעמען דעם פֿאָרעם פֿון גראַמען. בשעת כ'האָב נאָטירט אין טאָגבוך די געדאַנקען פֿון פֿאַרגאַנגענעם טאָג האָב איך אָן שום אָנשטרענגונג געשריבן גראַמען. עס זענען געווען לידער פֿון האָפֿענונג אויף אַ בעסער לעבן. עס זענען געווען לידער פֿון אייגענע לײַדן, אויסדרוקן פֿון אַלגעמיינע לײַדן פֿון ייִדישן פֿאָלק. אַלץ איז געווען געשריבן פּויליש. ווײַל פּוילישע ביכער האָב איך געלעזן, פּויליש האָב איך געקלערט און דעריבער אויך פּויליש געשריבן. בעת כ'בין געווען בײַ מײַנס אַ חבֿרה אין שטוב, האָב איך אָנגעשריבן אין גראַם „דער ייִד דער אייביקער וואַנדערער“, „ייִד הענדלער“ און אַנדערע. דאָס איז געווען פֿאַר מיר אַ נײַ אַנטדעקונג. איך האָב נישט געוווּסט צי זאָל איך זיך פֿרייען, צי גאָר זאָרגן. פֿרייען דערפֿאַר, וואָס מיר איז געלונגען עפּעס אָנצושרײַבן, אָבער זאָרגן, אַז כ'וועל מער זיך נישט אַנטוויקלען, ווײַל כ'האָב נישט די געהעריקע מעגלעכקייט. כ'האָב שוין אַפֿילו אין פּאָווישעכנע[ר] שול טייל מאָל געשריבן פֿאָרשטעלונגען אויף פֿאַרשידענע פֿײַערונגען. אייניקע פֿון זיי זענען לויט די [דער] מיינונג פֿון די [דער] לערערשאַפֿט געווען זייער שיין. איך האָב זיי אָבער טראַקטירט ווי שול־אויסאַרבעטונגען און נישט צו פֿיל זיך איבערגענומען מיט זיי. דאָ אָבער איז געווען עפּעס אַנדערש. פֿאַרשטייט זיך, אַז כ'האָב עס פֿאַר קיינעם נישט דערציילט. כ'האָב איבערגעלייענט עטלעכע לידער פֿאַר מײַן „בית־יעקבֿ“־לערערין. עס איז איר זייער געפֿעלן. זי האָט אָבער נישט געוווּסט ווער ס'איז דער אויטאָר פֿון זיי. איך האָב זיך נישט באַטראַכט אַלס דיכטערין. אָבער כ'האָב געהאַט אַ פֿאַרגעניגן צו שרײַבן. כאַראַקטעריסטיש איז געווען, אַז כ'האָב קיין מאָל נישט געוווּסט ווען כ'וועל שרײַבן. אָט האָב איך שפּאַצירט אין גאַס. אָט האָב איך דערזען אַ גלאַנציקן שטערן ערגעץ טיף אויפֿן גראַנאַט פֿון הימל. אַ מענטשלעכער זיפֿץ האָט אָפּגעהילכט אין דער שטילקייט. און מײַן האַרץ איז פֿול געוואָרן מיט וואַרעמע כוואַליעס פֿון געפֿיל, אַז כ'האָב אַלץ געלאָזט שטיין און געלאָפֿן שרײַבן. מײַן פֿאָטער האָט זיך געווונדערט, פֿאַר וואָס איך רעד עפּעס קנאַפּ וועגן פֿאָרן אין סעמינאַר. נישט וויסנדיק די אמתע סיבה פֿון מײַן שווײַגן האָט ער עס זיך געטײַטשט אויף זײַן שטייגער. ער האָט געמיינט, אַז כ'בין שוין מער נישט פֿרום, נישט

צוגעבונדן צום בית־יעקבֿ און שטרעב נישט צו פֿאָרן קיין קראָקע. דעריבער האָט ער זיך גענומען אינטענסיוו צו דער אַרבעט כּדי מיך דאָרט אַהינצושיקן. גראָד דעמלס איז אים געלונגען אויסצופֿועלן אַ שפּאָרע הנחה. איך וואָלט באַשטימט געפֿאָרן. אָבער דער גרויזאַמער גורל האָט אַנדערש געוואָלט. ער האָט זיך נישט ווײַזט אויס גערעכנט מיט די [דער] שטאַרקייט פֿון מענטשנס פּלענער. ס'איז געשען אַ גרויס אומגליק... מײַן פֿאָטער איז פּלוצעם געשטאָרבן.... אין בליִענדן עלטער פֿון 49 יאָר איז ער פֿון אונדז אַוועק. דאָס איז געווען אַ קלאַפּ. איך האָב דערפֿילט אַ קלאַפּ מיט אַ קאַלט אײַזן איבערן קאָפּ. שוין קיין מאָל... ווי שרעקלעך... כ'בין וואַנזיניק אַרומגעלאָפֿן איבערן שטוב, מיט צווייפֿל זיך געוואָרפֿן צו די פֿיס פֿון זײַן טויטן קערפּער, און געשריגן, געשריגן ביז צום דערשטיקט ווערן... ביז ס'האָט פֿאַרפֿעלט כּוח... ביז כ'האָב אַרײַנגעשלײַדערט דעם געשריי אין האַלדז, ווו ער האָט זיך באַהאַלטן אין די טיפֿענישן פֿון האַרץ. עס איז שוין פֿאַריבער צוויי יאָר. אָבער עס לאָזט זיך נישט פֿאַרגעסן, עס לאָזט זיך נישט פֿאַרהיילן די גליִענדע ווונד. הגם ס'איז נישט דאָ קיין פּלאַץ פֿאַר מליצה, לאָזט זיך נישט פֿאַרטויבן דער זיפֿץ, ווען כ'שרײַב די דאָזיקע ווערטער. אמת, אַ טאַטע אַ שטרענגער איז ער געווען, אָבער ער איז דאָך נישט אויסן געווען מײַן שלעכטס. עס איז דאָך נישט זײַן שולד, אַז ער האָט מיך נישט פֿאַרשטאַנען. ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל זײַן ווי ער, און גלײַכצײַטיק גליקלעך. ער האָט נישט באַגרײַפֿט די איראָניע, וועלכע איז געלעגן אין זײַנע שטרעבונגען.

איך בין געבליבן פֿאַריתומט. גרויס איז געווען איז געווען [!] מײַן טרויער. איך האָב עס איבערגעלעבט מיט מײַן גאַנץ וועזן. אָבער קיין צײַט אויף קיין קאָנטעמפּלאַציע איז נישט געווען. דאָס לעבן האָט געפֿאָדערט ס'זײַניקע. צו גלײַך מיטן טויט פֿון מײַן פֿאָטער האָבן מיר פֿאַרלוירן די מיטלען צום לעבן. ער איז געווען דער פֿאַרזאָרגער. כ'בין געבליבן מיט מײַן מוטער און שוועסטער פֿאַר אַ שווערע[ר] אויפֿגאַבע: ווי ערנערט מען זיך? כ'האָב אַפֿילו אַ עלטערן ברודער, האָט ער אָבער באַלד נאָכן טאַטנס טויט חתונה געהאַט. איך האָב דערווײַלט ערטיילט קאָרעפּעטיציעס, ווי שטענדיק. אָבער דאָס איז געווען קנאַפּ. די מאַמע האָט אָנגעהויבן ווידער עפּעס האַנדלען. נאָר עס איז געווען שוואַך אין צוזאַמענהאַנג מיט די [דער] פֿאַרשטאַרקטע[ר] באָיקאָט־אַקציע. און ווידער דער גרויזאַמער: וואָס ווײַטער? איך האָב יעצט געהאַט אַ מאַסע אַפּוטרופּסים. דאָס זענען געווען פֿאַמיליע און סתּם גוטע־פֿרײַנד (ווי זאָגט דאָס שלום־עליכם? „ מיר איז גוט, איך בין אַ יתום.“ מאָטל דעם חזנס). די גאַנצע צײַט ווען מיר האָבן זיך געראַנגלט, נישט קענעדיק אויסקומען פֿון מײַן פֿאָטערס קנאַפּע פֿאַרדינסטן, האָבן זיי זיך גאָרנישט איבערגענומען. פּלוצלינג האָבן זיי דערזען, אַז ס'איז שלעכט פֿאַר וואָס כ'האָב נישט קיין ~~צײַט~~ פֿאַך אָדער פּאָסטן, וועלכע ס'זאָל מיר ערמעגלעכן אַרויסצוהעלפֿן די מוטער און שוועסטער. וועגן פֿאַרווירקלעכן אייגענע טרוימען איז איצט קיין רייד נישט געווען. כ'האָב עס מיט ווייטאָג באַגרײַפֿט. ווי געזאָגט האָב איך געהאַט „פֿאַרזאָרגערס“. זיי האָבן ווידער געשריבן בריוו קיין קראָקע, כּדי אויסצופֿועלן אַ הנחה. נאָר ס'האָט קנאַפּ געפֿועלט. עס האָט אַפֿילו נישט געפֿועלט די פּערזענדלעכע אינטערווענץ פֿון גריצער בית־יעקבֿ־

14

פּרעזעס בײַם דירעקטאָר פֿון סעמינאַר. אָן געלט האָב איך גאָרנישט געקענט אויפֿטון. שוין ווידער די לעקציעס. דערצו איז עס יעצט געווען אַ אַרבעט אָן בטחון, אַז ס'וועט אַ מאָל זײַן אַנדערש. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווער לעבן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צו דערהאַלטן זיך אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון די לעבנס־כוואַליעס. און דער קאַמף איז געווען אַ טאָפּלטער. איינער – אַ מיטל צו דערהאַלטן די מאַטעריעלע עקזיסטענץ – דער צווייטער איז געווען אַ קאַמף מיט זיך. אַ אינערלעכע ראַנגלעניש נישט אַרײַנצופֿאַלן אין אַפּאַטיע, נישט לאָזן זיך באַהערשן פֿון פּעסימיזם. עס האָט געהאַלטן דערבײַ. כ'האָב צו פֿיל געליטן, אַז כ'זאָל נאָך האָבן כּוח צו זײַן אַ אָפּטימיסטקע. נאָר כ'האָב פֿאַרשטאַנען, אַז אויב כ'וויל לעבן, מוז איך זיך שטאַרקן. עס איז אפֿשר נישט געווען דער כּוח פֿון אייגן נוצן, אָבער פֿאַרגעניגן, ווי דער באַגער צו העלפֿן מײַן מוטער. איך האָב זיך געפֿילט פֿאַראַנטוואָרטלעך, אַלס עלטסטע טאָכטער אין שטוב (קנאַפּע 17 יאָר) און דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט נישט צו פֿאַרלירן די ענערגיע. כ'האָב אויסגעהערט די טרייסטווערטער פֿון מײַן מוטער, נישט קענענדיק איר זאָגן, אַז מײַן גלויבן אין אַ בעסערן מאָרגן איז געווען גאַנץ שוואַך. כ'האָב געוווסט, אַז מיטן בטחון פֿאַרטויבט זי אין זיך דעם אומעט פֿון רעזיגנאַציע. כ'האָב דעמלס קנאַפּ געשריבן. מײַן טאָגבוך איז געלעגן ערגעץ פֿאַרגעסן. וויפֿל מאָל כ'האָב זיך באַמיט עפּעס צו שרײַבן האָב איך זיך צעוויינט, ווײַל כ'האָב געמוזט שרײַבן וועגן מײַן פֿאָטער. אויסער דעם האָב איך געפֿילט אַ פּוסטקייט אין מוח.

און דעמלס איז געקומען אַ חבֿרה. עס איז געווען אַ מאָרגן־שטערן נאָך אַ פֿינצטערע[ר] נאַכט. חבֿרות האָב איך אייגנטלעך געהאַט אַ סך פֿון פֿריִער. זיי האָבן מיט מיר מיטגעפֿילט. אַפֿילו זיך באַמיט מיר צו העלפֿן. אָבער די איז געווען אין גאַנצן עפּעס אַנדערש. יענע האָבן מיך נישט פֿאַרשטאַנען. זיי זענען געווען אַפֿילו מיידלעך אינטעליגענטע. נאָר זיי האָבן מיר נישט געקענט פֿאַרצײַען מײַן אויסלעבן זיך אין ביכער. זיי האָבן מיך קריטיקירט פֿאַר מײַן נישט נאָכפֿאָלגן די מאָדע און ווי ווײַט מעגלעך צופּאַסן זיך צו איר. אָבער די וועלכע כ'האָב יעצט באַקענט איז געווען אַ אַנדערע. זי האָט פֿאַרמאָגט אין זיך אַ אָנערשעפּלעכן קוואַל פֿון ענטוזיאַזם. אָנגעהויבן האָבן מיר בײַ לייענען צוזאַמען אַ ביכל. און נישט לאַנג האָט געדויערט, האָט זי שוין געוווסט פֿון מײַנע אינטימסטע געדאַנקען. עס איז געווען אַ הערלעכער זומער. יעדע שעה מיט איר פֿאַרברענגט האָט מיר געגעבן אַ גײַסטיק פֿאַרגעניגן. איך האָב איר געלעזן מײַנע פּערזן און טיילן פֿון טאָגבוך. מײַנע לידער זענען איר זייער געפֿעלן. זי האָט אייגנטלעך גאָרנישט געפֿרעגט. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט מיך דאָרט אין זיי געפֿונען און פֿאַרשטאַנען. זי איז נישט געווען קיין „בנות"־מיטגלידערין. זי איז פֿון „בית־יעקבֿ" אַרויסגעטרעטן נאָך אַלס שילערין. און דאָס האָט געגעבן די אָנרעגונג אַז די „בנות"־פֿאַרוואַלטונג זאָל פּראָטעסטירן קעגן אונדזער פֿרײַנטשאַפֿט. מײַן עלטערער ברודער איז סעקרעטאַר אין „בית־יעקבֿ"־קאָמיטעט. ער האָט מיך גערופֿן, און קאַטעגאָריש געפֿאָדערט, אַז כ'זאָל איבעררײַסן מיט מײַן חבֿרה. איך האָב פּערסוואַדירט, אויפֿגעוויזן וואָס זי באַדײַט פֿאַר מיר. זיי האָבן נישט געוואָלט פֿאַרשטיין, אַז זי האָט אין מיר אַרײַנגעגאָסן אַ קוואַל פֿון לעבנסקראַפֿט. זיי האָבן נישט פֿאַרשטאַנען, אַז זי האָט

געברענגט מיט זיך אַ אָטעם פֿון אַ אַנדערע[ר] פֿרײַערע[ר] וועלט. און זאָגן זיי דאָס וואָלט געהייסן מודה זײַן זיך אין אַ גאַרונג נאָך פֿרײַהייט, נאָך עפּעס אַנדערש, וועלכעס ס'איז דאָך „פֿאַרבאָטן". כ'האָב אַלזאָ לפֿנים געמוזט קאַפּיטולירן. כ'האָב צוגעזאָגט אַז כ'וועל [זיך] מיט איר מער נישט טרעפֿן. געטראָפֿן האָב איך זיך אָבער מיט איר יאָ. מיר האָבן זיך פֿאַרקליבן אויף ווײַטע שפּאַצירן הינטער דער שטאָט. מיר האָבן זיך באַגעגנט באַלד אין דער פֿרי, אָבער שפּעט אין אָוונט. זי האָט פֿון אַלעם געוווּסט. און אונדזער צוגעבונדנקייט איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. זייער אַ סך האָב איך געמוזט אויסשטיין צוליב מײַן פֿרײַנטשאַפֿט מיט איר. נאָר דער פּרײַז איז ווערט געווען. מײַן אייגענע מוטער האָט מיך שאַרף קריטיקירט, הגם זי גופֿא האָט צו מײַן חבֿרה גאָרנישט געהאַט. קיין שום פֿאָרוואָרף. זי האָט אָבער געזאָגט, אַז מען מוז זיך צופּאַסן. מײַן פֿרײַנטשאַפֿט וואָלט זיך אפֿשר פֿאַרענדיקט מיט אַ באַזײַטיקונג פֿון דער אָרגאַניזאַציע, ווען נישט מײַן אָפּפֿאָר פֿון גריצע. געפֿאָרן בין איך סתּם קיין ג... צו מײַן עלטערן ברודער. זײַענדיק דאָרט האָב איך באַקומען אַ בריוו, אַז כ'האָב אַ פּאָסטן אין אַ קליין שטעטל. עס איז געווען אַ פּאָסטן אַלס „בית־יעקבֿ"־לערערין. הגם כ'האָב דעם סעמינאַר נישט געענדיקט, האָב איך באַזיצט אויף אַזוי פֿיל פֿעיִק[ייט]ן, כ'זאָל קענען גרינדן אַ שול. כ'האָב דערפֿון געוווּסט. זײַענדיק אין גריצע, האָב איך געקענט אַזאַ פּאָסטן באַקומען. מיך האָט אָבער נישט באַפֿרידיקט דער פּערספּעקטיוו צוליב פֿאַרשידענע טעמים. ערשטנס האָב איך נישט געוואָלט לערנען אין אַ שול אָן אַ דיפּלאָם. צווייטנס – און דאָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע, בין איך שוין געווען ווײַט פֿון געדאַנק, אַז כ'זאָל זײַן אַ בית־יעקבֿ־לערערין. כ'האָב צו פֿיל געליטן, און אַז כ'זאָל פֿרײדיקן דאָס, וואָס איך אַליין באַטראַכט אַלס באַגרענעצונג פֿון מענטשלעכן לעבן, בין איך געווען צו פֿיל געוויסנהאַפֿט. דאָ אָבער האָב איך באַקומען אַ בריוו, אַז אין דער היים האָב איך נישט וואָס צו טון. כ'האָב זיך באַרעכנט. מיטן באַוווּסטזײַן פֿון די [דער] אַלגעמיינע[ר] לאַגע האָב איך גענומען זוכן גוטע זײַטן. און אַז מען זוכט, געפֿינט מען. ערשטנס האָב איך זיך געפּרוּווט אײַנרעדן, אַז דאָרט וועל איך נישט גרינדן קיין בנות. און אויב נישט דאָס וועט דאָך שוין נישט אויסקומען אַזוי שווער. ווײַל לערנען מיט קליינע קינדער שרײַבן, דאַוונען, לעזן און פֿאַרטײַטשן איז דאָך סוף־כּל־סוף נישט געפֿערלעך. דאָס איז דאָך נישט אין סתּירה מיט מײַנע איבערצײַגונגען. „כ'וועל קיין „בנות" נישט גרינדן, און אַזוי ארום אויסמײַדן יעדן אינערלעכן קאַמף מיטן אייגענעם געוויסן." – האָב איך געטראַכט – כ'בין געפֿאָרן. איינע אַליין מיט מײַנע 17 יאָר האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. איך האָב אַפֿילו נישט געוווּסט, ווו ס'געפֿינט זיך דאָס שטעטל. כ'האָב געהאַט גענוג אויסצושטיין ביז כ'בין געקומען אַהין צו פֿאָרן. עס איז אַ שטעטל לענג־אויס דער ווײַסל. קיין קאָמוניקאַציאָנס־וועגן זענען דאָרט נישט פֿאַראַן אויסער דער ווײַסל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כ'האָב אויסגעקליבן נישט קיין ריכטיקן וועג. כ'בין איינע אַליין געווען אונטער וועגס ערגעץ בײַם ווײַסל־ברעג און נישט געוווּסט ווו כ'געפֿין זיך. כ'האָב זיך אָבער געשטאַרקט. דאָרט בײַם ברעג האָט זיך אין מיר ערוועקט אַ שטראָם פֿון זעלבשטענדיקייט. כ'האָב נאָר געוווּסט איינס, פֿאָרויס! מען טאָר שוין איצט נישט קאַפּיטולירן. מען מוז אויספֿירן, דאָס וואָס מען האָט אָנגעהויבן. דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו וואַרטן אַ גאַנצע נאַכט אויף אַ סטאַטעק. כ'האָב געהאַט צו פֿאַרדאַנקען מײַן

שטאַרקן ווילן, אַז כ׳האָב זיך ענדלעך דערוואַרט אויף אַ סטאַטעק. כ׳בין אָנגעקומען. דאָס שטעטל איז געווען אַ קליינס. דאָרפֿישע שטילקייט. אַ קליינע צאָל נידעריקע הײַזלעך. אַ מאַרק מיט זאַמדן אין מיטן וועלכן ס׳האָבן זיך אַרומגעדרייט כּל־מינים פֿירפֿיסיקע באַשעפֿענישן. אַ טורעם פֿון קאָשטשאָל. דאָס איז געווען ס׳שטעטל אויפֿן ערשטן אויגנבליק. אויב דאָס איז קנאַפּ, האָב איך נאָך געמוזט דולדן דעם לאַנגן שנור קינדער וועלכע זענען געקומען קוקן ווער ס׳איז די „נײַע“ פּערזאָן בײַ זיי אין שטעטל. ווײַזט אויס, אַז אַ פֿרעמדע איז געווען בײַ זיי אַ זעלטנהייט. אַזאַ בילד גיט זיכער נישט צו קיין קוראַזש. ס׳וועקט נישט קיין פֿריילעכע געדאַנקען. נאָר כ׳בין שוין געווען אויף אַזוי פֿיל צוגעווינט צו אויסערגעוויינטלעכע סורפּריזן פֿון גורל, אַז כ׳האָב געשמייכלט. בײַם רבֿ פֿון שטעטל בײַ וועלכן כ׳בין אָפּגעשטיגן, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מען דאַרף ערשט אַ „בית־יעקבֿ“ אָרגאַניזירן. דאָס, וואָס מען האָט מיר געשריבן פֿון דער היים איז געווען אויסגעזויגן פֿון פֿינגער. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן נאָך גאָרנישט צוגעגרייט. צוריקציִען זיך איז געווען שוין צו שפּעט. לויט מיר האָב איך שוין איצט נישט געהאַט קיין וועג צוריק. כ׳האָב שלום געמאַכט מיטן גורל. זאָל זײַן דאָ. דאָ וועל איך סוף־כּל־סוף קענען אַרבעטן און אַרויסהעלפֿן מײַן מוטער. כ׳האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט. כ׳האָב געגרינדערט אַ מענער־קאָמיטעט, פֿון די קינדערס עלטערן. שבת בין איך אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעפֿעראַט. דאָס איז געווען אַ אַטראַקציע. די קליינע שול איז געווען געפּאַקט מיט מענער און פֿרויען. איך האָב נישט קיין צײַט געהאַט זיך צו באַטראַכטן. עס האָט מיך אײַנגעשלונגען דער וויר פֿון אַרבעט און פֿליכטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אײַנשרײַבונגען. אומעטום האָב איך געמוזט זײַן. ווען כ׳בין געבליבן אַליין, האָב איך זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין. כ׳האָב כּמעט נישט געקענט באַגרײַפֿן פֿון וואַנעט עס נעמט זיך צו מיר אַזאַ כּוח פֿון אַקטיוויטעט. איינע אַליין האָב איך צעטיילט 60 קינדער אין קורסן. אויסגעשטעלט לעקציעס. געמוזט אַפֿילו זײַן בײַם דינגען דעם לאָקאַל. עס איז נויטיק געווען שרײַבן אויפֿרופֿן, מעלדונגען, אַרויסטרעטן מיט רעפֿעראַטן. דאָס אַלץ האָב איך געמוזט ערליידיקן. (און אַלץ שטיל, צוליב מאַנגל אין לעגאַליזאַציע). מײַן מענער־קאָמיטעט האָט ווייניק וואָס געטון. ענדלעך האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעגולערע אַרבעט. דאָס איז געווען אַ זייער שווערע אויפֿגאַבע. איך האָב געהאַט צו טון מיט קינדער, וועלכע האָבן קיין יידיש נאָך קיין מאָל נישט געלערנט. כ׳האָב געמוזט אָנהייבן פֿון אָנהייב. באַגרענעצט זענען די קינדער געווען, אַז ס׳לאָזט זיך נישט פֿאָרשטעלן אַפֿילו. דאָס איז געווען שפּעט הערבסט, נאָך סוכּות. די שול האָט זיך געפֿירט גאַנץ רעגולער. כ׳בין געווען פֿאַרנומען 10 שעה אין טאָג. ווען כ׳בין געבליבן אַליין מיט זיך האָט מיך פֿאַרלאָזט מײַן ענערגיע פֿון טאָג. בענקשאַפֿט און פֿאַרדרוס האָבן מיך גענומען אין זייער ~~קראַפּט~~ מאַכט. כ׳האָב זיך געריסן אַהיים. מער ווי נאָך יעדן, האָב איך געבענקט נאָך מײַנע ביכלעך, נאָך מײַן חבֿרה. נאָר דאָס זענען געווען מאָמענטן בלויז. איך האָב זיי באַטראַכט אַלס שוואַכע. כ׳האָב געוווּסט, אַז כ׳מוז זײַן שטאַרק, אַז כ׳מוז באַקעמפֿן אַלעס וואָס וועט שטערן מײַן אַרבעט. געאַרבעט האָב איך זייער פֿלײַסיק. זי האָט מיר געגעבן אַ געוויסע צופֿרידנהייט. כ׳האָב נאָר געלעבט מיט איר. און דאָס וואָס כ׳האָב אויסגעלערנט מײַנע יונגע שילערינס האָט מיך געפֿרייט. כ׳האָב געהאַט די סאַטיספֿאַקציע, אַז ס׳זענען צווישן זיי געווען פֿעיִקע, וועלכע האָבן זיך געלאָזט

ערציִען. ערציִען האָט מען זיי געמוזט, איידער מען האָט זיי נאָך געלערנט. זיי זענען געווען אויסערגעוויינטלעך צעווילדעוועט. נישט געהאַט קיין מינדסטע השגה פֿון געמיינזאַמען לעבן, זיי זענען געווען אויפֿן קליינשטע[ט]לישן אופֿן עגאָיִסטיש. ווען ס'איז מיר געלונגען זיי איבערצוציַיגן וועגן די [דער] נויטוועדיקייט – האָט עס געמוזט דויערן עטלעכע וואָכן. זיי האָבן געמסרט איינע אויף די צווייטע. ס'איז געווען נישט לײַכט מיט זיי זיך אויסצושמועסן. זיי זענען געווען זייער פֿאַרדעכטיק און אומעטום געזוכט אַ געלעגנהייט צום שטיפֿן און לאַכן. מיט עפּעס אַזעלכעס האָב איך זיך נאָך ביז איצט נישט געטראָפֿן. דאָס אַלץ וואָלט נאָך געווען צום פֿאַרטראָגן, ווען נישט דאָס אַרײַנמישן זיך פֿון די עלטערן. זיי האָבן כאָטש געוואָלט, אַז די קינדער זאָלן דורך איין חודש אַלץ שוין קענען. ווען די ערשטע מוטער איז צו מיר געקומען נאָכן פֿאַרלויף פֿון אַ חודש לערע פֿאַר וואָס איר מיידל קען נאָך נישט דאַוונען, האָב איך זי אָנגעקוקט מיט לאַכנדיקע[ר] פֿאַרווונדערונג. מיר האָט זיך אָבער פֿאַרמיאוסט דאָס לאַכן, ווען כ'האָב זיך איבערצײַגט, אַז זי איז נישט איינע. כמעט אַלע האָבן געהאַט די זעלבע טענה: פֿאַר וואָס איר קינד (פֿון 6 יאָר) קען נאָך נישט דאָס, וואָס יענץ. כ'האָב געפּרוווט אָפּוואַרפֿן די טענות, אויפֿווײַזן. כ'האָב אָבער אײַנגעזען, אַז עס העלפֿט נישט. עס איז פּשוט געווען, אַזוי צו זאָגן אַ מינהג צו האָבן טענות. ווײַזט אויס, אַז דאָס איז געווען אַ געוויסער צײַטפֿאַרטרײַב. ווי אַזוי ס'זאָל נישט זײַן, האָט עס מיך געאַרט. כ'האָב זיך גענומען צום האַרצן, וואָס מענטשן זענען אַזוי באַגרענעצט. מיך האָט דענערווירט זייער טעמפּקייט אין באַגרײַפֿן יענעמס באַמיִונגען. צי האָבן זיי דען נישט געזען, אַז איך האָב געמאַכט אַ איבערקערעניש אין קליינעם וועלטל פֿון זייערע קינדער. די קינדער גופֿא זענען געווען העכסט צופֿרידן. זיי זענען מיט חשק געקומען אין שול. שולדיק זענען געווען די עלטערן, וועלכע האָבן אַלעס געמאָסטן מיט דער מאָס פֿון אייגן נוצן. זיי האָבן אויך דאָ, ווי אומעטום אין זייער קליין וועלטל, געוואָלט האָבן „אַ סך סחורה פֿאַר זייער געלט". מיך האָט עס דענערווירט. אָבער רעדן האָב איך נישט געטאָרט פֿאַר קיינעם. כ'האָב זיך באַהערשט און געלערנט ווײַטער די קינדער. מײַן איינציקער ליכטיקער פּונקט זענען געווען די בריוו פֿון דער היים. נישט אַזוי ווײַט אַלע אַנדערע ווי די בריוו פֿון מײַן חבֿרה. עס זענען געווען בריוו דיקטירט פֿון טיפֿן האַרץ, געשריבן מיט דער אינטענץ מיך צו מוטיקן. עס האָט דאָרט געשטעקט די קראַפֿט פֿון בטחון, עס איז דאָרט געווען דער האַמולעץ פֿאַר מײַנע בונטן. קיינער נישט אַזוי ווי זי האָט מיך פֿאַרשטאַנען און געוווּסט גלײַכצײַטיק ווי אַזוי אָפּצוווענדן מײַנע געדאַנקען פֿון דעם, וואָס איז אומאַנגענעם. און דאָס, וואָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע אין יענע בריוו איז געווען דאָס אומדירעקטקייט פֿון לעבן וואָס האָט פֿון דאָרט געשלאָגן. עס זענען נישט געווען קיין פֿלאַכע געדאַנקען פֿון קליינעם מיידלשן וועלטל, נאָר אַ אָפּשפּיגלונג פֿון מענטשלעכע ראַנגלענישן, מענטשלעכע פֿריידן און ליידן. קיין ביכלעך האָב איך דעמלס כמעט נישט געלעזן. זי האָט דעריבער אין יעדן בריוו געשריבן אַ אײַנדרוק פֿון דעם, אָבער יענעם איבערגעלייענטן בוך. פּלוצעם איז געשען עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט דעצידירט וועגן אונדזער ווײַטערדיקע[ר] קאָרעספּאָדענץ. מײַן פּרעזעס פֿון פֿאַרוואַלטונג (בײַ וועלכן כ'האָב געווווינט) האָט געפֿונען אַ טייל פֿון אַ בריוו, וועלכן כ'האָב צופֿעליק פֿאַרלוירן. באַקענענדיק זיך מיט דעם אינהאַלט האָט ער זיך שטאַרק

געוווּנדערט פֿאַר וואָס איך קאָרעספּאָנדיר מיט אַ סאָציאַליסטקע. (ער האָט עס באַצייכנט נאָך שטאַרקער) ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט מורא פֿאַר פּאָליציי. גראָד איז דאָרט געווען געשריבן אַ אויסצוג פֿון קאַרל קאַוטסקיס אַ בוך. ער האָט עס נישט געוואָלט פֿאַרשטיין, זאָגנדיק אַז דאָס איז „ריינע אַגיטאַציע“ אַז [?] „קאָמפּראָמיטאַציע“ אאַז"ו. כ'האָב געמוזט זוכן אַ עצה. און ווי שטענדיק האָב איך אים צוגעזאָגט נישט צו שרײַבן. געשריבן האָב איך אָבער יאָ צו איר, אונטערן אַדרעס פֿון אַ אַנדער חבֿרה. ס'איז געווען אַ אײַנשטעלונג. זי האָט צו מיר געשריבן, אָן אונטערשריפֿט, צווישן די בריוו פֿון מײַן מוטער. אַזוי האָבן מיר, נישט קוקנדיק אויף קיין שום פֿאַרבאָט ווידער קאָנטינויִרט אונדזער קאָרעספּאָנדענץ. דערווײַל האָב איך אײַנגעאָרדנט אַ פֿאָרשטעלונג. אַליין בין איך געווען רעזשיסערקע. אַליין האָב איך געשריבן סצענקעס אין מאַנגל פֿון מאַטעריאַל. כ'האָב זיך נישט געשראָקן פֿאַר די [דער] אַרבעט, וועלכע איז געווען אומפֿאַרמײַדלעך בײַ די קינדער. זיי האָבן נאָך קיין מאָל נישט אַרויסגעטרעטן אין קיין שום פֿאָרשטעלונג. מײַן אַרבעט איז געקרוינט געווען מיט ערפֿאָלג. צו מאָרגנס נאָכן פֿאָרשטעלונג זענען אַלע אײַנוווינער פֿון שטעטל געשלאָפֿן ביז שפּעט. דערווײַל האָבן זיך אָנגעהויבן די פֿרעסט. די אָרעמע קינדער האָבן אויפֿגעהערט צו קומען אין שול. ס'זענען געווען די פֿאָלגן פֿון אָרעמקייט. עס האָט זיך פֿאַטאַל אָנגעשלאָגן אויף דער שול. ס'זענען געווען טעג, ווען אַ העלפֿט קינדער האָבן געלערנט. די אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון מײַן פֿאַרוואַלטונג איז געווען די סיבה פֿון קריזיס. דאָך האָבן זיי געראָטן איבערצוואַרטן די שלעכטע צײַט, נישט שליסן די שול. ווײַל ס'וועט געוויס קומען צוזאַמען מיט דער וואַרעמקייט אַ באַדײַטנדע פֿאַרבעס[ער]ונג. זייער בטחון האָט אָבער אויף מיר נישט געווירקט באַרויִקנדיק. איך האָב געזען די לאַגע אין איר גאַנצער נאַקעטקייט. יעצט, ווען מײַנע פֿאַרדינסטן זענען געווען קנאַפּ, האָב איך מיט אַ פֿיל גרעסערע[ר] בענקשאַפֿט געקלערט וועגן דער היים. מײַנע בריוו צו מײַן חבֿרה זענען געווען פֿול מיט ספּאַזמאַטישע טענער, פֿול מיט צווייפֿל, מיט בונט קעגן די [דער] גרויזאַמקייט פֿון לעבן, פֿון דעם לעבן וועלכעס כ'האָב געקענט זיך אַזוי שיין אויסמאָלן, אַזוי ברייט פֿאָרשטעלן, און וועלכעס ס'האָט מיך גענויט צו וועגעטירן צווישן מענטשן – העלצער – צווישן וועגן – דערנער, צווישן טעג אומעטיקע און גראָע. ביז ווי לאַנג כ'האָב פֿאַרדינט און געקאָנט אַרויסהעלפֿן מײַן מוטער, האָב איך כאָטש געהאַט די באַוווסטזײַן פֿון אַ ערפֿילטן פֿליכט לגבי איר. און יעצט, ווען אויך די סאַטיספֿאַקציע האָט אויסגעפֿעלט האָב איך זיך געשטיקט. כ'האָב דעמלס געשריבן זייער פֿיל. אויסער די בריוו וועלכע האָבן געציילט צו 10–12 זײַטן, האָב איך געשריבן אַ טאָגבוך. עס זענען דאָרט געווען אויסגעדריקט אַלע מאָמענטן פֿון גרענעצלאָזן ייִאוש, פֿון פֿײַערדיקן פּראָטעסט, פֿון בענקשאַפֿט זיך אַרויסצורײַסן פֿון דעם זומפּ. ווײַל אַ זומפּ איז עס געווען אַזאַ שרעקלעכע[ר]. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז כ'וועל שוין קיין מאָל פֿון דאָרט נישט אַרויס, אַז אַלע וועגן זענען פֿאַרשלאָסן. און אין אָנבליק פֿון דעם איז מײַן אומעט געוואַקסן. ווי כ'האָב שוין באַטאָנט, האָב איך געשריבן. כ'האָב דאָרט אָנגעשריבן (אויסערן טאָגבוך) עטלעכע לידער און צוויי נאָוועלן. געשריבן האָב איך זיי אין פּויליש. די ערשטע א"נ „פֿאַר וואָס“. דורכן מויל פֿון מײַן העלדין קלינגען אַלע מײַנע שטימען פֿון לײַדן. די גרויזאַמקייט פֿון גורל אין באַצוג צו שוואַכע און שוצלאָזע. איר איינציקער געווער איז דער

אומעט[יק]ער „פֿאַר וואָס?“. די צווייטע נאָוועל איז אַ ראַנגלעניש פֿון אַ חסידישן בחור, אין וועלכן עס ווירקן צוויי קראַפֿטן: איינע די פֿאַרגייענדע־חסידישע, די צווייטע די ריזיק סאָציאַלע. ער אַנטלויפֿט פֿון די [דער] ערשטע[ר], געפֿינט אַ שוץ בײַ די [דער] צווייטע[ר]. אָבער אין אָנבליק פֿון אַ שׂריפֿה אין „בית־המדרש“ איז ער זיך מקריבֿ קעגן זײַן ווילן אויפֿן מזבח פֿון זײַנע פֿריִערדיקע איבערצײַגונגען. עס ווירקט דאָס חסידישע בלוט. די נאָוועל הייסט „אַ קרבן פֿון בלוט“ (Ofiara krwi). דאָס אַלעס האָט אָבער מיך נישט באַרויִקט. כ׳האָב געמוזט מיט זיך קעמפֿן כ׳זאָל נישט פֿאַרלירן די גלײַכגעוויכט. כ׳האָב זיך געשטיקט און געבענקט. אָבער די בענקשאַפֿט איז אויך געווען אויסגעמישט מיט נאָך עפּעס אַנדערש. נעמלעך: איך האָב געשטרעבט צו קומען אַהיים און גלײַכצײַטיק געוווּסט, אַז דאָרט וועל איך גאָרנישט קענען אויפֿטון. מיר האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז קיין לעקציעס אַפֿילו וועל איך שוין דאָרט נישט האָבן. טאָ וואָס ווײַטער? שוין ווידער אָן אויסוועג. איז שוין אפֿשר קראַנטער דאָ? ווײַזט עס זיך אויך אַרויס אוממעגלעך. אין קליינעם שטעטל האָט זיך געשטאַרקט די אַנטיסעמיטישע באַציִונג פֿון די נישט־ייִדן לגבי די ייִדן. דאָס לאָזט זיך באַמערקן אין די [דער] קנאַפּע[ר], פֿאַרקלענערטע[ר] פּוילישע[ר] קליענטעלע אין די ייִדישע געשעפֿטן. דאָס לאָזט זיך הערן אין אַ קלאַנג פֿון אַ שויב אין אַ פֿינצטערע[ר] נאַכט. דאָס זעט זיך אין אַ אונטערגעהאַקט אויג פֿון אַ (~~פֿינצטערע נאַכט~~) ייִדישן דאָרפֿסגייער. פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך איך אין שול האָב עס געמוזט דערפֿילן. נעמלעך: די פּאָליציי האָט זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט דער שול, וועלכע איז דאָך נישט געווען לעגאַליזירט, צוליב מאַנגל אין נויטיקע געלטמיטלען. עטלעכע מאָל האָבן זיי זיך געפֿרעגט ווער איך בין, וואָס כ׳טו דאָ אאַז״וו. דאָס, וואָס מ׳האָט זיי געזאָגט האָט זיי ווײַזט אויס נישט באַפֿרידיקט. זיי האָבן געשיקט מיר נאָכשפּירן. איך האָב פֿון דעם אַלעם געוווּסט. איך האָב גוט געזען, אַז מען אָבסערווירט מײַן יעדע באַוועגונג. און יעדעס מאָל, ווען כ׳האָב געזען אַ פּאָליציאַנט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער שטעלט מיך אָפּ און פֿרעגט וועגן די [דער] שולע. בשעת די לעקציעס בין איך געווען אומרויִק, נערוועז. יעדן זונטיק זענען זיך צוזאַמענגעפֿאָרן די פּויערן פֿון די אַרומיקע דערפֿער. זיי האָבן זיך אַרומגעשטעלט בײַם פֿענצטער פֿון מײַן שול און אַרײַנגעקוקט, און אויסגעלאַכט די „זשידאָווסקיע שקאָלע“. צו דעם האָב איך זיך צוגעוווינט. כ׳האָב נאָר מורא געהאַט זיי זאָלן נישט דערציילן קיין פּאָליציאַנט. מײַן אַרבעט איז געוואָרן אַ וואַך. כ׳האָב געמוזט זיך באַמיִען צו זײַן פֿעסט, פֿאַרשלאָסן אין זיך. האָב איך געליטן – און געלערנט. ביז... איין מאָל בשעת אַ לעקציע, איז אַרײַנגעקומען אַ פּאָליציאַנט. די קינדער זענען געבליבן ווי פֿאַרשטיינערט. איך האָב אויף אַ ווײַלע דערזען אַ אָפּגרונט, אין וועמענס טיף עס לײַכטן צוויי גרינע אויגן, איבער וועמענס קאָפּ עס שוועבן טרערן פֿון אַ מאַמען. נאָר געדויערט האָט עס איין אויגנבליק. שנעל האָב איך זיך באַהערשט. מיט די לעצטע כּוחות האָב איך פֿעסט און זאַכלעך ערקלערט, אַז כ׳בין אַ קרובֿה פֿון סוחר וו... וועמענס קינדער איך לערן ייִדיש. מחמת דעם, וואָס אַנדערע קינדער ווילן אויך, לערן איך אויך זיי. ער האָט לפּנים געגלויבט. נאָר פֿון זײַן פּנים האָט געשלאָגן אַ בייזקייט. ער האָט ערקלערט, אַז ער ערלויבט נישט (אין נאָמען פֿון סאָלטיס) אויף קיין „שקאָלעס“. אַזעלכע מוזן זײַן לעגאַליזירט, אַזש אין קעלץ בײַם קוראַטאָר. מײַן פּרעזעס האָט מורא געקריגן פֿאַר אַ

20

שטראָף, און געראָטן תּיכּף די שולע פֿונאַנדערלאָזן. איך האָב אויך נישט געזען קיין אַנדערע עצה. בפֿרט, אַז ס'איז געווען סוף ווינטער פֿאַר פּסח. כ'האָב אַלזאָ געמוזט שליסן די שול. שוין ווידער אַ אַנטוישונג. אמת, ס'איז דאָ געווען ענג. שלעכט. אָבער ווי כאַראַקטעריסטיש! אַ אייביקע וואַנדערין. אין ערגעץ נישט קיין רו. כ'האָב שוין נישט געקלערט, אַז אַ פֿאַטום הענגט איבער מיר. כ'האָב נישט געמיינט, אַז מען שטראָפֿט מיך פֿאַר עפּעס. ווײַל פֿאַר וואָס? צי איז אַ זינד צו אַרבעטן, כּדי צו פֿאַרזיכערן אַ מער־ווייניקע עקזיסטענץ פֿאַר זיך און נאָענטע? אַלזאָ, מענטשן! נאָר זיי האָב איך צו פֿאַרדאַנקען דאָס אַלעס. גרויזאַם האָב איך עס דערשפּירט. און כ'וואָלט אַפֿילו געווען זייער נאַיִוו, וואָלט איך שוין דעמלס נישט געקענט גלייבן אין גערעכטיקייט, פֿון דעם, וואָס כ'האָב אַדורכגעלעבט. צי איז עס גערעכטיקייט, אַז כ'קען גאָרנישט אויפֿטון צוליב עפּעס אַ אויסרעכענונג פֿון סעמינאַר־דירעקטאָר. צי איז רעכט דאָס, אַז ער איז טויב געווען אויף אַלע מײַנע בקשות. איך האָב דעמלס נישט גענומען אין אַכט צי מײַן אינערלעך וועזן וואָלט זיך געקענט אויסלעבן אַלס „בית־יעקבֿ"־לערערין. כ'האָב נאָר געפֿילט דעם אַרונטערפֿאַלנדן באָדן פֿון מײַנע פֿיס. ווידער אָן אַלעם. ווידער זוכן. כ'בין געקומען אַהיים. ווי דערשלאָגן כ'בין געווען האָב איך דאָך געמוזט ווײַזן אַ פֿריילעך פּנים. אַנדערש האָב איך נישט געטאָרט. עס האָט מיך דערצו געניט דער בעטנדער בליק פֿון מײַן מוטער. זי האָט נאָך נישט געוווּסט, וואָס כ'בין דאָרט אַדורכגעגאַנגען. נאָך וואָס איר דערציילן? זי איז געווען מוטיק, אַז כ'בין געווען אַ לערערין. נאָר ווען כ'האָב גערעדט מיט מײַן חבֿרה האָב איך אַראָפּגעוואָרפֿן די מאַסקע פֿון צופֿרידנהייט. איך האָב איר אַלעס געזאָגט. עס זענען געווען ווידויס פֿון לײַדן. עס זענען געווען ערינערונגען פֿון אָן אַ צאָל אינערלעכע לײַדן. עס זענען געווען ~~ערינערונגען~~ ערציילונגען פֿון גרענעצלאָזע[ר] ראַנגלעניש פֿון אַ ריין האַרץ מיט אָן אַ שיעור מענטשלעכע מיאוסקייטן. און דאָ האָב איך איבערגעגעבן מײַן גאַנצן עקל לגבי די [דער] גרויזאַמקייט פֿון שלעכטן אָרדענונג. און ס'וואָלט זיכער געקומען צו אַ אינערלעכע[ר] קאַטאַסטראָפֿע פֿון געפֿילן, ווען נישט די הילף פֿון מײַן חבֿרה. זי איז געווען אַ סאָציאַליסטקע. זי האָט מיר געגעבן אייניקע ביכלעך. מיט לײַדנשאַפֿט האָב איך זיך געוואָרפֿן צו זיי. איך האָב זיי געשלונגען, אין איין צײַט געווען באַרויִקט. אָבער נישט שטיל. איך האָב נאָר באַהערשט די שרײַענדע געפֿילן אין זיך. כ'האָב זיך פֿעסטער גענומען אין די הענט. און עס האָט זיך געעפֿנט אַ נײַע וועלט. אייגנטלעך איז עס *האָט זיך געעפֿנט אַ נײַע וועלט. אייגנטלעך איז עס* [ווערטער איבערגעחזרטע אין כּתבֿ־יד] געווען אַ אַלטע געשיכטע, וועלכע האָט געלעבט אין מיר. איר נײַקייט האָט געשטעקט אין דעם, אַז כ'האָב זי איצט דערזען. איך האָב דערזען דעם נאַקעטן אמת. איך האָב אויפֿגעהויבן די הינטערקוליסן פֿון צדקה און בעל־צדקות, פֿון טובֿה און בעל־טובֿות. כ'האָב שוין גאָר אַנדערש געקוקט אויף מענטשן. נישט אַלס שלעכטע, אָבער שולדיקע האָב איך זיי באַטראַכט. נישט זיי זענען שלעכט פֿון זיך, נישט זיי זענען גוט. אַלע זייערע שטרעבונגען זענען אָפּהענגיק אין די מאַטעריעלע און סאָציאַלע באַציִונגען, אין וועלכע זיי זענען אַנטקעגן זיך אַוועקגעשטעלט. איז אַלזאָ דער פּאָליציאַנט וועלכער האָט מיך באַזײַטיקט פֿון מײַן פּאָסטן נאָר אַ דינער פֿון זײַנע פֿליכטן, וועלכע זענען פֿון אויבן באַצייכנט. איז אַלזאָ דער סעמינאַר־דירעקטאָר ג–ט די נשמה שולדיק. נישט ער האָט דאָך געוואָלט מיר שלעכטס טון. די

באַוועגונג, איר ערפאָלגרייכע אַנטוויקלונג האָט עס פאַרלאַנגט. נו, יאָ. האָט אָבער די פראַגע אַליין זיך געשטעלט: צי איז עס גוט אַזוי? צי איז ריכטיק, אַז איין מענטש זאָל ליידן, און דער צווייטער זאָל לעבן גליקלעך נישט קענענדיק עס אַפילו אָפּשאַצן? אַ אייביקע פראַגע. אַ האַרבער פּראָבלעם פון „רשע טובֿ לו, וצדיק רע לו“ אָבער צי קען איך דאָס לעצטע פאַרענטפערן מיט די [דעם] רעקאָמפּענסאַט אויף „יענע[ר] וועלט“ פאַר די ליידן אויף דער וועלט? צו פיל האָב איך געליטן פון מענטשן, וועלכע זענען דאָך אַ „צלם אלוקים“, אַז מיין גלויבן זאָל נישט ווערן פאַרטונקלט. צו יונג בין איך געווען, אַז כ׳זאָל קלערן וועגן מיין „חלק עולם־הבא“. איבעריקנס מיר האָט זיך נאָך נישט געגלוסט דאָרט אַהין. דערווייל האָט מיך גערופן דער עולם־הזה. וואָס טוט מען? יעצט, ווען כ׳האָב דערזען דעם אמת האָב איך אויפגעהערט צו אידעאַליזירן אַלעס. כ׳האָב אָן די [דער] פריִערדיקע[ר] פאַנטאַזיע באַגריפּט דאָס לעבן. כ׳האָב נאָר געזוכט אַ מיטל זיך צו דערהאַלטן כּדי נישט צו ווערן צעריבן פון די גרויזאַמע רעדער פון טאָגטעגלעכן לעבן. איבעריקנס האָב איך זיך נישט געפילט פאַראיינזאַמט. עס איז מיר געוואָרן נאָענט די גאַנצע וועלט. עס זענען מיר געוואָרן נאָענט די מיליאָנען שוועסטער און ברידער פּראָלעטאַריער, ווי איך. איך האָב זיך דערזען אין איין ריי מיט אַלע ליידנדע. איך האָב זיך זיי צוגעקוקט. זיי זענען אַפילו געווען מענטשן פאַרהאָרעוועטע, וועלכע האָבן נישט געהאַט דאָס געמיט זיך צו באַטראַכטן. אָבער איך האָב זיי פאַרשטאַנען. עס זענען געווען די פעדעם פון געמיינזאַמען גורל, וועלכע האָבן אונדז פאַרבונדן. מיר האָט נאָר ווי געטון וואָס די יוגנט ביי אונדז אין שטאָט, און דווקא די פּראָלעטאַרישע איז זייער פוסט. זיי האָבן זיך (מיט קליינע אויסנאַמען) געווילט, געשטיפט אַז״וו. נאָר בייז בין איך נישט געווען אויף זיי. זיי מוזן עס געטון [!] כּדי זיך צו דערהאַלטן. און די יוגנט פאַרלאַנגט ס׳איריקע. איך בין געווען אַ שטילע פאַרערין פון סאָציאַליזם. דער אמת האָט מיר ערלייכט דאָס לעבן. כ׳האָב שוין מער נישט געזוכט קיין פאָסטנס. מיט גלייכגילטיקייט האָב איך אָנגעהויבן ווידער ערטיילן קאָרעפּעטיציעס. כ׳האָב געוווסט אַז כ׳וועל גאָרנישט אויפטון מיט מיינע קנאַפּע כּוחות. מיין מוטער האָט גאָרנישט געוווסט. זי האָט זיך נאָר געוווּנדערט, וואָס כ׳בין אַזוי גלייכגילטיק צו מיין פאַרלוירענעם פאָסטן. זי האָט נישט געוווסט אויף ווי ווייט כ׳בין שוין אַוועק פון געדאַנק צו זיין אַ לערערין. איינס איז נאָר געבליבן נישט אין אָרדענונג. אין „בית־יעקבֿ“ האָט מען ווידער אָנגעהויבן מיך אָנצוגרייפן צוליב מיין פריינטשאַפט מיט מיין חבֿרה. איך בין פון דאָרט נישט אַרויסגעטרעטן. איך קען עס נישט טון. דאָס שטעטל איז זיך גאַנץ קליין און מיין אַרויסטרעטן פון „בנות“ וואָלט מען זיך פאַרשידן קאָמענטירט. אין די [דער] ערשטער ריי וואָלט מען מיך באַשולדיקט אין גאַרונג נאָך „לעבן“ (אַ ספּעציפיש גריצער באַצייכענונג). מיין מוטער וואָלט אויסערגעוויינטלעך געליטן. ווי אויך די גאַנצע משפּחה. און מיין מוטער איז דאָך שוין ~~אַזוי~~ מער נישט געבליבן אין לעבן – ווי דער בטחון, אַז איך וועל זיין אַ מאָל גליקלעך מיט איר צוזאַמען... (וואָס טויג אַזוי שנעל זי אַנטוישן?) איך האָב דעריבער בשום־אופן עס נישט געקענט טון. און אפשר וואָלט איך עס יאָ געטון האָב איך נישט געהאַט קיין שום אָרגאַניזאַציע, ווו כ׳זאָל קענען אַריינטרעטן. איך בין אַלזאָ געקומען אין „בנות“. דאָ איז מען פון מיר געווען נישט צופרידן. ערשטנס האָב איך זיך צו פיל אָקעגנגעשטעלט דעם אַלעם, וואָס מען האָט דאָרט

22

געזאָגט. עס איז אַפֿילו בײַ אונדז פֿאַראַן אַ געוויסע „פֿרײַהייט“ פֿון אַרויסזאָגן זיך. אָבער נישט דאָס מײנען זיי. עס איז נאָר פֿאָרויסגעזעען דער פּילפּול ווי אין די אַלטע גוטע צײַטן פֿון ייִדישע ישיבֿות. עס איז אַפֿילו דאָ אַ געוויסע טייל פֿראַגן וועגן די [דער] „אויסערלעכע[ר] וועלט“. דאָס אַלץ ווערט אָבער באַטראַכט אַלס מיטל אויפֿצוווײַזן ווי „אונדזערס“ איז אייביק דויערנד, אַז „אונדזערס“ איז ריכטיק, אַז „אַתּה בחרתּנו“. דעריבער איז קיין ווונדער נישט, וואָס איך מיט מײַ[נע] אַרויסטרעטונגען בין דאָרט געווען אַ באַלאַסט. מען האָט מיך גערופֿן אויף פֿאַרשידענע אויספֿאָרשונגען. מען האָט געהאַט טענות נישט וויסנדיק וואָסערע. זיי האָט [!] נישט געפֿעלן, וואָס כ׳האָב זיך אײַנגעשריבן אין „פֿאָלקס־ביבליאָטעק“. שײַנט, אַז זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר געפֿערלעך דאָס לעזן ביכלעך. זיי האָט אַזוי פֿיל נישט געאַרט די פּוילישע ביכער, ווי די ייִדישע. די לעצטע זענען דאָך לויט זייער באַגריף אַ סכּנה. „ווײַל ווען מען לייענט פּוילישע – האָבן זיי געטענהט – האָבן זיי נישט דעם אוממיטלבאַרן כּוח צו מאַכן גוייִש, אָבער די ייִדישע ביכער זענען דאָך געשריבן פֿון „אָפּטריניקע אַפּיקורסים“ פֿון „ימח־שמוניקעס“ און זיי דערציילן אויסגעזויגענע פֿון פֿינגער געשיכטעס פֿון פֿרומע ייִדן, וועלכע זענען ג–ט די נשמה שולדיק.“ נישט קוקנדיק דערויף האָב איך געלעזן. פֿאַר מיר האָט זיך אַנטדעקט אַ נײַע וועלט. ביז דעמלס האָב איך אין גאַנצן נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס פֿאַר ייִדישע ביכער. זיי זענען מיר געווען אומבאַקאַנט. יעצט האָב איך זיך געקוויקט מיט יעדן בלעטל ייִדיש. כ׳האָב דערזען אַ ריזיקן באָדן פֿאַר טראַכטן. ווײַל אויב כ׳האָב געטראַכט אין אַלגעמיין וועגן מענטשן, האָב איך דאָך נישט געקענט די ייִדן. פֿון דער זײַט, פֿון וועלכע[ר] עס האָבן זיי מיר געוויזן: „מענדעלע מוכר־ספֿרים“, אַש, שלום־עליכם, און אַנדערע. כ׳האָב דערזען דאָס צבֿיעות פֿון די „פֿײַנע נשמות“ דעם עלנט פֿון „עמך“. מיך האָט פֿאַרדראָסן, וואָס כ׳האָב זיך ביז איצט אַזוי קנאַפּ אינטערעסירט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור. מיט די [דער] איבערצײַגונג האָב איך זיך גענומען צו לייענען אַלעס, וואָס האָט נאָר געהאַט צו טון מיט ייִדיש. אין „בגות“ האָט מען זיך שוין געהאַט ערנסט באַטראַכט מען זאָל מיך באַזײַטיקן. דער איינציקער האַמולעץ איז געווען דער אָנדענק פֿון מײַן פֿאָטער. זיי האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר אַ מיצווה, צו זײַן מײַנע גײַסטיקע אַפּוטרופּסים. אָבער יעצט וואָלטן זיי באַשטימט מיך באַזײַטיקט. די וויכטיקסטע טענה איז געווען פֿאַר וואָס איך חבֿר זיך מיט פֿרעמדע. איך האָב גוט פֿאַרשטאַנען וועמען זיי מיינען. אונטערגעבן זיך אָבער האָב איך נישט געוואָלט, ווײַל כ׳האָב נישט געקענט. האָט זיך אָבער געטראָפֿן עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט פֿאַרטונקלט אַלע זייערע באַמיִונגען. איך בין קראַנק געוואָרן. איך האָב ערטיילט אַ לעקציע ערגעץ הינטער דער שטאָט. יעדן טאָג בין איך געגאַנגען 2 קילאָמעטער צו פֿוס נישט געקוקט אויפֿן וועטער. ווי לאַנג ס׳איז געווען זומער האָט עס מיר נישט געשאַט. ווען ס׳זענען אָבער אָנגעקומען די רעגנדיקע הערבסטטעג האָב איך זיך פֿאַרקילט. כ׳בין געוואָרן שווער קראַנק. מען האָט מיך געדאַרפֿט אָפּערירן. עס האָט געדויערט 2 חדשים. און דעמלס האָב איך אַזוי פֿיל איבערגעלעבט! איך האָב געקלערט, אַז כ׳וועל נישט געזונט ווערן. עס זענען געווען מאָמענטן פֿון אויסערגעוויינטלעכן צער, אָבער נישט פֿון רעזיגנאַציע. איך האָב געוואָלט זײַן געזונט, לעבן! אָן אונטערשיד ווי אַזוי, אַבי לעבן. עס זענען געווען שווערע וואָכן. אין די שלאָפֿלאָזע נעכט איז געווען שרעקלעך דער רעכענונג פֿון געוויסן, דער

בילאַנס פֿון לעבן. אַ בינטל נישט דערפֿילטע פֿאַרלאַנגען, אַ שטענדיק געיעג נאָך עפּעס ערהאָבנס, אַ קליין ביסעלע נישט־דערלויבטע פֿרייד, דאָס איז עס אין גאַנצן. ספּאַזמען האָבן געדריקט. דער היציקער מוח האָט אָנגערוקט אויסטערלישע בילדער. און איבעראַל האָט געפֿלאַטער[ט] אַ טרויעריקער: „פֿאַר וואָס?“. און בעטנדיק, הויך האָט געקלונגען אַ פֿאַרלאַנג: „לעבן!“. עס האָט אויסגעפּעלט די וויזיע פֿון גן־עדן. מײַן יונגער אָרגאַניזם האָט באַהערשט די קרענק. עס איז אַדורך אָן אָפּעראַציע. איך בין געוואָרן געזונט. מיט די [דער] גאַנצע[ר] קראַפֿט פֿון יוגנט האָב איך זיך געפֿרייט פֿון מײַן געזונט ווערן. בפֿרט, אַז קעגן מײַן חבֿרה האָט די „בנות“־פֿאַרוואַלטונג שוין יעצט גאָרנישט געהאַט. זי האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ איבערגעגעבנהייט בעת מײַן קראַנקייט, זי האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל אָפּפֿערונג פֿאַר מיר, אַז זיי האָט עס גערירט. לאַנג קיין רעקאָנוואַלעסצענטקע האָב איך נישט געקענט זײַן. ווידער צו דער אַרבעט. הגם, ס'איז מיר אָנגעקומען שווער, דאָך בין איך געווען גענויט דערצו. אַ גאַנצן ווינט[ער] האָב איך פֿאַרברענגט מײַן צײַט צווישן אַרבעטן און ליגן אין בעט. אַלס פֿאָלגן פֿון נישט־געהעריקן אָפּרו נאָך דעם קראַנקהייט זענען געווען כּסדרדיקע פֿאַרקילונגען אד"גל. כ'האָב ווידער געשריבן. דאָס מאָל בלויז אין טאָגבוך. איך האָב דאָך נישט קיין אַמביציעס צו ווערן דיכטערין, אָבער שרײַבערין. מײַן חבֿרה האָט אַפֿילו מיך צוגערעדט, כ'זאָל דאָס, אָדער יענץ אָפּשיקן אין אַ רעדאַקציע. איך האָב עס נישט געטון אויס מורא, טאָמער וועט מען מיך אויסלאַכן. און בײַ מיר זענען די אַלע זאַכן געווען צו טײַער. עס שטעקט אין זיי צו פֿיל אייגענער איך, אַז כ'זאָל עס קענען פֿאַרטראָגן. איבעריקנס כ'האָב נישט וווהין עס צו שיקן. אַלץ איז געשריבן אין פּויליש. און טראָץ דעם, וואָס ס'זענען פֿאַראַן ייִדיש־פּוילישע צײַטשריפֿטן דאָך וואָלט איך קיין איינעם פֿון זיי נישט געשיקט. כ'בין אין ספק צי אין יענע וועלן זיי געפֿינען אַ אָרט צוליב זייער טעמע. נאָר לעצטנס האָט מיך דענערווירט איין פֿראַגע: פֿאַר וואָס איך אַליין שרײַב נישט ייִדיש? פֿאַר וואָס, אויב כ'בין אַ ייִדישקע דאַרף איך זיך באַנוצן מיט אַ פֿרעמדע[ר] שפּראַך? דער ענטפֿער איז גאַנץ פּשוט: איך האָב ביז לעצטנס אין גאַנצן נישט געלעזן קיין ייִדישע ביכער. דאָס, וואָס כ'האָב יאָ געלעזן זענען עס געווען איבערזעצונגען פֿון העברעיִש און סתּם לערנביכער פֿון „בית־יעקבֿ“. יענע האָבן נישט געטראָגן דעם כאַראַקטער פֿון ליטעראַטור. איך האָב זיך צוגעזאָגט מײַן טאָגבוך צו שרײַבן ייִדיש, הגם ס'וועט מיר אָנקומען מיט געוויסע שוועריקייטן. נאָר טראָץ דעם האָב איך נאָך אַלץ געשריבן פּויליש. ביז... אַרײַנקומענדיק אין „פֿאָלקס־ביבליאָטעק“ האָב איך געלייענט די באַקאַנט־מאַכונג פֿון „ייִוואָ“. מײַן האַרץ האָט שטאַרקער אַ קלאַפּ געטון. כ'האָב געוווסט, אַז כ'וועל אָנשרײַבן מײַן אויטאָביאָגראַפֿיע. דאָס וועט אַלזאָ זײַן מײַן ערשטע אַרבעט געשריבן ייִדיש. אָבער ס'איז געווען נישט בלויז צוליב דעם מײַן פֿרייד. ענדלעך! כ'וועל אָנשרײַבן אָפֿן־הערציק. עס איז געווען אינטערעסאַנט. עס איז געווען „אַ בריוו פֿאַר זיך אַליין“. ווײַל אויב ס'איז מיר ביז איצט אויסגעקומען צו שרײַבן עפּעס אַזעלכעס איז עס געווען אײַנגעפּאַסט אין געוויסע ראַמען. און דאָ וועל איך זיך קענען אַרויסזאָגן פֿרײַ, אָן שום פֿליכט צוצופּאַסן זיך צו אַ געוויסע[ר] פֿאָדערונג. עס וועט זײַן אַ רעכענונג פֿון אייגענעם לעבן אין ליכט פֿון אייגענע געפֿילן און געדאַנקען. כ'האָב אָבער געהאַט געוויסע סקרופּולן צוליב די [דער] היים און צוליב דעם „בית־יעקבֿ“. יאָ, איך געהער נאָך אַלץ אין

„בנות“. די סיבה דערפֿון האָב איך שוין איין מאָל באַטאָנט. איך האָב נישט וווּ צו גיין. מײַן גאַנצע סבֿיבֿה איז אַזעלכע. מײַן מוטער וואָלט זייער געליטן. מעגלעך, אַז כ׳וואָלט דערויף נישט געקוקט, איז אָבער בײַ אונדז נישט פֿאַראַן קיין שום אָרגאַניזאַציע וועלכע זאָל געבן עפּעס, אויסער איבערפֿלעכלעכע פֿאַרגעניגן. קיין אַקטיווע „בנות“־מיטגלידערין בין איך נישט. כ׳קום זייער קנאַפּ. כ׳טײַטש עס אויס מיט מאַנגל אין צײַט. עס איז ווירקלעך אַזוי. כ׳בין פֿאַרנומען 12 שעה אין טאָג. דאָס אַלעס גענוגנט אָבער נישט, אַז כ׳זאָל קענען וווינען אין מער ווי אין איין צימער, אַלס סובלאָקאַטאָרקע צוזאַמען מיט מײַן מוטער און שוועסטער. נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפֿן אויף די לעקציעס (כ׳האָב לעקציעס אויך) קען איך נישט פֿרײַ לעזן קיין בוך. איין גליק, וואָס עס דערנענטערט זיך זומער. עס ~~איז~~ עקזיסטירט אַ מעגלעכקייט צו לעזן אויף דער פֿרײַער לופֿט. (כ׳וועל זײַן קנאַפּ באַשעפֿטיקט, צוליב די פֿעריען) אַפֿילו יעצט ווען כ׳שרײַב די שורות בין איך ערמידערט. אָבער עס אַרט מיך נישט אַזוי פֿיל די מידקייט. אין אָנבליק, אַז כ׳שרײַב צום ווײַטן־נאָענטן ווערט מיר לײַכט. איך ווייס גאַנץ קנאַפּ וועגן „ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט“ אָבער פֿון די בלעטלעך פֿון די ווענט האָט געשלאָגן אַזאַ אומדירעקטקייט פֿון פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער יוגנט, אַזאַ אינטימקייט, אַז נישט קוקנדיק וויפֿל כ׳שטעל אײַן שרײַב איך. ווײַל דער מינדסטער פֿאַרדאַכט אין „בנות“, אַז כ׳האָב געשריבן וועט אַרויסרופֿן אַ אויסערגעוויינלעכן פּראָטעסט. זיי וועלן עס מיר דעמלס געוויס נישט פֿאַרצײַען. און נאָר די זיכערקייט, אַז דאָרט וווהין כ׳שרײַב וועט מען אויף מײַן ווונטש גאָרנישט איבערגעבן דער עפֿנטלעכקייט האָט מיר געגעבן די דרייסטקייט צו שרײַבן. בײַ אונדז אין שטוב ווייסט מען נישט אַפֿילו, וואָס כ׳שרײַב. מײַן ברוליאָן ליגט טיף באַהאַלטן. וועגן מײַן שרײַבן ווייסט נאָר מײַן חבֿרה. ווער ווייס? אפֿשר וועט די אויטאָביאָגראַפֿיע אַרויסרופֿן אַ ווענדונג אין מײַן לעבן. זי איז פֿאַר מיר גופֿא אַ נײַעס. איך האָב נאָך קיין מאָל אַזוי ערנסט באַטראַכט מײַן לעבן. יעדן פֿאַלס איז עס געווען אַ לעבן אַ שווערס. עס איז ביזן הײַנטיקן טאָג שווער. עס זעט זיך נישט קיין מעגלעכקייט עס צו פֿאַרבעסערן. עס דריקט דאָס מאַטעריעלע, עס קוועלט די צווייִדײַטיקייט פֿון דער סיטואַציע. עס דענערווירט דאָס טאָפּלטע פּנים, דער נישט־ריכטיק פֿאַרשטאַנענער איך. און רעדן קען מען נישט, ווײַל מען פֿאַרשטייט דיך נישט. און די וועלכע פֿאַרשטייען יאָ, קענען קנאַפּ העלפֿן. די נשמה רײַסט זיך צו ווײַטע האָריזאָנטן, און כ׳פֿאַרבלײַב אין קליינעם וועלטל פֿון ענגע פֿליכטן. אַרויסרײַסן זיך איז אוממעגלעך, ווײַל דאָס וואָלט געהייסן פֿאַרלירן דעם באָדן. ווערט אַלזאָ דערשטיקט דער פּראָטעסט מיטן קול פֿון שׂכל. ווערט פֿאַרטרעטן דאָס רעאַלע מיט לייענען ביכער. און מען לעבט. טייל מאָל לאַכט מען. און ווען אין די [דער] טיפֿעניש פֿון האַרץ קלינגט אָפּ אַ זיפֿץ פֿון ווייטאָג, ווען אין אויגן מידע כאָטש יונגע צינדן זיך פֿונקען פֿון גליִענדן בונט און פּראָטעסט, ווערט עס פֿאַרלוירן אין טומל פֿון פֿאָרויסגייענדן לעבן, וועלכעס שלײַדערט אַוועק שוואַכלינגען, וועלכעס באַקעמפֿט רעוואָלטירנדע. נאָר בלויז פֿון די ליפּן טראָגט זיך אַ אייביקער: „פֿאַר וואָס?“. און גלײַך נאָך דעם גלײַכן זיך די אַקסלען, שטאַרקן זיך, גרייט איבערצוטראָגן דאָס אַלעס, נישט לאָזן זיך! נאָר מיט בטחון, פֿאָרויס!

... דורך דעם דינעם, הילצערנעם ווענטל פֿון מײַן שכן דערגייט דער טורקאָט פֿון אַ ניימאַשין. עס קלאַפּט אין מײַן מוח און שטערט מײַן אַרבעט. און גלײַכצײַטיק וואַכט אויף אַ געדאַנק: ווי באַגרענעצט זענען יעצט מײַנע געדאַנקען! זיי גאַרן נישט מער, ווי נאָך די [דער] מעגלעכקייט צו וווינען אין אַ באַזונדערע[ר] שטוב... ווײַל ס'איז דאָך אַ כּלל בײַ מיר: אַ גרויסער, שיינער, אידעאַלער געדאַנק שלאָגט זיך אָן אין אַ מאַטעריעלע[ר] שטערונג. די לעצטע רופֿט ווידער אַרויס פֿרישע דערינערונגען.

„אסתּר“

גריצע, 7 מײַ 1939 יאָר.

איך בעט זייער גאָרנישט צו פּובליקירן. אויב עס איז אוממעגלעך מײַן ווונטש צו ערפֿילן, בעט איך נישט צו דערמאָנען **דעם נאָמען פֿון שטאָט**. דאָס וועט ברענגען פֿאַר מיר **זייער נישט גינסטיקע קאָנסעקווענצן**. איך שיק נישט איבער מײַן טאָגבוך, ווײַל ס'איז געשריבן אין פּויליש. אויף די [דער] פֿאָדערונג פֿון „ייִוואָ“ קען איך אים איבערשיקן.

BIBLIOTECA
DE
NICOLAS E HILDA BACKAL

# יצחק באַשעוויס

# מײַן טאַטנס בית־דין שטוב

תשי״ז — ניו־יאָרק — 1956

ISAAC BASHEVIS SINGER

# BETH DIN SHTUB

## MY FATHER'S COURT ROOM

*Library of Congress*
*Catalog Card Number:*
*56—12892*

COPYRIGHT 1956,
BY ISRAEL LONDON

*All rights reserved. No part of this book may be reproduced in any form without the permission of "Kval" Publishers*

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK CITY

# אַ פּאָר ווערטער פֿאַראויס

„אין מיין טאַטנ׳ס בית דין שטוב״ איז אין אַ געווּיסן זין אַ ליטעראַרישער עקספּערימענט. עס איז אַ פּרואוו צו פֿאַראייניקן זכרונות מיט בעלעטריסטיק. די סעריע האָט זיך געדרוקט אין „פֿאָרווערטס״ אונטער מיין זשורנאַליסטישן פּסיידאָנים יצחק וואַרשאַווסקי. דער סטיל, דער צוגאַנג צו דער שילדערונג, דער גאַנצער אופֿן פֿון איבערגעבן סיטואַציעס איז אַנדערש ווי אין מיינע ריין־בעלעטריסטישע ווערק. עס פֿעהלט דאָ די כלומרשט׳ע אָביעקטיוויטעט, וואָס איז נויטיק נישט אַזוי וויט פֿאַר דעם בעלעטריסטישן אינהאַלט ווי פֿאַר דער פֿאָרם.

¶ איך האָב באַשלאָסן צו אַדאַפּטירן „אין מיין טאַטנ׳ס בית דין שטוב״ און עס צושטעלן צו מיינע בעלעטריסטישע שאַפֿונגען דערפֿאַר ווייל די דאָזיקע סעריע גיט אַ בילד פֿון אַ לעבן און אַ סביבה וואָס איז איינמאָליק און דעריבער אייגנאַרטיק. די בית־דין־שטוב איז אַן אַלטע אינסטיטוציע ביי יידן, זי האָט זיך אָנגעהויבן בעת יתרו האָט געראָטן משה רבנו׳ן אויסצוקלויבן פֿון פֿאָלק טיכטיקע לייט, מענטשן פֿון אמת, וואָס האָבן פֿיינט געלט אָדער גזלה, און אַז זיי זאָלן משפּט׳ן יידן. עס ציהט זיך אַ דירעקטע ליניע פֿון דער היינטיקער בית דין שטוב ביז צו די פּוסקים, גאונים, נשיאים, אמוראים, תנאים, אנשי כנסת הגדולה און דער סנהדרין. די בית־דין־שטוב איז געווען אַ מין קאָמבינאַציע פֿון אַ געריכט, אַ געבעט־הויז, אַן אוניווערזיטעט און — אויב איר ווילט — אַ קאַבינעט פֿון אַ פּסיכאָ־אַנאַליטיקער וואו מענטשן מיט שווערע געמיטער קאָנען פֿריי אַרויסריידן וואָס עס דריקט זיי. נישט בלויז האָט די בית־דין־שטוב באַוויזן אַז אַזאַ קאָמבינאַציע איז מעגלעך, נאָר זי האָט אויך באַוויזן אַז אַזאַ קאָמבינאַציע איז נ ו י ט י ק. איינזייטיקייט קאָן נישט ברענגען קיין גערעכטיקייט. שטייפֿע כללים פֿון פּראָצעדור באַ׳עוולה׳ן פֿאָראויס דעם שוואַכן. ס׳איז מיין טיפֿסטע איבערצייגונג אַז דאָס צוקונפֿטיקע געריכט וועט זיין אַ בית־דין־שטוב, בתנאי אַז די וועלט וועט געהן מאָראַליש פֿאָראויס, נישט צוריק.

¶ איך האָב נישט געפּרואווט פֿאַרשענערן די בית־דין־שטוב, אָדער אַריינלייגן אין איר פֿאַקטן און אידעען, וואָס זענען דאָרט נישט געווען. אין יעדן דור איז די בית־דין־שטוב געווען אַנדערש און יעדער רב אָדער מורה הוראה האָט באַפֿאַרבט די דאָזיקע אוראַלטע אינסטיטוציע מיט זיין כאַראַקטער און פּערזענלעכקייט. אין דעם זין מיין איך אַז די בית־דין־שטוב איז איינמאָליק. ווייל בלויז דאָס איינמאָליקע און אינדיווידועלע קאָן זיין כאַראַקטעריסטיש און מיט זיך פֿאָרשטעלן קינסטלעריש אַ טיפּ.

די אידעע צו שרייבן די דאַזיקע סעריע איז ביי מיר אַן אַלטע, אָבער פאַרווירקלעכט איז זי געוואָרן אַ דאַנק אַ שמועס וואָס איך האָב געהאַט מיט הלל ראָגאָף, דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״, בעת מיר זענען גראד געפאָרן צוזאַמען אין דער סאַבוויי. די אידעע אַרויסצוגעבן די דאָזיקע זאַמלונג אין בוך־פאָרם קומט פון ישראל לאָנדאָן, דער פארלעגער פון דעם דאָזיקן בוך. דער פלאַן צו באַנייען זיין פאַרלאַג „דער קוואַל״ איז אויך אַ רעזולטאַט דערפון.

¶ ישראל לאָנדאָן פלאַנט אַז דאָס דאָזיקע בוך זאָל ווערן אַן אָנהויב פון אַ גרויסער און פאַרצווייגטער פאַרלעגערישער טעטיקייט.

¶ איך האָב געוואָלט איבערלאָזן דעם אימפעט פון סטיל, די דירעקטקייט פון דער ווענדונג, און דעריבער האָב איך דאָ ווייניקער געשליפן דעם יידיש. איך האָב זיך דאָ נישט געוואָלט ארייַנלאָזן אין אַרכאַאיזמען און אין שפּראַך־באַצירונגען. איך האָב איבערגעלאָזט דאָס לשון און דעם נוסח פון יצחק וואַרשאַווסקי, ווייל עס איז גיכער אין איינקלאַנג מיט דעם אינהאַלט.

¶ די בית־דין־שטוב פאַרשווינדט איצט ביי יידן, אָבער איך בין זיכער אַז זי וועט ווידער זיך באַנייען און וועט ווערן אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע אינסטיטוציע. די אידעע פון דער בית־דין־שטוב איז, אַז ס׳קאָן נישט זיין קיין גערעכטיקייט אָן געטליכקייט און אַז דער בעסטער משפט איז יענער, וואָס די בעלי־דינים נעמען אויף זיך מיט׳ן גוטן ווילן און מיט אַ גלויבן אין די העכערע כוחות. דער היפוך פון דער בית־דין־שטוב איז די אינקוויזיציע, און אַלע יענע געריכטן וואָס באַנוצן זיך מיט כח און גוואַלד־טאַט, אַלץ איינס צי זיי זענען רעכט אָדער לינק.

¶ די בית־דין־שטוב איז מעגלעך געווען ביי אַ פאָלק פון טיפן גלויבן און גרויסער הכנעה. זי האָט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה אין דער צייט ווען יידן האָבן נישט געהאַט קיין שום מאַכט, קיין שום תקיפות. דאָס וואָפן פון דעם דיין איז געווען די קעשענע־פאַרטשיילע וואָס מיט איר האָבן די בעלי־דין מקבל קנין געווען.

¶ „אין מיין טאַטנ׳ס בית דין שטוב״ איז אַ מצבה אויף אַ מת, וואָס וועט אויפשטעהן תחית המתים. די בית־דין־שטוב ביי אונז יידן איז אפשר אַן אומענדלעך קליינער און טונקעלער מוסטער פון דעם בית דין של מעלה, גאָט׳ס משפט וואָס איז, ווי מיר יידן גלויבן, דורכאויס חסד.

יצחק באַשעווים

ניו־יאָרק, היתשי״ז

# 1

# אַ קרבן

אויסטערלישע מענטשן זענען פאַראַן און אויסטערליש זענען טיילמאָל זייערע חשבונות. אין אונזער הויז, קראָכמאַלנע 10, אין אונזער איינגאַנג, האָט געוואוינט אַן אַלט פּאָרפאָלק, פּראָסטע לייט. ער איז געווען אַ בעל־מלאכה, אָדער אַ הענדלער. זיי האָבן שוין געהאַט אויסגעגעבן אַלע קינדער. די שכנים האָבן גערעדט, אַז ווי־וואויל זיי זענען שוין אַן אַלט פּאָרל, פירט זיך צווישן זיי אַ ליבע. שבת נאָכ'ן טשאָלנט זענען מאַן־און־ווייב געגאַנגען שפּאַצירן געאָרעמט. אין שפּייז־קרעמל, אין יאַטקע, אומעטום וואו די יידענע איז געקומען איינקויפן, האָט זי נאָר גערעדט וועגן איר'ן. מ י י נ ע ר האָט ליב שוואַמען, מ י י נ ע ר האָט ליב בעבלעך, מיינער האָט ליב רינדערנס, קעלבערנס, בראָטן, שפּאָנדרע. פאַראַן אַזוינע ווייבער, וואָס הערן נישט אויף צו רעדן וועגן זייערע מאַנען. ער, דער מאַן, האָט אויך ביי יעדער געלעגנהייט געזאָגט: מ י י ן  ו ו י י ב. מיין מוטער, אַ רבנ'ישע טאָכטער, פלעגט קוקן קרום אויף אַזוינע פּאָרפעלקער. ס'איז געווען פאַר איר אַ צייכן פון פּראָסטקייט. אָבער ליבע, ווער שמועסט נאָך צווישן אַן אַלט פּאָרפּאָלק, איז נישט אָוועקצומאַכן מיט די הענט.

מיט אַמאָל האָט מען דערהערט אַ זאַך, וואָס האָט אַרויסגערופן אין אַלעמען אַ שוידער: דאָס אַלטע פּאָר־פּאָלק גייט זיך גט'ן.

די קראָכמאַלנע גאַסט האָט געשטורעמט. סטייטש? ווי איז דאָס מעגלעך? ווייבלעך האָבן זיך אָנגעכאַפּט ביי די באַקן: מאַמעלע קרוין, ס'ווערט מיר שוין נישט גוט!... אוי, יאַך חלש!... יידענעס האָבן זיך אָפּגעפּאָכעט. אוי, ס'איז עק וועלט! בייזע ווייבער האָבן גענומען שילטן אַלע מאַנסלייט: נו, איז אַ מאַנסביל נישט ערגער פון אַ חיה?...
באַלד איז די קראָכמאַלנע אויפגעשטורעמט געוואָרן פון נאָך אַ ווילדער נייעס: מ'גט זיך דערפאַר ווייל דער אַלטער תרח וויל חתונה האָבן מיט אַ מויד. די קללות וואָס דער ייד האָט באַקומען, קאָן מען זיך לייכט אויסמאָלן: אַ בראַנד אין די קישקעס, אַ מאַלעיר אין האַרץ, אַ פייער אין די געדערים, אַ בראָך, אַ מגפה, אַ גזר־דין. די ווייבער האָבן אים

נישט געשפּאַרט קיין קללות און פּאַראויסגעזאָגט, אַז ער וועט נישט דער־לעבן צו גיין צו דער חופּה, דער אַלטער באָק, און אַנשטאָט אַ חופּה וועט ער האָבן אַ שוואַרצע לוויה.

דערווייל האָט מען דעם אמת — דעם אמת'ן אמת — זיך דערוואוסט ביי אונז אין שטוב.

די יידענע איז געקומען צו דער מאַמע'ן און גערעדט דיבורים, וואָס פון זיי האָט מיין מוטער באַקומען רויטע פלעקן אויפ'ן בלאַסן פּנים. וויפיל זי האָט מיך נישט אַוועקגעטריבן איך זאָל זיך נישט צוהערן, האָב איך פונדעסטוועגן יאָ געהערט, ווייל ס'האָט אין מיר געפּלאַקערט דער נייגיר. די ייִדענע האָט געזאָגט דער מאַמע'ן, אַז זי האָט איר מאַן ליבער פון אַלץ אין דער וועלט. רביצין קרוין — האָט זי גע'טענה'ט — פאַר זיין מינדסטן נאָגל וואָלט יאָך אַוועקגעגעבן מיין לעבן. יאָך בין שוין נעבעך אַן אַלטע פרוי, אַ צעבראָכענער שאַרבן, אָבער ער, רביצין, איז נאָך אַ מאַנסביל. ער דאַרף האָבן אַ ווייב. איז וואָס וועט ער זיך מוטשען מיט מיר? ווי לאַנג די קינדער זענען נישט געווען אויסגעגעבן האָט מען זיך געמוזט היטן. מענטשן האָבן דאָך בייזע צינגער. אָבער איצט פרעג יאָך נאָך זיי ווי נאָכ'ן קאַטער. יאָך דאַרף שוין ניש' קאָ' מאַנסביל, אָבער ער, געזונט זאָל ער זיין, איז נאָך פריש ווי אַ יונגערמאַן. ער קאָן נאָך האָבן קינדער אויך. גראָד האָט ער זיך געפונען אַ מויד וואָס וויל אים. זי איז שוין נאָך די שלושים. זי מעג שוין הערן שפּילן, נעבעך אַ יתומה, אַ דינסט, און זי'ט אים זיין געטריי. ער'ט האָבן ביי איר אַ לעבן. יאָך בין באַזאָרגט. ער גיט מיר אויף פרנסה. יאָך האַנדל אַביסל צו אויך. וואָס דאַרף מען אין מיינע יאָרן? כ'וויל האָבן נחת פון עים. ער'ט מיר צוגעזאָגט, אַז איבער הונדערט יאָר וועלן מיר ליגן אויפ'ן בית־עולם צוזאַמען. דאָרט וועל יאָך ווידער וועגן זיין ווייב, זיין פיסנבענקעלע אין גן־עדן... ס'איז אַלץ אָפּגעשמועסט.

די יידענע איז געקומען נישט מער און נישט ווייניקער ווי באַשטעלן ביים טאַטן אַ גט און אַ חתונה.

די מאַמע האָט זי געפּראָוועט אָפּרעדן. די מאַמע האָט, ווי אַלע אַנדערע ווייבער, געזען דערין אַ שפּיי אין פּנים דעם גאַנצן ווייבערשן מין. אויב אַלטע יידן וועלן אַנהויבן גט'ן די ווייבער און חתונה האָבן מיט מוידן, וועט די וועלט האָבן אַ שיינע צורה! די מאַמע האָט געזאָגט, אַז די גאַנצע זאַך איז מעשה יצר־הרע, און אַז אַזאַ סאָרט ליבשאַפט איז נישט קיין ריינע זאַך. די מאַמע האָט אַפילו עפּעס דערמאָנט וועגן אַ מעשה פון ספר החסידים אָדער פון קב הישר. אָבער די פּראָסטע יידענע האָט אויך געקאָנט די קליינע אותיות. זי האָט דערמאָנט די מעשה פון טייטש־חומש ווי רחל און לאה האָבן געגעבן יעקב'ן בלהה'ן און זילפּה'ן, זיי זאָלן ליגן אין זיין שויס. ווי וואויל איך בין נאָך געווען אַ יינגל, בין איך, מאַלט אייך, ווייט נישט געבליבן קאַלט צום גאַנצן ענין. איך האָב

געוואָלט, די זאַך זאָל צו שטאַנד קומען. ערשטנס האָב איך ליב געהאַט צו זיין ביי אַ גט. צווייטנס האָב איך ביי אַ חתונה באַקומען אַ שטיקל לעקעך און אַ גלעזל בראָנפן אָדער וויין. דריטנס, אַז דער טאַטע האָט פאַרדינט, האָב איך געקראָגן אַ פּאָר גראָשן אויף נאַשוואַרג. פערטנס, האָט שוין דער מאַנסביל אין מיר געהאַט ז י י נ ע חשבונות.

ווען מיין מאַמע האָט געזען אַז מען קען מיט דער יידענע גאָרנישט מאַכן, האָט זי זי געשיקט צום טאַטן, און מיין פאָטער האָט זיך גלייך גענומען צום דין. ער האָט געוואָרנט די יידענע, אַז נאָכ׳ן גט וועט דער מאַן זיין צו איר אַ פרעמדער. זי וועט נישט טאָרן בלייבן מיט אים אפילו אונטער איין דאַך. זי וועט נישט טאָרן רעדן מיט אים. ווייסט זי דאָס אַלץ, אָדער זי מיינט, אַז זי וועט ווייטער קאָנען מיט אים פאַרברענגען? די יידענע האָט געענטפערט, אַז זי ווייסט אַלע דינים, אָבער זי האָט אין זין עים, נישט זיך. פאַר זיין גוטס איז זי גרייט אַלץ מקריב צו זיין, דאָס לעבן צו שטרעקן. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער וועט איר געבן תשובה. זאָל זי קומען מאָרגן.

נאָכדעם ווי יידענע איז אַוועק, איז די מאַמע אריין אין בית־דין־שטוב און גענומען טענה׳ן, אַז זי וויל נישט אַזוינע פאַרדינסטן. דער אַלטער איז אַ ווייבערניק, אַ חמור־אייזל, אַ פּראָסטאַק, אַ בעל־תאווה. די יידענע איז אַ בהמה, אַ פערד. די מאַמע האָט פאַראויסגעזאָגט, אַז אויב דער טאַטע וועט מאַכן דעם גט און די חתונה, וועט די גאַנצע גאַס זיין קעגן אים. דער טאַטע איז אַוועק אין חסידים־שטיבל דורכרעדן די זאַך מיט יידן. ס׳איז דאָרט געוואָרן אַ וויכוח און דאָרט איז מען געקומען צום אויספיר, אַז ווי באַלדביידע זענען מרוצה, קאָן מען זיי נישט אָפּ־האַלטן. איינער אַ למדן האָט דערמאָנט דעם פּסוק: בבוקר זרע זרעך ובערב אל תנח ידך. אינדערפרי זיי דיינע זוימען און פאַרנאַכט לייג נישט אַוועק דיין האַנט. לויט דער גמרא מיינט מען דערמיט, אַז אַן אַלטער איד דאַרף אויך ברענגען דורות.

צומאָרגנס, ווען די יידענע איז געקומען צוזאַמען מיט׳ן מאַן, האָט דער טאַטע פריער זיי חוקר־ודורש־געווען. מיך האָט מען אַרויסגעשיקט פון בית־דין־שטוב. דער טאַטע האָט גערעדט מיט אַ שאַרכעניש, דאָ פּאַמעלעך און דאָ גיך, דאָ מיט גוטן און דאָ מיט געבייזער. כ׳בין גע־שטאַנען הינטער דער טיר, נאָר כ׳האָב וויניק־וואָס געהערט. כ׳האָב מורא געהאַט אַז באַלד וועט דער טאַטע טאָן אַ געשריי: שייגאָץ, די וועלט איז נישט הפקר! און זיי אַרויסטרייבן, ווי ער פירט זיך געווייגלעך מיט יענע וואָס ווידערשפּעניקן דעם דין. אָבער אַ שעה איז אַריבער און ס׳אַלטע פּאָרפאָלק איז נאָך אַלץ געבליבן. דער זקן האָט גערעדט פּאַ־מעלעך, מיט אַ געבראָכן קול. דאָס ווייב האָט געבעטן תחנונים. די שטים אירע איז געוואָרן אַלץ ווייכער און ווייכער. כ׳האָב דערשפּירט באַשיינ־פּערלעך, אַז זי רעדט־איבער דעם טאַטן. זי האָט אים איינגערוימט סודות

אזוינע, וואס א מאנסביל הערט זעלטן פון ווייבערשע לעפצן און וואס מ׳לייענט וועגן זיי אמאל אויף עברי־טייטש אין דיקע שאלות ותשובות. ארויסגעקומען זענען מאן און ווייב אויפגעהייטערטע. דער אלטער האט געווישט דעם שוויים מיט דער פאטשיילע. ביי דער אלטער האבן די אויגן געשיינט ווי מוצאי־יום־כפור נאכדעם ווי מ׳בעט זיך אויס א גוט יאר...

אין די פאר וואכן וואס ס׳האט געדויערט פון יענעם טאג ביז דער חתונה, האט די קראכמאלנע געשטוינט, געגאפט. דער עולם האט זיך פונאנדערגעטיילט אין צוויי צדדים. מ׳האט גערעדט דערפון אומעטום: אין שפייז־קראם און אין יאטקע, ביי די באליעם פיש אין יאנאש׳ס הויף און אין די אויבסט־געוועלבן הינטער די האלעם; אין די שוהלן וואו פראסטע לייט קומען אפדאווענען און אנטאן דאס געשפאן (טלית ותפילין) און אין חסידים־שטיבלעך וואו מ׳דערציילט מופתים פון דעם אייגענעם רבי׳ן און מ׳רעדט־אויס אויף פרעמדע גוטע יידן. אממיינסטן האבן זיך געהיצט די ווייבער. די יידענע האט עפעס ווי פארלוירן יעדע בושה. זי איז ארומגעגאנגען און געלויבט אין הימל אריין איר מאנ׳ס כלה, געקויפט פאר דעם נייעם פארפאלק מתנות, זיך געפארעט ווי א מחותנת׳טע. די ווייבער האבן זי געזידלט, אבער געהאט אויף איר רחמנות. באהיט זאל מען ווערן ווי א קאפ קאן ווערן פארדרייט! אלע האבן גע׳טענה׳ט דאס אייגענע: די יידענע איז משוגע, און דער מאן, דער אלטער בעל־עבירה׳ניק, וויל פון איר פטור ווערן. אלע האבן זיך געוויצלט, אלע האבן זיך געבייזערט, אלע האבן זיך געגריבלט. אלע האבן געפרעגט די אייגענע קשיא: ווי איז דאס מעגלעך? און דער ענטפער איז געווען: דו זעסט דאך!...

וואוילע יונגען וואלטן אפשר די אלטע לייט און די מויד צעשלאגן, אבער גראד זענען זיי אלע געווען שטילע מענשן. דער אלטער איז געווען א גוטמוטיקער ייד מיט א ווייסער בארד און מיט מילדע אויגן פון א זקן. ער איז געקומען אין שוהל אריין דאווענען. ער האט מיט א ציטערדיקער האנט געוויקלט די רצועות אויפ׳ן ארעם. קינדער האבן אויס אים אפגעשפעט, אבער ער האט זיך אויף זיי נישט אנגעבייזערט. ער האט צוגעלייגט די ציצות צו די ברעמען, אנגעריבן. ער האט געקושט דא דעם של־ראש און דא דעם של־יד. א ייד בלייבט א ייד אפילו אז ס׳געשעט מיט אים א געהאלישער טראף. דער אמת איז געווען, אז נישט ער האט אנגערעדט זיין ווייב, נאר פארקערט, זי האט זיך פארלייגט אויף אים. ער האט עס דערציילט דעם טאטן בסוד. זי האט אים פשוט איבערגערעדט. די מויד איז געווען אן ארעמע יתומה. די יידענע איז ארומגעגאנגען עפעס אזא אויפגערוימטע, א האפערדיקע, א צעשמייכלטע. פון די אויגן אירע האט ארויסגעקוקט אן אומהיימלעכע שמחה. אין דער זעלבער צייט וואס מאן און ווייב האבן זיך געגרייט צום גט און צו דער חתונה, האבן זיי אויך געקויפט צוזאמען קרקע אויפ׳ן בית־

עולם, און מ׳האָט דאָרט, אויפ׳ן גוטן אָרט, געטרונקען לעקעך און בראָנפן מיט חברה־לייט. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט צוזאַמען: לעבן, טויט, תאוה, איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט אַן אַ שיעור. די אַלטע האָט פּאָראויסגעזאָגט, אַז ווען ז י י ן ווייב וועט האָבן אַ קינד, וועט זי, דאָס פריערדיקע ווייב, זיך דערמיט אָפּגעבן, ווייל דאָס נייע ווייבל וועט מוזן צוהעלפן אין דער פּרנסה. ווייבער האָבן געהערט און אויסגעשפּיגן: באַהיט זאָל מען ווערן! באַשירעמט זאָל מען ווערן! וואָס ס׳האָט זיך גע׳חלומ׳ט די נאַכט און יענע נאַכט, זאָל אויסגיין צו זייערע קעפּ און צו זייער לייב־און־לעבן! . . . אַנדערע האָבן אָפן געזאָגט, אַז ס׳האָט זיך אַריינגעלייגט אַ נישט־גוטס, אַ שטיק סיטרא־אחרא. נאָך עפּעס: ווי וואויל אַלע זענען געווען פייער־און־פלאַם קעגן חעם שידוך, האָבן אַלע שטילערהייט געגאַרט, ס׳זאָל וואָס־גיכער קומען צו אַ צוועק. די גאַס איז געוואָרן אַנגעשטעקט. דאָס לעבן האָט דאָ צוגעגרייט אַ שפּיל, וואָס וועגן דעם לייענט מען אַפילו נישט אין די בלעטער און מען זעט נישט אין טעאַטער.

דער גט איז צו שטאַנד געקומען טאַקע ביי אונז אין שטוב. צוויי אַלטע מענטשן וואָס האָבן זיך ליב געהאַט אהבת נפש, האָבן זיך גע׳גט. דער סופר האָט געשריבן מיט דער גענדזענער פּען און געווישט די טינט אין קאָפּל. ער האָט יעדעס מאָל געטאָן אַ ברום. די גרינע אויגן זיינע האָבן געשאָטן מיט פונקען. ווער ווייסט? אפשר האָט ער געטראַכט וועגן זיין אייגענער חלפתא?... די עדות האָבן געזיפצט. דער אַלטער מאַן איז געזעסן עפּעס אַזאַ צונויפגעטוליעטער, די אויגן פאַרשטעלט מיט די ווייסע ברעמען־באַרשטן. די ווייסע באָרד איז געלעגן גריילעך אַ צוגע־פּלאַטשטע. ס׳איז געווען קלאָר אַז ער, דער אייגנטימער, איז אַזוי פאַר־וואונדערט ווי אַלע אַנדערע. דער דאַזיקער פּלאַן איז נישט געבוירן גע־וואָרן אין ז י י ן קאָפּ. פון מאָל צו מאָל האָט ער גענומען אַ שמעק טאַבאַק צו דערקוויקן דאָס דערשלאָגענע געמיט. פון מאָל צו מאָל האָט ער געטאָן אַ קוק אויף זיין ווייב, וואָס איז געזעסן אויף דער באַנק. צו אַ גט טוט מען געוויינלעך אָן אָפּגעבוימלטע מלבושים, אָבער די אַלטע האָט זיך אויסגעפּוצט אין אַ יום־טוב׳דיקער קאַפּקע און אין אַ טערקישער שאַל. זי האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ שטראַליקן בליק. די אויגן אירע האָבן ממש געשאָטן מיט אַלט פייער. מזל־טוב!... כ׳טו עס אַלץ פאַר דיר, פאַר דיר! כ׳בין זיך פאַר דיר מקריב, מקריב... באַוויליק דעם קרבן, האַר מיינער און געביטער!... ווען כ׳קאָן, וואָלט איך פאַר דיר געשטרעקט דעם האַלז אויך... די מאַמע איז אַרומגע־גאַנגען אין קיך אַ צערודערטע. דאָס שייטל איז איר געוואָרן צעקאָדעלט. אַ בייז פלעמל האָט געברענט אין איר בליק. איך בין אַריין אין קיך און געוואָלט עפּעס עסן, נאָר די מאַמע האָט אויף מיר אָנגעשריגן.

— גיי, טראָג דיך! כאַפּ נישט פון די טעפּ!...

איך בין טאקע געווען א קליין יינגל און איר זון, אבער איך האב גע־הערט צו דעם געמיינעם מאנסבילשן מין...

איך בין געשטאנען דערביי ווי די יידענע האט צונויפגעלייגט די גע־רינצלטע הענט און דער אלטער האט א ציטערנדיקער אריינגעלייגט דעם גט. מיין פאטער האט שפעטער געזאגט דאס וואס ער זאגט ביי יעדן גט: אז דאס ווייב טאר נישט באלד חתונה האבן, נאר אפווארטן דריי חדשים.

די אלטע האט זיך צעלאכט מיט די לײדיקע יאסלעס: אז איינפאל דאס איז! זי זאל גאר חתונה האבן!...

כ'געדענק נישט ווי לאנג ס'האט געדויערט, נאר אין אונזער בית־דין־שטוב איז פארגעקומען די חתונה אויך. אונטער דער חופה איז גע־שטאנען אן אלטער ייד און א צעגאסענע מויד. פיר יידן האבן געהאלטן די חופה־דרעגנגלעך. דער טאטע האט געגעבן חתן־כלה צו פארזוכן פון ווייז אן א ברכה. מ'האט געווונשן מזל־טוב, געטרונקען בראנפן מיט לעקעך. דערנאך האט מען ערגעץ אין הויז געפראוועט א סעודה. געקאכט אויף דער סעודה און אלץ צוגעגרייט האט דאס ערשטע ווייב. מ'האט דערציילט אין גאס, אז די אלטע האט געלאזט אויפנייען פאר דער כלה העמדער, האלקעס, מייטקעס, ווייל יענע האט רעכט נישט געהאט קיין העמד אויפ'ן לייב. אזויפיל געסט זענען זיך אנגעקומען אויף דעם מאלצייט, אז די שטובן זענען געווארן פול און מ'איז געשטאנען אויף די טרעפ.

א שטיק צייט האט די קראכמאלנע געקאכט, געזאטן. מ'איז ממש נאכגעלאפן דעם אלטן און זיין נײ ווייבל און געטייטלט אויף זיי ווי אויף קונצנמאכערס אדער ווי אויף כינעזער מיט צעפ, וואס פלעגן אמאל קומען פארקויפן פאפירענע בלומען. נאך א ווייל האט מען איינגעזען, אז מ'קאן רעדן וועגן עפעס אנדערש. מאלע, אז אלטע יידענע ווערט משוגע! מאלע, אז אלטער ייד האט חתונה מיט עפעס א קוכטע! מ'האט אנגעהויבן מורמלען, אז דאס אלטע ווייב האט חרטה. דאס נייע ווייב האט נישט פארשוואנגערט. דער אלטער האט באלד גענומען קרענקען. ס'טוט מיר לייד, ליבע לעזער, וואס כ'קאן אייך נישט צושטעלן קיין דראמאטישן סוף. גלייך ווי אלע אנדערע, האב איך מיט דער צייט פארלוירן דעם נייגיר. ס'ליגט מיר אין זין, אז דער אלטער איז נישט לאנג נאך דער חתונה געשטארבן און ביידע אלמנות האבן געיאמערט ביי דער לוויה. דערנאך איז די אלטע אויך אויסגעגאנגען אין א פאר־ציאטע־שטיבל. דאס פייער פון יצר־הרע ברענט נישט אייביק. צי מאן און ווייב האבן זיך ווארהאפטיק געטראפן אין גן־עדן און צי זי איז געווארן זיין פיס־בענקעלע, קאן איך אייך נישט זאגן.

אז איר וועט דארט זיין, איבער הונדערט און צוואנציק יאר, פרעגט זיך אויף דעם פאלאץ וואו ס'זיצן די איינוואוינער פון קראכמאלנע גאס...

# 2

# פאַרוואָס די גענדז האָבן געשריגן

אין אונזער שטוב האָט מען אַלע מאָל גערעדט וועגן דיבוקים, גלגולים, הייזער וואו עס האָבן אַרומגעשטיפּט לצים, קעלערס וואו ס׳האָבן זיך אויפגעהאַלטן נישט־גוטע. דער טאַטע האָט גערעדט דערפון, ערשטנס, צוליב דעם וואָס די זאַכן זענען אים אָנגעגאַנגען. צווייטנס, הערפאַר ווייל אין דער גרויסער שטאָט ווערן די קינדער קאַליע. מ׳גייט, מ׳זעט, מ׳לייענט פּסול׳ע ביכער, און ס׳שאַדט דעריבער נישט צו דערמאָנען אַז ס׳זענען פאַראַן פאַרבאָרגענע כוחות.

גראַד יענעם טאָג האָט דער טאַטע דערציילט וועגן אַ מעשה וואָס ווערט דערמאָנט אין ספר מנחת עני. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז דער מחבר געווען ר׳ אליהו גריידיקער, אָדער אַז אַנדער גריידיקער חב. ס׳איז געווען אַ מעשה מיט אַ מויד וואָס ס׳זענען אין איר געזעסן פיר רוחות. מ׳האָט דורך איר בויך באַשיינפּערלעך געזען ווי די רוחות קריכן אַרום אין אינגעווייד, בלאָזן אַז דעם בויך, וואַנדערן פון איין טייל בויך צום אַנדערן, רוקן זיך אַריין אין אַ פוס. דער גריידיקער רב האָט די רוחות אַרויסגעטריבן מיט שופר־בלאָזן, הייליקע שמות און רויכערן קרייטעכ־צער.

ווען דער טאַטע האָט גערעדט וועגן אַזוינע זאַכן, איז ער געוואָרן אינגאַנצן צעפלאַמט. ער האָט גע׳טענה׳ט: איז דער גריידיקער רב חלילה געווען אַ ליגנער? זענען אַלע רבנים, צדיקים, גאונים ליגנערס, און די

אפּיקורסים זענען די אמת־זאָגער? וויי געוואַלד, ווי קאָן מען זיין אַזוי פאַרבלענדט?

מיט אַמאָל עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ יידענע. אין אַ קויבער האָט זי געטראָגן צוויי גענז. די יידענע האָט אויסגעזען דער־שראָקן. דאָס שייטל איר'ס איז געווען צעשויבערט. זי האָט געשמייכלט אַ דערשראָקענעם שמייכל. דער טאַטע האָט נישט געקוקט אויף קיין ווייבער, אָבער די מאַמע און די קינדער האָבן גלייך געזען אַז עפּעס איז די יידענע שטאַרק צעטומלט.

— וואָס איז? — האָט דער טאַטע געפרעגט און זיך אומגעקערט צו דער יידענע מיט'ן רוקן, חלילה נישט אָנצוקוקן אַ נקבה.

— רבי, כ'האָב עפּעס אַן אויסטערלישע שאלה.

— וואָס איז עס? אַ שאלת־נשים (אַ ווייבערשע שאלה)?

ווען די יידענע וואָלט געזאָגט יאָ, וואָלט מען מיך גלייך געווען אַרויס־געשיקט פון שטוב. אָבער די יידענע האָט געענטפערט:

— ניין, ס'איז אויף די גענז.

— וואָס איז מיט די גענז?

— רבי קרוין, מ'האָט די גענז געשאָכטן. כ'האָב זיי אָפּגעשניטן די קעפּלעך. כ'האָב אַרויסגענומען די קישקעלעך, ס'לעבערל, ס'גאַנצע דרויב, אָבער די גענז שרייען עפּעס מיט אַזאַ יאָמערלעך קול — — — —

דערהערט אַזוינע דיבורים, איז דער טאַטע געוואָרן בלאַס. אויף מיר איז אָנגעפאַלן אַ פּחד. מיין מוטער איז געווען אַ מתנגד'ישע טאָכטער און אַ סקעפּטיקערין פון דער נאַטור.

— געשאָכטענע גענז שרייען נישט — האָט די מאַמע געזאָגט.

— רביצין, איר'ט באַלד עפּעס הערן!

די יידענע האָט אַרויסגענומען איין גאַנז און אַוועקגעלייגט אויפ'ן טיש. דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען די צווייטע גאַנז. די גענז זענען געווען אָן קעפּ, אָן דעם אינגעווייד, טויטע גענז ווי אַלע טויטע. אויף מיין מוטער'ס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

— אָט די גענז שרייען?

— איר'ט באַלד עפּעס הערן!

די יידענע האָט גענומען איין גאַנז און געטאָן אַ וואָרף אויף דער אַנדערער. אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַ געשריי. עס איז נישט לייכט צו שילדערן דאָס געשריי. ס'איז געווען אַ גאַדערן פון אַ גאַנז, אָבער עפּעס מיט אַזאַ הויל קול, מיט אַזאַ כאָרכלעניש און רייסעניש, אַז ס'איז מיר געוואָרן קאַלט אין אַלע אברים. איך האָב ממש געשפּירט ווי די האָר פון די פּאות נעמען מיך שטעכן. איך האָב געמאַכט אַ מינע ווי אַרויסצולויפן פון שטוב. אָבער וואו זאָל איך לויפן? פון שרעק איז מיר אַזש געוואָרן ענג אין האַלז. איך האָב אויך געטאָן אַ געשריי און זיך

אָנגעכאַפּט אין דער מאַמע׳ס פּאָלע ווי אַ קינד פון דריי יאָר. דער טאַטע האָט פאַרגעסן אַז מען דאַרף זיך אָפּקערן פון אַ נקבה. ער איז צוגעלאָפן צום טיש. ער איז געווען נישט ווייניקער דערשראָקן פון מיר. די רויטע באָרד זיינע האָט געציטערט. אין די בלויע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ געמיש פון מורא און נצחון. ס׳איז געווען פאַר׳ן טאַטן ווי אַ סימן אַז נישט בלויז צום גרייזיקער רב, נאָר אויך צו אים ווערן צוגעשיקט צייכנס פון הימל. אָדער אפשר איז עס אַ צייכן פון דער סטרא־אחרא, די שדים?...

— רביצין, וואָס זאָגט איר איצט? — האָט די ייִדענע געפרעגט.

מיין מוטער האָט אויפגעהערט שמייכלען און אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן עפּעס אַזוינס ווי אַ טרויער און אַ כעס.

— כ׳פאַרשטיי נישט וואָס דאָ טוט זיך! — האָט זי געזאָגט מיט אַ סאָרט ווידערווילן.

— רביצין, איר ווילט הערן נאָכאַמאָל?

ווידער האָט די ייִדענע געטאָן אַ וואָרף איין גאַנץ אויף דער אַנדערער, און ווידער האָבן די גענז אַרויסגעלאָזן אַן אומהיימלעך געשריי, דאָס געשריי פון בעלי־חיים וואָס דער חלף האָט זיי געטויט, אָבער עפּעס איז געבליבן אין זיי אַ כוח און עפּעס האָבן זיי אַ חשבון מיט די לעבעדיקע און אַן עוולה. ס׳איז מיר געוואָרן קאַלט. איך האָב געהאַט אַ געפיל ווי עמיץ וואָלט מיר דערלאַנגט אַ פּלעם מיט׳ן גאַנצן כוח. דעם טאַטנ׳ס קול איז געוואָרן הייזעריקלעך. ס׳האָבן זיך דעריין געבראָכן טרערן.

— נו, איז דאָ אַ באַשעפער? — האָט ער געפרעגט.

— רבי, וואָס טוט מען און וואו גייט מען? — האָט די ייִדענע גע־נומען רעדן מיט אַ זינגענדיק־יאָמערדיקן ניגון. — וואָס איז מיר דאָ צו האַנט געקומען? וויי און ווינד צו מיינע יאָרן! וואָס זאָל איך טאָן מיט זיי? אפשר גיין צו אַ רבי׳ן? אפשר האָט מען נישט גוט געשאָכטן? אפשר זאָל איך לאָזן איבערקוקן די מזוזה? כ׳האָב מורא מיט זיי אַהיים־צוגיין! כ׳האָב געוואָלט זיי איינוווייקן און כשר מאַכן אויף שבת, און דאָ אַזאַ בראָך! רבי הייליקער, וואָס טוט מען? זענען זיי טריף? דאַרף מען זיי אַרויסוואַרפן? אפשר פאַרקויפן אַ גוי? מענטשן זאָגן, אַז מ׳וועט זיי דאַרפן איינהילן אין תכריכים און באַגראָבן אין אַ קבר. כ׳בין נעבעך אַן אָרעם מענטש. צוויי גענז! ס׳האָט מיך געקאָסט אַן אוצר!...

דער טאַטע האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט געוואָרפן אַ קוק אויף דער ספרים־שאַנק. אויב ערגיץ איז פאַראַן אַן ענטפער, איז ער דאָרט... מיט אַמאָל האָט ער געטאָן אַ בייזן בליק אויף דער מאַמע׳ן:

— וואָס זאָגסטו איצט, האַ?

מיין מוטער׳ס פּנים איז געוואָרן אַלץ רוגזה׳דיקער, שמעלער, שאַרפער. אַ צאָרן האָט זיך באַוויזן אין אירע אויגן און עפּעס אַזוינס ווי אַ בושה.

— כ'וואָלט געוואָלט הערן נאָכאַמאָל! — האָט זי האַלב־געבעטן, האַלב־געהייסן.

די יידענע האָט צום דריטן מאָל געטאָן אַ וואָרף די גענז און דאָס געשריי האָט זיך דערהערט צום דריטן מאָל. ס'איז מיר איינגעפאַלן אַז אַזאַ קול מוז האָבן אַן עגלה ערופה...

— נו־נו־נו, מ'לייקנט. ס'שטייט אַז די רשעים טוען ניש' קאַ' תשובה אַפילו ביים טויער פון גיהנום! — האָט דער טאַטע גענומען רעדן. — זיי זעען שוין מיט די אויגן, אָבער זיי לייקענען אין בורא עולם... מ'שלעפּט זיי אַריין אין שאול תחתית און זיי זאָגן אַז ס'איז אַ דרך־הטבע, אַ טראַף...

און ער האָט געטאָן אַ קוק אויף דער מאַמע'ן ווי צו זאָגן: דו ביזט געראָטן אין זיי...

אַ לאַנגע ווייל איז געווען שטיל. דערנאָך האָט די יידענע געפרעגט:

— נו, רביצין, כ'האָב מיר אויסגעטראַכט?

מיט אַמאָל האָט די מאַמע געטאָן אַ לאַך, און געווען איז דאָס אַ לאַך וואָס האָט אַלעמען אויפגעטרייסלט. איך האָב געוואוסט מיט אַ זעקסטן חוש, אַז די מאַמע גרייט זיך קאַליע צו מאַכן די מעכטיקע דראַמע וואָס שפּילט זיך דאָ אָפּ פאַר אונזערע אויגן.

— די גערגעלעך האָט איר אַרויסגענומען? — האָט מיין מוטער געפרעגט.

— די גערגעלעך? ניין.

— נעמט אַרויס די גערגעלעך — האָט די מאַמע געזאָגט — און זיי וועלן אויפהערן שרייען.

דער טאַטע איז געוואָרן פייער און פלאַם.

— וואָס עפּעס אַרויסנעמען? וואָס האָט דאָס אַ שייכות מיט די גערגעלעך?

די מאַמע האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ גאַנז, אַריין מיט די דינע פינגער אין אינגעווייד און מיט דעם גאַנצן כוח אַרויסגעשלעפּט דאָס רערל וואָס פירט פון האַלז אַראָפּ צו די לונגלעך. אויף לשון קודש הייסט דאָס דאָזיקע רערל די קנה. דורך דאָרט אָטעמט דאָס באַשעפעניש און פון דאָרט קומט אויך די שטים. באַלד האָט זי אַ כאַפּ געטאָן די צווייטע גאַנז און אויך ביי איר ווי אַרויסגעריסן מיט גוואַלד דעם גאָרגל. איך בין געשטאַנען אַ דערציטערטער, דערשטוינט פון מיין מוטער'ס קוראַזש. די הענט זיינען איר געוואָרן פאַרבלוטיקט. פון איר פּנים האָט אַראָפּגע־קוקט דער גרימצאָרן פון אַ ראַציאָנאַליסט, וואָס מען וויל אים מיטן העלן טאָג אַפּשרעקן מיט אַבראַקאַדאַבראַ און האָקוס פּאָקוס. דעם טאַטנ'ס פּנים איז געוואָרן ווייס, מילד, אומעטיק. ער האָט געוואוסט וואָס דאָ געשעט: דער שכל, דער קאַלטער שכל, מאַכט צו־נישט די אמונה, לאַכט זי אויס, מאַכט זי צו־שאַנד און־צו־שפּאָט.

— איצט, זייט מוחל, וואַרפט איין גאַנץ אויף דער אַנדערער! — האָט די מאַמע באַפוילן.

אַלץ האָט געהאַנגען אויף משקולת: אויב די גענז וועלן ווידער שרייען, האָט מיין מוטער געהאַט אַלץ פאַרשפּילט: איר גאַנצע מתנגד׳ישע תקי־פות, איר גאַנצן סקעפּטיציזם, וואָס זי האָט גע׳ירשנ׳ט פון איר פאָטער דעם למדן, דעם מתנגד. כאָטש איך בין געווען דערשראָקן, האָב איך געגלייבט גאָט אַז די גענז זאָלן יאָ שרייען... זיי זאָלן אַרויסלאָזן אַזאַ געשריי, אַז מ׳זאָל הערן אין גאַס און מ׳זאָל זיך צונויפֿלויפן...

אָבער וויי! די גענז האָבן געשוויגן, אַזוי געשוויגן ווי עס קאָנען נאָר שווייגן צוויי טויטע גענז אַן גאָרגלען.

— ברענג מיר אַריין אַ האַנטוך! — האָט די מאַמע געטאָן צו מיר אַ זאָג.

איך בין געלאָפן ברענגען דאָס האַנטוך. טרערן זענען מיר געשטאַנען אין די אויגן. די מאַמע האָט אָפּגעווישט די הענט אין האַנטוך ווי אַ גרויסער כירורג נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע.

— דאָס איז עס געווען! — האָט זי געזאָגט מיט נצחון.

— רבי, וואָס זאָגט איר? — האָט די יידענע געפרעגט.

דער טאַטע האָט גענומען אונטערהוסטן, אונטערברומען. ער האָט זיך גענומען פּעכען מיט׳ן קאָפּ.

— כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ זאַך! — האָט ער געזאָגט.

— איך אויך נישט — האָט די יידענע נאָכגעזאָגט.

— איך אויך נישט — האָט די מאַמע זיך אָנגערופן. — אָבער ס׳איז אַלע מאָל דאָ אַ סיבה... טויטע גענז שרייען נישט!

— מעג איך אַהיימגיין זיי כשר מאַכן? — האָט די יידענע געפרעגט.

— גייט אַהיים און קאָכט זיי אָפּ אַהער בראָט זיי אָפּ אויף שבת — האָט די מאַמע גע׳פּסק׳נט די שאלה. — האָט נישט קיין מורא, אין טאָפּ וועלן זיי נישט שרייען.

— וואָס זאָגט איר, רבי?

— נו, ס׳איז כשר — האָט דער טאַטע געטאָן אַ מורמל. ער איז ווייט נישט געווען זיכער. אָבער טריף מאַכן די גענז האָט ער אויך נישט געקאָנט.

ווייל דער דין איז אויך אַ מתנגד...

די מאַמע איז צוריק אַריין אין קיך. איך בין געבליבן מיט׳ן טאַטן. ער האָט מיט אַמאָל גענומען רעדן צו מיר ווי צו אַ דערוואַקסענעם.

— זי געראָט אַריין אין דיין זיידן, דעם בילגאָרייער רב. ער איז טאַקע אַ גאון, אָבער אַ קאַלטער מתנגד... מ׳האָט מיך געוואָרנט איידער כ׳בין געוואָרן אַ חתן...

און דער טאַטע האָט געטאָן אַ מאַך מיט דער האַנט ווי צו זאָגן: איצט קאָן מען דעם שידוך שוין נישט צוריקכאַפּן...

# 39

## וואָלף
## קוילען־הענדלער

דער טאַטע און די מאַמע זענען געווען פֿאַרשידן ביז גאָר, אָבער אין איין זאַך זענען זיי געווען גלייך: אין זייער ווידערווילן צו גראָבקייט, באַרימעריי, פֿאַלשע שטיק, חניפֿה. ס׳איז געווען אין אונזער שטוב אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט, אַז מ׳דאַרף בעסער ליידן איידער זיך דערנידעריקן; אַז אַלץ וואָס אַ מענטש דערגרייכט, מוז דערגרייכט ווערן אויפֿ׳ן גלייכן וועג, אָן פֿאַלשקייט, אָן ליגנס, אָן מאַכן יד־אחת מיט תקיפֿים און גרוביאַנעס. ס׳איז איבערגעגאַנגען צו אונז בירושה אַ סאָרט העראָאיזם, וואָס איז נאָך נישט געשילדערט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור: די גרייטקייט צו ליידן צוליב גייסטיקער ריינקייט.

אָבער אַרום אונז האָט געגריבלט און געשווימבלט מיט המון. ס׳האָט געבושעוועט מיט גראָבקייט, פּראָסטקייט, נאַרישקייט, און דאָס האָט אַריינגעבראַכט אין אונזער שטוב אַן איינזאַמקייט און פֿאַרלוירנקייט. אַמשטאַרקסטן האָט געליטן דערפֿון מיין מוטער, אַ שטאָלצע אַריסטאָקראַטין אויף קראָכמאַלנע גאַס...

מיר האָבן נישט געהאַט קיין דינסט, און יעדעס מאָל וואָס די מאַמע איז געגאַנגען עפּעס קויפֿן, האָט זי זיך אומגעקערט אַ באַליידיקטע און אַ פֿאַרשעמטע. דער קצב האָט זי געלאָזט איבערוואַרטן אַלע קונים, אָדער געמאַכט מיט איר אַ גראָבלעכן וויץ. די פֿישערין האָט איר אַרויסגעריסן

דעם פּיש פֿון דער האַנט, ווייל זי האָט בלויז געקאָנט קויפֿן איין פֿונט פּיש. די גראָבע יידענעס פֿון דעם קראָכמאַלנע איז נישט געפֿעלן מיין מו־טער׳ס שטילקייט, איר שלאַנקע פיגור, איר טרויעריקער בליק. לויט זייערע באַגריפֿן האָט די מאַמע זיך געהאַלטן גרויס.

ווען די מאַמע פֿלעגט צוריקומען פֿון מאַרק, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן צום שבט מוסר, אָדער צום מסילת ישרים. די דאָזיקע ספֿרים האָבן גע־לערנט דעם מענטש ווי אַזוי צו זיין ביי זיך געפֿאַלן, ווי אַזוי נישט צו האָבן אויף קיינעם קיין תּרעומות, ווי אַזוי מוחל צו זיין יענע, וואָס פֿאַר־שעמען. אַפֿט האָט די מאַמע זיך אַליין באַשולדיקט. זי פֿלעגט טענה׳ן: אפֿשר האַלט איך מיך טאַקע גרויס? פֿאַרוואָס זאָל איך זיך נישט קאָנען אויסמישן מיט זיי? פֿאַרוואָס זאָל איך נישט זיין ווי איינע פֿון זיי?... אָבער וויפֿיל די מאַמע האָט געפּרוּווט, איז עס איר נישט געראָטן. נישט זי האָט געקאָנט פֿאַרטראָגן זייערע זידלערייען, נישט זייער זיסקייט; נישט זי האָט געקאָנט יאָמערן אויף זייערע לוויות און נישט טאַנצן אויף זייערע חתונות; נישט זי האָט געקאָנט זיך פֿאַר זיי גרויסן און נישט קלאָגן. דער כאַראַקטער אירער, דער אָפּשטאַם, די ירושה פֿון דורות, האָט זי פֿאַר־משפּט צו אַן אַליינקייט אַזאַ, וואָס ס׳איז נישטאָ פֿון איר קיין אויסוועג. ווייַ צו דעם  ג ע ב ו י ר ע נ ע ם  אַריסטאָקראַט!

דער המון איז נישט בלויז געווען אינדרויסן, נאָר זיך אַריינגעריסן אין אונזער שטוב. ביי דער חבֿרה וואָס האָט ביי אונז געדאַוונט שבת האָט מען זיך געהאַלטן אין איין אַרומרייסן ווער ס׳זאָל זיין גבאַי. אום צופֿרידן צו שטעלן די אַפּעטיטן, האָט מען געשאַפֿן אַלערליי כיבודים: גבאַי ראשון, גבאַי שני, גבאַי שלישי... דאָס דאָזיקע גבאות האָט נישט געהאַט קיין שום מיין, אָבער מ׳האָט זיך אַרומגעקריגט, געשאַפֿן קליקעס, און נישט איינמאָל איז אין מיטן לייענען אָדער דאַווענען געוואָרן אַ קריגעריי. אָט האָט מען זיך געזידלט און אָט האָט מען זיך געפּאַטשט, און אָט איז מען געלאָפֿן צו יענעם אויף אַ שמחה.

תשעה באָב אין אָוונט האָט מען ביי אונז געזאָגט „איכה" און קינות. פֿאַר מיין מוטער איז דער חורבן בית־המקדש געווען אַן אַקטועלע זאַך. שבֿעה עשר בתמוז האָט די מאַמע געפֿאַסט דעם לאַנגן תּענית, כאָטש זי איז געווען אַ שוואַך מענטש און בלוט־אָרעם. די דריי וואָכן, די ניין טעג זענען געווען פֿאַר איר אַ צייט פֿון טרויער אויף חורבן בית־המקדש, אויף דעם יידישן גלות. תשעה באָב פֿאַרנאַכט האָט די מאַמע אויסגעטאָן די שיך און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קליין בענקעלע. זי האָט געוואָלט הערן ווי דער בעל־קורא לייענט „איכה". אָבער די חבֿרה האָט געהאַט גאַנץ אַנ־דערע השגות וועגן תשעה באָב. יעדער איינער איז געקומען באַלאָדן מיט פֿולע קעשענעס דערנער אַזוינע, וואָס אין יעדער שטעטל האָבן זיי אַן אַנדער נאָמען — שטעכעלקעס, קאָלטאַנעס, באַבאָקעס — און געוואָרפֿן איינער דעם אַנדערן אין דער באָרד. ווען ס׳איז מער נישט געווען קיין

שטעבעלקעס, האבן זיי אפגעריסן דעם טינק פון די ווענט און געווארפן. דערביי האט מען ווילד געלאכט. מיין פאטער האט געפרואווט מוסר'ן די חברה, אבער זיי האבן זיך צו אים נישט צוגעהערט. מען איז געזעסן אויף איבערגעקערטע בענק, קעגן דער שיין פון אן איינציק ליכטל, און מ'האט געווילדעוועט ווי אמאל אין דער קאזארמע, וואו די מערסטע פון זיי האבן געדינט. מיט אמאל האט זיך געעפנט די טיר און מיין מוטער איז אריינ־געקומען, אין די זאקן און מיט א טיכל אויפ'ן קאפ.

— יידן, ווי שעמט איר זיך נישט? — האט מיין מוטער א פרעג געטאן מיט א קול וואס האט זיך געבראכן פון טרערן. — ווייסט איר וואס תשעה באב איז? דאס איז א טאג פון טרויער. אין דעם טאג האט מען חרוב געמאכט ס'בית־המקדש. אין דעם טאג האט מען געשפאלטן די מויער פון ירושלים. אלע אונזערע צרות האבן זיך אנגעהויבן אין דעם דאזיקן טאג. יידן אויף דער גאנצער וועלט פארגיסן היינט טייכן טרערן, און איר רייסט קאלך פון די ווענט אוןווארפט. וואס זענט איר, קליינע קינדער? ווייסט איר נישט אז יידן זענען אין גלות?

צווישן דער חברה איז געווארן אויסטערליש שטיל. איך בין געבליבן זיצן א פארציטערטער. מיין מוטער איז פון דער נאטור געווען אזא שטי־לע, אזא שעמעוודיקע, און דא מיט אמאל רייסט זי זיך אריין צווישן א געזעמל מאנסלייט און זאגט זיי מוסר. איר פנים איז געווען אזוי בלייך ווי דער קאלך אויף דער וואנט.

א לאנגע ווייל האט קיינער נישט אויסגערעדט קיין ווארט. דערנאך האט דער גבאי, יאסל, זיך אנגערופן:

— רביצין, פארוואס זאלן זיי נישט וואויוועץ? זיי האבן פרנסה.

און ווי באלד מ'האט פרנסה, ווערט מען גייט אז דאס חורבן פון בית־המקדש?

איין ייד פון דער חברה איז געווען וואלף קוילנהענדלער. וועגן דעם דאזיקן וואלף וויל איך דא דערציילן. ער איז געווען א ברייטער ייד, שווארץ ווי א ציגיינער, און דער האנדל מיט קוילן האט אים געמאכט נאך שווארצער. דאס איז געווען א מענטש א גראבהויטיקער, א האלב ווילדער. איך פלעג טיילמאל קומען צו אים קויפן צען פונט קוילן. ער האט אפגעוואויגן די קוילן, זיי אריינגעלייגט צו מיר אין קויבער און א זאג געטאן:

— יאזדא!...

געפארן, הייסט עס, געגאנגען!

אט אזוי האט ער גערעדט נישט בלויז צו קינדער, נאר אויך צו דער־וואקסענע. ער האט אמאל א זאג געטאן דאס דאזיקע ווארט צו מיין מו־טער, און פון דאמאלס אן האט זי מער זיין געוועלב נישט איבערגעטראטן.

דער דאזיקער ייד איז אליין געווען ווי א שטיק קויל. פון אינדערפרי ביז שפעטלעך אין אוונט איז ער געשטאנען אין דעם געוועלב, וואס איז

געוועז כמעט ביז צום סופיט באַלייגט מיט קוילן, קאָקס. בייטאָג האָט מען נאָך ווי ס׳איז אַרויסגעזען אַ שטיקל פּנים, און אַ פּאָר ווייסלען ווי ביי אַ קוימענקערער. אָבער ביינאַכט, ווען ס׳האָט געלויכטן אין געוועלב אַ פּי־צעלע נאַפט־לעמפּעלע, האָט דער ייד אויסגעזען ווי אַ שוואַרצער פּאַרשויז, אַ טייוול אָדער אַ לאַפּיטוט. ער האָט אַלעמאָל געשפּריצט וואַסער אויף די קוילן, זיי זאָלן זיך נישט דערהיצן און אויך אַז זיי זאָלן וועגן מער. אַ קול האָט ער געהאַט וואָס האָט נישט גערעדט, נאָר געבליט. איך האָב אין מיין לעבן נישט געזען אַזאַ ענלעכקייט צווישן דער שטים פון אַ מענטשן און דעם בילן פון אַ הונט. אַ שטיק שוואַרצע אומעטיקייט און אור־אַלטע פינצטערניש איז געלעגן אין זיין צורה. ער האָט גערעדט צו אַלעמען גראָב און מיט באַליידיקונגען. אויף שבת פלעגט ער זיך וואַשן און זייפן, אָבער ער איז געבליבן פונקט אַזוי שוואַרץ ווי אינדערוואָכן. דאָס ווייסע העמד, וואָס ער האָט אָנגעטאָן, האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די שוואַרצקייט פון זיין פּנים און זיינע הענט.

וואָלף קוילנהענדלער האָט געוואוינט אין דער נידער, אין אַ שטוב הינ־טער׳ן געוועלב. שבת נאָכ׳ן טשאָלנט פלעגט ער זיך לייגן שלאָפן. אָבער ווי קאָן מען שלאָפן ווען דער הויף איז פול מיט געשרייען, געוואַלדן? די יונגען האָבן זיך געיאָגט נאָך אַ משוגע׳נעם, געוואָרפן שטיינער, גע־קלאַפּט, געטראַסקעט. וואָלף קוילנהענדלער פלעגט אַרויסלויפן פון שטוב אין די בלויזע גאַטקעס (וואָס האָבן אויסגעזען משונה ווייס אויף זיין שוואַרץ לייב) און זיך נעמען יאָגן נאָך די יונגען וואָס שטערן זיין שלאָף. דאָס פלעגט זיך איבער׳חזר׳ן צענדליקער מאָל. אין הויף און טיילמאָל אויך אין גאַס האָט מען געזען לויפן אַ שוואַרצן ייד, אַ באָרוועסן, אין אַ פּאָר תחתונים, און זיך יאָגן נאָך אַ בינטל ווייסע חברה׳ניקעס, קונדסים. דאָס דאָזיקע יאָגעניש און די דאָזיקע מלחמה איז געווען אַזוי צוועקלאָז ווי אַלע אַנדערע געיעגן און מלחמות. די יונגען האָבן זיך נישט געלאָזט כאַפּן. אָבער יעדעס מאָל וואָס די לאַבוזעס האָבן אים אויפגעוועקט, האָט וואָלף קוילנהענדלער געמוזט אַרויסשפּרינגען און זיך לאָזן נאָך זיי אין אַ געיעג. טיילמאָל האָט ער זיי דערביי נאָכגעוואָרפן אַ בעזים אָדער אַ שטיק קויל. פרומע יידן פלעגן שרייען:

— ר׳ וואָלף, ס׳איז מוקצה!...

— גייט׳ס אין דער׳ערד אַריין מיט׳ן קאָפּ! — האָט געענטפערט וואָלף קוילנהענדלער. — ווערט׳ס ראַד־געבראָכן!...

ביי אונז אין שטוב האָט ער זיך אויפגעפירט אַזוי ווילד ווי אין גע־וועלב. ער האָט נישט געדאַוונט, נאָר געבילט צום רבונו של עולם. טייל־מאָל פלעגט ער זיך נעמען קריגן וואָס מען רופט אים נישט אויף צום ספר. פון מאָל צו מאָל האָט זיך אים פאַרגלוסט צו ווערן גבאי. דערצו האָט ער געשפּיגן אויפ׳ן דיל און געשנייצט די נאָז. מיין מוטער פלעגט טייל־מאָל רעדן וועגן אים. ער איז געווען פאַר איר דער סימבאָל פון המון.

אזוי ווי די וועלט איז געווען פאר איר ענג — אזוי ענג אז זי האט אין ערגעץ זיך נישט געקאנט געפינען — אזוי איז די וועלט געווען אומעטום אפן פאר וואלף קוילנהענדלער. ער וואלט אומעטום געווען ביי זיך אין דער היים: אין דער קאזארמע, וואו ער האט בחור'וויז געדינט, אין א דארף, א פאבריק, א מינע, א הקדש, א תפיסה. ער האט צו יעדן איינעם גערעדט אויף „דו", אפילו צו אלטע לייט. ס'איז געווען אין אים די חוצפה פון יענע, וואס שטייען אויפ'ן נידעריקסטן שטאפל.

וואלף קוילנהענדלער האט געהאט א ווייב, און די דאזיקע יידענע — כאטש א פראסטע מענטש — איז געווען אן איידעלע נשמה. דערצו איז זי נעבעך פון א קינפעט געווארן טויב. וואס העכער וואלף האט צו איר געבילט, אלץ ווייניקער האט זי אים פארשטאנען. מ'האט זי קיינמאל נישט געזען אין געוועלב. זי האט א גאנצן טאג זיך געפארעט אין דעם הינטער־שטיבל. טיילמאל פלעגט זי קומען צו מיין מוטער זיך אויסרעדן ס'הארץ.

— רביצין, כ'קאן מער נישט אויסהאלטן. טייער מענטש, די גאל וועט מיר, נישט דא געדאכט, פלאצן!...

— וואס וויל ער פון אייך? הא?

— ער זידלט, ער שנידלט. ערווארפט זיך ווי אין קדחת. ווי איז מיר, ער רייסט לעבעדיקע שטיקער!

— זידלט אים אויס!

— ער עפנט א מויל, ווערט מיר פינצטער פאר די אויגן. ער גיט מיר א זעץ אויך...

— אפשר האט איר עפעס קרובים?

— כ'האב קיינעם נישט. עלנט ווי א שטיין!

ווייזט אויס, אז די טויבקייט פון דער דאזיקער פרוי איז אויך גע־ווען אויף א נערוועזן באדן. אין די טויבע אויערן אירע האט אנגעהויבן זינגען. זי פלעגט קומען צו דער מאמען דערציילן, אז ס'זינגט איר כל־נדרי אין אויער. זי פלעגט א זאג טאן:

— רביצין קרוין, עס הערט גארניש', הא? לייגט צו אן אויער.

— כ'הער גארנישט.

— מ'זינגט. ווי דער בעסטער חזן. רביצין, כ'הער יעדעס ווארט.

— פארוואס גייט איר נישט צו קיין דאקטאר?

— כ'בין שוין געווען ביי דריי דאקטוירים. זיי ווייסן נישט פון זייערע הענט און פיס...

אין איינעם א שבועות בייטאג האבן זיך צונויפגענומען ביי אונז די חברה־לייט. מ'האט געמאכט עפעס א סעודה'לע. מיין פאטער איז געווען אין ראדזימין ביים רבי'ן. די חברה־לייט זענען געזעסן ביים טיש, געטרונ־קען ביר, געקנאקט נים, גערעדט. וואלף קוילנהענדלער איז דארט אויך געווען. ער האט זיך געהאט אויסגעפוצט שענער ווי אלעמאל, און האט דעריבער אויסגעזען שווארצער און מגושם'דיקער ווי אלעמאל.

— ווער וויל זיך מיט מיר וועטן? — האָט ער אַ ביל געטאָן.

— וועגן וואָס ווילסטו זיך וועטן?

— דו וועסט דיר אָנגיסן אַ פּאָר טראָפּן ביר אויפ׳ן באָדעם פון גלאָז. איכ׳ל אָנגיסן אַ פול גלאָז ביר ביז׳ן אויג... איך געוועט מיך מיט דיר, אַז איכ׳ל פריער אויסטרינקען דאָס פולע גלאָז און אוועקשטעלן אויפ׳ן טיש ווי דו די פּאָר טראָפּן.

— ווי אַזוי קאָנסטו דאָס טאָן?

— נישט דיין עסק. לאָמיר זיך וועטן אין צען רובל.

— קלאַפּ איין!

וואָלף און נאָך אַ פאַרשווין האָבן זיך געגעבן די הענט. וואָלף האָט יע־נעם אָנגעגאָסן אַ פּאָר טראָפּנס ביר און זיך — אַ פול גלאָז.

— נו, לאָמיר טרינקען!

יענער האָט אויסגעטרונקען מיט איין שלוק די פּאָר טראָפּנס און אוועק־געשטעלט דאָס גלאָז אויפ׳ן טיש. וואָלף האָט פּאַמעלעך געטרונקען און איינגעטונקען די שוואַרצע וואָנסן אין שוים. ווען ער האָט אויסגעטרונ־קען, האָט ער פאַרשאַרצט דאָס טישטוך און אוועקגעשטעלט דאָס גלאָז.

— דו האָסט אוועקגעשטעלט דיין גלאָז אויפ׳ן טישטוך — האָט וואָלף געבילט. — אָבער איך האָב מיין גלאָז אוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש. איך האָב געוואונען די צען רובל.

— כ׳האָב אוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש.

ס׳איז געוואָרן אַ שפּאַרעניש, אַ דינגעניש, אַ מחלוקת.

— ניין, אויפ׳ן טישטוך.

— ס׳איז ס׳אייגענע.

— ס׳איז נישט ס׳אייגענע...

מיט אַמאָל האָט מען זיך גענומען שלאָגן. וואָלף האָט געטאָן אַ קלאַפּ און באַקומען אַ קלאַפּ. אויף דער חושכ׳דיקער באָרד זיינער האָט זיך באַ־וויזן אַ רויטער טראָפּן. דאָס איז געווען דאָס צווייטע מאָל ווי די מאַמע איז אַריינגעקומען.

— יידן, ווי שעמט איר זיך נישט, ס׳איז יום־טוב!

זי איז געשטאַנען קעגן זיי אַ בלאַסע, אַ ווייסע, אַ דערשראָקענע. זיי האָבן געקוקט אויף איר סאַי מיט פּאַרדרוס און סאַי מיט דרך־ארץ. וואָלף האָט אַז עפּן געטאָן דאָס מויל אויף איר אָנצובילן, די אַנדערע האָבן אים איינגעהאַלטן. ער האָט אָפּגעמאָסטן מיין מוטער מיט שנאה. איך האָב שוין דאַמאָלס געלערנט חומש, אפשר אויך גמרא. איך האָב געוואוסט ווער וואָלף איז: ער איז דאָס ערב־רב. די מלחמה צווישן אים און מיין מוטער האָט זיך נאָך געצויגן פון משה רבנו׳ס צייטן...

און וואָס איז מיט משיח׳ן? ער קאָן קומען בלויז אין צוויי פאַלן: ווען מיין מאַמע זאָל ווערן ווי וואָלף קוילנהענדלער אָדער וואָלף קוילנהענדלער — ווי מיין מאַמע...

# 43

# אַ ייִנגל
# אַ פילאָזאָף

מיט מיין טאַטן האָט מיין ברודער ישראל יהושע נישט געקאָנט פירן קיין וויכוחים. אויף אַלע אויפגעקלערטע רייד האָט דער טאַטע געהאַט איין ענטפער:

—שייגאַץ! פּושע ישראל!

אָבער מיט מיין מוטער האָט מיין ברודער אָפט פאַרפירט לאַנגע שמועסן. גאַרנישט זעלטן האָט מען גערעדט וועגן מיר ווען איך בין געוועז דערביי.

— וואָס וועט פון אים אויסוואַקסן? — האָט מיין ברודער געפרעגט. — ער וועט חתונה האָבן און עפּענען אַ קרעמל, אָדער ווערן אַ מלמד. אָבער וויפיל קרעמלעך דאַרף מען האָבן? און וויפיל מלמדים? ס'איז שוין דאָ מער קרעמער וויפיל קונים און מער מלמדים ווי קינדער. טו אַ קוק, מאַמע, אין פענצטער, ווי יידן זעען־אויס: איינגעבויגן, פאַר'חושכ'ט. מ'לעבט אין שמוץ. זע ווי זיי גייען! זיי שאַרן מיט די פיס. זע ווי דאָס רעדט! מיר זעען אויס אין די אויגן פון דער וועלט ווי משוגעים. און ווי לאַנג מיינסטו וועלן די גוים דאָס דולדן? מ'קאָן נישט האָבן אַ שטיק אַזיע אין מיטן אייראָפּע.

— די גוים זענען אַלעמאָל געוועזן שונאי ישראל — האָט די מאַמע געזאָגט. — זאָלסט אפילו אָנטאָן דריי צילינדערס איינעם אויפ'ן אַנדערן, וועלן זיי פיינט האָבן דעם ייד, ווייל ער איז ביים אמת.

— וואָס פאַר אַן אמת? פון וואַנען ווייסט מען ווער ס'איז ביים אמת? ס'זענען דאָ צענדליקער רעליגיעס און יעדע רעליגיע האָט אירע נביאים און אירע הייליקע ביכער. האָסטו געהערט פון אַזאַ זאַך ווי בודיזם? בודאַ איז געוועזן נישט אַ סך נאָך משה רבנו. ס'זענען אויך דאָ וועגן אים אַלערליי נסים.

מיין מוטער האָט זיך פאַרקרימט ווי פון אַ זויערן טעם אין מויל.

— טויזנט מאָל להבדיל! פע! דו פאַרגלייכסט עפּעס אַ עבודה־זרה'ניק צו משה רבנו! וויי און ווינד צו מיינע יאָרן! וואָס איך האָב דערלעבט!

— מאַמע, לאָז צו דיר רעדן. בודאַ איז נישט געוועזן קיין געצנדינער,

נאר א טיפער דענקער. ער האט געזאגט זאכן וואס מען געפינט ביי די נביאים. נו, און קאנפוציוס —

— כ'וויל נישט הערן! דערמאן נישט די דאזיקע טמאים צוזאמען מיט אונזערע גרויסע לייט. יענער שלימויז איז געווען אין אינדיע, כ'געדענק פון שבילי עולם, און דארט פארברענט מען אלמנות. אז טאטע־מאמע ווערן אלט, שעכט מען זיי און מ'מאכט א סעודה —

— דאס איז נישט אין אינדיע.

— וואס איז דער חילוק? זיי זענען אלע ווילדע חיות. א קו איז ביי זיי א געץ. די כינעזער ווידער, אז ס'ווערט ביי זיי געבוירן צופיל מיידלעך, ווארפט מען זיי ארויס אין מיסט. בלויז מיר, יידן, גלויבן אין אחדות. אלע איבעריקע דינען העלצער, שלאנגען, ממזרים, כל'ע שווארץ־יאר. זיי זענען אלע רוצחים. זיי זאגן, אז מ'דארף אונטערשטעלן די צווייטע באק און זיי קוילן זיך און טוען־אפ אלדאס בייז. פארגלייכסטו זיי צו אונז?

— ווען מיר, מאמע, זאלן האבן א לאנד, וואלטן מיר אויך געפירט מלחמות. דוד המלך איז גארנישט געווען אזא בעל־רחמנות — —

— שוויג! ווי רעדסטו? זאל דיר דער אויבערשטער מוחל זיין! אל תגעו במשיחי (רירט נישט אן אונזער געזאלבטן). דוד און שלמה זענען ביידע געווען נביאים. די גמרא זאגט, אז ווער ס'האלט אז דוד האט גע־זינדיקט, איז זיך טועה —

— כ'ווייס וואס די גמרא זאגט. אבער וואס האט ער געטאן מיט בת־שבע'ן?

מיין מוטער'ס נאמען איז געווען בת־שבע, און יעדעס מאל וואס איך האב געהערט וועגן דוד'ן און בת־שבע'ן, האב איך געהאט אן אומאנ־גענעם געפיל, אשטייגער ווי מיין מוטער וואלט געווען א טייל פון יענער פארצייטיקער אינטריגע. ביי מיין מוטער האט אנגעהויבן פלאמען דאס פנים.

— שוויג שוין בעסער! דו לייענסט דיך אן מיט די נארישע ביכלעך און זאגסט זיי נאך. דוד מלך ישראל חי וקים, און די טריפה'נע ביכער טויגן אפילו נישט אויף אשר־יצר פאפיר. ווער זענען די שרייבערס? לאבוזעס, געמיינע יונגען, לצים. פאר א פאר גראשן זענען זיי גרייט צו פארקויפן דעם טאטן און די מאמען! די אלע ראמאנען זענען פול מיט ניבול־פה און פאסקודסטווא.

— אויב ליטעראטור איז ביי דיר פאסקודסטווא, האב איך נישט וואס צו רעדן — האט מיין ברודער גע'טענה'ט.

— וואס דען איז דאס? וואס לערנט מען זיך דארט אויס? יאגן זיך נאך פרעמדע ווייבער. רוצחים און זונות זענען ביי זיי די שענסטע מענטשן. כ'קוק אויך אריין. כ'ווייס. נאר מ'לויפט אויף דועלן. זיי ווילן אפטאן אלדאס בייז און נאך האבן א גוטן נאמען פאר א צולאג...

אַט אַזוי האָט מײַן מוטער מיט אַ פּאָר ווערטער געמאַכט אַש־און־פּאַרעך פון דער גאַנצער אייראָפּעאישער קולטור. ס'איז נישט געווען לײַכט איר אָפּצוענטפערן. זי איז געווען שאַרף ווי אַ מעסער און די לאָגיק אירע האָט אָנגעריידט דעם מאַמע עיקר. זי האָט געקאַנט אויך. ס'האָט זיך גע־וואַלגערט בײַ אונז אין שטוב אַ דיקע אַנטאָלאָגיע פון דער דײַטשער פּאָעזיע. ווי אַזוי די מאַמע האָט זיך אויסגעלערנט לייענען די גאָטישע שריפט, איז פאַר מיר אַ רעטעניש. אָבער זי האָט געהאַט געלייענט געטהע'ן, היינע'ן און די אַלע אַנדערע דײַטשע פּאָעטן. מײַן מוטער האָט אויך געבלעטערט און געכאַפּט אַ לייען אין די העברעאישע און יידישע ביכער וואָס מײַן ברודער האָט געבראַכט. ווען אַ שרייבער איז איר געפעלן, פלעגט זי זאָגן:

— ער איז אַ גרויסער פּאַסקודניק, אָבער ער קאָן די מלאכה.

ווענן אַן אַנדערן האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— ער בעבעט...

און איך טראַכט און געדענק, אַז די מיינונגען אירע זענען געווען ריכטיקע. ס'קאָן אויסקומען אומגלויבלעך, נאָר ווען מײַן ברודער האָט געבראַכט אַהיים אַ בוך פון דוד בערגעלסאָנ'ען און די מאַמע האָט דערין אַ לייען געטאָן, האָט זי זיך אָנגערופן:

— ער מאַכט נאָך יענעם פון די קאַלטע מדינות...

דאָס האָט די מאַמע שוין געהאַט געלייענט קנוט האַמסונ'ען. איך פאַרלויף אפשר אביסל די צייט, אָבער איך געדענק גענוי דעם פאַקט. איך געדענק אויך ווי מײַן ברודער'ס פּנים האָט אויפגעלויכטן און ער האָט געזאָגט:

— אַזוי זאָגן דאָך די קריטיקער.

קיין דאַטן קאָן איך דאָ נישט אָנגעבן. ווייזט אויס, אַז די מאַמע האָט שוין געהאַט געלייענט „וויקטאָריע" אָדער „הונגער".

איך האָב מיך צוגעהערט צו די דיסקוסיעס מיט אָפענע אויערן. גע־האַלטן האָב איך שוין באַצייטנס מיט'ן ברודער. איך האָב נישט געוואָלט זײַן קיין קרעמערל און קיין מלמד און האָבן „אַ פאַרשמאַדערטע יידענע מיט אַ טוץ ווערים", ווי מײַן ברודער האָט אָפּגעשילדערט מײַן צוקונפט. איין מאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ס'וואָלט געווען בעסער ווען מ'מאַכט אים פאַר אַ בעל־מלאכה.

— ער'ט מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף זײַן אַ רב, נישט אַ בעל־מלאכה. ער געראָט אַרײַן אין זיידן.

— וואו וועט ער זײַן רב? מ'האָקט שוין פאַר אים אַ וואַלד... וואו מ'גייט און מ'שטייט, קריכן אַרום רבנים. וואָס דאַרפן עפּעס יידן אַזויפיל רבנים?

— און וואָס דאַרף מען אַזויפיל בעל־מלאכה'ס? ווי אַרעם אַ רב זאָל נישט זײַן, גייט אים נאָך בעסער פון אַ שוסטער.

— זאָלן זיך נאָך די אַרבעטער פּאַראַייניקן!

— זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט פאַראייניקן. איינער וויל אַרויסרייסן ביים אַנדערן דעם ביסן. ווען אַלע זעלנער ווילן נישט גיין אין מלחמה, וואָלט נישט געווען קאַ׳ מלחמה, אָבער זיי גייען און ווערן גע׳הרג׳עט. פּאַרוואָס פאַראייניקן ז י י זיך נישט?

— דערצו וועט נאָך אויך קומען.

— ווען? מ׳פאַרגיסט אומזיסט בלוט. יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג איז אַ טועכץ מיט׳ן טערק. זיי זענען רשעים, — דאָס איז דער אמת! ס׳איז נישטאָ קאַ׳ מנוחה אויף דער וועלט און כ׳האָב מורא אַז ס׳וועט קיינמאָל נישט זיין קאַ׳ מנוחה. מנוחה קאָן מען נאָר האָבן אויף יענער וועלט, אויב מ׳פאַרדינט...

— איי, מאַמע, ביזטו אַ פּעסימיסטין!

— וואַרט, די יויך לויפט מיר אויס!...

מיט וויפיל אַזוינע וכוחים האָב איך זיך אָנגעהערט! יעדער צד איז געווען אומגעהייער שטאַרק אין מאַכן צונישט דעם אַנדערן, אָבער ווען ס׳איז געקומען צו דעם יאָ, האָט יעדער צד זיך פּאַרלאָזט אויף ווערטער, אַנגענומענע זאַכן, וואָס מ׳האָט ליכט געקאָנט אָפּפרעגן. איך האָב געשוויגן, אָבער איך האָב געהאַט מיין מיינונג. אמת, די גוים דינען די עבודה זרה, אָבער דוד המלך האָט דאָך פאַרט געזינדיקט... און ווען יידן זענען געווען ביי זיך אין לאַנד, האָבן זיי אויך גע׳הרג׳עט... און ס׳איז דאָך פאַרט ריכטיק, אַז יעדע רעליגיע האָט אירע נביאים, און פון וואַנען קאָן מען וויסן ווער ס׳האָט טאַקע גערעדט מיט גאָט?... אויף די דאָזיקע קשיות האָט די מאַמע נישט געענטפערט און, אַפנים, נישט געקאָנט ענטפערן...

— וואָס פאַרא פאַך וואָלסטו געוואָלט דיך אויסלערנען? — האָט מיין ברודער מיך געפרעגט. — אַ גראַווירער געפעלט דיר? מ׳קריצט אויס אותיות אויף מעש און קופּער.

— יאָ.

— אפשר גאָר אַ זייגערמאַכער?

— דאָס איז שווער.

— מ׳לערנט זיך אויס. אָדער אפשר וואָלסטו געוואָלט שטודירן און ווערן אַ דאָקטאָר?

— לאָז אים געמאָך. וואָס וויסן די דאָקטוירים? זיי נעמען צו אומזיסט ס׳געלט. יידן וועלן בלייבן יידן און וועלן דאַרפן רבנים.

— אין דייטשלאַנד אַ ראַבינער גייט אין אוניווערזיטעט! — האָט מיין ברודער געזאָגט מיט אַ סאָרט שטאָלץ.

— כ׳האָב זיי געזען יענע רע בנים — האָט מיין מוטער געמאַכט אַ באַקאַנטן וואָרט־שפּיל. — אַז זיי עסן מילכיקס נאָך פליישיקס, קאָנען

זיי נאָך האָבן אַ תירוץ. אָבער וואָס טוען זיי מיט דעם „פּאת זקנם לא יגלחו״? דאָס שטייט דאָך שוין אין דער תורה! וואָס'ערע רבנים זענען זיי, אַז זיי האַלטן נישט די תורה?

— זיי גאָלן מיט אַ סם.

— וואָס שעמען זיי זיך מיט דער באָרד? זיי ווילן אויסזען ווי די גויים... אויב די רבנים זענען אַזוי, קאָן איך מיר שוין אויסמאָלן די באַלעבאַטים.

מיט אַמאָל איז אַריינגעקומען דער טאַטע פון בית־דין־שטוב.

— זאָל שוין זיין אַ סוף צו די וכוחים! — האָט ער געטאָן אַ רוף.

— כ'וויל וויסן איין זאַך: ווער האָט פּאַרט באַשאַפן די וועלט? זיי זעען בלויז דעם גוף און מיינען אַז ס'איז מער נישטאָ. ס'איז דאָ, ס'איז דאָ. דער גוף איז נישט מער ווי אַ כּלי. אַז די נשמה גייט אַרויס, איז דער גוף ווי אַ שטיק האָלץ. זיי פּרעסן און זויפן און טוען אַלדאָס בייז. דערנאָך וואַלגערט זיך נעבעך די נשמה אין כּף הקלע. זי זעט שוין דעם אמת, נאָר ס'איז צו־שפּעט. ס'באַהעפטן זיך צו איר די קליפּות און דער צער איז גאָר אָן אַ שיעור. זי וויל נעבעך אָנקומען אין גיהנום, אָבער מ'לאָזט זי נישט. די וועלט איז פול מיט גלגולים! — האָט דער טאַטע געטאָן אַ גע־שריי. — אַז די נשמה קומט אַרויף אומריין, שיקט מען זי אַראָפּ, זי זאָל זיך ווידער לייטערן. טיילמאָל ווערט זי מגולגל אין אַ וואָרעם אָדער אַ שרץ און דער צער דערפון איז גרויס.

— לויט דיר, טאַטע, קומט אויס אַז גאָט איז אַ רוצח.

— שייגאָץ! פּושע ישראל... גאָט האָט ליב דעם מענטש, אָבער אַז ער פירט זיך שלעכט, מוז מען אים רייניקן.

— פון וואַנען זאָל וויסן אַ בינעזער אין בינע, אַז ס'איז דאָ אַ תורה?

— וואָס גייט דיך אָן בינע? ד ו ווייסט!... ס'דאַרפן זיין גויים אויך, און בהמות און פליגן און מיקז... כ'עפן אַ ספר און זע אַ מילבעלע, קלענער פון אַ פּינטעלע, און ס'גייט און האָט אַלע אברים. דערפון אַליין זעט מען די נפלאות הבורא. זאָלן זיך צונויפקומען אַלע פּראָפעסאָרן פון דער וועלט און זיי וועלן נישט קאָנען באַשאַפן קאַ' מילב.

— וואָס זשע איז דערפון געדרונגען?

ווען דער טאַטע איז אַוועק און די מאַמע איז אַראָפּ עפּעס קויפן אין קרעמל, האָב איך געפרעגט מיין ברודער:

— ווער האָט טאָקע באַשאַפן די מילב?

— די נאַטור.

— און ווער האָט באַשאַפן די נאַטור?

— און ווער האָט באַשאַפן גאָט? — האָט מיין ברודער צוריקגע־פרעגט. — עפּעס האָט געמוזט זיין פון זיך אַליין. דערפון האָט זיך שפּע־טער אַלץ אַנטוויקלט... די זון האָט געשיינט און פון איר ענערגיע האָבן זיך געשאַפן ביי די ברעגן פון ים די ערשטע באַקטעריעס. ס'זענען גראָד

געווען גינציקע באַדינגונגען. די באַשעפענישן האָבן געקעמפט צווישן זיך און די שטאַרקערע זענען געבליבן לעבן — — די באַקטעריען האָבן זיך צונויפגעלייגט אין קאָלאָניעס און ס׳איז אַנטשטאַנען אַ פונאַנדער־טיילונג פון די פאַרשידענע פונקציעס — — מ׳מוז דאָך סאַי ווי אָנ־נעמען אַז עפּעס איז געווען פון זיך אַליין, — היינט פאַרוואָס נישט זאָגן אַז ס׳איז די נאַטור?

— אָבער פון וואַנען האָט זיך עס פאַרט גענומען?

— ס׳איז געווען פון אייביק אויף. מ׳קאָן נישט וויסן. אָבער איין זאַך איז זיכער: אַז מ׳מוז נישט לייגן רבנו תמ׳ס תפילין. ס׳איז אַלץ אויסגעטראַכט. יעדעס פאָלק האָט זיינע צערעמאָניעס... איין רב איז אַרויס מיט אַ מעשה אַז מ׳טאָר נישט משתין זיין אין שניי, ווייל דאָס הייסט געאַקערט...

איך האָב אין די שפּעטערע יאָרן געלייענט אַ היפּש ביסל פילאָזאָפישע ווערק און אויך אַלערליי ביכער וועגן קולטור־געשיכטע, געשיכטע פון רעליגיע, אָבער איך מעג זאָגן אַז די וויכטיקסטע אַרגומענטן פאַר און קעגן רעליגיע האָב איך געהערט ביי אונדז אין קיך. דאָרט זענען געוואָרן דורכגעדראָשן די שווערסטע פּראָבלעמען, יענע ווידערשפּרוכן און פּאַראַ־דאָקסן פון מענטשלעכן געדאַנק, וואָס מיט זיי האָבן זיך באַשעפטיקט אַלע גרויסע מוחות, פון סאָקראַטעס׳ן ביז בערגסאָנ׳ען. אויך האָב איך זיך דאָרט אָנגעהערט מיט די מערסטע פאַקטן, מיט וועלכע ס׳באַשעפטיקן זיך די פּסיכישע פאָרשער.

נאָך אַזוינע ערנסטע שמועסן פלעג איך אַראָפּגיין אין הויף און ווידער זיך שפּילן ווי אַ יינגל. אָבער אַזוי ווי איך האָב מיך געשפּילט אין יאָגעלער, אין באַהעלטעניש, אין גנבים, באַנדיטן, — אַזוי האָט די פאַנטאַזיע מיינע געאַרבעט. וואָס וואָלט געווען ווען איך געפין אַ וואַסערל אַזאַ וואָס ווען מען טרינקט עס, ווערט מען קלוג און מען ווייסט אַלע סודות? וואָס וואָלט געווען ווען אליהו הנביא אַנטפּלעקט זיך צו מיר און לערנט מיך אויס די זיבן חכמות? און ווען איך קריג אַ שפּאַקטיוו אַזאַ, וואָס דורך אים קאָן מען זען וואָס ס׳טוט זיך אין הימל! איך האָב געטראַכט אַנדערע געדאַנקען פון די אַנדערע יינגלעך און דאָס האָט מיך געמאַכט סאַי שטאָלץ און סאַי איינזאַם. הינטער אַלע רעיונות האָט אַלעמאָל געלויערט די פראַ־גע: וואָס דאַרף איך טאָן? וואָס איז דער ריכטיקער וועג? פאַרוואָס שווייגט גאָט אין די זיבן הימלען?

איך געדענק, אַז איין מאָל איז אַ ייִד צו מיר צוגעקומען און מיר גע־זאָגט?

— וואָס ביזטו אַזוי צע׳חוש׳ט? האָסט מורא אַז דער הימל וועט אַראָפּפאַלן?...

יאָ, איך בין געווען סאַי אַ פילאָזאָף און סאַי אַ יינגל. איך האָב מיך געשפּילט מיט נאַרישע יינגלעך און זיך געגריבלט אין די אייביקע פראַגן.

יעקב גלאַטשטיין

# אַ ייִד פֿון לובלין

ציקאָ פֿאַרלאַג
ניו־יאָרק

ניו־יאָרק, נ. י.
1966



## אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון אַן אינטעלעקט

א.

ווי שפּעט ס'איז געווען ווייס איך נישט,
קיין זייגער־צייט האָב איך נאָך נישט געקענט.
כ'ווייס נאָר, כ'בין געלעגן אין וויִגל,
אַנטקעגן מיר האָט אַ ליכטיקייט געברענט.

מײַנע פּיס האָבן פֿון וואַקסן געשטאָכן,
דאָס ווענטל פֿון וויגל איז געוואָרן ענג.
כ'האָב זיך געצויגן, געצויגן,
מיט כּוח איבער דער גאַנצער לענג.

דער טאַטע האָט מיך אײַנגעוויגט
און דעם סוף פֿון אַ וויגליד געציקלט.
די טויב־שטומע דינסט האָט מיטן לעצטן גלעט,
מיך אויף טרוקן איבערגעוויקלט.

דער טאַטע האָט זיך דאַוונען געשטעלט,
איך בין געלעגן און געלאַכט.
דער טאַטע האָט נעבעך נישט געוואוסט,
אַז כ'בין שוין, ווײַל כ'האָב שוין געטראַכט.

כ'האָב אויפֿן טאַטן געקוקט מיט שפּאָט.
כ'האָב שוין דעמאָלט, אַ געוויקלטער,
נישט געגלייבט אין גאָט.

ב.

כ'בין געווען אַ טראַכטעריש קינד אין וויגל.
אין וויסן האָב איך געקאָנט גיין אין געוועט

98

מיט יעדער איינעם. ס׳לשון איז מיר נאָך געווען מיט שפּייעכץ געשלאָגן.
מיט דער שטומער דינסט האָב איך זיך גוט צוזאַמענגערעדט.

מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען,
זי האָט געכאַפּט מיין יעדער ריר.
כ׳האָב שוין מיט מיין נעץ זיך גענומען שעמען.
זי האָט געריייניקט מיין יעדער פאַרשמיר.

איר וועט נישט גלייבן ?
דער מוח מיינער האָט זיך שוין געבריה׳ט מיט פּראָבלעמען.

ג.

אַז מען שמועסט געניאַל !
כ׳האָב שוין געכאַפּט
דעם גאַנצן רעגנבויגן פון אַ שטראַל.
כ׳וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד,
בעת מיין טאַטע איז געווען פאַרנומען מיט גאָט,
האָב איך בגנבה געלייענט
אי שווערע, אי פאַרבאָטענע ביכער,
כ׳האָב געשלונגען, כ׳האָב נישט געהאַט קיין צייט צו וואַרטן.

כ׳האָב זיך געוואָרפן,
פון דעקאַרטן — צו „מזל סרטן״.
כ׳האָב זיך געשטאָפּט מיט סעקס און וויסן.
מיט היץ האָב איך די קליידער
פון דער שטומער דינסט געריסן.

ד.

איר וועט נישט גלייבן ?
ווי נאָר כ׳האָב אָנגעהויבן ריידן
האָב איך כמעט אַזוי גערעדט :



עטלעכע ביליאָן יאָר און זייער פאַרלאָף —
זענען פאַר מיר גענוג אייביקייט,
פון ביידע זייטן — פון אָנהייב און סוף.
עטלעכע טריליאָן פּלאַנעטן און שטערן,
זענען פאַר מיר גענוג אַרבעט,
אויפצוקלייבן, אויפצוקלערן,
צאָלן שווערן צינז
צו די קרישקעס — אויסגעפינס.

איך אַליין — אַן אַריינגעבוירן מאַשינדל,
בין פּלוצים אַרוים פון וויגל,
וואו כ׳האָב זיך געוואָרעמט און געלעגן
ווי אַן אויסגעפּיקט הינדל,
און שוין גענומען אַלץ באַפרעגן —
— מיט פאַרטיקע תירוצים.

כ׳האָב גענומען ברייען,
כ׳האָב אויסגעטראַכט לאָגישערייען,
פיזיאָלאָגישע, ביאָלאָגישע, פּסיכאָלאָגישע,
און אַרומגענומען דעם אַל,
מיט אַ שטריק פון צופאַל.

וואָס איז אַזוי בלינדלעך,
פינקטלעך אַרויפגעפאַלן,
צוגעפאַלן,
און צופאַלנדיק באַשאַפן
און געשאַפן,
פון סאַמע ערשטן אות,
פון ערשטע שטאַמלענדיקע טראַפּן
דעם גאַנצן קאָסמאָס ;
און די קאַץ, די מויז,
דעם טיגער, דעם לייב, די לאַם,

99

דאָס פּינטעלע בוך-לויז.
די אייזערנע ראָם
פֿאַר אַלץ איז געווען
און געוואָרן,
זאַג-זשע, וויסנשאַפֿטלעך אינגעלע —
צופֿאַל, בלינדער געשען,
און ביליאָנען צייטן און ליכט-יאָרן.

## עפּילאָג

איז האַלטן מיר ביי דער לבֿנה, אָט-אָט.
נאָך אַ טראָט, נאָך אַ טראָט.
איך האָצקע פֿאַרן צופֿאַל
מיט געצנדינערישער קראַפֿט.
לייען איך אויף צוריק, און מיך שרעקט
די ביאָגראַפֿיע פֿון מיין אינטעלעקט.

כ'האָב מורא זיך צו זען אין שפּיגל,
צי ליג איך נישט נאָך אין וויגל
און באַזייך זיך מיט וויסנשאַפֿט.

אפשר וואָלט שכל'דיקער געווען,
כ'זאָל זיך אַריינכאַפּן אין אַ שטיבל, אַ חבדיש,
און מיט אַן עדה ייִדן
דאַווענען, זאָגן קדיש.

סוף